STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09745

NEKOME

Leo Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָ קאַץ

נקמה

(ראָמאַן)

לי נקם ושלם לעת תמוט רגלם.
(דברים לב, 35.)

פאַרלאַג
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-פאַרבאַנד (איקוף)
ניו־יאָרק :: :: 1946

איבערגעזעצט לויטן דייטשישן אָריגינאַל
אונטערן נאָמען „טאָטען־יעגער"
פון י. ס.

דאָס בוך איז אויך דערשינען אין שפּאַניש
אין פאַרלאַג „פוטוראָ", בוענאָס איירעס

געזעצט פון י. בוראַקאָוו אין דער דרוקעריי פון
דער יידישער פאָלקס־ליגע אין מעקסיקע

Hecho en México. Printed in Mexico

.1

הגם דער ניי־באַשטימטער אונטערפּרעפעקט קאַרל באַרבאַרעסקו איז נאָך געווען, פאַרהעלטניסמעסיק, אַ יונגער מאַן, קוים 33 יאָר אַלט, האָט ער אָבער שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע פאַרגאַנגענהייט. אַלס 25־יאָריקער סטודענט האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ געשלעג, אין אַ בוקאַרעשטער באַר־דעל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז דער אוניווערסיטעט האָט אים געהייסן אַליין אָפּטראָגן זיך, אויב ער וויל ניט אויסגעשלאָסן ווערן. נאָך אַ פּועל־יוצא פון דעם געשלעג אין דעם באָרדעל איז געווען זעקס חדשים אין שפּיטאָל, וואו ער האָט זיך דערהאָלט פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען. ער האָט באַשלאָסן ניט צו מאַכן קיין פאַרזוך אַריינצו־טרעטן אין אַן אַנדער אוניווערסיטעט און האָט דעמאָלט, — ס׳איז געווען סוף 1925, — געגרינדעט די פּאַטערלענדישע אָרגאַניזאַציע „ערץ ענגעל מיכאַאיל”. ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז יעדער וואָלקן האָט אויך זיין זילבערנעם אונטערשלאַק. די איבערגעבליבענע מעסער־שניטן אויפן פּנים זיינען אים איצט צוניץ געקומען. די וואונדן, הייסט עס, האָט ער באַ־קומען אין קאַמף קעגן די יידן. און ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער מאַר־טירער. די אָרגאַניזאַציע האָט שנעל גענומען וואַקסן און האָט זיך אויס־געשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

ווי עס פּאַסירט אין דער וועלט, האָבן זיך באַלד געפונען בעלי־מקנא, וואָס האָבן אים ניט פאַרגונען זיין דערפאָלג. ער האָט ניט באַוויזן צו דער־גרייכן דעם שפּיץ פון „ערץ ענגעל מיכאַאיל”, אָבער זיין פּאָזיציע אין מאַ־טעריעלער און מאָראַלישער הינזיכט איז געווען געזיכערט. די אָרגאַניזאַציע איז געשטיצט געוואָרן פון דער רעגירונג און איז געווען פינאַנסירט מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען און באַהויפּטעט — ווער האָט דאָס דען געקאָנט אָדער געוואָלט קאָנטראָלירן? — אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אַרויסגעוואָרפן 63 יידן פון אַ לויפנדיקן צוג. ווען די מינכענער ביוראָ פון דער דייטשישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אין 1931 איינגעלאַדן צען נאַציאָנאַלע קעמפער פון רומעניע אין איר שול פאַר ראַסן־פאָרשונג און יידישע ענינים, וואָס זי האָט געגרינדעט, איז ער געווען איינער פון די צען.

אָנהויב דעצעמבער 1932, האָט ער זיך אומגעקערט קיין רומעניע מיט אַ דיפּלאָם, אונטערגעשריבן פון דעם טעאָרעטיקער פון דער נאַצי־פּאַרטיי, אַלפרעד ראָזענבערג, וואָס האָט אים געגעבן סמיכה אויף אַ ראַסן־ און יידן־

ספעציאַליסט. דורך אַ צופאַל איז ער אויפן וועג פאַרבליבן אַ פּאָר טעג אין טשערנאָוויץ. און דאָ איז עס געשען. אויף אַן אָפּיצערן־באַל אין דער טשערנאָוויצער מיליטער־קאַסינאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער שיינער, שוואַרץ־אויגיקער סילוויאַ ראַדיאַנו. דעם נעקסטן טאָג נאָכמיטאָג, יוען זיי האָבן ביידע שפּאַצירט אין דעם שיינעם טשערנאָוויצער פאָלקס־פּאַרק, האָט ער זיך דערקלערט איר אין ליבע. די צייט פון אומשולד האָט ער שוין לאַנג געהאַט הינטער זיך. ער האָט איר דערציילט וועגן זיינע אַוואַנטורעס, זיינע מעשים און דערפאַלגן, און געזאָגט: „מיין ליבע צו אייך איז טיף פאַרוואָרצלט אין מיין ראַסן־דערקענטעניש. היינט ווייס איך וואָס עס איז עכטע ראַסע און וואָס איז פעלשונג. איך פיל עס. איר זייט מיין באַשערטע.‟

דער פריילין סילוויאַ, וועלכע איז אין טשערנאָוויץ געווען באַקאַנט אַלס די אָפּיצערן־מיידל, איז דער 33־יאָריקער מאַן געפעלן געוואָרן. ביז איצט איז זי געשטאַנען הויך אין ראַנג, האָט געהאַט צו טאָן נאָר מיט גענעראַלן, און דער יינגסטער פון אירע פריינט איז געווען אַ זעכציקער. מיט יונגע אָפּיצערן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, האָט זי ניט געוואָלט זיך אַריינלאָזן. אָבער קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק שוין ביי דעם ערשטן טאַנץ. זי האָט אויפגענומען זיין ליבע־דערקלערונג רואיק און אים געענטפערט: „איך האָב שטענדיק געהאַט אַ סך אָפּשיי פאַר אידעאַליזם; און וואָלט איך ניט געהערט צום שוואַכן געשלעכט, וואָלט איך עפּעס געקאָנט אויפטאָן פאַר אונדזער פאָלק. אָבער מיט אידעאַליזם אַליין קאָן מען היינטיקע צייטן ניט לעבן. אַ מאַן, ווי איר, איז בלי־ספק באַרופן צו עטוואָס העכערס. אין דער אַרמיי קאָן מען זיך ערשט דערשלאָגן צו עטוואָס העכערס, ווען מען איז שוין אַ זקן. פאַרקערט, ווען איר זאָלט זיך פאַרבינדן מיט דער ציווילער אַדמיניסטראַציע, קאָנען מיר אויפטאָן אַ סך גרויס זאַכן.‟

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט דעם „מיר‟ ניט פאַרהערט. ער האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, — דער ערשטער קוש, — און געזאָגט:

— געליבטע, איך בין אינגאַנצן אין דיינע הענט. דו דאַרפסט נאָר וועלן, און איך בין גרייט.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זי אים געבראַכט די באַשטימונג פאַר אונטער־פּרעפעקט פון סערעט. קאַראָל באַרבאַרעסקו — ער האָט דאָס ניט געזאָגט — האָט געהאָפט אויף עטוואָס העכערס, אָבער ער האָט זיך גע־טראַכט: „יעדער אָנהויב איז שווער.‟ און אַזוי ווי סילוויאַ איז געווען מיט דעם צופרידן, איז ער אויך געווען.

אין אַ פּראַסטיקן דעצעמבער־טאָג פון 1932 איז ער, אין אַ שיינעם שליטן, אַריינגעפאָרן אין זיין קעניגרייך סערעט. ביי זיין רעכטער האַנט איז, ווי אַ קעניגין, געזעסן זיין סילוויאַ. חתונה געהאַט האָבן זיי נאָך ניט.

„פֿאַר דעם", האָט זי געזאָגט, „איז אַלעמאָל פֿאַראַן גענוג צייט. ווען מיר וועלן דאָס דערפֿירן צו אַ פּרעפֿעקט."

דער בירגערמייסטער, אייניקע פּני־העיר און פֿאַרטרעטער פֿון דער יידישער קהלה האָבן זיך געפֿונען אין דער געביידע פֿון דער אונטער־פּרעפֿעקטור זיי מקבל פּנים צו זיין. אין אַ רירנדיקער רעדע האָט דער בירגערמייסטער, דר. פּאַטראַש, אָנגעוויזן אויף דער געשיכטע פֿון סערעט.

— אַ קליינע שטאָט, — האָט ער געזאָגט, — איז סערעט, אָבער מיט אַ גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿון אייך, הער אונטערפּרעפֿעקט, דערוואַרט די באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט, אַז איר וועט דורכזעצן אין די הויכע מלוכה־אינסטאַנצן, אַז די היינט־פֿאַרגעסענע שטאָט זאָל ווידעראַמאָל קומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זי האָט זיך געפֿונען אונטער עסטרייך. אַז זי זאָל דערהויבן ווערן פֿון אַן אונטערפּרעפֿעקטור צו אַ פּרעפֿעקטור.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער בירגערמייסטער ווי גערעדט פֿון באַרבאַרעסקוס אייגענעם האַרצן אַרויס, ווי ער וואָלט געלייענט זיינע געהיימע געדאַנקען.

טיף גערירט, האָט באַרבאַרעסקו געענטפֿערט:

— אייערע ווערטער, הער בירגערמייסטער, זיינען פֿאַר מיר אַ דער־מונטערונג,ביים אָנהויב פֿון אַ נייער עראַ. זייט זיכער, אַז איך וועל טאָן אַלץ אין מיינע כּוחות ניט צו אַנטוישן אייער האָפֿענונג און די האָפֿענונג פֿון די בירגער פֿון שטאָט, וואָס איז פֿון אָט דעם אויגנבליק אויך מיין האָפֿענונג.

און אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער לעבנס־גאַנג פֿון קאַראָל באַרבאַרעסקו. זיין געהאַלט איז געווען 8000 לעי אַ חודש. פֿאַר סערעטער פֿאַרהעלטענישן אפֿשר ניט ווייניק, ווייל די וואוינונג און אויסשטאַטונג האָבן אים גאָרנישט געקאָסט. אָבער באַרבאַרעסקו האָט געוואָלט, אַז זיין געליבטע סילוויאַ זאָל זיין גליקלעך, און דער סאַמע באַשיידענער פּוטער־מאַנטל, וואָס דער פֿריינדין און צוקונפֿטיקער פֿרוי פֿון אַן אונטערפּרעפֿעקט און בלי־ספֿק פֿון אַ צוקונפֿטיקן פּרעפֿעקט האָט געפּאַסט צו טראָגן, האָט געקאָסט צום ווינציקסטן 40 טויזנט לעי.

אַלע זאָרגן אין לעבן איז לייכט בייצוקומען, ווען מען האָט ביי דער זייט אַ טרייע נשמה, מיט וועלכער מ'קאָן זיך האַלטן אַן עצה. סילוויאַ איז לכל הפּחות געווען אַ נשמה, מיט וועלכער מ'קאָן זיך האַלטן אַן עצה. זי האָט אים קיינמאָל ניט גערופֿן ביים ערשטן נאָמען. זי האָט דעם נאָמען קאַראָל איבערהויפּט ניט האָלד געהאַט — אַ נאָמען, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרצערטלען. זי האָט אים דעריבער גערופֿן איר „ערץ ענגעל". מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט זי אים, אַגב, אויך דערמאָנט וועגן זיין באַרימטער פֿאַרגאַנגענהייט.

דער „ערץ ענגעל" האָט קוים זעקס וואָכן געהאַט געהערשט אין זיין מלוכה סערעט, ווען די צייטונגען האָבן געבראַכט די נייס, אַז אין בערלין איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. אַדאָלף היטלער, וועמען ער האָט איינמאָל געזען פּנים אל פּנים אין דער שול אין מינכען, איז געוואָרן דער מאַכט־האָבער פון דייטשלאַנד. אַ באַזונדערן איינדרוק, לייענענדיק די נייס, האָט אויף אים געמאַכט דאָס וואָרט „אַריאַניזירונג". די יידישע קירזשנער פון סערעט האָבן אָנגענומען זיין פאָדערונג צו מאַכן פאַר זיין סילוויאַ אַ פוקסענעם מאַנטל אַלס מתנה, ניט מיט לייכטנדיקע פּנימער; און די יידישע סוחרים האָבן אים נותן ביד געווען 9000 לעי מיט אַ זויערער מינע. ווען ער האָט איצט פאַרגעלייענט פאַר סילוויאַן די נייס וועגן די געשעענישן אין דייטשלאַנד און האָט איר דערקלערט די באַדייטונג פון דעם וואָרט „אַריאַניזירונג" לויט דער תורה פון דער מינכענער נאַצי־אַקאַדעמיע פאַר ראַסן־פאָרשונג, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג אָן דעם דאָזיקן וואָרט.

— וואָס היטלער קאָן טאָן אין דייטשלאַנד, — האָט זי געזאָגט, — קאָנסטו, מיין ערץ ענגעל, טאָן אויך אין סערעט. לאָמיר אָנהויבן מיט דער אַריאַניזירונג. דער פוקסענער פוטער איז קבצנות. אַ פוקסענעם פוטער טראָגן איצט די פרויען פון שטייער־באַאַמטע און יעדע פּאָמעשט־פריילין. פאַר דיין ערץ־ענגעלין איז דאָס גאָרנישט. זיי דאַרפן זיך שעצן צופרידן און גליקלעך, די יידישע קירזשנער, ווען מיר וועלן אָננעמען פאַר ליב אַ פּערסישן פוטער. אָבער זאָלן זיי זיך ניט איינרעדן, די דאָזיקע שווינדלער, אַז זיי קאָנען מיר צוזאַמענשטופּעווען אַ פוטער פון אָפּפאַל. איך קען די קירזשנער צו גוט. דער פוטער מוז זיין פון די בעסטע נייע פעל. אחוץ דעם נויטיקן מיר זיך אין אַ שיינעם אויטאָמאָביל.

קאַראָל באַרבאַרעסקו, מיט דער פולער ווירדע פון אַן אונטערפּרעפעקט, האָט גענומען אַ מיטאָג־שפּאַציר אויף דעם רינגפּלאַץ אין סערעט. דער ווינטער־מאַנטל, וואָס דער שניידער בער לאַקער האָט אים אויפגענייט, וואָלט זיך אָנגעזען אפילו אויף דעם טשערנאָוויצער רינגפּלאַץ. די קאָלאַשן, וואָס דער גאַלאַנטעריי־געשעפט האָט אים צוגעשיקט, האָבן געגלאַנצט אין דעם פריש־געפאַלענעם שניי און האָבן געהויבן די ווירדע און דעם אָנזען פון קאַראָל באַרבאַרעסקו. מיט ביידע הענט פאַרשטעקט אויפן רוקן, האָט ער געשפּאַצירט איבערן רינגפּלאַץ, יעדער טראָט געמאָסטן, אין דער ריכטונג פון דעם פערד־מאַרק. עס איז געווען אַ געוויינלעכער מיטוואָך, ניט קיין מאַרק־טאָג. די סוחרים זיינען געשטאַנען אין רעדלעך לעבן די געשעפטן און האָבן געשמועסט און געמאַכט פּירושים וועגן דער נייס פון היטלערס זיג, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם „גלאַזול בוקאָווינע". דער אונטער־פּרעפעקט האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— שווערע צייטן פאַר יידן, — האָט ער געזאָגט.

הערמאַן זאַלצבערג האָט געפרעגט:

— גלויבט דער הער פּרעפעקט, אַז די נייס איז ריכטיק?

— ווען דאָס שרייבט דער „גלאַזול בוקאַווינע", — האָט באַרבאַרעסקו געזאָגט מיט פאַרוואורף, — איז דאָס ריכטיק. מערקט אייך איינס, מיינע הערן, רומענישע צייטונגען זאָגן שטענדיק דעם אמת.

אַן אומזיכערע שטים האָט געפרעגט:

— איז מעגלעך אַזאַ זאַך?

— זיכער. דאָס איז ערשט דער אָנהויב. — ער האָט דאָס געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, איבער־לאָזנדיק הינטער זיך די צעשראָקענע יידן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און צוגערופן מיט אַ וואונק הערמאַן זאַלצבערגן, און אים געזאָגט:

— אויב איר און אייערע פריינט ווילן מיך זען, וועל איך היינט אַכט אַזייגער אין אָוונט זיין צו אייער דינסט. טיילט דאָס אויך מיט דעם פּרעזידענט פון דער יידישער קהלה, הער אברהם פּראַגער.

די קירזשנער האָט ער אַפילו ניט גערופן אויף אַ באַראַטונג. ער האָט בלויז געלאָזט וויסן דעם חשובסטן צווישן זיי, שלמה פּעלצער, אַז ער זאָל אַרויפקומען צו אים דעם זעלבן נאָכמיטאָג; און ווען יענער איז געקומען, האָט ער אים געזאָגט:

— מיין כלה (אַזוי האָט ער גערופן פריילין סילוויאַ אין דער עפנט־לעכקייט) איז ניט פאַראינטערעסירט אין דעם פוקסענעם פוטער. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גוטן ווילן, אָבער איך וויל אייך שטאַרק בעטן, אַז איר זאָלט זיך ניט דרייען אַ קאָפּ מיט דער דאָזיקער מתנה (באַטאָנענדיק שטאַרק דאָס וואָרט דאָזיקע).

שלמה פּעלצער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק, און פאַר די לעצטע פופצן יאָר איז סערעט געווען רומעניש. ער האָט געוואוסט, אַז ווען אַ רומענישער באַאַמטער זאָגט זיך אָפּ פון אַ מתנה, איז דאָס אַ שלעכטער סימן.

— דער פוטער־מאַנטל איז שוין אין דער אַרבעט, הער פּרעפעקט, — האָט ער געזאָגט. — פּראַכטפולע פוקס, זעלטענע פוקס. אַ סחורה, וואָס מ'קאָן שוין היינטיקע צייטן כמעט ניט קריגן. איך גאַראַנטיר אייך, אַז אַ צווייטן אַזאַ פוטער קאָן מען ניט געפינען אין סערעט און אומגעגנט.

— ניין, איך קאָן אַזאַ קרבן פון אייך ניט אָננעמען. איבעריקס, איז דאָס אַן ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט מיין כלה. ווען איר קאָנט דאָס ביי איר פועלן, איז פאַרפאַלן. זייט אַזוי פריינטלעך און רעדט מיט איר.

און ער האָט געהייסן זיין סעקרעטאַר אַריינפירן שלמהן אין די צימערן פון זיין כלה. מיט אַ צען מינוט שפּעטער האָט שלמה אים געלאָזט וויסן,

מיט א שמייכל אויף די ליפּן און א טרויעריקער שטימע, אז עס איז אים געלונגען צו באוועגן זיין כלה אָנצונעמען א פּערסישן פוטער אַלס מתנה און אויסדרוק פון די גוטע וואונטשן פון די סערעטער קירזשנער. דער פוטער וועט צוגעשטעלט ווערן אין משך פון א וואָך. קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט געענטפערט:

— זי האָט א גוטע נשמה. זי איז א מענטש מיט דער האַרץ פון א מלאך און קאָן קיינעם ניט אָפּזאָגן א ביטע.

אין אָוונט, האָבן אין דעם אויפנאַמס־זאַל פון דער פּרעפעקטור זיך פאַרזאַמלט דער פּרעזידענט פון דער יידישער קהלה, אברהם פּראַגער, דער טוך־הענדלער הערמאַן זאַלצבערג, דער גאַלאַנטעריי־סוחר יעקב קלאָוזנער, דער באַלעבאָס פון דער פּעטראָלעאום־ראַפינעריי יאַנקל קראַפט, דער בשמים־הענדלער ברוך קליפּער, און דער ראַבינער דר. גרשן געלערטער.

דער אונטערפּרעפעקט איז געווען אין א זעלטענער גוטער שטימונג. ער האָט איינגעלאַדן זיינע געסט זיך זעצן אין די לעדערנע שטולן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש, וואָס די סערעטער יידן האָבן אים געגעבן א מתנה. פאַר יעדן איז געשטאַנען א טיי־גלאָז און אויפן מיטן טיש — א זידנדיקער סאַמאָוואַר.

— מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט, אַליין אָנגיסנדיק יעדן איינעם די טיי, — מיינע הערן, איך האָב אייך פאַרבעטן צו זיך, ווייל איך האָב דאָס געפיל, אז פאַר די יידן קומען אָן שווערע צייטן. ווי איר אַלע ווייסט, בין איך, ניט קיין אַנדערער, דער באַגרינדער פון „ערץ ענגעל מיכאיל". אָבער מיין צוזאַמענאַרבעט מיט אייך דאָ אין סערעט האָט מיר באַוויזן די יידן פון אַן אַנדער זייט. היינט ווייס איך, אַז די יידן, אונטער געוויסע באַדינגונגען און אומשטענדן, קאָנען אויך זיין גוטע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט דעם קעניג און אונדזער לאַנד.

די אָנצוהערעניש איז געווען א קלאָרע. לויט דעם רומענישן געזעץ איז די באַפעלקערונג געווען איינגעטיילט אין מלוכה־בירגער, אונטער־טאַנען און שטאַטסלאָזע. די יידן האָבן געהערט בלויז צו די לעצטע צוויי קאַטעגאָריעס.

ער האָט זיי געבעטן טרינקען טיי, האָט גערעדט וועגן דעם עקאָנאָמישן אויפשטייג פון לאַנד, האָט זיך אונטערבראָכן און געוואַרט אויף א וואָרט פון די יידן.

דער ראַבינער האָט ענדלעך באַמערקט:

— פאַר אונדז יידן גילט דער פאַרשריפט פון תלמוד: טו שטענדיק תפילה פאַר דעם וואוילזיין פון דער רעגירונג און דעם לאַנד, אין וועלכן דו לעבסט.

— די צייטן, מיינע הערן, האָבן זיך געענדערט, — האָט געענטפערט

דער אונטערפּרעפּעקט. — זיך צו באַרופן איצט אויפן תּלמוד, איז מער התחייבות ווי אַ געווינס. איך האָב זינט היינט אינדערפרי אַ סך נאָכ־געטראַכט וועגן דער לאַגע פון די יידן. קיינמאָל פריער האָבן די יידן זיך אַזוי שטאַרק ניט געניויטיקט אין שוץ, ווי אין דעם איצטיקן מאָמענט. דער־ביי האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דער מלאך מיכאל איז אורשפּרינגלעך געווען אַ יידישער מלאך, דאָס הייסט, אין אַ געוויסער מאָס, אַ מלאך הגואל פון די יידן. און איך פאַרזיכער אייך, מיינע הערן, אַז איך, אַלס דער באַ־גרינדער פון „ערץ ענגעל מיכאיל" דאָ אין לאַנד — צוליב מיין פּאָליטישן אַמט אַלס העכסטער באַאַמטער פון דעם היגן קרייז, בין איך מער ניט אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע — וועל זיין דער מלאך הגואל פון די היגע יידן. פון איצט אָן בין איך אייער מלאך מיכאל.

וואוהין צילט ער? — האָט געטראַכט דער ראַבינער. אברהם פּראַגער און די סוחרים האָבן זיך ניט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע. זיי האָבן גאַנץ גענוי געוואוסט וואוהין ער צילט. און ווען דער ראַבינער האָט געזאָגט: „די ברכה פון אונדזערע אָבות זאָל קומען אויף אייער קאָפּ, הער אונטער־פּרעפּעקט", — האָבן זיי אַלע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס היטלער וויל, מיינע הערן, איז די אַזוי־גערופענע אַריאַניזירונג. ווייסט איר וואָס דאָס איז? איבערגעבן אַלע יידישע עשירות אין ניט־יידישע הענט. איך גיב אָפּן צו, אַז פאַר אַ לאַנד, ווי רומעניע, וואָלט אַזאַ מאַסרעגל געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווייל די יידישע אונטערטאַנען זיינען פאַר אונדז, פאַר אונדזער ווירטשאַפט, באַזונדערס אין סערעט, פון דער גרעסטער באַדייטונג. אָבער דער דייטשישער דרוק אויף אונדזער רעגירונג וועט וואַקסן. איך ווייס, מיינע הערן, און איר ווייסט דאָס פּונקט אַזוי גוט, אַז די גרעסטע טייל פון אונדזערע חזירים און תבואה ווערט עקס־פּאָרטירט קיין דייטשלאַנד. איז וואָס קאָן מען מאַכן? מיר מוזן אָננעמען שוץ־מיטלען. מיר מוזן פאַרלויפן דעם וועג פון דער אַריאַניזירונג דורך אַ באַזונדערער סערעטער אַריאַניזירונג. נאָך אַ גלאָז טיי, מיינע הערן?

די פאַרשטיינערטע פּנימער האָבן געקוקט שווייגנדיק. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געהאַט צוגערירט צו זיין גלאָז. קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט געוואַרט, אַז זיי זאָלן וואָס זאָגן, זיי האָבן אָבער געשוויגן.

— . . . עס האַנדלט זיך וועגן אייער עקזיסטענץ, וועגן דער צוקונפט פון אייערע קינדער, מיינע הערן. איר ווייסט, מיינע הערשאַפטן, אַז לויט דעם נייעם געזעץ פון יאָר 1930 ווערט יידן ניט געגעבן קיין מלוכה־בירגער־שאַפט אין די נייע געביטן, אין בוקאָווינע, בעסאַראַביע, און טראַנסילוואַניע. יעדער ייד קאָן לויט דעם אורטייל פון דעם פּרעפּעקט אָדער אונטערפּרע־פּעקט פאַרשריבן ווערן אַלס אונטערטאַן אָדער שטאַטסלאָזער. שטאַטסלאָזע זיינען פרעמדע און טאָרן ניט האָבן קיין שום פאַרמעגן. עס איז דאָן נויטיק

אז א רומענישער מלוכה־בירגער, א פולער רומעניער, זאָל זיך באַטייליקן אין דעם געשעפט פון א שטאַטסלאָזן מיט ווינציקסטנס 51 פּראָצענט. איך האָב, מיינע הערן, אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי איך, אין די אינ־טערעסן פון אונדזער שטאַט, קאָן אייך קומען צו הילף. מיין כלה האָט צוויי ברידער. ווען איך זאָל מיט זיי רעדן — לײַדער, זיינען זיי דאָ איצט ניטאָ — קאָן איך זיי אפשר באַוועגן, פאַר אַ פּאַרגיטיקונג, אַז זיי זאָלן איבערנעמען 51 פּראָצענט פון די יידישע געשעפטן אויף זייערע נעמען. מיין כלה אַליין קאָן דאָס ניט טאָן. איר פאַרשטייט, מיינע הערן. יעדער איינער מוז נאָך היינט, פאַרן שוץ פון אַלע סערעטער יידן, איינלייגן ביי מיר אַ סומע געלט, ווייל דער ענין איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן. פאַר זיך, נאַטירלעך, וויל איך גאָרנישט, און איך האָף, אַז מיט פערציק טויזנט לעי אַ חודש קאָנען אַלע הוצאות גערעקט ווערן.

פונקט דאַן איז דערשינען זיין סעקרעטאַר און אים געבראַכט אַ פּאַק טעלעגראַמעס.

— אַנטשולדיקט מיר פאַר אַ מינוט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל בלויז די דרינגענדיקסטע טעלעגראַמעס איבערלייענען.

ער האָט האַסטיק געבלעטערט אין די פּאַפּירן און געזאָגט, געבנדיק דעם סעקרעטאַר אַ צייכן צו פאַרלאָזן דעם צימער:

— שרעקלעך, פּשוט שרעקלעך! הונדערטער און טויזנטער יידן זיינען אַרעסטירט געוואָרן איבער גאַנץ דייטשלאַנד. פיל האָבן געמאַכט פּאַרזוכן צו אַנטלויפן איבער די גרענעצן. די בערלינער יידישע קהלה האָט אָנגע־באָטן דער רומענישער רעגירונג אַ סומע פון 800 דאָלער, אַכציק טויזנט לעי, פאַר בלויז איין וויזע פאַר אַ חתונה־געהאַטע פּאָר־פאָלק.

ער האָט געוואָרט אויף אַן אָפּקלאַנג מצד די יידן וועגן זיין פּאָרשלאַג און מיטטיילונג. און דאָס מאָל איז דער אָפּקלאַנג געקומען. ברוך קליפּער האָט געפרעגט:

— איז אין דער סומע פון 40 טויזנט לעי פאַר אונדזער שוץ שוין אויך אַריינגערעכנט די סיגוראַנצאַ און דער בירגערמייסטער?

— וואָס שטעלט איר זיך פאָר, מיינע הערן? מיר לעבן אין אַ מלוכה פון אָרדענונג. דאָס ווייסט איר זייער גוט. ווען איר צאָלט דעם בירגער־מייסטער 2 טויזנט לעי און דער סיגוראַנצאַ נאָך 2 טויזנט לעי, האָט איר געטאָן מער ווי די לייט פאַרדינען זיך. יאָ, וואָס נאָך האָב איך געוואָלט זאָגן: וואָס שייך דער היגער אָרגאַניזאַציע „ערץ ענגעל מיכאיל", קאָנט איר רואיק איבערלאָזן דעם ענין צו מיר. איך בין, ווי געזאָגט, היינט אייער מלאך הגואל. און בשייכות דער אַריאַניזירונג, דאָס הייסט, דאָס איבער־שרייבן 51 פּראָצענט אויף די נעמען פון די ברידער פון מיין כלה, וועל איך זיי מודיע זיין וועגן דעם אַזוי גיך ווי זיי וועלן אַהער קומען. דער

פאַנד פון פערציק טויזנט לעי פאַרבלייבט, פאַרשטענדלעך, אַן אַמטלעכער סוד צווישן מיר און אייך, מיינע הערן, אַ מלוכה־סוד, אַזוי צו זאָגן, וועגן וועלכן מ'דאַרף אַזוי ווייניק רעדן, ווי וועגן יעדן אַנדערן מלוכה־סוד. צום בעסטן וועט זיין ווען אייער פּרעזידענט, אברהם פּראַגער, וועט יעדן חודש מיר איבערגעבן דאָס געלט דירעקט און דיסקרעט.

דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געווען אין קראַפט אין משך פון יאָרן. סערעט איז קיין פּרעפעקטור ניט געוואָרן, אָבער קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט גע־האַט אַ סך געלעגנהייטן באַשטימט צו ווערן אַלס פּרעפעקט פון אַנדערע פּראָווינצן. ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, ווייל, ווי ער האָט געזאָגט, איז סערעט אים איינגעבאַקן אין האַרצן. זיין סילוויאַ האָט אויך באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט אים, ניט וואַרטנדיק אַז ער זאָל באַשטימט ווערן פאַר פּרעפעקט. ער איז געוואָרן איינער פון די רייכסטע מענטשן פון דער שטאָט, ווען סוף 1938 האָט אויסגעבראָכן דער שטורעם איבערן לאַנד. קעניג קאַראָל האָט באַשטימט גאָגאַ אַלס הויפּט פון דער רעגירונג און האָט איינ־געפירט די נירענבערגער געזעצן פאַר גאַנץ רומעניע. אין דער זעלביקער צייט איז אַרויסגעקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז קריסטלעכע בעל־חובות דאַרפן ניט צאָלן זייערע וועקסלען צו יידן ביז אַ וויטערדיקער פאַראָרדענונג. אויסערלעך אָבער איז דאָס לעבן אין סערעט געגאַנגען זיין געוויינלעכן גאַנג: לוויות, חתונות, קימפּעט.

דער אונטערפּרעפעקט קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט באַטאָנט פאַר די סערעטער יידן, אַז זיי זיינען „אַריאַניזירט". געוואוסט אָבער האָבן זיי, אַז זיי זיינען הילפלאָז, אויסגעשטעלט צו יעדן ווילקיר.

2.

גלייך ווי אַ סטרונע, געפּאַקט, אַז מ'האָט אים קוים געקאָנט געבן די פופציק יאָר, וואָס ער איז אַלט געווען, האָט דער ברויעריי־אַרבעטער סימיאָן שטראָוב שפּאַצירט, פאַרזונקען אין געדאַנקען, איבער דער אַלייע אין דעם וועלדל, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם סערעט־טייך. אומגעדולדיק, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס וואַרט אויף זיין געליבטער, האָט ער געוואַרט אויף דער אָפּגעמאַכטער באַגעגעניש. דאָס שטילע מורמלען פון טייך, דאָס זשו־מען פון פליגן און דאָס געזאַנג פון פייגל האָבן האַרמאָניזירט מיט דער רו פון דעם דאָזיקן שיינעם מאַי־טאָג פון 1940. ווייט אַרום האָט מען ניט געקאָנט זען קיין לעבעדיקן מענטשן. עס האָט געהערשט אַן אָבערגלויבן, אַז מ'טאָר זיך אין סערעט ניט באָדן, איידער אַ קאַץ אָדער אַ הונט ווערט דערטרונקען אָנהויב סעזאָן. די פרייליכע נייעס וועגן דעם, אַז אַ קאַץ אָדער אַ הונט איז שוין דערטרונקען געוואָרן אין סערעט, פלעגט יעדן יאָר

ברענגען דער הונט־כאַפּער, וועלכער איז אויך געווען דער זאַמד־פירער פון שטאָט. ער פלעגט שטענדיק לאָזן דעם עולם וואַרטן מיט די נייעס, ביז וואַנען די שווימער, וואָס פלעגן אויסקוקן די אויגן אויף דעם, פלעגן אים געבן אַ שיינע מטבע, אַז ער זאָל ברענגען די גוטע נייעס. צו באַשטעטיקן, אַז ס'איז אַן אמת, פלעגט ער די דערטרונקענע קאַץ אָדער דעם טויטן הונט אויפהענגען פאַר די טרעפּ פון דער בודקע, וואו מ'פלעג זיך אויסטאָן.

ס'איז געווען אַן אַרבעט־פרייער פרייטיק, ווייל די ביר־ברויערײַ האָט צוליב מאַנגל אין רוי־מאַטעריאַלן געאַרבעט בלויז דריי טעג אַ וואָך. וואָכנ־לאַנג האָט סימיאָן געוואַרט אויף אָט דער באַגעגעניש. אין דער שטאָט און דער געגנט אַרום האָבן געהאַלטן אין פאַרקומען אַלערליי געשעענישן. די פויערים זיינען געווען אומרואיק. אין פיל דערפער פון דער געגנט איז גע־קומען צו צוזאַמענשטויסן מיט זשאַנדאַרן, ווען די פויערים האָבן זיך אָפּ־געזאָגט אויסצוליפערן זייערע בהמות פאַר די קוויטאַנציעס, מיט וועלכע מ'האָט זיי געצאָלט. סימיאָן האָט געוואָלט קריגן אינפאָרמאַציע, האָט גע־וואָלט וויסן וואָס פאַר אַ פאַרשלאַגן און עצות ער זאָל געבן זיינע פריינט, סיי אין דער ברויערײַ, סיי אין די אַרומיקע דערפער. ווען מ'האָט אים נעכטן געלאָזט וויסן וועגן דער באַגעגעניש היינט מיטאָג־צייט אין דער אַלייע ביים סערעט־טייך, איז ער, דער שטענדיק־רואיקער, דער מאַן מיט אַן אייזערנער מאַסקע, געוואָרן אַזוי אומגעדולדיק, אַז ער האָט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט געקאָנט צומאַכן.

— איז שוין דער זייגער צוועלף? — האָט ער געהערט אַ שטים הינטער זיך.

הגם ער האָט זינט נעכטן דערוואַרט דאָס דאָזיקע פּאַסיר־וואָרט, איז ער פריידיק איבערראַשט געוואָרן. דער מאַן איז אים געווען באַקאַנט. ער האָט אים איינמאָל באַגעגנט אויף אַן אומלעגאַלער קאָנפערענץ אין טשער־נאָוויץ. ניין, ער האָט ניט דערוואַרט, אַז איינער פון די פירנדיקע פריינט זאָל אַליין קומען זיך זען מיט אים. פון איבערראַשונג האָט ער פאַרגעסן צו געבן דעם אָפּגעמאַכטן ענטפער, און דער מאַן איז אים פאַרבייגעגאַנגען. סימיאָן האָט זיך גלייך געכאַפּט און געגומען אים נאָכלויפן, זאָגנדיק: „צו דער סעקונדע." דער מאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דורכדרינגענדיק אַ קוק געטאָן אויף סימיאָנען און געזאָגט: „ביי אַזעלכע געלעגנהייטן דאַרף מען זיך ניט פאַרלירן."

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט, און סימיאָן האָט זיך אַנטשולדיקט. ער איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין מיט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער לאַגע אין שטאָט און אומגעגנט. ער האָט דערציילט וועגן דעם שטאַרקן דוחק אין סחורות, וועגן דעם עלנט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און באַר־באַרעסקום כאַבאַר־אויספּרעסונגען, וועגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון די

יידן און דער אומצופרידנקייט פון די פויערים. דער „ערץ ענגעל מיכאיל" און זיין נאָכפאָלגער „די אייזערנע גוואַרדיע" האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן געהעצט קעגן יידן. די פויערים פאַרשטייען אָבער, אַז היינט צו טאָג איז פאַראַן נאָר איין שונא, וועלכן זיי האָבן אפילו קיינמאָל ניט געזען — די דייטשן, אָדער ווי זיי רופן זיי — „דער פריים". פאַר די תבואה, וואָס מ'האָט ביי זיי צוגענומען, פאַר די בהמות, וואָס די זשאַנדאַרן פירן טעגלעך אַוועק, באַקומען זיי בלויז 25 פּראָצענט אין מזומן און 75 פּראָצענט אין קוויטאַנציעס, וואָס קיינער וויל אין האַנט ניט נעמען. אָבער אפילו פאַרן געלט קאָן מען קיין זאַך ניט קריגן. אין משך פון וואָכן איז אין שטאָט ניטאָ קיין קעראָסין, קיין שוועבעלעך, און אין דער לעצטער וואָך איז אויך ניטאָ קיין זאַלץ. די יידישע געשעפטן זיינען אויסגעליידיקט, דער שוסטער קאָן ניט אָננעמען אַ פּאָר שיך צום פאַריכטן, ווייל מ'קאָן ניט קריגן קיין שטיקל לעדער. און דער פויער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ ווערט אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד. זיי דענקען, אַז די פויערים זיינען נאַראָנים, ווילן זיי איינרעדן, אַז די יידן זיינען אין אַלץ שולדיק, אָבער דאָס קלעפּט זיך מער ניט, ווייל דער פויער זעט, אַז דער ייד איז נאָך מער אָרעם און נויטבאַדערפטיק ווי ער אַליין. איך ווייס ניט וואָס די לאַגע איז אין מאָלדאַוויע, אין וואַלאַכיע און טראַנסילוואַניע. דאָ אָבער איז אַ פּולווער־פאַס. ווען מיר זאָלן אַרויסלאָזן אַזאַ רוף צו אַן אָפענעם ווידערשטאַנד, וועט אַלץ באַלד זיין אין פלאַמען. אויב אָבער מיר זאָלן אַזאַ רוף ניט אַרויסגעבן, האָב איך מורא, אַז די געשעענישן וועלן אונדז פאַרבייגיין. דו מוזט פאַרשטיין, אַז דאָ וואַרט מען אויף אייערע באַשלוסן און אָנווייזונגען.

דער מאַן האָט די גאַנצע צייט אים רואיק אויסגעהערט. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיט האָרן־ברילן און גרוי־ווערנדיקע האָר. ווען סימיאָן האָט פאַרענדיקט, האָט ער אים געפרעגט:

— קען דיך דאָ איצט עמעצער אַנדערש אחוץ די דריי נאָענטסטע פריינט?

— ניין.

— ביסטו אויך אינגאַנצן זיכער, אַז קיינער, באַזונדערס דער אונטערפּרעפעקט באַרבאַרעסקו, ווייסט ניט וועגן דיין טעטיקייט?

— איך גלויב אַזוי.

— האָט דער קאָמישער יאָלד, דיין באַלעבאָס, דער אייגנטימער פון דער ברויערײַ, הערמאַן בעיל, נאָך אַלץ ניט געענדערט זיין שטעלונג צו די דייטשן און צו דער רעגירונג? איז ער נאָך אַלץ אין אָפענער אָפּאָזיציע?

— אַלץ איז ווי געווען.

— און איז זיין פאַרהעלטעניש מיט דער יידישער מיידל נאָך אַלץ ווי געווען?

— מען רעדט אפילו, אז ער וועט איינגיכן מיט איר חתונה האָבן.

— דאַן וועט ער זיין אויף צרות. הער, סימיאָן! אויב אַלץ וועט זיך ניט ענדערן, שטייען מיר ערב גרויסע געשעעניש. די לאַגע אין גאַנצן לאַנד איז ניט אַזוי פאַרשאַרפט ווי דאָ, אָבער זייער געשפּאַנט. די פּויערים זיינען אומצופרידן, דער מאַנגל אין סחורות איז קאַטאַסטראָפיש, דער יקרות וואַקסט גוואַלדיק. שיפן און באַנען מיט תבואה און פי גייען נאָך אַלץ אומגעשטערט קיין דייטשלאַנד, אָבער רומעניע איז פאַר היטלערן און זיין קריגס־מאַשין אַ צו־ווייכטיקער פאַקטאָר, אַז ער זאָל זיך קאָנען פאַרגינען צו פאַרבלייבן אומטעטיק אַ לאַנגע צייט. שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַ געפאַר עס וואָלט פאַר אים געווען, ווען עס זאָל אויסברעכן אַן אויפשטאַנד.

— אויב אַזוי, — האָט סימיאָן באַמערקט, — איז אונדזער פליכט וואָס שנעלער אָנצוהייבן.

— דו האָסט אַ טעות. די פאַרהעלטענישן זיינען היינט צו טאָג נאָך ניט רייף. ווען מיר הייבן אָן צו־פרי, וועלן מיר יאָרן־לאַנג זיין פאַרקריפּלט. און דווקא ווייל אַלץ איז אַזוי אומזיכער, וועט היטלער זיך לאַנג ניט פאַרלאָזן אויף די היגע זשאַנדאַרן און אויף דער אומפאַרלעסלעכער רומענישער אַרמיי. היטלערס לייט געפינען זיך איצט אין גאַנצן לאַנד. אפילו אין שטעטלעך, וואו עס זיינען בלויז פאַראַן צוויי־דריי דייטשישע פאַמיליעס, אָרגאַניזירן זיי די אַזוי־גערופענע פאָלקס־גענאָסנשאַפטן פון דייטשן אין אויסלאַנד. אין טראַנסילוואַניע, שטעלן מיט זיך פאָר די אויסלאַנדס־דייטשן שוין אַ לאַנגע צייט אַ מעכטיקן פאַקטאָר. איך צווייפל ניט פאַר קיין איין מינוט, אַז זיי וועלן אויך דאָ מאַכן אַ פאַרזוך. אָבער אויך אויף דעם וועלן זיי זיך ניט פאַרלאָזן אינגאַנצן. מיר זיינען מיט דער מיינונג, אַז די דייטשן וועלן אַריינקומען אין רומעניע. דערביי וועלן זיי באַזייטיקן יעדן איינעם, וואָס קאָן זיי געבן אַ ווידערשטאַנד, — אין דער רעגירונג, אין דער ביוראָקראַטיע, און אַפילו אין דער „אייזערנער גוואַרדיע". דאָס וועט ברענגען גרויסע ענדערונגען. און נאָכמער: ס'איז דאָך פאַר אונדז קלאָר, אַז אַ צוזאַמענשטויס צווישן היטלערן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אומפאַרמיידלעך, פריער אָדער שפּעטער. און פאַר אָט דער צייט מוזן מיר זיך צוגרייטן.

— דו מיינסט, דעריבער, אַז מיר דאַרפן צוריקהאַלטן די פּויערים פון אַקציעס?

— גאַנץ געוויס. און דאָס איז אייגנטלעך דער הויפּט־מאָטיוו, פאַרוואָס איך בין אַליין געקומען אַהער: פאַר אונדזערע דייטש־רעדנדיקע פריינט — ליידער האָבן מיר ניט קיין סך — שטייען פאַר גרויסע אויפגאַבן. מיר מוזן אַריינטרעטן אין דער פאָלקס־געמיינשאַפט גופא. בלויז

אויף אַט דעם אופן וועלן מיר קאָנען וויסן וועגן יעדן שריט, וואָס זיי וועלן אונטערנעמען. עס איז מעגלעך, אַז שוין אין די קומענדיקע טעג וועלן זיי זיך צו דיר ווענדן, ווייל דו ביסט פון דיין פאָטערס צד אַ דייטש. דו דאַרפסט, נאַטירלעך, זיך ניט אָפּזאָגן. פאַרקערט, דו מוזט זען צו קריגן דאָרט אַ פירנדיקע פּאָזיציע.

— איך בין גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס ברענגט נוצן אונדזער אַרבעט. אָבער גלויבסטו ניט, אַז מיין לאַגע וועט ווערן שווערער בשייכות די רומע־נישע באַאַמטע, וועלכע האָבן ביז איצט ניט דעם מינדסטן פאַרדאַכט אויף מיר?

— דו רעדסט ווי אַ קינד. דו פאַרגעסט, אַז שוין מאָרגן וועלן די רומענישע פּרעפעקטן, אונטערפּרעפעקטן און סיגוראַנצאַ־שעפן זיין בלויז ווילנלאָזיקע וועדקצייג אין די הענט פון די דייטשן. היטלער וועט זיין אָפּן און אומבאַהאַלטן דער באַלעבאָס פון לאַנד, און די דאָזיקע אומווירדיקע רומענישע באַשעפענישן, אָט די אַלע קאָרופּטע עלעמענטן, וועלן קריכן אויף די קני פאַר יעדן דייטש. פאַר דעם מאָמענט איז דעריבער אונדזער אויפגאַבע ניט צו דערלאָזן, אויף וויפל מיר זיינען בכוח, אַז די פּויערים זאָלן אָנהויבן פּריצייטיקע אַקציעס, און אַז יעדער פּריינט, פאַר וועלכן דער וועג איז אָפּן צוליב שפּראַך און אָפּשטאַם, זאָל אַריינטרעטן אין די דייטשישע פאָלקס־געמיינשאַפטן. אויב אין די נעקסטע וואָכן זאָלן פאָר־קומען גרינטלעכע ענדערונגען, וועסטו וועגן דעם וויסן אין צייט.

:: :: ::

מיקיטאַ האָט געהאַלטן אין גיסן איין קאָכעדיקן שעפעלע וואַסער נאָכן אַנדערן אויף די רויט־גליענדיקע שטיינער פון אויוון. די פּאַרע פון אויוון האָט אָנגעפילט דעם פּלאַץ מיט אַ געדיכטן נעפל. איינער, וואָס איז ניט צוגעוואוינט צו אַ שוויץ־באָד, וואָלט ניט באַמערקט, אַז די טרעפּ פון דעם פּאָל, פון אונטן ביז אַרויף, זיינען באַזעצט געדיכט מיט מענטשן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויפגענומען יעדע נייע פּאַרע־כוואַליע מיט אַן אויס־געשריי פון הנאה און פאַרגעניגן. זיי זיינען געזעסן, יעדער מיט אַ קאַלטן שעפעלע אין דער רעכטער האַנט, געטונקט נאַז־טיכלעך אינעם קאַלטן וואַסער, און עס געהאַלטן ביים מויל און נאָז.

די שוויץ־באָד איז געווען דאָס איינציקע פאַרגעניגן, וואָס איז נאָך ביי די סערעטער פאַרבליבן. דאָ האָט מען יעדן פּריוויטיק פאַרגעסן פון אַלע טעגלעכע זאָרגן, פון די שווערע לאַסטן, וואָס זיינען יעדן געלעגן אויף די פּלייצעס; דאָ האָט מען געזוכט פאַרגעסן די שיקאַנעס פון דער סיגוראַנצאַ, דעם כאַבאַר, וואָס מ׳האָט געדאַרפט יעבן באַרבאַרעסקון, און דעם געפיל פון אַן אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. ב״ די יידן האָבן די פאַרהעלטענישן שוין לאַנג געבראַכט צו אַ ניוועלירונג. די גבירים און נגידים זיינען אָרעם

געוואָרן. די אָרעמעלייט זיינען געוואָרן נאָך אָרעמער און האָבן שוין מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. און אויב אַמאָליקע יאָרן זיינען אין באָד אַלע געווען גלייך, אויב אַמאָל זיינען ראַנג־ און שטאַנד־אונטערשיידן פאַרשוואונדן ווי נאָר מ'איז אַריינגעקומען אין באָד און אויסגעטאָן די קליידער — איז איצט, צוליב די געמיינזאַמע ליידן און דער געמיינזאַמער געפאַר, נאָך מער פאַרשוואונדן יעדער אונטערשייד.

דער געוועזענער בריוו־טרעגער יוסטפאַן, וועלכער האָט געהאַלטן אין דערמאָנען זיך וועגן דער גוטער צייט, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעטראָגן בריוו און זיי פאַרגעלייענט פאַר די, וואָס האָבן ניט געקענט לייענען און שרייבן, און אויך געענטפערט אויף בריוו, פלעגט אין באָד אַריינפאַלן אין אַ גאַלגאַן־הומאָר:

— שיין זעען מיר אַלע מיט אַנאַנדער אויס! מאַרגוליוס דער באַנקיר איז מער ניט קיין באַנקיר. די טוכן־הענדלער האָבן מער קיין טוך ניט צו פאַרקויפן. אברהם פראַגער, פרעזידענט פון דער יידישער קהלה, איז קיין פרעזידענט ניט, ווייל די יידישע קהלה האָט מער קיין דעה ניט, און יוסטפאַן איז מער ניט קיין בריוו־טרעגער. און רעדן טאָר מען אויך ניט.

דער גלח גלורזאַנסקי שטורכעט יוסטפאַנען אין דער זייט און הייסט אים ניט רעדן צופיל:

— זאָרגן איז פאַראַן גענוג אין דרויסן. אַהער קומט מען כאָטש פאַר אַ שעה אויסצושוויצן די זאָרגן. מ'דאַרף ניט מאַלן דעם טייוול שווארצער ווי ער איז. און סוף כל סוף איז אַלץ אין זיינע הענט.

דער אַלטער יאָסל שמש, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס מקובל, האָט ליב געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח מיט דעם גריכיש־אָריענטאַלישן גלח גלורזאַנסקי. ער האָט שטאַרק רעספּעקטירט דעם גלח, האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אוהב־ישראל, מיט וועמען מען מעג האַלטן אַ וויכוח. אָבער דאָ, אין דער שוויץ־באָד, אָן אַ יאַרמעלקע, האָט ער ניט געוואַגט צו רעדן וועגן אַזעלכע הויכע ענינים. ער האָט נאָר געזאָגט:

— ווער קאָן דען האָבן ספיקות, אַז דער, וועמעס נאָמען איך בין ניט ווערט צו דערמאָנען, וועט פאַרניכטן די שונאים, אַלע שונאי־ישראל און פיינט פון איידעלע מענטשן, ווי ער האָט פאַרניכטעט פרעהן, טיטוסן און המנען?

אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון פיל הערצער, ווי ער וואָלט געקומען פון איין האַרץ. יאָ, ווען אָט דער היטלער, אָט דער המן, וואָלט שוין געלעגן אין דער ערד! אָמן, רבונו של עולם! — האָט יוסטפאַן אויסגערופן. דער גלח גלורזאַנסקי האָט אים נאָך אַמאָל געבעטן ניט צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. אַ שוויץ־באָד איז ניט קיין טעמפּל אָדער אַ קירך. גאָט דאַרף מען בעטן אין אַ פּלאַץ, וואָס איז געבויט תבילה צו טאָן פאַר אים.

אין אַט דעם מאָמענט האָט מען פון דערווייטנס ביי דער טיר דער־הערט אַ פרויען־שטימע, וואָס האָט געשריען:

— ער זאָל מיר תיכף ארויסקומען!

דער בעדער הערמאַן האָט געענטפערט דער פרוי פונקט אַזוי הויך:

— האָט געדולד אַ צען מינוט. איצט אים אַרויסרופן, ווען מ'האָט זעקס שעפעלעך אַריינגעגאָסן, איז פשוט אַן עבירה. איין מאָל אין פערצן טעג איז איצט דאָ אַ באָד, און איר פאַרגינט אים ניט דאָס פאַרגעניגן.

די פרויען־שטימע האָט אָבער פאַרגעזעצט:

— ווען איר רופט אים תיכף ניט אַרויס, גיי איך אַליין אַריין!

אָט די ווערטער האָבן אויף הערמאַנען געמאַכט די געהעריקע ווירקונג. שוין דער געדאַנק אַליין, אַז אַן אָנגעטאָנענער מענטש זאָל אַריינגיין אין דעם קדשי־קדשים פון דער שוויץ־באָד, האָט אים אויסגעזען שרעקלעך — און דערצו נאָך אַ פרוי, אויב זי איז אַפילו שוין געווען איבער זיבעציק!

— איך גיי שוין, איך לויף, איך פלי! — האָט הערמאַן געשריען. — נאָר ניט דאָס, זאָל גאָט אויסהיטן! איך וואָלט בעסער געווען 150 יאָר אַן אַלמן, איידער האָבן אַזאַ פרוי.

יוסטפאַן, וועלכער איז אין באָד געווען אַ גאַנצער העלד, וועלכער האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן די ווירדע פון דעם געוועזענעם הויפט־ברויער־טרעגער, איז ביי זיך אין הויז געווען ניט פון די גרויסע העלדן. דאָס האָט יעדער געוואוסט און אים ניט פאַרדענקט. ביים קלאַנג פון דער דאָזיקער שטימע האָט ער אויפגעציטערט. עס האָט זיך אים געוואָלט טיפער באַ־האַלטן אין דער פאַרע, ער האָט אָבער געוואוסט, אַז עס וועט אים ניט העלפן. ער האָט געזאָגט:

— איין טרייסט האָב איך ווייניקסטנס. זי וועט מיך אויך פון גיהנום אַרויסשלעפן. איך וואָלט געוואָלט זען דעם טייוול, וואָס זאָל וואַגן איר פאַרשטעלן דעם וועג.

דער גלח האָט אים גוטמוטיק געזאָגט:

— גייט, יוסטפאַן, גייט.

אָבער יוסטפאַן, נאָך איידער דער בעדער הערמאַן האָט געעפנט די טיר איבערצוגעבן דעם באַפעל פון דער פרוי, האָט אים אַנטקעגנגעשריען:

— פרעגט ביי דער אַלטער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אפשר קאָן איך פאַרבלייבן נאָך אַ האַלב־שעה?

זי האָט אים געענטפערט דירעקט:

— קום גלייך. ס'איז דאָ אַ בריוו.

— פון אַמעריקע?

— וועסט שוין זען.

— איז פאַראַן דאָלאַרן אין דעם בריוו? איז ער פון העיני?

— דו קומסט, אָדער ניט?

ווי אַ באַזיגטער, ניט ווי דער העלד פֿון דער שוויץ־באַד, וועלכער קאָן אויסהאַלטן אַכט שעפּעלעך און איז אַלעמאָל דער לעצטער אויף דער אויבערשטער באַנק, איז יוסטפּאַן אַראָפּ פֿון די טרעפּ צום אַנטו־צימער.

אויפֿן פּאָל אין דער שוויץ־באָד האָבן מענטשן גערעדט: וואָס פֿאַר אַ בריוו קאָן דאָס זיין? צוליב סתם אַ בריוו וועט פֿרוי יוסטפּאַן אים ניט אַרויסשלעפּן פֿון דער שוויץ־באָד. ס'מוז זיין אַן אויסערגעוויינלעכער בריוו. די מערסטע האָבן זיך דערמאָנט, אַז אין יאָר 1914 איז יוסטפּאַן געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער דערמאָרדונג פֿון דעם קרוין־פּרינץ, וועגן דער מלחמה־דערקלערונג צו סערביע, און האָט געוואוסט פֿון אַלע געהיימע באַפֿעלן, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון דער רעגירונג אין שטאָט. יוסטפּאַן איז דעמאָלט געווען די נשמה פֿון דער סערעטער פּאָטשט. ער האָט געלייענט אַלע טעלעגראַמעס, ער האָט געוואוסט פֿון אַלץ פֿריער ווי עמעצער אַנדערש און פֿלעגט אַלץ אַלעמען דערציילן ווי אַ גרויסן סוד, אַ מלוכה־געהיימניש, וואָס קיינער טאָר ניט אויסזאָגן. אפשר איז קריג, אפשר איז אַדאָלף היטלער געשטאָרבן. אָמן!

:: :: ::

כמעט 22 יאָר זיינען אַוועק זינט די בוקאָווינע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַן עסטרייכישער אין אַ רומענישער פּראָווינץ. די דאָזיקע ענדערונג איז געווען פֿון גרויס באַדייטונג אין דעם לעבן פֿון דעם בריוו־טרעגער פּראַנץ יוסטפּאַן. פֿון אַן עסטרייכישן באַאַמטן איז ער געוואָרן אַ רומענישער. אַכצן יאָר זיינען אַוועק זינט מ'האָט איין שיינעם טאָג אים אָפּגעזאָגט פֿון זיין אַמט אָן רעכט אויף פּענסיע. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַזויפֿיל יאָרן זיינען שוין פֿאַרלאָפֿן, האָט זיין פֿרוי אים דאָס ניט געקאָנט מוחל זיין. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי אים דאָס פֿאַרגעוואָרפֿן, ווי עס וואָלט נעכטן געשען. ווען יוסטפּאַן האָט זיך אָנגעטאָן און איז מיט זיין פֿרוי אַרויס אין גאַס, האָט ער ביי איר געבעטן, זי זאָל אים געבן דעם בריוו. זי האָט אים געענטפֿערט:

— וואַרט. ווען דו וואָלסט היינט נאָך געווען בריוו־טרעגער, וואָלסטו דעם בריוו געהאַט פֿריער פֿאַר מיר. אַזוי אָבער וועסטו וואַרטן, ביז מיר וועלן קומען אַהיים.

— זע נאָר, מאַרגאַריטאַ, ווי האָב איך געקאָנט אַנדערש האַנדלען? איך האָב ניט געקאָנט צוזען און שווייגן, ווי דער פּאָטשט־דירעקטאָר נעמט אַרויס די דאָלאַרן פֿון די אַמעריקאַנער בריוו און פֿאַרברענט נאָך דערצו די בריוו. וואָלסטו געוואָלט, אַז מ'זאָל מיינע בריוו פֿאַרברענען, אָנשטאָט זיי מיר אָפּגעבן?

— ווען דו וואָלסט געווען בריוו־טרעגער, וואָלט מען דיינע בריוו ניט פאַרברענט.

— איך בין דאָך אָבער ניט קיין בריוו־טרעגער.

— אָט דאָס וואָרף איך דיך טאַקע פֿאָר.

יוסטפֿאַן האָט איינגעזען, אַז קעגן דער דאַזיקער לאָגיק קאָן ער גאָר־נישט מאַכן, און איז גערולדיק געגאַנגען מיט זיין פֿרוי אַהיים, צו קאָנען ענדלעך באַקומען דעם בריוו, צוליב וועלכן מ׳האָט אים באַרויבט פֿון זיין גרעסטן פֿאַרגעניגן אין לעבן.

די ערשטע אַנטוישונג, ווען זיין פֿרוי האָט אים דערלאַנגט דעם בריוו, איז געווען די רומענישע מאַרקע. הייסט עס, דער בריוו איז ניט פֿון אַמע־ריקע. ס׳איז אָבער געווען אַ פֿאַרנעמער בריוו און שוין צוליב דער אויסער־לעכער פֿאָרם האָט יוסטפֿאַן האָלד געהאַט אַזעלכע בריוו. דאָס איז אים פֿאַרבליבן פֿון דער צייט פֿון זיין גלאַנץ אַלס בריוו־ברעגער. ענדלעך האָט ער דעם בריוו געעפֿנט, און איידער ער האָט אים נאָך אָנגעהויבן לייענען, האָט זיין פֿרוי אים געפֿרעגט:

— פֿון וועמען איז עס, און וואָס וויל ער?

— איך ווייס ניט. עפּעס פֿאַרשטיי איך ניט.

יוסטפֿאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיין גערטנדל אונטער אַ קאַרשן־בוים, האָט אָנגעטאָן די ברילן, און זיך גענומען שטודירן דעם בריוו. דער נאָמען פֿון דער פֿירמע איז געווען: „דויטשע פֿאָלקסגעמיינשאַפֿט פֿיער רומעניען, סעקציאָן בוקאָווינאַ, טשערנאָוויץ, דאַטום דעם פּאָסטשטעמ־פּעלס". ניין, פֿון דער דאָזיקער פֿירמע האָט יוסטפֿאַן קיינמאָל ניט געהערט. זיין פֿרוי האָט געפֿרעגט אומגעדולדיק:

— נו, וואָס שרייבן זיי?

— האָב געדולד, לאָז מיר איבערלייענען ביזן סוף.

— איך מיין, — האָט זיי פֿרוי ניט אָפּגעלאָזט, — ווער שרייבט דעם בריוו, אונדזערע קרובים? קומט עס פֿון אַ באַנק, אַ געריכט, פֿון שטייערן־ביוראָ? ווייל זיי רעדן דאָ עפּעס פֿון געמיינהייט.

— ניט געמיינהייט, — האָט איר יוסטפֿאַן געענטפֿערט, — נאָר גע־מיינשאַפֿט.

— געמיינשאַפֿט אָדער געמיינהייט, פֿאַר מיר איז דאָס אַלץ איינס. איך גלויב, אַז עס טויג ניט.

— לאָז מיר לייענען! — האָט יוסטפֿאַן געזאָגט אומגעדולדיק.

אָבער שוין ביים איבערלייענען דעם איבערשריפֿט, איז יוסטפֿאַן גע־וואָרן בלאַס, האָט גענומען רוקן די ברילן אַרויף און אַראָפּ אויף דער נאָז, און געזאָגט צו זיין פֿרוי:

— עפּעס שטימט ניט. ס׳איז אונדזער גליק, וואָס מ׳האָט דעם בריוו

פריער ניט געעפנט, ווייל דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז אַן אומגליק.

— וואָס איז געשען? — האָט זיין פרוי געפרעגט דערשראָקן.

— לייען אַליין. געהערט ווערטער: „פאָלקסגענאָסע"! ווייסטו ניט, אַז די גענאָסן זיינען פאַרבאָטן? ווען מ'וואָלט דעם בריוו געלייענט, וואָלט מען געגלויבט, אַז איך בין אויך אַ גענאָסע.

און וואָס מער יוסטפאַן האָט זיך פאַרטיפט אין לייענען דעם בריוו, אַלץ מער האָט עס אים אויסגעזען ווי אַ רעטעניש. יוסטפאַן האָט ביז איצט זיך געהאַלטן פאַר אַ ספּעציאַליסט אין לייענען בריוו. ער האָט געלייענט און פאַרפאַסט די בריוו פאַר פרויען, וועמעס מענער האָבן זיך געפונען אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אין אַרגענטינע און בראַזיל. ער איז געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיינע בריוו ווערן געלייענט אין אַזעלכע וועלט־שטעט, ווי ניו־יאָרק, מאָנטרעאַל, בוענאָס־איירעס און ריאָ דע זשאַנעיראָ. יאָ, ניט נאָר האָט מען זיי געלייענט, נאָר אויך געענטפערט. דאָס האָט באַוויזן, אַז מ'האָט אים גענומען ערנסט און אָנערקענט זיין פעיאיקייט אַלס בריוו־שרייבער. און דאָ האָט ער אַ בריוו, וואָס ער לייענט, אָבער זיין קאָפּ באַנעמט ניט. דער בריוו האָט געלויטעט:

„דער צענטער פון דער בוקאָווינער סעקציע פון דער דייטשישער פאָלקסגעמיינשאַפט, צוזאַמען מיט דער ליטונג פון דער אויסלאַנדס־דייטשישער גרופּע האָט מיט באַדויערן פעסטגעשטעלט, אַז אין סערעט, אַט די אוראַלטע שטאָט פון דער דייטשישער קולטור, געפינט זיך נאָך ניט קיין גרופּע פון דער דייטשישער פאָלקסגעמיינשאַפט. די דאָזיקע טאַטזאַך איז נאָך מער צום באַדויערן, ווייל סערעט האָט אַמאָל געהאַט צוויי דייטשישע פאָלקסשולן, אַ דייטשישע מיטלשול, אַ דייטשישן שענק און אַ דייטישן געזאַנגס־פאַראיין.

„אין פאַרשטענדיקונג מיט דעם דייטשישן זיפּנספאָרשונגסאַמט פון בוקאָווינע, האָבן מיר אָן שום ספק פעסטגעשטעלט, אַז אייער פאַמיליע איז ביז צום פערטן דור פון ריינראַסיקן אַרישן אָפּשטאַם, אַז צום ווינציקסטנס ביזן פערטן דור איז אין אייער פאַמיליע פאַראַן גערמאַנישע, סאָלדאַטיש־קריגערישע דיסציפּלין און טראַדיציע. דעריבער באַטראַכטן מיר אייך אַלס איינעם פון די באַרופנסטע תּיכּף צו נעמען אין דער האַנט די גרינדונג פון אַ דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט־גרופּע, און פאַר דעם צוועק זיך פאַרשטענדיקן מיט די פאָלקס־גענאָסן פון דער זעלביקער מיינונג, וואָס לעבן דאָרט.

„ווען איר האָט אין זינען, ווערטער פאָלקס־גענאָסע, אַז מיטן צייכן פון דעם האַקנקרייץ האָבן היטלערס לעגיאָנען די וועלט אויפ־געשטורעמט, אַז שוין ליגן פּוילן, נאָרוועגיע, בעלגיע און האָלאַנד ביי די פיס פון דעם פירער און אַז פראַנקרייך האָלט ביים אַוועקלייגן די

וואָפֿן פֿאַר די אומבאַזיגבאַרע דייטשישע אַרמייען, און אַז פֿאַר דעם הינטערשטעליקן אַלביאָן האָט שוין געשלאָגן די לעצטע שעה, וועט איר באַגרייפֿן, אַז אויך איר, ווערטער פֿאָלקס־גענאָסע, און מיט אייך אַלע סערעטער פֿון אַריש־ראַסיש־גערמאַנישער טראַדיציע, קאָנט ניט בלייבן פֿון דערוויייטנס. דאָס שיינט צו זיין נאָך נויטיקער, ווייל אויך דאָ אין לאַנד האָבן דער מאַרקסיזם און יודע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

„אַלזאָ, ווערטער פֿאָלקס־גענאָסע, אין גייסט פֿון אַדאָלף היטלער — פֿאָראויס צו דער אַרבעט! בריוו פֿון אַן ענלעכן אינהאַלט זיינען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַנדערע פֿאָלקס־גענאָסן. און מיט פֿאַר־אייניקטע קרעפֿטן וועט אייך די אַרבעט ניט פֿאַלן שווער.

„העיל היטלער!

„פֿאַר דער סעקציע בוקאָווינע פֿון דער
דייטשישער פֿאָלקסגעמיינשאַפֿט,

טעאָדאָר פֿאָדרוצקי.״

וואָס מער יוסטפֿאַן האָט געלייענט, אַלץ מער פֿאַרווירט איז ער גע־וואָרן. ווען ער האָט דעם בריוו איבערגעלייענט צוויי מאָל אין דער שטיל, האָט ער געבעטן זיין פֿרוי זיך צוזעצן נעענטער און זיך צוצוהערן.

— עס פּאַסירט אָפּט, — האָט ער געזאָגט, — אַז וואו איין מאַרך איז ניט גענוג, העלפֿט אַ צווייטער אַרויס.

דער צווייטער מאַרך, דער מאַרך פֿון זיין פֿרוי, האָט דווקא ניט שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם מאַרך פֿון איר מאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן וואָכעדיקע ענינים; זי האָט אָבער יאָ געהאַלטן פֿון דער אינטעליגענץ פֿון איר מאַנס מאַרך. וואָרים ווי אַנדערש האָבן די בריוו פֿון איר מאַנס מאַרך געקאָנט דורכקרייצן אָקעאַנען, געלייענט און געענטפֿערט ווערן? און אויב זי האָט אין פּראַקטישע זאַכן געהאַלטן איר מאַן פֿאַר אַ גרויסן שלעמיעל, האָט זי אין גייסטיקע ענינים אים געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן אויטאָריטעט, פֿאַר אַ ריכטיקן בריוונשטעלער. זי איז געווען איבערצייגט, אַז ער האָט די בעסטע האַנטשריפֿט אין גאַנץ סערעט. זי האָט דעריבער זיך געפֿילט געשמייכלט, וואָס ער האָט זי איינגעלאַדן זיך מיט איר צו באַראַטן אין דער דאָזיקער פֿראַגע. זי האָט זיך צוגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ביז עס איז געקומען צו דעם פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען דאָס וואָרט „ראַסע״. דאָ האָט זי אונטערגעבראָכן:

— זעסט, זעסט, מ׳האָט מיר תמיד געזאָגט, אַז אונדזערע צוויי קי זיינען די בעסטע ראַסאָווע קי. אויך אונדזער פּלאָקי איז אַן עכט־ראַסאָווער וואַך־הונט. זיי האָבן דאָס אויסגעפֿונען אין טשערנאָוויץ און שרייבן אונדז וועגן דעם.

— אָבער וואָס באַדייטן די ווערטער אַריש און דייטש אין פאַרבינדונג מיט דעם?

— דאָס פאַרשטייסטו ניט? ס'איז דאָך קלאָר. וואָס אַריש מיינט, ווייס איך ניט. אָבער וואָך־הינט, ווי באַוואוסט, זיינען אַ דייטשישע ראַסע.

— און סאָלדאַטיש־קריגערישע טראַדיציע?

אַן אויגנבליק האָט זי נאָכגעטראַכט און דאַן געזאָגט:

— האָבן מיר דעם הונט ניט געקראָגן אַלס מתנה פון גענעראַל מַראַ־סיק? ער איז אַן אַרמיי־הונט און האָט סאָלדאַטיש־קריגערישע טראַדיציעס.

— אָבער אויב אַזוי, האָט דאָס דאָך צו טאָן מיטן הונט, ניט מיט די קי, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט נאָרוועגיע און בעלגיע? דאָ שטייט אויך, — האָט ער געוויזן דאָס וואָרט האָלאַנד און געזאָגט פאַר־צווייפלט, — און וואָס זיינען דאָס פאַר פיס פון אַ פירער?

יוסטפאַן האָט ניט פאַרשטאַנען און זיין פרוי נאָך ווייניקער. ער האָט דעם בריוו נאָך אַמאָל איבערגעלייענט אין דער הויך און געבליבן מבולבל. לייענענדיק אין דער הויך, איז אים דער „העיל היטלער" געוואָרן טשיקאַווע. איז דאָס ניט דער זעלביקער היטלער, וועגן וועלכן מ'האָט היינט גערעדט אין באָד? יאָ, מ'האָט דאָרט וועגן אַ היטלערן גערעדט און אַלע זיינען געוועזן קעגן אים. ביים לייענען דעם בריוו צום פערטן מאָל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם וואָרט האַקנקרייץ. זיין פרוי האָט געזאָגט:

— ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ צלם, איז דאָס בעסטע וואָס מיר קאָנען טאָן — זיך ווענדן צו אונדזער גלח שיקלער.

— אונדזער גלח איז נעכטן אַוועקגעפאָרן, — האָט יוסטפאַן געזאָגט.

— אָבער איך גלויב, אַז ער וועט אויף אונדז ניט האָבן קיין פאַריבל, ווען מיר, אַלס קאַטאָליקן, וועלן אין זיין אָפּוועזנהייט זיך ווענדן צו דעם גריכיש־אָריענטאַלישן גלח גלורזאַנסקי.

ווען איך זאָל איצט, האָט ער געטראַכט, צוגיין אין באָד, וואָלט איך נאָך געפונען דעם גלח שוויצנדיק. אָבער איבער אַזאַ הייליקער זאַך, ווי אַ צלם, קאָן מען דאָך אין באָד ניט רעדן. און ווענדנדיק זיך צו זיין פרוי, האָט ער באַמערקט:

— ביזט כאָטש אַ מבין וואָס פאַר אַ פּאַפּיר דאָס איז? אפילו די אַמעריקאַנער בריוו זיינען ניט פון אַזאַ קוואַליטעט.

— וואָס באַטייט אָבער דער דאָזיקער רויטער שטעמפּל — האָט פרוי יוסטפאַן געפרעגט.

— שטרענג פאַרטרויליך, — האָט ער איבערגעלייענט אין דער הויך, און געזאָגט: — ווייסט גאָר וואָס, איך וועל שוין בעסער וואַרטן, ביז דער גלח וועט קומען אַהיים. פאַרטרויליכע בריוו זיינען אַ צו דעליקאַטער ענין.

איך ווייס ווי זיך צו באַגיין מיט פּאַרטרווילעבע זאַכן. מ׳דאַרף פּערזענלעך, אויפן ערנוואָרט, אַזוי צו זאָגן, רעדן.

3.

יוסטפּאַן איז געלאָפן מיטן בריוו פון איינעם צום אַנדערן. „אָבער זייער שטרענג פּאַרטרווילעך”, האָט ער יעדן געזאָגט. „זאָל דיין רעכטע האַנט ניט וויסן וואָס דיין לינקע טוט.” און האָט דאַן פאַרגעלייענט דעם בריוו, ווי אַ קינסטלער, מיט באַטאָנונג, דער עיקר ווען עס איז געקומען צו נאָרוועגיע און האָלאַנד. פאַר איינעקע האָט ער איבערגעזעצט אין יידיש, פאַר אַנדערע אין אוקראַיניש, און פאַר נאָך אַנדערע אין רומעניש. אָבער אַזוי ווי די גאַנצע מעשה איז זיי ווייניק אָנגעגאַנגען, האָבן זיי געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

דאַן האָט ער אָנגעקלאַפּט ביים גלח גלורזאַנסקי אין טיר. בריוו־טרעגער זיינען צוגעוואוינט צו קלאַפּן אין טירן, אָבער ניט אַריינצוקומען אין הויז, אַזוי אַז דער גלח האָט אים געדאַרפט צוויי מאָל בעטן אַריינצו־קומען. ער האָט זיך פאַרנויגט און געזאָגט: „איך בין אַזוי פריי”, וואָס אין דער רומענישער שפּראַך איז דאָס אַ גאַנץ אומפאַרשטענדלעכער זאַך, און איז אַריבערגעטראָטן די שוועל.

דער גלח איז געזעסן אונטער אַ הייליק בילד און געטרונקען טיי, ווייל פון שוויצן איז ער געוועזן זייער דורשטיק און פון טרינקען דעם הייסן טיי האָט ער איצט ווידעראַמאָל געשוויצט. האָט ער דעם בריוו פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט געלייענט מיט דער געלאַסנקייט פון אַ מענטשן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. דאַן האָט ער יוסטפּאַנען צוריקגעגעבן דעם בריוו, זאָגנדיק:

— איך פאַרשטיי ניט קיין איין איינציקן וואָרט וואָס זיי ווילן, אָבער איך ראָט אייך: קריכט ניט מיט אַ געזונטן קאָפּ...

פאַרטיפט אין געדאַנקען, איז יוסטפּאַן געגאַנגען אַהיים און געזאָגט זיין פרוי:

— וואָס זיי מיינען מיט האָלאַנד, בעלגיע, נאָרוועגיע און די פיס פון דעם פירער, ווייס איך ניט. און וואָס איך ווייס ניט, וועט מיך ניט שאַטן. אָבער די מעשה מיט דער ראַסע באַאומרואיקט מיך. ווארים זיי האַלטן איצט אין אַרומזוכן ראַסאָווע בהמות. לעצטע נאַכט זיינען אין אַ צאָל דערפער פאַרגעקומען צוזאַמענשטויסן. באַרבאַרעסקו זאָגט, אַז מיר מוזן דעם פּריים געבן די בהמות, וואָרים אַניט וועט ער אַליין אַהערצו קומען. און די פּויערים ווילן ניט געבן. איך האָב מורא, אַז אין טשערנאָוויץ, ווי מ׳קאָן זען פון דעם בריוו, האָט מען זיך דערוואוסט וועגן אונדזערע ראַ־סאָווע קי, און זיי ווילן זיי פון אונדז אָוועקנעמען. וואָרים איך זאָג דיר: ווען עס בליצט, דונערט.

יוסטפאַנס ווערטל, „ווען עס בליצט, דונערט", איז אויך באַרבאַרעסקון שטאַרק געלעגן אין זינען. ער האָט געפילט אַן אַנקומענדיקן שטורעם; און כאָטש ער איז געווען אַ גראַדואירטער פון דער נאַצי־שול אין מינכען, זיינען די סיבות אים ניט קלאָר געווען. די פעטע יאָרן פון זיין הערשאַפט אין סערעט האָבן אים אַזוי פאַליובעט, אַז ער האָט פאַר דער צייט זיך ווייניק געקימערט וועגן פאָליטיק. פון בוקאַרעשט האָבן געהאַלטן אין איין קומען דעקרעטן און באַפעלן, וואָס האָבן דאָס לעבן פון די בירגער געמאַכט אַלץ שווערער. אָבער, ווי ער האָט געזאָגט, טוט ער אַלץ צו פאַרלייכטערן זיי דאָס לעבן. וואָרים נאָך אַלעמען איז ער דאָך געווען דער הערשער אין סערעט, ניט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פון בוקאַרעשט.

מיט דער וואַקסנדיקער הכנסה זיינען אויך געוואַקסן די פאָדערונגען. קאַראָל באַרבאַרעסקו אַליין איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, אויף וויפיל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגענער פּערזאָן. וויפיל קאָן אַ מאַן פאַרברויכן פאַר זיך אַליין, ווען ער איז ניט קיין קאָרטנשפּילער און ניט קיין טרינקער? און קאַראָל באַרבאַרעסקו איז דאָס ניט געווען. אַנדערש אָבער איז געווען זיין סילוויאַ. אין דריטן יאָר פון איר הערשאַפט אין סערעט, האָט זי אָנגעהויבן פאָרן יעדן יאָר אויף דאַטשע צום שוואַרצן ים, און אַלס נאָכקוראַציע איז זי געפאָרן אין דעם וועלט־באַרימטן דאָרנאַוואַטראַ, אין די בוקאָווינער בערג. סיי ביים שוואַרצן ים, סיי אין דאָרנאַוואַטראַ, זיינען געווען געמבלינג־קאַסינאָס. און ווער האָט געקאָנט סילוויאַן אָפּהאַלטן, אַז אויך זי זאָל ניט פּרובירן איר מזל ביים שפּיל־טיש?

די אַנטוויקלונג אין סערעט האָט אָבער ניט געקאָנט אָניאָגן די וואַקסנדיקע באַדערפענישן פון דער ערשטער דאַמע פון שטאָט. געשעפטלעך איז אַלץ געגאַנגען אויף צוריק. די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן אַלץ ערגער, און אויך פאַר באַרבאַרעסקון האָט געגאָלטן דער כלל: וואו עס איז גאָרנישט צו קריגן, האָט אויך דער קייסער זיין רעכט פאַרלאָרן. ער האָט שטרענג קאָנטראָלירט די ביכער פון די געשעפטסלייט, האָט זיך אַפילו געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן, כדי אַליין אַריינצוקריגן מער, אָבער צו קיין רעזולטאַט איז ער ניט געקומען. די יידן האָט מען געמאַכט רעכטלאָז. דאָס איז פאַר באַרבאַרעסקון געווען גוט, ווייל ער האָט דורך דעם זיי געקאָנט צווינגען צו צאָלן. אָבער ווען דאָס אַלגעמיינע געשעפטס־לעבן איז געזונקען, ווען קיין סחורות זיינען מער ניט אַריינגעקומען אין לאַנד, ווען די פּויערים האָבן ניט געקויפט, ווייל זייערע תבואות און בהמות האָט מען ביי זיי צוגענומען פאַר קוויטאַנציעס; ווען פעל האָט מען אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד און די קירזשנער און שוסטער האָבן מער ניט געהאַט קיין מאַטעריאַל אויסצואַרבעטן זייערע פּראָדוקטן — פון וואַנען זשע האָט באַרבאַרעסקו געקאָנט נעמען כאָבאַר? די ערשטע גרויע האָר

אין זיין שוואַרץ־לאָקיקן קאָפּ האָבן עדות געזאָגט וועגן זיינע גרויסע זאָרגן. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס סילוויאַ האָט ניט געוואָלט וויסן וועגן דער גענענדערטער לאַגע. זי איז געווען אַזוי פֿאַרשווענדעריש, ווי אין די ערשטע יאָרן פֿון איר הערשאַפֿט — די פֿעטע יאָרן. ווען באַרבאַרעסקו האָט געוואָלט מיט איר זיך דורכרעדן וועגן דעם, האָט זי אים שאַרף גע־ענטפֿערט:

— איך האָב דיך געמאַכט פֿאַרן הערשער פֿון סערעט, און דו דאַרפֿסט וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן די הערשאַפֿט.

שווער איז געווען זיין לאַגע אָנהויב זומער 1940. טעגלעך האָבן גע־האַלטן אין אָנקומען נייע שטרענגע פֿאַראָרדענונגען, סיי פֿון דער הויפּט־שטאָט פֿון בוקאָווינע, טשערנאָוויץ, סיי פֿון דער הויפּט־שטאָט פֿון לאַנד, בוקאַרעשט. די דייטשן האָבן געפֿאָדערט מער תבואה, מער בהמות, און דער סערעטער באַצירק איז געווען שטאַרק הינטערשטעליק, לויט דעם פּלאַן, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט פֿאַר דער געגנט. וואָס האָט ער, באַרבאַרעסקו, געקאָנט טאָן, וואָס דער סערעטער באַצירק, באַזונדערס דער טייל ביים לינקן ברעג פֿון טייך, איז געווען אין זיין גרעסטער מערהייט אוקראַיניש, און די אוקראַינער האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. דערביי האָט ער נאָך געקראָגן אַן אָנווייזונג, אַז געוואַלט־מיטלען זאָלן באַנוצט ווערן נאָר אין גרעסטן נויט־פֿאַל. אויך די רומענישע פּויערים האָבן אָנגעהויבן זיך אַנטקעגנצושטעלן. דער ביישפּיל פֿון די אוקראַינישע פּויערים האָט גע־ווירקט ווי אַן אָנשטעקנדיקע קרענק. די מערק זיינען געוואָרן ליידיק. די פּויערים האָבן אויפֿגעהערט ברענגען זייערע פּראָדוקטן אויפֿן מאַרק, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי באַרויבן. און די צוזאַמענשטויסן מיט די זשאַנדאַרן זיינען געוואָרן אַלץ אָפֿטער. די דאָזיקע אַמטלעכע זאָרגן, פֿאַרבונדן מיט די היימישע זאָרגן, האָבן שווער געדריקט אויף באַרבאַרעסקוס פּלייצעס. ער, וועלכער האָט ביים אָנהויב פֿון זיין הערשאַפֿט באַגריסט היטלערס פֿאַרכאַפּן די מאַכט, האָט איצט שטילערהייט געשאָלטן היטלערן. ער האָט אין אים געזען די סיבה פֿון זיינע אייגענע צרות. ער איז אַריינ־געפֿאַלן אין אַ שווערער שטימונג און האָט געהאַט דעם געפֿיל, אַז נאָך גרעסערע אומאַנגענעמלעכקייטן זיינען אויפֿן וועג.

און איין פֿרימאָרגן איז עפּעס געשען, וואָס האָט נאָך ניט פּאַסירט אין די אַלע יאָרן — עס איז שוין אַוועק זיבן און אַ האַלב יאָר — פֿון זיין הערשאַפֿט אין סערעט. אָן דעם, אַז מען זאָל אים פֿריער לאָזן וויסן, אָן דעם, אַז עס זאָל זיך וועגן דעם אַפֿילו רעדן אין אַן אַמטלעכן צירקולאַר, האָט פּלוצלונג אַ רומענישער רעגימענט אַריינגעמאַרשירט אין סערעט. זינט מענטשן האָבן געקאָנט געדענקען, איז אין סערעט קיינמאָל ניט געווען קיין גאַרניזאָן, הגם אין דער צייט וואָס סערעט איז נאָך געווען עסטרייכיש, האָבן

געשעפטסלייט און באלעבאטים פון פארגעניגן־פלעצער זיך באמיט דאס צו פועלן. אין דער צייט פון וואלן, פלעגט מען דאס פאדערן פון די קאנדידאטן פארן פארלאמענט. זיי פלעגן צוזאגן, אבער האבן קיינמאל ניט געהאלטן ווארט. איצט אבער איז אנגעקומען א גאנצער רעגימענט — 4,000 מאן שטארק. מ׳האט אים, בארבארעסקון, אויפגעוועקט פון שלאף זיבן אזייגער אינדערפרי, און א שליח פון דעם קאמענדאנט האט אים אויפגעפאדערט תיכף צו באזארגן קווארטירן. די געביידע פון דער מיטלשול, ווי אויך די געביידעס פון די יינגלשע און מיידלשע פאלקסשולן זיינען זיי געשטעלט צום דינסט. אבער דאס איז ניט געווען גענוג, און דער קאמענדאנט האט געפאדערט פון בארבארעסקון, אז ער זאל אים פאר דעם צוועק אפליידיקן א יידישן בית־המדרש. בארבארעסקו האט פון אנהויב זיך געווערט קעגן טאן אזא זאך, ווייל ער האט נאך אלץ געקראנגן פון די יידן א געוויסע איינ־קונפט. אבער קיין ווידערשטאנד האט דא ניט געהאלפן. פון די צוויי יידישע שולן, איז איינע פארוואנדלט געווארן אין א קאזארמע. די יידן האבן אין דעם דערזען דעם ערשטן גרויסן אומגליק, נאך די הונדערטער אנדערע קלענערע אומגליקן, וואס זיי האבן שוין איבערגעלעבט.

נאך דער ארייננמארשירונג פון די טרופן, האט בארבארעסקו באגריפן די גאנצע באדייטונג פון יוסטפאנס ווערטל, אז „ווען עם בליצט, דונערט". די סאלדאטן האבן זיך מושטירט ביים ברעג פון סערעט־טייך און פאר די מערסטע סערעטער איז געווארן אוממעגלעך זיך צו באדן אין טייך. א שלעכטער סימן, האבן אלע געזאגט. עפעס קומט.

יוסטפאן האט דאן געזאגט נאך א ווערטל, וואס איז געווען פונקט אזוי וויניק אריגינעל און האט פונקט אזוי געטראפן אין פינטל: „וואס ס׳איז שלימזל פאר איינעם, ברענגט אפט גליק פאר אן אנדערן." בארבארעסקו האט אויפגענומען דאס ארייננמארשירן פון די טרופן, ריכטיקער, די פארוואנדלונג פון סערעט אין א גארניזאן־שטאט, אלס א פערזענלעכן קלאפ, אלס אן איינשרענקונג פון זיין פערזענלעכער מאכט.

— בין איך ניט אויסגעקומען אן סאלדאטן? — האט ער אפט גע־טענהט צו סילוויאן. — די קונסט פון הערשן, דאס האב איך געלערנט פון דערפארונג, באשטייט ניט אין גוואלט־מיטלען, נאר אין דער קלוגשאפט פון די מאסמיטלען, וואס ווערן אנגענומען. קעגן אט די מאסמיטלען בין איך מאכטלאז.

און אין דער צייט, וואס בארבארעסקו האט פון זיין טיפן הארצן גע־האסט די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען, האט אין שטאט זיך געפונען איינער, וואס האט אין דער ענדערונג דערזען די פארווירקלעכונג פון זיינע לאנג־יאריקע חלומות. דאס איז געווען דער באלעבאס פון דעם סערעטער „פארגעניגנעסטאבליסמענט", אנדרעאס מאניסאלי. אמאל, ווען סערעט איז

נאָך געווען אַ קייזערלעך־קעניגלעכע גרענעץ־שטאָט, ביי דער גרענעץ מיט רומעניע, נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט די האַבסבורגער מלוכה, האָט מאַניסאַלי זיך דערוואָרבן דעם דאָזיקן „פאַר־געניגנעסטאַבליסמענט". רומענישע באָיאַרן, מיט פולע קעשענעס געלט, זיינען געווען צווישן זיינע קונדן. דאָס געשעפט האָט געבליט. און דאַן איז געקומען די פאַנאַנדערפאַלונג פון דער מאָנאַרכיע. פון דער גרענעץ־שטאָט סערעט איז געוואָרן אַ קליינע פּראָווינץ־שטעטל און אויך דער באָרדעל האָט זיך געמוזט צופאַסן צו די געענדערטע וועלט־פאָליטישע פאַרהעלטענישן. מאַניסאַלי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ קליינעם לאָקאַל, און די צאָל דאַמען, וואָס זיינען ביי אים געווען באַשעפטיקט, איז געזונקען צו צוויי. אָבער מיט דעם אָנקומען פון דעם נייעם גאַרניזאָן, האָט מאַניסאַלי באַגריפן די באַדייטונג פון יוסטפאַנס ווערטל. ער האָט געדונגען אַ גרויסע הויז, נישט ווייט פון דעם יידישן בית־עולם, האָט שנעל איינגעאָרדנט אַ באַר, אַן אויפנאַם־צימער, און צוואַנציק פּריוואַטע צימערן. אויך די דאַמען האָבן זיך פאַרמערט, און דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן בליען.

פאַרצאָרנט און באַזאָרגט איז קאַראָל באַרבאַרעסקו געזעסן שפּעט ביי־נאַכט ביי זיין טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט גאַנצע בערג פאַר־אָרדענונגען און אָנווייזונגען פון בוקאַרעשט. ער האָט זיך צו זיי אַפילו נישט צוגערירט; ער האָט געהאַלטן אין שטודירן צום הונדערטן מאָל דאָס צעטל פון די אַלטע פאַרמעגלעכע יידישע סוחרים און האַנטווערקער פון סערעט, און צום הונדערטן מאָל האָט ער מיט שרעק און באַדויערונג פעסט־געשטעלט, אַז מ'קאָן פון זיי מער גאָרנישט נישט אַרויסקוועטשן. מיט אַמאָל איז זיין אויג געפאַלן אויף אַ פירמע, אַנדרעאַס מאַניסאַלי, „פאַרגעניגנ־עסטאַבליסמענט". מאַניסאַלין האָט ער געקענט זייער גוט. אַ ביטרער פוקס, האָט ער געטראַכט. אַ שאָד נאָר, וואָס דער דאָזיקער מאַניסאַלי איז נישט קיין ייד. זיין געשעפט, צוליב דער אָנוועזנהייט פון אָפיצערן און סאָל־דאַטן, גייט איצט זיכער זייער גוט. ניין, — ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, — ניין... אָבער אַזוי פשוט קאָן מען דאָך דעם ענין נישט פאַרבייגיין. איך, דער אונטערפרעפעקט, איך, קאַראָל באַרבאַרעסקו, האָב צרות, אַז איך ווייס נישט פון וואָס אָנצוהויבן, און עפּעס אַן אַנדרעאַס מאַניסאַלי וועט דייכער פון טאָג צו טאָג... אַזוי קאָן דאָס נישט פאַרבלייבן! נאָר וואָס קאָן מען פון דעם ביטרען פוקס אַרויסקוועטשן, ווען ער איז נישט קיין ייד? אָבער איז ער זיכער נישט קיין ייד? ער האָט דורכגענישטערט די אַרכיוון און אויסגעפונען, אַז אַנדרעאַס מאַניסאַלי האָט ביי דער לעצטער פאָלקס־ציילונג אָנגעגעבן זיין רעליגיע אַלס אַרמעניש־קאַטוילישע און זיין מוטער־שפּראַך אַרמעניש. וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַציע? — האָט ער זיך געפרעגט. האָט מען ווען פון אַן אַרמעניע געהערט? אָדער גאָר פון אַן אַרמעניש־קאַטויליי־

שער רעליגיע? ניין, מ׳קאָן דאָ זיכער עפּעס מאַכן.

ער האָט קיין גערולד ניט געהאַט צו וואַרטן ביז מאָרגן. און צו וואָס? אזעלכע געשעפטן בליען דאָך גראָד ביינאַכט. געזאָגט, געטאָן. ער איז אוועק אהין. דעם מאַנטל פאַרקנעפלט אויף אַלע קנעפּ, האָט ער, וועלכער איז מער ניט געווען דער אבסאָלוטער הערשער פון סערעט, מארשירט צו אַ טייל פון זיין מלוכה, וואָס ער האָט גוט געקענט נאָך פון דער היים. ווען ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם יידישן בית־עולם, האָבן צו זיינע אויערן זיך דערטראָגן די טענער פון אַ ציגיינער־קאַפּעליע. ער האָט גע־הערט, אַז מאַניסאַלי האָט איינגעאָרדנט אַ שיינעם לאָקאַל, אָבער שוין דער אויסערלעכער אויסזען האָט איבערגעטראָפן אַלע זיינע דערוואַרטונגען. די אויסשטאַטונג אינעווייניק האָט אַנטשפּראָכן דער דרויסנדיקער ווירדע. אין אַ גרויסן זאַל, וואָס מ׳האָט גערופן אויפנאַם־סאַלאָן, איז אין אַ ווינקל געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. אין אַ צווייטן ווינקל איז געווען אויפגעשטעלט אַ פּלאַטפאָרמע, וואו עס זיינען געזעסן דריי ציגיינער, פידל־שפּילער, און צוויי האַרמאָניאַ־שפּילער. אַ פאַרפיום־ריח האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַריין, אַ ריח וואָס האָט אים געשמעקט ווי באַקאַנט, כמעט דער ריח פון סילוויאַס פאַרפיום. ביי שיינע, אין גרין־איבערגעצויגענע טישן, איז געזעסן אַ כאָפּטע אָפיצערן פון דעם גאַרניזאָן. ער האָט אויך באַמערקט אַן אינספּעקטאָר און צוויי אַנדערע באַאַמטע פון דער אונטערפּרעפעקטור. דער ווירט, אַנדרעאַס מאַניסאַלי, און זיין פרוי, נאָך אין די אָנהויב פערציקער, זיינען ביידע אים געלאָפן אַנטקעגן, אַ ביסל דערשראָקן, אָבער מיט זייער אַ פריינטלעכן שמייכל:

— וואָס פאַר אַ כבוד! ענדלעך זייט איר אויך, הער פּרעפעקט, גע־קומען אונדז באַזוכן. ווילט איר זיך זעצן מיט באַקאַנטע, אָדער גרייטן פאַר אייך אַ באַזונדערן טיש? איך שיק אייך גלייך מאַריאַן, אַ שיינע דייטשישע מיידל, אָדער ווילט איר בעסער אַ רומענערין? מיר האָבן אַפילו צוויי פּוילישע. וואָס שייך געשמאַק, ווערן איצט געשטעלט גרויסע פאָדערונגען.

פאַר אַ מאָמענט האָט קאַראָל באַרבאַרעסקו זיך געשלאָגן מיט דער דעה. אָבער לעבן אים איז שוין געשטאַנען די רייצנדע מאַריאַ, אַ פול־ברוסטיקע, שיינע בלאָנדינקע. און ווידעראַמאָל דער ריח פון סילוויאַס פאַר־פיום, נאָר מער צודרינגלעך. נאָך איידער ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס דאָ קומט פאָר, איז ער שוין געזעסן אַליין ביי אַ טיש און מערכען, ווי זי האָט געוואָלט ער זאָל זי רופן, ביי אים אויפן שוים. אין דעם ערשטן מאָמענט האָט ער געהאַט זיך פאַרלאָרן; ער האָט אָבער גלייך געמאַכט אַ פאַרזוך צוזאַמענצונעמען זיינע געדאַנקען. איך טאָר זיך ניט לאָזן פאַר־דרייען אַ קאָפּ פון דעם ביטערן פוקס, האָט ער געטראַכט. ער גלויבט, ווי עס שיינט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ גרינעם און ווייס ניט, אַז נאָך מיט

צוואַנציק יאָר צוריק בין איך געווען טעטיק אין דער דאָזיקער בראַנזשע. ניין, מיין ליבער מאַניסאַלי, מיך פאַרמוליעט מען ניט אַזוי פּשוט די ציין.

— ליידער קאָן מען איצט ניט קריגן קיין עכטן שאַמפּאַניער, אָבער אַ גוטער דייטשישער שוים־וויין, — האָט דער ווירט געזאָגט און האָט גלייכ־צייטיק אָנגעגאָסן דריי גלעזער. די שיינהייט האָט גענומען אַ גלאָז און אים דערלאַנגט. מאַניסאַלי האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז פאַר קעניג קאַראָל. באַרבאַרעסקו האָט געמוזט ענטפערן אויף דעם טאָסט מיט אַ גנעדיקן שמייכל, וואָס האָט אים נאָך מער אויפגערעגט, און אָנכמורענדיק די ברע־מען, האָט ער געזאָגט:

— דאָס געשעפט שיינט צו גיין זייער גוט.

— אָבער הער פּרעפעקט, האָט איר אַ באַגריף פון די גרויסע שטייערן? מען אַרבעט היינט צו טאָג פאַר דער מלוכה. גלויבט מיר, הער פּרעפעקט, ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן די אָפיצערן, וואָלט איך אויף זיך אַזאַ עול ניט גענומען. פאַר מיינע קליינע באַדערפענישן איז געווען גענוג דאָס קליינע הויז, וואָס איך האָב פריער געהאַט. אָבער מיר לעבן אין גרויסע צייטן, און אונדזער אַרמיי מוז זיין דערוואַקסן צו איר אויפגאַבן.

ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן דריי גלעזער און זיי האָבן געטרונקען פאַרן וואוילזיין פון דער רומענישער אַרמיי.

קאַראָל באַרבאַרעסקו איז פאַרבליבן ניט מער ווי אַ האַלב־שעה אין דעם לאָקאַל. פון מאַריאַן האָט ער אָפּשייד גענומען מיט די ווערטער: „אַן אַנדערש מאָל." ער איז באַשטאַנען אויף באַצאָלן פאַר דעם וויין, קעגן דער דערווידערונג פון מאַניסאַלין, און ביים אַרויסגיין, ווען דער ווירט האָט אים אונטערגעטראָגן זיין מאַנטל, האָט ער געזאָגט: „מיר וועלן מאָרגן צען אַזייגער אינדערפרי האָבן ביי מיר אַ שמועס."

ווען מאַניסאַלי איז דעם נעקסטן אינדערפרי געזעסן אין דער קאַנצע־לאַריע פון דער אונטערפּרעפעקטור, האָבן די צוויי געזוכט אַריבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן אין העפלעכקייט.

— איך קאָן קוים געפינען ווערטער, הער פּרעפעקט, אויסצודריקן דעם כבוד וואָס איר האָט אונדז אָנגעטאָן מיט אייער נעכטיקן באַזוך.

— בלויז מיין אַמטלעכע פליכט דערפילט, נאָר אַמטלעך. און איך מוז צוגעבן, אַז אייער געשעפט איז באמת אַ לעבנס־וויכטיקע אונטערנעמונג.

אַנדרעאַס מאַניסאַלי האָט גוט געוווּסט, אַז קאַראָל באַרבאַרעסקוס קומען אין זיין לאָקאַל און דער איצטיקער געשפּרעך וועלן אים קיין גוטס ניט ברענגען. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן וויפיל יענער וועט זיך לאָזן באַצאָלן. די באַטאָנונג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ לעבנס־וויכטיקער אונטערנעמונג, האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די מטבע וועט ניט זיין קיין קליינע. שליסן צייטווייליק דאָס געשעפט, האָט ער געטראַכט, קאָן ער

ניט. דאָס וועט דער קאָמענדאַנט ניט דערלאָזן. אויך ער האָט דעריבער גע־וואָלט באַטאָנען די לעבנס־וויכטיקייט פון געשעפט, ווייל וואָס ס'איז לעבנס־וויכטיק, טאָר אויף קיין איין מינוט ניט ווערן אונטערבראָכן. ער האָט געזאָגט:

— נאָך ווי! די אונטערנעמונג איז לעבנס־וויכטיק. ווען מען געפינט זיך אין מיטן דער ארבעט, ווי איך, וואָס האָב די געלעגנהייט צו זען פון נאָענטן ווי אונדזערע אָפיצערן און סאָלדאַטן זאַמלען דאָרט אַן נייע כחות פאַר דער גרויסער אַנטשיידונג, וואָס שטייט פאַר אונדזער לאַנד, קאָן מען פאַרשטיין אָט די לעבנס־וויכטיקייט.

— יאָ, הער מאַניסאַלי, איר האָט געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט. די אַרמיי איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן, די גאַראַנטיע פון אונדזער צוקונפט. און טאָקע צוליב דעם באַטראַכט איך אייער אונטערנעמונג אַלס לעבנס־וויכטיק, און טאָקע צוליב דעם מוזן אַזעלכע אונטערנעמונגען באַ־זונדערס באַשיצט ווערן.

איך פאַרשטיי שוין, האָט אַנדרעאַס מאַניסאַלי געטראַכט. ער וויל מיר געבן אַ מין שוץ־וואַך, וואָס וועט, נאַטירלעך, עקזיסטירן בלויז אויפן פּאַפּיר, און ער וועט פאַר דעם פאָדערן באַצאָלט.

— דאָס איז זייער גוט פון אייער זייט, וואָס איר האָט געטראַכט וועגן באַשיצן מיין אונטערנעמונג. אָבער איך גלויב, אַז דער גאַרניזאָן זאָרגט זיך שוין פאַר דעם. איך מוז זאָגן, ניט איבערטרייבנדיק, אַז די אָפיצערן און סאָלדאַטן באַטראַכטן מיין הויז אַלס זייער אייגענע היים.

— איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען, הער מאַניסאַלי. מיר לעבן, גאָט צו דאַנקען, אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט געזעץ און אָרדענונג. באַזונדערע שוץ איז ניט נויטיק, און אַוודאי ניט אין סערעט, די שטאָט, פאַר וועלכער איך טראָג די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווען איך רעד וועגן שוץ, מיין איך דאָס, נאַטירלעך, אין ראַסן־זין.

— לויטער ראַסאָווע מיידלעך, איינע מער ראַסאָווע ווי די אַנדערע.

— הער מאַניסאַלי, מיך פאַרדריסט וואָס איר פאַרשטייט מיך נאָך אַלץ ניט. איר ווייסט, אַז עס איז די שטרעבונג פון זיין מאַיעסטעט דער קעניג און אונדזער רעגירונג, אין דעם זין פון דער נייער צייט, צו האַלטן אונדזער ווירטשאַפט, אונדזער קולטור, אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד ראַסן־ריין.

— אָך, אַזוי גאָר? איר מיינט בשייכות יידן, הער פּרעפעקט. אין דער הינזיכט קאָנט איר זיין פולשטענדיק רואיק. ניט איך, ניט מיינע מיט־אַרבעטערינס זיינען פון דער יידישער ראַסע. מיר האָבן מיטן יידנטום גאָר־נישט צו טאָן. און אַ ייד וואַגט ניט אַריינצוקומען אין מיין עסטאַבלישמענט.

— זייט איר אַ רומעניער?

— ניין.

— זייט איר רומעניש־קאטויליש, גריכיש־אָריענטאַליש, גריכיש־קאַטויליש, פּראָטעסטאַנטיש?

— ניין, אָבער ארמעניש־קאַטויליש.

— אין אונדזערע געזעץ־ביכער, וואָס זיינען פאַרן שוץ פון אַלע נאַציעס, וואָס לעבן אויף רומענישן באָדן, און פאַר זייערע רעליגיעס, און וואו עס זיינען אויסגערעכנט די דאָזיקע נאַציעס און רעליגיעס, וואָס, לויט דער נייער געזעצגעבונג, קאָנען זיין די אייגנטימער אָדער פאַרוואַלטער פון לעבנס־וויכטיקע אונטערנעמונגען, איז ניט דערמאָנט ניט ארמעניער און ניט די ארמעניש־קאַטוילישע רעליגיע. איר וועט דעריבער מיר דאַרפן ברענגען אַ צייגעניש פון דעם היגן רוימיש־קאַטוילישן גלח, דר. שיקלער, אַז די ארמעניש־קאַטוילישע רעליגיע איז די זעלבע ווי די רוימיש־קאַטוילישע, אַז פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט האַלט ער, אַז איר זייט ראוי אָנצופירן מיט אַזאַ לעבנס־וויכטיקער אונטערנעמונג.

— הער פּרעפעקט, עס איז ניט מיין געשעפט צו דערציילן ווער עס באַזוכט מיין לאָקאַל. אָבער דער הער גלח שיקלער מאַכט אַליין פון דעם ניט קיין סוד, און איך קאָן אייך דעריבער זאָגן, אַז ער איז ביי מיר אַ שטענדיקער גאַסט. אָבער איך גלויב ניט, אַז ער איז אין אַ לאַגע מיר ארויסצוגעבן אַזאַ צייגעניש, ווייל די ארמעניש־קאַטוילישע קירך איז פול־שטענדיק אומאָפּהענגיק פון רוים. מיט שטאָלץ קאָן איך זאָגן, אַז אונדזער קירך געהערט צו די עלטסטע פון קריסטנטום, אויב זי איז ניט די סאַמע עלטסטע. און אונדזער פאָלק איז איינס פון די עלטסטע ארישע פעלקער אויף דער וועלט. דאַרף איך אייך דערמאָנען, הער פּרעפעקט, אַז דער באַרג אררט געפינט זיך אויף ארמענישן באָדן, און אַז נחס תיבה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן באַרג.

— נו יאָ, דערמיט האָט איר דעם ענין קלאָר געמאַכט. נח, אַלס אַ ביבלישע פיגור, איז אַ ייד. זיינע קינדער האָבן באַפעלקערט ארמעניע. דעריבער זיינען די ארמעניער, אויב ניט לויט זייער רעליגיע, איז לויט זייער אָפּשטאַם, פולשטענדיקע יידן. פאַר אייך פערזענלעך האָב איך דעם גרעסטן רעספּעקט און האַלט אייך דווקא פאַר דעם צוגעפּאַסטן מאַן, וואָס קאָן אָנפירן מיט אַזאַ אונטערנעמונג. אָבער אויך אַן אונטערפּרעפעקט, דווקא אַ מאַן אין מיין פּאָזיציע, טאָר ניט פאַרזען און איבערטרעטן די עקזיסטירנדיקע געזעצן.

אנדרעאַס מאַניסאַלי איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול.

— איך בין אַ געזעץ־ליבנדיקער מענטש. קיינמאָל האָט מיך נאָך קיינער ניט פאַרגעוואָרפן, אַז איך בין געקומען אין קאָנפליקט מיטן געזעץ, טראָץ מיינע 52 יאָר. אָבער אַז מען זאָל מיר מאַכן אַ פאַרוואורף, אַז דאָס ארמענישע פאָלק, וואָס האָט אַזוי העראָאיש געקעמפט קעגן די טערקן, איז

פון יידישן אָפּשטאַם — דאָס קאָן איך ניט דערלאָזן, ווען איך זאָל אפילו דאַרפֿן גיין ביז בוקאַרעשט.

אַנדרעאַס מאַניסאַלי האָט, נאַטירלעך, ניט געטראַכט וועגן גיין קיין בוקאַרעשט, ווייל דאָס איז געווען, ווי ער האָט געוואוסט, אַ וועג אין דער ענדלאָזיקייט, און אַז קאַראָל באַרבאַרעסקו, ווען ער האָט זיך אויף עפּעס פֿאַרלייגט, וועט ער עס אַזוי לייכט ניט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט.

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט געזאָגט רואיק:

— דער וועג קיין בוקאַרעשט איז פֿאַר יעדן פֿריי. איך וועל אָבער זיין געצוואונגען, ביז אַן אַנטשיידונג, צו שטעלן דעם לאָקאַל אונטער דער פֿאַרוואַלטונג פון אַ קאָמיסאַר.

אַ קאָמיסאַרישע פֿאַרוואַלטונג? — פֿאַר דעם האָט אַנדרעאַס מאַניסאַלי צום שטאַרקסטן מורא געהאַט. ער האָט לעצטן חודש אָנגעגעבן אין דער שטייער־ביוראָ זיין איינקונפט אַלס פֿינף טויזנט לעי, פּונקט ווי אין דער צייט, איידער דער גאַרניזאָן איז אַריינגעקומען אין סערעט. ער און זיין פֿרוי האָבן פּונקט מיט צוויי טעג צוריק באַרעכנט, אַז דאָס געשעפֿט ברענגט איצט אַריין אַ ריינעם פּראָפֿיט פון 150 טויזנט לעי אַ חודש, און דאָס געשעפֿט, גאָט צו דאַנקען, האַלט אין וואַקסן. אונטער אַלע אומשטענדן איז נויטיק אויסצומיידן אַ קאָמיסאַר.

— אַז איך בין ניט קיין ייד, הער פּרעפֿעקט, איז פֿעסטגעשטעלט. פּונקט אַזוי איז פֿעסטגעשטעלט, אַז די אַרמענישע נאַציע איז איינע פון די עלטסטע אַרישע נאַציעס אין דער וועלט, ווען אפילו, צום באַדויערן, דאָס איז ניט פֿאַרשריבן אין די געזעצן פון דעם דאָזיקן לאַנד. איך פֿאַרשטיי, אַז איר זייט בלויז פֿאַראינטערעסירט אין באַשיצן דאָס געזעץ פון לאַנד. וואָס שלאָגט איר פֿאָר?

— אַריאַניזירונג.

אַנדרעאַס מאַניסאַלי האָט נאָך געמאַכט אַ שוואַכן פֿאַרזוך זיך צו פֿאַרטיידיקן:

— אַריער, ווי געזאָגט, זיינען מיר אַלע. אָבער אויב איך פֿאַרשטיי אייך ריכטיק, ווילט איר מיט דעם זאָגן אַן אַריאַניזירונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די געזעצן פון לאַנד.

— פֿאַר מיר האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געגאָלטן קיין אַנדער שטאַנדפּונקט, ווי דער שטאַנדפּונקט פון געזעץ. זיך אַריינלאָזן אין ראַסן־ און רעליגיע־פֿאָרשונג — פֿאַר דעם בין איך ניט באַרופֿן און ניט צוגעפּאַסט. אָבער צו קומען צו אַ שלום: פֿאַר דעם געזעץ וועט זיין גענוג, ווען אַ פֿולער אַריער, אָדער אַ פֿולע אַריערין, וועט זיך באַטייליקן אין דעם געשעפֿט מיט 50 פּראָצענט.

— מיט 50 פּראָצענט? — אַנדרעאַס מאַניסאַלי איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. — איר מיינט בלויז פאָרמעל?

— וואו עס האַנדלט זיך וועגן רעכט און געזעץ, קאָן איך גאָרנישט מאַכן. אין דער הינזיכט איז פאַר מיר ניטאָ קיין שום פאָרמאַליטעט. די פאָרם מוז אַנטשפּרעכן דער טאַטזאַך.

אַנדרעאַס מאַניסאַלי האָט איינגעזען, אַז ער האָט ניט קיין אויסוועג. ער האָט העכער צוויי צענדליק יאָר געלעבט אונטער אַ רומענישער פאַר־וואַלטונג און געוואוסט, אַז משפּטן זיך וועט זיין לאַגע נאָך ערגער מאַכן. אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ער זיך געקלאַמערט אָן דער האָפענונג אין דער צוקונפט, און האָט געפרעגט:

— גלויבט איר ניט, הער פּרעפעקט, אַז אין אַנזיכט פון דער גע־שפּאַנטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וועט פאָרקומען אַ פאַרגרעסערונג פון דעם היגן גאַרניזאָן?

— די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע באַרעכטיקט דאָס. אויף אַזויפיל קאָן איך אייך פאַרזיכערן, הער מאַניסאַלי, אַז איר קאָנט האָבן די בעסטע האָפע־נונגען. איך קאָן אייך גאַראַנטירן, אַז אייער אונטערנעמונג האָט אומ־באַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו וואַקסן. און עס איז דעריבער אין אייערע אינטערעסן צו באַזאָרגן, אַז אייער אונטערנעמונג זאָל ניט געשטערט ווערן דורך אַ צוזאַמענשטויס מיטן געזעץ. איך שלאָג אייך דעריבער פאָר, אַז נאָך היינט זאָלט איר אין האַנדלס־אינספּעקטאָראַט ביי דער אונטערפּרע־פעקטור פאַררעגיסטרירן פריילין עלזאַ באַרקע אַלס שותּף אין אייער גע־שעפט. זי אַרבעט אין דער פּאָטשט און וועט אַלס שותּף שטיין אויפן ערשטן פּלאַץ, פאַרזיכערנדיק דורך דעם די אונטערנעמונג. איך וועל מיט איר רעדן און זי באַוועגן, אין די אינטערעסן פון דער דאָזיקער לעבנס־וויכטיקער אונטערנעמונג, אויפצוגעבן איר אַמט אין דער פּאָטשט.

פריילין עלזאַ באַרקע איז אויסגעוואַקסן, אָן דעם אַז מאַניסאַלי זאָל האָבן באַמערקט ווי און פון וואַנען זי איז אַריינגעקומען. אויפן טיש, ווי דורך אַ צויבער, איז פּלוצלונג געשטאַנען אַ פלאַש שאַמפּאַניער און דריי גלעזער. „איר זעט”, האָט באַרבאַרעסקו געזאָגט, „מיט אַ ביסל אָנ־שטרענגונג קאָן מען נאָך אַלץ קריגן עכטן פראַנצויזישן שאַמפּאַניער.” מען האָט געטרונקען פאַרן וואוילזיין פון דער אַרמיי און אויך פאַר דער אַרמיי־דינענדיקער אונטערנעמונג פון באַרקע און מאַניסאַלי.

— כדי איר זאָלט ניט פאַרלירן אייער ווערטפולע צייט, — האָט באַר־באַרעסקו געזאָגט, — האָב איך צוגעגרייט די נויטיקע דאָקומענטן. עס פעלן בלויז אייער און פריילין באַרקעס אונטערשריפטן.

4.

פאַר יוסטפאַנען זיינען דאָס געווען אומרואיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. ניט נאָר איז ער געווען באַזאָרגט, זינט ער האָט באַקומען דעם בריוו, וואָס קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וועגן זיינע ראַסאָווע קי, נאָר אויך וועגן דעם, וואָס מ׳האָט אים דאָרט גערופן פאָלקס־גנעגאָסע. דערצו האָט אים געמאַטערט די פּראַזע וועגן דער טויטן־שעה, וואָס שלאָגט פאַר דעם פאַררעטערישן אַלביאָן. אַלביאָן איז אין סערעט געווען דער נאָמען פון דעם באָאַמטן, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט אויף דער אייזנבאַן־שטרעקע, וואָס ביי סערעט. יוסטפאַן האָט אים געקענט יאָרנלאַנג. ער איז געווען אַ רומעניזירטער איטאַליענער, וואָס איז מיט צענדליקער יאָרן צוריק פאַרוואָרפן געוואָרן אין סערעט, אַ גוטמוטיקער זקן, וואָס האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. די דאָזיקע פּראַזע האָט יוסטפאַן ערשט ריכטיק צעקייט דעם צווייטן טאָג. וואָרים דער בריוו איז געווען פול מיט אַזויפיל רעטענישן, אַז ער וועט דאַרפן טראַכטן וועגן דעם חדשים, אפשר יאָרן. ער האָט זיין פרוי געזאָגט, אַז „אייגנטלעך זיינען מיר מחויב דעם אַלטן צו וואָרענען". אָבער פרוי יוסטפאַן איז געווען אַנטשיידן קעגן דעם: שטרענג־פאַרטרויליכע זאַכן דאַרפן פאַרטרויליך באַהאַנדלט ווערן — „אַלביאָן איז אין גאַנצן העגט, פּונקט ווי מיר." יוסטפאַן האָט ניט געוואַגט ווידערשפּרעכן זיין פרוי, אָבער דער געוויסן האָט אים גיט אויפגעהערט פּלאָגן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עפּעס שטימט ניט.

אַרום פערצן מעג נאָכן באַקומען דעם סודותפולן בריוו, האָט אין יוסטפאַנס וואוינונג זיך באַוויזן אַ שלאַנקער בלאָנדער מאַן פון אַ יאָר פופציק. ער איז געווען אַן עלעגאַנטער, גלאַט־ראַזירטער הער, מיט אַ טראַנשיי־מאַנטל, געפּרעסטע הויזן, און אַ ווייכן גרויען פילץ־הוט. ער האָט פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט, האָט געפרעגט, צי אַ פרעמדער געפינט זיך ניט אין הויז, און געבעטן אַנטשולדיקונג ביי דער מאַדאַם יוסטפאַן, ווייל ער דאַרף מיט איר „הער־געמאַל" שטרענג־פאַרטרויליך רעדן, אונטער פיר אויגן. דאָס וואָרט „שטרענג־פאַרטרויליך" האָט געווירקט. פרוי יוסטפאַן האָט אין דעם דאָזיקן וואָרט דערזען אַ שייכות מיט דעם בריוו. ניט זייער גערן האָט זי איבערגעלאָזט די צווי מענער אַליין. דער פרעמדער האָט זיך פאָרגעשטעלט: אָטאָ פאָן ראַובניטץ, פאַרשטייער פון צענטער פאַר אויסלאַנדס־דייטשן אין שטוטגאַרט. ווידעראַמאָל אַ שייכות מיט דעם בריוו. יוסטפאַן האָט איצט דערוואַרט אַ לייזונג פון אַלע רעטענישן.

— מען האָט דאָך אייך, הער פאָלקסגענאָסע, געלאָזט וויסן וועגן מיין קומען.

— קיינער האָט מיר וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט.

— האָט איר ניט דערהאַלטן אַ בריוו, אין וועלכן מ׳האָט אייך גע־מאָלדן וועגן מיין קומען ?

— איך האָב, הער דייטש, דערהאַלטן אַ בריוו. אָבער איך האָב אים ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. דער בריוו איז געקומען פון טשערנאָוויץ, אָבער וועגן אייער קומען רעדט זיך דאָרט ניט.

— ווי עס שיינט, איז דער בריוו, וואו מ׳האָט אייך געמאָלדן וועגן מיין קומען, פאַרלאָרן געוואָרן, אָדער שונאים האָבן באַוואוסטזיניק אים צו־געגנבעט.

— יאָ, מען גנבעט דאָ בריוו.

— ווייסט איר עפּעס־וואָס מער וועגן דעם ענין ? ווייסט איר ווער עס האָט דאָס געטאָן ?

— אָ, איך ווייס, אוודאי ווייס איך.

פרוי יוסטפאַן, וועלכע האָט זיך צוגעהערט פון דער אַנדער זייט טיר, האָט אריינגעשטורעמט אין צימער מיט אַ געשריי:

— דערפאַר האָבן זיי דאָך אים אָפּגעזאָגט. איך בין שוין דאַן געווען מיט דער מיינונג, אַז ער דאַרף זיך ניט מישן אין עסקים, וואָס געהערן זיך אים ניט אָן. היינט צו טאָג מוז יעדערער זיין צופרידן און גליקלעך, ווען מ׳לאָזט אים צו רו. אַנדערע קימערן זיך ניט וועגן אונדז, און מיר דאַרפן זיך ניט קימערן וועגן אַנדערע.

יוסטפאַן איז איר אריינגעפאַלן אין די רייד — דאָס האָט ער געוואָגט בלויז, ווען אַ פרעמדער איז געווען דערביי:

— דו זעסט, דו זעסט ! איצט איז עס געשען מיט אַ בריוו צו אונדז. בין איך ניט געווען גערעכט, ווען איך בין אַרויסגעטראָטן קעגן דעם ?

— ווען דו וואָלסט אָבער נאָך אַלץ געווען בריוו־טרעגער, וואָלט עטוואָס אַזוינס . . .

דער פרעמדער האָט זיך אריינגעמישט מיט אַ טאָן פון אומצופרידנקייט:

— גנעדיקע פרוי, אפשר וועט איר אונדז פאָרט איבערלאָזן אַליין ?

פרוי יוסטפאַן האָט געפאָלגט. אָט דער פרעמדער האָט ביי איר אַרויס־גערופן רעספּעקט.

— נו, הער פאָלקס־גענאָסע, דעם בריוו, אין וועלכן מ׳האָט אייך גע־מאָלדן וועגן מיין קומען, האָט מען אייך ניט אָפּגעגעבן, דאָס איז קלאָר. איר קענט אפילו די פאַרברעכער, וועלכע זיינען באַגאַנגען דעם דאָזיקן שענדלעכן אַקט, כדי צו שטערן אונדזער אַרבעט. דאָס איז אויסגעצייכנט.

— אָ, איך קען אים, ער האָט דאָך מיך אָפּגעזאָגט פון מיין שטעלע.

— און ווער איז ער ?

— ס׳איז דער פאַרשטאָרבענער דירעקטאָר פון דער פּאָטשט. ער איז פאַראיאָרן פּלוצלונג געשטאָרבן.

— אָבער, הער פֿאָלקסגענאָסע, אַ טויטער האָט דאָך ניט געקאָנט צו־גנבענען אַ בריוו, וואָס האָט אייך געדאַרפֿט אָנקומען פֿריסטנס מיט אַ פֿיר טעג צוריק. לאָמיר בעסער איבערגיין צום ענין גופא. אויף וויפֿיל איך האָב אייך פֿאַרשטאַנען, האָט איר דעם ערשטן בריוו וועגן דער גרינדונג פֿון אַ פֿאָלקס־גענאָסנשאַפֿט יאָ באַקומען. קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איר האָט וועגן דעם געטאָן.

יוסטפֿאַן האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע דעם בריוו, וואָס האָט אים אַזוי לאַנג געמאַטערט, און געזאָגט:

— איך בין גליקלעך, וואָס איר האָט עטוואָס צו טאָן מיט דעם דאָזיקן בריוו, ווייל שוין פֿערצן טעג פּלאָג איך זיך און קיינער קאָן מיר ניט זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, הגם איך בין דער באַרימטסטער בריוושרייבער פֿון סערעט. מיינע בריוו ווערן געלייענט אין מאָנטרעאָל, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס און ריאָ דע זשאַנעיראָ. דורך מיינע בריוו האָבן שוין פֿיל אַלמנות געקאָנט ווידער חתונה האָבן, און פֿיל מאַמעס דאָ אין סערעט האָבן דורך מיינע בריוו אויסגעזוכט זייערע זין אין דער פֿרעמד און דערהאַלטן פֿון זיי געלט. איך קאָן אייך באַווייזן . . .

— וואָס מיינט דאָס, הער פֿאָלקסגענאָסע, אַז קיינער פֿאַרשטייט ניט דעם בריוו? האָט איר אים עמעצן געוויזן? האָט איר פֿאַרזען די באַ־מערקונג „שטרענג־פֿאַרטרויליך"?

אינסטינקטיוו האָט יוסטפֿאַן באַגריפֿן, אַז ער דאַרף דאָ דעם אמת ניט זאָגן.

— ווען איך זאָג „קיינער", — האָט ער געענטפֿערט, — מיין איך, נאַטירלעך, מיך און מיין פֿרוי. אַ יוסטפֿאַן ווייס ווי מ'דאַרף באַהאַנדלען שטרענג־פֿאַרטרוילעכע זאַכן. ניט אומזיסט בין איך 25 יאָר צייט געווען קייזערלעך־קעניגלעכער בריוו־טרעגער. ווען די ערשטע טעלעגראַמעס וועגן דעם אויסברוך פֿון דעם קריג זיינען אָנגעקומען . . .

— נו, גוט, גוט. איך וויל בלויז ציען אייער אויפֿמערקזאַמקייט, אַז די פֿאָלקסגענאָסן, וועלכע האָבן דעם צוטרוי פֿון דעם פֿירער, מוזן פֿאַר־טרוילעכע זאַכן האַלטן בסוד אויך פֿון זייערע פֿרויען.

פֿרוי יוסטפֿאַן האָט ווידער אויפֿגעריסן די טיר און אויסגעשריען:

— ניט ביי מיר! זאָל ער זיך דאָן זוכן אַן אַנדער פֿרוי.

אָבער ווידעראַמאָל איז געווען גענוג אַ בליק פֿון דעם פֿרעמדן, אַז זי זאָל פֿאַרלאָזן דעם צימער.

פֿאָן ראַובניטץ האָט געזאָגט:

— הערט נאָר, הער פֿאָלקס־גענאָסע יוסטפֿאַן. מיר האָבן אייך אויס־געקליבן, ווייל לויט אַן אונטערזוכונג שטאַמט איר אָפּ פֿון פֿיר דורות ריין־ראַסיקע אַריש־דייטשישע גערמאַניער. אויב איר פֿאַרשטייט היינט ניט אַלץ,

װעט איר דאָס פאַרשטיין אין לויף פון דער אַרבעט. איר האָט יאָרנלאַנג געלעבט אונטער פרעמדער הערשאַפט, און עס װאָלט געװען אַ װאונדער, װען איר זאָלט היינט שוין פולשטענדיק לעבן אין אונדזער גייסט. װאָס מיר פאַרלאַנגען פון אייך היינט, איז ניט מער װי דאָס, װאָס דער פירער פאַרלאַנגט פון הונדערטער מיליאָנען דייטשן: פאָלגן און שװייגן. טראַכטן איז ניט אונדזער זאַך. מיר מוזן תיכּף אָנהויבן אָרגאַניזירן דאָ די פאָלקס־געמיינשאַפט. מיר טאָרן מער ניט פאַרלירן קיין איין טאָג, אַניט װעלן די געשעענישן אונדז פאַרלויפן דעם װעג.

:: :: ::

עס זיינען געװען צװעלף דייטשן, װעלכע יוסטפאַן האָט אויף דעם אויפטראָג פון אָטאָ פאָן ראַובניטץ פאַרבעטן צו זיך אין הויז דעם זעלביקן אָװנט. אין דער צייט, װאָס פאָן ראַובניטץ האָט גערעדט װעגן דער פאָלקס־דייטשישער אָרגאַניזאַציע, דערציילט װי עס האָט געלונגען דעם געניוס פון דעם פירער ניט נאָר אַזעלכע מיטעלע מאַכטן, װי דענמאַרק און נאָרװעגיע, לוקסעמבורג, בעלגיע, האָלאַנד און גאַנץ פראַנקרייך אומצואװאַרפן, נאָר דורך אַ נעץ פון אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס צו מאַכן אומפּייאיק צו קעמפן אויך די פאַראייניקטע שטאַטן, אַלע לאַטיניש־אַמעריקאַנישע לענדער, די באַלקאַנען, און נאָך אַנדער װייטע װינקלען פון דער װעלט, גערעדט װעגן דעם פירערס גבֿורות — האָט ער דורכדרינגלעך באַאָבאַכט די רייען פון די צוהערער. ער האָט יעדן דורכגעדרונגען מיט זיין בליק און איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער באַדייטנדיקסטער, אינטעליגענטסטער און פייאיקסטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז דער ברויערײַ־אַרבעטער סימיאָן שטראַוב. אָן אומגליק, האָט ער געטראַכט, איז נאָר דאָס, װאָס זיין פאָטער איז יאָרנלאַנג געװען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, און װאָס ער אַליין האָט געהאַט אָן אוקראַאינישע פרוי. מען מוז אים אָבער פונדעסטװעגן אַריינציען.

איבערגייענדיק פון די נצחונות ביי פאַריז, דעם פאָרשטייענדיקן טויט פון אַלביאָן, און דער אונטעריאָכונג פון אַמעריקע דורך די אויסלענדישע גרופּעס, צו סערעט, האָט אָטאָ פאָן ראַובניטץ אָנגעמערקט די אויפגאַבן, װאָס שטייען דעם אָװנט פאַר דער געגרינדעטער פאָלקס־געמיינשאַפט.

— רומעניע, — האָט ער געזאָגט, — איז דער פעסטער באָדן, אויף װעלכן מיר שטייען. פאַר זיין זיגמאַרש צו פאַרכאַפּן די װעלט, נויטיקט זיך דער פירער אין פּעטראָלעאום, תבֿואה און פי, פונקציאָנירנדיקע אייזנבאַנען און גוטע װעגן. די פאָלקס־געמיינשאַפט דאַרף אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין דער בעסטער אָרדענונג. אַלץ, װאָס װעט זיך אונדז שטעלן אין װעג װעט אומברחמנותדיק פאַרניכטעט װערן. מיר מוזן אויסראַמען אַלץ, װאָס איז דאָ פאַרעלטערט און אַנטי־דייטשיש. פריער פון אַלץ מוזן מיר אַליין װערן באַװאוסטזיניק װעגן דעם, אַז דער באָדן, אויף װעלכן מיר

געפינען זיך, איז אַן אָפּעראַציע־באַזע און גלייכצייטיק אַן אוראַלטע דייטשישע היימלאַנד. גערמאַנישע שבטים זיינען דאָ געווען אין משך פון יאָרטויזנטער. אין משך פון צענדליקער יאָרן איז סערעט געווען אַ שטאָט פון דייטשישער קולטור, און זי מוז דאָס ווידער ווערן. פריער פאַר אַלץ, מוזן די פויערים צושטעלן זייערע בהמות, מוז דער באָדן באַארבעט ווערן, כדי די דייטשישע אַרמיי זאָל ניט געשטערט ווערן אין איר פאַרויסמאַרש דורך מאַנגל. יעדער פון אונדז מוז זיין אויף דער וואַך, וואַכזאַמקייט און נאָך אַמאָל וואַכזאַמקייט!

פון דער לאַנגער רעדע האָט יוסטפאַן ווידעראַמאָל זיך בלויז אָפּגע־שטעלט אויף די ווערטער „אַלביאָן”, „אייזנבאַן”, און „אָפּראַמען פון וועג”. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם מיטלייד־געפיל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר דעם אייזנבאַן־אויפזעער, אַלביאָן. געוויס, דער פאַרשטייער פון דעם פירער, אָטאָ פאָן ראַובניטץ, איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די אייזנבאַן פונקציאָנירט ניט. יוסטפאַנען האָט מען קיין סך ניט געדאַרפט דערציילן, ווי עס פירט זיך אין רומעניע. ער האָט דאָך אַליין געהאַט זיין ביטערע דערפאַרונג מיט דער פּאָטשט. אָבער איז ניט מעגלעך, אַז מיט אַלביאָנען זאָל געשען דאָס זעלביקע, וואָס ס'האָט מיט אים פּאַסירט אויף דער פּאָטשט? פּאַרוואָס־זשע זאָל מען גלייך אַן אומשולדיקן מענטשן אָפּראַמען פון וועג? פון זיינע געדאַנקען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווען ער האָט דערהערט זיין אייגענעם נאָמען. מ'האָט מיטגעטיילט, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם פאַרזיצער און שטראָוב פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער ניי־געגרינדעטער פאָלקס־געמיינשאַפט־גרופּע. ס'איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו שיקן אַ טעלעגראַמע, וואָס זאָל אויסדריקן די ליבע פאַרן פירער, און אויך צו שיקן אַ טעלעגראַמע צום צענטער אין שטוטגאַרט. יוסטפאַן האָט בלויז געבעטן, אַז ער זאָל באַשטימט ווערן אָפּצוטראָגן די טעלע־גראַמעס מאָרגן אינדערפרי אין פּאָטשט. ער וועט שוין די הערן באַווייזן, אַז מ'קאָן ניט דעם אַלטן יוסטפאַן אומבאַשטראָפט באַליידיקן און דער־נידעריקן.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט נאָך געהאַלטן אַ שלוס־וואָרט, אין וועלכן ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פון איצט אָן און ווייטער דאַרף יעדער דייטש זיך באַטראַכטן אַלס באַלעבאָס פון לאַנד.

— מיר זיינען, האָט ער געזאָגט, — די מלוכה אין דער מלוכה, וואָס באַהערשט דעם גאַנצן שטאָט. אָבער מיר נויטיקן זיך אין די מענטשן דאָ, און ווילן קודם כל אַרויסבאַקומען אַלץ אָן אַ קאַמף. דערביי מוז יעדער פאַרשטיין, אַז עס וועט אונדז קאָסטן שווערע מי און אַרבעט צו ברענגען דאָס הויז אין אָרדענונג. מעגלעך, אַז שוין אין די נעקסטע טעג קאָן פאַר אונדז שטיין די אויפגאַבע צו בילדן פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט אַ סאָרט

רעגירונג, דאָס הייסט, אַלץ אַריינצונעמען אין אונדזערע אייגענע הענט. אָבער אין יעדן פאַל ניט האַנדלען מיט דער אייגענער מאַכט, נאָר זיך האַלטן ביי די געגעבענע אָנווייזונגען.

מיט די אויפגעשריבענע טעלעגראַמעס אין קעשענע, איז יוסטפאַן פאַרבליבן, צופרידן, ווי ער איז שוין אַ צייט ניט געווען; ביים ליכט פון דעם עלעקטרישן לאָמפּ, אַליין אין זיין צימער, נאָכדעם ווי אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט ער געלייענט נאָך אַמאָל די טעלעגראַמעס און אים איז איינגעפאַלן, אַז דער פירער, צו וועמען די טעלעגראַמע איז אַדרעסירט, טראָגט דעם נאָמען אַדאָלף היטלער. איבעררַאַשט פון זיין אַנטדעקונג, האָט ער געזאָגט זיין פרוי:

— איצט וועלן מיר אַ סך זאַכן קלאָר. דער פירער, וועגן וועמעס פּיס עס רעדט זיך אין דעם בריוו אין פאַרבינדונג מיט בעלגיע און האָלאַנד, איז דער זעלביקער, וועלכן מען באַגריסט ביים אונטערשריפט מיט „העיל". דער הער פאַן ראַובניטץ האָט דאָך געזאָגט, אַז איצט איז מער ניטאָ קיין גוט־מאָרגן און גוטן־אָוונט, איבערהויפּט איז מער ניטאָ קיין גוטס, נאָר העיל היטלער.

פרוי יוסטפאַן האָט אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן, הערנדיק אָט די מעלדונג פון איר מאַן.

:: :: ::

„. . . און דעריבער זיינען מיר מודיע אַלע אונטערגעאָרדנטע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט און אָן ווידערשפּרעכן אויספאָלגן די דייטשן. מיר ציען ווייטער די אויפמערקזאַמקייט פון די באַאַמטע, אַז יעדע קעגנערישקייט צו די דייטשן וועט באַטראַכט ווערן אַלס מיליטערישע אומגעהאָרכזאַמקייט.

פאַר דעם אינערן־מיניסטעריום."

דער דאָזיקער צירקולאַר פון דעם אינערן־מיניסטעריום אין בוקאַרעשט האָט נאָך מיט אייניקע וואָכן פריער שטאַרק באַאומרואיקט באַרבאַרעסקון. וואָרים וואָס דער דאָזיקער צירקולאַר האָט געלויטעט, האָט באַדייט פאַר אים ניט נאָר דאָס אויפגעבן פון זיין אַבסאָלוטער הערשאַפט אין סערעט, נאָר אויך זיין דעגראַדירונג צו אַ ווילנלאָזיקן ווערקצייג פון יעדן פרעמדן דייטש. איצט אָבער, זייענדיק אויף פּופּציק פּראָצענט אייגנטימער פון דעם געשעפט „באָרקע און מאַניסאַלי", מיט דער שטילער האָפענונג אַרויסצומאַנעווורירן מאַניסאַלין אינגאַנצן פון דער אונטערנעמונג, האָט דער דאָזיקער צירקולאַר אים וויינִיק געקימערט.

ווען ער איז אָבער געזעסן קעגנאיבער דעם דייטש און יענער האָט אים אויסגעפרעגט, ווי ער, באַרבאַרעסקו, וואָלט ניט געווען דער אונטערפּרעפעקט, נאָר עפּעס אַ גאַסן־יינגל, אָדער גאָר אַן אָנגעקלאָגטער, האָט ער

אָנגעהויבן שפּירן אַ געפיל פון ווידערווילן. אַזאַ געפיל האָט ער געהאַט, ווען סילוויאַ האָט אים שוין צו־שטאַרק באַליידיקט, אַ געפיל פון אַן אַנ־מעכטיקן רעוואָלט, וואָס ער וואָגט ניט אויסצודריקן. ער האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט מיט „יאַוואָהל" און „צו בעפעל". נאָך אַ האַלב־שעהדיקן געשפּרעך, האָט דער דייטש געזאָגט:

— וואָס טויג מיר דער „יאַוואָהל" און „צו בעפעל", ווען די סערעטער געגנט איז הינטערשטעליק אין צושטעלן בהמות און פלאַקס, אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע טיילן פון דער בוקאָווינע.

באַרבאַרעסקו האָט געענטפערט:

— הער קאָמיסאַר, די שוועריקייט אין דער דאָזיקער געגנט איז דאָס, וואָס 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון אוקראַאינער. די אוקראַאינישע פּויערים זיינען די ווידערשפּעניקסטע; זיי שטיצן זיך, ווייזט אויס, אויף דעם, וואָס די רוסישע גרענעץ איז ניט ווייט פון דאַנען. אָבער איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איז אין מיין מאַכט.

— ווען די אוקראַאינער זיינען ווידערשפּעניק, זיינען פאַראַן גענוג מיט־לען זיי צו ברענגען צום שכל. איר זאָגט, אַז די געגנט באַשטייט פון 80 פּראָצענט אוקראַאינער, פאַרגעסט אָבער ניט, אַז צפון־בוקאָווינע איז 100 פּראָצענט אוקראַאיניש. ווען מיר זיך צוליב דעם צוריקציען? און וואָס שייך דער רוסישער גרענעץ . . .

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שיער זיך ניט ארויסגערעדט אַ נאַרישקייט, געהאַלטן ביים זאָגן עטוואָס, וואָס ער איז נאָך ניט געוועזן באַרעכטיקט צו זאָגן. ער האָט שנעל אַריבערגעפירט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג און געזאָגט:

— אַלנפאַלס, נעם איך איצט איבער די דורכפירונג פון דער דאָזיקער אַרבעט אינגאַנצן אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך איז, אַז איר זאָלט ניט שפּעטער ווי איבערמאָרגן מיר צושטעלן לכל הפחות 25 זשאַנדאַרן אין מיין דינסט. איר וועט דעמאָלט זען, וואָס עס מיינט דייטשישע אָרדענונג. מיר וועלן דאָ די אוקראַאינישע פראַגע לייזן, איר מעגט זיך אויף דעם פאַרלאָזן — און אַלע אַנדערע פראַגן אויך.

— צו באַפעל, הער קאָמיסאַר!

ווען דער דייטש האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט באַר־באַרעסקון די שפּיץ־פינגער, האָט דעם לעצטנס סעקרעטאַר געמאָלדן, אַז אַ דעלעגאַציע פון די לערער און געריכט־באַאַמטע וואַרט אויפגענומען צו ווערן. אויס נייגעריקייט, איז דער דייטש פאַרבליבן אין דער ביוראָ פון דער אונטערפּרעפעקטור, צו הערן וואָס די דעלעגאַציע פון באַאַמטע פאַר־לאַנגט. די דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס פּערזאָן, איז אַריינ־געקומען אין צימער, און אַ ווייל האָט געהערשט אַ פיינלעכע פאַרלעגנהייט.

באַרבאַרעסקו האָט ניט געוואוסט ווי זיך צו פאַרהאַלטן, און די דעלעגאַציע אויך ניט. קאָן מען דען רעדן אין דער אַנוועזנהייט פון אַ פרעמדן? דער דייטש האָט פאַר אַן אויגנבליק זיך געקווענקלט, און דאַן האָט ער באַר־באַרעסקון געזאָגט אין דייטש:

— שטערט זיך ניט, הער אונטערפּרעפעקט. לאָמיר הערן, וואָס די חברה פאַרלאַנגט.

אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט באַרבאַרעסקו געזאָגט:

— רעדט, הער ריכטער; רעדט, הער פּראָפעסאָר. איך בין גערן אייך צו הערן. דער הער דאָ — איך דאַרף אייך פאָרשטעלן: דער פּאַרטנערעטער פון דער גרויסער דייטשישער מלוכה, וועלכער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אונדזערע אינסטיטוציעס און איינריכטונגען.

דעם פירער פון דער דעלעגאַציע איז דאָס רעדן פון אָנהויב געפאַלן שווער. ער האָט אָבער זיך ניט געקאָנט העלפן און ענדלעך געזאָגט:

— מיר קומען וועגן אַ זייער דעליקאַטן ענין, וואָס איז אייך, הער אונטערפּרעפעקט, ניט אומבאַקאַנט. אַחוץ די זעקס הדשים שכירות, וואָס קומט אונדז שוין זייט יאָרן, האָבן מיר די לעצטע פיר חדשים קיין גראָשן ניט באַקומען. אין דער שטייערן־ביוראָ זאָגט מען אונדז, אַז אין דער קאַסע איז ניטאָ קיין איינציקער לעי. באָרגן קריגט מען ניט. ס׳איז דאָך היינט שווער עפּעס צו באַקומען פאַר מזומן, שוין אָפּגערעדט וועגן קריגן אויף באָרג. מיר קאָנען פשוט מער ניט אויסהאַלטן.

דאָ האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעמישט דער דייטש:

— אויב מיר איז דערלויבט צו זאָגן אַ וואָרט, איז מיר דער זין פון אייער פאַרלאַנג ניט אינגאַנצן קלאָר. ערשטנס, פּאַסט ניט אין אַ מלוכה פון אָרדענונג, אַז באַאַמטע, אָנשטאָט צו דערפילן זייער פליכט, זאָלן גאָר פאַרברענגען צייט אין פאַרהאַנדלונגען ביים אונטערפּרעפעקט. צווייטנס, שטעלן באַאַמטע אין אַ מלוכה פון אָרדענונג ניט קיין פאָדערונגען, און דריטנס, ווען איר קאָנט פאַר געלט אַלץ איינס, ווי איר זאָגט, גאָרנישט קויפן, אויף וואָס דאַרפט איר דאָס געלט? ווען איר אַלס באַאַמטע האַלט דאָ אַזעלכע רעדעס, אונטערגראָבט איר ניט נאָר די שוץ־פעיאיקייט פון לאַנד, נאָר די גאַנצע מאָראַל.

אַ צווייטער פון דער דעלעגאַציע האָט באַמערקט:

— מיר האָבן דאָ געגנוג צייט, מער ווי גענוג. די שולן זיינען געשלאָסן. מ׳ווייס אפילו ניט אויב, און ווען, זיי וועלן זיך ווידער עפענען . . .

— ווען די שולן זיינען געשלאָסן, ווען איר אַרבעט ניט, פאַרוואָס פאָדערט איר געהאַלט? ליידיקגייעריי איז דער אָנהויב פון אַלדאָס בייז. די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז דעריבער צו מאַכן אייך אַרבעטן. פאַר ליידיקגייער איז אין אונדזער צייט ניטאָ קיין פּלאַץ...

ער האָט אַ וואונק געטאָן באַרבאַרעסקון צו פאַרענדיקן דעם שמועס. באַרבאַרעסקו האָט זיך אָבער געמאַכט, ווי ער וואָלט דאָס ניט באַמערקט. אים איז געווען פיינלעך, וואָס דער דייטש שפּילט אַזוי אָפן די ראָלע פון באַלעבאָס, און ער האָט געזאָגט די באַאמטע:

— איך וועל נאָך היינט דרינגענד שרייבן קיין בוקאַרעשט. אונדזערע קאַסעס זיינען באמת לײדיק, ווייל שוין חדשים און יאָרן ווי די פּויערים האָבן קיין שטייערן ניט געצאָלט און די יידן זיינען פאַראָרעמט געוואָרן.

דער דייטש האָט איצט גערעדט אויפגערעגט:

— צי די יידן זיינען טאַקע פאַראָרעמט, וועלן מיר נאָך זען. מיט דעם וועל איך שוין פאַרטיק ווערן. אָבער די דאָזיקע פראַגן גייען ניט אָן די לייט דאָ. דער שמועס, מיינע הערן באַאמטע, איז געענדיקט. גייט אַהיים און וואַרט אויף ווייטערדיקע אָנווייזונגען.

קיינער האָט מער ניט גערעדט קיין וואָרט.

:: :: ::

דאָס קלינגען פון אַלע קירכן־גלאָקן אַזוי פרי פאַרטאָג האָט איבער־ראַשט אַלעמען אין שטאָט. עס איז געווען נאָך פאַר זעקס אינדערפרי. דער טאָג פריער איז געווען אַ קאַטוילישער יום־טוב. אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז דער היינטיקער פרייטיק, דער לעצטער פרייטיק פון חודש יוני, 1940, איז קיין יום־טוב ניט געווען. פאַרוואָס קלינגען גלייכצייטיק די גלאָקן פון אַלע דריי קירכן — פון דער רוימיש־קאַטוילישער, גריכיש־אָריענטאַלישער און גריכיש־קאַטוילישער? מענטשן זיינען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, אַנדערע אין זייערע נאַכט־קליידער, אַנדערע איינגעוויקלט אין קאָלדרעס. מען האָט געזען סאָלדאַטן, לויפנדיק מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. די צוויי מאַשינעס פון דער פייער־בריגאַדע זיינען אַרויסגעפאָרן פון פייער־הויז. די פייער־לייט האָבן געקוקט אין אַלע זייטן און ניט געוואוסט וואו־הין צו פאָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס אייגנטלעך עס איז געשען. מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן דער דייטש, וועלכער האָט די לעצטע צוויי וואָכן זיך געפונען אין שטאָט, אין דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן מאַרשירט פון דער ריכטונג פון דער סערעט־בריק. באַרבאַ־רעסקו איז אים געלאָפן אַנטקעגן און דערשראָקן אים געפרעגט:

— איז דאָס אָן אמת, אָדער בלויז אַ קלאַנג? זאָלן מיר זיך אָפּטראָגן, אָדער וואַרטן אויף אַ באַפעל?

— פאַרפלוכטע באַנדע נאָך אַמאָל! — האָט דער דייטש געענטפערט.

— דריי מאָל האָבן מיר געדאַרפט אָפּטרעטן, איידער מיר האָבן די פּויערים פון די דערפער אָפּרישעני, פּאָיעני און שטענעסטי געבראַכט צום שכל. מיר האָבן שוין געהאַט צוזאַמענגענומען די בהמות און דריי הונדערט

אַרעסטירטע פּויערים, ווען פּלוצלונג אין אומדערוואַרט האָבן זיך באַוויזן דוסישע אַפּטיילונגען.

— מיינט דאָס קריג? זאָלן אונדזערע טרופּן זיך פאַרטיידיקן? — האָט באַרבאַרעסקו געפרעגט.

ווי ער וואָלט די פראַגע ניט געהערט, האָט אַטאַ פאַן ראַובניטץ געשריען נאָך אויפגערעגטער:

— מ'האָט געדאַרפט זען, ווי די דאָזיקע פּויערים־שייקע האָט באַגריסט די רוסן. און מערקט אייך, הער אונטערפּרעפעקט, — ער האָט גערעדט צו די מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי, קוקנדיק אויף דעם קליינעם נתן זילבערשטיין און ניט באַמערקנדיק אַז ער רעדט צו אַ באַרוועסן יינגל, — אויך די רומענישע פּויערים האָבן זיך ניט פאַרהאַלטן בעסער. דאָס איז די פרוכט פון דער שלומפּערישער ווירטשאַפט. וואָס איר האָט פאַרזייט, דאָס שניידט איר. נעכטן האָבן זיי זיך געקלאָגט, אַז זיי האָבן מער גאָרנישט! און היינט? זיי האָבן די רוסן געבראַכט ברויט, זאַלץ און מילך.

באַרבאַרעסקו האָט געפילט ווי איינצווזינקען אין דער ערד, וואָס ער איז ווי אַ גאָרנישט געשטאַנען לעבן דעם קליינעם נתן; פון דער אַנדער זייט אָבער האָט אים הנאה געטאָן, וואָס דער דייטש שרייט עס אַזוי ניט אויף אים אַליין. דאָך האָט ער געפילט, אַז ער מוז עטוואָס זאָגן, און אין אַ רואיקן, עטוואָס זיסן טאָן, האָט ער געזאָגט:

— אָבער וואָס דאַרף מען איצט טאָן?

ראַובניטץ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ צאָרנדיקן בליק, אַז כדי אָפּצואָוועגדן פון זיך דעם צאָרן, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מיר האָבן דאָ אַ רעגימענט אינפאַנטעריע; וואָס זאָלן די סאָלדאַטן טאָן? זאָלן זיי קעמפן? איך קאָן אויך דאָס באַאַמטנטום מאָביליזירן.

אין אָט דעם מאָמענט האָט פון רינגפּלאַץ זיך דערטראָגן דער מיליטערישער רוף־סיגנאַל און קאָמאַנדע־באַפעלן. די סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן ווילד און אָן אַ ציל, האָבן איצט גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון דעם רינגפּלאַץ. אויף אַ ברוינעם פערד איז אָנגעקומען דער מאַיאָר, אַלס פאַרטרעטער פון דעם גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט. זיין פערד האָט זיך דורכגעשטופּט דורך די צוזאַמענגעלאָפענע סאָלדאַטן און ער איז שטיין געבליבן לעבן באַרבאַרעסקון און דעם דייטש. פון זיין זאָטל־קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ טעלעגראַמע און זי איבערגעגעבן באַרבאַרעסקון. דערביי האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פון בוקאַרעשט באַקומען אַ מעלדונג צו האַלטן די סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס. די רוסן וועלן צוקומען בלויז ביז דער בריק. די שטאָט וועט ניט באַזעצט ווערן. דער סערעט־טייך וועט פון היינט אָן זיין

די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און רומעניע. די רומענישע טרופּן אין צפון, אין די געביטן, וואָס זיינען שוין באַזעצט פון די רוסן, וועלן זיך פריי אומקערן אויף דער זייט. איר, הער אונטערפּרעפעקט, מוזט אין די נעקסטע אַכט און פערציק שעה געפינען פּלאַץ און שפּייז פאַר זעקס טויזנט מאַן.

— אָבער הער מאַיאָר, — האָט באַרבאַרעסקו פאַרצווייפלט געשריען, — וואו קאָן איך קריגן ברויט און פלייש?

— פלייש דאַרף מען באַזאָרגן נאָר פאַר די אָפיצערן, און פאַר דעם וועט זיין גענוג צו שעכטן עטלעכע בהמות.

— יאָ, אָבער וואו זאָל איך נעמען ברויט?

— דאָס איז אייער עסק. רעקווירירט אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין דער מיל, נישטערט דורך די קראָמען. דער דאָזיקער באַפעל איז פאַר אייך, און איר מוזט אים דורכפירן.

ער האָט מיטאַמאָל געענדערט זיין שטרענגע מינע און האָט העפלעך זיך געווענדט צו אָטאָ פאָן ראובניטץ:

— הער קאָמיסאַר, מעג איך אייך אין נאָמען פון די אָפיצערן איינלאַדן צו זיין היינט אונדזער גאַסט צו מיטאָג: עס וועט פאַר אונדז זיין אַ גרויסער כבוד, ווען איר וועט אָננעמען אונדזער איינלאַדונג.

דעם גאַנצן טאָג האָט אין שטאָט זיך געטומלט. פון דער אַנדער זייט טייך זיינען געקומען גרויסע גוטס־באַזיצער איבער דער סערעט־בריק, מיט פול־אָנגעלאָדענע וואָגנס; פון דער זייט, זיינען מחנות פּויערים געגאַנגען מקבל פּנים זיין די רוסן — איינער טרייבנדיק אַ קו, אַ צווייטער אַ פּאָר שעפּסן. פיל מענטשן, באַזונדערס יידן, האָבן געטראָגן מיט זיך בלויז פּעקלעך אונטערן אָרעם — אפשר איז דאָס געווען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. ערשט אָוונט־צו, נאָך אַ באַראַטונג מיט די אָפיצערן, האָט דער דייטש באַמערקט, אַז פיל אָרעמע יידן פון דער שטאָט זיינען אריבער און דער אַנדער זייט. ער האָט דערזען באַרבאַרעסקון שטייענדיק צווישן אַ רעדל מענטשן, און שוין פון דער ווייטנס האָט ער אָנגעהויבן צאָרנדיק ליאַרעמען, פאַרלירנדיק זיין געמאַכטע פּאָזע פון ווירדע:

— פאַרוואָס זיינען די מענטשן אומגעשטערט אריבער די בריק? האָט איר ניט ארויסגעגעבן קיין באַפעל קיינעם ניט אריבערצולאָזן?

באַרבאַרעסקו האָט געשוויגן. דער דייטש האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט שוין עטוואָס רואיקער:

— ווער עס וויל אריבערגיין די גרענעץ איז אַ באָלשעוויק און מוז אַלס אַזעלכער באַהאַנדלט ווערן! די גרענעץ איז געשלאָסן!

באַרבאַרעסקו האָט אים קאַלט געענטפערט:

— הער קאָמיסאַר, איך האָב פון מיין רעגירונג נאָך ניט באַקומען קיין אָנווייזונג צו שליסן די גרענעץ.

— אַקסענע קעפּ! — האָט ראַבּניטץ געשריען צו אַלעמען אַרום. — זעט איר נאָך אַלץ ניט, אַז די שעה האָט געשלאָגן?

די בּליקן, וואָס ער האָט באַגעגנט פון דעם אַרומיקן עולם, זיינען געווען שפּיזן. אַקסן־קעפּ איז אַ צונאָמען, מיט וועלכן מ׳רופט אַ רומעניער, און די מענטשן האָבּן פאַרשטאַנען גענוג דייטש צו באַגרייפן די באַליידיקונג. באַרבאַרעסקו האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— דערוויל איז נאָך ניטאָ קיין גרענעץ.

— איז שטעלט כאָטש אַוועק זשאַנדאַרן! — אָבּער איינזעענדיק, אַז זיינע ווערטער אונטער די אומשטענדן פאַרמאָגן ניט קיין ברעקל לאָגיק, האָט ער שנעל צוגעגעבּן: „איבּריקנס, איך וועל דאָס אַליין טאָן.״ און אין אַ געבראָכענעם רומעניש האָט ער זיך געווענדט צו די זשאַנדאַרן:

— מאַרשירט גלייך צו דער סערעט־בריק! איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז קיינער זאָל די בריק ניט אַריבּערגיין! דער וועג פון דאָרטן אַהער איז אָבּער פריי. ווער עס וועט קומען פון דער אַנדער זייט, דאַרף אָנגעבּן זיין נאָמען, נאַציאָנאַליטעט, מוטער־שפּראַך. פאַר יידן, אָבּער, אויב איינער זאָל דאָס וועלן, איז דאָס אַריבּערגיין פאַרבּאָטן.

דער זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער האָט זיך אויסגעצויגן:

— הער קאָמיסאַר, און וואָס זאָל זיין מיט דער אייזנבּאַן? היינט ניין אין אָוונט קומט אָן אַ באַן פון דער אַנדער זייט. זאָלן מיר זי דורכלאָזן אָדער פאַרהאַלטן?

— די רוסן וועלן מער ניט אַרויסשיקן קיין צוגן, אַלנפאַלס ניט ביז אַלץ וועט זיין רעגולירט.

— אָבּער הער קאָמיסאַר, דער פיר־אַזייגערדיקער צוג איז געווען איבּערגעפּאַקט, און איז ווי יעדן טאָג אָפּגעגאַנגען נאָך כּליבּאָקאַ. די אייזנבּאַן־פאַרוואַלטונג האָט אַפילו פאַראָרדנט מיטצושיקן מיטן צוג אַלע ליידיקע פראַכט־וואַגאָנען. מיר האָבּן דאָ געוואָרט אויף אַ פּי־טראַנספּאָרט, און איצט, אַז ס׳איז מער ניטאָ וואָס צו וואַרטן, האָט מען די וואַגאָנען צוריקגעשיקט, אַז די מענטשן, וואָס ווילן פון דעם נייעם רוסישן געבּיט צוריקפאָרן קיין רומעניע, זאָלן קאָנען באַזאָרגט ווערן. מיטן צוג זיינען אויך אָפּגעפאָרן אַלע אייזנבּאַן־אָנגעשטעלטע, אַחוץ דער פאַרוואַלטונג.

— איר אידיאָטן! איר אָקסן־קעפּ! און איר האָט דאָס אַלץ דערלאָזן! קיין איין סעקונדע טאָר מען אייך ניט איבּערלאָזן אַליין. איר ציג . . . — ער האָט געוואָלט זאָגן „ציגיינער״ און האָט אָראָפּגעשלונגען דאָס וואָרט אין דער מיטן. אין דעם מאָמענט האָט אַ יונגער סטודענט אַריינגעפאָרן דעם דייטש מיטן קולאַק אין מאָרדע אַריין.

— ווער האָט אייך געגעבּן דאָס רעכט צו באַליידיקן דאָס רומענישע

פאָלק? — האָט דער סטודענט געשריען. — ווער האָט אייך איבערהויפּט אהער געשיקט? ווער זייט איר דאָ?

באַרבאַרעסקו און די זשאַנדאַרן האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן. דער דייטש איז צו זיך געקומען פון דער איבעראַשונג. מיט דער בייטש, וואָס ער האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן, האָט ער אַ שמיץ געטאָן דעם סטודענט אין פּנים אריין, אַז דאָס בלוט האָט זיך אים אָנגעהויבן גיסן פון נאָז און מויל, און די אויגן זיינען אים פאַרשוואָלן געוואָרן.

— דו הונט! — האָט דער דייטש געשריען, אויסער זיך פון צאָרן. — דו ציגיינער! ווייסטו ניט, אַז דו שטייסט פאַר אַ פאָרשטייער פון דעם פירער? איך וועל אייך נאָך אַלעמען אויסלערנען ווי זיך צו באַנעמען...

5.

דער איינציקער גליקלעכער מענטש אין סערעט איז פּילייכט איצט געווען דער אַלטער יוסטפּאַן. דאָס וואָס מ'האָט אים באַשטימט פאַרן פּרעזידענט פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט אין סערעט, האָט אויף אים געמאַכט אַ קליינעם איינדרוק. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס איינגטלעך עס האַנדלט זיך, האָט ניט פאַרשטאַנען די טערמינאָלאָגיע, וואָס איז דאָרט באַנוצט געוואָרן. ער האָט בלינד געפאָלגט, ווייל ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיין טרוים פון צוואַנציק יאָר וועט אויף דעם אופן פאַרווירקלעכט ווערן — דער טרוים צוריק אַנגעשטעלט צו ווערן אין דער פּאָשט. און ער איז צוריק געוואָרן אַ פּאָשט־באַאַמטער. און ער איז דאָס געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס ער האָט קיינמאָל אפילו ניט געוואַגט צו קלומען וועגן דעם.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז, קורץ נאָך דעם אָנקומען פון די רוסן צו דער סערעט־בריק, אָפּגעפאָרן פון שטאָט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געבראַכט יוסטפּאַנען די באַשטימונג פאַרן אַמט פון פּאָשט־דירעקטאָר.

דער פאַקט, וואָס סערעט איז אַמאָל געווען אַ קייזערלעך־קעניגלעכע עסטרייכישע גרענעץ־שטאָט, האָט איצט אויפגעוועקט ביי יוסטפּאַנען די אילוזיע פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט, די צייט ווען סערעט איז געווען די גרענעץ־שטאָט מיט רומעניע. דעמאָלט האָט אין שטאָט געבליט שמוגלערײַ, האַנדל און פאַרקער, און יוסטפּאַן האָט צווישן די פינף בריוו־טרעגער געהאַט די בעסטע געגנט. אין די ערשטע וואָכן, וואָס די רוסן זיינען געקומען צו דער אַנדער זייט פון דער סערעט־בריק, ווען אָטאָ פאָן ראַובניטץ און די דייטשן, וואָס זיינען געקומען פון דער אַנדער זייט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט, זיינען געווען שטאַרק אומצופרידן, האָט יוסטפּאַן אומעטום גערעדט:

— מיר דאַרפֿן דאַנקבאַר זיין די רוסן. זיי האָבן סערעט ווידער גע־מאַכט פֿאַר אַ גרענעץ־שטאָט. איצט פֿעלט אונדז נאָר אַ קייזער און אַלץ וועט שוין זיין, ווי אַמאָל.

איין טאָג, האָט אָטאָ פֿאָן ראַובניטש אים גערופֿן צו זיך און האָט הויך און קלאָר אים דערקלערט, אַז ער זאָל אויפֿהערן רעדן די דאָזיקע רייד.

די שטאָט האָט איצט אויסגעזען ווי פֿאַרוויסט — אַ טייל פֿון די יידן און אַ סך פֿון די אוקראַינער זיינען אַריבער אויף דער אַנדער זייט, צו די רוסן. פֿון די 36 דערפֿער, וואָס האָבן געהערט צו דעם סערעטער באַצירק, זיינען 28 געלעגן אויף דעם לינקן ברעג פֿון דעם סערעט־טייך און זיינען איצט געווען רוסיש. און אויב די מערק אין סערעט זיינען שוין אויך פֿריער געווען ווייניק באַזוכט, זיינען זיי איצט כמעט ניט פֿאָרגעקומען. אין שטאָט האָט קיינער ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, ביי די פּויערים האָט מען זייערע פּראָדוקטן צוגענומען אין דער היים, און די גרענעץ מיט רוסלאַנד איז שוין געווען געשלאָסן.

באָדן זיך אין סערעט האָט מען געמעגט נאָר מיט אַ באַזונדערער דער־לויבעניש פֿון דעם אונטערפּרעפֿעקט. אָטאָ פֿאָן ראַובניטש האָט באַקומען פֿאַרשטאַרקונג. אָנהייב אויגוסט האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט צוויי נייע דייטשן. איינער איז געווען אַ שלאַנקער פֿערציקער, מיט טונקל־בלאָנדע האָר, וועלכע ער האָט געטראָגן געקעמט אַרויף, און לויט דער אויסשפּראַך איז ער געווען אַ באַוואַריער. אין דער פֿאָלקס־געמיינשאַפֿט, האָט אָטאָ פֿאָן ראַובניטש אים פֿאָרגעשטעלט אונטערן נאָמען פֿראַנץ צימערלע. דער צווייטער איז געווען אַ נידעריקער, אַ פּול־לייביקער, אין מיטן די פֿערציקער, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענער אויבערשטער ליפּ און מיט בלאָנדע האָר. לויט דעם אופֿן ווי אָטאָ פֿאָן ראַובניטש האָט אים פֿאָרגעשטעלט, האָט ער גע־שיינט צו זיין נידעריקער אין ראַנג. שוין דעם ערשטן טאָג, וואָס זיי האָבן זיך באַוויזן אין סערעט, האָבן זיי באַקומען אין דער געביידע פֿון דער אונטערפּרעפֿעקטור די דריי שענסטע צימערן. יוסטפֿאַן האָט דערציילט זיין פֿרוי אַלס אַ שטרענגן סוד: „די געשטאַפּאָ איז געקומען.‟ אָבער אויף איר פֿראַגע, וואָס אַזוינס איז די געשטאַפּאָ, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

פֿרוי יוסטפֿאַן האָט פֿאַרטרויט דעם סוד אַנדערע ווייבער און יוסטפֿאַן אַליין האָט אַלס גרויסע געהיימניש פֿאַרטרויט דעם סוד אַנדערע מענטשן. באַלד האָבן אַלע געוואוסט, אַז אין דער געביידע פֿון דער אונטערפּרעפֿעק־טור זיינען פֿאַראַן אַ הויכער און אַ נידעריקער, וועלכע פֿאַרטרעטן די גע־שטאַפּאָ. איצט האָט באַרבאַרעסקו מער ניט געטאָרט אַרויסגעבן קיין דער־לויבעניש זיך צו באָדן אין טייך, אָדער אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן מיט דער

באַן, אַז דעם אונטערשריפט פון פראַנץ צימערלע אָדער זיין געהילף האַנס קרולע.

איין טאָג, ווען יוסטפאַן איז געקומען פון דער פּאַטשט עסן מיטאָג, האָט זיין ניט־גוט־ראַזירטער, צעקנייטשטער פנים געשיינט:

— פרוי, מיר שיינט, אַז די אַלטע צייטן וועלן באַלד זיך אומקערן. מעגלעך, אַז אין גיכן וועלן צוריקקומען די פאָנען און די קייזערלעך־קעניג־לעכע מוזיק־קאַפּעליע. היינט, נעמלעך, האָבן אַלע יידן דערהאַלטן אַ באַפעל צו טראָגן געלע צייכנס אויף זייערע רעק.

— און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מוזיק?

— מיט מוזיק דערווייל ניט. אָבער אונדזער הויך־זעליקע, קייזערלעך־קעניגלעכע מאָנאַרכיע האָט דאָך געהאַט די שוואַרץ־געלע פאָן. ס'איז נאָר אַ בזיון, וואָס בלויז די יידן קאָנען טראָגן די אַלט־פאַרהערלעכטע קאָלירן. איך געטרוי מיך ניט צו רעדן וועגן דעם, ווייל דער קאָמיסאַר פאָן ראובניטץ נעמט שטענדיק ביי מיר צו דאָס וואָרט. ער זאָגט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ לאַגע דאָ, וואו מיר דאַרפן זיך היטן, און זיין זייער פּאָרזיכטיק. נעכטן אָוונט האָט ער געזאָגט אויף דער זיצונג: „וואָס שייך יהודהן, וועלן מיר אים צעשמעטערן. וואָס שייך דעם באַלשעוויזם, דאַרף מען וועגן דעם בכלל ניט רעדן און מען מוז אַלץ איבערלאָזן צום פירער. בשייכות די רומעניער דאַרפן מיר אָננעמען אַ טאַקטיק, ווי פון אַ מאַן, וואָס זיצט אויפן עק פון אַ בענקל, אויף וועלכן עמעצער אַנדערש זיצט — פּאָרזיכטיק דאַרף מען זיך שטופן, ביז מען רוקט דעם אַנדערן אַראָפּ און מ'האָט דאָס גאַנצע בענקל פאַר זיך אַליין." ווען ער האָט געמיינט מיט יהודה, ווייס איך ניט, ווייל יהודה שטערלין איז שוין איבער אַ יאָר טויט און יהודה ראַכמוט איז שוין אַ לאַנגע צייט אין בראַזיל. אָבער איך האָף, אַז דער פירער וועט באַלד איינזען, אַז מיר אַלע דאַרפן טראָגן אַזאַ געלן צייכן אויף אַ שוואַרצן הינטערגרונט. איך זאָג דיר, אַז איך האָב קיין טעות ניט — דער דאָזיקער טאָג איז פאַר אונדז ניט ווייט.

- גאָט זאָל העלפן, — האָט זיין פרוי געזאָגט, זיך קוים צוהערנדיק צו זיינע רייד.

ביסלעכווייז האָט די שטאָט ווידער אויפגעלעבט. מ'האָט צוריק אויפ־געבויט דעם סערעטער באַן־הויף; מ'האָט אויסגעלייגט צוויי נייע וועגן, וואָס האָבן געפירט דרום־צו. מ'האָט פאַר דעם רעקווירירט גרויסע פּראַכט־וואָגנס און פערד ביי די פּויערים און יידן, וואָס האָבן נאָך אַזעלכע פאַר־מאָגט. יעדן טאָג איז עלף אַזייגער אינדערפרי אָנגעקומען אַ צוג מיט תבואה, מעל און בהמות פון דרום, און פון סערעט איז דער צוג אָפּגעפאָרן איבער דער רוסישער טעריטאָריע קיין דייטשלאַנד. יוסטפאַן האָט דערציילט זיין פרוי:

— אַטאָ פאַן ראַובניטץ האָט זיך נעכטן שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט בסוד דערציילט, אַז די רוסן פאַרהאַלטן אונטערוועגנס די וואַגאָנען אַ לאַנגע צייט, אַזוי אַז די סחורות קומען אָפּט אָן אין דייטשלאַנד באַשעדיקט. אָבער מ׳דאַרף וועגן דעם דערוויַיל נאָך ניט רעדן.

:: :: ::

אויסער דעם ווירקלעך־גליקלעכן יוסטפאַן, זיינען אויך קאַראָל באַר־באַרעסקו און זיין פרוי סילוויאַ געווען כמעט גליקלעך. געוויס, אין דער אונטערפּרעפעקטור איז ער געווען איצט ניט מער ווי אַ שאָטן. אָבער זיין באָרדעל האָט געבליט, ווי קיינמאָל ניט פריער. די צאָל טרופּן אין סערעט איז פאַרגרעסערט געוואָרן. העכער דריי הונדערט אָפיצערן פון אַלערליי אַרמיי־טיילן פלעגן באַזוכן זיין באָרדעל. די אַנטלאָפענע דייטשישע גרויסע גוטס־באַזיצער האָבן אויך געהערט צו די שטענדיקע באַזוכער. פון שפּעט נאָכמיטאָג ביז די גראָע מאָרגן־שעהן האָבן צוויי מוזיק־קאַפּעליעס געשפּילט אין דעם לאָקאַל פון „באָרקע און מאַניסאַלי".

דער זומער איז פאַרבייגעגאַנגען און דער האַרבסט האָט זיך אָנגע־רוקט, אַז מען האָט דאָס קוים באַמערקט, און איז אַריבער אין ווינטער. אַ טיפער שניי איז געלעגן אויף די גאַסן. די יידן האָבן געמוזט ראַמען דעם שניי, האַלטן פריי די שאָסייען פאַר דעם אויטאָמאָביל־פאַרקער. פון טראַנסילוואַניע האָט מען אָנגעהויבן ברענגען פליכטלינגען אין סערעט און זיי באַזעצט אין יידישע הייזער. יוסטפאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ טיפן האַס קעגן די רומעניער פאַר האַלטן אים צוואַנציק יאָר אויסער דער פּאַטשט, האָט דערציילט זיין פרוי מיט אַ געפיל פון באַפרידיקונג:

— אויף דעם באַפעל פון דעם פירער, האָט מען פון רומעניע צו־גענומען טראַנסילוואַניע און עס איבערגעגעבן צו אונגאַרן. איך וואָלט בעסער געוואָלט זען, אַז מען זאָל צוריק אויפשטעלן די שוואַרץ־געלע מאָ־נאַרכיע, ווי אַמאָל. אָבער איך גלויב, אַז דאָס וועט נאָך קומען. איצט ברענגט מען אַהער אויך די, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון אונגאַרן. זאָלן זיי אויך אַמאָל זען, ווי גוט עס איז צו לעבן ווי פליכטלינגען. פריער האָבן זיי געיאָגט די יידן און זיי געמאַכט שטאַטסלאָז. איצט האָבן זיי דאָס אַליין דערלעבט. מיטן פירער קאָן מען ניט שפּאַסן.

אין סערעט זיינען אָנגעקומען עטלעכע הונדערט פליכטלינגען און מען האָט זיי איינגעקוואַרטירט אין דער יידישער פאָלקס־קיך. די מערסטע פון זיי האָבן זיך געפונען אין אַ טרויעריקער לאַגע. צווישן די פליכטלינגען האָבן זיך געפונען אַדוואָקאַטן, לערער, אַלערליי באַאַמטע און קליין־הענדלער, וועלכע האָבן דערציילט שוידערלעכע געשיכטעס וועגן די גרויזאַמקייטן פון די אונגאַרן. עס זיינען אויך געווען עמיגראַנטן, וואָס האָבן גערעדט דייטש. די דאָזיקע זיינען געקומען פון די געביטן, וואָס די רוסן האָבן

פארנומען. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די רומעניש־רעדנדיקע פליכטלינגען. זיי האָבן געקראָגן גוטע שפּייז, גוטע קליידער, און האָבן געהאַט אַ סך געלט. יעדן נאָכמיטאָג פלעגן זיי זיך ארויסלאָזן שפּאַצירן און האָבן געשאָלטן סערעט, פאַרוואָס זי האָט אַפילו ניט געהאַט קיין אָנשטענדיקע קאַפע.

די רומעניער זיינען אָבער געווען צופרידן, ווען זיי האָבן געקראָגן טיי פאַר פרישטיק און אַ וואַסערדיקע זופּ פאַר מיטאָג, און האָבן זיך געשעמט מיט זייערע אָפּגעריבענע קליידער און צעריסענע שיך צו ווייזן זיך אויף דער גאַס. זיי זיינען געזעסן פאַרטרויערטע אין דער נאַקעטער פאָלקס־קיך, וואו וועש איז געהאַנגען זיך צו טריקענען, קינדער האָבן געשריען, און די פרויען האָבן געריידט וועגן זייערע צרות. צווישן די גרויסהאַלטערישע דייטשן און די דאָזיקע אָרעמע מענטשן איז אַנטשטאַנען אַ האַס, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ביטערער.

און דאָ איז נאָך געקומען אַ באַפעל פון דער געשטאַפּאָ, אַז די פליכט־לינגען מוזן אַרבעטן, אַז זיי זאָלן אויסלאָדן און אָנלאָדן אויף דער באַן — אין שוואַרצע אָנצוגן, די איינציקע וואָס זיי האָבן געהאַט — און פאַר דער אַרבעט זאָל מען זיי צאָלן זעקס הונדערט לעי אַ חודש. אין דייטשישע געלט איז דאָס געווען אומגעפער צען מאַרק, אָדער פיר אַמעריקאַנישע דאָלער, לויט דעם אָפיציעלן קורס.

און צו דער זעלביקער צייט האָבן אויף די ווענט זיך באַוויזן פּלאַ־קאַטן, וואָס האָבן די דייטשן גערופן צו אַ ניי־יאָר־פייערונג אין דעם גרויסן זאַל פון דעם האָטעל „האַמירהאָף". אַלערליי פאַרווייַלונגען איז געווען געמאָלדן אויף דער פּראָגראַם ווי אויך אַ מאָלצייט מיט דייטשן פיינקוכן און דייטשן שוים־וויין. איינגאַנג איז געווען זעקס הונדערט לעי. די דאָזיקע פּלאַקאַטן, וואָס מ'האָט אויסגעקלעפּט דעם 29טן דעצעמבער, האָבן ביינעטראָגן צו דער אויפגערעגטער שטימונג. ווען דעם 31טן דעצעמבער האָבן אונטער די גרויסע פּלאַקאַטן זיך באַוויזן קליינע האַנט־צעטלעך, האָבן גרויסע רעדלעך מענטשן זיך פאַרזאַמלט ארום זיי צו לייענען. מענטשן זיינען געשטאַנען מיט די הענט אין די קעשענעס, ווייל ס'איז געווען שטאַרק קאַלט, און געלייענט:

„רומעניער מעגן, אַלס ניי־יאָר־מתנה פון דעם פירער צום רומע־נישן פאָלק, צוזאַמענקלייבן אויף מאָרגן נאָך דער געהויבענער דייטשי־שער סעודה, דעם ערשטן יאַנואַר — דעם אָפּפאַל."

מ'האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי מ'האָט די דאָזיקע האַנט־בלעטלעך געלאָזט שעהן־לאַנג הענגען. האָט עס דען קיינער פון די באַאַמטע ניט באַמערקט? פיל באַאַמטע האָבן דווקא די בלעטלעך יאָ באַמערקט, נאָר האָבן זיך געמאַכט ניט־זעענדיק. דער רומענישער זשאַנדאַר, וועלכער האָט

געהאַלטן וואַך אויפן רינגפּלאַץ, האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז נעכטן איז פון דער אַנדער זייט טייך, דאָס הייסט פון רוסישער טעריטאָריע, אַריבערגעלאָפן אַ הונט. איז ער אַוועק מעלדן וועגן דעם אין דער קאַזאַרמע.

דער וואַכמייסטער האָט אים אויסגעהערט, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג, און געפרעגט:

— נו, און וואָס נאָך?

— יאָ, הער וואַכמייסטער, נעכטן האָב איך זיך אויך פון דעם ניט געמאַכט קיין צימעס. אָבער היינט האָב איך פּלוצלונג זיך איבערגעלייגט, אַז ווען אַ הונט קומט פון דער באָלשעוויסטישער זייט, איז דאָס אַן ערנסטער ענין.

און איידער זיי האָבן נאָך פאַרענדיקט דעם געשפּרעך, האָט פון דרויסן זיך דערטראָגן אַ גרויסער טומל. דער וואַכמייסטער מיטן זשאַנדאַר זיינען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און דערזען דעם עולם ביי די פּלאַקאַטן. ער איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין דער געשטאַפּאָ מעלדן וועגן דעם פאַל. פראַנץ צימערלע האָט אים געפרעגט:

— האָט איר די בלעטלעך אַראָפּגעריסן?

— ניין, הער קאָמיסאַר. אָן אַ דערלויבעניש?

פראַנץ צימערלע און זיין געהילף האָבן קרולע האָבן געהאַט דער־פאַרונג אין אַזעלכע זאַכן נאָך פון דייטשלאַנד. זיי זיינען אַוועקגעלאָפן אין דער דרוקעריי, פון וועלכער דער ייד בערנאַרד זעצער איז נאָך געווען דער אייגנטימער. זיי האָבן דורכגענישטערט די דרוקעריי, דורכגעקאָנטראָ־לירט די שריפט און פעסטגעשטעלט, אַז די בלעטלעך זיינען אין דער דרו־קעריי ניט געווען געדרוקט. זיי האָבן פּרובירט זיך דערקלערן ווער עס האָט געקאָנט זיין דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַנטי־נאַציישן פלוג־בלעטל. עס זיינען געווען צוויי מעגלעכקייטן: די קאָמוניסטן, וואָס פראַנץ צימערלע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי זיינען פאַראַן אין דער שטאָט, הגם ער האָט דערווייל זייער שפּור ניט געקאָנט געפינען — אָדער די „אייזערנע גוואַרדיע". די לעצטע איז געווען אַ נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, צום מערסטן פון סטודענטן, און זי איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אויף דעם זעלביקן באָדן, ווי די נאַציס. אָבער זינט די דייטשן האָבן אַריינגעמאַרשירט אין לאַנד, זינט טראַנסילוואַניע איז אויפן באַפעל פון פירער אָפּגעריסן געוואָרן פון רומעניע, איז די קעגנערשאַפט פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" צו די נאַציס און צו דער דייטשישער אינוואַזיע געוואָרן אַלץ שאַרפער. פראַנץ צימערלע האָט געוואוסט, אַז די קליינע גרופּע פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" אין סערעט האָט אָנהענגער צווישן די פּליכטלינגען.

דער ערב־ניי־יאָר אָוונט איז געקומען. לכבוד דעם אָוונט האָבן אין

שטאָט געברענט די צוויי גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן באַלויכטן די שטאָט אַזוי ווייט, ווי די אַנדער זייט פון דער בריק, און מען האָט אין דער נאַכט געקאָנט זען דאָרטן די רויטע פאָן מיטן סערפּ און האַמער. ביים ראטהויז האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פליכטלינגען און רו־מענישע סטודענטן. אַנטקעגן, אויף דער אַנדער זייט פון רינגפּלאַץ, ביים אַריינגאַנג אין האָטעל „האַמערהאָף", האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ד־ערשטע געסט: פראַק־רעק, צילינדערס, אָוונט־קליידער. און אין זיין ביוראָ איז געזעסן פראַנץ צימערלע און זיך בארַאטן מיטן זיין געהילף און מיט קאַראָל באַרבאַרעסקו: „עס טאָרן אונטער קיינע אומשטענדן ניט פאָרקומען קיין צוזאַמענשטויסן דאָ, כּל זמן פינף מינוט ווייטער פון אונדז געפינט זיך אַ פרעמדע אַרמיי." מ'האָט זיך געאייניקט צו אַרעסטירן די פירער־שאַפט פון דער „אייזערנער גווארדיע" און אייניקע טראַנסילוואַנישע פליכט־לינגען, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס אויסגעשפּראָכן אין זייער קריטיק.

:: :: ::

אינדערפרי נאָך, האָט מען פינף יידן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע היימען. זיי זיינען אַלע געווען פאָטערס פון פאַמיליעס, אין דער עלטער צווישן דרייסיק און זעכציק יאָר. צוויי זשאַנדאַרן האָבן זיי אַוועקגעפירט.

אין די וואוינונגען פון די אַרעסטירטע האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעק־לעכע סצענעס. די מיטגלידער פון די פאַמיליעס און דער פּרעזידענט פון דער יידישער קהלה, אברהם פּראַגער, זיינען אַוועקגעלאָפן צום אונטערפּרע־פעקט באַרבאַרעסקו, האָבן געוויינט און געבעטן רחמים. ער האָט גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס און דערקלערט, אַז ער איז מאַכטלאָז.

— איבעריקנס, — האָט ער געזאָגט, — זיינען די מענטשן ניט אין געפאַר. דער דייטשישער קאָמיסאַר האָט גענומען די יידן זיך צו באַטייליקן אַלס אַרטיסטן אין דער פאָרשטעלונג, וואָס דאַרף פאָרקומען היינט אָוונט. איר קאָנט מאַכן אַ פּאַרזוך זיך צו זען מיט דעם דייטשישן קאָמיסאַר, פראַנץ צימערלע.

ווען די פירער פון דער יידישער קהלה האָבן געוואָלט רעדן מיט צימערלען, האָט ער זיי געלאָזט ווויסן, אַז ער נעמט ניט אויף קיין יידן.

דער באַנקעט־זאַל פון האָטעל „האַמערהאָף" איז געווען איבערגעפּאַקט. פון די רומעניער זיינען אָנוועזנד געווען בלויז באַרבאַרעסקו מיט זיין פרוי און דער בירגערמייסטער, דר. פּאַטראַס, וועלכע מ'האָט איינגעלאַדן אַלס ערן־געסט. אַלע אַנדערע זיינען געווען דייטשן. עס איז געווען אַ דייטשישער ניי־יאָר יום־טוב. די פאָרשטעלונג, וואָס האָט געדאַרפט גע־ווין ווערן דעם אָוונט, ווי דאָס איז געווען געמאָלדן אויף די פּלאַקאַטן און אין דער פּראָגראַם, האָט געזאָלט זיין אַ סימבאָליש־היסטאָרישע צוזונפט־

נבואה. דער מחבר איז געווען אַטאַ פֿאַן ראַובניטץ. דער נאָמען פֿון דער שפּיל: „גערמאַניע פֿאַריאָגט די קללה פֿון דער וועלט."

דער אַלטער יוסטפֿאַן האָט שוין אַ גאַנצן טאָג זיך געפֿרייט מיט דעם אָוונט. אין קינאָ איז ער שוין געווען עטלעכע מאָל, אָבער ניט געקוקט אויף זיין עלטער, האָט ער פֿון טעאַטער געוואוסט בלויז וואָס ער האָט גע־הערט רעדן. געוויס, פֿאַר דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען ער איז געווען קייזערלעך־קעניגלעכער בריוו־טרעגער, פֿלעגן אין סערעט אָפֿט קומען שויי־שפּילער־טרופּן. אָבער פֿרוי יוסטפֿאַן האָט ניט דערלויבט אויסצוגעבן פֿאַ־אַזעלכע זאַכן גוטע, בארע, שווער־פֿאַרהאָרעוועטע געלט. היינט אָבער וועט ער אַליין מיטשפּילן אין טעאַטער אַלס אַן אַלטער וואַנדאַל.

דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן. אַ בלויע קאָלדרע אין הינטער־גרונט פֿון דער בינע האָט סימבאָליזירט דעם שוואַרצן ים, און כדי ניט אָנצושטרענגען צו שטאַרק די פֿאַנטאַזיע פֿון די צושויער, האָט מען מיט ווייסע בוכשטאַבן אויפֿגעשריבן: „שוואַרצער ים". באַוואָפֿנט מיט פֿייל־און־בויגן און שפּיזן, האָבן אַריינגעמאַרשירט די וואַנדאַלן. יוסטפֿאַן האָט געטראָגן די פֿאָן, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן: „מיר זיינען די אומבאַזיגבאַרע וואַנדאַלן." זיי האָבן אַרומגעמאַרשירט הין־און־צוריק אויף דער בינע, זינגענדיק: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס." דאָס דאָזיקע ליד האָט מען איינגעשטודירט מיט יוסטפֿאַנען עטלעכע וואָכן. די מעלאָדיע אָבער פֿון „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס" איז די זעלבע ווי פֿון דעם אַמאָליקן האַפּסבורגער הימן, וואָס יוסטפֿאַן פֿלעגט זינגען ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד אין דער שול און שפּעטער ביי געוויסע געלעגנ־הייטן אַלס קייזערלעך־קעניגלעכער בריוו־טרעגער.

און ווען אַלע אַנדערע האָבן איצט אויף דער בינע געזונגען די ווער־טער פֿון דעם דייטשישן ליד, האָט יוסטפֿאַן זיי אַלעמען איבערגעשריען מיט די ווערטער: „אייביק בלייבט מיט האַפּסבורגס קרוין דער גורל פֿון עסטרייך פֿאַראייניקט."

אַטאַ פֿאַן ראַובניטץ, אַלס רעזשיסער הינטער די קוליסן, האָט זיך געביסן די ליפּן, ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט מאַכן. פֿלאָנטערנדיק זיך, האָבן די וואַנדאַלן אַרויסגעמאַרשירט פֿון שוואַרצן ים אין דער ריכטונג פֿון צפֿון. אַ קליינער איבעררייס — און פֿון הינטער דער בינע האָט זיך דער־הערט אַ צאָרנדיק פֿליסטערן. דאַן זיינען אויפֿגעטראָטן פֿינף יידן, די זעל־ביקע פֿינף, וואָס מען האָט היינט אינדערפֿרי געהאַט אַרעסטירט. איינער פֿון זיי, וועלכער איז געווען אַרום זעכציק, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַ געקרייזלטער ווייסער באָרד, האָט געטראָגן אַ פּלאַקאַט מיט גרויסע בוכ־שטאַבן אין דער רעכטער האַנט און אַ צלם אין דער לינקער. ער האָט מיטן צלם אָפּגעשטעלט דעם פֿירער פֿון די וואַנדאַלן און שטאַמלענדיק געזאָגט:

— קיין איין טריט נים ווייטער! זעסטו ניט, אז אויף מיין שילד איז אָנגעשריבן, אז איך בין פּאול פון תרשיש, דער אַפּאָסטאָל פון יהודה, ווען די זקני־ציון האָבן ארויסגעשיקט איינעם פון זיי די וועלט אונטער דער מאסקע פון דעם אזוי־גערופענעם קריסטנטום? דאָס איז היינט מיין סימ־באָל. פריער האָבן מיר געהאט דעם מגן־דוד, איצט דעם צלם. אָט אזוי ארבעטן מיר אונטער צוויי פארשיידענע פירמעס. אייערע זינגן זיינען גאָר־נישט ווערט. אייערע וואפן — באַדייטונגסלאָז קעגנאיבער מיין דעמאַגאָגיע. דער צלם וועט אונטערוואַרפן די וועלט. וועט שטעלן גערמאניע אונטער אונ־דזער ווילן. אויף די קני, וואנדאלן! בוקט זיך פארן צלם, אָנערקענט יהודהס וועלט־הערשאפט.

די וואנדאלן זיינען געפאלן אויף די קני און געקושט דעם צלם. און די יידן האָבן אָנגעהויבן טאנצן, אין זייערע אַלטע, צעפּאָרענע שיך, און געזונגען: „אונדז דינען פעלקער, פאר מיר בויגן זיך נאציעס, איך בין דער לייב פון יהודה, בין דער באַהערשער פון דער וועלט.”

די גאנצע זאך איז דורכגעפירט געוואָרן אָן נשמה, מאָנאָטאָן. און זיי זיינען געבליבן שטיין אָן אָטעם און נים געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן. דאָס ליכט אויף דער בינע האָט זיך אויסגעלאָשן.

ווען דאָס ליכט האָט ווידער באַלויכטן די בינע, איז ראובניטץ גע־שטאַנען אין א שווארצן אָנצוג, מיט א ווייסע בלום אין לאָץ. מ׳האָט גע־פּאטשט בראוואָ; ער האָט געשמייכלט און זיך פארנויגט.

צווייטע סצענע. די וואנדאלן האָבן זיך ווידער באַוויזן מיט א פּלאַקאַט, וואָס האָט זיך געלייענט: „היינט געהערט אונדז דייטשלאַנד און מאָרגן די גאנצע וועלט.” נאָך אַמאָל האָט מען ארויסגעשלעפּט די פינף יידן, וועלכע האָבן הייזעריקלעך געשריען, ניט אין טאָן: „האַלט, ניט קיין איין טריט ווייטער!” אָבער סיי די וואנדאלן, סיי די יידן האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט, ביז פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א געשריי. עס איז געווען שווער צו פארשטיין וואָס דער געשריי באַטייט. דאָס האָט געדאַרפט מאכן דעם איינדרוק פון מדבר — און מ׳האָט געקאָנט הערן אַזעלכע ווערטער, ווי הומאַניטעט, דעמאָקראַטיע, ציוויליזאַציע.

און פּונקט ווי דער געשריי איז געקומען אומדערוואַרט, האָט ער אויך אזוי פּלוצלונג זיך אָפּגעהאַקט, און אַלץ איז געבליבן ווי פארגליווערט. „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?” האָט באַרבאַרעסקו געטראַכט. — „קיין זייער גענויאַלער בינע־קינסטלער איז דער ראובניטץ ניט.”

אָבער מיטאַמאָל האָט די שפּיל זיך ווייטער אָנגעהויבן. היטלער, מיט טשאַרלי טשאַפּלין־וואָנצעלעך, איז ארויסגעקומען אויף דער בינע און גע־נומען דעקלאַמירן: „דייטשלאַנד דערוואַך! ענדלעך האָט דער גייסט פון

אונדזער שעה געשלאָגן! די וועלט־געשיכטע ווערט איבערגעשריבן! דעם שטאַרקן געהערט די ערד!"

„געניאַל", האָט באַרבאַרעסקו אַרויסגעמורמלט, און געמאַכט אַ פּאַר־גליווערטן פּנים. און פון דער בינע האָט זיך געטראָגן: „דער האַקן־קרייץ איז פאַר די נעקסטע צען טויזנט יאָר דער סימבאָל פון דער וועלט, און דאָן אויף אייביק."

די יידן האָבן דערשראָקן געקוקט אויף דעם היטלער. עס האָט זיך דערהערט אַ רעוואָלווערן־שאָס. היטלער אַליין האָט זיך דערשראָקן. דער אַלטער ייד האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים אַרעם. אַ שיסעריי!

— מען שיסט אויף אַן אמת! — האָט אַ פרוי אָנגעהויבן שרייען און אָנגעוויזן אויף די וואַנדאַלן. איין וואַנדאַל האָט געהאַלטן דעם אַלטן ביי דער באָרד און אַריינגעשאָסן אים אין פּנים אַריין.

אינדרויסן, אין דער קאַלטער נאַכט, האָט אינצווישן עטוואָס גאַנץ אַנדערש פּאַסירט. ביים אַריינגאַנג אין האָטעל „האַמערהאָף" זיינען גע־שטאַנען זעקס זשאַנדאַרן, געפּאַטשט מיט די הענט אין די קני און אונטער־געשפּרונגען, זיך אָנצוואַרעמען. זיי האָבן געהאַט אַ שטרענגען באַפעל קיין רומעניער אין האָטעל ניט אַריינצולאָזן, און זיי האָבן זיך געלאַנג־ווייליקט. מיט אַמאָל האָט פון דער אַנדער זייט פון דער בריק אויפגעלויכטן אַ ליכט. מ'האָט אויפגעשטעלט אַ הויך־ריידער: באַלד האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן דער בראָדקעסט פון דער ניי־יאָר פייערונג אין מאָסקווע. אָבער אויף דער זייט פון דער בריק, אין סערעט, איז געווען שטילער ווי גע־ווײנלעך, נאָר עס פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ מין פּייקלעריי.

דאָס דאָזיקע פּויקן איז געקומען פון אַ כאַפּטע קירזשנער. דאָס איז ביי זיי געווען אַ ניי־יאָר מנהג. שוין זייערע אור־אור־עלטערן פלעגן ניי־יאָר אָוונט איינשפּאַנען פיר פערד אין אַ שליטן און זיך דורכפאָרן איבער דער שטאָט. אויף דעם שליטן איז געווען צוגעבונדן אַ פאַס, וואָס איז געווע אויסגעשניטן פון אויבן. פאַרויס איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט, מיט אַן אויפ־שריפט: „דאָס יאָר 1940 בעט אַ קליינע מתנה פאַר דעם יאָר 1941." דער שליטן איז געקומען פון דער שוצאוואַיער גאַס, אַראָפּ באַרג. ביי יעדן הויז האָט דער שליטן זיך אָפּגעשטעלט און אומעטום האָט מען זיי געגעבן שטיקלעך צוקער און ווייץ־קערנער.

דער עולם אַרום שליטן האָט געהאַלטן אין וואַקסן. אונטערוועגנס האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט אַרעסטירט איניקע סטודענטן, די פירער פון די פליכטלינגען און איניקע מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע". מען איז שוין געווען ניט ווייט פון דעם רינגפּלאַץ און מ'האָט גערעדט אויף אַלע לשונות וועגן דער לוסטיקער הוליאַנקע אין האָטעל

„האמערהאַף" וועגן די יידן, וואָס מ'האָט אוועקגעשלעפּט אהין. דער האָס איז געוואַקסן אפילו ביי די, וועלכע האָבן נאָך געגלויבט די הערצעס קעגן די יידן. און דאָ האָט מיטאמאָל זיך באַוויזן אַ פרוי מיט צוויי האַלב־דער־וואַקסענע קינדער, וועלכע זיינען אַרויסגעלאָפן פון אַ דערבייאיק נידעריק הייזל און געשריען אויף רומעניש געמישט מיט יידיש: „העלפט, אפשר קאָנט איר עפּעס טאָן!" זי האָט גערעדט אזוי האסטיק און איז געווען אזוי מבולבל, אז פון אָנהויב האָט מען ניט פאַרשטאַנען וואָס אייגנטלעך זי וויל. מען האָט בלויז געזען, אז אירע קינדער, וועלכע זיינען באַרוועסע אַרומ־געלאָפן אין דעם שניי, האָבן פון אויפרעגונג און ערגערניש אפילו ניט געפילט די קעלט.

מען האָט אַרומגערינגלט די פאַמיליע און דער אַלטער דר. קלאָדניצקי האָט אין אַ באַרואיקנדיקן טאָן געפרעגט:

— נו, פרוי קאַהאַנע, וואָס האָט דען פּאַסירט?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט ווילדע אויגן און אויפגעהויבן ביידע הענט:

— מיין מאַן! זיי האָבן אים אין דעם „האמערהאַף" פאַרשלעפּט!

— מיר גייען צום „האמערהאַף"! — האָט איינער אויסגעשריען.

אייניקע איז די זאַך ניט געווען שטאַרק צום האַרצן, אָבער אַלע זיינען נאָכגעגאַנגען דעם שליטן ווייטער און געשוויגן. קיינער האָט מער ניט אָפּ־געשטעלט דעם עולם, מכבד צו זיין מיט נאַשערייען.

ווען דער שליטן האָט זיך דערנענטערט צום האָטעל „האמערהאַף", האָבן די זעקס זשאַנדאַרן זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ריי ביים אַריינגאַנג.

— ווער האָט דאָ געשאָסן? — האָט עמעצער .אויסגעשריען.

דער עולם איז געשטאַנען צוזאַמענגעשפּאַרט ביי ביידע זייטן פון דעם שליטן.

— ווער האָט דאָ געשאָסן? — האָבן אויך אַנדערע אָנגעהויבן שרייען.

די זשאַנדאַרן האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן:

— צוריק, אָדער מיר וועלן שיסן!

אָבער מען האָט דעם עולם מער ניט געקאָנט אָפּהאַלטן.

די זשאַנדאַרן האָבן אויסגעשאָסן.

די גאַנצע זאַך האָט געדויערט בלויז אַן אויגנבליק. פיל פון דעם עולם זיינען געפאַלן פאַרוואונדעט פון די קוילן. אָבער די מענטשן האָבן זיך אַ וואַרף געטאָן אויף די זשאַנדאַרן, האָבן אַרויסגעריסן די ביקסן פון זייערע הענט און געוואָלט אַריינרייסן זיך אין האָטעל, ווען פראַנץ ציממערלע איז אַרויסגעקומען און אָנגעהויבן שרייען אין רומעניש: „צוריק!" אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרויסצונעמען זיין רעוואָלווער פון קע־שענע, האָט ער באַקומען אַ זעץ מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס אין דער

ברוסט און האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער לענג ביי דער וואַנט. דער עולם האָט אַריינגעשטורעמט אינעווייניק.

— אויסלעשן די לאָמפּן!

ס'איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. עס האָבן זיך געהערט געשרייען, דומפּע קלעפּ, קרעכצן.

ווען סאָלדאַטן זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי בלויז באַוויזן צו פאַר־האַלטן אייניקע מענטשן, וועלכע זיינען באַשטימט ניט געווען צווישן די, וואָס האָבן געשטורעמט דעם האָטעל. די רומענישע אָפיצערן זיינען אויך ניט געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין געפינען די שולדיקע. אַ סך פון זיי זיינען געווען מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע". זיינען זיי גע־מיטלעך געשטאַנען ביים האָטעל און זיך צוגעקוקט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער אַנדער זייט פון דער בריק. דאָרט האָט מען געזונגען, און פון דעם הויך־ריידער האָט זיך באַלד דערהערט אַ מעכטיקע שטים אין מאָל־דאַוויש: „דאָס יאָר 1940 איז געענדיקט. אַ ניי יאָר האָט זיך אָנגעהויבן. זאָל עס ווערן אַ יאָר פון אויפבוי און פון פרידן. אַ יאָר ..."

.6

סימיאָן שטראַוב, דער אַרבעטער אין דער ברויעריי, האָט אָפּט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער קאָן דאָס שוין מער ניט אַריבערטראָגן. עס איז אַוועק אַ יאָר זינט ער האָט פון דעם פאָשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע באַקומען דעם אויפטראָג אין דער ניי־געגרינדעטער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט; ער האָט אָבער קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע ער האָט אויף זיך גענומען. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער ניט געזוכט אַרויסצודרייען זיך פון שוועריקייטן, אָדער זיך אָפּשרעקן פאַר שוועריקייטן. זינט זיין עלפטן יאָר האָט ער זיך באַגעגנט מיט שוועריקייטן אויף זיין לעבן.

זיין פאָטער האָט געאַרבעט אין אַ מיל און ניט פאַרדינט גענוג צו קאָנען דערנערן די פאַמיליע. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די פאָלקס־שול, איז ער שוין אָנגעקומען אין דער ברויעריי אַלס לערן־ייִנגל. אין די ערשטע יאָרן האָט ער זיך גאָרנישט אויסגעלערנט. אַלע זיינען אויף אים געריטן; ער איז געווען אַלעמענס אונטערטאַן — פון דעם שעף, ווי פון די אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט 14 שעה אַ טאָג און האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין יוגנט. ער איז געווען פאַרהייראַט בלויז צוויי וואָכן, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ער האָט געקעמפט קעגן די סערבן, קעגן רוסלאַנד, איז אַריינגעפאַלן אין פּלען און אַלס קריגס־געפאַנגענער האָט ער דורכגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּייאישע רוס־לאַנד, און אין אַ שווערן קאַלטן ווינטער איז ער אָנגעקומען אין אַ לאַגער

פון קריגס־געפאַנגענע, אין סיביר. אין לאַגער האָט ער געליטן הונגער און קעלט. פון די אַנדערע קריגס־געפאַנגענע זיינען אַ סך געפאַלן אונטער־וועגנס, אַ סך זיינען אומגעקומען אין דעם לאַגער.

אָנהויב 1918, ווען מ'האָט פאַר די קריגס־געפאַנגענע געעפנט די טירן פון די לאַגערן, און גלייכצייטיק איז געקומען דער רוף פון דער נייער רעגירונג אין מאָסקווע צו די קריגס־געפאַנגענע זיך אַנצושליסן אין דער רעוואָלוציע, איז ער געווען פון די ערשטע זיך צו מעלדן. ער האָט געקעמפט קעגן קאָלטשאַקן, האָט דורכגעלעבט דעם צוזאַמענבראָך פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער בריגאַדע אין סיביר, האָט שפּעטער געקעמפט אין דרום־רוס־לאַנד קעגן דעניקינען און וורענגעלן. ער האָט אָבער שטאַרק געבענקט נאָך זיין פרוי. ער האָט זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד קיין סערעט, וואו זיין פרוי איז שוין מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

ער האָט גלייך געוואָלט צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד, ער האָט אָבער פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט איצט געהערט, געקראָגן אַ פאַר־אָרדענונג צו קריגן זיין אַלטע שטעלע אין דער ברויעריי און דאָרט איינ־שטעלן אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע. די לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע. פאַר אַזאַ ארבעט האָט מען דערמאָרדעט אָן אַ געריכט־אורטייל. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעשראָקן.

אין זיין צווייטער פרוי, אַן אוקראַאינערין פון סערעט, האָט ער גע־פונען אַ פריינט און מיטקעמפער. אָבער נאָך עטלעכע יאָר פון אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן, האָט אים ווידער געטראָפן אַן אומגליק — ער איז נאָך אַמאָל פאַרבליבן אַן אַלמן. זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, ווי אויך די פירער־שאַפט אין דער הויפּט־שטאָט, האָבן געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי און האָבן אָפּגעשאַצט זיינע ביישטייערן. אָבער אין אַזאַ שווערער לאַגע ווי איצט, אָפט נאָענט צו פאַרצווייפלונג, האָט ער זיך נאָך קיינמאָל ניט געפונען. ער איז געווען דער פירער פון דער אומלעגאַלער גרופּע, וואָס האָט געהאַט איר צענטער אין דער ברויעריי גופא. פון די פופצן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון דער גרופּע, האָבן בלויז פיר אים געקענט פערזענלעך. איז ער אָבער זינט פאַריקן יאָר געווען דער סעקרעטאַר פון דער נאַצי־אָרגאַניזאַציע, פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט. עס איז אים געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי פון היטלערס דריי פאַרטרעטער אויף אַזוי פיל, אַז אָטאָ פאָן ראַובניטץ, פראַנץ צימערלע און האַנס קרולע האָבן אים צוגעצויגן צו די ענגסטע און פאַרטרוילעכסטע באַראַטונגען. דאָס איז בלי ספק געווען אַ גרויסער דערפאָלג. ער האָט געקאָנט באַריכטן צו דער פירערשאַפט וועגן אַלץ. זיי האָבן באַקומען ידיעות וועגן דעם שונאס פּלענער. אָבער . . .

יאָ, דער דאָזיקער אָבער האָט אים געהאַלטן אין איין מאַטערן. ער

האָט אין משך פון אַט דער צייט זיך דערוואָרבן די פאַראַכטונג און האַס פון דעם גרעסטן טייל פון די אַרבעטער אין דער ברויערײַ. יידן, רומעניער, פליכטלינגען און היימלאָזע אין דער שטאָט האָבן אים אויסגעמיטן. מ׳האָט אים באַטראַכט ווי איינעם, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צו דער געשטאַפּאָ. דאָס וואָלט אפשר ניט געווען דאָס ערגסטע, הגם שווער געגוג. אָבער וואו איז די גרענעץ? איז ער דען ניט אַ מיטשולדיקער אין די אַלע פאַרברעכנס? ער האָט נאָך איצט ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם ניי־יאָר אָוונט, ווען מ׳האָט קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט פינף יידן אויף דער בינע און נאָכדעם געמאַכט אַ בלוט־באָד אויף די רומעניער. און אויך ער האָט זיך געפונען צווישן די מיטבאַטייליקטע אין די פאַרברעכנס, מאַכטלאָז, ניט קאָנענדיק זיך אפילו פאַרענטפערן.

מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז ער געווען באַזונדערס באַשעפטיקט אין אַט דעם אָוונט, אין די ערשטע טעג פון יוני, 1941, ווען ער, אַלס סעק־רעטאַר פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט, צוזאַמען מיט היטלערס דריי שלוחים און צוויי דייטשישע גרויסע לאַנד־אייגנטימער, זיינען געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ צעטל נעמען פון יידישע איינוואוינער פון סערעט. אַט דעם אָוונט האָט מען געדאַרפט אַרויסטראָגן אַן אורטייל פון מאַסן־מאָרד. דער באַפעל פון דער מזרח־דרומדיקער קאָמאַנדע פון דער דייטשישער אַרמיי האָט געלויטעט: די פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס קאָנען ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט אַלס הילפס־אַרבעטער פאַר די צילן פון דעם פירער, דאַרפן אַלס איבערפליסיקער באַלאַסט אָפגעראַמט ווערן פון וועג.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט פאָרגעלייענט דעם צעטל, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דורכקאָנטראָלירן אַ צעטל פון באַקומענע סחורות אין אַ קראָם. דאָס לייענען פונעם צעטל איז אָנגעגאַנגען אומגעפער אַזוי: מוטער, פאָטער און זעקס קינדער; לעבן דעם נאָמען איז געקומען אַ באַמערקונג פון שטאָטישן דאָקטאָר: פאַר שווער־גראָבן אַרבעט. אָדער: עלטערן און פיר דערוואַקסענע קינדער — אַרבעט־פיאיק. ביי אַנדערע נעמען איז גע־ווען אַ באַמערקונג: קרענקלעך, קוים פּאַסיק פאַר אַ שווערער אַרבעט. לעבן די נעמען פון די אַרבעט־פיאיקע האָט מען געמאַכט אַ שטריך, לעבן די ניט־אַרבעט־פיאיקע — אַ צלם. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז כאַצקל וואַגנער, וועלכער איז געווען דער איינציקער שמיד אין שטאָט, און נאָך דריי — אַ שוסטער, אַ בלעכער און אַ שניידער — זאָלן איבערגעלאָזן ווערן. וועגן די קירזשנער האָט האַנס קרולע באַמערקט:

— איך גלויב ניט, אַז פון זיי דאַרף מען שוינען עמעצן, ווייל אין דעם דאָזיקן פאַך זיינען רומעניער זייער שטאַרק פאַרטראָטן.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז געווען מיט דער מיינונג, אַז אַלע די וועלכע זיינען פאַרצייכנט געוואָרן מיט אַ צלם, זאָל מען אין איינעם פון די נעקסטע

טעג ארויסשלעפן פון זייערע וואוינונגען, אוועקטרייבן זיי אויף א פעלד און דאָרט זיי דערשיסן מיט מאַשין־ביקסן. האַנס קרולע איז אָבער ארויס־געטראָטן קעגן דעם: אזוי לאַנג ווי די רוסישע אַרמיי געפינט זיך אויף דער אַנדער זייט פון טייך, — האָט ער אַרגומענטירט, — דאַרף מען דאָ זיך ניט אַרומשפּילן מיט מאַשין־ביקסן. לויט די אָנווייזונגען, דאַרף מען ניט אונטערנעמען קיין שום זאַך, וואָס קאָן פּראָוואָצירן די אַנדער זייט, איידער עס וועט קומען דער באַפעל פון פירער צו האַנדלען. איבערהויפּט מוז מען אויסמיידן אין די נעקסטע וואָכן צו שאַפן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע. ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר מער ריכטיק צו זאָגן די יידן, אַז מען האָט פאַר זיי געשאַפן אַרבעט און פאַרזאָגט וואוינונגען לעבן שוואַרצן ים. זיי דאַרפן האָבן דעם איינדרוק, אַז הגם מען טרייבט זיי אַרויס פון זייערע היימען, שוינט מען זיי פונדעסטוועגן זייערע לעבנס. ער וועט איבערנעמען די דאָזיקע אויפגאַבע, האָט ער געזאָגט. ער פילט זיך פּאַסיק צו קאָנען האַנדלען מיט די מענטשן שטרענג, נאָר פריינטלעך. און ערשט ווען מען וועט זיי האָבן איינגעפּאַקט אין וואַגאָנער אָדער פראַכט־וואַגאָנען, קאָן מען זיי אונטערוואַרפן אַן שום שוועריקייטן אומברענגען. וואָס שייך די אַרבעט־פּייאַיקע, דאַרף מען זיי אין די נעקסטע טעג שטעלן אונטער דער מיליטער־קאָמאַנדע אין ראַדאַוטץ, צו בויען באַפעסטיקונגען. אזוי האָט ער גע'עצהט.

סימיאָן שטראַוב איז אוועק פון דער זיצונג אַ צעבראָכענער. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, און אים האָט געשיינט ווי סערעט, די גאַנצע געגנט, יאָ, די גאַנצע וועלט דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד; און דערצו האָט ער נאָך געמוזט צוזאַמענגעמען אַלע כּחות זיך צו קאָנטראָלירן, אַז די אַנדערע זאָלן דאָס ניט באַמערקן. אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אים געוואָלט איינרעדן, אַז ער זאָל דעם אָוונט קומען מיט די איבעריקע, אַלס זיין גאַסט, אין דעם באַרדעל פון באַרקע און מאַניסאַלי.

— אזוי ווי צווישן די יידישע מיידלעך, — האָט ער געזאָגט, — וועלן זיך זיכער געפינען אַ צאָל, וואָס מען וועט קאָנען אוועקשענקען דעם פאַר־געניגנס־לאָקאַל, איז נויטיק, אַז אויך איר זאָלט אָנקוקן דעם לאָקאַל פון דער נאָענט. צניעות, ליבער פאָלקס־גענאָסע, געהערט צו אַ פאַרגאַנגענער צייט, און פאַר אייך פּאַסט דאָס נאָך ווייניקער, ווייל איר זייט אַן אַלמן.

נאָך אַמאָל האָט סימיאָן געדאַרפט צוזאַמענגעמען אַלע זיינע כּחות ניט אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף די דאָזיקע ראַצן, אויף די דאָזיקע קאַלטע מערדער. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק מיד. אַ שטיקל וועג זיינען זיי געגאַנגען צוזאַמען, ווייל זיין וואוינונג האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם פאַרגעניגנס־לאָקאַל. זיי זיינען געגאַנגען מיט דער גאַס ביים יידישן בית־עולם, וואָס האָט געפירט צום שיינעם ווערפּולי־וועלדל. די

אקאציע־ביימער האָבן געשמעקט. פון טייך האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס. אַזוי פיל פרילינגס־פרייד האָט געהערשט אַרום!

זעלבסטצופרידן, תּאוותדיק, זיינען לעבן אים געגאַנגען פינף מענטשן, וועלכע האָבן קאַלטבלוטיק, זיך ניט אַ קרים־טועַנדיק, אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל איבער טויזנטער מענטשן. ערשט פאַרנאַכט, ווען ער איז געגאַנגען צו דער זיצונג, האָט ער געזען אַ גרופּע יידישע קינדער זיך שפּילנ־דיק אויף דער סטעפּאַן־גאַס. איצט וועלן זיי באַלד דערמאָרדעט ווערן. ווען ער האָט גענומען אָפּשייד פון זיינע „פאָלקס־גענאָסן", האָט אַ ייד זיך פאַרביינעשלייכט פאַרביי אים. ער איז געווען קוים פינף טריט פון אים. זאָל ער אים וואָרענען? זאָגן אים בלויז איין וואָרט? — ניין, דאָס טאָר ער ניט, אויב ער וויל זיך ניט אַרויסגעבן. פאַר יידן האָט זינט דער ניי־יאָר פייערונג עקזיסטירט אַ פאַרשאַרפטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד. נאָך זעקס אַזייגער אין אָוונט, האָט אַ ייד ניט געטאָרט פאַרלאָזן זיין וואוינונג אָן אַ דערלויבעניש. דער ייד האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך צו אַנטשולדיקן. די איבעריקע דייטשן זיינען אויך צוגעגאַנגען.

— מיין קינד איז קראַנק, — האָט דער ייד געזאָגט, — עס האָט אַ הויכן פיבער. איך האָב געמוזט גיין צום דאָקטאָר.

די אַנדערע האָבן דעם יידן אַ שפּיי געטאָן אין פּנים, זיך אויסגעדרייט און אַוועק רעכטס צום באַרדעל. אויך ער, סימיאָן, איז אַוועק ווייטער אויף זיין וועג. זיינע פיס זיינען געווען ווי געליימט, ווי זיי וואָלטן אים מער ניט געוואָלט טראָגן. אָט לויפט אַ פאָטער שפּעט אין דער נאַכט, פול מיט אַנגסט פאַר זיין קראַנק, פיבערנדיק קינד, ניט האָבנדיק קיין אַנונג, אַז דער הענקער האָט שוין די האַק שאַרף, אַז דער טויט־אורטייל איז שוין אַרויס־געטראָגן. און ער, סימיאָן, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן געקעמפט פאַר עטוואָס בעסערס? ער קאָן זיך אפשר איינרעדן, אַז ער האָט שוין עטוואָס אויפגעטאָן, ווען ער איז מיט די אַנדערע ניט געגאַנגען אין באַרדעל; וואָס ער גייט איצט אַהיים עסן זיין אָוונט־ברויט, זיך לייגן שלאָפן און רואיק וואַרטן וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען. ניין, ער קאָן דאָס ניט. ער קאָן שוין פשוט מער ניט. ווען דער פאַרשטייער פון דער פירערשאַפט פון דער פאַרטיי, דער מאַן מיטן קלאָרן בליק, וועלכער האָט פאַר יעדער שווערער פראַגע געהאַט אַן ענטפער, וואָלט דאָ געווען! ניין, מ׳דאַרף האַנדלען. אָבער ער טאָר ניט מאַכן קיין איין ניט־איבערגעלייגטן שריט. וואָס זאָל ער טאָן?...

דער זייגער אויפן קירכן־טורעם האָט געשלאָגן צוועלף. אַן אויסגע־שטערנטע קלאָרע יוני־נאַכט. מיטן וועג איז אים געלאָפן אַנטקעגן דער 17־יאָריקער שכנישער בחור, פּעטרושקאַ. פּעטרושקאַס פאָטער איז אויך געווען אַן אַרבעטער אין דער ברויעריי, אויף וויפיל סימיאָן האָט געוואוסט

איז ער געווען אַ ניט־אָרגאַניזירטער, אפשר, ווי פיל אַנדערע אַרבעטער דער ברויעריי, פּאָליטיש אינגאַנצן ניט פאַראינטערעסירט. אָבער — אין אַזעלכע מינוטן אַרבעט דער געדאַנק בליץ־שנעל — עס איז אים איצט איינגעפאַלן, אַז פּעטרושקאַס פאָטער האָט געהערט צו די, וועלכע האָבן אים לעצטנס אויסגעמיטן. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן.

איידער סימיאָן האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וואָס ער טוט, האָט ער אָפּגעשטעלט פּעטרושקאַן. דער הויך־געוואַקסענער, בלוי־אויגיקער בחור, מיט בלאָנדע האָר, איז געבליבן שטיין און אים אָנגעקוקט מיט אַ פראַגע אין די אויגן. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ניט טראַכטנדיק האָט ער געזאָגט דעם בחור: „וואו שלעפּסטו זיך אייגנטלעך אַרום אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?" דאָס איז געווען אַ פראַגע, וואָס האָט געקאָנט ביי דעם בחור שאַפן אַ מיסטרויען צו אים. אָבער דער יונגערמאַן איז געשטאַנען, האָט אים אָנגעקוקט פולשטענדיק פאַרטרוילעך, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן אַנדער פראַגע, אָדער גאָר אויף אַ שליחות. סימיאָן האָט איצט געפילט, ווי ער וואָלט געוואָלט רעדן און קאָן עפּעס ניט.

און דאָן איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אינגאַנצן ניט דער־וואַרט. דאָס יינגל האָט געזאָגט:

— איך קום פון באַצקל וואַגנער.

דער יידישער שמיד באַצקל וואַגנער האָט געהערט צו סימיאָנס ענגער גרופּע. פּונקט ווי ער אַליין, האָט אויך באַצקל וואַגנער געהאַט דעם פולן צוטרוי פון דער פּירערשאַפט. צוליב די פאַרהעלטענישן פון דעם לעצטן יאָר, האָט סימיאָן ניט געקאָנט זיך באַגעגענען מיט באַצקלען אין דער עפנטלעכקייט. באַצקל פלעגט באַקומען זיינע אָנווייזונגען דירעקט. מ'האָט אים געהאַלטן פאַר דעם פאַסיקסטן מאַן פאַר מאַסן־אַרבעט, ווייל אַלס שמיד, פלעגן צו אים פאַרפאָרן מאַסן פּויערים, ניט אַרויסרופנדיק קיין פאַרדאַכט. צוליב פאָרזיכטיקייט, האָט קיינער פון דער ענגער גרופּע ניט געטאָרט שטיין מיט דעם שמיד אין פאַרבינדונג. און איצט איז דער דאָזיקער בחור אים געלאָפן אַנטקעגן און אָנגערופן דעם נאָמען פון באַצקל וואַגנער.

סימיאָן איז געווען ניט זיכער ביי זיך. מעג ער געטרויען דעם יינגל? אַ שטים האָט אים געזאָגט: „ניט נאָר מעגסטו, נאָר דו מוזט. אָנווייזונגען זיינען גילטיק נאָר פאַר אַ באַשטימטער סיטואַציע. מען דערוואַרט פון דיר, יאָ, מען דערוואַרט פון דיר, אַז דו זאָלסט אַליין האָבן די פעיִקייט אָפּצו־שאַצן אַ לאַגע און אין אַן אויגנבליק אַליין צו באַשליסן." ער האָט געזאָגט דעם יונגנמאַן:

— דיינע עלטערן שלאָפן שוין?

— יאָ, — האָט דער בחור געענטפערט, אָן צו זיין דערשטוינט פון דער פראַגע.

ערשט איצט האָט סימיאָן זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט, אַז פּעטרושקאַ איז באַפריינדעט מיט כאַצקל וואַגנערס זעכצן־יאָריקער טאָכטער, רעבעקאַ. ער האָט געטראַכט, אַז כאַצקל וואַגנער האָט מסתמא געזאָגט דעם ייִנגל, אַז מיט אים, סימיאָנען, איז אַלץ אין אָרדענונג, ניט געקוקט אויף דעם אויסערלעכן אויסזען. ער האָט דעם ייִנגל געפרעגט: —

— האָט כאַצקל וואַגנער דיר עפּעס געזאָגט וועגן מיר?

— יאָ, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער מוז מיט אייך רעדן און איך זאָל אייך פרעגן, — איך האָב געוואָלט קומען צו אייך וועגן דעם מאָרגן, — אויב איר ווייסט פון אַ מעגלעכקייט ווען און וואו כאַצקל קאָן אייך טרעפן, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן.

סימיאָן האָט ניט געצווייפלט אין דעם בהורס אויפריכטיקייט און גע־ענטפערט:

— הער נאָר, איך ווייס ניט וואָס דו געהערסט זיך אָן מיט כאַצקלען, אָבער דו מאַכסט דעם איינדרוק פון אַ גוטן אויפריכטיקן מענטשן. פון דעם, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן, הענגט אָפּ ניט נאָר מיין לעבן, נאָר דער גורל פון הונדערטער און טויזנטער מענטשן. דו ביזט שוין אַ דער־וואַקסענער בחור. אויב איך געדענק געניי, דאַרפסטו שוין זיין זיבעצן יאָר אַלט. דו וועסט באַגרייפן דעם ערנסט פון דעם, וואָס איך וועל דיר דאָ דער־ציילן. זאָג כאַצקלען: איך קאָן אים אין דעם מאָמענט ניט טרעפן. דאָס איז ניט אין אונדזערע אינטערעסן. זאָג דאָס אים שפּעטסטנס מאָרגן איינ־דערפרי. און זאָג אים, אַז אויף די סערעטער ייִדן איז שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער טויט־אורטייל, אַז יעדער פאַרזוך צו קריגן הילף, אָפּצורופן דעם גזר הדין דורך באַרבאַרעסקון אָדער דורך דער רומענישער רעגירונג, איז אַרויסגעוואָרפן. איך זע נאָר איין אויסוועג: ער האָט די מעגלעכקייט, דורך די פויערים, וועלכע פאַרפאָרן צו אים און וועלכע קומען אויך אַריבער אויף דער אַנדער זייט, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן קאָמענדאַנט. די רוסן וועלן ניט מאַכן קיין שוועריקייטן, ווען זיי וועלן זיין אינפאָרמירט אין פאָרויס. ווי מען קאָן דאָס דורכפירן, ווייס איך ניט. פאָרלויפיק זיינען די ליניעס שוואַך באַוואַכט. ער ווייס די אַריבערגאַנגען אַזוי גוט ווי איך. ווי אַזוי צו לאָזן וויסן די ייִדן וועגן דער דראָענדיקער געפאַר — דאָס מוז ער אַליין באַשליסן. אָבער זאָג אים, אַז יעדע שעה איז געציילט. די ייִדן האָבן בלויז נאָך איניקע טעג זיך צו ראַטעווען. מען מוז האַנדלען שנעל. ווען דו וועסט מאָרגן נאָכמיטאָג פאַרבייגיין די ברויעריי צו רעדן מיט דיין פאָטער, און דו וועסט צוויי מאָל אַ הוסט טאָן, וועל איך וויסן, אַז כאַצקל האָט דערהאַלטן מיין מיטטיילונג. אַ גוטע נאַכט. גיי שלאָפן — און דו האָסט מיך ניט געזען.

:: :: ::

עס איז געווען שבועות אינדערפרי — דער יום־טוב פון מתן־תורה; אָבער אויך דער יום־טוב נאָך די זיבן ספירה־וואָכן צום אָנדענק פון העלדישן בר־כוכבא־אויפשטאַנד.

די ספירה־וואָכן, וואָס זיינען וואָכן פון טרויער ביי יידן, אין אָנדענק פון די דאָזיקע פרייהייטס־קעמפער, זיינען געווען אריבער. שבועות איז דער אָפּשלוס פון די דאָזיקע טרויער־וואָכן און איז א פרייל‏עכער יידישער יום־טוב. היינט אָבער איז אין דער שול ניט געווען שטארק יום־טובדיק. הינטער דער בינע זיינען געלעגן עטלעכע גרויע בלעטער. דער טרויער איז ניט געווען געענדיקט. קיינער פון די מתפללים אין דער שול האָט נאָך קיין אנונג ניט געהאַט, וואָס זיי דערוואַרט; אָבער ניט ווייסנדיק דאָס ערגסטע, איז די לאַגע געווען אַזאַ געדריקטע, האָט אַלץ אויסגעזען אַזוי האָפענונגס־לאָז, אַז עס האָט זיך ניט געפילט יום־טובדיק. דער חזן האָט געזונגען דעם אקדמות, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מיטלאַלטער אין דער אַראַמייאישער שפראַך:

„דיו אילו ימי וכל מי כנושתא,
דרי ערא ספרי ורשמי רשותאָ . . .
הדרא דלא אפשר למפרת בשפתא."

(ווען אַלע הימלען וואָלטן פאַרמעט געווען; ווען אַלע ימים זאָלן ווערן טינט, ווען אַלע ביימער — פעדער און אַלע איינוואוינער פון דער ערד דיכטער — וועט עס ניט זיין גענוג צו באַשרייבן די רום פון גאָט.)

:: :: ::

אין אָט דעם מאָמענט איז כאַצקל וואַגנער אריינגעקומען אין שול. אָרום דרייסיק יאָר איז כאַצקל דער שמיד ניט געווען אין שול. מעגלעך, אַז טראָץ דעם וואָלט מען זיין אריינקומען אין שול ניט געהאַט באַמערקט, צוליב דעם טרויער און דער האָפענונגסלאָזיקייט, וואָס האָט אַלעמען איבערגעוועלטיקט. אָבער עטוואָס אין דעם גאַנג פון דעם שמיד, אין זיינע שווערע טריט, האָט אַלעמען געמאַכט אויפציטערן. ניט באַגריסנדיק זיך מיט קיינעם, איז דער ברייט־פּלייציקער, פופציק־יאָריקער כאַצקל ארויף אויף דער בימה, וואו אברהם פראַגער, דער פרעזידענט פון דער יידישער קהלה, איז געשטאַנען. ער האָט אים אָפּגערופן אָן א זייט און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. קיינער האָט ניט געהערט וואָס זיי האָבן גערעדט, אָבער אַלע האָבן געפילט, אַז כאַצקל וואַגנער איז געקומען אין א גורל־פולער שליחות. אברהם פראַגער האָט אין העברייאיש געזאָגט דעם ראַבינער די פּאָר ווערטער: „מלאך המות בעיר, מלאכי חבלה בינינו."

ניט אַלע האָבן די ווערטער פאַרשטאַנען, אָבער אַלע האָבן באַגריפן, אַז עפּעס שרעקלעכס איז געשען. א שוידער האָט ארומגעכאַפּט די עדה יידן, פון אונטן ביז ארויף, אין דער ווייבערשער שול און דעם פּאָרהויז, וואו די

קינדער האָבן זיך געשפּילט — ווי דער מלאך־המות וואָלט צו יעדן איינעם פון זיי אויסגעשטרעקט זיינע ביינערדיקע הענט. און שול איז געווען האַלב־טונקל. ביים עמוד האָבן אחוץ דעם נר־תמיד געברענט צוויי ליכט, און די גאָטישע געביידע האָט אריינגעלאָזן ווייניק ליכט, הגם אין דרויסן האָט געשיינט אַ ליכטיקע זון.

די ווערטער פון דער תפילה, „קהילות הקודש שמסרו נפשם על קידוש השם", וואָס דער חזן פלעגט זאָגן יעדן שבת, און וואָס דער עולם פלעגט נאָכמורמלען, ניט טראַכטנדיק וועגן זייער באַדייטונג, האָבן פלוצ־לונג אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען. ווער האָט דען פון די קינדער־יאָרן אָן ניט געהערט דערציילן וועגן אויטאָ־דאַ־פעס, וועגן יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די בתי־מדרשים, אומגעבראַכט זיך, די פרויען און די קינדער, כדי ניט אריינצופאַלן דעם שונא אין די הענט? די דאָזיקע לע־גענדעס זיינען איצט געוואָרן לעבעדיק, האָבן דערשינען אַלס די ווירקלעכ־קייט. פון דער וויבערשער שול האָט זיך געהערט אַ מוראדיקע יללה, וואָס האָט זיך באַלד אריבערגעטראָגן צו דער גאַנצער עדה.

און פלוצלונג האָט דער חזן, אָנשטאָט פאַרזעצן די ווערטער פון דער תפילה, ארויסגעוויינט ירמיהוס ווערטער:

„ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו ואל השמים ואין אורם; ראיתי ההרים והנה רעשו וכל הגבעות התקלקלו; ראיתי והנה אין אדם וכל עוף השמים נדדו, שממה תהיה כל הארץ: הנני מביא עליכם גוי ממרחק בית ישראל נאם יהוה, גוי איתן הוא, גוי מעולם הוא, גוי לא תידע לשונו ולא תשמע מה ידבר; אשפתו כקבר פתוח, כולם גבורים ואכל קצירך ולחמך, יכלו בניך ובנותיך... וגם בימים ההם נאום יהוה לא יעשה אתכם כלה; והיה כי תאמרו תחת מה עשה יהוה אלהינו לנו את כל אלה, ואמרתה אליהם כאשר עזבתם אותי... לא דנו דין יתום ומשפט אביונים לא שפטו; הנה עם בא מארץ צפון וגוי גדול יעור מירכתי ארץ; קשת וכידון יחזיקו, אכזרי הוא ולא ירחמו, קולם כים יהמה ועל סוסים ירכבו.. בת עמי חגרי שק והתפלשי בעפר אבל יחיד עשי מות לך, מספד תמרורים, כי פתאם בא השדד עלינו."

(איך וואַרף מיין בליק צו דער ערד און זי איז וויסט און ליער; איך וואַרף מיין בליק צום הימל און קיין ליכט שטראַלט ניט מער. איך וואַרף מיין בליק צו די בערג און זיי ציטערן און די בערגלעך זיי פאַרשווינדן. איך זוך דעם מענטשן, אָבער עס איז ניטאָ קיין מענטש. און די פויגלען זיינען פון די הימלען פאַרשוואונדן. איז די גאַנצע וועלט וויסט און ליער געוואָרן. עס קומט אויף אייך, בית־ישראל, אַ פאָלק, וועמעס שפּראַך איר פאַרשטייט ניט, אַזוי זאָגט גאָט. וואו נאָר אָט דאָס פאָלק דערשיינט, לאָזט עס קברים הינטער זיך, עס פרעסט דיין ברויט, פאַרצערט דיינע זין און

דיינע טעכטער, פאַרניכטעט אייך אַלעמען. און דאָך וועסטו דאָס איבער־לעבן... און ווען מענטשן וועלן פרעגן, פאַרוואָס האָט גאָט אונדזער גאָט דאָס אַלץ געטאָן צו אונדז, זאָלסטו ענטפערן: ווייל איר האָט מיך פאַר־לאָזט... איר האָט דעם יתום קיין גערעכטן דין ניט אַרויסגעגעבן און דעם אָרעמאַן אומגערעכט געמשפּט. יאָ, אויף אייך קומט אַ מעכטיק פאָלק פון צפון, וואָס צעטרעט אַלץ. עס ווייס ניט פון קיין רחמנות. הערט איר זיין קול, וואָס איז ווי דאָס ברומען פון ים? זעט איר אים רייטן אויף פערד?... טאָכטער פון מיין פאָלק, גורט אָן אַ זאַק אויף דיינע לענדן, שיט אַרויף אַש אויף דיין קאָפּ, ווייל פּלוצלונג און אומדערוואַרט איז דער רויבער געקומען אויף אונדז, ברענגענדיק אומענדלעכן טרויער.)

דער חזן איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט אפילו קיין אָטעם ניט געהערט. וואָס ווייטער? אין דרויסן האָבן קיין אויטאָ־דאַ־פעס ניט געברענט, אָבער אַלעמען האָט דערוואַרט אַ רומ־לאָזער סוף, אַ זינלאָזיקע שחיטה.

און ווען דער חזן האָט ווידער אָנגעהויבן זאָגן פון ירמיהו: „פּלגי מים תרד עיני על שבר בת עמי" (קוואַלן וואַסער האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן אויפן בראָך פון מיין פאָלק), — האָבן אַלע געוויינט. אינ־סטינקטיוו זיינען די קינדער ווי פאַרפרוירן געוואָרן אויף זייערע ערטער. עס איז געווען אַ געוויין פון האָפענונגסלאָזיקייט. די טרייסט־ווערטער פון אברהם פּראַגער, וועלכע ער האָט אויך ציטירט פון ירמיהון, האָבן קיינעם ניט באַרואיקט.

און מיט אַמאָל האָט כאַצקל וואַגנער אויפגעהויבן זיין מוסקולירטן אָרעם אין דער הויך און געזאָגט:

— ברידער! אפשר באַטראַכט איר מיך פאַר אַ פרעמדן. אויף מיר איז געפאַלן די שווערע אויפגאַבע אייך צו ברענגען די טויט־בשורה. פריער פון אַלץ, איידער איך רעד, לאָמיר אַלע שווערן, אַז קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס איר וועט דאָ הערן און וואָס עס וועט דאָ גערעדט ווערן, וועט ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אין דרויסן, ווייל פון דעם הענגט אָפּ אונדזער אַלעמענס דערלייזונג. יאָ, עס איז נאָך דאָ אַ דערלייזונג, די לעצטע האָפע־נונג איז נאָך ניט פאַרלאָרן. ס'איז אמת: דער מלאך־המות איז אין שטאָט, אונדזער גזר־דין איז אַרויסגעטראָגן. אָבער זאָלן מיר גיין צו דער שחיטה עלנט און אונטערגעגעבן, ניט מאַכנדיק אַ פאַרזוך צו ראַטעווען אַלעמען, אָדער לכל־הפּחות אַ טייל פון אונדז? דאָס וואָלט געווען קעגן אונדזער טראַדיציע — די טראַדיציע, אין וועמעס אָנדענק מיר פייערן אונדזער היינטיקן יום־טוב. פערצן יאָר לאַנג האָבן אונדזערע אָבות, אַ קליין פאָלק, געקעמפט קעגן דער רוימיער וועלט־מאַכט. דער אויפשטאַנד פון אונדזערע אָבות, זייער קאַמף פאַר פרייהייט האָט געמאַכט ציטערן די גרויסע רוי־

מישע אימפעריע. אונטער דעם קייסער טראיאַן האָט דער אויפשטאַנד זיך אָנגעהויבן אויף דעם ציפּרוס־אינדזל, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער ליביע און מעסאָפּאָטאַמיע, האָט איבערגעלעבט דעם קייסער טראַיאַן און האָט זיך ערשט געענדיקט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם גרויסן בר־כוכבא און דעם גרויסן רבי עקיבא. ס'איז געפאַלן די לעצטע יידישע פעסטונג ביתר. העכער אַ מיליאָן יידן זיינען אין דעם אויפשטאַנד אומ־געקומען. מ'האָט אונדז באַזיגט, אָבער דער פרייהייטס־קאַמף איז ניט געווען אומזיסט. אין אָנדענק פון די דאָזיקע העלדישע קעמפער, האָבן די יידן צוויי יאָרטויזנטער געפונען דעם מוט און דעם כוח איבערצולעבן אַלע פאַר־פאָלגונגען און להכעיס אַלע שונאים פאַרבלייבן לעבן.

— ברידער! מיר וואָלטן ניט געווען ווערט אונדזער עבר, ווען מיר זאָלן היינט ניט מאַכן אַ פאַרזוך אונטערצונעמען אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר אונדזער רעטונג. ניין, מיר זיינען ניט קיין פּי, וואָס מ'פירט הילפלאָז צו דער שחיטה. מיינע ברידער און שוועסטער, ניט אומעטום איז אַזוי ווי דאָ! ווען איך זאָל אייך זאָגן, אַז אויף יענער זייט ים, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, אין פּאַלעסטינע, לעבן יידן אין פרייהייט, וועט איר מיר מיט רעכט פרעגן: וואָס העלפט דאָס אונדז דאָ? אָבער אויך ניט ווייט פון אונדז, אויף דער אַנדער זייט פון דער סערעט־בריק, ווינקט די פרייהייט. אויך דער דאָזיקער וועג איז ווייט, ווייל ער איז פאַר אונדז פאַרשלאָסן. פאַרשלאָסן אָבער, מיינע ברידער און שוועסטער, איז ער בלויז פון דער זייט. מיר האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. אויף דער זייט איז זיכערער טויט. ווען מיר זאָלן ביינאַכט זיך דורכברעכן אַהין, וועלן מאַנכע פון אונדז פאַלן, אָבער פיל וועלן זיך ראַטעווען. דאָרטן, איך קאָן אייך פאַרזיכערן, וועט מען אונדז אויפנעמען, געבן אַרבעט־ און לעבנס־מעגלעכקייטן, ווייל דאָרטן זיינען יידן, פּונקט ווי די ניט־יידן — מענטשן! דאָ הערשט דער תליון. אָבער ווייַ וועט זיין אונדז, אויב מ'זאָל זיך דערוויסן וועגן אונדזערע פּלענער! —

די פאַרזאַמלטע יידן אין דער האַלב־טונקעלער שול האָבן כמעט ניט געקענט איינער דעם אַנדערן, הגם זיי זיינען געבאָרן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן אין דער זעלביקער שטאָט. און כאָטש קיינער האָט קיין שבועה ניט געגעבן און מ'האָט עס פון קיינעם ניט געבעטן, האָט יעדער איינער גע־טראַכט דאָס זעלביקע: פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער, וואָס וועט אַרויסטראָגן אין דרויסן אַ וואָרט פון דעם, וואָס מ'האָט דאָ גערעדט. זיי האָבן אויס־טריקנט די טרערן פון די אויגן, כדי דער שונא זאָל ניט באַמערקן, אַז מ'וויים עפּעס, און מ'איז געגאַנגען יעדערער אַהיים, אָנגעפילט מיט טויטן־גרויל, אָבער דאָך מיט אַ שטראַל פון האָפענונג אין דער דערוואַרטונג צו הערן פון כאַצקל וואַגנער ווען און ווי אַזוי עס וועט אונטערגענומען ווערן

דער לעצטער פארזוך זיך צו ראטעווען.

אויף דער פערטער נאכט נאך דער סצענע אין דער שול, האט א באַדייטנדיקער טייל פון די סערעטער יידן באוויזן אריבערצוגיין אויף דער אנדער זייט. אויף דער סערעט־בריק איז ביים אריבערגאנג פון די מענער, פרויען און קינדער געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט די רומענישע און אויך דייטשישע סאלדאטן אין רומענישע אוניפארמען, וואס האבן געהיט די גרענעץ. אבער די מערסטע יידן זיינען אהוים מיטן לעבן, ווייל די גרענעץ־טרופן האבן אין משך פון וואכן געהאט א שטרענגע פארארדענונג אויסצומיידן אלץ, וואס קאן פירן צו א צוזאמענשטויס מיט דער אנדער זייט.

עס איז געווען קלאר, אז די יידן האבן זיך דערוואוסט וועגן דעם באַשלוס, ווארים ווי אנדערש וואלט זיי געקומען אויפן געדאנק איבערצולאזן זייער לעצטע האב־און־גוטס — ווי ווייניק דאס איז געווען — און אנטלויפן אויף דער אנדער זייט? צימערלע האט זיך געפרעגט: ווער האט דאס געקאנט אפטראגן? ער האט זיך גוט אריינגענומען אין קאפ איינעם פון יוסטפאנס ווערטלעך: „עס זיינען פאראן מענטשן, וואס זאגן וואס זיי ווייסן, און עס זיינען פאראן מענטשן, וואס ווייסן וואס זיי זאגן." יוסטפאנען האט ער געציילט צווישן די ערשטע. ער האט אים דעריבער ניט געטרויט און אים ניט גערופן צו קיין געהיימע זיצונגען. אויף דער זיצונג זיינען געווען זעקס פערזאן, וועלכע האבן באטראכט די פראגע פון אויסראטן די יידן. וועלכער פון די זעקס האט געקאנט פארראטן? אטא פאן ראובניטש האט דאס זיכער ניט געטאן, ווייל ער איז געווען צום שטארקסטן אנטוישט און האט גערעדט וועגן דעם, אז ער איז איבערצייגט, אז די יידן, וואס זיינען אריבער אויף דער אנדער זייט, האבן זיכער מיטגענומען מיט זיך גאלד און ווערטפולע זאכן. האנס קרולע איז געווען א צו־דערפארענער געשטאפא־מאן אהויסצופלאפלען דעם סוד. בלייבן שטראוב און די צוויי גרויסע גרונט־באזיצער. פון שטראובן האט ער שטארק געהאלטן. ער האט אונטערזוכט זיין לעבנס־געשיכטע און אויסגעפונען, אז שטראוב האט באַקומען צוויי אויסצייכענונגען אין דער לעצטער מלחמה, און אז ער האט קיינמאל ניט געהערט צו דער סאציאל־דעמאקראטיע, הגם זיין פאטער איז געווען אן אלטער סאציאל־דעמאקראט; אז ער איז אפילו קיינמאל ניט געשטאנען נאענט צו דער סאציאל־דעמאקראטיע. אבער פונקט אזוי ווייניק האבן דאס געקאנט זיין די צוויי פריצים, ווייל זיי האבן געהאט גרויסע האפענונגען צו זיין די יורשים פון די יידן, ווען עס וועט צו דעם קומען, דאס הייסט, ווען די מלחמה קעגן די רוסן, וועגן וועלכער אלע האבן געוואוסט, וועט זיך אנהויבן.

אין דער געשטאפא זיצט א שונא. שכל און לאגיק קאנען דאס טאקע ניט באווייזן, אבער דער פאקט פארבלייבט: דער שונא געפינט זיך אין די

אייגענע רייען. דאָס אומאַנגענעמסטע פון דעם גאַנצן ענין איז געווען דאָס, וואָס מ׳קאָן מער ניט וויסן וועמען צו געטרויען. עס איז אים געקומען אַ חשד, וואָס ער האָט געזוכט מיט אַלע כחות צוריקצואווייזן. ער האָט געוואוסט, אַז האַנס קרולע איז זייער געלט־גייציק. האָט ער אַמאָל ניט פאַרקויפט די יידן דעם סוד פאַר געלט? פון דער אַנדער זייט, איז קרולע געווען ערנגייציק און האָט געבויט אויף אַ קאַריערע. ער האָט שוין געהאַט אין דער נאַצי־פאַרטיי גרויסע שוועריקייטן און וועט קוים וואַגן צו שפילן אַזאַ שפיל צוליב געלט. ער האָט געוואויגן און געמאָסטן ביידע זייטן, זיי אַנאַליזירט הונדערטער מאָל און האָט ניט געקאָנט קומען צו אַ פאַרנינפטיקן באַשלוס.

:: :: ::

אַ באַפעל איז געקומען אָנצוהויבן אויפשטעלן שוץ־גרובן לענג־אויס דער גרענעץ, ניט אַרויסרופנדיק דערביי קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט. אַ סאַפיאָרן־אָפיצער האָט געדאַרפט קומען דעם נעקסטן טאָג; וועט ער זיך שוין ברעכן דעם קאָפ ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. צימערלעס אויפגאַבע אָבער איז געווען צו שאַפן די אַרבעטס־קראַפט, און וואו נעמט מען זי? אין רומעניע איז דערווייל ניט פאָרגעקומען קיין אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, אָבער אַלע מלחמה־פייאיקע מענער האָט מען אין די לעצטע וואָכן מאָביליזירט אין דער אַרמיי. עס איז געווען אין מיטן יוני. יעדע אַרבעטס־קראַפט איז געווען דרינגנדיק נויטיק אויף די פעלדער. פון די דערפער און אויך פון די פויערים, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, האָט ער קיינעם ניט געקאָנט נעמען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, ניט שעדיקנדיק דערמיט די גערעטעניש. און אין די צירקולאַרן האָט מען ניט אויפגעהערט אָנצואווייזן, אַז יעדער געשטאָפּאָ־שעף וועט געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ גוטער גערעטעניש. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט זיינען דעריבער קיין אַנדערע ניט געבליבן, ווי די פאַרבליבענע יידן אין שטאָט.

דאָס אומאַנגענעמע איז געווען דאָס, וואָס די געזינטסטע, קרעפטיקסטע און אַרבעטס־פייאיקסטע יידן זיינען אַריבער אויף דער אַנדער זייט. פאַרשוואונדן זיינען פון דער שטאָט אַלע יידישע פורמאַנס, איזוואָשטשיקעס, קצבים, ווי אויך כאַצקל וואַגנער, דער איינציקער שמיד אין שטאָט. די פורמאַנעס האָבן אויך מיטגענומען זייערע פערד. צימערלע האָט אַפילו ניט געוואַגט צו באַריכטן די דעטאַלן צו די העכערע באַאַמטע. וואָס־זשע טוט מען? איין פרימאָרגן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די צוזאַמענגעקליבענע אין שטאָט זשאַנדאַרן אַרומצורינגלען אַלע יידישע הייזער און אַרעסטירן אַלע יידן.

די דאָזיקע געשעעניש האָט צוגעצויגן מער אויפמערקזאַמקייט, ווי ער האָט געוואָלט. די יידן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין שטאָט, האָבן ניט געהאַט

קיין כחות צו מאַכן אַ פאַרזוך זיך דורכצוברעכן מיט די אַנדערע צו דער אַנדער זייט טייך. אָבער ווען די זשאַנדאַרן האָבן זיך פאַרטאָג באַוויזן אַרום די יידישע הייזער, האָט אויסגעבראָכן אַזאַ פאַרצווייפלטער געשריי פון די פרויען און קינדער, אַז די אַרומיקע שכנים האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיינען האַלב־נאַקעטע אַרויסגעלאָפן אין גאַס.

אַזוי ווי די זשאַנדאַרן האָבן געהאַט אַ באַפעל ניט צו מאַכן קיין צו־גרויסן טומל, האָבן זיי איינגעטענהט מיט די יידן:

— אָבער איר וועט זיך צוריק אומקערן אין אייערע הייזער! איר גייט בלויז אויף אַרבעט!

— קאָן איך דען אַרבעטן מיט מיינע רומאַטעס? — האָט אַן אַלטע פרוי געשריען. — און די קינדער? — ערשט איצט האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם וואָס זי רעדט, און מיט מער באַנומענע קולות האָט זי גענומען שרייען: — זיי ווילן אונדז אויסהרגענען, זיי ווילן אונדז אויס־הרגענען!

צימערלע, וועלכער האָט די אַרעסטן געוואָלט דורכפירן שטילערהייט און האָט אַליין אַכטונג געגעבן אויף דער דורכפירונג, האָט צוגערופן אַ זשאַנדאַר און אים געזאָגט:

— מאַך אַ סוף צום טומל. וואו עס וועט אַרויסגעוויזן ווערן אַ ווידער־שטאַנד, אָנווענדן גוואַלט!

די זשאַנדאַרן, ניט זיכער אין זיך, האָבן אָנגעהויבן צו שטויסן די קינדער מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן, וואָס האָט קיין סך נוצן ניט געבראַכט, און האָט בלויז אויפגערעגט די אַרומיקע מענטשן. איין רו־מעניערין איז צוגעגאַנגען צו אַ זשאַנדאַר:

— וואָס ווילט איר פון די קינדער? זיי קאָנען דען אַרבעטן?... און שלאָגן מיט די קאָלבעס!

— די פרוי איז גערעכט, — האָט אויסגערופן אַן אַנדערע. — וואָס ווילט איר פון די קינדער?

ענדלעך איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אין פייער־הויז, וואָס די זשאַנדאַרן האָבן באַוואַכט.

אין דער אַמאָליקער יידישער קיך און אין די אַנדערע פליכטלינג־הקדשים האָט מען זיך דערוואוסט, אַז יידישע הייזער שטייען ליידיק. מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז איצט וועט מען זיכער געבן די רומענישע פליכטלינגען הייזער צום וואוינען. אייניקע האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו גיין אָנקוקן די הייזער. אַרום די יידישע הייזער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן רעדלעך. און דאָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פּלינדערן.

טראַנסילוואַנישע עמיגראַנטן און היימישע פּוסט־און־פּאַסניקעס האָבן געקעמפט צווישן זיך פאַר בעטגעוואַנט, מעבל, געשיר און אַנדערע הויז־

מכשירים. פאַרצווייפלט איז אָטאָ פאָן ראַובניטץ אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, מאַכנדיק אַ פאַרזוך אָפּצושטעלן די אַלגעמיינע רויבערייען. ס'איז אָבער געווען ווי אַ דאַמבע וואָלט געפּלאַצט און אָפּגעווישט יעדע אָרדענונג. און ער האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונגען אויף דער דאָזיקער אַקציע, האָט געגלויבט, אַז ווען מען וועט אַרעסטירן די יידן, וועט מען געפינען באַהאַלטענע אוצרות. ער האָט פּלאַנירט סיסטעמאַטיש דורכצונישטערן יעדע יידישע וואוינונג. נו, האָט ער געשאָלטן דעם המון, וואָס ווייס ניט פון קיין דיסציפּלין און אָרדענונג, וואָס וואַרפט זיך ווי רויב־פויגל אויפן רויב און פאַרצערט אַלץ. אַזוי ווי מאָראַל־פּריידיקונג האָט דאָ קיין נוצן ניט געבראַכט און די מאַסן האָבן די פּלינדערונג ניט אויפגעגעבן, האָט ער געפאָדערט פון דעם מיליטערישן קאָמענדאַנט אַ קאָמפּאַניע מיליטער איינצושטעלן אָרדענונג. ערשט אָוונט־צו האָט זיך צוריק איינגעשטעלט אָרדענונג.

די שטאָט האָט פאָרגעשטעלט אַ טרויעריק בילד. צעבראָכענע שויבן, פון ווינט אַרומגעטראָגענע פעדערן פון צעריסענע פערענעס, שטיקער פון צעבראָכענע מעבל האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. אָבער רו און אָרדענונג איז צוריק געווען אויפגעשטעלט. אָטאָ פאָן ראַובניטץ, אין דער באַגלייטונג פון פראַנץ צימערלע, איז געקומען צו די יידן און זיי דערקלערט, אַז זיי דאַרפן זיין דאַנקבאַר, וואָס מ'האָט זיי באַשיצט פון דעם גערעכטן צאָרן פון פאָלק. זיי וועלן באַלד, ווען זיי וועלן אַרויס אויף דער גאַס, זען ווי דער צאָרן פון פאָלק איז געקומען צום אויסדרוק.

— וואָלטן מיר אייך, אויס פאָרזיכטיקייט, ניט אַרעסטירט, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט איצט קיינער פון אייך מער ניט געלעבט. מיר זיינען גרייט אויסצואיבן חסד אָנשטאָט דין און אייך שענקען דאָס לעבן. מיר וועלן אייך איינטיילן אין אַרבעט־קאָמפּאַניעס, ווען איר וועט איינע אַליין אויסזאָגן וואו עס ליגן באַהאַלטן די גרויסע פאַרמעגנס, באַזונדערס גאָלד און צירונג.

אַ שווערער כליפּען איז געווען דער ענטפער. בלויז איינער פון די אַלע אַרעסטירטע, דער וואָכערניק קלמן ווייגלער, האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו דינען די הערן, זיי געבן וואָס ער קאָן, און זאָגן וואָס ער ווייס. די דריי דייטשן האָבן אים מיטגענומען מיט זיך. ער האָט זיי איבערגעגעבן אַ פּעקל וועקסלען, וואָס ער האָט געהאַט פון פּויערים פון דער שטאָט און פון דער געגנט, פון דער צייט איידער קעניג קאַראָל האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָראַטאָריום פאַר בעלי־חובות, וועלכע זיינען שולדיק יידן געלט. דאָס זיינען געווען וועקסלען, וואָס זיינען געווען העכער פינף יאָר אַלט און האָבן לויט געזעץ ניט געהאַט קיין שום ווערט. אָבער פאָן ראַובניטץ האָט זיי צוגענומען, כדי ביי אַ גינסטיקער געלעגנהייט זיי איינצוקאַסירן.

ער איז אָבער, ווי מ'האָט געקאָנט זען, ניט געווען צופרידן. העכער אַ שעה האָבן די דריי דײטשן געשלאָגן קלמן ווינגלער, צו צווינגען אים אויסצוזאָגן וואו עס ליגן באַהאַלטן די געהיימע אוצרות. הונדערט טויזנט לעי אין פּאַפּיר־געלט איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט זיי אָפּגעגעבן. ער האָט גע־שוואָרן, אַז מער פּאַרמאָגט ער ניט און אַז פון קיין געהיימע אוצרות ווייס ער ניט. צעשלאָגן ביז בלוט, האָבן זיי אים צוריקגעבראַכט צו די איבעריקע יידן, וואו יעדער האָט זיך פון אים אָפּגערוקט אַזוי ווייט, ווי דאָס איז געווען מעגלעך אין דער ענגשאַפט.

אין אָוונט האָט מען די ערעסטירטע יידן צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער אַרויסגעטריבן פון זייער געפענגעניש אויף דער גאַס און זיי אויסגעשטעלט אין רייען. לענג־אויס דעם פאָלקס־גאָרטן האָט מען זיי גע־טריבן אין דער ריכטונג פון דעם יידישן בית־עולם. זייער אָפּט, זינט מענטשן געדענקען, זיינען רייען יידן געגאַנגען אין אָט דער ריכטונג — יעדעס מאָל ווען זיי האָבן באַגלייט אַ געשטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו. עס איז אַ מנהג ביי יידן, אַז לוויות זאָלן גיין שנעל, ווי מ'וואָלט זיך געאײלט וואָס גיכער צו באַערדיקן דעם מת. דער מת פאָדערט זיין רעכט, האָט עס גע־הייסן ביי יידן. און זיין רעכט איז געווען וואָס שנעלער צו קומען צו קבורה, כדי צו קאָנען דערשיינען פאַר דעם בית־דין של מעלה נאָך איידער עס גייט אַוועק אַ מעת־לעת. פאַרן אָרון פלעגט גיין אַ מאַן מיט אַ צדקה־פּושקע און שרייען: „צדקה תציל ממות". אַ צווייטער, אַן אַ צדקה־פּושקע, האָט געזונגען: „צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו".

אויף אָט דעם וועג, פון וועלכן עס איז ניטאָ קיין צוריקוועגס, האָט דורך די לײדיקע גאַסן זיך באַוועגט די פּראָצעסיע, וואָס איז געווען שטרענג באַוואַכט פון מיליטער. פאָרויס דער פּראָצעסיע זיינען געגאַנגען זשאַנדאַרן מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטן. פּאַמעלעך האָט די פּראָצעסיע זיך באַוועגט פאָרויס. די מערסטע זיינען געפאַלן פון די פיס. קינדער האָבן דערשראָקענע זיך געקלאַמערט אָן זייערע מוטערס, און מוטערס האָבן זייערע עופּהעלעך און האַלב־דערוואַקסענע געדריקט צו זייער ברוסט. אַ יונגע, שיינע פרוי, מאַדאַם לאַנגמאַן, וועמעס מאַן איז דערשאָסן געוואָרן אויף דער ניי־יאָר פייערונג, האָט געהאַלטן איר צוויי־יאָריק טעכטערל אַזוי שטאַרק צוגעדריקט צו איר ברוסט, אַז דאָס קינד האָט פון ווייטיק געשריען מיט אַלע כחות. און פּלוצלונג איז די מוטער אַראָפּ פון זינען און אָנגעהויבן זינגען, ווי זי וואָלט איר טאָכטער, שוין אַ דערוואַקסענע, געפירט צו דער חופּה. מאָמענטנווייז פלעגט צוריק אויפלייכטן איר קלאָרער פאַרשטאַנד, און אַזוי האָבן אירע היסטערישע געשרייען זיך געביטן מיט געלעכטער־קאָנוואַל־סיעס, משוגענע געזאַנג און ווערטער פון טרויער און זאָרג. די משוגעת האָט אָנגעהויבן אָנשטעקן אויך אַנדערע. דער געשטאַפּאָ־שעף, פראַנץ

צימערלע, איז צוגעלאָפן צו מאַדאַם לאַנגמאַן, האָט צוערשט אַריינגעשאָסן פון זיין רעוואָלווער אַ קויל אין דעם אָפענעם מויל פון שרייענדיקן קינד און דאַן דערשאָסן די מוטער. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן ווייטער.

אין צעריסענע קליידער, מיט פּנימער גרוי ווי אַש, זיינען געגאַנגען ייִדן, וועלכע האָבן אַמאָל געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע פון דער שטאָט. רייכע בירגער, וואָס האָבן געזען בעסערע טעג אין זייער לעבן, און לעבן זיי די איינוואוינער פון די הינטערגעסלעך, די אָרעמע שניידער, קלויזניקעס, בעטלער. איין גרויזאַמער שונא און די נאָענטקייט פון טויט האָבן אָפּ־געווישט יעדן אונטערשייד פון שטאַנד. ביי די מערסטע זיינען די פּנימער געווען פאַרשטיינערט. די אויגן האָבן מער ניט געהאַט קיין טרערן. קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז זיי גייען צו אַן אַרבעטס־קאָמפּאַניע, ווי מען האָט זיי פאַרזיכערט.

גלייך הינטער די זשאַנדאַרן, פאַרויס דער פּראָצעסיע, איז געגאַנגען דער פּרעזידענט פון דער ייִדישער קהלה, דער אַלטער אברהם פּראַגער. ער האָט געטראַכט: „אַז איך אין מיין עלטער זאָל דאַרפן פאַרלאָזן די ערד, איז נאַטירלעך. אַכציק יאָר טראָג איך אויף מיינע פּלייצעס — פיל גוטע יאָרן און אויך פיל יאָרן פון צרות. אָבער ווער האָט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מ'וועט מיך ניט טראָגן צו מיין קבורה, נאָר כ'וועל מוזן אַליין גיין. און מיט מיר די גאַנצע ייִדישע קהלה."

לעבן אברהם פּראַגער איז מיט געמאָסטענע טריט געגאַנגען דער אַלטער יאָסל שמש, וועמען אַלע האָבן געקענט אַלס אַ למדן און בעל־מקובל.

יאָסל שמש איז אפשר געווען נאָך עלטער פון אברהם פּראַגער. ער האָט געהאַלטן אין וואַרפן בליקן הינטער זיך, אויף די פיל הונדערטער, וועלכע זיינען געגאַנגען צו זייער אייגענער קבורה, און מיט אַ פעסטער שטים האָט ער אָנגעהויבן זינגען:

„קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאנה להנחם על בניה כי איננם; כה אמר יהוה מנעי קולך מבכי ועינך מדמעה כי יש שכר לפעולתך נאם יהוה ושבו מארץ אויב; ויש תקוה לאחריתך נאם יהוה ושבו בנים לגבולם."

(אַ שטים איז דערהערט געוואָרן אין הימל, אַ געוויין און אַ ביטער קלאָגן. רחל באַוויינט אירע קינדער, וויל זיך ניט טרייסטן — באַוויינט אירע קינדער, וואָס זיינען מער ניטאָ. און גאָט האָט אַזוי געזאָגט: הער אויף צו וויינען, טריקן אויס דיינע אויגן פון טרערן, ווייל דיין געבעט איז באַוויליקט, זאָגט גאָט, און זיי וועלן זיך אומקערן פון פרעמדן לאַנד; און ס'איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דיין אָפּשטאַם, זאָגט גאָט, און דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייערע גרענעצן.)

זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דער בשורה. פאַר אַ מינוט האָט אויפ־

געוואַכט אַ האָפענונג. וועט ניט ווידעראַמאָל, ווי אַמאָל, ווען די יידן זיינען נעגאַנגען אין גלות בבל, די מוטער רחל אויפשטיין פון איר קבר און פאָדערן גערעכטיקייט פאַר אירע קינדער? אָדער איז עס ווי מ'האָט גע־לייענט אין דער שול: „ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו...״?

ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען די פּראָצעסיע איז אָנגעקומען אויף דעם יידישן בית־עולם. ווען מען דערוואַרט דאָס ערגסטע, דערשיינט די ווירקלעכקייט ווייניקער שרעקלעך. די סערעטער יידן, ווען די זשאַנדאַרן אונטער פראַנץ צימערלע האָבן זיי געטריבן צום בית־עולם, האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז דאָס טרייבט מען זיי צו זייער אייגענער קבורה. אָבער אָנ־קומענדיק אויפן בית־עולם, האָט מען ניט געשאָסן אויף זיי, און פראַנץ צימערלע האָט זיי געמאָלדן, אַז יעדער, וואָס איז עלטער פון צען יאָר, זאָל מאָרגן אינדערפרי זיין גרייט צו גיין צו דער אַרבעט. ער האָט פריער געוואָלט אויסנוצן די אַרבעטס־פּייאיקע, איידער אַלע וועלן צוזאַמען אויס־געמאָרדעט ווערן.

פאַר די יידן האָט דאָס אויסגעקוקט ווי אַ נס, ווי די מוטער רחל וואָלט זיך פאַר זיי באַמיט פאַר גאָט און געפונען חסד. אָבער אָט דאָס געפיל האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. פאַר יעדן פרומען ייִדן איז דער בית־עולם ביינאַכט אַ מקום פון שרעק און גרויל. עס איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז אין מיטן נאַכט פאַרלאָזן די טויטע זייערע קברים און גייען אין שול מתפלל זיין. די טויטע ווילן פון די לעבעדיקע ניט געשטערט ווערן.

די זשאַנדאַרן זיינען פאַרבליבן ביים בית־עולם אַכטונג צו געבן, אַז קיינער פון זיי זאָל ניט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. די גאַסן פון שטאָט זיינען ווידער באַלעבט געוואָרן, ווען די פּריצים פון סערעט זיינען אַרויסגעקומען באַגעגענען די דריי דייטשן און קאַראָל באַרבאַרעסקו, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון די טויטע צו די לעבעדיקע. פאַר אַן אויגנבליק האָט ביי קאַראָל באַרבאַרעסקון אויפגעוואַכט אַ מענטשלעך געפיל. איבער אַלץ האָט ער אין דער דאָזיקער געשעעניש געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענער מאַכטלאָזיקייט. פריער איז ער געווען דער באַלעבאָס פון סערעט. קיין זאַך האָט מען אין סערעט ניט געקאָנט אונטערנעמען אָדער דורכפירן אָן זיין צושטימונג. איצט האָט מען זיך ביי אים אפילו ניט אָנגעפרעגט. ער האָט געטראַכט: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז דריי דייטשן קאָנען דאָ טאָן וואָס זיי ווילן, און קיינער זאָל ניט וואַגן זיי צו שטעלן זיך אַנטקעגן? ער האָט געזען אין די יידן, וועלכע זיינען געבויגענע, מיט שווערע טריט גע־גאַנגען צום בית־עולם, דעם חורבן פון זיין אייגענעם אַמאָליקן וואוילזיין. זיינען די דאָזיקע יידן ניט געווען פאַר אים אין משך פון יאָרן דער קוואַל פון זיין אויפשטייג און זיין רייכקייט? ווען מען איז אָבער אָנגעקומען צום בית־עולם, האָבן זיך דערהערט די פריילעכע טענער פון דעם קעגנאיבעררדיקן

באַרדעל, פון וועלכן ער איז געווען אַ האַלבער אייגנטימער. און ער האָט זיך געזאָגט, אַז אַן אײַנפֿלוסרייכער רומענישער באַאַמטער גייט קיינמאָל ניט פֿאַרלאָרן. איין קוואַל פֿון אײַנקונפֿט איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען, אַ צווייטער האָט זיך געעפֿנט.

באַרבאַרעסקו האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז די דײַטשן האָבן שוין געוואָרפֿן אַן אויג אויף אָט דעם צווייטן קוואַל פֿון זײַן אײַנקונפֿט. אויך אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ און די צוויי אַנדערע דײַטשן האָבן געהערט די פֿריילעכע מוזיק. און ראַובניטצן איז אײַנגעפֿאַלן, אַז אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף זיך געפֿינען אין דײַטשישע הענט.

7.

פֿראַנץ צימערלע האָט שטענדיק געזאָגט וועגן זיך, אַז ער איז אַ שונא פֿון יעדער ראָמאַנטיק. די ראָמאַנטיק, האָט ער געזאָגט, איז אַן עניין פֿאַר שוואַכלינגען, און איז ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס מען האָט, צום גליק, בײַגעקומען. אין דעם צײַט־עלטער פֿון אַדאָלף היטלער נוויטיקט מען זיך ניט אין ראָמאַנטיק. ווען מען ס'ליגן אַזעלכע זאַכן אין קאָפּ, איז ניט ווערט אונדזער גרויסער צײַט. פֿראַנץ צימערלע האָט געוואָלט, ווי דער פֿירער, פֿאַרבלײַבן אַ בחור.

פֿראַנץ צימערלע איז געווען אַ קינד פֿון דעם ערשטן נאָך־מלחמה דור. דרײַצן יאָר איז ער אַלט געווען, ווען אויף דעם באַפֿעל פֿון ווילהעלם דעם צווייטן, האָבן מיליאָנען דײַטשן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף בעלגיע און צפֿון־פֿראַנקרייך, ווען מען האָט טעגלעך דערציילט אין אַלע דײַטשישע הײַזער וועגן די נצחונות פֿון הינדענבורג און לודענדאָרף. אייניקע חדשים האָט זײַן מוטער באַקומען די אונטערשטיצונג, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר די פֿרויען פֿון סאָלדאַטן. און ווען איין ווינטער־פֿרימאָרגן האָט די פּאָטשט געבראַכט די ידיעה, אַז דער פֿאָטער, וועלכער איז אין ציוויל־לעבן געווען אַ שרײַבער אין געריכט, איז געפֿאַלן אויפֿן ערן־פֿעלד פֿאַרן קייזער און פֿאָטערלאַנד, האָט די מוטער אים, דעם איינציקן קינד, געזאָגט:

— נו, מיט דער שול איז אויס. פֿון דער פּענסיע אַליין קאָנען מיר ניט לעבן. דו האָסט גרויסע פֿאַרפֿליכטונגען אין לעבן. דו ביזט דער יורש פֿון אַ העלד. נאָכן קריג וועט מען אונדז זיכער פֿאַרגיטיקן.

די פֿרייזן זײַנען געשטיגן, אָבער די פּענסיע איז געבליבן די זעלביקע. אין הויז האָט געפּייפּט דער דלות. די מוטער איז אַוועק אַרבעטן אין אַן אַמוניציע־פֿאַבריק, עפּעס צו פֿאַרדינען. איר פֿראַנצן האָט זי אָפּגעגעבן אין דינסט צו אַ דעליקאַטעסן־קרעמער. אַ סוחר, האָט זי אים געזאָגט, האָט אַלעמאָל בעסערע מעגלעכקייטן זיך עטוואָס צו דערשלאָגן אין לעבן.

אין דער דעליקאַטעסן־קראָם האָט פראַנץ זיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן לעבנס־מיטלען, זיי פאַרקויפן ביינאַכט פאַר צען מאָל די פעסטגעשטעלטע פרייזן, און אינדערפרי אַרויסהענגען אויף די פענצטער צעטלעך, וואָס האָבן געמאָלדן: שמאַלץ אויספאַרקויפט! שאָקאָלאַד ניטאָ מער! צוקער אויס־געגאַנגען!

דער קרעמער איז געוואָרן רייך, און פראַנץ האָט אים אַלץ מער און מער באַוואונדערט. ער איז פאַרבליבן אין דעם דאָזיקן געשעפט ביז זיין נײַנצנטן יאָר. איין טאָג, פראַנץ האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס, איז דער קרעמער אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע, איבערלאָזנדיק פראַנצן פאַר זיינע זעקס יאָר געטרייער אַרבעט אַ פּעקל פּאַפּיר־געלט אַלס זיין באַלוינונג. אין דעם פּעקל האָבן זיך געפונען פּאַפּירלעך אין ווערט פון הונדערטער טויזנ־טער און מיליאָנען. ווען פראַנץ האָט זיי אָבער געוואָלט אויסבייטן, האָט מען אים פאַר די אַלע מיליאָנען געגעבן אַ סומע, וואָס איז קוים גענוג געווען צו באַצאָלן פאַר אַ וואורשטל און אַ גלאָז ביר — דאָס געלט איז געווען אינפלאַציע־באַנקנאָטן.

קיין אַרבעט האָט ער ניט געקאָנט קריגן. אַרומדרייענדיק זיך אויף דער גאַס, האָט ער באַגעגנט אַ קינדהייט־פרײַנט, וועמען ער האָט אַ סך יאָרן ניט געזען. יענער האָט אים איינגעלאַדן אין אַ קאַפע און אים דער־ציילט וועגן נייע מעגלעכקייטן. דאָס דייטשישע פאָלק דאַרף אויפגעוועקט ווערן, האָט ער אים געזאָגט. איינער, אַן אַדאָלף היטלער, וועט איינגיכן פאַרניכטן אַלע יידן, וועט פאַרטרייבן די פראַנצויזן קיין אַפריקע און וועט אַריינמאַרשירן אין מאָסקווע. „ווען דו שליסט זיך אָן, קאָנסטו גלייך אָנהויבן לערנען שיסן, קריגסט פריי אַ אוניפאָרם און עסן און קעשענע־געלט נאָך אויך. אַחוץ דעם ווערט מען באַוואונדערט פון אַלע מיידלעך. ס'איז אַ לעבן, וואָס שענער קאָן גאָר ניט געבן. אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך גלייך מיטנעמען."

פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן? ער וואָלט אַפילו גערן זיך באַראַטן פריער מיט זיין מוטער, אָבער פראַנץ האָט קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן, און זיין פרײַנט, האַנס קרולע האָט מען אים גערופן, האָט אים אַריינגעפירט אין דער נאַצי־פּאַרטיי און האָט דאָרט דערציילט, אַז פראַנצס פאָטער איז געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד און האָט נאָך זיין טויט באַקומען אַן אויסצייכענונג. פראַנץ איז ניט געווען אַבי־וועער, נאָר דער זון פון אַ העלד.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריילעך לעבן. שיס־איבונגען, ביי־נאַכטיקע מאַרשן, קעמפּס, און מיידלעך נאָך די דינסט־שעהן. פראַנץ האָט זיך אויסגעלערנט באַטראַכטן פרויען אַלס מינדערווערטיק. באַזונדערס איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס זיינער אַ נייער פּאַרטיי־חבר האָט געזאָגט: „וואָלט די פרוי געווען אַ פולשטענדיקער מענטש, וואָלט דאָך אַדאָלף היטלער־

אויך חתונה געהאט און קאפיטאן רעהם וואלט אויך פארפירט א פאמיליע."
פראנץ וואלט מיט פארגעניגן נאכגעטאן דעם קאפיטאן רעהם, אבער הגם ער האט זיך געזאגט, אז פרויען דארף מען פאראכטן, האבן מיידלעך אים געהאלטן אין צוציען. כדי אבער צו ווייזן, אז ער איז ניט קיין שוואכלינג און קיין קליידל־יעגער, האט ער שטענדיק שטארק אויסגעשפיגן, ווען ער איז געווען ביי א מיידל, און האט פאר זיך ארויסגעמורמלט דאס ווארט „הור".

פראנץ האט אין דער נאצי־פארטיי געמאכט קאריערע און האט געהאט א נאמען אלס איינער פון די בעסטע שלעגער. אונטער דער רעפובליק איז ער געווען דריי מאל אנגעקלאגט פון פראקוראר, ווייל ער האט אויף זיין רעקארד, ווי ער האט דאס גערופן, געהאט אכט מארקסיסטן און צוויי קאטאליקן. ער וואלט, גאט ווייס, ווי וייט געגאנגען אין דער נאצי־פארטיי, ווען מ'וואלט אים אין 1934 ניט פארדעכטיקט, אז ער געהערט צו דער קליקע פון קאפיטאן רעהם, וואס היטלער האט פון זיך דערווייטערט און אפגעראמט פון וועג. עס האט גענומען יארן, ביז ער האט זיך אפגערייניקט פון דעם דאזיקן פארדאכט. אין אט די יארן האבן פיל, וועלכע האבן ווייניקער מארקסיסטן דערמארדעט ווי ער, אים אריבערגעיאגט און זיך ארויסגערוקט צום פאדערגרונט. ערשט נאך דעם אויסברוך פון דער מלחמה האט מען אים אריינגענומען אין דער „ס.ס." און געשיקט קיין פוילן וואו ער איז אין א קליין שטעטל געווען דער דריטער מענטש אין דער געשטאפא.

דער צופאל האט געוואלט, אז ער זאל אינעם זעלביקן שטעטל באגעגענען זיין אמאליקן פריינט האנס קרולע, וועלכער האט אים אריינגעבראכט אין דער פארטיי. אויך האנס קרולע האט געהאט שוועריקייטן אין דער נאצי־פארטיי און איז פארבליבן אויף א מיטעלער שטופע פון דעם לייטער פון דער נאצי־היערארכיע, נאך נידעריקער פון פראנץ צימערלע. פאר פראנצן איז געווען א טרייסט צו באגעגענען האנסן, וועלכער איז אין א געווויסער מאס געווען זיין פירער און לערער, און שטיין אין ראנג עטוואס העכער פון אים. זיי האבן באלד באנייט זייער אלטע פריינטשאפט און צוזאמען האבן זיי אין דעם פוילישן שטעטל דורכגעפירט דעם ווילן פון פירער. אין א קורצער צייט האבן זיי אומגעבראכט הונדערטער יידן און פאליאקן. אבער הונדערט אומגעבראכטע פאליאקן און יידן האבן איצט ניט געהאט פאר קאריערע אזא באדייטונג, ווי אמאל, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאכט, איין מארקסיסט. ארויסרוקן זיך פאראויס איז ניט געווען אזוי לייכט. פראנץ, ווי געזאגט, איז ניט געווען קיין ראמאנטיקער. אין זיינע שמועסן מיט האנסן האט ער זיך אפט לוסטיק געמאכט וועגן די פאר־היטלערישע צייטן. וואס פאר א יאלדן און שוואכלינגען עס זיינען דעמאלט געווען! ווען מ'האט געדארפט א מענטשן היגריכטן, האט מען געמאכט א ווערז, ווי גאט ווייס וואס עס איז געשען. דעם שולדיקן האט

מען געפירט איבער די גאסן; גלאָקן האָבן געקלונגען; גלחים האָבן אים באַגלייט און טויזנטער מענטשן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן בייצואוואוינען די פאַרשטעלונג. היינט אָבער, אין צייט־עלטער פון אדאָלף היטלער, דרייען מיר טענגלעך אראָפּ די קעפּ פון טויזנטער — און אַ האָן גיט ניט קיין קריי. און אַזוי דאַרף דאָס זיין. בלויז אַזוי קאָן אַ פאָלק, וואָס איז באַרופן צו וועלט־הערשאַפט, דערגרייכן זיין ציל.

פראַנץ און האַנס זיינען אין יעדער הינזיכט געווען פאַרשיידענע כאַראַקטערן, און אפשר איז אין דעם געלעגן דער סוד פון זייער פריינט־שאַפט. פראַנץ האָט ליב געהאַט צו רעדן און פילאָסאָפירן. האַנס, פאַר־קערט, האָט געקאָנט זיצן שעהן־לאַנג און שווייגן. פראַנץ האָט פון צייט צו צייט געמאַכט אַ שנאַפּס, דערפילנדיק אין דער הינזיכט זיין פליכט אין אַ געזעלשאַפט; ער איז אָבער ניט געווען קיין שיכור. האַנס, פאַרקערט, איז געווען אַ ליבהאָבער פון שטאַרקן טראָפּן. אין זיין צימער האָט זיך שטענדיק געפונען אַ זאַפּאַס פון ליקערן און ווייגען. פראַנץ האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנגעהעריקייט צו דער נאַצי־פּאַרטיי זיך ניט אָפּגע־געבן מיט מאַכן געלט און דערווערבן זיך אַ פאַרמעגן. האַנס איז אַלעמאָל געווען געלט־גייציק און מ׳האָט אים געקאָנט קויפן: פאַר געלט האָט מען ביי אים אַלץ געקאָנט פּועלן. אונטער האַנס איינפלוס האָט אויך פראַנץ ביסלעכוויז זיך אויסגעלערנט צו שאַצן געלט. האַנס האָט ציניש געזאָגט:

— די אַלגעמיינע נוצלעכקייט קומט פאַר איינגנוציקייט — דאָס איז אַ שיינער לאָזונג. אָבער האָבן היטלער, גערינג, געבעלס און הימלער זיך ניט דערוואָרבן ריזיקע פאַרמעגנס? וואָס רייכער מען איז, אַלץ פאָרנעמער איז מען אין אונדזער פּאַרטיי. ווען מען שטאַרבט אַן אָרעמאַן, לאָזט מען בלויז איבער הינטער זיך אַ הילצערנעם צלם אַלס אָנדענק. ווען מען איז רייך, דערגרייכט מען אַ פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, וואו מען איז ווייניקער אין געפאַר, און מען לאָזט איבער אַ נאָמען נאָך זיך.

פון אָנהויב האָט פראַנץ זיך געפּראָוווט ווערן קעגן דעם דאָזיקן איינ־פלוס. ער האָט זיך געזאָגט, אַז האַנס רעדט אַזוי, ווייל ער האָט געהאַט וויינציקסטנס דריי פרויען אין דייטשלאַנד און האָט יעדערער געדאַרפט שיקן געלט. ער, פראַנץ, האָט אָבער ניט געהאַט וועמען צו פאַרזאָרגן און האָט ניט געוואוסט פון קיין אַנדער שטרעבונג אַחוץ שנעל צוריקצוגעווינען דאָס פאַרלאָרענע — מאַכן קאַריערע אין דער פּאַרטיי. אָבער די דער־מאָרדעטע יידן האָבן געהאַט פאַרמעגנס, אויב אַפילו ניט קיין גרויסע. אין דער איצטיקער צייט, ווען די מלחמה האָט אַלץ איינגעשלונגען, האָט מען געקאָנט די ווערטלאָזיקסטע זאַך פאַרוואַנדלען אין געלט. נאָך יעדן דורכ־געפירטן מאָרד, האָט האַנס אים געבראַכט זיין חלק. איז דער חלק געווען געגנבֿעט באַרעכנט? פראַנץ האָט ניט געזוכט פעסטצושטעלן די דאָזיקע זאַכן.

אַלנפאַלס, ער האָט יאָ פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געוואָרן אַ פאַרמעגלעכער מענטש. האַנס איז אין יעדער הינזיכט געווען דער מער פּראַקטישער. אַ געטרייער אָנהענגער פון היטלערס וועלט־דעראָבערונג, האָט ער זיין דער־וואָרבענעם פאַרמעגן פאַרוואַנדלט אין דאָלאַרן און געטאָן דאָס זעלביקע פאַר פראַנצן.

עס איז געווען מערקווירדיק: דאָס וואָס די נאַטור האָט ניט געקאָנט אויפטאָן, האָט אויפגעטאָן דער פאַרמעגן. פראַנץ האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך אַ פאַמיליע און יורשים, וועמען מען זאָל קאָנען איבערלאָזן דעם שווער־דערוואָרבענעם פאַרמעגן. דאָס איז געווען אַ געהיימע בענקשאַפט, וואָס ער אַליין האָט באַטראַכט פאַר אַ שוואַכקייט, אַזוי אַז ער האָט דאָס אַפילו האַנסן ניט אָנפאַרטרויט. ווי אַזוי איז מעגלעך אין דער דאָזיקער שטורעמדיקער צייט די דאָזיקע בענקשאַפט אין מעשים צו פאַרוואַנדלען? די דאָזיקע פראַגע האָט פראַנצן אָפט געמאַטערט. אָבער ווי עס געשעט אין לעבן, איז דאָס אַנטשיידנדיקע געקומען אומדערוואַרט.

ס'איז געווען דער פרימאָרגן נאָך דער פּראָצעסיע פון די יידן צום בית־עולם. פראַנץ איז געווען צופרידן מיט זיך. ער האָט די אָנווייזונגען פון זיינע העכערע באַאַמטע, צו מאַכן אַלע פּאַרבאַרייטונגען פאַר אויסראָטן די יידן פון זיין באַצירק, דורכגעפירט נאָך פאַר דעם באַשטימטן דאַטום. די אָנווייזונגען האָבן געלויטעט, אַז ער זאָל אויסמיידן שפּאַנונג און אינצי־דענטן, איידער עס וועלן אַריינטרעטן גרויסע ענדערונגען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט וואָס די דאָזיקע גרויסע ענדערונגען באַדייטן. אמת, דער אַרעסט פון די יידן האָט אַרויסגערופן אין שטאָט אַ סך אויפרעגונג, אָבער ווי געשיקט, ווי געניאַל־פּסיכאָלאָגיש — פראַנץ צימערלע האָט זיך אַליין געגעבן אַ קאָמפּלימענט — דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט, ווען ער האָט געגעבן דער באַפעלקערונג פאַר אַ פאַר שעה אַ פרייע האַנט צו ראַבירן, אָן דעם אַז עמעצער זאָל דאָס באַמערקן. אַפילו אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז פראַנץ האָט אָרגאַניזירט די פּלינדערונג פון די יידישע הייזער דורכן המון, כדי צו האַלטן די מאַסן אין אַ גוטער שטימונג. ניט אומזיסט האָט ער זיך באַטראַכט אַלס אַ געטרייער תלמיד פון דעם פירער.

הגם אַ טייל פון די יידן האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזן די שטאָט, הגם די יידן האָבן שוין אַ לאַנגע צייט מער ניט געשפּילט קיין ראָלע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט, האָט דאָס אַריבערפירן זיי אויפן בית־עולם פונדעסטוועגן געענדערט דאָס אויסזען פון דער שטאָט. די נאַכט נאָך דעם פּאָגראָם, האָט מען אָפּגערייניקט די גאַסן פון צעבראָ־כענעם גלאָז, פעדערן און שטיקער מעבל, אָבער די ליידיק־געבליבענע הייזער האָבן איצט געמאַכט דעם איינדרוק פון קברים.

פראַנץ צימערלע האָט דעם דאָזיקן שיינעם יוני־פרימאָרגן שפּאַצירט

לענג־אוים דער הויפט־גאַס פון שטאָט, פון רינגפּלאַץ אין דער ריכטונג פון סערעט־טייך און אַרונטער ביז דער אייזנבאַן־גאַס. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען ווייטער, ווייל דאָס וואָלט אים געבראַכט צו דער בריק, וואו רוסישע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען פון דער אַנדער זייט — אַ בילד, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן. ווען עס וואָלט זיך שוין אָנגעהויבן! האָט ער געטראַכט. פאַרוואָס קווענקלט זיך דער פירער? פאַרוואָס פאַרטרייבט מען ניט די דאָזיקע מענטשן קיין סיביר און ווייטער, אין פּאַסיפישן אָקעאַן אַריין? פאַר דעם פירער וועט דאָך זיכער זיין לייכט אָפּצוראַמען אין גע־ציילטע וואָכן דעם גאַנצן כּלאַם, וואָס רופט זיך סאָוועטן־מלוכה.

און גייענדיק אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער באַמערקט ווי פון אַ הויז, אַרומגעצאַמט מיט אַ שיינעם גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג צו דער באַנהויף־גאַס, ווערט געטראָגן מעבל. דאָס הויז איז אים געווען באַקאַנט: עס איז געווען דאָס אייגנטום פון דעם פּרעזידענט פון דער יידישער קהלה, אַבּרהם פּראַגער. אויף אָט דעם הויז, מיט זיין שיינעם מעבל, מיט די שיינע בלומען און סאַד, האָט ער שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג. דאָס דאָזיקע הויז — ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי — איז גע־ווען פאַרפלאָכטן מיט זיין געהיימער בענקשאַפט נאָך אַ פאַמיליע. ער פלעגט אָפטמאָל באַקוקן דאָס הויז. פון אָנהויב האָט אים עפּעס דאָ אָפּ־געשטויסן. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, איידער ער האָט אויסגעפונען וואָס דאָס איז געווען: הינטערן הויז איז געלעגן דער אַלטער יידישער בית־עולם, וואָס מ׳האָט שוין צענדליקער יאָרן ניט באַנוצט, מיט זיינע אור־אַלטע מצבות און אָפּגעקראַכענע העברייאישע אויפשריפטן. ניין, ער גע־הערט זיכער ניט צו די טרוסן און שוואַכלינגען — דאָס האָט ער געהאַלטן תמיד אין איבערחזרן. עה, וועלכער האָט גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין אויסראָטן יידן, זאָל גאָר מורא האָבן פאַר טויטע, לאַנג־צעפוילטע יידן אונטער מצבות? און דאָך: ווען ער האָט איינמאָל אין דייטשלאַנד גע־לאָזט אויסגראָבן אַ יידישן בית־עולם, כּדי אויפצושטעלן אויף דעם פּלאַץ אַ היים פאַר דער נאַצי־יוגנט, האָט אים נאָכדעם געשווינדערט גאַנצע נעכט. יעדער מענטש, אַפילו דער שטאַרקסטער, האָט זיינע אָבערגלויבנס און זיינע שוואַכקייטן. אויך דער פירער, דערציילט מען, האָט זיינע שוואַכע שערן, און איז ניט פריי פון געוויסע אָבערגלויבנס. עמעצער האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז דער סימן פון יעדן גרויסן העלד איז אַ באַשטימטע סענטי־מענטאַלקייט. דערציילט מען דען ניט, אַז די גריכישע העלדן האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געוויינט?

דאָס אַרויסטראָגן מעבל האָט נאָך אַמאָל געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם דאָזיקן הויז. ער האָט נעכטן פאַרנאַכט, נאָך אַ שמועס מיט אָטאָ פאָן ראַובניטץ, אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדענונג, אַז קיינער טאָר

מער ניט, אָן אַ דערלויבעניש, אַריינגיין אין אַ לידיק יידיש הויז, אָדער אָנרירן עפּעס אין אַזאַ הויז. ווער־זשע וואָגט עס צו איבערטרעטן זיין באַפעל? ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ הויכע, שוואַרץ־אויגיקע, עלעגאַנטע יונגע דאַמע, מיט העל־בלאָנדע האָר. זי האָט אים קוים באַמערקט און האָט פאַרגעזעצט צו געבן באַפעלן צו צוויי מענער, וועלכע זי האָט, ווי מען האָט געקאָנט זען, געדונגען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט:

— גיט אַכטונג אויף דעם גרויסן שפּיגל. פאַר דעם דאָזיקן טעפּיך וועל איך הייסן ברענגען פּאַק־פּאַפּיר.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט דער יונגער פרוי.

ניט אַ קוק־טוענדיק אין זיין זייט און ניט אָפּשטעלנדיק די אַרבעט, האָט זי געענטפערט:

— איר זעט דאָך, הער קאָמיסאַר.

פאַר אַן אויגנבליק נאָר האָט ער געהאַט אַ געפיל פון רוגזה און צאָרן. זי ווייס גענוי ווער איך בין, און ענטפערט מיר פונדעסטוועגן אַזוי פון אויבן אַראָפּ! ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי איז אונטער אַרעסט און וועט אָנגעקלאָגט ווערן אין געריכט פאַר רויבעריי. זי האָט אים אָבער געהאַט צוגעוואָרפן אַ בליק און קעגן זיין ווילן איז ער ווייך געוואָרן. יאָ, ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז די רואיקייט און די סיסטעמאַטישקייט, מיט וועלכע זי האָט געאַרבעט, האָבן אַרויסגערופן ביי אים באַוואונדערונג. און די דאָזיקע באַוואונדערונג האָט זיך פאַרבונדן מיט זיין געהיימער בענקשאַפט. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויסצוקוקן שטרענג און צו געבן זיינע ווערטער אַ האַרבן טאָן, ווען ער האָט געזאָגט:

— ווייסט איר דען ניט, אַז אַזעלכע האַנדלונגען דאַרפן דורכגעפירט ווערן מצד די באַאַמטע, אין איינקלאַנג מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער גרונט־איינשטעלונג: „אַלגעמיינע נוצלעכקייט קומט פאַר אייגננוצלעכ־קייט”?

ער איז געווען געוואוינט צו רעדן צו מענטשן, וועלכע האָבן ניט גע־הערט צו דער פאָלקס־געמיינשאַפט, אין רומעניש, און ווען זיי האָבן די דאָזיקע שפּראַך ניט פאַרשטאַנען — אין אוקראַיניש. אָבער צו דער דאָזיקער בלאָנדער, אַליין זיך ניט אָפּגעבנדיק קיין חשבון, האָט ער גערעדט אין דייטש, ווייזט אויס צוליב אירע שוואַרצע אויגן און בלאָנדע האָר. זי האָט אים געענטפערט אין אַ גוטן דייטש:

— איך פאַרשטיי אַלגעמיינע נוצלעכקייט, אַז וואָס מען נעמט צו פון יידן און מען גיט דאָס איבער אין ניט־יידישע הענט, דינט עס דער אַל־געמיינער נוצלעכקייט.

איר ענטפער איז אים געפעלן. זיין טאָן איז געוואָרן מילדער. פון

דעם געשפּרעך איז מען אריבער אויף אַן אַנדערן. אַ ביסל אַפּשרעקנדיק האָט געווירקט איר נאָמען: העגריעטע פּאָפּאָוויטש, האָט זי זיך פּאָר־געשטעלט — אַ דייטשישער נאָמען און אַ רומענישע פאַמיליע. אָבער די דאָזיקע בלאָנדע האָר, די דאָזיקע שוואַרצע אויגן; פאַרוואָס איז ניט מעגלעך, אַז די וואַנדאַלן, וועלכע האָבן מיט פופצן הונדערט יאָר צוריק באַוואוינט די דאָזיקע געגנט, זאָלן האָבן אָנגענומען רומענישע פאַמיליע־נעמען? נאָך אַלעמען האָבן דאָך די גאָטן אין שפּאַניע אויך אָנגענומען שפּאַנישע נעמען. כדי צו זיין פולשטענדיק זיכער, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אור־אור־אייניקל פון די וואַנדאַלן, האָט ער איר געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס איר רעדט אַזאַ פּלימקן דייטש?

— מיר שטאַמען פון אַן אַלטער עסטרייכישער פאַמיליע פון באַאַמטע. מיין פעטער איז אין משך פון פיל יאָרן געווען דער דירעקטאָר פון דער עסטרייכיש־אונגארישער באַנק און יאָרצענדליקער האָט דאָס עסטרייכישע פּאַפּיר־געלט געטראָגן דעם אונטערשריפט פּאָפּאָוויטש. ניט געקוקט אויף די העכער צוואַנציק יאָר רומענישע הערשאַפט, רעדט מען נאָך אין אונדזער פאַמיליע דייטש.

פראַנץ האָט אָנגענומען אַן איינלאַדונג צו קומען צו אָוונט־ברויט, און געבעטן די דערלויבעניש מיטצובריינגען מיט זיך זיין פריינט האַנס קרולע.

פריילין פּאָפּאָוויטש איז געווען 28 יאָר אַלט. זי האָט געהאַט פיל פאַרערער, אָבער אירע פאָדערונגען זיינען געגאַנגען זייער וועיט, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז אַזויפיל מיליאַרדן האָבן אַמאָל געטראָגן איר נאָמען, און קיינער פון אירע פאַרערער האָט ניט אַנטשפּראָכן אירע געשטעלטע פאָדערונגען.

און פונקט אַזוי ווי זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף פראַנצן, האָט אויך פראַנץ געמאַכט אַן איינדרוק אויף איר. אין דעם מאָמענט איז ער געווען דער הויפּט פון סערעט, און זי האָט זיך געזאָגט: מיר לעבן אין אויסערגעוויינטלעכע ציטן. ווער עס איז היינט דער הויפּט פון סערעט, קאָן דאָס פּיליכט מאָרגן זיין פון טשערנאָוויץ, איבערמאָרגן פון בוקאַווינע, און דאַן — ווער ווייס — פון וואַנען.

דער אַלטער יוסטפאַן האָט איינגערעדט אָטאָ פאָן ראַובניטצן, אַז אין סערעט איז פאַראַן אַ ייד, יאָסל שמש, דער מקובל און מיסטיקער, וועלכער ווייס סודות וועגן גאָלד־אוצרות, וואָס זיינען באַגראָבן געוואָרן אין אַלטע ציטן. יאָ, נאָכמער: דער דאָזיקער יאָסל שמש איז פּייאיק, ווי אַמאָל, אין זעכצנטן יאָרהונדערט, אַ רב אין פּראָג, אַליין צו מאַכן גאָלד דורך קאַבאַ־ליסטישע צירופים. ווען אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָט ער אויסגעפונען, אַז די דאָזיקע לעגענדע איז געווען פאַרשפּרייט כמעט צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג. וואָס די

יידן האָבן וועגן דעם געטראַכט, האָט ער ניט געוואוסט, ווייל מיט יידן האָט ער ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט זיך אַריינלאָזן וועגן דעם אין אַ געשפּרעך. אָבער רומעניער, אוקראַינער און דייטשן פון פאַרשיידענע שטאַנדן האָבן געגלויבט אין דער דאָזיקער לעגענדע. זיי האָבן געהאַלטן יאָסל שמש פאַר אַ מענטשן מיט איבער־ערדישע כחות. און אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט פון פראַנץ צימערלע געפאָדערט, אַז פון יאָסל שמש זאָל אונטער קיין שום אומשטאַנדן ניט גערירט ווערן אַ האָר פון קאָפּ.

דעם ערשטן אָוונט, ווען ער און זיין פריינט האַנס קרולע זיינען געווען איינגעלאַדן צו הענריעטע פּאָפּאָוויטש, איז פאַר פראַנץ צימערלע געוואָרן קלאָר, אַז הענריעטע איז געווען די, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געבענקט, די דערפילונג פון זיינע געהיימע חלומות, און ער האָט אַרויפגעפירט דעם געשפּרעך אויף יאָסל שמש. פון איין זייט, האָט ער ניט געוואָלט, ווען עס וועט צו דעם קומען, איבערלאָזן אַ לעבעדיקן יידן; פון דער אַנדער זייט, האָט ער ניט געוואָלט זיך איינרייסן מיט אָטאָ פאָן ראַובניטץ, וועלכער האָט געהאַט אַ סך איינפלוס אין הויכע פענצטער.

ווען ער האָט ביים טיש דערמאָנט דעם דאָזיקן נאָמען, זיינען ביידע, מוטער און טאָכטער — די פאַמיליע פּאָפּאָוויטש איז איצט באַשטאַנען בלויז פון די דאָזיקע צוויי — אויפגעשפּרונגען פון זייערע שטולן מיט אַ געשריי:

— אום גאָטעסהימלס ווילן! דעם מאַן טאָר קיין זאַך ניט געשען! ער איז אַ בעל־נס. מייל רומעניער און אוקראַינער ווייסן, אַז ווען ער קומט צו זיי, ווערן האָפענונגסלאָזע קראַנקע געזונט.

הענריעטע האָט נאָך צוגעגעבן:

— גלויבט ניט, הער קאָמיסאַר, אַז מיר זיינען, חלילה, יידן־פריינטלעך. בשום אופן ניט. אָבער מיט דעם דאָזיקן יאָסל שמש איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דער מאַן — אַלע זאָגן דאָס — איז אַ שטערן־זעער, אַ מיסטיקער, אַ בעל־נס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַ ייד. ווען עטוואָס זאָל מיט אים פּאַסירן, דאַן קומט אויף דער שטאָט אַ שרעקלעכע צרה.

פראַנץ האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז דער אונטערטאַן פון דער דאָזיקער פרוי. און אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן צאַרטע פעדעם צווישן פראַנץ צימערלע און פריילין הענריעטע פּאָפּאָוויטש, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרוועבט אַ הויז לעבן בית־עולם, שיינע מעבל, אַ ייד אַ בעל־מקובל, יאָסל שמש, די אויפבויאונג פון אַ דייטשישער פאַמיליע מיט וואַנדאַלישע טראַדיציעס. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אפשר פראַנץ געהאַט אויסצוזעצן קעגן דעם, וואָס אַ ייד איז באַטייליקט אין זיינע צוקונפטס־פּלענער און חלומות. אָבער איצט זיינען די געשעענישן געלאָפן צו שנעל. אַלע ווילע זיינען געקומען נייע באַפעלן וועגן דער בויאונג פון נייע שוץ־גראָבנס, וועגן

אַלאַרם־פאַרברייטונגען, וועגן דער קומענדיקער גרויסער פּאַסירונג. און די אָוונטן, ביז אין די פריע מאָרגן־שעהן, פלעגט ער פאַרברענגען אין דעם סאַד פון זיין העגריעטע. ער פלעגט זיצן לעבן איר און טרוימען פון א גרויסער צוקונפט. די זשאַנדאַרן האָבן באַקומען אַן אָנווייזונג, אַז מיט איין יידן, יאָסל שמש, דאַרף געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם. אים דאַרף מען ניט שיקן צו קיין שום אַרבעט און ער מעג אַרומגיין פריי, וואו ער וויל.

8.

נאָך זיין דערוויילונג אַלס פּרעזידענט פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט, האָט יוסטפאַן געגעבן פראַנץ צימערלען אַ שבועה, אַז ער וועט האַלטן בסוד אַלץ, וואָס ווערט גערעדט אויף די זיצונגען. יוסטפאַן איז ניט געווען קיין שבועה־ברעכער, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז די דאָזיקע שבועה איז פאַר אים ניט בינדנדיק בנוגע זיין פרוי און אויך ניט בנוגע פריינט, וואָס האָבן אים פאַרזיכערט, אַז ווייטער פון זיי וועט די זאַך ניט אַרויסגעטראָגן ווערן. פראַנץ צימערלע האָט אים בלויז זעלטן גערופן צו זיצונגען. אָבער ווען ער האָט אים יאָ ווען גערופן צו אַ זיצונג, פלעגט ער ביי אים פריער אונטער פיר אויגן נעמען נאָך אַמאָל אַ שבועה. און פון דער לעצטער זיצונג האָט יוסטפאַן באַריכטעט זיין פרוי אומגעפער דאָס פאָלגנדיקע:

— דער אָרימער מענטש וועט שטענדיק קומען ניט אין דער ריכטיקער צייט. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז ווען אַן אָרעמאַן וויל טאַנצן, גייען די קלעזמער פישן... פריער בין איך געווען אַ בריוו־טרעגער, געהאַט אַ סך אַרבעט און באַקומען פון אַלע סוחרים טרינק־געלט. היינט בין איך דער פּאָטשט־דירעקטאָר. אָבער איז דען פאַראַן אַ פּאָטשט? אַחוץ קאַזיאָנע צירקולאַרן, קומט גאָרנישט טאָן. אַמעריקע, זאָגט מען, שיקט מער ניט קיין דאָלאַרן, ווייל דער פירער וויל אַזוי רייך מאַכן דאָס דייטשישע פאָלק, אַז מען דאַרף מער ניט קיין דאָלאַרן. איצט, אויף דער זיצונג, האָב איך געפרעגט פאַרוואָס מ'האָט אַלע יידן אַרעסטירט. האָט אַטאַ פאָן ראָובניטש געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי העצן צו מלחמה. זאָג איך: אויב די יידן וואָלטן געהעצט צו מלחמה, וואָלטן דאָך אַזויפיל פון זיי ניט אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדער זייט, צו די רוסן. האָט פראַנץ צימערלע אויף מיר געגעבן אַזאַ קוק, ווי איך וואָלט געווען אַן אידיאָט, און מיך געפרעגט צי איך האָב ניט געהערט וועגן יודאַ און מאַרקסיזם. איך האָב זיך דאַן דערמאָנט, אַז איך האָב איינמאָל געהערט אויף אַ פאַרזאַמלונג — דאָס איז נאָך געווען אין די צייטן פון דעם קייזער — אַז די יידן פראָ־טעסטירן קעגן פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און אַז זיי האָבן גערעדט קעגן דעם צאַר. האָב איך מער גאָרנישט געזאָגט, אָבער קלאָר איז מיר ניט פאַר־

וואָס די יידן זאָלן אריבערגיין אויף דער אנדער זייט, ווען מען מאַכט דאָרט פּאָגראָמען. פראַנץ צימערלע האָט דאַן דערציילט, אַז יעדן מאָמענט קאָן עטוואָס געשען, אַז מען וואַרט אויף דעם באַפעל פון דעם פירער. איך האָב שוין גאָר ניט פאַרשטאַנען. דאָס זיינען דאָך זאכן, וואָס אַ מענטש מיט אַ פּשוטן פאַרשטאַנד קאָן מער ניט באַגרייפן. איך בין פּאָטשט־דירעקטאָר און קיין פּאָטשט איז מער ניטאָ. פריער פלעגט מען אויפן בית־עולם באַגראָבן טויטע, איצט גראָבט מען אויף דעם בית־עולם און מען בויט דאָרטן שוץ־גראָבנס. די טויטע נעמט מען אַרויס און די לעבעדיקע ברענגט מען אויפן בית־עולם. פריער, ווען איינער האָט צוגענומען פרעמדן אייגנ־טום, האָט מען דאָס גערופן גניבה, רויבעריי אָדער פּלינדעריי, היינט זאָגט מען אַריאַניזירונג. ווען איך האָב אויף דער זיצונג געפרעגט, אויף וואָס פאַר אַ באַפעל מען וואַרט פון דעם פירער, האָט מיר קיינער ניט געענטפערט — און איך בין דאָך דער פּרעזידענט. שפּעטער האָט מיר דער ריטער פאָן סאָוער איינגערוימט אין אויער: פאַרשטייט איר דען ניט, איר זייט דאָך אַ דייטש און דאַרפט באַגרייפן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מיר דערוואַרטן דעם באַפעל פון דעם פירער אָנצוגרייפן די רוסן. הייסט עס, מלחמה? האָב איך געזאָגט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, מלחמה. פאַרוואָס־זשע זאָגט מען, אַז די יידן ווילן מלחמה? קיינער האָט ניט געענטפערט. פראַנץ צי־מערלע האָט מיר שפּעטער געזאָגט: איר זייט צו אַלט, יוסטפאַן. די פּרעזי־דענטשאַפט איז פאַר אייך אַ צו שווערע לאַסט.

:: :: ::

יאָסל שמש, אברהם פראַגער און נאָך איייניקע עלטערע מענטשן האָבן אויפן בית־עולם זיך געזאָרגט וועגן די קינדער. צום גליק, האָבן פויערים געבראַכט לעבנס־מיטלען, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט כאָטש טיילווייז צו שטילן דעם הונגער. די אַלע, וואָס זיינען געווען עלטער פון צען יאָר, האָט מען איינדערפרי אוועקגעפירט צו דער אַרבעט, צו בויען שוץ־גראָבנס. זיי האָבן געאַרבעט אָן אָן איבעררייס ביז עס איז געוואָרן פינצטער און זיי האָבן איין מאָל אַ טאָג באַקומען זופּ מיט ברויט. ביינאַכט האָט מען זיך געלייגט שלאָפן צווישן די קברים. די יידן האָבן אָן איינגאַרטיקע באַציאונג צו זייער בית־עולם. זיי רופן אים דאָס הייליקע אָרט. בייטאָג פילט זיך דער לעבעדיקער ייד אויפן בית־עולם, ווי ער וואָלט געווען נאָענט צום אין־סוף. ער באַטראַכט דעם פאַרשטאָרבענעם אַלס זיין מליץ יושר דאָרט, וואו דער גורל פונעם מענטשן ווערט באַשלאָסן. און מען רעדט צו טויטע קרובים, ווי זיי וואָלטן געקאָנט הערן. מען דערציילט זיי וועגן נויט און זאָרגן, און ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שווערן אומגליק, חזרט מען עס איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, כדי דער טויטער זאָל דאָס ניט פאַרהערן.

ביינאַכט אָבער גייט קיין ייד ניט אויפן בית־עולם. ביינאַכט וואָגט

קוים א ייד צו אָטעמען, ווען עס קומט אים אויס פאַרבייצוגיין דעם בית־עולם. און אָט די מורא האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן אויף די קינדער. ווען מען איז געקומען אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָט מען קוים געוואַגט ביי די זקנים זיך נאָכצופרעגן וועגן די קינדער. די קינדער זיינען אָפט געלעגן שלאָפלאָזיק און געקוקט מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטערער נאַכט, ניט וואַגנדיק אַרויסצורעדן אַ וואָרט. די דערוואַקסענע האָבן געפילט, אַז עטוואָס שרעקלעכס וועט צוגעגרייט. פאַרוואָס בויט מען שוץ־גראָבנס? אָבער וואָס נאָך שרעקלעכערס קאָן דראָען מענטשן, וועלכע געפינען זיך ביים שוועל פון קבר? מען האָט געפאָלגט באַפעלן, געאַרבעט, גיריק גענומען די זופּ און ברויט, פון די קינדערס וועגן. און דאָך האָט אומבאַוואוסט עפּעס געטליעט אַ האָפענונג. יאָסל שמש האָט געזאָגט: „עס איז פאַראַן אַ כלל גדול: „לפני שבר גאון" — פאַר אַן אומגליק קומט אַן אויפשטייג. אפשר קומט פאַר דעם אויפשטייג דער אומגליק. אפשר איז דער שווערער נסיון, וואָס גאָט האָט אונדז געשיקט, אַ סימן פון דעם גליק, וואָס שטייט אונדז פאָר." וואָס פאַר אַ גליק? האָבן פיל געפרעגט. אַ גליק וואָלט געווען, ווען מ'האָט ווידעראַמאָל אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ גליק וואָלט געווען, ווען מען וואָלט יעדן אויגנבליק ניט געדאַרפט מורא האָבן, אַז די זשאַנדאַרן זאָלן די קינדער ניט דערשטעכן מיט זייערע באַגנעטן. אַ גליק וואָלט געווען, ווען מען וואָלט רואיק געקאָנט באַגעגענען דעם אָנקומענדיקן טאָג.

יאָסל שמש האָט געהאַלטן אין טרייסטן:

— עס איז אמת, אַז די קללות פון דער תוכחה האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדז: „והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך: בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בקר." (און דיין לעבן וועט הענגען אין דער לופטן, און דו וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט און וועסט ניט גלויבן צו פאַרבלייבן לעבן. אינדערפרי וועסטו זאָגן: וואָלט שוין כאָטש געקומען די נאַכט, און ביינאַכט — ווען וועט שוין ווערן טאָג.). אָבער, — האָט ער פאָרגעזעצט, — שטייט דען אויך ניט געשריבן, אַז גאָט וועט אונדז צונויפזאַמלען פון אַלע אַרבע פּינות העולם און אונדז ווידער אויפריכטן?

:: :: ::

און פלוצלונג, איין אָוונט, איז אויפן בית־עולם געקומען אָטאָ פאַן ראַובניטש און גענומען שרייען אין דער הויך: „יאָסל שמש, יאָסל שמש!" ווען יאָסל שמש איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט:

— הערט נאָר, אַלטער: וואָס דאָ קומט פאָר, קומט פאָר אויף אַ באַפעל פון אויבן. עס איז דער ווילן פון פירער. פון אייך האָט מען מיר אָבער אַ סך דערציילט. מען זאָגט, אַז איר זייט אַ בעל־מקובל און אַ מיס־טיקער. מען זאָגט, אַז איר ווייסט סודות, וואָס זיינען פאַר אַלעמען פאַר־

באַרגן. אין אונדזער זין זייט איר דעריבער אַ ווירטשאַפטלעך־ווערטפולער ייִד. ווען איר זאָלט אונדז שטעלן אין דינסט אייער וויסן און קענטעניש, קאָנט איר ברענגען די איבעריקע יידן אַ סך נוצן און אייער לעבן וועט געשוינט ווערן. וואָס מיר ווילן פון אייך וויסן, איז דער סוד פון גאָלד. ווען איר קאָנט מיר תיכף ניט געבן קיין ענטפער, אָדער איר ווילט דאָס ניט טאָן, דאַן מערקט אייך: איך בין צו יעדער צייט גרייט צו רעדן מיט אייך, ווען נאָר איר האָט אַ וויכטיקע מעלדונג צו מאַכן וועגן דעם ראָזיקן ענין. איך האָב געגעבן אַ באַפעל, אַז איר מעגט פריי אַרויסגיין און אַריינקומען, פאַר אייך זיינען ניטאָ קיין שום באַגרענעצונגען.

פון דעם, וואָס דער דייטש האָט צו אים גערעדט, האָט יאָסל שמש בלויז פאַרשטאַנען די לעצטע ווערטער. ער האָט געטראַכט, אַז מיט אים איז פאָרגעקומען ווי מיט דעם נביא ירמיהו, ווען די כלדים האָבן גענומען ירושלים מיט שטורעם און פאַרברענט דעם בית־המקדש. דאַן איז נבוזרדן, דער אַרמיי־פירער פון די כלדים, וועמען יידן רופן הענקער, געקומען צו ירמיהו און געזאָגט: „דו ביזט פריי. פאַר דיר זיינען אַלע וועגן אָפן. דו קאָנסט גיין וואוהין דו ווילסט, אָדער קאָנסט פאַרבלייבן דאָ. איך האָב געקראָגן אַ באַפעל, אַז אַ האָר זאָל דיך ניט געמינערט ווערן פון קאָפּ.'

ירמיהו, האָט יאָסל שמש געטראַכט, האָט פון דעם שונא־ישראל ניט געוואָלט אָננעמען פאַר זיך קיין שום טובות. וואָס עס איז אויף אים אָרויפגעצוואונגען געוואָרן אַלס אַ טובה, האָט ער געוואָלט אויסנוצן צו ברענגען הילף זיינע ברידער אין זייער שווערן אומגליק. אָבער גאַנץ תוכחה איז דעמאָלט געלעגן אויף די יידן. דער נביא ירמיהו האָט זיי קיין סך ניט געקאָנט העלפן. וועט אים, יאָסל שמש, גיין בעסער אין דער הינזיכט? וואָרים גאָט אַליין האָט בלי ספק אים אויסדערוויילט בייצושטיין זיינע ברידער אין זייער נויט — אים, דעם שמש, וועלכער איז לויט זיין שטאַנד געווען דער לעצטער, ווי אין פסוק שטייט: „מקימי מעפר דל מאשפת ירים אביון, להושיבו עם נדיבים עם נדיבי עמו.” (פון שטויב דערהויבט ער דעם אָרעמאַן, פון מיסטהויפן הויבט ער אויף דעם דערנידעריקסטן, אים צו זעצן צווישן פירשטן, די פירשטן פון זיין פאָלק.)

דעם נעקסטן טאָג האָט יאָסל שמש פאַרלאָזט דעם בית־עולם און איז אוועק באַזוכן די שול און די יידישע הייזער. די שול איז געווען אומבאַרירט, אפילו דער נר תמיד האָט געברענט. דער בית־המקדש איז, הייסט עס, נאָך ניט פאַרניכטעט. אָבער ירושלים — פאַר יאָסל שמש האָבן די יידישע וואוינונגען סימבאָליזירט ירושלים — איז געווען פאַרוויסטעט. גאָט האָט נאָר מיך איינעם באַפרייט פון די קייטן פון גויאישן יאָך. אָבער שווער איז צו זיין פריי פון די קייטן, ווען איך וויים ניט וואָס איך דאַרף טאָן. צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן, מיט וועמען רעדן? וואו איז דער אויסוועג,

וואָס פאַר אַן עצה קאָן איך ברענגען מיינע ברידער, וועלכן וועג קאָן איך זיי ווייזן?

:: :: ::

אייגנאַרטיק, אָפט ניט על פי שכל, איז דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין. ווען מען האָט אַלע יידן אַרעסטירט און פון אויבן איז געקומען אַ וואונק צו פּלינדערן די יידישע היימען, האָט אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די יידישע הייזער. איינער האָט זיך דערמאָנט, אַז קלמן וויגלער האָט אַמאָל ביי אים גענומען וואַכער, אַ צווייטער — אַז די יידישע קרעמער האָבן אים מער קיין קרעדיט ניט געגעבן. אַ פרוי האָט איר גאַנץ לעבן געוואָלט האָבן אַ ניי־מאַשין און האָט איצט געהאַפּט צו געפינען אין אַ יידיש הויז אַ פאַרווירקלעכונג פון איר טרוים. וואָלט מען פון דער געשעעניש פון יענעם טאָג געפּרואווט מאַכן אַן אויספיר וועגן דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג פון סערעט, וואָלט מען געדאַרפט קומען צום שלום, אַז דעם פּירערס אויפטראָג האָט געשטימט מיט די טיפסטע וואונטשן פון דער באַפעלקערונג, וואָס זי האָט פאַרוואַנדלט אין מעשים.

נאָכן אַריבערפירן די יידן אויפן בית־עולם, האָט קיין איין סערעטער, וועלכער האָט ניט געוואוינט אין דער דאָזיקער געגנט, זיך ניט געטרויט צו קומען נאָענט צום יידישן בית־עולם. אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז מ'האָט די יידן געפירט צו דער שחיטה, און קיינער האָט ניט געוואָלט זיין קיין בייוואוינער פון דער גרוילעכער געשעעניש. פון די איינוואוינער פון דער געגנט לעבן בית־עולם האָט מען שפּעטער אויסגעפונען, אַז די יידן לעבן נאָך, און אַז אַלע, מיטן אויסנאַם פון די פּיצלעך קינדער, זיינען געצוואונגען צו אַרבעטן ביי דער שווערסטער אַרבעט. זיי וואָלטן גערן געבראַכט פאַר די קינדער שפּייז, אָבער קיינער האָט דאָס ניט געוואַגט צו טאָן, ווייל איבער דער גאַנצער שטאָט שטאָט האָט נאָך דער פאַסירונג מיט די יידן זיך אויסגעשפּרייט אַ פּאַראַליזירנדיקע שרעק. אָן דעם אַז עמעצער זאָל קאָנען זאָגן פון וואַנען דאָס איז געקומען, האָט איבער דער שטאָט זיך פאַרשפּרייט די ניַיס, אַז עס קומען בלוטיקע געשעענישן און אַז די מלחמה קאָן אויסברעכן יעדן מאָמענט. מען האָט מורא געהאַט, אַז באָמבאַרדירער וועלן באַלד אָנהויבן וואַרפן באָמבעס און אַז סערעט וועט זיין דער טעאַטער פון אַ שוידערלעכער דראַמע.

פּלוצלונג האָבן די סערעטער דערזען יאָסל שמש גייענדיק איבער די גאַסן, מיט אַ קערבל אין דער רעכטער האַנט. ווי געזאָגט, איז יאָסל געווען דער שמש פון דער שול, און יעדן פרייטיק פלעגט ער מיט אַ קערבל אין דער האַנט אַרומגיין פון הויז צו הויז צונויפקלייבן ביי די יידן ליכט פאַר דער שול; גלייכצייטיק פלעגן די באַלעבאַטים פון דער שול אים שוין

אויך נעבן זייערע פּאָר גראָשן פאַר זיינע שכירות. קיין פעסטגעשטעלטע שכירות האָט דער שמש ניט געהאַט אפילו אין די בעסטע צייטן. יעדער האָט אים געגעבן אַ פּאָר גראָשן און פון דעם האָט ער געלעבט.

עס איז געווען אַ פּריטיק אינדערפרי, ווען יאָסל שמש האָט פאַרלאָזן דעם בית־עולם און איז אַוועק אין דער שול. איז דאָס געווען אוים גע־וואוינהייט? יאָסל האָט גענומען דאָס קערבל, וואָס איז געהאַנגען אין פאָדערהויז פון דער שול, און איז אַרויסגעגאַנגען אויף זיין געוויינטלעכן וועג איבער די גאַסן, ווי דאָרטן וואָלטן נאָך געוואוינט יידן, ביי וועלכע ער דאַרף קלייבן ליכט און קריגן אַ פּאָר מטבעות. ביי יעדער ליידיקער יידישער וואוינונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויסגערופן: „ליכט לכבוד שבת־קודש." דאָס וואָס קיינער האָט אים ניט געענטפערט, האָט אים, ווייזט אויס, ניט געשטערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פּאָר סעקונדן ביי יעדן הויז און איז געגאַנגען ווייטער. ביי יעדן הויז האָט ער איבערגעחזרט די זעלביקע ווערטער. און דאַן איז עטוואָס אומדערוואַרטס געשען: דער גלח פון דער גריכיש־אָריענטאַלישער קירך, דער אַלטער גלור־זאַנסקי, מיט זיינע לאַנגע, ווייסע, געקרייזלטע האָר, איז צו אים צוגעגאַנגען, אים גענומען ביי דער האַנט, און געזאָגט: „קומט מיט מיר."

ניט פרעגנדיק וואוהין, איז יאָסל אים נאָכגעגאַנגען. ביים אַריינגאַנג אין דער אַלטער גריכיש־אָריענטאַלישער קירך, וואָס איז געלעגן אין צענ־טער פון שטאָט, האָט דער גלח אים געגעבן אַ צייכן זיך אָפּצושטעלן. אַליין איז ער אַריין אין קירך און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט וואַקסענע און חלבנע ליכט, וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אין יאָסלס קאָרב. דאַן האָט ער אים ווידער גענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט צו זיך אין הויז, ניט ווייט פון דער סערעט־טייך, וואו מען האָט געקאָנט זען ווייט אויף דער אַנדער זייט, וואו די רוסישע פּאַטרולן האָבן מאַרשירט הין און צוריק. דער גלח האָט אים אַריינגעפירט אין הויז, געעפנט אַן אַלמער און אַרויס־גענומען צוועלף ווייסע, געפלאָכטענע חלות, ווי די יידן פלעגן באַקן אויף שבת, און זיי געגעבן יאָסלען, זאָגנדיק: „נעמט דאָס פאַר די יידן פון סערעט. עס איז היינט פריטיק צונאַכטס. איך ווייס, אַז ס'איז ווייניק. אָבער דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט צוזאַמענגעמען." און אָנ־ציינגנדיק אויף דער אַנדער זייט בריק, האָט ער צוגעגעבן: „זאָגט די סע־רעטער יידן אין מיין נאָמען, אַז דער אַלטער גאָט לעבט נאָך, אַז די נאַכט וועט אייביק ניט דויערן."

אומגעשטערט, לויטן באַפעל פון דער געשטאַפּאָ, האָט יאָסל זיך אומ־געקערט אויפן בית־עולם. מידע און אויסגעשעפּטע, באַגלייט פון זשאַנ־דאַרן, האָבן אויך די יידן, מיטן אָנקום פון אָוונט, זיך אומגעקערט אויפן בית־עולם. יאָסל האָט שעהן־לאַנג געאַרבעט צווישן די קברים: אויף אַ

פרייען, מיט גראָז־באַוואַקסענעם פּלאַץ, האָט ער אויסגעשפּרייט אַ טישטוך, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער שול; דאַן האָט ער אָנגעצונדן אייניקע ליכט, און ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם אימפּראָוויזירטן טיש, האָט יאָסל אָנגעהויבן זינגען דעם שבתדיקן „לכה דודי".

ביי אַלעמען זיינען טרערן געשטאַנען אין די אויגן. יאָסל האָט מכבד געווען דעם אַלטן אברהם פּראַגער מיט מאַכן קידוש איבער די חלות, וואָס דער גריכיש־אָריענטאַלישער גלח האָט אים געגעבן. אברהם פּראַגער האָט געמאַכט המוציא, האָט יעדן געגעבן אַ כזית און אָנגעהויבן זינגען די פרייטיק־צונאַכטיקע זמירות:

„נפש כי נאנחה בא שבת בא מנוחה . . .
אכול בשמחה כי כבר רצה . . .
במצות שבת לא יחלוצך."

(מעג דיין נשמה זיין ווי צערודערט, קומט דער שבת — קומט רו. עס מיט פרייד דיין ברויט, ווייל גאָט באַשיצט דיך און דער שבת, ער וועט דיך דערלייזן.)

:: :: ::

ביים בית־עולם, ווייט ביי די לעצטע קברים, האָט זיך געשלייכט אַ ייִנגל. צוויי מאָל האָבן די זשאַנדאַרן אים שוין געפרעגט, וואָס ער וויל דאָ האָבן. ער האָט געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ: ער איז פּעטרושקאָ, דער זון פון דעם אַרבעטער אין דער ברויערײ, וועלכער האָט געוואוינט ניט ווייט פון דאַנען. דעם גאַנצן טאָג איז ער געזעסן איבער די ביכער. די שול איז אַפילו געווען געשלאָסן, אָבער איצט איז געקומען אַ מעלדונג, אַז די שילער זאָלן זיך צוגרייטן צום עקזאַמען, וואָס וועט איינגיכן פאָרקומען אין אַן אַנדער שטאָט. שפּאַצירט ער איצט אַרום, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אויף דער פרישער לופט. די זשאַנדאַרן האָבן אים אָפּגעלאָזט.

פּעטרושקאָ האָט די גאַנצע צייט געטראַכט, ווי אַזוי ער קאָן אַריינקומען אויפן בית־עולם מיט אַ זייטיקן וועג, אומבאַמערקט פון די זשאַנדאַרן. ער, דער רומענישער ייִנגל, האָט זיך געפילט ווי אַ טייל פון די לעבעדיקע מתים, וועלכע האָבן איצט געפּראַוועט שבת אויף דעם בית־עולם. ס'איז געווען אַ געפיל, וואָס ער אַליין וואָלט ניט געקאָנט באַשרייבן. זיין רעבעקאַ איז מער דאָ ניט געווען. ערשט איצט, ווען זי איז שוין דאָ מער ניט געווען, איז אים געוואָרן קלאָר, ווי טייער זי איז אים. די פעדעם צווישן זיי האָבן זיך געשפּונען פאַר די לעצטע דריי יאָר.

זי איז געווען איינע פון די צוויי ייִדישע שילערינס אין דער מיטלשול, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן אין דער שול, נאָך די אויסנאַם־געזעצן, וואָס קעניג קאַראָל האָט אַרויסגעגעבן קעגן די ייִדן אין יאָר 1938. אירע שוואַרצע

אויגן, איר צוריקגעהאַלטנקייט, האָבן אים צוגעצויגן. פון אָנהויב איז דאָס מיידל געווען צוריקגעהאַלטן. ער פלעגט שטענדיק, נאָך די שול־שטונדן, זי באַגלייטן, נישט שענקענדיק קיין אויפמערקזאַמקייט צו די אָפּ־שפּעטונגען פון די אַנדערע שילער. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אַריינצד־קומען צו איר אין הויז. ער האָט זיך באַפריינדט מיט איר פאָטער, דעם שמיד. ער האָט מיט צופרידנקייט אַרויסגעהאָלפן אין דער קוזניע, ווען נאָר ער האָט געהאַט פרייע צייט, און געפירט מיט כאַצקל וואַגנער שמועסן, זייענדיק דערשטוינט וויפיל וויסן דער שמיד האָט פאַרמאָגט. יענער האָט גערן פילאָסאָפירט ביי דער אַרבעט. ביי כאַצקל וואַגנער האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען, ווי פריי אַ מענטש קאָן זיין פון יעדן מין פאַראורטייל — רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן. ביי כאַצקל וואַגנער האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט וועגן אַן אַרבעטער־באַוועגונג. נאָכדעם ווי כאַצקל וואַגנער האָט געקראָגן צו אים צוטרוי, האָט ער אים דערציילט וועגן זיינע איבערלעבע־נישן אין דעם פריערדיקן קריג. ער האָט אים דערציילט וועגן סיביר, וואו ער האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט, וועגן דעם בירגער־קריג און די ענדערונגען אין דעם ווייטן רוסלאַנד. זונטיקס, ווען די קוזניע איז געווען געשלאָסן, פלעגן זיי זאַלבעדריט פּראַווען פּיקניקס. און שפּעטער פלעגט פּאַסירן, אַז כאַצקל פלעגט פאַרבלייבן אין דער היים און ער מיט רעבעקאַן פלעגן אַליין מאַכן אַ פּיקניק. צוזאַמען האָבן זיי געלייענט ביכער, צוזאַמען געקליבן בלומען. און שפּעטער, ווען מ'האָט רעבעקאַן אויסגע־שלאָסן פון דער שול צוליב איר יידישן אָפּשטאַם, האָט זי צוזאַמען מיט איר פאָטער געמוזט באַנוצן איר גאַנצן איינפלוס אויף אים, כדי אים אָפּ־צוהאַלטן, אַז אויך ער זאָל נישט פאַרלאָזן די שול. דאָס האָט זיך איר איינ־געגעבן בלויז דאַן, ווען זי האָט אים צוגעזאָגט פאַרצוזעצן דעם קורס אונטער זיין ליטונג. רעגלמעסיק איז ער זינט דאַן געקומען פון דער שול צו איר אַהיים, פלעגט איר איבערדערציילן אַלץ וואָס ער האָט אין דער שול געלערנט, און צוזאַמען פלעגן זיי מאַכן די אויפגאַבן, ווי רעבעקאַ וואָלט נאָך געווען אַ שילערין. זיי האָבן זיך געהאַלטן ווי גליכע. קיינמאָל ביז איצט האָט קיינער פון זיי נישט אויסגערעדט אַ וואָרט וועגן די געפילן, וואָס זיי האָבן געהאַט איינס צום אַנדערן, אָדער וועגן זייער געמיינזאַמער צוקונפט. זיי האָבן אָפט שפּאַצירט האַנט אין האַנט. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי געהערן איינס צום אַנדערן.

דאַן זיינען געקומען די שווערע טעג. פּעטרושקאַ איז געווען דער, וועלכער האָט כאַצקלען געבראַכט סימפּאַנס באַריכט וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. פּעטרושקאַ, ווי רעבעקאַ, האָט נישט געהאַט קיין מוטער. ווען נישט אַ צופאַל פון אַ סטיפּענדיע, וואָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שטודירן, וואָלט ער וואַרשיינלעך שוין לאַנג, ווי זיין פאָטער, געאַרבעט אין

דער ברויערײַ. דער פֿאָטער האָט געהאַט צוטרוי צו זײַן זון און האָט זיך ניט שטאַרק געקימערט וועגן דעם, וואָס ער טוט. ווען מען האָט דעם פֿאָטער דערציילט, אַז זײַן ייִנגל חברט זיך מיט אַ ייִדיש מיידל און פֿאַר־ברענגט זײַן פֿרײַע צײַט אין אַ ייִדיש הויז, האָט ער געענטפֿערט: „דער בחור ווייס וואָס ער טוט. ער פֿאַרשטייט די וועלט מער פֿון מיר. ער וועט שוין זײַן וועג געפֿינען.״

ווען די ייִדן זײַנען אַריבער דעם טײַך אויף דער אַנדער זײַט, האָט פּעטרושקאַ געוואָלט מיטגיין מיט זיי, אָבער כאַצקל און רעבעקאַ זײַנען באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער זאָל זיך באַראַטן מיט סימיאָנען וועגן דעם. און סימיאָן האָט אים געזאָגט זײַער ערנסט, אַז ער פֿאַרשטייט זײַן פֿאַר־לאַנג, אָבער אַז ער, פּעטרושקאַ, זאָל בעסער פֿאַרבלײַבן אין שטאָט. די געהיימע שליחות, וואָס סימיאָן האָט געשיקט כאַצקלען דורך פּעטרושקאַן, האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן אָנטיילנעמער אין דעם סוד. ער האָט אָפּגעשאַצט דעם צוטרוי, וואָס סימיאָן, וועלכער האָט געגאָלטן אין שטאָט אַלס דער נאָענטסטער מיטאַרבעטער פֿון דער געשטאַפּאָ, האָט אין אים געהאַט. ער האָט פֿאַרשטאַנען די שוועריקייט, אין וועלכער סימיאָן האָט זיך געפֿונען, די צווייאיקע ראָל וואָס ער איז געצוואונגען צו שפּילן. מיט באַוואונדערונג און פֿאַרערונג, אויף וועלכע נאָר אַ יונגער בחור אין זײַן עלטער איז פֿייִק, האָט ער אַרויפֿגעקוקט צו סימיאָנען. זינט כאַצקל און רעבעקאַ האָבן די שטאָט פֿאַרלאָזן, איז סימיאָן אים געווען דער נאָענטסטער מענטש אין דער וועלט. אָבער סימיאָן האָט געהאַט ווייניק צײַט. ער פֿלעגט איצט קומען שפּעט בײַנאַכט פֿון זיצונגען און פֿלעגט אַוועקגיין פֿון הויז פֿרי פֿאַרטאָג. פּעטרושקאַ פֿלעגט זיך אַרומדרייען אַרום סימיאָנס הויז, האָט געוואָלט בעטן בײַ אים אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין אויף דער אַנדער זײַט פֿון טײַך.

און הײַנט אינדערפֿרי האָט סימיאָן אים ווידער געגעבן אַ שליחות דורכצופֿירן. ער האָט געדאַרפֿט זאָגן דעם אַלטן פּראַגער, אַז פֿאַר די ייִדן דערנענטערט זיך דער סוף; אַז אויף וויפֿל מ'קאָן דאָס פֿאָראויסזען, אין די נעקסטע אַכט־און־פֿערציק שעה, ווען דער קריג וועט אויסברעכן, וועלן זיי קיין אײנציקן ייִדן ניט לאָזן אַ לעבעדיקן. מען דאַרף דעריבער מאַכן אַ פֿאַרזוך שבת בײַנאַכט אַריבערצוגיין אויף דער אַנדער זײַט. געוויס, דער וועג איז פֿאַרבונדן מיט געפֿאַר, אָבער די לאַגע פֿון די ייִדן איז אַזאַ, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו פֿאַרלירן. און סימיאָן האָט פּעטרושקאַן געגעבן די דערלויבעניש צו זײַן דער וועג־ווײַזער און מיטצוגיין מיט די ייִדן.

די געפֿאַר דערווײַל איז נאָר געווען ווי אַזוי אַרײַנצוגיין אויפֿן בית־עולם, אומבאַמערקט פֿון די זשאַנדאַרן. פֿון דער אַנדער זײַט, פֿון דעם לאָקאַל „באַרקע און מאַניסאַלי״, האָט זיך געטראָגן ציגײַנער־מוזיק. פּעט־רושקאַ האָט זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען אַרײַן

און אַרום אין דעם לאָקאַל, צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז פאַר־אינטערעסירט אין דעם באָרדעל, ניט אין בית־עולם. דאָס האָט ניט פאַר־פעלט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די זשאַנדאַרן.

— דו דאַרפסט זיך ניט שעמען, — האָט אים געזאָגט איינער פון די זשאַנדאַרן. — איך אין דיין עלטער האָב שוין לאַנג געהאַט צו טאָן מיט מיידלעך. דאָרט זיינען פאַראַן זייער שיינע מיידלעך, אָבער זיי ווילן אַ סך געלט. באַזונדערס איז דאָרט געוואָרן בראַנד־טייער זינט דער אונטערפרע־פעקט, הער באַרבאַרעסקו, געפינט זיך דאָרטן, אַזוי אַז אַ נאַש־בראַט קאָן זיך מער ניט פאַרגינען אַהין אַריינצוקומען. אָבער פון אַרומדרייען זיך אַרום הויז וועסטו גאָרנישט האָבן, אויב דו האָסט קיין געלט ניט. איך וועל דיר געבן אַן עצה. דו מוזט מיר אָבער שווערן, אַז דו וועסט קיינעם קיין וואָרט ניט דערציילן. מאַך אַ פאַרזוך מיט די יידישע מיידלעך, דאָרטן אויפן בית־עולם. עס זיינען צווישן זיי פאַראַן זייער שיינע. און ווען דו האָסט דערפאָלג, זאָג מיר ווער דאָס איז געווען. איך האָף, אַז דו פאַר־שטייסט צו האַלטן מויל.

:: :: ::

די מערסטע יידן זיינען געלעגן אויסגעצויגן צווישן די קברים, פאַר־מאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, אין אַ האַלב־וואַכן צושטאַנד. דער טישטוך איז נאָך געלעגן אויסגעשפּרייט און יאָסל שמש און אברהם פּראַגער האָבן זיך געשאָקלט און געבענטשט: „ונא אל תצריכנו יהוה אלהינו לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם כי אם לידך המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה שלא נבש ולא נכלם לעולם ועד.” (און לאָז אונדז ניט זיין אָפּהענגיק, אָ גאָט, פון דער הילף פון פלייש און בלוט און ניט פון זייערע הלוואות, נאָר שפּייז אונדז פון דיין פולער, אָפענער, הייליקער און ברייטער האַנט, אַז מיר זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן און ניט האָבן קיין בושה לעולם ועד.)

מיט שרעק האָט אברהם פּראַגער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, ווען פּעטרושקאַ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין רוקן. ער האָט דעם יינגל ניט געקענט. ווען דער יינגל האָט אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט דער אַלטער פּראַגער געוואָלט וויסן, ווער עס האָט אים געשיקט אַהער.

— כאַצקל וואַגנערס אַ פריינט.

— איז נאָך פאַראַן אין שטאָט אַ פריינט פון די יידן ? — אברהם פּראַגער האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער און גלייך חרטה געהאַט. איז דאָך דער בחור ניט קיין ייד. געטרויען אים ? ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער ?

ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך כאַטש אויסערלעך צו באַהאַלטן יעדן פּאַרדאַכט און האָט אים געפרעגט זייער מילד:

— ווי אַזוי האָבן זיי דיר דאָס דערלויבט?

— איך פאַרשטיי אייער פראַגע, — האָט פּעטרושקאַ געענטפערט. און ער האָט אים דערציילט ווי אַזוי אים האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוקומען אויפן בית־עולם.

ביי אברהם פּראַגער איז נאָך פאַרבליבן אַ חשד. „גאָט", האָט ער גע־בעטן ביי זיך אין הארצן, „גאָט, גיב מיר אַ סימן, אַז איך זאָל וויסן וואָס צו טאָן. ווען מען קאָן מען נאָך גלויבן, ווען מען געטרויען?" אָפּזאָגן דעם בחור האָט ער ניט געוואָגט. פּליצים איז ער פאַרט אַ שליח פון גאָט צו ראַטעווען צום ווינציקסטנס די אומשולדיקע קינדער און איניקע דער־וואַקסענע.

אין אַט דעם מאָמענט איז צום באַרדעל, אויף דער אַנדער זייט גאַס, צוגעפאָרן אַ מאָטאָרציקלעט און זיך אָפּגעשטעלט. דאָ אויפן בית־עולם איז געווען פינצטער, דאָרט האָט אַלץ געלויכטן, אַזוי אַז מ׳האָט געקאָנט זען אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר. אברהם פּראַגער האָט באַמערקט, אַז צוויי מינוט נאָכדעם ווי דער מאָטאָרציקלעט האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג, זיינען פון דאָרט אַרויסגעלאָפן אָטאָ פאָן ראַובניטץ, פראַנץ צימערלע, האַנס קרולע און אַ צאָל אָפיצערן. איינער פון די אָפיצערן איז צוגעקומען צום בית־עולם, האָט עפּעס געזאָגט די זשאַנדאַרן אין דער שטיל, און דריי פון די פיר זשאַנדאַרן האָבן פאַרלאָזט דעם בית־עולם, בלויז איינער איז פאַרבליבן.

איז דורכגעלאָפן דעם אַלטן אברהם פּראַגער איבערן לייב. פאַר אַ סעקונדע האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ געפיל פון האָפענונג און ער האָט געטראַכט:

אויך פּעטרושקאַ האָט באַמערקט וואָס עס איז פאָרגעקומען. אַ שוידער אפשר חזרט זיך איבער דאָס זעלביקע וואָס אַמאָל אין ירושלים, ווען די שטאָט איז געווען אין דער גרעסטער נויט, ווען ביי די טויערן איז גע־שטאַנען דער אַסירישער גענעראַל סנחריב מיט אַ מחנה פון 185 טויזנט מאַן, און ס׳האָט אויסגעזען אַז פאַר ירושלים איז מער ניטאָ קיין האָפענונג. און דאַן איז געקומען דער נביא ישעיהו צום קעניג חזקיהו און אים געזאָגט:

„ומלך אשור לא יבוא על העיר הזאת ולא יורה שם חץ ולא קדמנה מגן ולא ישפך עליה סללה; בדרך אשר בא ישוב ועל העיר הזאת לא יבוא... ויצא מלאך יהוה ויכה במחנה אשור מאה ושמונים וחמשה אלף וישכימו בבקר והנה כלם פגרים מתים." (דער קעניג אשור וועט אין דער דאָזיקער שטאָט ניט אַריינקומען און זיינע פיילן אָהער ניט שליידערן; מיט דעם וועג, וואָס ער איז געקומען, מיט דעם זעלביקן וועג וועט ער זיך אומקערן און אין שטאָט וועט ער ניט אַריינקומען... און אַרויס איז אַ מלאך פון

גאָט און האָט דערשלאָגן פון אַשורס מחנה 185 טויזנט מאַן, און ווען מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, זיינען אַלע געווען טויטע פּגרים.)

אַט לויפן דאָך די דייטשן און מיט זיי די אַביצערן; אַט האָבן זיי דאָך צוגענומען די זשאַנדאַרן. ער האָט איבערגעחזרט חזקיהוס תפילה:

„כי לא שאול תודך מות יהללך ולא ישברו יורדי בור אל אמתך.”

(וואָרים ניט אָנערקענט דיך די טויט־גרוב, ניט לויבט דיך דער טויט, ניט האָפן אויף דיין אמת די, וואָס שטייען אויפן ברעג פון קבר.)

און ווידער האָט אים אַרומגענומען אַ געפיל פון גרענעצלאָזער האָפע־נונגסלאָזיקייט. געפינען מיר זיך דען ניט אַלע ביים ברעג פון קבר? וואָס פאַר אַ גרונט האָבן מיר צו האָפן? נסים פּאַסירן נאָר זעלטן. האָבן מיר דען היינט אַ ישעיהו? און ער האָט געזאָגט פּעטרושקאַן:

— איך קען ניט כאַצקל וואַגנערס פריינט און ווייס ניט ווער עס האָט דיך אַהער געשיקט. אָבער הער זיך צו צו דער שטים פון אַן אַלטן מאַן. דו ביזט יונג. פאַרבינד ניט דיין גורל מיט אונדזעריקן. וואָס גאָט האָט באַ־שלאָסן, קאָנען מיר ניט איבערמאַכן. ווייסן מיר דען ווי מען וועט אונדז אויפנעמען אויף דער אַנדער זייט, ווען מיר וועלן מאַכן אַ פּאַרזוך אַריבער־צוגיין דעם טייך? מ׳היט אונדזער יעדן טריט. אַנטלויף, ראַטעווע זיך אַליין.

:: :: ::

אין פאַרצווייפלונג, האָט פּעטרושקאַ פאַרלאָזט דעם בית־עולם. ער איז געלאָפן, הגם סימיאָן האָט דאָס אים שטרענג פאַרבאָטן, צום לעצטנס הויז. אָבער אין הויז האָט זיך ניט געפונען קיין סימן פון לעבן. גיין אַהיים שלאָפן האָט ער ניט געקאָנט. אַזויפיל האָפענונג האָט ער געלייגט אויף דעם גע־שפּרעך מיט אברהם פּראַגער. פאַרוואָס האָט אברהם פּראַגער אים אָפּגע־זאָגט? „ווייל דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן ניט גענוג געשיקט. פון דעם אופן פון דיין רעדן האָט דער אַלטער מאַן געדאַרפט פילן, אַז דו ביזט דער שליח פון אַ שטאַרקערער קראַפט, וואָס קאָן אויך שיצן די יידן. אויף דיר ליגט די שולד. און ווי וועסטו זיך קאָנען נוצלעך מאַכן פאַר וויכטיקער אַרבעט, ווען אַט די מיסיע איז דיר ניט געלונגען?”

פאַרזונקען אין געדאַנקען, אומצופרידן מיט זיך אַליין, האָט ער זיך פאַרנומען צום טייך. און ניט אָפּגעבנדיק זיך אַליין קיין חשבון וואָס ער טוט, האָט ער דורכגעבראָדזשעט דעם שטראָם און איז שוין כמעט געווען אויף דער אַנדער זייט, ווען ער האָט זיך באַרעכנט וואָס ער טוט. ווי אַזוי וואָגט ער צו טאָן אַזאַ זאַך? ניט וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר דער געפאַר, נאָר ער האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ דעזערטיר. „דו ווילסט זיך אַליין ראַטעווען. אָבער וואָס פאַר אַ געפאַר דראָעט מיך דען?” — האָט ער פּרובירט זיך רעכטפאַרטיקן. „איך אַליין געפין זיך דאָך ניט אין קיין געפאַר. דאָך דאָס פאַרבלייבן דאָ, דאָס אַרבעטן מיט סימיאָנען איז געפער־

לעך. ווילט זיך מיר זען מיט רעבעקאן? וואָס אנדערש האָט מיך באוועגט דורכבראָדזשען דעם טייך?"

ער איז שוין געשטאַנען אויף דעם אנדער ברעג, געטראַכט וועגן אומ־קערן זיך, ווען עמעצער האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם:

— ניט גערעדט, קיין געשריי, קום מיט מיר!

דורך די קוסטעס האָט דער סאָלדאַט, אויף וועמעס היטל מ'האָט געקאָנט זען א סערפּ מיט א האַמער, אים געפירט א שטיק וועג צו א קאַזאַרמע און אים איבערגעגעבן צו א העכערן באַאַמטן. יענער האָט אָנגעהויבן מאַכן א פּראָטאָקאָל און פּעטרושקאַ האָט זיך ניט געקווענקלט אים אַלץ צו דער־ציילן. ער האָט דערציילט ווי סימיאָן האָט אים פריער געשיקט מיט א שליחות צו כאַצקל וואַגנער און ווי ער האָט אים היינט נאָך אַמאָל געשיקט וואָרענען די יידן. ער האָט אים אויספירלעך דערציילט וועגן זיין געשפּרעך מיט אברהם פּראַגער און וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט פון דעם געשפּרעך אין באָרדעל. דער סאָוועטישער אָפיצער האָט אים גע־קוקט אין די אויגן, פאַרשריבן יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אים דערציילט, אים דאַן א קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע:

— דיין געשיכטע שטימט. פאַר אונדז איז איצט וויכטיק צו וויסן, ווען עס וועט זיך אָנהויבן. אז ס'איז בלויז א פראַגע פון טעג, אָדער שעהן, דאָס ווייסן מיר. מיר וואָלטן נאָר געוואָלט זיך דערוויסן פון סימיאָנען, אויב זיי ווייסן דאָרטן די באַשטימטע שעה. פילסטו זיך שטאַרק גענוג דורכ־צומאַכן דעם וועג אויף צוריק? אויב סימיאָן ווייס ווען דער אָנגריף וועט זיך אָנהויבן, מאַך דאַן א פאַרזוך מאָרגן אינדערפרי צו גיין זיך באָדן אויף דעם זעלביקן פּלאַץ, וואו דו ביזט היינט אַריבער דעם טייך. טונק זיך אונטער אין וואַסער און קום באַלד צוריק אַרויף. מיטן רוקן צו אונדז, וועט באַדייטן נאַכט, מיטן פּנים — טאָג. די צאָל, וואָס דו וועסט זיך אונטערטונקען — די שעה. ווען סימיאָן ווייסט גאָרנישט, דאַן דאַרפסטו זיך בלויז באַווייזן, דו דאַרפסט זיך אָבער ניט באָדן. די יידן זאָג אין מיין נאָמען, אז אַריבערגיין אַהערצו וועט זיין בלויז מעגלעך, לויט מיין מיינונג, באַלד נאָך דעם אָנגריף. זיי וועלן זיך מוזן דורכשלאָגן א קילאָמעטער מזרח־צו און דאָרט מאַכן א פאַרזוך אַריבערצוגיין דעם טייך. גרינג וועט דאָס ניט זיין. די גאַנצע שטרעקע איז באַזעצט פון טרופּן, אָבער זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. זאָג זיי נאָך, אז מיר וועלן האַלטן גרייט עטלעכע וואָגנס. די וואָגנס וועלן בלי ספק באַשאָסן ווערן פון עראָפּלאַנען. דאָס אָבער דאַרפסטו זיי ניט זאָגן, ווייל אניט וועלן זיי ניט וואַגן. וואָס שייך באַצקלען און רעבעקאַן, קאָנסטו זיין רואיק.

:: :: ::

אינצווישן איז אין דער געביידע פון דער אונטערפּרעפעקטור פאַר־

געקומען אן ענגע בארטונג צווישן דער פאָלקס־געמיינשאפט צוזאמען מיט דעם רומענישן דיוויזיע־קאָמאנדיר. קאראָל בארבארעסקו האָט מען אלס אויסנאם געהאט צוגעצויגן צו דער בארטונג. פראנץ צימערלע האָט באַריכטעט וועגן א טעלעגראמע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס באקומען פון דעם שטאב אין ראדאוטץ. דער אָנגריף וועט זיך אָנהויבן אין מיטן דער נאכט פון דעם 21טן אויף דעם 22טן יוני, דאָס הייסט, מאָרגן ביינאכט. ס'איז פאראן א ידיעה, אז דער שונא האָט פון עמעצן באקומען א ווארנונג, ווייל ס'איז שוין עטלעכע טעג, ווי מ'האָט אוועקגעפירט די וויכטיקע מענטשן, די מאשינען פון די קאָלעקטיווע ווירטשאפטן, א גרויסן טייל פון די בהמות, די שווערע ארטילעריע און די איינגעבויטע מאשין־נעסטן. געבליבן זיינען נאָר אייניקע אָפּטיילן פון דער הינטער־גווארדיע.

ביז שבת אָוונט טאָר מען אין שטאָט גאָרנישט לאָזן באמערקן. פארקערט: מען מוז האנדלען, ווי אלץ וואָלט געווען נאָרמאַל, אז קיינער זאָל ניט פארדעכטיקן, אז עטוואָס וועט פאָרקומען. מען דארף אפילו פארקוקן, ווען פויערים קומען אריבער פון דער אנדער זייט און קערן זיך אום צוריק, כדי דער שונא זאָל גאָרנישט באמערקן. קיין מיליטערישע סודות קאָן מען דעם שונא מער ניט ארויסגעבן. וויכטיק איז בלויז, אז ער זאָל זיך ניט דערוויסן דעם טאָג און די שעה. אין אָוונט אָבער וועט מען דורך בארא־באנען לאָזן וויסן וועגן דער דערקלערונג פון באלאגערונגס־צושטאנד. פאר דער אָרדענונג אין שטאָט וועט זאָרגן א דייטשישע אָפּטיילונג, וואָס וועט אין פארלויף פון טאָג אָנקומען אין סערעט, איבערגעטאָן אלס ציווילע.

עס איז שוין געווען שטאָק טאָג, ווען דער קריגס־ראַט פון סערעט איז זיך פאנאַנדערגעגאנגען, יעדער פארזונקען אין זיינע געדאנקען. יעדער האָט געוואַרט אויף דער דאָזיקער שעה. וואָס וועט זי ברענגען? פראנץ צימערלע האָט פאר קיין מינוט ניט געצווייפלט, אז מען וועט מיט די רוסן שנעל פארטיק ווערן. אָניט וואָלט דער פירער ניט אונטערגענומען די זאַך. „ווען דער קריג וועט זיין אין גאנג און איך וועל קאָנען פארבלייבן אין סערעט אלס קאָמענדאנט, דאַן וועלן אויך מיינע חתונה־פּלענער פארווירקלעכט ווערן.‟

אָטאָ פאָן ראובניטץ האָט געקוקט אין דעם מאָרגן־גרוי. רעכטס האָט ער געזען דעם קוימען פון דער גרויסער ביר־ברויעריי און לינקס האָט געפירט דער וועג צום איינקונפט־רייכן באָרדעל. וועלכער פון די צוויי וועט אים צופאלן בירושה? וואָס ברענגט די שעה פאר זיין צוקונפט?

סימיאָן האָט פאר קיין אויגנבליק ניט געצווייפלט, אז די אנטשיידנדיקע שעה דערנענטערט זיך. וועלכע אויפגאבע איז פאר אים באשטימט? ער האָט געזען ווי די שעה קומט אָן, און איצט, ווען זי איז געקומען, אָט די

שעה, ווען וועלכער מ'האט אזויפיל יאָרן גערעדט, איז ער געווען דער־שיטערט און גערירט.

וואַקלענדיק זיך פון מידקייט, איז סימיאָן צוגעקומען צו זיין הויז. ער האָט נאָך געדאַרפט א סך זאכן באשליסן. קודם כל, זיינען אין דער ברויעריי געווען צוויי פון זיינע פריינט, וועלכע זיינען געווען באקאנט אלס יוניאָן־לייט, לינקע, און דערצו נאָך יידן. זיי זיינען געווען די איינציקע יידן, וועלכע מ'האט ניט ארעסטירט, ווייל אין דעם מאָמענט זיינען זיי געווען נויטיק פאַר דער ברויעריי און מ'האט זיי ניט געקאָנט פאַרבייטן. פאַר סימיאָנען איז געווען קלאָר, אז זיי טאָרן מער דאָ א שעה ניט פאַר־בלייבן. זיי מוזן אזוי שנעל ווי מעגלעך, נאָך דעם אויסברוך פון די מלחמה־אָפּעראַציעס, אריבערגיין אויף דער אנדער זייט. אחוץ דעם איז נויטיק צו מאכן א פאַרזוך נאָך אמאָל זיך דורכצורעדן מיט די פירער פון דער באוועגונג, איידער דאָס וועט ווערן אוממעגלעך אפשר פאַר א לאנגער צייט. אפשר ווייסן זיי גאָר ניט אויף דער אנדער זייט, אז היינט הייבט זיך עס אָן. די יידן האָט ער געוואָרנט צו זיין גרייט פאַר די נעקסטע אכט־און־פערציק שעה. ווען ער האָט געשיקט די דאָזיקע וואָרנונג, האָט ער געגלויבט, אז אזוי לאנג וועט אָס נאָך דויערן. נו, איז עס געקומען נאָך פריער, ווי ער אליין האָט דערוואַרט.

פאַרזונקען אין געדאַנקען, האָט ער פּלוצלונג דערזען ווי פון א קוקורוזע־בייט אין זיין גאָרטן קומט אים אנטקעגן א מענטש. ס'איז געווען פּעט־רושקאָ. דער בחור האָט אים אלץ דערציילט. ארום האָט מען ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש. דער איינציקער זשאַנדאַר, וואָס איז געבליבן ביים אריינ־גאַנג צום בית־עולם, האָט געדאַרפט צו דער צייט פאַרביטן ווערן, און אזוי ווי קיינער איז ניט געקומען אים פאַרביטן, האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויף די מויער־שטיינער און איז אנטשלאָפן געוואָרן. סימיאָן האָט זיך דערמאָנט, אז אויף דער בעראַטונג האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן צו רעדן וועגן די יידן. ער האָט געוואוסט, אז דעם זשאַנדאַר וועט קיינער ניט קומען פאַרבייטן, ווייל די זשאַנדאַרן האָבן געדאַרפט איבערנעמען די פּאָליציי־דינסט אויף דער אנדער זייט. ער האָט דעריבער אוועקגעשיקט פּעטרושקאָן צו זיינע צוויי חברים פון דער ברויעריי, זיי צו לאָזן וויסן, אז זיי מוזן תיכף אריבערגיין אויף דער אנדער זייט. זיי וועט דאָס זיין לייכטער צו מאכן, ווייל זיי זיינען ביידע געווען בחורים און האָבן ניט געהאט קיין פאַמיליעס אין דער שטאָט. אָבער איידער זיי גייען אוועק, האָט ער אים געזאָגט, מוזן זיי אָנשרייבן פאַר אים, פּעטרושקאָן, עטלעכע ווערטער אין יידיש צו אברהם פּראַגער, כדי דער לעצטער זאָל האָבן צו אים צוטרוי.

פּעטרושקאָ איז אוועקגעגאַנגען. צוליב זיין פּאָליטישער פּאָזיציע, האָט סימיאָן איצט ניט געהאט קיין באשטימטע שעהן פאַר דער ארבעט אין דער

ברויעריי. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרוען אַ ביסל. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט ער זיי באַלד צוריק געעפנט און שטאַר געקוקט אויף דער געקאַלכטער וואַנט. ער מוז אַנוואַרפן אַן אַרבעט־פּראָגראַם פאַר דער קומענדיקער צייט. אַלץ וועט זיך ענדערן, דאָס האָט ער געוואוסט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער ברויעריי און זוכט בלויז אַ וועג, ווי אַזוי זי אַריינצוקריגן אין זיינע הענט. דאָס וועט אים בלי ספק געלינגען, הגם דער אייגנטימער פון דער ברויעריי, בעיל, איז אַליין אַ דייטש. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט. „סערעט וועט אין דער מלחמה מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן הינטערלאַנד. די אויפגאַבן פון אונדזער אומלעגאַלער גרופּע וועלן אפשר זיין אינגאַנצן אַנדערע. ביז איצט זיינען געווען פאַרבינדונגען אויך אויף דער אַנדער זייט. אָבער איצט? אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געגעבן אַנצוהערעניש, אַז פאַר סערעט, באַזונדערס פאַר דער ברויעריי, וועלן שטיין נייע אויפגאַבן. דאָס אָרט פון דער אומפּייאַיקער סיגוראַנצאַ וועט איצט פאַרנעמען די געשטאַפּאָ. עס וועט . . .״

ער איז געשלאָפן בלויז אַ קורצע צייט. ווי לאַנג, האָט ער ניט געוואוסט, ווען ער האָט דערהערט געשרייען. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג און דערזען אַ גרויסע מאַסע פּויערים ביי דעם יידישן בית־עולם. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל.

:: :: ::

אין דעם צווייטן העלפט יוני, איז יעדער טאָג אין דאָרף באַזונדערס טייער. מען פלאַנצט איבער די קוקורוזע, מען גראַבט אוים די יונגע קאַרטאָפל. זעלטן אַז מען זאָל אין אָט דער צייט זען פּויערים אין שטאָט. ווען זיי דאַרפן שיקן אין שטאָט יונגע קאַרטאָפל, גרינס, אייער און מילכיקס צום פאַרקויפן, באַזאָרגט געוויינטלעך איין פּויער אַ צען שכנים. אין דער לעצטער צייט אָבער האָבן די מערק אין סערעט אינגאַנצן געפּוסטעוועט. מען האָט ביי די פּויערים צוגענומען פיל בהמות און אין די לעצטע וואָכן האָט מען אפילו אָנגעהויבן רעקווירירן פערד. די פּויערים האָבן זיך באַקלאָגט און אפילו געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצושטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער קיין נוצן האָט דאָס זיי ניט געבראַכט.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פּריזיוו. פון אָנהויב זיינען דאָס געווען איינצלנע, וועלכע האָבן באַקומען דעם רוף זיך צוצושטעלן אין מיליטער. אין די לעצטע טעג אָבער האָבן אַלע, וועלכע האָבן פריער געדינט אין מיליטער, באַקומען מעלדונגען זיך צוצושטעלן, אויב זיי זיינען יינגער פון פערציק יאָר. זיי האָבן זיך געדאַרפט מעלדן אין ראַדאוטץ, מיטנעמען מיט זיך צוויי העמדער און אַ פּאָר שטאַרקע שיך. וויניק פון זיי

האָבן פאַרמאָגט צוויי העמדער און נאָך ווייניקער האָבן געהאַט שיך. ווינ־טער האָט מען געטראָגן שטיוול, און זומער איז מען ארומגעגאַנגען באָרוועס, אָדער מ׳האָט געטראָגן היימיש־געמאַכטע סאַנדאַלן. וואָס די מיליטערישע באַאמטע קאָן אַזוינס איינפאַלן — נאָך פאַרלאַנגען שיך! עס קאָן זיך דאָ ניט האַנדלען וועגן מאַנעוורע־איבונגען, ווייל זינט מענטשן געדענקען, זיינען די דאָזיקע איבונגען פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער, ווען אַלע פעלד־אַרבעטן זיינען פאַרענדיקט.

אין די דערפער האָט מען אָנגעהויבן מורמלען, אַז עס קומט אַ מלחמה. קעגן וועמען? די מערסטע פויערים האָבן געגלויבט, אַז די מלחמה וועט זיין, ווי אין דעם פריערדיקן קריג, קעגן דייטשלאַנד. זיי זיינען געקומען צו דעם דאָזיקן אויספיר, ווייל די רעקוויזירונג פון די פערד איז געמאַכט געוואָרן פון רומענישע זשאַנדאַרן אין דער באַגלייטונג פון דייטשן. די פויערים האָבן געוואָלט זיין זיכער און האָבן באַגלייט זייערע מאָביליזירטע זין. אָבער באַגלייט האָבן זיי זייערע זין ניט קיין ראַדאוטץ, די גאַרניזאָן־שטאָט, וואָס איז געלעגן אַכצן קילאָמעטער ווייטער צו דרום, נאָר קיין סערעט. דאָ האָבן זיי געוואָלט קריגן פון דעם אונטערפּרעפעקט אַ קלאָרן ענטפער: וואָס באַדייט דאָס? מיינט עס מלחמה? דאַן זאָל מען זיי דאָס זאָגן, כדי זיי זאָלן קאָנען באַזאָרגן די פעלד־אַרבעט און וויסן אויף וואָס פאַר אַן אַרבעט־קראַפט זיי דאַרפן רעכענען. און אַזוי האָבן פויערים געשטראָמט אין דער שטאָט דעם גאַנצן פרימאָרגן. דאָס איז געווען שבת, דעם 21טן יוני, 1941.

ווען פויערים פאַרלירן אַ ווערטפולן אַרבעט־טאָג, ווילן זיי אים אויס־נוצן. האָבן זיי מיטגענומען אייניקע זאַכן פון דאָרף צום פאַרקויפן — אייער, הינער, קעז, נייע קאַרטאָפל, און האָבן דערוואַרט פאַר דעם באַ־קומענעם געלט איינצוקויפן קעראָסין, זאַלץ און שוועבעלעך. זיי האָבן אַפילו געוואוסט, אַז דער טאָג איז ניט קיין פאַסיקער, ווייל שבת זיינען די מערסטע יידישע קראָמען געשלאָסן. אָבער זיי זיינען מיט די יידן געווען גוטע באַקאַנטע און האָבן געהאָפט, אַז די יידן וועלן אַריינגיין אין זייער לאַגע און וועלן דאָס מאָל מאַכן פאַר זיי אַן אויסנאַם. אַז די יידן זיינען שוין פיר טעג פאַרשפאַרט אויפן בית־עולם, האָבן די מערסטע פויערים ניט געוואוסט. ווי דערשטוינט זיינען זיי דעריבער געווען, ווען זיי האָבן דערזען די יידישע קראָמען אָפן, אָן טירן, אָן פענצטער, און אינגאַנצן אויס־געליידיקט! ניטאָ קיין קראָמען, ניטאָ קיין אַריינפאָר־הייזער. פאַרוואָס זאָלן זיי פאַרקויפן זייערע פראָדוקטן?

אין דעם האָטעל „האַמערהאָף״ האָט מען איינגעאָרדנט אַ קראָם נאָך מיט אַ יאָר צוריק, זינט פיל דייטשישע גרויסע לאַנד־באַזיצער און סוחרים זיינען אַריבערגעקומען קיין סערעט פון דער רוסישער טעריטאָריע. פאַר־

קויפט האָט מען אין אַט דער קראָם נאָר צו דייטשן. דאָ האָט מען געקאָנט קריגן די בעסטע ווייסע מעל, פוטער, קעז, פּרוכט, סיגארעטן, קעראָסין און שוועבעלעך. אין דער צייט וואָס די רעקרוטן האָבן געוואַרט, אַז די אונטער־פּרעפעקטור זאָל זיך עפענען, האָבן די פּויערים זיך אָפּגעזאָגט עפּעס צו פאַרקויפן וועמען דאָס זאָל ניט זיין, און האָבן אויפגערעגטע געוואַרט אויפן ברוק פון דעם רינגפּלאַץ, צווישן דער גריכיש־אָריענטאַלישער קירך און דעם האָטעל „האַמערהאָף". אינצווישן האָט מען אויפגעמאַכט די לאָדנס פון דער דייטשישער קראָם. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן. אַ גרויסע, שיינע קראָם. זיי האָבן דערזען אַ סך פּעסער קעראָסין, גאַנצע קאַסטנס שוועבעלעך, און זעק זאַלץ. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו דער קראָם, איינצוקויפן די דאָזיקע זאַכן. זיי האָבן אָבער באַקומען דעם ענטפער, אַז „דאָס איז אַ דייטשיש געשעפט. סחורות ווערן פאַרקויפט נאָר צו דייטשן".

די פּויערים זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערטע. איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— און וואו זאָל דער פּויער קויפן? — דער פאַרקויפער אין קראָם האָט בלויז אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— איך וויל קויפן אַ פּעקל טאַבאַק, — האָט אַ צווייטער פּויער געשריען.

— גיב מיר קעראָסין, דו לימענער גולם! — האָט אַ פּויערטע געשריען צו דעם דייטשישן פאַרקויפער. אַ פּויער האָט געוואָלט נעמען אַ פּעקל טאַבאַק.

— טראָגט זיך אָפּ, איר פּויערים־שייקע!

און תיכף איז די שיין־איינגעאָרדנטע קראָם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיסט־הויפן, וואו סחורות מכל המינים האָבן זיך דורכגעמישט. אַ פאַס קעראָסין האָט זיך איבערגעקערט און אין דעם קעראָסין זיינען אַרומגעשוואומען פּעקלעך שוועבעלעך, צוזאַמענגעמישט מיט מעל, פוטער און צעבראָכענע אייער. עמעצער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ ברענענדיקע שוועבעלע און די דייטשישע קראָם און דער האָטעל „האַמערהאָף" זיינען באַלד געווען איינגעוויקלט אין פלאַמען.

ברענענדיק פון צאָרן, איז פראַנץ צימערלע געלאָפן איבער די גאַסן. ער איז פלינק אַריבערגעשפּרונגען דעם צוים פון דעם פאָלקס־פּאַרק און לויפנדיק זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים. עס האָט פונקט פּאַסירט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויסמיידן. דער דאָזיקער טאָג האָט געדאַרפט דורכגיין רואיק — און דאָ גאָר אַזאַ חתונה! נאַטירלעך, ער קאָן דעם המון איינהאַמעווען. עטלעכע זשאַנדאַרן, און ווען נויטיק, אַ קאָמפּאַניע מיליטער וועלן שנעל איינשטעלן אָרדענונג. ער האָט דאָס אפילו געקאָנט מאַכן מיט

זיינע אייגענע מענטשן, ווייל אַן אָפּטיילונג פון דער „ס.ס." האָט זיך שוין געהיים געפונען עטלעכע שעה אין שטאָט. אָבער וויניקער פון אַכט הונ־דערט מעטער ווייטער, אויף דער אַנדער זייט בריק, געפינען זיך די רוסן. און דער באַפעל צו אים האָט געלויטעט, אַז גאַרנישט זאָל געטאָן ווערן, וואָס קאָן אויסקוקן אויף דער אַנדער זייט ווי אומרוען, אָדער גאָר צו־גרייטונגען. מיטביידע עלנבויגנס האָט ער זיך דורכגעשטופּט צו דער ברענעדיקער קראָם. ער איז דורכגעלאָפן דורך דער קראָם אין הינטערצימער און אַרויסגעשלעפּט דעם פאַרקויפער.

— פויערים, — האָט ער געשריען, — איך וועל דעם דאָזיקן מענטשן אַרעסטירן, ווייל ער האָט זיך פאַרהאַלטן ניט העפלעך. נאַטירלעך מעגט איר קויפן וואָס איר ווילט נאָר אַליין. טאַקע פאַר דעם האָט מען צוגעגרייט די סחורות. און כדי די סחורות זאָלן ניט באַהאַלטן ווערן, האָט מען די יידן אַרעסטירט. איצט קומט אַהער און זאָגט וואָס איר ווילט האָבן.

וואָס זיי ווילן האָבן? אין דער קראָם זיינען מער ניט געווען קיין סחורות. אַ פייער האָט איינגעוויקלט די גאַנצע קראָם, פון דער פּאָדלאָגע ביז דער סטעליע. וואָס מ'האָט געקאָנט נעמען, האָט מען אַלץ איינגענו־מען. מיט אַמאָל האָט פראַנץ צימערלע דערזען דעם גריכיש־אָריענטאַלישן גלח גלורזאַנסקי. פראַנץ צימערלע האָט גלורזאַנסקין ניט ליב געהאַט. דער דאָזיקער גלח האָט אים שטענדיק אויסגעמיטן, און ער האָט עפנטלעך זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער פאַסירונג מיט די יידן, באַצייכענענדיק עס אַלס דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן גאָט. אָבער איצט, אין זיין נויט, האָט ער זיך געווענדט צום גלח:

— פאָטער, ווענדט אָן אייער אַמט און באַרואיקט דאָס פאָלק.

— ווער עס זייט ווינט, זאַמלט דעם שטורעמווינט, — האָט דער גלח געענטפערט. — דאָס פאָלק איז געווען רואיק, מען האָט עס אויפגערייצט.

אין אָט דעם מאָמענט האָט אינעם פענצטער פון דעם האָטעל, וואָס איז אַרויס דירעקט איבער דער קראָם, זיך באַוויזן דאָס פנים פון האַנס קרולע. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, און האָט ערשט איצט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם רויך, היץ און דעם טומל אויף דער גאַס. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אים אַוועקגעריסן פון פענצטער און באַלד איז פון דעם ברענענדיקן האָטעל אַרויסגעלאָפן אַ נאַקעטע פרוי, סילוויאַ, די פרוי פון דעם אונטערפּרעפעקט קאַראָל באַרבאַרעסקו. מ'האָט געקאָנט זען, אַז זי איז געווען אַזוי דערשראָקן און נאָך אַזוי פאַרשלאָפן, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי טוט. אָט דאָס בילד האָט מער בייגעטראָגן צו ברענ־גען אָרדענונג, ווי די אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס מ'וואָלט אָנגענומען אין דעם מאָמענט. די נאַקעטע פרוי, די ערשטע דאַמע פון שטאָט, וואָס האָט פאַרראַטן איר מאַן מיט אַ דייטש, האָט אַרויסגערופן שפּאַס אין דער

גרויסער אויפרעגונג. פון דעם האָטעל זיינען דעם דאָזיקן פרימאָרגן געלאָפן א סך דייטשן אין זייערע פּיזשאַמעס. אַן אָפּטיילונג מיליטער איז אָנגעקומען, מיט א צעלעכטער וואַסער־קישקע, צו לעשן די שריפה.

דער גלח גלורזאַנסקי האָט גערופן די פּויערים אַוועקצוגיין פון האָטעל און קומען אין קירך — ער וויל צו זיי רעדן אייניקע ווערטער. די פּויערים האָבן אים געפאָלגט. ביים אריינגאַנג אין דער קירך, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— „איך בין ניט געקומען ברענגען פרידן, נאָר דעם שווערד", אַזוי האָט געזאָגט אונדזער דערלייזער און משיח. און פיל ווילן פרעגן: איז דען אונדזער דערלייזער ניט געווען דער שר השלום, איז ער אַליין ניט געווען די פאַרקערפּערונג פון פרידן? איז ער ניט געווען דער, וועלכער האָט געזאָגט: „פאַרגיב אויך די, וואָס טוען אייך שלעכטס??" וואָרומזשע האָט אונדזער משיח און דערלייזער געפּריידיקט דעם שווערד? ער האָט דאָס געפּריידיקט קעגן די, וואָס ווילן די וועלט פאַרניכטן, קעגן די, וואָס טרעטן מיט די פיס דעם געזעץ פון די אָבות, ואהבת לרעך כמוך. שלום איז פאַר די, וואָס טראָגן שלום אין הארצן, וואָס טראָגן אין הארצן ברידערלעכקייט און ליבע. איר, פּויערים, האָט געבראַכט אויפן מאַרק פּראָדוקטן, וואָס איר האָט פאַרהאָרעוועט מיטן שווייס פון אייער פּנים, איר קאָנט זיי אָבער ניט פאַרקויפן, ווייל איר קאָנט פאַרן געלט גאָרנישט קויפן מער. אָבער געשריבן איז: גיט, כדי אייך זאָל געגעבן ווערן. דאָ אַרונטער, אויפן בית־עולם, געפינען זיך אומשולדיקע קינדער, וועלכע קאָנען נאָך ניט אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס, וועלכע מ'האָט אַהין געבראַכט לעבעדיקערהייט. זיי שטרעקן אויס זייערע קליינע הענטלעך נאָך ברויט, זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן דורשטן נאָך וואַסער און מילך. פּויערים, גיט זיי דאָס. אונדזער משיח האָט אַליין געשטאַמט פון יידן. ווען ער וואָלט געוואָלט די יידן פאַרניכטן, וואָלט ער דאָס שוין געקאָנט טאָן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. די יידן זיינען גאָטס פאָלק, ווי מיר אַלע. און אונדזער משיח האָט געזאָגט: „איך בין ניט געשיקט צו די היידן, נאָר צו די פאַרלאָרענע שאָף פון פאָלק ישראל" — דאָס זיינען מיר אַלע, יידן ווי ניט־יידן. אַלע, וואָס אָנערקענען דעם גרונט־געזעץ פון די הייליקע שריפטן, האָב ליב דיין חבר, ווי זיך אַליין. קומט מיט מיר צום בית־עולם.

פראַנץ צימערלע האָט געהערט די דאָזיקע רעדע און זי איז פאַר אים ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. האָט דער גלח געוואָלט אויפרייצן? וואַרשיינלעך. אָבער פאַר דעם אויגנבליק האָט ער אים געטאָן א גרויסע טובה. וואָרים וואָס ער האָט צום שטאַרקסטן געוואָלט אין אָט דעם מאָמענט, איז געווען אַוועקצונעמען די דאָזיקע אויפגערעגטע מאַסע פון דעם רינגפּלאַץ.

אבי ניט קיין צוזאַמענשטויסן, אבי ניט קיין אומרוען אין אַט דעם פֿרי־מאָרגן.

אַט אַזוי האָבן די ייִדן דעם אינדערפֿרי געהאַט אומדערוואַרטע באַזוכער אויפֿן בית־עולם. אין מיטן פֿון ליידן און האָפֿענונגסלאָזיקייט שײַנט אָפּט אויף אַ ליכט, אויב אַפֿילו בלויז אויף אַן אויגנבליק. אַליין, פֿאַרלאָזן פֿון דער גאַנצער וועלט, לעבנדיק אין די אָרעמס פֿון טויט, זײַנען זיי פּלוצלונג געקומען אין באַרירונג מיטן לעבן. מ׳האָט געוויינט אויפֿן בית־עולם פֿון שמערץ, פֿון גליק, פֿון פֿרייד און אומענדלעכן טרויער.

דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען סימיאָן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם טומל און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער.

9.

פֿראַנץ צימערלע איז שוין אַ לאַנגע צײַט ניט געווען אַזוי אומצופֿרידן מיט זיך, ווי אַט דעם 21טן יוני, 1941. ער האָט אויסגעזען, ווי אַלע מאַכטן פֿון דער וועלט וואָלטן געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג קעגן אים. גראָד דערפֿאַר, וואָס זײַן אַמביציע איז געווען, אַז דער דאָזיקער טאָג זאָל, לויט די אינסטרוקציעס פֿון אויבן, דורכגיין רואיק, זײַנען דווקא, ווי אויף צו־להכעיס, אָנגעקומען אַלערליי אומרוען. שוין פֿאַרטאָג, ווען ער האָט פֿאַר־לאָזט די זיצונג און אָנגעקלאַפּט בײַ זײַן כּלה, איר צו דערציילן, אַז אַנט־שיידנדיקע זאַכן קומען פֿאָר, האָט ער געהאַט מיט איר אַ צוזאַמענשטויס. אַזוי ווי אַט דעם אינדערפֿרי, האָט ער זי נאָך קיינמאָל ניט געזען. אונטער אַלע אומשטענדן, האָט זי אים געזאָגט, ווײַל זי, אַז דאָס לעבן פֿון יאָסל שמש זאָל געשוינט ווערן. וואָס עס זאָל ניט געשען מיט אַלע ייִדן, בײַ יאָסל שמש טאָר אַ האָר ניט געמינערט ווערן פֿון קאָפּ.

זי האָט געהאַט זיך אַרײַנגעלעבט אין דעם געדאַנק און זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ אים, אַז איר אייגן גליק, איר אייגענע צוקונפֿט, הענגט אָפּ פֿון דעם דאָזיקן אַלטן ייִדן. צימערלען האָט געגרוילט פֿון דעם דאָזיקן געדאַנק. „איך", האָט זי געזאָגט, „וועל באַשטימט אַרויסקריגן פֿון יאָסל שמש זײַן גאָלד־געהיימניש." וואָס אָבער וועט מען דענקען אין העכערע קרייזן, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז פֿראַנץ צימערלעס כּלה קלאַמערט זיך באַוואוסטזיניק אין אַ ייִדן? אין אַ שלעכטער שטימונג איז ער אַוועק אַהיים, צו קאָנען שלאָפֿן כאָטש אַ פּאָר שעה, אָבער ער איז קוים אײַנ־געשלאָפֿן, ווען מ׳האָט אים אויפֿגעוועקט און דערציילט, אַז די פּויערים האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן בײַ דער דייטשישער קראָם און זי אונטער־געצונדן. דער אופֿן ווי די געפּאַר איז אויסגעמיטן געוואָרן און די רעדע פֿון דעם גלח גלוזשאַנסקי האָבן אים אינגאַנצן ניט באַפֿרידיקט. אָבער צו

דער צייט האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט טאָן, ווי אָראָפּשלינגען די ביטערע פּיל.

די פּראָצעסיע פון די פויערים האָט אָן ווייטערדיקע אינצידענטן זיך אויפגעלייזט ביים בית־עולם. פראַנץ צימערלע האָט באַשלאָסן זיך בלוטיק אָפּצורעכענען מיט די יידן פאַר דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. איצט האָט ער געוואָלט גיין צו דער אַרבעט, הגם ער איז געווען מיד און פאַרשלאָפן, צו מאַכן פאָרבאַרייטונגען פאַר דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט.

ווען ער איז געקומען אין קאַנצעלאַריע, האָט ער אָנגעהויבן לייענען די טעלעגראַמעס. האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ שטאַרקן אויפרייס. מענטשן זיינען געלאָפן אויף דער גאַס. ער איז אַרויסגעלאָפן, אַ ריס געטאָן דאָס טירל פון זיין אויטאָמאָביל, און געהייסן דעם שאָפער פאָרן אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער אויפרייס איז געקומען. די אייזנבאַן־בריק איז געפלויגן אין דער לופטן.

מיט אייניקע מינוטן שפּעטער, האָט דער צוג געדאַרפט אַריבערקומען פון דער אַנדער זייט בריק. קיין פּאַסאַזשיר־פּאַרקער צווישןביידע זייטן איז ניט געווען. טעגלעך, פּלעגט צען אַזייגער אינדערפרי אָפּגיין אַ צוג קיין טשערנאָוויץ, אויף דער רוסישער זייט. מערסטנס האָט ער געפירט ליידיקע פּראַכט־וואַגאָנען און אויל־טאַנקען. לויט דעם האַנדלס־אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז עלף אַזייגער אָנגעקומען אַ צוג פון דער אַנדער זייט, וואָס האָט געפירט לעבנס־מיטל און פאַרשיידענע רוי־מאַטעריאַלן. פון צייט צו צייט, האָט דער צוג אויך געבראַכט אַ פּאָטשט־זאַק און אייניקע אָפיציעלע פּערזאָנען. רוסישע מאַנשאַפטן פּלעגן אַריינ־פירן דעם צוג אין סערעט און רומענישע פּלעגן באַגלייטן דעם צוג אויף צוריק, ביז דער נעקסטער אייזנבאַן־סטאַנציע.

פאָרנדיק צו דער אייזנבאַן־בריק, האָט פראַנץ צימערלע געלייענט אין די לעצטע טעלעגראַמעס אַ באַפעל, אַז ער זאָל אויסזוכן עפּעס אַ תירוץ ניט צוריקצושיקן דעם צוג אויף דער אַנדער זייט. ער האָט זיך געוואָלט אויס־רייסן אַלע האָר פון קאָפּ. די פאַרשאָלטענע קריגעריי מיט זיין כלה און די שריפה אין דער דייטשישער קראָם האָבן געפירט צו דעם, אַז ער האָט ערשט איצט געלייענט די דאָזיקע טעלעגראַמע; און ער אַליין האָט אינדערפרי אַרויסגעגעבן די דערלויבעניש צו לאָזן אָפּפאָרן דעם צוג מיט די ליידיקע וואַגאָנעס, ווי אויך דריי וואַגאָנעס זאַלץ און פינף וואַגאָנעס מיט פּאַראַפין. אוודאי, געמיינט האָט ער גוט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דורך דעם קאָנען בעסער אָפּנאַרן די רוסן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער צוג, וואָס איז געגאַנגען אויף דער אַנדער זייט. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז פון דער אַנדער זייט וועט נאָך אָנקומען איין צוג. און אָט פליט די אייזנבאַן־בריק אין דער לופטן!

ווען ער איז צוגעפֿאָרן, איז דער רומענישער פּאַטרול געשטאַנען און אַריבערגעקוקט אויף דער אַנדערער זייט. דער טייך איז געווען פֿלאַך און מ'האָט אפֿשר געקאָנט אַריבערפֿאָרן מיטן אויטאָמאָביל. ער האָט אָבער באַלד באַשלאָסן צו נוצן די הילצערנע בריק, כּדי אַריבערצופֿאָרן רעדן מיט די רוסן.

דער רוסישער קאָמענדאַנט האָט אים באַגעגנט אויפֿן מיטן בריק. מען האָט זיך צערעמאָניעל באַגריסט און ער האָט געמוזט מאַכן אַ פֿריילעכע מינע צו אַ שלעכטער שפּיל. דער רוס האָט געפֿרעגט אויף וועמעס פֿאַר־אָרדענונג די בריק איז אויפֿגעריסן געוואָרן. ער האָט גערעדט שטאַרק פֿאַר־זאָרגט וועגן דעם, וואָס פֿאַר עטלעכע טעג וועט דער סחורה־פֿאַרקער מוזן אָפּגעשטעלט ווערן. ער האָט תּיכּף, האָט ער געזאָגט, געלאָזט וויסן, אַז דער שווער־אָנגעלאָדענער צוג זאָל בלייבן שטיין אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע פֿון טערבעלעסטי. ערשטנס, וועט מען דאַרפֿן צוזאַמענשטעלן אַ געמישטע אונטערזוכונג־קאָמיסיע פֿעסטצושטעלן די אורזאַך פֿון דעם אויפֿרייס. עס שיינט, אַז בייזע כּחות זיינען ביי דער אַרבעט צו שטערן די קעגנזייטיקע פֿריינטלעכע און גוט־שכנהדיקע באַציאונגען, און צווייטנס, מוז מען תּיכּף זיך נעמען אויפֿבויען די בריק.

פֿראַנץ צימערלע איז געווען איינפֿאַרשטאַנען מיט די דאָזיקע פֿאָרשלאָגן און האָט צוגעזאָגט צו שיקן אין די נעקסטע פּאָר שעה צוויי מענטשן פֿון זיין זייט זיך צו באַטייליקן אין דער געמישטער אונטערזוכונג־קאָמיסיע. ער האָט געפֿרעגט דעם רוס, צי איז ניט מעגלעך אַריבערצופֿירן די סחורות, וואָס גייען קיין דייטשלאַנד, אויף לאַסט־וואָגנס. דער רוס האָט דערקלערט, אַז הגם אין די אָפּמאַכן בשייכות דער דאָזיקער שטרעקע ווערט ניט פֿאַר־אויסגעזען אַזאַ פֿאַל, נעמט ער אָבער אין באַטראַכט דעם נויט־צושטאַנד. אויב מען וועט אַריבערשיקן לאַסט־וואָגנס און אַרבעט־קראַפֿט, וועט ער ניט שטיין דעם טראַנספּאָרט אין וועג.

דער רוסישער קאָמענדאַנט האָט אים נאָך מיטגעטיילט, אַז אויפֿן צוג געפֿינט זיך אויך אַ פּאָטשט־זאַק. ער קאָן שפּעטסטנס אין אַ שעה אַרום איבערגעגעבן ווערן אין מיטן פֿון דער בריק. פֿראַנץ צימערלע האָט העפֿלעך געדאַנקט, האָט צוגעזאָגט צו מאַכן די נויטיקע אַראַנזשירונג, אַז שפּעטסטנס אין צוויי שעה אַרום וועט ער ווידער קומען אים פֿאָרצושטעלן די מיט־גלידער פֿון דער אונטערזוכונג־קאָמיסיע און אים מיטצוטיילן, צי ער האָט באַוויזן צו קריגן די נויטיקע לאַסט־וואָגנס. „וואָרים", האָט ער צוגעגעבן, „ביי דער רו און דעם פֿרידן, וואָס הערשן, דאַנקען גאָט, אין דער געגנט, האָבן מיר גאָרניט אין אונדזער רשות אַזוי פֿיל וועגענער."

די נאַכט פֿריער, האָט פֿראַנץ צימערלע געלאָזט דרוקן פּלאַקאַטן, וואָס האָבן געוואָרנט דער באַפֿעלקערונג, אַז באָדן זיך אין סערעט איז פֿאַר די

נעקסטע פערצן טעג א געפאר. די דרוק־ארבעט האָט ער געהייסן מאַכן שנעל, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט, זיינען די פּלאַקאַטן שוין געווען אויסגעהאַנגען אין די גאַסן. די מערסטע מענטשן האָבן פאַרוואונדערט געשאָקלט מיטן קאָפּ. עס האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט גערעגנט. דער טייך איז געווען נאָרמאַל. אָבער אין די פּלאַקאַטן איז געווען געזאָגט, אַז דאָס הויך־וואַסער פון טייך האָט געבראַכט מיט זיך אַ געפאַר פון עפּידעמיעס.

— אָבער, — האָט יוסטפאַן געזאָגט, — מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס איז אינצווישן פאָרגעקומען אין די בערג. אַזאַ טייך איז אומ־פאַרלעסלעך. אין די בערג רעגנט, דאָס קלאָרע וואַסער ווערט געל, ניט־דורכזיכטיק, און שלעפּט־מיט טויטע קעץ, ראַצן און אַנדערע פּגירות, וואָס פאַרשפּרייטן אַלערליי קראַנקהייטן.

פראַנץ צימערלע האָט טעלעפאָנירט אין ראַדאָוויץ, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט־קוואַרטיר, און באַריכטעט וועגן דעם, וואָס עס איז געשען, אָבער נאָר בשייכות דער אייזנבאַן־בריק. די געשעענישן אין דער דייטשישער קראָם האָט ער פאַרלויפיק פאַרשוויגן. מיט אַ שעה שפּעטער האָט מען אים טעלעפאָנירט און געלאָזט וויסן, אַז די לאַסט־וואַגנס געפינען זיך שוין אונטערוועגנס. די רוסן דערוואַרטן דעם אָנגריף ערשט אין אַ וואָך אַרום. דאָס וואָס זיי האָבן אויפגעריסן די אייזנבאַן־בריק באַווייזט עס, ווייל צוריק אויפבויען די בריק פאַר שווערן פראַכט־פאַרקער דאַרף לכל הפּחות נעמען אַרום צען טעג. ווען זיי זיך דערפאַר שטאַרק היטן פון פאַרהאַלטן די וועגענער.

:: :: ::

פראַנץ צימערלע האָט גערופן צו זיך יוסטפאַנען און האָט אים געגעבן דעם אויפטראָג, אַז אַלס פּאָטשט־דירעקטאָר זאָל ער אַליין איבערנעמען דעם פּאָטשט־זאַק. ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס מאָל האַנדלט זיך וועגן אַ זייער דעליקאַטער אָנגעלעגנהייט, וואָס קאָן ניט אָנפאַרטרויט ווערן אַן אַנגעשטעלטן. ער וואָלט דאָס אַליין געטאָן, אָבער דאָס וואָלט געווען אין ווידערשפּרוך פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָטשט־געזעץ, וואָס פאַרבאָט עמעצן אַנדערש אחוץ אַ פּאָטשט־באַאַמטן איבערצונעמען דעם זאַק.

יוסטפאַן איז געווען שטאַרק צופרידן מיט דער דאָזיקער מיסיע. וואָרים שוין אַ לאַנגע צייט האָט ער געטראָגן אויפן האַרצן זאַכן, וואָס ער האָט געוואָלט מיט די רוסן איבערשמועסן, פון מענטש צו מענטש, אַזוי צו זאָגן, ווי יוסטפאַן פלעגט זיך אויסדריקן. אונטער פיר אויגן, אָן עדות, קאָן מען אַ סך רעדן. אפשר קאָן ער, יוסטפאַן, עפּעס ביישטייערן אויסצומיידן מלחמה. אַז ס'איז ערב־מלחמה, האָט אויך ער געוואוסט, הגם מ'האָט אים גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן מיספאַרשטייענישן, און אַז ער איז דער באַרופענער מאַן אָפּצוראַמען

פון וועג די דאָזיקע מיספאַרשטייענישן. יאָ, נאָכמער: עס האָט אים ווײ געטאָן, וואָס מ׳האָט די יידן אַרעסטירט אַלס מלחמה־מאַכער און פאַרשפּאַרט אויפן בית־עולם. נאָכדעם ווי פראַנץ צימערלע האָט אים אַזוי שאַרף אָנ־געגריפן, האָט ער זיך מער ניט געטרויט צו רעדן מיט אים וועגן דעם. אָבער ווען ער זאָל קריגן פון די רוסן, מיט וועלכע ער וועט איצט דאַרפן רעדן, אַ שריפטלעכע פאַרזיכערונג, אַז אין רוסלאַנד מאַכט מען מער ניט קיין פּאָגראָמען, וועט דאָס פירן די יידן צו אַ לאָיאַליטעט־ און פרידנס־דערקלע־רונג און אפשר וועט דאָס אויך קאָנען זיי באַפרייען פון זייער פאַרצווייפלטער לאַגע.

פול מיט האָפענונג, איז דער אַלטער אָוועקגעפאָרן אויף אַ וועלאָסיפּעד צו דער בריק איבערצונעמען דעם זאַק און האָפנדיק, אַז זיין גוטער מזל וועט אים בײַשטיין דורכצופירן דערפאָלגרייך זיין געהיימע מיסיע. דער צוגאַנג צו דער בריק איז געווען שטרענג באַוואַכט פון רומענישע סאָלדאַטן, פּונקט אַזוי שטרענג באַוואַכט איז געווען דער צוגאַנג צו די חורבות פון דער אייזנבאַן־בריק, וואָס האָט זיך געפונען ווײַניקער פון הונדערט מעטער ווייטער. מיט אַ שווידער האָט יוסטפאַן דערזען, אַז רוסישע סאָלדאַטן באָדן זיך ביים לינקן ברעג פון טייך. ווייזט אויס, אַז מען האָט פאַרגעסן צו וואָרענען זיי אין צייט וועגן דער עפּידעמיע־געפאַר.

יוסטפאַן האָט באַוויזן זיין לעגיטימאַציע און מען האָט אים דורכ־געלאָזן; דער רוסישער קאָמענדאַנט און אַ פּאָטשט־באַאַמטער זיינען אים העפלעך געקומען אַנטקעגן, דער לעצטער שלעפנדיק דעם פּאָטשט־זאַק. יוסטפאַן האָט געקענט דעם דאָזיקן פּאָטשט־באַאַמטן. פיר אָדער פינף מאָל אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן יאָר זיינען אָנגעקומען אַזעלכע פּאָטשט־זעק. זיי האָבן אַנטהאַלטן צום מערסטן צייטונגען פון מאָסקווע, קיעוו און טשער־נאָוויץ, וואָס זיינען געווען אַדרעסירט צו פראַנץ צימערלע. יוסטפאַן האָט געטראַכט, אַז ס׳איז אַ מערקווירדיקע זאַך, וואָס דער דאָזיקער דייטש, וואָס שיינט צו זיין ניט שטאַרק פריינטלעך צו די רוסן, איז אַזוי שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין רוסישע צייטונגען און ביכער.

ער האָט באַגריסט דעם רוסישן פּאָטשט־באַאַמטן העפלעך, אָבער זייער האַרציק, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, האָט סאַלוטירט דעם רוסישן קאָמענדאַנט, אים איבערגעגעבן זיין אָפיציעלע באַפולמעכטיקונג און האָט איבערגענומען דעם זאַק. די צוויי רוסן, האָבנדיק פאַרענדיקט די צערעמאָניע, זיינען שוין געווען גרייט זיך אומצוקערן צו זייער זייט, ווען יוסטפאַן האָט זיך גע־ווענדט צו זיי מיט די ווערטער:

— אַנטשולדיקט, מיינע הערשאַפטן, ווייסט איר דען ניט פון דער עפּידעמיע?

— וואָס פאַר אַן עפּידעמיע? — האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט.

— די עפידעמיע, וואָס דראָט אונדז אַלעמען פון די דאָזיקע וואַסערן.
דער רוסישער קאָמענדאַנט האָט אַ שמייכל געטאָן:
— צום באַדויערן, וויים איך וועגן דער דאָזיקער עפידעמיע זייער גוט.
— פאַרוואָס־זשע דערלויבט איר אייער מאַנשאַפט זיך באָדן?
— מיטן באָדן זיך, — האָט ער קאָמענדאַנט געזאָגט, — האָט דאָס ניט צו טאָן. פון באָדן זיך דראָט ניט קיין שום געפאַר און קיינער וועט פון דעם ניט ליידן. — זאָגנדיק דאָס, האָט דער קאָמענדאַנט זיך אויסגעדרייט, איבערלאָזנדיק יוסטפאַנען מיט זיין זאַק.

אָבער יוסטפאַן, וועמעס האַרץ איז געווען איבערפילט, וועלכער האָט לאַנג געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן און האָט קיינמאָל ניט געוואַגט, האָט ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט:

— נאָך איין מאָמענט, אויב איך מעג אייך בעטן. נעמט ניט פאַר אומגוט, ווען איך וועל אייך עפּעס פרעגן, וואָס האָט מיט מיר ניט צו טאָן, אָבער וואָס אינטערעסירט מיך, אַזוי צו זאָגן, אַלס מענטש. פאַרוואָס פאַרפאָלגט מען די יידן?

דער רוס האָט אַן אויגנבליק זיך געקווענקלט. זאָל ער רעדן? יאָ, היינט מעג ער דאָס געוויס. און דער דאָזיקער אַלטער מאַן איז אים געווען ניט אומסימפּאַטיש. ער האָט אים געענטפערט:

— מיט דער דאָזיקער פראַגע, זיידעניו, האָט איר אייגנטלעך זיך געדאַרפט ווענדן צו אייערע לייט. ביי אונדז פאַרפאָלגט מען ניט קיין יידן.
— מען פאַרפאָלגט ניט קיין יידן? פאַרוואָס ווילן די יידן מלחמה?
— האָט איר געהערט פון אַ יידן, וואָס האָט גערופן צו מלחמה?

טאַקע ניט, האָט יוסטפאַן געטראַכט. ניט אין דער שוויץ־באָד און ניט אויף דער גאַס האָט אַ ייד קיינמאָל ניט גערעדט מיט אים וועגן מלחמה. יאָ, מען נעמט דאָך גאָר קיין יידן ניט אין מיליטער, האָט ער ווייטער געטראַכט. מיך אַליין האָט מען אַמאָל גענומען אין מיליטער, אָן דעם אַז איך זאָל וועלן אַ מלחמה. די אַלע, וועלכע מ'האָט מאָביליזירט, ווילן אויך ניט קיין מלחמה, די מערסטע לכל הפחות. פאַרוואָס־זשע פאַרפאָלגט מען די יידן?

— איר ווייסט, הער קאָמענדאַנט, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַן אַלטער מאַן, אָבער אַ סך זאַכן פאַרשטיי איך ניט. אָט פאַרשפּאַרט מען די יידן אויפן בית־עולם, וואָס איז אַ לעסטערונג פון די טויטע, און איך אַלס פּרעזידענט פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט טאָר אפילו ניט פרעגן פאַרוואָס. אָט האַלט אין אָנקומען נייע מיליטער אין שטאָט, אין משך פון וואָכן; מען דאַרף אפילו ניט רעדן וועגן דעם, אָבער איר וועט דאָס דאָך קיינעם ניט דערציילן. אָט האָבן זיי אויסגעבויט שוץ־גראָבנס, איינגעבויט קאַנאָנען, און גרויסע וואָגנס, וואָס זיי רופן טאַנקען, זיינען אין נעגוסטיא,

איר ווייסט וואו דאָס איז, צוויי קילאָמעטער פון דער שטאָט. נעכטן אוונט האָבן זיי די קאַנאָנען ווידער אויסגעגראָבן און אוועקגעפירט די וואַגאָנס ווייטער ארויף קיין טשערעפּאַקאוטץ אויפן סערעט, פופצן קילאָמעטער פון דאַנען. די וואַגאָנס, האָבן זיי געזאָגט, גייען קיין מאָסקווע. איך גלויב, זיי האָבן זיי געפירט קיין טשערעפּאָקאוטץ, ווייל, ווי איר ווייסט, האָבן מיר דאָ נאָר אַ לאָקאַלע באַן. פון טשערעפּאָקאוטץ גייט די הויפּט־באַן און ווארשיינלעך וועט מען זיי דאָרטן אָנלאָדן. אָבער איר, הער קאָמענדאַנט, מוזט וויסן מער וועגן די דאָזיקע זאַכן. איך פאַרשטיי שוין מער גאָרנישט. איך בין ניט קיין פריינט פון די רומעניער, ווייל זיי האָבן אַלץ רואינירט. אָבער אַלס דייטש מוז איך מודה זיין, אַז איצט איז נאָך ערגער. איך האָב זיך געפרייט, וואָס סערעט איז ווידעראַמאָל געוואָרן אַ גרענעץ־שטאָט. דאָס ברענגט שטענדיק אַ גוטן פאַרקער. אָבער עס איז ניט ווי אַמאָל. דעם באַרדעל גייט זייער גוט, אָבער אַ שטאָט קאָן דאָך ניט לעבן פון אַ באַרדעל. די פּאַטשט איז קיין פּאַטשט ניט און די יידן וואָלט איך זייער געוואָלט העלפן. אָבער קיינער הערט מיך ניט. מיין פרוי זאָגט מיר תמיד: „ביים זיך אָפּ די צונג.” וואָרים דער פירער, זאָגט זי, זעט אוים ווי דער טייוול נאָך אַ רעגן.

— זיידעניו, — האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט, — אויב איך מעג אייך געבן אַן עצה, בייסט זיך דווקא ניט אָפּ די צונג, ווי אייער פרוי זאָגט, אָבער רעדט ניט קיין סך. דערציילט קיינעם ניט קיין וואָרט פון דעם, וואָס איר האָט מיט מיר גערעדט, ווייל עמעצער אַנדערש קאָן אייך אָפּבייסן די צונג.

:: :: ::

ווען יוסטפאַן האָט זיך אומגעקערט מיטן זאַק אין שטאָט אריין, זיינען אויפן רינגפּלאַץ געשטאַנען אַ גרויסע צאָל לאַסט־וואַגאָנס. ביים האָטעל „האַמערהאָף” זיינען רומענישע סאָלדאַטן, אונטער דער אָנפירונג פון דייטשישע ציווילע, געווען באַשעפטיקט מיט אָפּראַמען דאָס ברוכבווארג פון דער שריפה. דער פייער אין דער דייטשישער קראָם איז געווען אויס־געלאָשן און מען האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך פון די חורבות צו ראַטעווען און צוזאַמענקלייבן די זאַכן, וואָס מ'האָט נאָך געקאָנט באַנוצן. און פּונקט דעמאָלט האָט מען קאַראָל באַרבאַרעסקוס פרוי אריבערגעפירט אין דער געביידע פון דער אונטערפּרעפעקטור, ווייל ביים ארויסלויפן פון האָטעל האָט זי זיך פאַרסמאַליעט די האָר און די הענט.

אין דער אונטערפּרעפעקטור גופא איז אָנגעגאַנגען אַ באַראַטונג פון די מיליטער־קאָמאַנדירן מיט פראַנץ צימערלע, האַנס קרולע און קאַראָל באַרבאַרעסקו. ס'איז געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס מען האָט דעם אונטער־פּרעפעקט צוגעצויגן צו אַן אינטימער באַראַטונג. ניט געקוקט אויף דער

אָנווייזונג פון ראַדאָוטץ, איז פראַנץ צימערלע ניט געווען זיכער, צי ער זאָל אַריבערשיקן די לאַסט־וואַגאָנס. ווער ווייס? אפשר האָבן די רוסן זיך פאַרט דערוואוסט, ווייל פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן אויפגעריסן די אייזנבאַן־בריק פונקט היינט? ווער ווייס, צי דער צוג געפינט זיך איבערהויפּט אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע אין טערבעלעסמי? און וואו נעמט מען די אַרבעטער?

נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען איז מען געקומען צום באַשלוס אויסצו־קלייבן פון צווישן די יידן אויפן בית־עולם די אַרבעט־פּיאַיקע און זיי אַריבערשיקן אויף דער אַנדער זייט אויסצולאָדן די סחורות פון די וואַגאָנען און זיי אָנלאָדן אויף די לאַסט־וואַגאָנס. פראַנץ צימערלע האָט באַמערקט:

— מיר האָבן זיי דאָך אין אונדזערע הענט. מיר וועלן אַריבערשיקן בלויז די, וועמעס פרויען און קינדער פאַרבלייבן אויף דער זייט.

ביי די יידן האָט דאָס נעמען זיי צו דער אַרבעט אויף דער אַנדער זייט אָנצולאָדעווען די לאַסט־וואַגאָנס ניט אַרויסגערופן פון אָנהויב קיין באַזונדערן אויפרודער. זיי זיינען שוין עטלעכע טעג געוואוינט געווען, אַז מען זאָל זיי אינדערפרי נעמען צו דער אַרבעט און ביינאַכט צוריקפירן אויפן בית־עולם. פאַרקערט, זיי האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז כל זמן מען נעמט זיי צו דער אַרבעט, זיינען זיי געזיכערט פון דעם ערגסטן. אָבער פראַנץ צימערלע האָט געהאַלטן פאַר זיי די פאָלגנדיקע רעדע:

— ווען עמעצן פון אייך זאָל איינפאַלן צו רעדן דאָרט אַ וואָרט, אָדער אינגאַנצן ניט וועלן זיך אומקערן, וועט מען דאָ אויסראַטן אייערע ממזרים, וועט איר קיינעם מער ניט געפינען קיין לעבעדיקן. און איצט, מאַרש צו דער אַרבעט!

דער יאָמער פון די יידן האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. נאָך דער פאַ־סירונג מיט די פּויערים, אין וועלכער מ'האָט געפונען אַ ביסל טרייסט און האָפענונג, איז געקומען אָט די נייע שרעק. טעג גאַנצע האָט מען מיט בענקשאַפט אַריבערגעקוקט אויף דער אַנדער זייט. דאָרט איז געווען האָפע־נונג, פון דאָרט האָט געשיינט צו קומען די רעטונג. און איצט זיינען די קינדער געבליבן אין די הענט פון דעם גרויזאַמען שונא. עס איז אַפילו ניט געווען קיין צייט נאָכצודענקען. מ'האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די וואַגאָנס. עס איז געווען אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג און מען האָט זיי דערקלערט, אַז זיי מוזן זיין צוריק שפּעטסטנס פאַרנאַכט.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָט אין דער געביידע פון דער אונטערפּרע־פעקטור געהערשט אַן אויפגערעגטע באַוועגונג. קוריערן זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען. דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט קלינגען. פון ראַ־דאָוטץ האָט מען טעלעפאָנירט, אַז אַ גרויסער טייל פון די רעקרוטן פון סערעט און דער געגנט אַרום זיינען נאָך ניט אָנגעקומען, און אַז מען מוז

זיך איילן, ווייל ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די שטאָט זאָל צייטווייליק אַריבערגיין אין די הענט פון די רוסן. די אָנווייזונג האָט געלויטעט, אַז מען דאַרף די דעזערטירנדיקע רעקרוטן אָפּזוכן „אין דער אומגעבונג פון דער שטאָט". און „אַלע וויכטיקע דאָקומענטן און אַקטן תיכּף באַזאָרגן אין אַ זיכערן פּלאַץ".

פראַנץ צימערלע איז געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ. מיט די לאַסט־וואָגנס האָט מען מיטגעשיקט צען רומענישע און צוויי דייטשישע אומ־באַוואָפנטע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט דעם ערשטן פראַכט און האָבן באַריכטעט, אַז אויף דער באַן־סטאַנציע אין טערבעלעסטי קאָן מען ניט באַמערקן קיין שום פאַרדעכטיקס. די ערשטע צען וואָגנס האָט מען אָנלאָדן און צוריקגעשיקט, מען וועט אָבער וואַרשיינלעך דאַרפן אַרבעטן ביז אינדערפרי, ווייל אויף דער אַנדער זייט געפינען זיך אַ גרויסע צאָל וואַגאָנען מיט סחורות. די רוסן זיינען געווען זייער פריינטלעך און באַ־הילפיק. אויפן וועג האָט מען געזען ווייניק רוסישע סאָלדאַטן.

עס איז שוין געווען ניין אַזייגער אין אָוונט, ווען אַ קוריער איז געקומען מיט אַ שרעקלעכן באַריכט: אַ צאָל רוסישע וואָגנס האָבן זיך באַוויזן אויפן בית־עולם, האָבן אַרויפגעזעצט פרויען און קינדער און צוריק אַריבער אויף דער אַנדער זייט פון טייך. אויפן בית־עולם איז פאַרבליבן בלויז אַ קליינער טייל פון די יידן, דער עיקר אַלטע לייט, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם בית־עולם. און אין דעם זעלביקן אויגנבליק איז געקומען אַ באַפעל, אַז די אַלע וואָגנס, וואָס געפינען זיך נאָך אויף דער אַנדער זייט, זאָלן צוריקגערופן ווערן, מיט אָדער אָן סחורה. די באַאַמטע זאָלן זיך צוריקציען אין דער ריכטונג פון ראַדאוטץ.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך, ווען ער האָט דער־הערט וועגן דעם דאָזיקן באַפעל. יאָ, ער האָט שטאַרק געגלייבט אין דער איבערערדישער קראַפט פון דעם אַלטן יאָסל שמש. געשפּרעכן מיט הענ־ריעטען האָבן דעם דאָזיקן גלויבן באַפעסטיקט. ער איז אַריינגעלאָפן אין אַן אַנדער צימער און טעלעפאָנירט הענריעטען:

— עס איז שרעקלעך! כמעט אַלע יידן זיינען אַנטלאָפן. נאָר אייניקע אַלטע לייט זיינען פאַרבליבן. אפשר איז יאָסל שמש פאַראַן צווישן זיי. איך בעט אייך, קומט תיכּף אַריבער און איבט אויס אייער גאַנצן איינפלוס אויף פראַנצן, אַז דעם אַלטן זאָל גאָרנישט געשען.

אינצווישן, האָט פראַנץ צימערלע גערופן צו זיך האַנס קרולע און קאַראָל באַרבאַרעסקו. ער אַליין האָט גענומען מיט זיך אַ לייכטע מאַשין־ביקס, איז אַריינגעשפּרונגען אין דעם אויטאָמאָביל, נאָכגעפאָלגט פון די צוויי אַנדערע.

— צום בית־עולם! — האָט ער באַפוילן דעם שאָפער. די דמים

האָבן אין אים נעקאָכט. — „די יידן, הייסט עס, האָבן מיך באַשווינדלט! זיי זיינען פאַרבליבן אויף דער אַנדער זייט און האָבן נאָך אוועקגענומען די פרויען און די קינדער. איך וועל זיי אויסראָטן! דאָס לאָז איך ניט איבער צו עמעצן אַנדערש! אויסראָטן וועל איך זיי — הגם נאָר זקנים, פרויען און קינדער!"

לעבן בית־עולם האָבן זיי באַגעגנט הענריעטען.

— קינד, — האָט פראַנץ איר געזאָגט, — האָסטו ניט דערהאַלטן מיין אָנזאָג? איך האָב געשיקט אַן אויטאָמאָביל דיך אוועקצופירן קיין ראַדאוטץ. איך וועל קומען אַ ביסל שפּעטער. איך האָב דאָ נאָך צו דערפילן בלויז איין מיסיע. יעדער מאָמענט איז טייער. דער טאַנץ קאָן אין אַ האַלבער שעה, אפשר נאָר אין מינוטן, זיך אָנהויבן.

אין דער צייט, וואָס ער האָט מיט איר גערעדט, איז קאַראָל באַרבאַרעסקו אַרויסגעשפּרונגען פון דעם אויטאָמאָביל.

— איך מוז אַריינגיין אין דעם פאַרגעניגנסלאָקאַל, — האָט ער געזאָגט. — מיר טאָרן ניט איבערלאָזן די דאַמען אויף הפקר.

פראַנץ האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. „הענריעטע", האָט ער איינגעטענהט, „גיי אוועק פון דאַנען. ס'איז ניט פאַר פרויען." זי האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן. „אַ העלדישע פרוי", האָט זי אים געענטפערט, „שרעקט זיך ניט פאַר קיין שום זאַך. איך בין מיט דיר, מיין פראַנץ."

אַ מינוט שפּעטער זיינען זיי געשטאַנען ביים בית־עולם. ווייסע בערד, גרויע קעפּ, וואָס האָבן מער גאָרניט דערוואַרט פון לעבן, אויף אַלעם גרייט. אַרום זיי האָבן זיך געטוליעט קינדער, יתומים, וואָס האָבן זיך פאַרשפּילט און זיינען איבערגעבליבן, ווען מ'האָט די אַנדערע קינדער אוועקגעפירט אויף דער אַנדער זייט. די יידן האָבן ניט געהאַט קיין אילוזיעס. יאָסל שמש האָט נאָך געמאַכט אַ פאַרזוך צו בעטן רחמים פאַר די קינדער, אָבער אַטאַ פאָן ראַובניטץ האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער ריי און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם זשאַנדאַר, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים טויער, מיט אַ באַפעל אים אָפּצופירן אין דער שטאָטישער טורמע און אים באַוואַכן, ביז ער וועט קריגן אַ ווייטערדיקן באַפעל.

— קיין מענטש טאָר אים ניט אָנרירן. מיר דאַרפן אים נאָך אונטערזוכן, — האָט ער אָנגעזאָגט דעם זשאַנדאַר.

די מחנה יידן, וואָס איז געשטאַנען שטום און פאַרלאָרן, איז באַשטאַנען פון אַרום זעכציק, צוזאַמען מיט די קינדער. פראַנץ צימערלע האָט זיי געזאָגט:

— איר קאָנט נאָך ראַטעווען אייער לעבנס, אויב איר וועט מיר איצט זאָגן, צי עמעצער פון די קריסטן איז אייך געקומען צו הילף.

אַברהם פּראַגער, דער פּרעזידענט פון דער קהלה, האָט געזאָגט ווידוי:

„אלהי בשתי ונכלמתי להרים אלהי פני אלך כי עונותינו רבו למעלה ראש ואשמתנו גדלה עד לשמים." (מיין גאָט, איך שעם זיך אויפצוהויבן צו דיר מיינע אויגן, ווייל אונדזערע זינד גרייכן איבער אונדזערע קעפּ און אונדזערע שולדן זיינען גרוים ביז צום הימל.)

— גענוג! — האָט פראַנץ צימערלע געשריען, — גענוג, איר קאַנאַליע!

אברהם פּראַגער, וועלכער איז געשטאַנען כורעים, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים געענטפערט:

— גיכער וועלן די זון און לבנה ענדערן זייער גאַנג און די געזעצן פון דער נאַטור וועלן אויפהערן ווירקן, איידער דאָס פאָלק ישראל וועט פאַרשווינדן פון דער ערד.

צימערלע האָט אַ כאַפּ געטאָן די מאַשין־ביקס און אַ צי געטאָן דעם שלאָס. אַ סטייע וואָראָנעס האָט זיך אויפגעהויבן פון די ביימער. איין געשריי בלויז האָט אונטערגעבראָכן דאָס גערויש פון דער מאַשין־ביקס. אַ קליינער יינגל, דורך אַ צופאַל אומבארירט, איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן הינטער אַ מצבה. האַנס קרולע איז צוגעלאָפן און אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער. דאָס קינד האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענטלעך און געשריען. אַ שאָס האָט אָפּגעהילכט. קרולע האָט זיך אַרומגעקוקט און איז שנעל אַוועקגעלאָפן צום אויטאָמאָביל. די אַנדערע זיינען שוין געזעסן אינעווייניק. דער בית־עולם, וואָס יידן רופן דאָס היילקע אָרט, איז געבליבן ליגן שטיל און איינזאַם.

סוף פון ערשטן טייל

צווייטער טייל

10.

די ראָל און די פונקציע פון אָטאָ פאָן ראַובניטץ אין סערעט זיינען ניט געווען אַזוי קלאָר באַשטימט, ווי די אַרבעט פון פראַנץ צימערלע און האַנס קרולע. פראַנץ צימערלע און האַנס קרולע זיינען געווען די געשטאַפּאָ אין סערעט און דער געגנט אַרום. זייער אויפגאַבע איז געווען צו מאַכן פאַרבאַרייטונגען פאַר דער מלחמה אין דער דאָזיקער געגנט, צו פאַרניכטן די פאַקטישע און פּאָטענציעלע אינערלעכע שונאים נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, און צו אָרגאַניזירן די כחות, וואָס זאָלן ליגן דעם יסוד פאַר דער נאַצי־הערשאַפט אין דעם דאָזיקן ניט־דייטשישן געביט.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן זיי געהאַט דורכגעפירט. איצט, אַז די מלחמה איז געווען אָפּגערוקט אויף הונדערטער קילאָמעטער, האָבן זיי געדאַרפט באַרואיקן די נייַ־דעראָבערטע געגנט. אָטאָ פאָן ראַובניטץ, פאַרקערט, איז געקומען מאַכן עקאָנאָמישע פאַרבאַרייטונגען. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ פאַראָרעמטער פריצישער פאַמיליע אין דער באַלטישער געגנט. זיין פאַמיליע איז שוין געווען אָרעם וואָסערע הונדערט־און־פופציק יאָר, און אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער, אַלס פּראָסטער צאַרישער סאָלדאַט, געקעמפט קעגן די דייטשן ביי וואַרשע און שפּעטער אין די פינסקער בלאָטעס. ער האָט זיך דערדינט צום ראַנג פון אַ לייטענאַנט, ווען אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין געבורט־שטאָט, ליבאַו. די ליבאַווער געגנט האָט זיך געפונען דאָס פערטע יאָר אין דער מלחמה און איז געווען באַזעצט פון די דייטשן. אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, איז ער געוואָרן דער שעף פון אַ זשאַנדאַרן־אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אַוועקצונעמען ביי די לעטישע פויערים זייער תבואה, אין וועלכער די דייטשישע אַרמיי האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט פאַר דעם אַנטשיידנדיקן קאַמף קעגן פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע. די דאָזיקע אַרבעט האָט אים ניט געוואונען קיין סך צוטרוי, אָדער ליבע, ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין האַרבסט 1918, ווען דער צוזאַמענברוך פון דייטשלאַנד איז געקומען, האָט ראַובניטץ מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון די פויערים און איז אַנטלאָפן קיין פינלאַנד, וואו גענעראַל מאַנערהיים האָט אים אַריינגענומען אין זיין גוואַרדיע. פאַרבליבן אין פינלאַנד איז ער אָבער בלויז אַ קורצע צייט. אינצווישן האָבן דייטשישע סאָלדאַטן און אָרטיקע באַראָנען אָרגאַניזירט אין זיין היימלאַנד אַ קאָרפּוס צו קעמפן קעגן די רויטע. העכער אַ יאָר האָט ער געקעמפט אין די רייען פון דעם דאָזיקן קאָרפּוס, וואָס איז געווען פינאַנסירט פון דייטשלאַנד. די דאָזיקע טרופּן האָבן שפּעטער, אויף דער אויפפאָדערונג פון די זיגרייכע אַליאירטע, זיך געמוזט צוריקציען קיין דייטשלאַנד. אין לאַטוויע איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע לעטישע רעגירונג.

אָט אַזוי איז אָטאָ פאָן ראַבוניטץ געקומען אין דייטשלאַנד. ער איז אַריינגעטראָטן אין דעם שוואַרצן רייכסווער, זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע פוטשן און איבערפאַלן, איז געווען אַ מיטגליד פון געהיימע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס הגם זיי האָבן געהאַט די זעלביקע צילן ווי די דעמאָלט נאָך קליינע נאַצי־פאַרטיי, זיינען זיי אָבער געווען אין אַ קאָנקורענץ מיט איר. אין דער נאַצי־פאַרטיי איז ער אַריינגעטראָטן ערשט נאָך היטלערס זיג און אַריינגענומען האָט מען אים בלויז אַ דאַנק ספּעציעלע רעקאָמענדאַציעס.

ווען אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז אָנגעקומען אין סערעט, איז ער געווען

פופציק יאָר אַלט און געהאַט דעם טיטול פון „קאָמיסאַר פאַר באַזונדערער פאַרוועגדונג". ניט געקוקט אויף זיין עלטער, האָט ער ניט געהאַט אויפ־געגעבן די האָפענונג צו גרינדן אַ פאַמיליע און צוריק אויפבויען דעם וואוילשטאַנד פון פון דער ראַובניטץ־פאַמיליע, וואָס זי האָט פאַרלאָרן מיט 150 יאָר צוריק.

אין סערעט איז ער געקומען מיט גרויסע האָפענונגען. מ'האָט אים דערציילט לעגענדעס וועגן דער רייכקייט פון די יידן אין דער דאָזיקער געגנט. ער האָט געהאַט אַ שווער האַרץ, וואָס די יידן זיינען אוועק אין קבר, ניט איבערלאָזנדיק גאָרנישט פאַר אים. באמת, אַ האַרטנעקיק פאָלק, האָט ער זיך אָפט געזאָגט. ער האָט באַדויערט, וואָס מ'האָט נאָך ניט דערפונדן אַ שטראָף, מיט וועלכער מ'זאָל קאָנען דערגרייכן די יידן אויך נאָך זייער טויט. מיט טויטע קאָן מען ניט אַרגומענטירן און מ'קאָן פון זיי גאָרנישט אַרויספּרעסן. אייניקע וועקסלען, וואָס ער האָט געהאַט אַריינגעקראָגן אין די הענט, זיינען געזעצליך געווען ווערטלאָז. אין לעבדיקער ייד איז געבליבן אין שטאָט — לויט זיין מיינונג, אַ געריריטער פון זינען — יאָסל שמש, פאַר וועמעס לעבן ער האָט זיך אַליין איינגעשטעלט, ווייל ער האָט אין אים געזען דעם לעצטן פונק האָפענונג צו מאַכן פון דער לעגענדע וועגן יידישן רייכטום אַ ווירקלעכקייט. אָבער נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס געווען נאָר אַ לעגענדע. וואָס ווייטער? צו וואָס כאַפּט מען זיך?

שוין אַ לענגערע צייט, ווי ער האָט זיינע אויגן געהאַט געווענדט אויף צוויי סערעטער אונטערנעמונגען: אויף דער ביר־ברויעריי און דעם באָרדעל פון באָרקע און מאַניסאַלי. ביידע זיינען געווען ניט קיין שלעכטע געשעפטן, ווייל סערעט איז פאַרבליבן אַן עטאַפּ אויך נאָכדעם ווי דער פראָנט האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין צפון־ און דרום־מזרח. ביידע אונטערנעמונגען האָבן געגעבן גרויסע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט, וואָרים די אָנווייזונג פון דער אויבער־קאָמאַנדע האָט געלויטעט, אַז סערעט איז באַשטימט געוואָרן אַלס שפּייז־לאַגער און צושטעל־צענטער פאַרן פראָנט, און אַז באַזונדערס דאַרף מען אָוועקשטעלן די סערעטער ברויעריי צו אַרבעטן אויף פולער קאַפּאַציטעט, צו קאָנען באַזאָרגן די אַרמיי. ער האָט זיך געזאָגט, אַז אויב ער וויל עפּעס רעאַלעס דערגרייכן צו געבן ווידער אָנזען דעם נאָמען פון ראַובניטץ, מוז ער אַריינשטעלן אַ פעסטע פוס ענטוועדער אין דער ברויעריי אָדער אין דעם באָרדעל.

הגם זיין יחוס האָט זיך געצויגן פון די צייטן פון די דייטשישע אָרדנס און ער האָט אַזוי אַרום געשטאַמט פון אור־אדל, האָט ער אָנגעקניפּט אַ פריינטשאַפט מיט פראַנץ ציטערלע, וועלכער איז געווען אַלץ, אחוץ אַן אדל־מאַן, און האָט געהאַפט, אַז יענער וועט אונטערשטיצן זיינע פּלענער. די פראַגע איז נאָר געווען ווי אַזוי דורכצופירן דעם ענין שנעל און דערפאָלג־

רייך. ווארים ער האָט געוואוסט, אַז אין דעם באַרדעל איז דער אָפּיציעלער אונטערפּרעפעקט פון דער שטאָט, קאַראָל באַרבאַרעסקו, געווען אויף פּופּציק פּראָצענט אייננטימער. און וואָס שייך דער ביר־ברויעריי, איז זי געווען דאָס אייגנטום פון אַ דייטש. אמת, דער דאַזיקער דייטש איז געווען אַ צע־דרייטער. ער האָט זיך ביז איצט אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין דער דייטשי־שער פאָלקס־געמיינשאַפט, בייצוטראָגן פאַר דער נאַצי־פּאַרטיי, אָדער אונטערצושרייבן זיין נאָמען אויף אויפרופן. אָבער דאָס אַליין איז ניט געווען נענוג אוועקצונעמען פון אים די ביר־ברויעריי און דאָס אייגנטום, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם דאַזיקן געשעפט, ווייל די אָנווייזונג פון אויבן האָט געלויטעט, אַז די רייכע, אָרטיק־געבוירענע דייטשישע באַ־פעלקערונג דאַרף געשוינט ווערן אונטער אַלע אומשטענדן, סיידן עס זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז עמעצער פון זיי פאַרמאָגט יידיש בלוט, אָדער ווען עמעצער האָט זיך אָפן באַטייליקט אין טעטיקייטן קעגן דער נאַצי־פּאַרטיי. און וויפיל אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט זיך ניט געסטאַרעט צו געפינען באַ־ווייזן פאַר איין זאַך אָדער דער צווייטער, האָט זיך אים דאָס ביז איצט ניט איינגעגעבן.

איין אָוונט, האָט אין דעם ביר־שענק פונעם האָטעל „האַמערהאַף" זיך באַוויזן אַ נייער דייטשישער פּנים, אַ מאַן אומגעפער אין זיין אייגענעם עלטער, מיט אַ פּנים פול מיט קנייטשן, אַ רויטע נאָז פון אַ שיכור, און אַ פּאָר האָר, וואָס מ'האָט געקאָנט איבערציילן, זיינען געווען זאָרגפעלטיק אויסגעלייגט איבערן פּליך. דער מאַן האָט פאַרמאָגט ברייטע פּלייצעס און מערקווירדיק־קורצע ביינער. ער איז צוגעקומען צו ראַובניטצן און זיך נאָכ־געפרעגט וועגן דער מעגלעכקייט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט.

אין פאַרלויף פון דעם געשפּרעך האָט אָטאָ פאָן ראַובניטץ אויסגעפונען, אַז דער נאָמען פון דעם דאַזיקן מאַן איז אַלטהאָף, אַז ער איז אַ געבוירענער דאָ אין שטאָט און איז אַלס קינד געווען אַ משרת ביי דער פאַמיליע בעיל. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לאָדער, נעקומען אין קאָנפליקט מין געזעץ און איז פאַרשוואונדן פון שטאָט. ער האָט דערציילט ראַובניטצן, אַז ער איז געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ האָטעל אין קאָנסטאַנצאַ, ביים שוואַרצן ים. איצט, נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין סערעט, האָפנדיק אַז די דייטשן וועלן אים קאָנען באַשיצן פון פאַרפאָלגונגען מצד די רומענישע באַאַמטע.

פון אָנהויב האָט אָטאָ פאָן ראַובניטץ ניט געהאַט קיין גרויסן חשק זיך אַריינצולאָזן אין מחזקות מיט דעם דאַזיקן אַראָפּגעקומענעם פאַרשוין. אָבער ווען ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען בעיל, איז אָטאָ פאָן ראַובניטצן איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אפשר וועט ער דורך דעם דאַזיקן מענטשן געפינען

א וועג צו פארניכטן בעילן און ארייננקריגן די ביר־ברויעריי אין זיינע הענט. ער האט פארבעטן אלטהאפן צו קומען אים זען דעם נעקסטן טאג אין זיין ביורא, וואס האט זיך געפונען אין דער געביידע פון דעם שטאט־ראט. אויף דער טיר פון דער ביורא איז געווען אן אויפשריפט: אריאניזירונגסאמט פיר סערעט אונד אומגעבונג.

אין משך פון דער נאכט, האט דער געדאנק, אז אלטהאף קאן אים העלפן קומען אין באזיץ פון דער ביר־ברויעריי, אנגענומען פעסטע פארמען. אויב יאסל שמש איז פאר אים געווען א נעפלהאפטיקע האפענונג, איז אלט־האף געווען א ווירקלעכקייט. דער דאזיקער מענטש מוז שאפן די געזעצ־לעכע באוויזן, וואס זאלן מעגלעך מאכן אוועקצונעמען די ברויעריי און שאפן דעם יסוד פאר דער ווידעראויפשטעלונג פון דער פאן ראובניטץ־פאמיליע. מיט שפאנונג און אומגעדולד האט ער געווארט אינדערפרי אויף אלטהאפס באזוך.

מיט א „העיל היטלער", איז אלטהאף ארייננעקומען אין צימער. „העיל היטלער", האט פאן ראובניטץ געענטפערט און איז אנטקעגן געגאנגען דעם גאסט אייניקע טריט, ווי עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן אן אלטן באקאנטן. ער האט אים געבעטן זיך זעצן אין א לעדער־באצויגענעם שטול, האט אים טראקטירט מיט א פאפיראס און געפרעגט וואס עס הערט זיך ביים שווארצן ים, וואס די באציאונגען זיינען צו די דייטשן איצט, אז די מלחמה האט אויסגעבראכן, און צי דער קלימאט איז צוגעפאסט פאר קאר לאניזאציע. אלטהאף האט קיין סך ניט געקאנט דערציילן וועגן די דאזיקע זאכן. „איר פארשטייט, הער באראן, איך בין דארט געווען א פרעמדער. ווער האט דען מיך געקענט? איך האב קוים געהאט א געלעגנהייט זיך צו אינטערעסירן מיט געזעלשאפטלעכע ענינים. איך בין טאקע דעריבער גע־קומען צוריק אהיים, כדי אקטיוו זיך צו באטייליקן אין אונדזער דייטשישן קאמף."

ראובניטץ האט געטראכט: א כיטרער קערל. ער איז טאקע א דייטש, אבער אויף וויפיל איך האב געקאנט אויסגעפינען וועגן אים, האט ער ביז איצט זיך ווייניק געקימערט וועגן זיין דייטשישקייט און דאס ווארט דייטשישער קאמף אין זיין מויל קלינגט זייער קאמיש. אבער דער מאן פארשטייט אן ענין. ער האט שנעל פארשטאנען וועגן וואס עס האנדלט זיך. מיט אזא מענטשן דארף מען צוגיין דירעקט צום פונקט.

— ווייסט איר, הער אלטהאף, פארוואס איך האב אייך געבעטן קומען אהער? עס האנדלט זיך וועגן אן אויסערגעוויינלעך וויכטיקער נאציאנאלער פראגע. דער פירער האט אונדז געגעבן אויפגאבן און עס איז אונדזער פליכט זיי דורכצופירן צופרידנשטעלנדיק.

— דינען דעם פירער בין איך גרייט צו יעדער צייט.

— רעדן בלויז איז ניט גענוג. דער פירער פאָדערט פון אונדז מעשים, און מיט רעכט. ער פאַרגינט זיך ניט קיין רו. פון זיין קינדהייט אָן ארבעט ער פאַר דעם ווידערגעבורט פון דעם דייטשישן פאָלק און זיין באַפרייאונג פון יידישן יאָך. יעדער פון אונדז מוז זיך פרעגן: האָב איך דערפילט מיין פליכט?

— הער באַראָן, איך בין אַ באַשיידענער מענטש. יעדער וועט אייך באַשטעטיקן, אז כל זמן איך האָב געוואוינט אין סערעט, בין איך געווען דער ערשטער ביי אַלע פּאָגראָמען. וואָס דער פירער פאַרלאַנגט — אָן שום באַגרענעצונגען — שטיי איך צו זיין דינסט.

— איך צווייפל ניט אין דעם, אָבער איך וויל ציען אייער אויפמערקזאַמקייט, אז פון אַ בראַוון און מוטיקן דייטש דערוואַרט איך פריער פון אַלץ צו זיין פאַרזיכטיק.

— וואָס שייך האַלטן אַ סוד, הער באַראָן, בין איך שטום ווי דער קבר. איך ווייס, צום ביישפּיל, מיט וועמען די פרוי פון דעם אונטערפּרעפעקט האָט פאַרהעלטעניש, און אַז דער אונטערפּרעפעקט האָט אין משך פון יאָרן באַציאונגען מיט פריילין באַרקע. איך האָב געוואוסט און ווייס נאָך היינט אַזויפיל סודות פון סערעט, אַז איך קאָן אייך, אויב אייך אינטערעסירט עס, דערציילן אַלע איינצלהייטן.

פאָן ראובניטץ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך זע, אַז איר זייט שטום ווי דער קבר. איך וויל אָבער פונדעסטוועגן אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָס, וועגן וואָס איך גיי מיט אייך רעדן, איז אַ טיפע מלוכה־געהיימניש. עס האַנדלט זיך אָט וועגן וואָס: איר זייט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געווען אַ משרת ביים הער בעיל, דעם אייגנטימער פון דער היגער ביר־ברויעריי. איז דאָס ריכטיק אָדער ניט?

— יאָ, איך בין געווען ייִנגסטער הויז־סעקרעטאַר, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן. שוין אַלס קינד בין איך געווען שיק־יינגל און אינטימער אַנפאַרטרויטער פון פרוי בעיל, די געשטאָרבענע מוטער פון דעם הער הערמאַן בעיל.

— טאַקע אָט דער פעריאָד פון אייער טעטיקייט אינטערעסירט מיך.

— בעילס גאָרטן, איר קאָנט זיך אין דעם איבערצייגן, הער באַראָן, איז נאָך היינט דער שענסטער אין סערעט. די שענסטע טרוסקאַווקעס זיינען דאָרט געוואַקסן. אין טייך זיינען געווען די בעסטע קאַרפּן פון גאַנץ בוקאָווינע. אַ פאַרמעגן, פלעגט מען דאַן דערציילן, האָט ראַבמוט געמאַכט פון די דאָזיקע קאַרפּן. ער פלעגט יעדן יאָר אָפּקויפן סיי די קאַרפּן, סיי די ניס און פלוימען פון בעילס גאָרטן.

— יאָ, דערציילט ווייטער, — האָט פאָן ראובניטץ אים דערמונטערט.

— אָט דער ייד ראַבמוט אינטערעסירט מיך טאַקע.

די דאָזיקע פאַראינטערעסירטקייט איז אַלטהאָפן געוואָרן אויפפאַלנד. עפּעס זוכט דאָ ראָובניטץ אַרויסצובאַקומען פון אים. ער האָט באַגריפן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ געשעפט, און איז געוואָרן צוריקגעהאַלטן:

— דער אַלטער ראַכמוט איז שוין פינף יאָר טויט. ער איז געווען אַ ייד, אָבער אַ שיינער מאַן. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע, שיין־פאַרקאַמטע באָרד, איז שטענדיק געווען עלעגאַנט געקליידט, איז געווען דער שענסטער מאַן אין שטאָט און . . .

אַלטהאָף איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אָנגעשפּיצטע אויערן האָט ראָובניטץ געוואַרט. ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז שנאַפּס, אים טראַקטירט מיט נאָך אַ פּאַפּיראָס. אַלטהאָף האָט אויסגעליידיקט די גלאָז, האָט פאַר־רויכערט דעם פּאַפּיראָס און געשוויגן.

— רעדט רואיק ווייטער, הער אַלטהאָף, שעמט זיך ניט. איך הער אייך זייער אויפמערקזאַם.

אַלטהאָף האָט פאַרטראַכט געשוויגן.

— איך וויל אייך דערמאָנען, הער אַלטהאָף, אַז פאַר דעם פירער זיינען ניטאָ קיין סודות. איך בין דאָ דער פאַרטרעטער פון דעם פירער. דער פירער וויל וויסן, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אונדזערע אַרמייען דעראָבערן אייראָפּע. מיר דייטשן זיינען באַרופן צו הויכע זאַכן. און דאָס קאָנען זיין נאָר ריינע דייטשן, אויף וועמעס ראַסע עס איז ניטאָ קיין פלעק. פאַרשטייט איר, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט איר טראָגט? שטעלט זיך נאָר פאָר: די סערעטער ביר־ברויעריי דאַרף באַדינען דעם פראָנט. עס איז דאָך שוואַר זיך פאַרצושטעלן, ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז דער שאַפער פון דעם ביר איז ניט ריין־ראַסיק. מיט די יידן, וואָס אַלע האָבן זיי געקענט אַלס יידן, זיינען מיר פאַרטיק. די געפאַר פאַר אונדז איז די, וואָס עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע דער־שיינען אויסערלעך אַלס דייטשן, אָבער אין וועמעס אָדערן עס פליסט יידיש בלוט. פאַרשטייט איר, הער אַלטהאָף, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

— הער באַראָן, שיקט מיך היינט פאַר דעם פירער אַלע יידן אויס־צומאָרדן. איך וועל גיין, ניט קווענקלענדיק זיך. שיקט מיך מיט אַ שליחות צום פראָנט. איך וועל זיך ניט קווענקלען אַ רגע. אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט, האַלט איך אַ סוד — איך מעג עס רואיק זאָגן — כ'בין אַ צאַרט־פילנדיקער מענטש, אַ קאַוואַליער, ווי מען רופט עס. איך וואָלט ניט געוואָלט רעדן וועגן געהיימע באַציאונגען פון דאַמען, הגם איך האָב אַזוינס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און וואָלט געקאָנט גאַנצע ביכער דערציילן.

— לאָמיר רעדן אָפן, הער אַלטהאָף. עס איז אין די אינטערעסן פון דעם פירער צו וויסן: ליגט ניט די געפאַר אין דעם, וואָס דער דאָזיקער הערמאַן בעיל איז די פרוכט פון פאַרברעכערישע ראַסנשענדערישע באַציאונ־

נען צווישן הער ראַכמוט און פרוי בעיל? איך האָב דאָס געזאָגט און אייך פאַרשפּאָרט אַרויסצורעדן דאָס שווערע וואָרט. פרעג איך אייך, זייט איר גרייט, אויף אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלס אַ דייטש, דאָס צו דערקלערן פאַר דעם זיפּנפאַרשונגס־אַמט אין ראַדאָוטץ? דערציילן ווי אַזוי איר האָט דאָס געזען מיט אייערע אייגענע אויגן און אַז איר זייט מיט אייער געוויסן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פירער? יאָ, נאָך עפּעס וואָס איך וויל זאָגן. מען רעדט אומעטום וועגן אייך, אַז איר האָט די לעצטע צייט געפירט עטוואָס אַן אוממאָראַליש לעבן. אָבער כדי צו קאָנען אויפטרעטן אַלס עדות, מוזט איר דערשיינען ריין, ווי אַ מענטש וואָס האָט געפירט אַן אָנשטענדיק לעבן. איך וועל אייך געבן דאָס נויטיקע געלט, אַז איר זאָלט זיך קאָנען איינאָרדענען אַ וואוינונג, זיך אָנשטענדיק באַקליידן און זיך קאָנען באַשעפטיקן מיט אייער מלאכה.

— גראַד וועגן אָט דעם פונקט האָב איך געוואָלט מיט אייך רעדן, הער באַראָן. איר האָט מיר ווי אַרויסגענומען די ווערטער פון מויל. אַלס דייטש האָב איך היינט די באַדערפעניש צו האָבן אַן אָנשטענדיקע מלאכה. אויב איך האָב זיך אין משך פון יאָרן אַרומגעשלייעט, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער הערמאַן בעיל האָט מיך פאַריאָגט. ער האָט לחלוטין נישט קיין דייטשיש האַרץ. ווען דער פירער פאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל רעדן, ווען ער באַפרייט מיך פון יעדן געוויסנביסן, וועל איך נאַטירלעך מיין פליכט דערפילן. אָבער ווי געזאָגט, איך וויל ווערן אַן אָנשטענדיקער מענטש, איידער איך רעד.

— ס'איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך ווי דאָס. קיינמאָל איז פאַר אונדז דייטשן די וועלט ניט געשטאַנען אַזוי אָפן, ווי איצט אונטער דער פירערשאַפט פון אַדאָלף היטלער. קלייבט זיך אויס וועלכע יידישע הויז אין סערעט איר ווילט, און עס געהערט אייך. קלייבט זיך אויס אַ הויז מיט אַ שיינעם גאָרטן, און איר וועט קאָנען זיך באַשעפטיקן מיט אייער מלאכה. די נויטיקע געלט פאַר אינוועסטירונגען איז גרייט פאַר אייך.

— איך דאַנק אייך פון טיפסטן האַרצן, הער באַראָן, אָבער . . .

— וואָס אָבער? אייך האָט געטראָפן אַ גליק, וואָס טרעפט זיך זעלטן אין לעבן, און איר זאָגט מיר אָבער.

— איך וויל נאָר אויפמערקזאַם מאַכן, הער באַראָן, אַז איך בין אייגנטלעך קיינמאָל ניט געווען קיין גערטנער. מיין פאָטער איז געווען אַ גערטנער. אַלס קינד האָט ער מיך אָפּגעגעבן צו בעילן אין דינסט. איך בין שטענדיק געווען דער אינטימער סעקרעטאַר פון דער פרוי בעיל און שפּעטע־ פון דעם יונגן הער בעיל. קיינמאָל אָבער בין איך ניט געווען קיין גערטנער. מיין באַרוף, און יעדער, זאָגט מען, פילט זיין באַרוף אין זיך, איז איינגאַנצן עפּעס אַנדערש. איך וואָלט געוואָלט, אינעם זין פון דעם פירער,

אַן אַנשטענדיקער מענטש ווערן, איך וואָלט געוואָלט פאַרוואַלטן מיט אַ גרויסער אינדוסטריע, און איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, אויב איך קאָן ניט באַקומען דאָס פאַרגעניגנעסטבאַליסמענט.

— איר פאָדערט אַ סך, באַזונדערס אין דער איצטיקער צייט מוז אַ מענטש זיין מער באַשיידן.

— מער באַשיידן? פאַרוואָס? זאָגט איר ניט אַליין, אַז דער פירער האָט פאַר אונדז דייטשן געעפנט אומגעהערטע מעגלעכקייטן? וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט שוין דאָס פאַרגעניגנעסטאַבליסמענט? איך גלויב, אַז מיר האַנדלען אינעם זין פון דעם פירער, ווען מיר זיינען דווקא ניט באַשיידן. דער פירער שטרעבט צו גרויסעם און קאָן נאָר זיין ציל דערגרייכן, ווען יעדער דייטש וועט נאָר צום העכסטן שטרעבן.

אָטאָ פאָן ראובניטץ האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אים אַלץ מער געפעלן. מיט אים לאָזט זיך אַרבעטן צוזאַמען. ער ווייס וואָס ער וויל.

— גוט, איר וועט האָבן דאָס פאַרגעניגנגנעסטאַבליסמענט, נאַטירלעך אונטער דעם באַדינג, אַז איר וועט ברענגען באַווייזן וועגן דער ראַסנ־שענדערישער באַציאונג פון דער מוטער פון הערמאַן בעיל.

— אַז ראַכמוט איז געווען אַ ייד, אין דעם צווייפלט דאָך קיינער ניט.

הער פאָן ראובניטץ האָט געהייסן אַריינברענגען עטלעכע סענדוויטשעס און צוויי פלעשער עכטן לאַגער־ביר פון דער בעיל־ברויערײַ. מ'האָט אָנ־געפילט די גלעזער און ראובניטץ האָט געזאָגט:

— מיר וועלן איצט טרינקען, לויט דעם שפרוך פון געטע:

„אַ שטאַרקעס ביר, אַ בייסנדיקער טאַבאַק,
און אַ שיין מיידל — דאָס איז מיין געשמאַק."

אַלטהאָף האָט אויסגעליידיקט דאָס גלאָז אין איין אָטעם און האָט זיך צום סוף דערמאָנט, אַז עפּעס האָבן זיי פאַרגעסן. ער האָט צוגעגעבן: „העיל היטלער! זיג העיל!" דאַן האָט ער געזאָגט:

— אייער ביר שמעקט אויסגעצייכנט. ניט אומזיסט האָט עס אַ נאָמען אַלס דאָס בעסטע ביר אין גאַנץ בוקאָווינע. איך האָב אייער ביר געטרונקען, נו לאָד איך אייך איין אַלס מיין גאַסט אין פאַרגעניגנעסטאַבליסמענט. איך בעט אייך, זאָגט ניט ניין.

— מיר דייטשן האָבן אַ ווערטל: מ'דאַרף ניט לויבן דעם טאָג פאַרן אָוונט. די ביר־ברויערײַ איז נאָך דערווייל אין בעילס הענט און דער באָדער אין באַזיץ פון מאַניסאַלי און באָרקע, וואָס מיינט אין דער ווירק־לעכקייט פון מאַניסאַלי און באַרבאַרעסקו. איך האָב ניט ליב קיין האַלבע אַרבעט. מיר מוזן איצט אויסאַרבעטן אַלע דעטאַלן. דער דערפאָלג פון דעם פירער ליגט אין דעם, וואָס אַרבעט לויט פּלענער, וועלכע זענען פאַר־

אוים די קלענסטע דעטאַלן. עס איז אונדזער פליכט צו גיין אויף דעם זעלביקן וועג. וואָרים דער קלענסטער פעלער אין עדות־זאָגן, די קלענסטע שוואַכקייט פון זכרון, קאָן ברענגען שווערע רעזולטאַטן. נו, ווי אַלט זייט איר איצט?

— פיר־און־פופציק יאָר, הער באַראָן.

— הערמאַן בעיל איז פינף־און־פערציק יאָר אַלט, ריכטיקער געזאָגט, לויט די מעטריקעס איז ער געבאָרן געוואָרן דעם 12טן מערץ, 1896. איר זייט דעמאָלט געווען ניין יאָר אַלט. ווי אַלט זייט איר געווען, ווען איר זייט צום ערשטן מאָל אָנגעקומען דינען אין בעילס הויז?

— גענוי קאָן איך זיך ניט דערמאָנען.

— אָבער קאָן מען זאָגן, אַז צו זיבן יאָר האָט איר שוין געדינט אין הויז?

— נאַטירלעך. איך בין געווען אַ פיצל קינד; און ווען איך פלעג צען אַזייגער קומען פון דער שול, פלעג איך גיין דירעקט צו בעילן אין הויז. פרוי בעיל האָט דאַן געהאַט נאָר איין זון, הערבערט, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ברויעריי און לעבט היינט אין בראַזיל. ער איז געווען אַ קרענקלעכער יינגל, און מ'האָט גערעדט, אַז פרוי בעיל טראַכט וועגן אַדאָפּטירן מיך. דער פאָטער האָט אָפּט גערעדט וועגן דעם. פרוי בעיל האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ מוטער. זי האָט מיך אָפּט גענומען אויף איר שויס, און נאָך דער שול פלעג איך דעם גאַנצן טאָג פאַרבלייבן אין בעילס גאָרטן. איך פלעג העלפן דעם פאָטער, נאָכגיין פרוי בעיל יעדן שריט. בלויז ווען דער ראַבמוט פלעגט קומען און פרוי בעיל פלעגט אים פירן צום טייך, האָב איך ניט געדאַרפט מיטגיין. איינמאָל האָב איך געהערט אַ גערויש; איך בין נאָכגעגאַנגען דעם גערויש און באַמערקט ווי פרוי בעיל מיט ראַבמוט . . . קורץ, ווי אין אַ פאַרגעניגנעסטאַבליסמענט.

— האָט איר דעמאָלט, איר זייט נאָך געווען זייער יונג, באַגריפן וואָס דאָס אַלץ באַדייט?

— אָפן גערעדט, ניין. אָבער ווען פרוי בעיל האָט מיך צוגערופן און געזאָגט, אַז איך טאָר וועגן דעם צו קיינעם ניט רעדן און ווען איך האָב שפּעטער אומגערן זיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך, איז מיר די גאַנצע זאַך געוואָרן קלאָר.

— וואָס פאַר אַ מין געשפּרעך איז דאָס געווען?

— איך האָב געהערט ווי הער ראַבמוט האָט געזאָגט צו פרוי בעיל: אויב עס וועט זיין אַ יינגל, דאַרף מען אים אַ נאָמען געבן הערמאַן, נאָך מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. מיר, אַ קינד, איז דאַן אויפגעגאַנגען אַ ליכט.

— און ווען מען וועט אייך פרעגן אין זיפּנפאַרשונגס־אַמט, — האָט ראַבּינאָוויץ געזאָגט בדרך אַן אָנוויזונג, — ווי אַזוי איר געדענקט דאָס

אזוי געגוי, אז יענע סצענע צווישן דער פרוי בעיל און דעם ייד ראכמוט האט זיך אפגעשפילט אין מיטן יוני? וואס וועט איר ענטפערן?

ווען דעם האט אלטהאף באמת ניט געטראכט. ערשט איצט איז אים איינגעפאלן, אז וויבאלד הערמאן בעילס געבורטסטאג איז אין מערץ, האט די מעשה געמוזט פארקומען אין יוני. דערביי איז אים אבער אויך איינגעפאלן, אז זיין איינענער געבורטסטאג איז דעם 14טן יוני. ער האט געענטפערט:

— איך געדענק אזוי גענוי דעם דאטום, ווייל גראד דעם טאג פאלט אויס מיין געבורטסטאג. עס איז געווען מיין ניינטער געבורטסטאג. פרוי בעיל האט מיר געגעבן א רייכע מתנה. זי האט מיר געגעבן א שפיל־פערד און א פייל־און־בויגן. אלע קינדער אין דער שול האבן מיך מקנא געווען. זי איז מיר געווען ווי א מוטער.

— אייער פיעטעט טוט אייך אן כבוד. דאס איז א דייטשישע טוגנט. אבער איך האב דעם גרעסטן רעספעקט פאר אייער זכרון. איך וועל ווען דעם עניין גלייך באריכטן צום זיפנפארשונגס־אמט אין ראדאוטץ און האף, אז דער טערמין און די אנטשיידונג וועלן קומען אין די נעקסטע וואכן. מיר לעבן אין א צייט, ווען גרויסע אנטשיידונגען ווערן געמאכט שנעל. און אין דעם טאג פון דער אנטשיידונג, וועט אויך קומען די אנטשיידונג וועגן דעם בארדעל. העיל היטלער! העיל!

.11

הגם דער פראנט האט זיך דערווייטערט פון סערעט, איז אין דער שטאט און געגנט ניט געווען איגגאנצן רואיק. אויפן רינגפלאץ האט מען אויפגעשטעלט א הויך־רײדער, וואס האט אומצייליקע מאל א טאג באריכטעט וועגן זיגן, אין דייטש, רומעניש און אוקראיניש. איין טאג האט מען דער־ציילט אויף דער ראדיא, אז סטאלין האט געבעטן ביי יאפאן צו ווערן דער פרידנס־פארמיטלער מיט דייטשלאנד און אז יאפאן האט זיך אפגעזאגט. סטאלין האט דעריבער זיך באצייטנס באזארגט מיט א וויזע קיין מעקסיקע. די ראדיא האט ווייטער דערציילט, אז דער אמעריקאנער סענאט איז פאר ארויסצען פרעזידענט רוזוועלט און מאכן לינדבערגן פארן דיקטאטאר פון אמעריקע. אבער דאס אלץ האט ניט בייגעטראגן צו הויבן די שטימונג.

פראנץ צימערלע האט געהאלטן אין שיקן בארבארעסקון פון איין דארף אין א צווייטן, ווייל דאס צושטעלן פון פי און תבואה האט ניט אנטשפראכן די פאראויסגעזעענע פלענער. שוין אין איין וואך איז געווארן קלאר, אז בארבארעסקו איז ניט פייאיק פאר דער דאזיקער ארבעט. פראנץ צימערלע האט וועגן דעם באריכטעט אין טשערנאוויץ און געפאדערט, אז אדער מ׳זאל

אים אליין נעבן אויסערארדנטלעכע פולמאכט דורכצופירן די דאזיקע אר־בעט, אדער מ׳זאל אים שטעלן צו דינסט א רומעניער מיט מער ענערגיע און אנזען. בארבארעסקו איז פארמעל פארבליבן אין אמט, אבער קיינער האט אים מער ניט באמערקט. אחוץ אונטערשרייבן פערזענלעכע דאקו־מענטן, האט ער מער קיין אנדערע פונקציעס ניט געהאט.

קאראל בארבארעסקו האט געוואוסט, וואס עס קומט פאר. ער האט שוין לאנג שלום געמאכט מיטן געדאנק, אז די צייט פון זיין אבסאלוטער הערשאפט אין סערעט איז פארביי. ער האט אפילו געהאט א פארגינטיקונג, וואס ער איז ניט דער איינציקער אין דער הינזיכט. צו סילוויאן האט ער איינמאל געזאגט: „האט דען דער קעניג מער צו זאגן? עס איז דאך אן אפענער סוד, אז ער מעג פארלאזן דעם פאלאץ נאר מיט דער צושטימונג פון די דייטשן און אין דער באגלייטונג פון א דייטשישער וואך. מע דער־ציילט אפילו, אז די דייטשן האבן אים אפגעזאגט נעמען וואקאציע ביים שווארצן ים. וואס איז רעכט פארן קעניג, איז פאר מיר, זיין געטרייען דינער, אויך גוט.״

בארבארעסקו וואלט אפשר ניט געווען אזא שמח בחלקו, ווען אנדערע געשעענישן וואלטן אים ניט געבראכט קיין טרייסט. אין סערעט האט מען איינגעקווארטירט די רעזערוו־באטאליאנען פון דריי טראנסילוואנישע רעגי־מענטן. דאס האט געגעבן דעם בארדעל נייע קונדן. אנשטאט די פריער־דיקע אפיצערן, וועלכע האבן פארלאזט סערעט ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האבן זיך איצט געפונען אין שטאט הונדערטער יונגע אפיצערן. צום מערסטן זיינען זיי געווען זין פון באיארן, וועמעס עלטערן האבן זיך פארזיכערט, אז זייערע בנים זאלן קיינמאל ניט גיין צום פראנט. זיי האבן געהאט ביי זיך געלט. דאן זיינען געווען רעקרוטן, וואס האבן געהאט הויכע פארבינדונגען אין קריגס־מיניסטעריום, אזוי אז מ׳האט זיך דארטן געזארגט, אז זיי זאלן אויף שטענדיק, אדער לכל הפחות פאר א לאנגער צייט, פארבלייבן אין סערעט. קורץ, דאס זיינען אלץ געווען יונגעלייט, וואס האבן קיינמאל ניט געוואוסט פון קיין געלט־זארגן; און אויסגעבן געלט אין סערעט איז אויך ניט געווען אזוי פשוט, ווייל וואס צו קויפן איז ניט געווען. דאס געלט האט דעריבער געפלאסן אין דעם בארדעל פון בארקע און מאניסאלי. דארט האט מען געקאנט אויסבייטן רומענישע געלט אויף דאלארן און גאלד־מטבעות, וואס מ׳האט שוין לאנג ארויס־געצויגן פון צירקולאציע, אויף א קורס, וואס איז געווען פון דריי ביז פינף מאל העכער, ווי דער אפיציעלער קורס. דארט האט געבליט א טויש־האנדל, און בארבארעסקו איז פון טאג צו טאג געווארן אלץ רייכער.

מיטן וואקסנדיקן וואוילזיין, האבן זיך אויך פארבעסערט די פאר־העלטענישן צווישן אים און זיין סילוויא. די מעשה אין דעם ברענענדיקן

„האמערהאף״ איז געווען לאנג פארגעסן און פארגעבן. בארבארעסקו האט געטראכט וועגן אויפגעבן זיין דינסט און אפן גילטן אלס שותף אין דעם באָרדעל. „מ׳דארף״, האט ער געזאגט סילוויאן, „שטיין ביי איין געשעפט. שליסלעך, איז דאס דער באָרדעל, וואס האט אונדז רייך געמאכט. מיר האבן ניט די קלענסטע סיבה זיך צו שעמען דערמיט. די פראגע איז נאר, צי זאל איך תיכף מאכן א פארזוך ארויסצושטופן מאניסאלין און א נאמען געבן די פירמע: בארבארעסקו און בארקע, אדער איך זאל אפשר די פירמע בארקע און מאניסאלי פארבייטן אויף בארבארעסקו און מאניסאלי?״

עס איז געווען א שיינער יולי־אָוונט. די קארשן זיינען שוין געווען רייף, אבער די אפריקאסן האבן ערשט געבליט. די פלוימען, וואס זיינען געווען אזוי גערעאטן, אז די ביימער האבן זיך כמעט געבראכן אונטער זייער משא, האבן אנגעהויבן איבערצוגייען פון גרין אין בלוי. געבליט האט אויך דער רויטער מאן. אויסערלעך, האט דער באָרדעל אויסגעזען ווי א גן־עדן. מאניסאלי האט געהאט די אמביציע צו האלטן דעם גארטן פון דעם באָרדעל אזוי שיין, אז ער זאל אפילו איבערטרעפן דעם בעיל־גארטן. קאראל באר־בארעסקו האט איינגעאטעמט דעם ריח פון די בלומען, איינגעאטעמט מיט א פולער ברוסט, און ער האט זיך געפילט גוט נאך דער חמימה, וואס האט געהערשט אין דעם באָרדעל גופא. אויף די בענק אונטער די ביימער זיינען געזעסן אפיצערן. קעלנער האבן סערווירט שוים־ווין און יונגע מיידלעך האבן גערעגט די תאווה. קאראל בארבארעסקו האט אנטוויקלט אין געדאנק א פלאן וועגן א גרויסן טייך, אין צייט מיט רודער־שיפלעך, און האט גע־טראכט, צי די דייטשן וועלן אים מאכן שוועריקייטן, אויב ער וועט פאר דעם צוועק נעמען דעם יידישן בית־עולם אלס טייל פון דער נחלה פון באָרדעל. ער האט געדענקט, פארקערט, די דייטשן וועלן גארנישט האבן קעגן דעם. די שוועריקייט איז באשטאנען אין דעם, וואס צווישן דעם באָרדעל און דעם יידישן בית־עולם, וואס מ׳האט געקאנט אויסגראבן, האט זיך געפונען א גאס. עס איז, אמת, ניט געווען קיין הויפט־גאס, אבער פארט א גאס. כל זמן איך בין אליין געווען דער הערשער, האט ער גע־טראכט, וואלט איך דאס געקאנט מאכן אן שוועריקייטן, ניט אנפרעגנדיק זיך ביי קיינעם, אבער איצט?

ער האט נאך געוואלט ארומרעדן דעם ענין מיט סילוויאן, ווייל סילוויא האט געפאדערט א שנעלע לייזונג. זי האט איצט געוואלט ארויסשטופןביידן, מאניסאלין און אויך די פריילין בארקע. „מיר קאנען דאס טאן אליין, אן דרויסנדיקער הילף.״

געוואוינט האט בארארבעסקו נאך אלץ אין דער געביידע פון דער אונטערפרעפעקטור. פול מיט פלענער און צוקונפט־האפענונגען איז ער צען אזייגער אין אָוונט אריינגעקומען אין זיין וואוינונג. סילוויא האט

געוואָרט אויף אים אין אַ גוטער שטימונג, ווי שוין לאַנג ניט. ער האָט אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס, וואָס זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט גאָלדענע קייטן, שטיקער צירונג און דאָלאַרן. דאָס איז געווען די פּרנסה פון אַן איונטן טויש־האַנדל אין דעם באַרדעל. זיי האָבן זיך ביידע אוועקגעזעצט אויף דעם באַלקאָן און באַרבאַרעסקו האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען פאַר איר זיינע פּלענער. סילוויאַ האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט צו רעדן וועגן דעם מיט האַנס קרולע, ווען זי וועט אים באַגעגענען אויף דער גאַס. קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט פאַר אַן אויגנבליק זיך געפילט ניט באַקוועם. סילוויאַ האָט אָבער צוגעגעבן: „איך טו דאָס פאַר דיר, מיין זיסער ערצענגעל.״

די דאָזיקע ווערטער האָבן באַרבאַרעסקון אַנטציקט. שוין לאַנג, אַז ער האָט פון איר מויל ניט געהערט דעם דאָזיקן צונאָמען. עס האָט אים דערמאָנט אָן זיין פרילינג, אָן דער צייט, וואָס ער איז, מיט סילוויאַן ביי דער זייט, אַריינגעפאָרן אין סערעט אויף אַן עלעגאַנטן שליטן, געשפּאַנט מיט צוויי פערד.

— ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געטראַכט, אַז פּאָליטיק גיט די מעגלעכקייט פאַר אַ קאַריערע. איך האָב געהאַט אַ גוטן געשעפט אין האַנט און אים אויפגעגעבן, כדי צו קאָנען זיך ווידמען דער פּאָליטיק. אָבער היינט, אויף דער עלטער . . .

סילוויאַ האָט אים אונטערגעבראָכן: „פאַר מיר קוקסטו נאָך אַלץ אויס ווי אַ יונגערמאַנטשיק.״ זי האָט אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויף זיין אַקסל און ביידע האָבן פאַרטרוימט געקוקט אין דער ווייטער, לבנה־באַלויכטענער נאַכט. „וואָס פאַר אַ גליק עס איז״, האָט באַרבאַרעסקו געזאָגט, „צו זיצן דאָ אַזוי רואיק, ווייט פון דעם שטורעם פון שלאַכט, און צו וויסן, אַז דאָ ניט ווייט פון אונדז, אין אַן אונטערנעמונג, וואָס געהערט אונדז אויף העלפט, וואָס מאָרגן וועט עס אפשר זיין אינגאַנצן אונדזערס, האָבן מענטשן פאַרגעניגן און דער דאָזיקער פאַרגעניגן אַרבעט פאַר אונדזער וואוילזיין.״

אַ בראַזג אין טיר האָט זיי אויפגעוועקט פון זייערע חלומות. אין צימער איז אַריינגעקומען פראַנץ צימערלע. אויף זיינע ליפּן האָט געשוועבט אַ שמייכעלע. אַזוי פריינטלעך האָבן זיי אים פריער קיינמאָל ניט געזען.

— אַנטשולדיקט, מיינע הערשאַפטן, וואָס איך שטער אייך אין אַזאַ שפּעטער שעה. איך בין שטענדיק צופרידן, ווען איך זע גליקלעכע פּניםער. איך האָב אַ פריידיק געפיל צו זען, אַז אמתע ליבע ווערט פון דער צייט ניט געריירט. שוין צען מינוט קלאַפּ איך אין דער טיר און איר האָט ניט געהערט, וואָס דאָס איז אַ גוטער סימן. אַזאַ ליבע איז אויך פאַר מיר אַ מוסטער.

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. סילוויאַ האָט געזאָגט:

— יאָ, פאַר דעם האָט מען נאָר אויגן, ווען מען איז פאַרליבט און מען האַלט אַליין ביים אַריינטרעטן אין דעם הייליקן צושטאַנד פון הייראַט. עס איז ניטאָ קיין שענערס און העכערס אין לעבן, ווי אַ גליקלעך פאַמיליע־לעבן.

— צוריקצוקומען צו דער ווירקלעכקייט, — האָט פראַנץ צימערלע באַמערקט. — אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב געשטערט אַזאַ שיינע שעה. אָבער פליכט קומט פריער פון אַלץ. גנעדיקע פרוי, אַנטשולדיקט וואָס איך וועל אוועקנעמען אייער מאַן פאַר אייניקע מינוטן, אפשר אַ האַלבע שעה.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט פון דעם דאָזיקן דייטש, ווען ער האָט געהאַסט מיטן גאַנצן האַרצן, געהערט אַ פריינטלעך וואָרט. ער איז היינט אָונט געווען אין אַזאַ גליקלעכער שטי־מונג, אַז די גאַנצע וועלט האָט אים אויסגעזען אין ראָזעווע קאָלירן. אָן מיסטרויען, אָן וועלכן פאַרדאַכט, איז ער אַרוים מיט פראַנץ צימערלע. זיין צוטרוי איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען דער דייטש האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער קאַלטן וויין און מ׳האָט געטרונקען פאַרן וואוילזיין פון דער אַרמיי. דאָס צימער פון דעם דייטש האָט אים איצט אויסגעזען פריינטלעך, אַרוים־רופנדיק צוטרוי. געשפּאַנט האָט ער געוואַרט צו הערן, וואָס יענער האָט אים צו זאָגן. ווארים אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס וויכטיקס, האָט ער פאַר־שטאַנען פון דעם, וואָס פראַנץ צימערלע האָט אים ניט געשיקט רופן, נאָר איז שפּעט ביינאַכט אַליין געקומען האָבן מיט אים אַ געשפּרעך.

— איך האָב אייך איינגעלאַדן צו זיך, ווייל פון דער קאָמאַנדאַנטור זיינען אָנגעקומען אייניקע פאַראָרדענונגען און איך וואָלט קיין זאַך ניט געוואָלט אונטערנעמען, איידער איך רעד זיך דורך מיט אייך. מען וויל איצט צוריק אויפבויען די חרובע פעטראָלעאום־ראַפינעריי און זי לאָזן אין גאַנג. ווייטער איז די ביר־ברויעריי באַשטימט פאַר אַ העכערער ליפערונג. אַחוץ דעם וועלן דאָ אויפגעבויט ווערן ווערהייזער פאַר לעבנס־מיטלען, וואָס וועלן באַזאָרגן סיי דעם הינטערלאַנד, סיי דעם פראָנט. איר האָט מסתמא באַמערקט, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען גרעסערע קאַזאַרמעס.

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט געענטפערט: „נאַטירלעך האָב איך ניט פאַרזען די דאָזיקע זאַכן. אָבער עס איז מיין וועג זיך ניט אַריינצומישן אין מיליטערישע ענינים, ווען מען געפינט ניט פאַר נויטיק מיך אָנצו־פאַרטרויען. סערעט געהערט צו די עלטסטע שטעט פון בוקאָווינע און עס איז ווירקלעך אַ פרייד, וואָס ביי אַזעלכע וויכטיקע אונטערנעמונגען האָט מען פריער פון אַלץ געטראַכט וועגן סערעט." ער האָט נאָך אַמאָל פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויפן דייטש. אַז יענער איז ניט געקומען אים דערציילן עטוואָס, וואָס יעדערער האָט אַליין געקאָנט זען, איז אים געווען קלאָר. ער

וואָלט איצט ניט געוואָלט באַלעסטיקט ווערן מיט אַרבעט, באַזונדערס ניט איצט, ווען ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזויפיל פּלענער.

דער דייטש האָט נאָך אַמאָל אָנגעפילט די גלעזער און געזאָגט:

— די יוגנט איז די צוקונפט און דער פונדאַמענט פון דעם פירער פאַר שאַפן אַ נייע אייראָפּע. אַזוי איז דאָס אין דייטשלאַנד, אַזוי וועט עס ווערן אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער. אָן דער יוגנט וואָלטן ביי קיינמאָל ניט געקאָנט קומען אַזוי ווייט. די געניאַליטעט פון דעם פירער ליגט אין דעם, וואָס ער האָט דאָס רעכטצייטיק איינגעזען און עס פאַרוואַנדלט אין מעשים. אַזוי דאַרף עס אויך זיין אין רומעניע. איך אַרבעט מיט אייך, הער אונטערפּרעפעקט, איצט איבער אַ יאָר און ס'איז פאַר מיר אַ כבוד און אַ פאַרגעניגן צו האָבן אייך קענען געלערנט. פאַר מיר איז קלאָר, אַז קיינער איז ניט מער באַרופן פאַר שאַפן אַ געזונטע, פון די העכסטע אידעאַלן באַגייסטערטע יוגנט, ווי איר, הער באַרבאַרעסקו. פאַר מיר זייט איר די פאַרקערפּערונג פון אַלע טוגנטן פונעם רומענישן פאָלק. בלויז אַ יוגנט, געפירט פון אייך, באַגייסטערט מיט אייערע האָפענונגען און אידעאַלן, קאָן ווערן דער זייל פון דער נייער רומעניע, ווי דער פירער האָט עס פאַר זיינע אויגן. איך וויל אייך דעריבער פרעגן, אויב איר וואָלט איינגעזאַנגען אַזוי גיך ווי מעגלעך, שוין מאָרגן, צו שאַפן אַזאַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין סערעט און אומגעגנט?

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט פון דעם דאַזיקן אָנבאָט זיך געפילט אי געערט, אי טיף גערירט. אוודאי האָט ער ניט געוואָלט באַלעסטיקט ווערן מיט צופיל אַרבעט. אים האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז אַלס פירער פון דער יוגנט, וועט ער אפשר ניט קאָנען אָפיציעל איבערנעמען דעם באָרדעל אויף זיין אייגענעם נאָמען. פון דער אַנדער זייט אָבער קאָן מען קיינמאָל ניט וויסן, צי מ'וועט אַ דאַנק דעם ניט גלייך באַקומען אַ שיינעם מיטול. מיינע פאַרדינסטן זיינען צימלעך פאַרגעסן. די אָרגאַניזאַציע, וואָס איך האָב אַמאָל געגרינדעט, איז פאַרבאָטן געוואָרן. עס איז אפשר דאָך גוט צו דערמאָנען וועגן זיך אין די הויכע פענצטער, און דאָס גיט מיר אַ געלעגנהייט. ער האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט צום דייטש און געזאָגט:

— איך נעם געמען אָן די אויפגאַבע, וואָס ווערט מיר צוגעטיילט, ווי איך האָב דאָס אַלעמאָל געטאָן אין מיין לעבן, און וועל טאָן אַלץ אין מיינע כוחות דורכצופירן די מיר געגעבענע אויפגאַבן פולשטענדיק צופרידנשטעלנד.

— איך האָב פון אייך קיין אַנדער זאַך ניט דערוואַרט. און איר קאָנט, הער אונטערפּרעפעקט, זיך פאַרלאָזן אויף מיין שטענדיקער אונטערשטיצונג. ווי שטאַרק איך זאָל ניט זיין פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, בין איך שטענדיק גרייט צו אייער דינסט.

דער דאָזיקער געשפּרעך האָט געשײנט פאַר באַרבאַרעסקון צו זײַן די קרוינונג פון דעם שײן־אַנגעהויבענעם אוונט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי איז איצט ניט די געלעגנהייט צו קריגן די צושטימונג פון דעם דײַטש פאַר זײַן פּלאַן וועגן דעם בית־עולם און דער צווישן־ליגנדיקער גאַס. ער האָט שוין געוואָלט שטעלן די פראַגע, נאָר האָט זיך אָפּגעהאַלטן און נאָך אַמאָל איבערגעטראַכט צי ער זאָל דאָס איצט טאָן. און מיטאַמאָל הערט ער פּלוצלונג די שטים פון דעם דײַטש: „יאָ, הער אונטערפּרעפעקט, איך וויל מיט אײַך רעדן וועגן נאָך איין פראַגע.”

— איך שטיי אײַנגאַנצן צו אײַער דינסט.

— עס האַנדלט זיך וועגן דעם פאַרגעניגנס־לאָקאַל.

קאַראָל באַרבאַרעסקון האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ צײכן פון הימל. ווען דער דײַטש הויבט אויף די דאָזיקע פראַגע, וואָלט געוווען נאַריש אים איצט ניט צו בעטן. אַ בעסערע געלעגנהייט איז קוים צו דערוואַרטן.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך, הער קאָמיסאַר? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב אויסגעפונען, הער אונטערפּרעפעקט, אַז די דאָזיקע פרײַלין — ווי הייסט זי גאָר? — יאָ, פרײַלין באַרקע, וועלכע איז אַ שותּף אין דער פירמע באַרקע און מאַניסאַלי, איז מצד איר מוטער פון יידישן אָפּשטאַם. איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן . . .

— ווי, וואָס זאָגט איר? — ער האָט פאַרלאָרן דעם לשון און קוים אַרויסגערעדט: — ווי, פרײַלין באַרקע פון יידישן אָפּשטאַם?

— נו, יאָ, איר האָט וועגן דעם גאָרנישט געוואוסט, הער אונטער־פּרעפעקט. מיר זײַנען אין דײַטשלאַנד ביי דער מאַכט שוין באַלד אַכט יאָר, רייניקן אומאויפהערלעך, און אפילו איצט פּאַסירט, אַז מיר געפינען פּלוצ־לונג אוים מענטשן, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר עכטע אַריער, וואָס געפינען זיך אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, און האָבן פון דער מוטערס צד, אָדער פון פאָטערס צד, אַ יידישן קרוב. איך ווייס, הער אונטערפּרע־פעקט, אַז איר האָט קיין שלעכטס ניט געמיינט, ווען איר האָט די דאָזיקע פירמע באַשטעטיקט. אָבער די זאַך איז ניט אַזוי טראַגיש. איך גלויב אויך, אַז איך האָב געהאַנדלט אין אײַער זין, ווען איך האָב באַשטימט דעם הער אַלטהאָף, וועלכער האָט זיך אומגעקערט מיט אייניקע וואָכן צוריק, אַלס קאָמיסאַרישן פאַרוואַלטער פון דער אונטערנעמונג. ער טויג זיך אויסגע־צײכנט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט און איז איצט וואַרשײַנלעך דאָרטן איבער־צונעמען די געשעפטן.

קאַראָל באַרבאַרעסקו איז געבליבן אַ פאַרגליווערטער. ער האָט געמוזט זיך אָנהאַלטן אַן שטול, ניט אַנידערצופאַלן. אין דער צײַט, וואָס ער געפינט זיך דאָ, זײַנען פרעמדע אַרײַנגעדרונגען אין זײַן קדשי־קדשים, ווערט זײַן טעמפּל פאַרשוועכט. דאָס וואָס פרײַלין באַרקע, זײַן טרייסטע שקלאַפין,

ווערט פאַרשעמט, האָט אים שטאַרק ניט געאַרט, איצט אַז זיין ליבע צו סילוויאַן איז אויפסניי אויפגעפלאַמט. אָבער פריילין באַרקע איז ניט געווען בלויז זיין מעטרעסע, זי איז געווען די נשמה פון דעם באָרדעל. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון די פּעקלעך באַנק־בילעטן, פון די שטיקער צירונג; זי איז געווען די צוקונפט, דער זין פון זיין לעבן.

— אוממעגלעך, — האָט ער געזאָגט. — עס מוז זיין אַ טעות. אַ הינטערפיסל מצד דעם דאָזיקן פאַרפלוכטן אַרמעניער. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דער דאָזיקער אַרמעניער וויל אַרויסשטופּן די פריילין באַרקע פון געשעפט. מיר מוזן זיך ערנסט פרעגן, אויב ער האָט בכלל אַ רעכט זיך צו באַטייליקן אין אַזאַ לעבנס־וויכטיקער אונטערנעמונג, ווי דאָס איז דער פאַרגעניגנס־לאָקאַל. טאַקע היינט אינדערפרי האָב איך געלייענט אין דער ציַיטונג, אַז דער אַרמענישער קאַטאָליקוס, דאָס איז אַ מין פּויפּסט פון דער אַרמענישער קירך, האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף פאַרן באָלשעוויזם. דאָס באַשטעטיקט, אַז די אַרמעניער זיינען באָלשעוויקעס. אַזאַ מאַניסאָלי, הער קאָמיסאַר, דאַרף, לויט מיין מיינונג, ניט נאָר דערוווייטערט ווערן פון דער אונטערנעמונג, נאָר דאַרף אַרעסטירט און געמשפּט ווערן. מ׳דאַרף אים תיכף דערשיסן. יאָ, הער קאָמיסאַר, עס איז געווען מיין טעות, וואָס איך האָב אים ניט דערקענט אין דער ריכטיקער צייט און ניט געמאַכט אומ־שעדלעך די דאָזיקע ניט־אַרישע בעסטיע. אָבער וואָס שייך פריילין באַרקע...

— איך זע, הער אונטערפּרעפעקט, אַז מיר זיינען אין דער הינזיכט איינגאַנצן איינפאַרשטאַנען. וואָרים דאָס וואָס איר דערציילט מיר וועגן דעם אַרמעניער, באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון די מיטלען, וואָס איך האָב אָנגענומען. ווען מ׳גיט נאָר אַ טראַכט: פריילין באַרקע איז פון יידישן אָפּשטאַם. הערי מאַניסאָלי איז אַ באָלשעוויק. און ביידע צוזאַמען זיינען די פירמע באַרקע און מאַניסאָלי, די אייגנטימער פון אַזאַ וויכטיקער אונטער־נעמונג! אָבער זאָרגט זיך ניט, הער אונטערפּרעפעקט. אויף אַלטהאָפן קאָן מען זיך פאַרלאָזן. ער וועט שוין מאַכן אָרדענונג.

— אָבער הער קאָמיסאַר, פריילין באַרקע, בשייכות פריילין באַרקע, איך וויל זאָגן אין באַצוג צו פריילין באַרקע . . .

— נו, וואָס שייך פריילין באַרקע, איז זי יידיש פון דער דריטער גענעראַציע און נאָר פון דער מוטערס צד. אויב איר זאָרגט זיך וועגן איר, קאָן מען זי ווידער אָנשטעלן אין דער פּאַטשט, אָדער אין אירגענד וועלכער ביוראָ. דאָס איז פון אַזאַ מינדערוויכטיקער באַדייטונג, אַז מיר דאַרפן זיך ניט צוליב דעם ברעכן דעם קאָפּ.

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט פעסט געהאַלטן אומגעקלאַמערט דעם שטול. די גאַנצע געביידע, די גאַנצע וועלט האָט זיך אים געדרייט פאַר די אויגן. ער האָט אינגאַנצן ניט באַמערקט, אַז דער דייטש האָט אינצווישן פאַר־

לאָזן דעם צימער. ער האָט נאָך געוואָלט אַרגומענטירן, ער האָט געוואָלט... וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן? אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ער איז אַרויסגעגאַנגען און ניט געוואוסט וואוהין ער גייט. דאַן האָט ער זיך געפונען לעבן סילוויאַן, וועלכע האָט צו אים געשמייכלט, איז אָבער געוואָרן פּלוצלונג ערנסט און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט?"

ער האָט געזען איר שמייכל און אים ניט געקאָנט פאַרטראָגן. איבער אַלץ האָט ער איצט ניט געוואָלט רעדן. עס איז אַלץ איינס געווען צו שפּעט.

זי האָט געזען ווי ער האָט זינלאָזיק אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל און האָט ניט־אַנטשלאָסן זיך אויסגעדרייט. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט ער איר אויסגעזען מער אומבאַדייטנדיק, ווי ווען עס איז פריער.

12.

דער הויפּט פון דער געהיים־פּאָליציי, סטעפאַן צערטיאַן, איז אייגנטלעך געווען צופרידן, וואָס אַ שינע פון זיין אויטאָמאָביל האָט געפּלאַצט דאָ, צופוסן פון טערעשעני. אין ערשטן מאָמענט, ווען זיינע העכערע באַאַמטע אין טשערנאָוויץ האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז באַשטימט אַלס דער פירער פון דער געהיים־פּאָליציי אין סערעט און אומגעגנט, האָט עס אים געפרייט. ער האָט געוואָלט אָוועקפאָרן פון טשערנאָוויץ. זיין היים איז פאַר אים געוואָרן אַ גיהנום. ער האָט מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אַטמאָספערע און ער האָט געוואָלט מ'זאָל אים שיקן ערגעץ אַנדערשוואו. אונטערוועגנס אָבער האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען. איז ער איבערהויפּט נאָך פּאַסיק פאַרן דינסט?

אין אָוונט האָט ער זיך געדאַרפט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם דייטש — וואָס איז זיין נאָמען? — פראַנץ צימערלע. אַלס אַ גלייכער מיט אַ גלייכן האָט ער געזאָלט אַרבעטן דאָרטן. ניט דער דייטש וועט זיין העכער פון אים און ניט ער העכער פון דעם דייטש. מ'האָט אים באַטאָנט, אַז דער דאָזיקער פּאָסטן ווערט אין דעם מאָמענט באַטראַכט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע. מ'האָט געפּלאַנט צו לאָזן אין גאַנג די סערעטער פּעטראָ־לעאום־ראַפינעריי, וואָס האָט שוין אַ צייט־לאַנג ניט געאַרבעט. די ביר־ברויעריי האָט געדאַרפט אויסגעשטאַטעט ווערן פאַר גרעסערע ליפערונגען און גרויסע ווערהייזער האָט מען געדאַרפט בויען פאַר מאָלדאַווישער תבואה. אין לעצטן אויגנבליק האָט דער שעף אים נאָך פאַרזיכערט, אַז סערעט קאָן פאַר אים ווערן אַ שפּרינגברעט פאַר אַ גרויסער קאַריערע.

זיי זיינען געווען קוים פערציק מינוט אונטערוועגנס, ווען די שינע פון דעם אויטאָמאָביל האָט געפּלאַצט. אין די דאָזיקע פערציק מינוט האָט ער אומזיסט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך קלאָר צו מאַכן וועגן זיין לאַגע. ער

האָט זיינע געדאַנקען ניט געקאָנט פֿאַרבינדן אָדער ווייטער אַנטוויקלען. די געדאַנקען האָבן זיך געיאָגט איינס נאָכן אַנדערן. וואָס מער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט זיך צו קאָנצענטרירן, אַלץ כאַאָטישער איז אים געוואָרן אין קאָפּ. דריי וואָכן צייט ווי ער האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט אַ דייטש פּנים אל פּנים. און היינט דאַרף ער חבריש, יאָ, ווי זיין שעף האָט באַטאָנט, האַרציק רעדן מיט דעם דאָזיקן פֿראַנץ צימערלע.

אין גראָבן און אויף די פֿעלדער אַרום איז געלעגן אָנגעוואָרפֿן ברוכוואַרג — אויבערשטע טיילן פֿון אויטאָמאָבילן און שטעכיקע דראָט, צעזעגטע טעלעגראַף־סלופּעס, ליידיקע פֿעסער. פּויערים און פּויערטעס, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון רומענישע סאָלדאַטן און דייטשן אין שוואַרצע אוניפֿאָרמען, זיינען געווען באַשעפֿטיקט מיט אויפֿראַמען דעם כלאַם. דאָס ערשטע וואָס האָט זיך אים געוואָרפֿן אין די אויגן, ווען ער איז אַרויס פֿון דעם אויטאָמאָביל, איז געווען די קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפֿונען ביים וועלדל, צופֿוסן דעם טערעשעני־באַרג. די גאַנצע פּאַנאָראַמע האָט אויסגעזען ווי אַ בינע־דעקאָראַציע, אָבער ס׳איז געווען די ווירקלעכקייט, ווי אומווירקלעך עס האָט ניט אויסגעזען.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער קרעטשמע. זי איז אים ניט געווען פֿרעמד. הינטער דער באַר (שענק־טיש) איז געשטאַנען דער אַלטער מאַנדלבוים. סטעפֿאַן צערטיאַן האָט געהאַט אַן אָנגענעמע קינדער־דערינערונג פֿון דער דאָזיקער קרעטשמע. ער איז דאַן אַלט געווען פֿיר יאָר; זיין פֿאָטער, דער גרענעץ־באַאַמטער אויף דער רומענישער זייט, האָט אים צום ערשטן מאָל מיטגענומען אין טשערנאָוויץ. קיין געלט צו פֿאָרן מיט דער אייזנבאַן האָבן זיי ניט געהאַט. זיינען זיי אַ זונטיק אָוונט אָפּגעפֿאָרן אויף אַ לאַסטוואָגן פֿון סערעט און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זעלביקער קרעטשמע. עס איז דאַן אויך געווען זומער, אָבער ווי אַנדערש אַלץ האָט דאָ דאַן אויסגעזען!

דאָס בילד איז אים געשטאַנען לעבעדיק פֿאַר די אויגן. צוויי פּויערים האָבן געשפּילט אויף האַרמאָשקעס, אַ יונגער בחור האָט געשפּילט אויף אַ פֿלייט, און פֿיל פּאָרלעך האָבן געטאַנצט צום טאַקט, אינעווייניק אין דער אכסניה און אינדרויסן דערביי. פֿערד האָבן זיך געפּאַשעט אין שטאַלן און באַראַקן. אין דער קרעטשמע, צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, האָט אַרומגעשמייעט דער אַלטער מאַנדלבוים — ניין, דעמאָלט איז ער גאָר ניט אַלט געווען, האָט געהאַט אַ קויל־שוואַרצע באָרד — און צוגעטראָגן איינעם וויין, אַ צווייטן ביר, אַן אַנדערן שנאַפּס און טיי. עס איז געווען אַ יום־טוב, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פֿריער ניט געזען. יידישע פֿורמאַנעס, רוטענישע און רומענישע מיידלעך, אין זייערע שיינע, אַליין־געוועבטע, בלומען־אויסגענייטע לייוונטענע קליידלעך, האָבן זיך קאָלירפֿול אויסגעמישט, און צו דער

זעלביקער מוזיק האָבן פאַרשיידענע פאַרלעך געטאַנצט פאַרשיידענע טענץ. הלוואי וואָלט ער דעמאָלט פאַרבליבן דאָ אויף אייביק!

אויך איצט איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. אָבער קיינער האָט ניט געטאַנצט, קיינער האָט ניט געזונגען. די פעלדער זיינען געווען פאַרוויסט, דאָס וועלדל איז געוואָרן שיטער. קיין זאַך וואָלט דאָ ניט געווען מער אומזיניק, ווי געזאַנג און טענץ. זינט זיין דעמאָלטיקער ערשטער רייזע אין זיין קינדהייט, איז ער אָפּט דאָ פאַרבייגעפאָרן, און שטענדיק האָט דער דאָזיקער וועג געמאַכט אויף אים אַ באַזונדערן איינדרוק. אַלייען אויבסטביימער. אַלע פויערשע הייזער ווייס געפאַרבט. אַ זויבערקייט — שווער צו געפינען. די פאַרקאַנס פון אַלערליי קאָלירן. די ביימער געפלעגט. אין ערגעץ האָט ער ניט געזען אַזעלכע שיינע קאַרשן, ווי דאָ.

אָבער פון דעם אַלעם איז איצט ניט פאַרבליבן קיין שפּור. דער בית־עולם, וואָס ער האָט דאָ געזען, איז געווען דער פערטער אויף דער קורצער שטרעקע פון טשערנאָוויץ אהער. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי דער אַלטער מאַנדלבוים געפינט זיך נאָך דאָ. ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן דעם דאָזיקן אַלטן ייד איבערגעלאָזט ביים לעבן? ער האָט צוגערופן דעם אַלטן און זיך נאָכגעפרעגט ביי אים וועגן זיין פרוי און זיינע טעכטער. דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט זינלאָז, ווי ער וואָלט פאַרלאָרן דאָס לשון. זיינע אויגן זיינען געווען אויסגעלאָשן, די ווייסע באָרד איז געווען שיטער, ווי דאָס דערבייאיקע וועלדל. אַ באַוועגונג מיט דער רעכטער האַנט, וואָס האָט געשיינט אים צו פאַרשאַפן גרויס ווייטיק, איז געווען דעם אַלטנס איינציקער ענטפער.

סטעפאַן צערטיאַן האָט אַ פרעג געטאָן — און ער האָט באַלד חרטה געהאַט, וואָס ער האָט די פראַגע געשטעלט: „האָט איר ניט געהאַט אויך זין?" קיין ענטפער. און ער האָט דעם אַלטן פאַרשטאַנען. הייַנט האָט ער אים פאַרשטאַנען. מיט אַ פּאָר וואָכן פריער וואָלט ער אפשר אים לחלוטין ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אים געבעטן, אויב ער קאָן אים ניט געבן אַ גלאָז ביר. דער אַלטער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט דער רעכטער פּלייצע. אַ גלאָז טיי? אַ לימאָנאַד? אפשר אַ שנאַפּס? דער אַלטער האָט אים געבראַכט אַ גלאָז שנאַפּס.

ער האָט אויסגעטרונקען דעם שנאַפּס אין איין אָטעם, האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן. זיין בליק איז ווידער געפאַלן אויף די פיל קברים ביים וועלדל. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אים איינגעגראָבן אין ביידע הענט און שטאַר געקוקט פאַראויס. מיט אַלע זיינע כחות האָט ער פּרובירט ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף עפּעס אַנדערש. ביי אַ דערבייאיקן טיש זיינען געזעסן רומענישע סאָלדאַטן. ער האָט געוואָלט נאָכפאָלגן זייער געשפּרעך, אָדער אַפילו זיך צוזעצן צו זייער טיש, כדי ניט צו

זיין אַליין. אָבער ווי נאָר ער האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן, זיינען זיי אַנט־שוויגן געוואָרן. די סאָלדאַטן זיינען געווען אַנגעשראָקן און האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי.

אומבאַוואוסט, האָט ער אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט זיין לינקע ברוסט־קעשענע. יאָ, דאָרט איז געלעגן דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט די אָפּשייד־ווערטער פון זיין פרוי. ער האָט עס אַ נעם געטאָן, אָבער ניט אַרויסגענומען. צוליב וואָס? דעם קורצן אינהאַלט האָט ער געוואוסט זייער גוט:

„זעקס דייטשן זיינען זיי געווען, וועלכע האָבן זיך אויף מיר אַרויפּ־געוואָרפן. איך האָב געשריען, זיך געבעטן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך אַליין בין די פרוי פון אַ רומענישן אָפיצער. עס האָט מיר אָבער ניט געהאָלפן. איך קאָן די שאַנד ניט אַריבערטראָגן. זיי ניט בייז אויף מיר און טראַכט וועגן מיר.

דיין ווירגיליאַ."

מיט וועלכע האָפענונגען האָט ער דאָס מאַרשירט צוזאַמען מיט די פאַראויסשטורמענדיקע דייטשישע און רומענישע טרופּן! ווען ער טראַכט איצט וועגן זיינע דעמאָלטיקע מחשבות, האָבן אים שוין פריער געמאַטערט ספיקות.

די רוסן זיינען געקומען אין טשערנאָוויץ. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און איבערלאָזן זיין פרוי, צוליב קראַנקהייט, ביי קרובים. ווען די דייטשן זיינען אָנגעקומען אין לאַנד און געוואָרן די באַלעבאַטים, זיינען געקומען די ספיקות, צי די זאַך, פאַר וועלכער ער האָט יאָרלאַנג געקעמפט, איז געווען ריכטיק. ער האָט זיך געוואָלט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זיין פרוי דורך דיפּלאָמאַטישע קאַנאַלן. אָבער די דייטשן האָבן דאָס ניט דער־לאָזן. ער האָט אָפּט געטראַכט וועגן אויפגעבן זיין דינסט און אומלעגאַל אַריבערגיין אויף דער רוסישער זייט. אָבער אַ פליכט־געפיל, אַנטוויקלט אין משך פון פיל יאָרן, האָט אים צוריקגעהאַלטן. ער האָט פון דעם געפיל זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

אין דער נאַכט, ווען זיי האָבן געשטורעמט טשערנאָוויץ, האָט ער ניט געקוקט אויף קיין שום געפאַר. ער איז געווען אין די פאָדערשטע רייען, האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיין פון די ערשטע, וואָס וועלן אַריינקומען אין שטאָט. אָבער ווען ער איז אָנגעקומען מיט אַ דייטשישער אָפּטיילונג אויף דעם רינגפּלאַץ, האָט שוין אויף דער געביידע פון ראַטהויז געפלאַטערט די פאָן מיטן האַקנקרייץ.

אָן אָטעם איז ער אַוועקגעלאָפן צו זיין אַלטער וואוינונג, אויף דער הערנגאַס. עס איז געווען די בענקשאַפט נאָך זיין פרוי, וואָס האָט אים געמאַכט בלינד, אַז ער זאָל ניט זען וואָס עס קומט פאַר אַרום אים. עס האָט שוין געגרויט אויף מאָרגן, ווען ער האָט זיך געפונען ביים אַריינגאַנג

פון זיין הויז. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער זעט ברענענדיקע ליכט אין שלאָף־צימער. דער הויז־וועכטער האָט אים אָנגעקוקט אַ צעמישטער, ניט געענטפערט אים אויף זיינע פראַגן, נאָר איז שטום געגאַנגען פאָראויס און געעפנט די טיר פון זיין וואוינונג. די פרוי איז געלעגן אַ טויטע אויפן בעט און לעבן בעט האָבן געברענט ליכט. דער הויז־וועכטער האָט געשוויגן. ער האָט אים אָנגעוויזן אויפן בריוול, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. ער האָט ניט געקאָנט צווייפלען — ס'איז געווען זיין פרוים האַנטשריפט.

מען האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט, צוויי שעה נאָכדעם ווי ער האָט געפונען זיין פרוי אַ טויטע אין בעט, מיט אויפגעשניטענע אָדערן. אַ דייטשישער אויבערלייטענאַנט איז געקומען צו אים אויסדריקן מיטגעפיל אין נאָמען פון דער דייטשישער קאָמאַנדאַנטור. ער האָט נאָך איצט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט געבן דעם דייטש די האַנט. אפשר איז דער דאָזיקער אויבערלייטענאַנט אַליין געווען איינער פון די זעקס, וואָס האָבן זיין ווירגיליאַ געטריבן צום טויט. איצט דאַרף ער אַרבעטן צוזאַמען מיט אַ דייטש, דאַרף ער, דער געשענדעטער און דערנידעריקטער, רייניקן דאָס לאַנד.

וואוהין און צוליב וואָס? די דאָזיקע פראַגע האָט אים איצט גע־מאַטערט. ער האָט געפּאַלגט דעם באַפעל פון זיין שעף, און ווען ניט דער צופאַל מיט דעם געפּלאַצטן גומי־שוך, וואָלט ער איצט שוין געהאַט באַ־געגנט דעם דייטש. ווי זאָל ער זיך באַנעמען? וויפיל ער זאָל זיך ניט סטאַרען, קאָן ער ניט קומען צו אַ קלאָרן באַשלוס. איין געדאַנק האָט ער פאַר די לעצטע דריי וואָכן: נקמה. אָבער נקמה פון וועמען? קען ער דען די לומפּן? זיי זיינען געווען זעקס — זעקס פון פיל טויזנטער.

שטיל, אָן דעם אַז ער זאָל דאָס באַמערקן, האָט דער אַלטער מאַנדלבוים אים געבראַכט אַ צווייטע גלאָז שנאַפּס, וואָס ער האָט ווידער אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין טרינקער. שנאַפּס פאַר־ווירט, באַטויבט, מאַכט אוממעגלעך צו דענקען. אָבער איצט האָט ער גע־האַט אַ געפיל, אַז דער שנאַפּס רייניקט זיין מאַרך, אַז דער שנאַפּס שלענגלט זיך דורך די מאַרך־קאַנאַלן און צעזייט דעם געדיכטן נעפּל, עפענענדיק אַן אויסקוק אין דעם אומענדלעכן ווייטן. ער האָט באַשטעלט אַ דריטע גלאָז שנאַפּס, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ דורשטיקער, און האָט ווידער איינ־געגראָבן זיין קאָפּ אין די הענט.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שטים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען ביים שענק־טיש אַ פּויער, אַ פּויער פון אַ יאָר פופציק, מיט אויפגעדרייטע וואָנצעס, אַ רויטלעכן מאָגערן פּנים, אין שמוציקע לייוונטענע הויזן און אַ שטאַרק־צעריסענעם קאַפּטאַן, ווי עס טראָגן געוויינלעך די פּויערים פון דער געגנט. די טיפע שוואַרצע אויגן! די דאָזיקע אויגן קאָנען

גאָר זיין די אויגן פון זיין פריינט חיים. ער האָט באַשטעלט נאָך אַ גלאָז שנאַפּס, באַשטעלט אויף אַ הויכן קול און באַמערקט, אַז דער פויער האָט אַ ציטער געטאָן ביים קלאַנג פון זיין שטים.

סטעפּאַן צערטיאַן האָט אויפגעציטערט. זאָל ער צוגיין צו אים? זאָל ער רעדן צו אים? עס איז ניטאָ קיין שום ספק — דאָס איז זיין פריינט חיים לאַנדער, דער זון פון דעם אָרעמען יידישן פויער אויף דער זייט פון דער אַמאָליקער גרענעץ; חיים, זיין ערשטער און איינציקער שפּיל־חבר פון די קינדער־יאָרן, וועלכער איז בלויז מיט צוויי טעג יינגער פון אים, זיין פריינט און שול־חבר ביז צום זיבעצנטן יאָר, ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווי אָפט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין דער שול, האָט ער געגלויבט, אַז אַ דאַנק זיין חברן זיך מיט חיימען, האָט ער זיך אויסגעלערנט די דייטשישע שפּראַך. ער האָט אָבער אויסגעפונען, אַז די שפּראַך, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט, איז געווען יידיש, ניט דייטש. ווי אָפט האָט די קענטעניש פון דער דאָזיקער שפּראַך אים געפּלאָגט זיין געוויסן, ווייל אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט גערעדט יידיש ווי אַ ייד, האָט ער געקאָנט זיך אַריינ־דרייען אין יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן אין בוקאַרעשט, אין יאַסי, אין דאָראָי און באָטשאַני, אָן אַרויסרופן אַ חשד, און אויף אָט דעם אופן זיך שנעל דערדינען צום ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן אין דער געהיים־פּאָליציי. אויב אַ מענטשנס אַנוועזנהייט קאָן אויפלעבן יוגנט־חלומות, איז אַזאַ מענטש פאַר אים געווען חיים. ער האָט מער געוואוסט וועגן חיימס טעטיקייט, ווי דער לעצטער האָט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן. ער האָט געוואוסט די גאַנצע צייט, אַז חיים איז געוואָרן אַ דאָקטאָר, אַז ער איז געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז ער האָט די לעצטע יאָרן, ביז די רויטע אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט אין בעסאַראַביע, געוואוינט אין קישענעוו. צוליב חיימען האָט מען אים צוויי מאָל געשיקט קיין קישענעוו, און די קישענעוור־באַשטימונגען האָבן אים געבראַכט העכערונגען אין ראַנג.

ווען ער האָט חיימען דערזען, האָט דער לעצטער געהאַלטן ביים פאַר־לאָזן די קרעטשמע. ס'איז געווען קלאָר, אַז חיים האָט אויך אים דערקענט און האָט געוואָלט אויסמיידן אַ באַגעגעניש. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, וואָס ער טוט, איז סטעפּאַן צערטיאַן אויפגעשפּרונגען און אַרויפ־געלייגט זיין האַנט דעם פויער אויף דער פּלייצע, און ניט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט, האָט ער אים צוגעפירט צו זיין טיש און געלאָזן אים אַוועק־געזעצט אויף אַ שטול.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט דער פויער געפרעגט.

— חיים, — האָט ער אויפגערעגט געענטפערט, — האָסט פאַרגעסן אונדזער פריינטשאַפט?

חיים האָט גערעדט אויף אוקראַיניש און ער האָט אים געענטפערט אויף יידיש.

— חיים, דו ביזט געווען דער איינציקער פריינט, וואָס איך האָב אויף מיין לעבן געהאַט. וואָס איך בין היינט און וואָס איך זאָל ניט האָבן געווען די לעצטע יאָרן, איז ביי מיר וויניקסטנס עפּעס פאַרבליבן צווישן אונדז, וואָס איז שטאַרקער פון אַלץ, וואָס בינדט געוויינטלעך מענטשן. זאָג כאָטש איין וואָרט, רעד צו מיר, זאָג אַז דו דערקענסט מיך.

אין אָט דעם מאָמענט איז אין קרעטשמע אַריינגעקומען אַ דייטש אין אַ שוואַרצן אוניפאָרם און אַ ציווילער. סטעפאַן צערטיאַן האָט געקענט דעם ציווילן. ער האָט אים געקענט און געהאַסט. ער האָט זיך מיט אים באַקענט — ווינטילאַ פּישקו איז געווען זיין נאָמען — אין אוניווערסיטעט. שפּעטער האָט ער אים באַגעגנט אין דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע „ערצענגעל מיכאַיל" און דאַן אין דער סיגוראַנצאַ. פּישקו איז געווען אַן אַגענט, איינער פון די מענטשן וואָס מ'קאָן געפינען אין די צענדליקער אין יעדער סיגוראַנצאַ־אָפּטיילונג, וועלכע אַרבעטן אויף קאָמיסיע און מ'צאָלט זיי פאַר יעדער שטיקל אַרבעט. אַ דאַנק פּראָטעקציע, האָט מען אים שפּעטער אַריינגענומען אין דינסט. ער איז געווען אַ מסור, אַ כאַבאַרניק, און האָט זיך אפילו ניט אָפּגעהאַלטן פון פּשוטע גניבות.

די צוויי האָבן דורכגעקאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געזעסן ביים דערבייאיקן טיש, און זיך דאַן געווענדט צו סטעפאַנען און חיימען. סטעפאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף פּישקון און זיין בלוט איז אים אַריין אין פּנים. פּישקוס איין בליק איז געווען פאַר אים גענוג צו וויסן, אַז אויך ער, פּישקו, האָט חיימען דערקענט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז פּישקו האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין דער הויפּט־שטאָט פון בעסאַראַביע, קישענעוו. ער האָט אויך געזען, אַז חיים האָט פּישקון דערקענט און זיך געסטאַרעט צו פאַרבלייבן רואיק.

חיים איז פאַרלאָרן, האָט צערטיאַן געטראַכט. פּישקו וועט זיך ניט קווענקלען קיין איין מינוט איבערצוגעבן חיימען אין די הענט פון דעם „ס.ס."־מאַן, אויסצוליפערן אים צו דער געשטאַפּאָ. ער האָט געהערט ווי פּישקו האָט געפרעגט חיימען: „אייערע פּאַפּירן ?" די פראַגע האָט פּישקו אַזוי אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס לענגער הנאה האָבן פון חיימס מאַטערניש. און באַלד האָט ער דערהערט אַ צווייטע שטים, וואָס האָט געזאָגט: „ער איז אין מיין דינסט." ווען סטעפאַן האָט געהערט אָט די צווייטע שטים, האָט ער זיך אַליין קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, אַז דאָס איז זיין אייגענער קול.

סטעפאַן האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די לעגיטימאַציע, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר אין טשערנאָוויץ און פון

דעם פירער פון דער געשטאפּאָ, און זי דערלאַנגט דעם דייטש אין דעם שוואַרצן אוניפאָרם. די אידענטיפיקאַציע פון סטעפאַן צערטיאַן איז געווען פעסטגעשטעלט אויסער וועלכן צווייפל. דער מאַן אין דעם שוואַרצן אוניפאָרם האָט נאָך אַמאָל אַ פרעג געטאָן: „אייער מאַן?” סטעפאַן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער שוואַרץ־אוניפאָרמירטער האָט פישקון געגעבן אַ צייכן אים צו באַגלייטן. ביים פאַרלאָזן די קרעטשמע, האָט פישקוביידן צוגעוואָרפן אַ בליק, פול מיט האַס.

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט פאַר אַן אויגנבליק חיימען פאַרווירט — פריער די באַגעגעניש מיט סטעפאַנען און איצט מיט פישקון, וועלכע האָבן אַזוי שנעל נאָכגעפאָלגט איינס נאָכן צווייטן, האָט אים געמאַכט גלויבן, אַז די גאַנצע זאַך איז געווען אַן אָפּגעמאַכטע. סטעפאַן האָט אים בכיוון אָפּגעשטעלט, כדי אים איבערצוגעבן אין די הענט פון פישקו און דער געשטאַפּאָ. וואָרים חיים האָט גוט געוואוסט, אַז סטעפאַן איז אַ הויכער באַאַמטער פון דער סיגוראַנצאַ.

ער האָט געהאַט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט זיין לעבן טייער פאַרקויפן, און ווען פישקו און דער געשטאַפּאָ־אַגענט זיינען צוגעקומען צום טיש, האָט ער געהאַט גרייט די האַנט אויפן רעוואָלווער אין זיין רעכטער קעשענע. דאָן אָבער איז געקומען דאָס איבערראַשנדיקע. סטעפאַן האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט און פאַר דעם מאָמענט געראַטעוועט זיין לעבן, שטעלנדיק דערביי אין געפאַר זיין אייגענע קאַריערע און אויך זיין קאָפּ. אַז דער געשטאַפּאָ־אַגענט האָט רעספּעקטירט סטעפאַנס לעגיטימאַציע, איז געווען קלאָר; ער האָט נאָך ניט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער פונקט אַזוי איז געווען קלאָר, אַז פישקו וועט דעם ענין ניט אָפּלאָזן.

פונקט דאַן איז דער שאָפער אַריינגעקומען און דערקלערט, אַז ער האָט פון די דייטשן באַקומען אַ צווייטן גומענעם שוך פאַרן אויטאָמאָביל און זיי קאָנען פאָרן ווייטער. חיים האָט געזען, אַז סטעפאַן האָט ערשט איצט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וואָס זיין האַנדלונג וועט פאַר אים באַדייטן, ווען מ'וועט זיך דערוויסן וואָס ער האָט דאָ געטאָן. ער האָט זיך געפרעגט: וואָס האָט געקאָנט באַוועגן דעם הויכן באַאַמטן פון דער געהיים־פּאָליציי זיך פאַר מיר איינשטעלן, צו מאַכן אַזאַ אַנטשיידענעם שריט אין זיין לעבן? אַלטע פריינטשאַפט? דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן? ווען מען איז יאָרנלאַנג אין דינסט פון דער סיגוראַנצאַ, ווען מען איז דורכגעגאַנגען די שול פון דעם „ערצענגעל מיכאיל” און פון דער „אייזערנער גוואַרדיע” — וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן דאַן דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן? אָדער האַנדלט זיך עס וועגן די סתירות צווישן דער „אייזערנער גוואַרדיע” און דעם הערשנדיקן רעזשים? חיים האָט געוואוסט, אַז נאָכדעם ווי היטלער האָט געצוואונגען אָפּצוטרעטן טראַנסילוואַניע צו אונגאַרן, איז אַ גרויסער טייל

פֿון דער „אייזערנער גוואַרדיע" געשטימט קעגנעריש צו היטלערן און רעם איצטיקן רעזשים. אויב דאָס איז געווען דער מאָטיוו, אויב סטעפֿאַן איז קעגנעריש צום רעזשים און דאָס איז דער מאָטיוו פֿון זיין האַנדלונג, דאַן איז עס נאָך מער ניט־אויסגערעכנט, ווייל ער האָט דורך דעם זיך אויפֿגעדעקט.

סטעפֿאַן, אויף וועמעס פּנים מ'האָט געקאָנט לייענען די גרויסע אָנשטרענגונג, וואָס ער לעבט איבער, האָט געזאָגט דעם שאָפֿער, אַז ער זאָל וואַרטן אויף אים עטלעכע מינוט אין דרויסן, און ווען יענער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך געווענדט צו חיימען: „צום באַדויערן, קאָן איך דאָ לענגער ניט פֿאַרבלייבן, אָבער איך וואָלט נאָך געוואָלט רעדן מיט דיר וועגן אַ סך זאַכן. אפֿשר וועסטו מיך באַגלייטן אַ שטיקל וועג?" און ווען חיים האָט אים ניט געענטפֿערט, האָט סטעפֿאַן געזאָגט שטאַרק גערירט: „איך פֿאַרשטיי דיין אומצוטרוי, אָבער דו באַגרייפֿסט ניט מיין האַנדלונג און דער מאָטיוו איז דיר ניט באַקאַנט. איך וואָלט געוואָלט דיר, דעם איינציקן פֿריינט וואָס איך פֿאַרמאָג, זאָגן עטלעכע ווערטער, אין דער שווערסטער שעה פֿון מיין לעבן. הער, חיים, איך האָב מיט דריי וואָכן צוריק פֿאַרלאָרן מיין פֿרוי, וועלכע איך האָב געליבט מיט מיין גאַנצן האַרצן. זי איז געווען אַ קרבן פֿון די דאָזיקע באַרבאַרן, וועלכע זיינען געקומען אין אונדזער לאַנד."

חיים האָט אים געענטפֿערט: „און ווער האָט זיי געבראַכט אַהער, אויב ניט דו און דיינס גלייכן? וויפֿיל פֿרויען זיינען דורך אייער טעטיקייט פֿאַרגוואַלטיקט און אומגעבראַכט געוואָרן? וויפֿיל יידן האָט איר דערמאָרדעט, איידער די דייטשן זיינען נאָך געקומען אין לאַנד?"

סטעפֿאַן האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. „וואָס דו זאָגסט מיר, חיים, האָב איך אין די לעצטע דריי וואָכן זיך אַליין געזאָגט זייער אַ סך מאָל. דער פֿאַרלוסט פֿון אַ מענטשן, וואָס איז פֿאַר מיר געווען אַלץ אין מיין לעבן, האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. מיט פֿיר וואָכן צוריק וואָלט איך דיר אפֿשר ניט פֿאַרשטאַנען. דעמאָלט וואָלט איך אַנדערש געהאַנדלט, ווייל איך ווייס מער וועגן דיין אַרבעט און טעטיקייט, ווי דו שטעלסט זיך דאָס פֿאָר. געוויס, איך וואָלט פֿריער ניט געהאַנדלט אַזוי ווי ווי איצט. אין אַזאַ אַנטשיידענעם מאָמענט, וואָלט איך מסתמא דיר איבערגעגעבן אין זייערע הענט, ווען דאָס האַרץ וואָלט מיך אַפֿילו געבלוטיקט. דעמאָלט האָב איך געהערט צו זיי. היינט — דאָס איז מיר איצט געוואָרן קלאָר — ניט מער. דו פֿאַרשטייסט, וואָס איך האָב געטאָן. און זאָלן מיר איצט אָט אַזוי זיך פֿאַנאַנדערגיין? מאָרגן קאָן איך זיין אין אומשטענדן פֿון אַ געיאָגטער חיה, ווי דו, אָדער אפֿשר מער ניט לעבן אַפֿילו. איצט וועט מיר מער ניט זיין שווער זיך צו שיידן מיטן לעבן. אָבער אַזוי פּשוט וויל איך ניט. נקמה וויל איך נעמען, בלוטיקע נקמה! איך מוז לעבן,

נקמה צו נעמען פאַר דעם פאַרברעכן איבער מיין פרוי. חיים, קום אַריין צו מיר אין אויטאָמאָביל און לאָמיר רעדן נאָך אַ פּאָר מינוט, ווייל איך קאָן דאָ מער קיין איין מינוט ניט פאַרבלייבן.״

חיים איז אים נאָכגעגאַנגען.

דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן לאַנזאַם באַרג־אַרויף. סטעפאַן האָט געהאַלטן די האַנט פון זיין אַמאָליקן חבר אין זיינער. ער האָט געוואָלט רעדן, אָבער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער. און צו וואָס רעדן? אַלץ איז געווען קלאָר. זיי זיינען ביידע נאָך קינדער. זיי האָבן זיך אונטער־געהאַנגען אויף אַ וואָגן, וואָס פאָרט פון דער גרענעץ־סטאַציע, סערעט, קיין מיהאַלעני און זיינען ביידע געקומען שפּעט אַהיים. חיים וועט אים פאַר־טיידיקן פאַר זיינע עלטערן און ער וועט טאָן דאָס זעלביקע פאַר חיימס עלטערן. און דאַן וועלן זיי צוזאַמען פאַרזעצן טרוימען וועגן דער צוקונפט, וועגן אַ געמיינזאַמער רייזע איבער דער וועלט. יאָ, ווער ווייס פון וואָס? פון עטוואָס, וואָס נאָר קינדער קאָנען טרוימען, און וואָס איז אַזוי שוין...

דער שאָפער האָט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. חיים האָט אַ קוק געטאָן פון דעם אויטאָמאָביל־פענצטער. פישקו און דער דייטש, וועלכער האָט געזאָגט אין אַ פּליסיקן רומעניש: „אַנטשולדיקט מיך, הער הויפּטמאַן, וואָס איך באַלעסטיק אייך נאָך אַמאָל. אָבער איר ווייסט דאָך צום בעסטן, אַז מ׳קאָן ניט זיין נענוג פאָרזיכטיק. מיר מוזן אַ קוק טאָן אויף דער לעגיטימאַציע פון אייער באַגלייטער.״

סטעפאַן האָט געענטפערט אין אַן אויפגערעגטן טאָן:

— מיין לעגיטימאַציע דאַרף זיין גענוג פאַר אייך.

— אייער לעגיטימאַציע, הער הויפּטמאַן, האָט צו טאָן מיט אייך און ניט מיט אייער באַגלייטער.

— איר ווייסט, אַז איך האָב אַ רעכט אָנצושטעלן מענטשן און דאַרף קיינעם ניט, אַחוץ מיינע העכערע באַאַמטע, ניט געבן קיין חשבון. איך איל זיך און איך בעט אייך אונדז לענגער מער ניט אויפהאַלטן. — ער האָט סאַלוטירט און געהייסן דעם שאָפער פאָרן ווייטער.

אָבער ווי נאָר דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, האָט פישקו אויסגעשאָסן אין אַ ראָד. די שינע האָט ווידער געפּלאַצט. דער שאָפער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל און זאַרויסגעקנאַקט דעם רעוואָלווער פון פישקוס האַנט, שרייענדיק: „איך קען דיר. דו ביזט דער לעצטער, וואָס האָט דאָ עטוואָס צו זאָגן. ווי וואַגסטו איבערהויפּט אויפ־צוהויבן דיין שנוק קעגן דעם הער הויפּטמאַן?״

דער דייטש איז אָבער באַשטאַנען, אַז חיים זאָל אים ווייזן זיין לעגיטי־מאַציע און פישקו האָט געשריען: „ער איז עס, הער שטאַנדאַרטן־פירער, דער פירער פון דער פּאַרטיזאַנען־גרופּע. איך אַליין האָב אין קישענעוו אים

געהאַט צוויי מאָל אויף אַ פאַרהער. לעצטנס איז ער אַנטלאָפן פון אַ טורמע אין בוקאַרעשט. אַזאַ העכט וועלן מיר פון די הענט ניט אַרויסלאָזן." און ווענדנדיק זיך צום שאַפער: „מיט דיר וועל איך זיך נאָך אָפּרעכענען פאַר אַרומפירן באָלשעוויקעס אין אַן אויטאָמאָביל."

צווישן פישקון און דעם שאָפער האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. פישקו האָט דעם שאָפער דערלאַנגט אַ בריק אין בויך, און אין אויפרעגונג האָט דער שאָפער דערלאַנגט פישקון מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ; דער רע־וואָלווער האָט אויסגעשאָסן און פישקו איז געפאַלן אַ טויטער. דער דייטש האָט דעם שאָפער אַריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ. צווישן דעם געשטאָפּאָ־אַגענט, פון איין זייט, און סטעפאַן און חיים, פון דער צווייטער, האָט אויס־געבראָכן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דער דייטש איז געווען אַ שטאַרקער יונג, העכער פון זיי מיט אַ קאָפּ. ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו באַפרייען זיין רעכטע האַנט פון חיימס אומקלאַמערונג. חיים האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ, וואָס האָט אים אַוועקגעלייגט.

זיי האָבן זיך געפונען ביים אַרויסגאַנג פונעם וועלדל, ניט ווייט פון דער טרעבעלעסטי באַן־סטאַנציע.

— וואָס איצט? — האָט צערטיאַן געפרעגט. זיי האָבן זיך אַרומ־געקוקט. אַרום איז געווען טויט, קיין לעבעדיקן נפש ניט צו זען. אָבער יעדע מינוט האָט געקאָנט פאַרבייפאָרן אַ צוג, אָדער אַ וואָגן.

ניט באַקומענדיק פון חיימען קיין ענטפער אויף זיין פראַגע, האָט סטעפאַן געזאָגט: „איך גלויב, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען צו מאַכן אַ פּאַרזוך זיך צו פאַרנעמען לינקס, ווייל פאָרן אויף מיין פּאָסטן קאָן איך מער ניט. דער פאַל איז אַ קלאָרער און ניט מער ווי אין אַ שעה אַרום וועלן זשאַנ־דאַרן, די געשטאַפּאָ און די סיגוראַנצאַ זיין אויף אונדזער סליאַד."

חיים האָט אים געענטפערט: „נאָר ניט האַנדלען איבערגעאיילט. ווער האָט פישקון געקענט אין דער געגנט? דאַכט זיך, קיינער ניט. אָדער קען מען אים יאָ דאָ?"

— אויף וויפיל איך ווייס, איז ער ערשט מיט דריי טעג צוריק באַ־שטימט געוואָרן פאַר דער געגנט דאָ. אין סערעט, גלויב איך, קען מען אים בכלל ניט. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדז? צי מ'קען אים אָדער ניט, דער געשטאַפּאָ־אַגענט איז טויט און זיי וועלן נעמען בלוטיקע נקמה, אויב מיר וועלן תיכף ניט פאַרשווינדן.

— פאַרוואָס קאָן איך זיך ניט פאַרוואַנדלען אין פישקו, אויב דו ביזט וויליק צו נעמען אַ גרויסע ריזיקע? מיך קען דאָ קיינער ניט. געוויס, איך גיב צו, אַז די געשטאַפּאָ קאָן פאַרדעכטיקן. אָבער ווען איך דערשיין אַלס פישקו, וואָס פאַר אַ גרונט האָבן זיי אָנצונעמען, אַז דו, וועלכער קומט אויף אַ ספּעציעלער שליחות, ביזט קעגן זיי? איר, דו און דיין שאָפער, זייט

אטאקירט געוואָרן. איך און דער געשטאַפּאָ־אַגענט זיינען אייך געקומען צו הילף. דער שאָפער און דער דייטש זיינען געפאַלן אויף איין זייט, איך אויף דער צווייטער. זיכער, מיר שטעלן אַ סך אין קאָן, וואָרים ווען זיי זאָלן צוציען אייניקע פון דער ס.ס.־אָפּטיילונג צו דער אונטערזוכונג, קאָנען זיי פעסטשטעלן, אַז איך בין ניט פּישקו. ווען די זאַך זאָל זיך אָבער איינגעבן, וועט זיך לוינען. ווייל וואָס איז דיין ציל, סטעפאַן ? נקמה פון די דייטשן. אין דעם ביזטו גערעכט. דאָס דאַרף אָבער ניט זיין דיין ענד־ציל. נקמה פון די דייטשן מיינט איבער אַלץ פירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף. וואַג ווייטער. ווען מען וועט דיר גלויבן, וועלן זיי דורכנישטערן די געגנט, און איך וועל פאַר דעם מאָמענט זיין אין דיין דינסט. דו מוזט פאָרן צו דיין אַמט. דו קאָנסט אונדז ברענגען אַ סך מער נוצן, איידער דו זאָלסט איצט זיך פאַר־שטעקן אין אונטערגרונט. דאָס איז מיין עצה.

.13

חיים לאַנדער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין שריט איז פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. וואָרים ווען ער וואָלט איצט פאַרשוואונדן און פּישקו וואָלט געגאָלטן פאַר טויט, ווי די זאַך איז ווירקלעך געווען, וואָלט עס געווען איינ־פאַך. אָבער זינט די דייטשישע און רומענישע טרופּן האָבן פאַרנומען דעם לינקן ברעג פון סערעט־טייך, דאָס הייסט זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז יעדע פאַרבינדונג מיט דער אַנדער זייט, דערהויפּט מיט דער שטאָט סערעט, געווען איבערגעריסן. ס׳איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן אריינצוקומען אין דעם ניי־באַזעצטן פון דייטשן און רומעניער געביט, און דערצו נאָך אומבאַמערקט. מען האָט נעדאַרפט האָבן אַ באַזונדערע דערלויבעניש און יעדן, וואָס האָט זיך גע־ווענדט פאַר אַ דערלויבעניש, האָט מען אונטערזוכט ביז די טיפענישן פון זיין נשמה. די פאַרבינדונג האָט אָבער געמוזט אויפגעשטעלט ווערן, ווייל סערעט האָט געדאַרפט ווערן אַ וויכטיקער צענטער און אַחוץ דעם איז סערעט געווען דער בעסטער פאַרבינדונגס־פּונקט אין דעם גאַנצן מאָלדאַווישן גע־ביט. ער האָט אַ לאַנגע צייט געזוכט מיטלען איינצושטעלן אַ פאַרבינדונג מיט סערעט, און איצט האָט ער דורך אַ צופאַל די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. ער האָט פאַר סטעפאַן צערטיאַן קלאָר געמאַכט די געפאַרן. יענער אָבער האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט און האָט צוגעשטימט.

עס איז שוין געווען פינצטער, ווען חיים לאַנדער האָט איבערגעשניטן די טעלעגראַף־ און טעלעפאָן־דראָטן, וואָס זיינען געגאַנגען צפון־צו, דאָס הייסט קיין טשערנאָוויץ. דאַן האָט ער אָנגעטאָן פּישקוס אָנצוג און אויף פּישקון האָט ער אַרויפגעוואָרפן זיין פויערשע העמד און פויערשן קאַפּטאָן.

דער אייזנבאַן־צוג קיין סערעט איז פאַרבייגעפאָרן, און דעם אַז עמעצער זאָל האָבן עפּעס באַמערקט, ווייל אַניט וואָלט זיכער עמעצער פון דער מאַנשאַפט אַרויסגעשטיגן פון צוג. ביידע זיינען זיי דאַן אוועק צו דער באַןסטאַנציע טערבעלעשטי.

צערטיאַן האָט פון דאָרט טעלעפאָנירט קיין סערעט. ער האָט באַריכטעט, אַז ביים אַרויסגאַנג פון דעם וועלדל האָט אַ באַנדע געמאַכט אויף אים אַן איבערפאַל און אַז עס זיינען געפאַלן צוויי טויטע; פון דער באַנדע איז פאַראַן איין טויטער. די פאַרוואונדעטע אָבער האָבן זיי מיטגענומען, ווען זיי זיינען אַנטלאָפן. עס האָט ניט געדויערט קיין צוואַנציק מינוט, ווען פראַנץ צימערלע איז אָנגעקומען, און מיט אים זיין געהילף האַנס קרולע און דער זשאַנדאַרן־קאָמאַנדאַנט. זיי האָבן נאָך אַמאָל געמאַכט אַ פאַרזוך זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט טשערנאָוויץ און אויסגעפונען, אַז די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן. „די באַנדיטן״ — האָט פראַנץ צימערלע געשאָלטן — „האָבן איבערגעשניטן די דראָטן.״

זיי האָבן אונטערזוכט דעם פּלאַץ, וואו דער קאַמף איז פאָרגעקומען, און פראַנץ צימערלע האָט פאַר קיין איין מינוט ניט געצווייפלט אין דעם, וואָס סטעפאַן און זיין באַגלייטער האָבן דערציילט. ער האָט אויך געהאַט אַנדערע גרויסע זאָרגן, אַז עס זאָל אים איינפאַלן אין געדאַנק, אַז דער נייער רומענישער קאָלעגע, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָר־וואָס באַקענט, איז פאַרדעכטיק. ער האָט זיך געזאָרגט, וואָס שוין דריי טעג ווי דער אונטערפּרעפעקט פון סערעט, קאַראָל באַרבאַרעסקו, איז געווען פאַרשוואונדן. ער איז פאַרשוואונדן זינט דעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געהאַט וועגן דעם באָרדעל. זיין פרוי האָט אויך ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אוועק. פראַנץ צימערלע האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון אָטאָ פאָן ראַובניטץ צו נעמען דעם אַנטשיידענעם שריט אין דער פראַגע פון דעם באָרדעל, און איצט איז אים געווען ניט אַנגענעם, וואָס ער איז געקומען אין אַ שווערן קאָנפליקט מיט דעם העכסטן רומענישן באַאַמטן פון שטאָט. ער האָט מורא געהאַט, אַז קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט מעגלעך גרויסע פאַרבינדונגען אין בוקאַרעשט, און מען וועט אים, פראַנץ צימערלע, מאַכן שוועריקייטן.

זיי האָבן מיטגענומען די דריי טויטע קערפּערס און געבראַכט קיין סערעט. אין סערעט האָבן זיי מאָביליזירט אַ קליינע אָפּטיילונג סאַפּיאָרן צו פאַרריכטן די טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע פאַרבינדונגען מיט טשערנאָוויץ. די זעלביקע נאַכט נאָך, האָט פראַנץ צימערלע צונויפגערופן אַ זיצונג פון זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער און פאַר זיי פאָרגעשטעלט דעם נייעם קאָמאַנדאַנט פון דער סיגוראַנצאַ פאַר סערעט, הויפּטמאַן סטעפאַן צערטיאַן. ער האָט אויך פאָרגעשטעלט פּישקון.

סימיאָן שטראָוב איז געווען ניט ווייניק דערשטוינט. ביים נאָמען האָט

ער חיימען ניט געקענט, אָבער פאַר אים איז ער געווען דער פירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, דער פריינט, וועלכן ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געזען אין סערעט אינגאַנצן אונטער אַנדערע אומשטענדן. דעמאָלט האָט חיים אים דערציילט וועגן די גרויסע פאַרשטייענדיקע געשעענישן, וואָס זיינען אויך באַלד געקומען. ער האָט געוואוסט, אַז חיים לאַנדער שפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין דער אונטערערדישער באַוועגונג פון גאַנץ רומעניע און האָט דעם אומבאַגרענעצטן צוטרוי פון אַלע חברים, וואָס אַרבעטן מיט אים. איצט האָט ער אים פּלוצלונג דערזען אַלס געהילף פון דעם ניי־באַשטימטן הויפּט פון דער סיגוראַנצאַ. ער האָט גאָרנישט געפרעגט, נאָר געוואַרט אויף ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען.

חיים לאַנדער האָט נאָך דעם זעלביקן אָוונט געהאַט אַן אויספירלעכן געשפּרעך מיט סימיאָן שטראַוב. ער האָט אים דערציילט וואָס עס איז געשען, באַזונדערס אויספירלעך האָט ער אים דערציילט וועגן צערטיאַנען און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג קאָן צערטיאַן מער ניט גיין צוריק, און אַז מ׳דאַרף אים צוציען, פּאָרזיכטיק, אָבער מיט צוטרוי. צערטיאַן, האָט ער געזאָגט, איז אידעאָלאָגיש נאָך ווייט פון אונדז, אָבער מיט אַ גוטער חברשער באַציאונג קאָן מען אים דער־נענטערן און מ׳קאָן שוין גלייך זיך פאַרלאָזן אויף אים, אַז ער וועט שטיצן אַלץ, וואָס וועט אונטערנעמען ווערן קעגן די נאַצים. זיי האָבן זיך אויך פאַרשטענדיקט, אַז פּעטרושקאַ וועט צוריקקומען אין סערעט און וועט דינען אַלס קוריער. ווי אַזוי, איז נאָך ניט געווען קלאָר, אָבער מ׳וועט דאַרפן גע־פינען די מיטלען. חיים האָט אויך אינפאָרמירט צערטיאַנען, אַז סימיאָן שטראַוב איז אַ פריינט און ער דאַרף אים אַלס אַזעלכן באַטראַכטן.

חיים האָט גאַנץ פרי, האָבנדיק דורכגעפירט זיין מיסיע אין סערעט, פאַרלאָזן די שטאָט. קיינער האָט גאָרנישט פאַרדעכטיקט, ווייל ער איז ניט געווען באַשטימט צו דינען אין סערעט. מיט די באַאַמטע אין טשערנאָוויץ איז אויך ניט געווען קיין שוועריקייטן, ווי צערטיאַן האָט פון אָנהויב זיך געשראָקן. זיי זיינען דאָרט געווען צופיל באַשעפטיקט מיט אייגענע זאָרגן, ווייל אין צפון־בוקאָווינע, אַ ריין־אוקראַיִנישע טעריטאָריע, האָבן די פּאַר־טיזאַנער אַנטוויקלט אַ באַזונדערס שטאַרקע טעטיקייט און געגעבן די דייטשישע און רומענישע באַאַמטע אַ סך קאָפּ־ווייטיק. עס זיינען געווען אַנדערע איבערפאַלן, ווי די, וואָס צערטיאַן האָט באַריכטעט לעבן דער טע־רעשני אייזנבאַן־סטאַנציע. ס.ס.־אַגענטן און סיגוראַנצאַ־לייט זיינען יעדן טאָג געפאַלן אין קאַמפּן מיט די פּאַרטיזאַנער. מ׳האָט דעריבער געגעבן פּראַנץ צימערלען אַן אינסטרוקציע, אַז דער ס.ס.־מאַן און אויך דער שאָפער זאָלן קריגן אַ פּאַראַדנע לוויה, און דער דערשאָסענער באָלשעוויק, אַלס צייכן פון פאַראַכטונג, זאָל באַערדיקט ווערן אויף יידישן בית־עולם. דערמיט איז

דער ענין געווען דערליידיקט.

עס זיינען אוועק נאָך טעג און פון קאראָל באַרבאַרעסקו האָט מען גאָר־נישט געהערט. פאַר דעם זיפּנפאַרשונגס־אַמט איז אַלטהאָף דערשינען אַלס עדות אין דעם ענין הערמאַן בעיל. ביי בעילן האָט מען צוגענומען דאָס העכט צו טראָגן אָט דעם דייטשישן נאָמען און אָטאָ ראַוּבניטץ איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרוואַלטן די ביר־ברויעריי. סילוויאַ האָט זיך אַריבערגעקליבן, אויפן פערטן טאָג נאָך דער פאַרשווינדונג פון קאַראָל באַרבאַרעסקו, צו אַלטהאָפן אין באָרדעל. נאָך דער לוויה פון די געפאַלענע לעבן דער טעראָשעני אייזנבאַן־סטאַנציע, האָט פראַנץ צימערלע באַקענט צערטיאַנען מיט די גע־שעפטן. צימערלע איז געווען העפלעך, אָבער די צוויי האָבן ניט געפונען קיין קאָנטאַקט צווישן זיך. האַנס קרולע איז געווען פויל, אָפט שיכור, און איז ניט באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מענטש פון אַרבעט.

סטעפאַן צערטיאַן איז אויף זיין שטייגער געווען אַ זייער געפּילפּולער מענטש. ער האָט אַ פּאָר צענדליק יאָר געלעבט אַ שטורעמדיק לעבן און האָט זעלטן געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון וועגן זיינע מעשים. ער איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, הגם זי האָט אים קיינ־מאָל ניט באַפרידיקט אָדער אויסגעפילט זיין לעבן. אָפט איז די אַרבעט אים געווען דערווידער. צום ערשטן מאָל אין משך פון פיל יאָרן, אַ דאַנק דער באַגעגעניש מיט חיימען, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן זיין יוגנט.

חיים האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך באַוויזן אין אַ מאָמענט, ווען סטעפאַן איז געווען אַ צעוויטיקטער פון דעם טויט פון זיין פרוי, און האָט זיך אַליין און אַלץ וואָס איז אים ביז איצט געווען לעבנסוויכטיק, אָנגעהויבן באַטראַכטן קריטיש. חיים האָט זיך באַוויזן, ווי אין אַ חלום, און ווי אין אַ חלום האָבן די געשעענישן נאָכגעפאָלגט שנעל און אומוואַרשיינלעך. איצט, נאָך די ערשטע טעג פון איבערנעמען דעם אַמט, אָפיציעלע באַזוכן און קעגנבאַזוכן, האָט ער זיך געפונען אַליין אין זיין ביוראָ. טעלעגראַפיש האָט ער דעם דאָזיקן אינדערפרי דערהאַלטן די נייעס, אַז ער איז באַשטימט אַלס אונטערפּרעפעקט פון דער שטאָט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּגעבן אַ חשבון, וואוהין ער גייט אייגנטלעך. ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער און האָט פון דאָרטן געקאָנט זען דעם גאַנצן רינגפּלאַץ און די פריערדיקע קייזערלעך־קעניגלעכע גימנאַזיע.

קיין זאַך ווירקט ניט אַזוי אויפרודערנדיק, ווי דאָס אומקערן זיך אויפן אָרט, וואו מ׳האָט פאַרבראַכט די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. סטעפאַן איז געבאָרן געוואָרן זעקס קילאָמעטער פון סערעט, ער האָט אָבער אין סערעט באַזוכט די פאָלקשול און אויך די מיטלשול. ווען ער האָט איצט, דעם דאָזיקן זומער־פרימאָרגן, אַרויסגעקוקט פון דעם פענצטער פון זיין ביוראָ אויף דעם פאָלקס־פּאַרק, אויף דער געביידע פון דער שול, וואו ער האָט

אזויפיל יאָרן פאַרבראַכט, האָבן אין אים אויפגעוואַכט דערינערונגען, זיינען פאַר אים דערשינען בילדער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום שייכות צו דעם, וואָס ער האָט איצט געטאָן און געטראַכט. די באַגעגעניש מיט חיימען האָט אויפגעוועקט חלומות פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. די אַמאָליקע שול זיינע, אויף וועלכער ער האָט איצט געקוקט, האָט אַרויסגערופן ביי אים איבערלעבונגען, פרייל עכע און אומעטיקע. אים האָט געשיינט, אַז ער זעט דורך דעם פענצטער פון דער שול־געביידע — זי איז איצט געווען אַ קאַזאַרמע — ווי דער לערער גייט אַרום הין־און־צוריק צווישן די שול־בענק. ער אַליין זיצט אויף אַ באַנק און ער וויל שטעלן דעם לערער פראַגן. יאָ, דאָס האָט ער באַזונדערס ליב געהאַט. האָט ער דאָס געטאָן, כדי צו שטעלן דעם לערער אין אַ פאַרלעגנהייט, אָדער ווייל ער האָט עפּעס ניט פאַרשטאַנען אָדער געוואָלט טיפער פאַרשטיין? ניין, ער איז ניט געווען סימפּאַטיש, דער דאָזיקער לערער פון געשיכטע, הילאַריאָן טאָפּאַן. ער האָט שטענדיק אַנגעשלאָגן הויכע טענער, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט די גאַנצע חכמה פון דער וועלט געהאַלטן אין זיין וועסטל־קעשענע, און ווען מען האָט אים עפּעס געפרעגט, איז ער געווען איבערראַשט, אַז מ׳זאָל ניט באַגרייפן אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן.

אים, סטעפאַנען, איז איצט פריער פון אַלץ געגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן אַנטאָנעסקו־יוגנט. פראַנץ צימערלע האָט אים געזאָגט: „אונדזער אויפגאַבע איז ניט נאָר צו באַקעמפן דעם שונא דורך פאַרפאָלגן אים, נאָר מיר מוזן אויפבויען עפּעס, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון די אַלטע אידעאַלן, אַז יעדעס הויז, יעדע וואוינונג זאָל ווערן פאַר אונדז אַ פעסטונג. מיר מוזן צונעמען די קינדער פון די עלטערן, כדי זיי צו דערציען אינעם גייסט פון דער צייט. די אַלטע דערציאונג איז געווען פאַלש. אייער אויפגאַבע, הער הויפּטמאַן, איז צו געבן דער דאָזיקער יוגנט אַ נייע ריכטונג, צילן אין אונדזער זינען. פריער פון אַלץ מוזט איר זיי געבן אַן אַנדער בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט.״

איצט קוקט ער אויף דער געביידע פון דער שול און דאָס פאַרמאַכטע פענצטער וועקט ביי אים אילוזיעס, אַז אין דער שול־געביידע איז אַלץ ווי אַמאָל, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אַז ער זיצט נאָך אויף דער שול־באַנק און דער לערער לערנט געשיכטע. ער דערמאָנט זיך די פראַגע, וואָס ער האָט דאַן געשטעלט דעם לערער: „וואָס זיינען געווען די סיבות פון דער פעלקער־וואַנדערונג?״ ער דערמאָנט זיך אויך דעם ענטפער, וואָס דער לערער האָט אים געגעבן: „ווייל די פעלקער האָבן געוואַנדערט.״ „יאָ, אָבער פאַרוואָס איז פאָרגעקומען אַ פעלקער־וואַנדערונג?״ דער לערער האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, אים אָנגעקוקט מיט שנאה און געזאָגט: „איר וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל ניט האָבן פאָרגעקומען אַ פעלקער־וואַנדערונג,

אז עס זאָל איבערהויפּט ניט זיין קיין געשיכטע, אז ווירגיל און אָוויד זאָלן ניט האָבן געשריבן קיין פּערזן אָדער ליוויוס קיין געשיכטע־ביכער. דעמאָלט וואָלט איר ניט געהאַט וואָס צו לערנען און וואָלט געקאָנט פאַרברענגען אייערע טעג אין פוילענצעריי. ניין, אזוי לייכט האָט די געשיכטע, גאָט צו דאַנקען, ניט געמאַכט." דער קלאַס האָט געלאַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אין פאָלקס־פּאַרק זיך צוגעגרייט פאַר א צוגאַב־עקזאַמען פאַרן זעלביקן לערער. א קייזער איז געווען אין א קאַמף מיט א פויפּסט און געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן א רינג און א שטעקן. דער „אינוועסטיטור־שטרייט״. האָט עס דער לערער גערופן. דאָס איז געווען דער אַנטשיידנדיקער קאַמף פון דער וועלט־געשיכטע, האָט דער לערער אים געזאָגט, און אז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס צו־ערשט איז דער פּויפּסט און נאָכדעם דער קייזער געשטאָרבן אין גע־פאַנגענשאַפט. דאָס זיינען געווען דייטשישע קייסאָרים, וואָס זיינען שטענ־דיק געגאַנגען מיט א פאָר הונדערט מאַן קיין איטאַליע, איבער הויכע בערג, באַדעקט מיט אייז און שניי. און דאָס האָט ער געלערנט אין דעם פּאַרק ביי דער שול־געביידע, אויף וועלכער ער האָט איצט געקוקט. דער עקזאַמען איז געווען א שטרענגער, מ'האָט אים געדראָט מיט צונעמען די סטיפּענדיע, אויב ער וועט ניט קריגן קיין גוטן ציינן.

צוליב וואָס, אייגנטלעך, זיינען די קייסאָרים געגאַנגען קיין איטאַליע? עס האָט אים אויסגעקוקט קאָמיש, וואָס אים איז איצט איינגעפאַלן די דאָזיקע פראַגע. פאַרוואָס זיינען איצט די דייטשן געקומען אין רומעניע?

ער איז נאָך קיין אכצן יאָר ניט אַלט געווען, ווען ער האָט אין א קליין שטעטל פון מאָלדאַוויע, וואוהין ער און זיין פאַמיליע זיינען אַנטלאָפן, דערהערט דעם רוף פון פאָטערלאַנד. די דייטשן האָבן פאַרנומען בוקאַרעשט און גאַנץ וואַלאַכיע, און ס'איז געווען אן אַלאַרם־רוף.

אין פרילינג 1917 איז דאָס געווען. מענטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דעם אָקופּירטן געביט, האָבן דערציילט וועגן רויבערייען, גרויל־שטראָפן, יאָ — וועגן מאַסן־דערשיסונגען, וואָס די דייטשן זיינען באַגאַנגען. ער האָט דעמאָלט געהאַט א רומענישן לערער, ניט קיין דייטשישן, ווי אין סערעט. דער דאָזיקער לערער האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון די גרוילטאַטן פון די דייטשן און האָט זיינע עמפּינדונגען איבערגעטראָגן צו די שילער.

— פאַר דעם רומענישן פאָלק, האָט ער געזאָגט, שטייט איצט אַלץ אין קאָן. ווען מיר טרעטן איצט ניט אַרויס קעגן די דייטשן, ווען אונדז געלינגט ניט זיי אָפּצושטעלן, איז רומעניע אויף אייביק פאַרלאָרן! זיי וועלן אויסלעשן אַלץ, וואָס איז רומעניש, מאַכן אַלע רומעניער פאַר שקלאַפן, ווייל זיי, וועלכע האָבן שוין מיט יאָרהונדערטער צוריק געטראָטן אונטער זייערע פיס די דאָזיקע פרוכטבאַרע טאָלן אונטערן נאָמען פון וואַנדאַלן און גאָטן,

באטראכטן זיך אַלס אַ הערן־פֿאָלק, פֿאַר וועמען די גאַנצע וועלט דאַרף זיך בוקן. ווען מיר וועלן אָבער געווינען די מלחמה, שטייט די גאַנצע וועלט אָפֿן פֿאַר דעם רומענישן פֿאָלק. אויף דער אַנדער זייט גרענעץ, אין טראַנ־סילוואַניע, אונטערדריקט פֿון די מאַדיאַרישע מאַגנאַטן, לעבן מיליאָנען רומעניער. אַ פֿאַראייניקטע, פֿרייע, גרויסע רומעניע ווינקט אַלס דער פּרייז פֿון זיג — אַ רומעניע, וואו יעדער רומעניער וועט קאָנען לעבן און שאַפֿן ווי אַ פֿרייער מענטש...

סטעפֿאַן איז געווען איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָט זיך געמאָלדן פֿרייוויליק. צוזאַמען מיט די רוסישע טרופּן האָבן זיי ביי מאַראַטעסטי אָפּגעשטעלט דעם פֿאַראויסגאַנג פֿון די דייטשן. דאַן האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. די רוסישע טרופּן האָבן דערציילט וועגן דער שטירצונג פֿון טיראַנען, וועגן אַ באַלדיקן שלום. און געקומען איז אַ צו־זאַמענברוך. נויט, הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג.

אָבער איין טאָג האָט מען פּאַרט אָנגעזאָגט וועגן זיג. די דייטשן זיינען געווען געשלאָגן, געשלאָגן אויף אייביק, האָט מען געזאָגט. אַלע קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען, מוזיק האָט געשפּילט אויף אַלע גאַסן. גרענעץ־סלופּעס זיינען פֿאַרשוואונדן — די געטרוימטע טראַנסילוואַניע האָט גע־הערט צו רומעניע. די דאָזיקע נייעס האָט אים דערגרייכט אין אַ שפּיטאָל, וואו ער איז געלעגן אַ פֿאַרוואונדעטער. ער איז געווען אַ העלד פֿון דעם פֿאָטערלאַנד און האָט געקראָגן די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין אוני־ווערסיטעט אויפֿן חשבון פֿון דער רעגירונג. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ וואָס דער לערער האָט געזאָגט, איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט — אַ נייע, גרויסע, פֿרייע רומעניע.

די אוניווערסיטעט־יאָרן זיינען שטורמיש פֿאַרבייגעלאָפֿן. געהייסן האָט עס, אַז די פֿרעמדע שטערן דעם אויפֿשטייג פֿון רומעניע. צוזאַמען מיט די נייע געביטן, זיינען מיליאָנען אונגאַרן, אוקראַינער, יידן און דייטשן גע־וואָרן רומענישע בירגער. ברייט און גרויס איז רומעניע איצט געווען. זי האָט פֿאַרמאָגט שיינע שטעט, פֿרוכטבאַרע פֿעלדער, מינעראַלן און קוילן־גריבער, אַ גרויסן ברעג פֿון שוואַרצן ים. אָבער די פֿרעמדע, אַזוי האָט מען געזאָגט, שטערן און שטייען אין וועג.

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז אַ נייע מלחמה געווען אין גאַנג. אַ מלחמה קעגן די יידן. שוין דעמאָלט האָט ער זיך גע־פֿרעגט: איז דען ניטאָ קיין פּלאַץ אין אָט דעם גרויסן, ברייטן לאַנד פֿאַר אַלעמען? ער איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם. מען האָט אַרויס־געוואָרפֿן יידן פֿון לויפֿנדיקע אייזנבאַנען, מען האָט זיי געטריבן פֿון אוני־ווערסיטעט און אויך פֿון די מיטלשולן. ער איז דורכגעפֿאַרן דערפֿער און האָט געזען, אַז די פּויערים האָבן געלעבט אין פּונקט אַזאַ נויט און עלנט,

ווי דעמאָלט ווען רומעניע איז נאָך געווען קליין. פאַר אַלץ, האָט מען געזאָגט, זיינען שולדיק די יידן. אים איז גאָר ניט איינגעפאַלן צו פרעגן: פאַרוואָס, ווי אַזוי?

די אָרגאַניזאַציע „אייזערנע גוואַרדיע" האָט אים אויסגעקליבן און רע־קאָמענדירט פאַר דער זיכערהייט־שוץ — פאַר דער סיגוראַנצאַ. אָפט האָט ער זיך געפרעגט: „זאָל אָט דאָס זיין דער ציל פון מיין לעבן?" ווען דאָס פאָדערט דאָס פאָטערלאַנד, האָבן פריינט אים געזאָגט, איז יעדער באַרוף נויטיק און וויכטיק. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אייגנטלעך קיינמאָל ניט געענדיקט. ווען ער האָט איינמאָל באַגלייט זיין שעף אויף אַן אינספּעקציע־רייזע איבער די טורמעס, האָט ער זיי געפונען אָנגעפּאַקט מיט פּויערים, אַרבעטער און אויך יידן. „זיינען זיי ניט קיין רומעניער?" האָט ער גע־פרעגט זיין שעף. יענער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס: „אונדזער אויפגאַבע איז צו זאָרגן זיך פאַר דער אָרדענונג, פאַר זיכערקייט."

און דאַן איז געקומען די מלחמה. ניט קעגן די דייטשן, קעגן וועלכע ער האָט געקעמפט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, און וועלכע מ'האָט דעמאָלט באַטראַכט אַלס די אַרכי־שונאים. די מלחמה איז געקומען נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן צוגענומען טראַנסילוואַניע און זי איבערגעגעבן צו אונ־גאַרן. און זיי האָבן מיין פרוי געטריבן צום טויט. דער אַלטער לערער, ווען ער וואָלט דאָ דערביי געווען, וואָלט אויף דער פראַגע פאַרוואָס, וואַר־שיינלעך געענטפערט: „אַזוי איז עס, אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס אייביק זיין!"

אויף דער גאַס און דעם רינגפּלאַץ איז געווען לעבעדיק. ווי אַנדערש די שטאָט זעט היינט אויס, ווי אין דער צייט פון מיין קינדהייט, האָט ער געטראַכט. דאָס איז, אייגנטלעך, נאַטירלעך. בין איך דען געבליבן דער זעלביקער? אָט לויפן דאָרטן אַרום מענטשן. איינער קומט פון צפון־בוקאָווינע, אַ צווייטער פון טראַנסילוואַניע, איינער איז מאָביליזירט געוואָרן אין איין דאָרף, דער צווייטער אין אַ צווייטן. קיין יידן איז מער ניטאָ. דער אַלטער יוסטפאַן — ווי גוט איך געדענק אים פון אַמאָל! דעמאָלט האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַ גרויסער מענטש און נעכטן, ביי דער פאָרשטעלונג, ווי אַ קליין טרויעריק מענטשעלע. ער מוז שוין מער אינגאַנצן ניט פאַר־שטיין וואָס ער רעדט. „פּראַוווט נאָר, העָר הויפּטמאַן", האָט ער מיר געזאָגט אין דער קעגנוואַרט פון די נאַציס, „זיך מאַכן אַן אָנצוג אין שטאָט, אָדער אַ פּאָר שיך, אַ פּעלץ. איר וועט ניט געפינען קיינעם, וואָס זאָל דאָס קאָנען מאַכן. מיר האָבן מער ניט קיין יידן, אָבער אויך ניט קיין שניידער, קיין שוסטער. אַלע זיינען אַוועק, ווייל מ'האָט זיי אומגעבראַכט. וואָרום, ווייס איך ניט. מ'זאָגט, ווייל זיי האָבן געוואָלט מלחמה. אָבער ווען מ'האָט זיי דערשאָסן, האָט מען גלייכצייטיק אָנגעהויבן די מלחמה. איך בין צו אַלט

דאָס צו פאַרשטיין, און מיך פרעגט מען אַלץ איינס ניט."

איך בין יינגער, האָב געקעמפט, האָב שטודירט, בין אַרומגעפאָרן, האָב געזען אַ שטיק וועלט — און איך פאַרשטיי עס אויך ניט. די דייטשן און די אונגאַרן האָבן אונדז צוגענומען טראַנסילוואַניע, און מיר קעמפן אין אוקראַינע, קעגן רוסלאַנד, וואו עס זיינען ניט פאַראַן קיין רומעניער, וואו מיר קאָנען גאָרנישט געווינען. די דייטשישע טרופּן, מיט וועלכע איך האָב אַריינגעמאַרשירט אין טשערנאָוויץ, האָבן געזונגען: „היינט געהערט אונדז דייטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט." און וואָס געהערט דען די רומעניער? חיים, איידער ער איז אַפּגעפאָרן, האָט מיר געזאָגט: „איצט מאָרדן זיי די יידן און מאָרגן וועלן זיי מאָרדן רומעניער. וואָרים וואָס זיי ווילן, איז די אבסאָלוטע הערשאַפט איבער אַלעמען." מאָרגן ערשט? האָבן זיי דען ניט געטריבן מיין פרוי צום טויט? האָבן דען פיל פּרויען זיך מיר ניט אָנגעבאָטן, געוואָלט זיך פאַרקויפן פאַר אַ שטיקל ברויט? איך דאַרף די רומענישע יוגנט אָרגאַניזירן און דערציען. איך דאַרף אויסגעפינען די, וואָס האָבן זיך ניט צוגעשטעלט צום מיליטער, כדי צו קעמפן אין אוקראַינע און לעבן מאָסקווע. פאַרוואָס אייגנטלעך?

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע חלומות. פאַר אים איז געשטאַנען סימיאָן שטראָוב. סימיאָן האָט אים האַרציק באַגריסט. אַן אויגנבליק איז אים ניט געווען קלאָר, וועלכער סימיאָן איז געשטאַנען פאַר אים — סימיאָן, פראַנץ צימערלעס מיטאַרבעטער און סעקרעטאַר פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט, סימיאָן, וועלכער איז געווען, ווי אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אים געזאָגט, דער זייל פון דער אונטערנעמונג, אָדער דער סימיאָן, וועגן וועלכן חיים האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן אָפן און פריי און גאַנץ פאַרטרוילעך מיט אים רעדן? סימיאָנס האַרציקע באַגריסונג האָט אָנגעצייגט אויף חיימס פריינט. אָבער אים איז פונדעסטוועגן ניט געווען קלאָר, ווי אַזוי ער דאַרף זיך האַלטן. ערשט נעכטן, ווען פראַנץ צימערלע האָט אים איבערגעגעבן די געשעפטן, האָט ער אַריינגערופן סימיאָנען, אים נאָך אַמאָל פאָרגעשטעלט, און געזאָגט מיט באַטאָנונג: „מיין נאָענטסטער מיטאַרבעטער. איך האָף, אַז ער וועט אויך זיין אייערער. בלי ספק, וועט ער אייך זיין אַ גרויסע הילף, ווייל ער קען די געגנט און קען דאָ די מענטשן."

ווען סימיאָן האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט ער געזאָגט: „הער צימערלע איז מיט זיין כלה אַרויסגערופן געוואָרן אין דעם זיפּנפאָרשונגס־אַמט און זיי זיינען אָוועקגעפאָרן קיין ראַדאָוטץ אַראָנזשירן זייערע חתונה־ענינים. הער קרולע איז אויך ניטאָ. דער גרויסער גוטבאַזיצער סאָוער האָט אים איינגעלאַדן אויף זיין גוט, ווייל אין דער געגנט דאָרט האָבן באָלשעוויקעס זיך געמאַכט אַ נעסט אין די אַרומיקע זומפּן, אויך פּאַרטיזאַנער און אַזוי פויערים. איך בין, היינט לכל הפחות, דער פאַרטרעטער פון דער פאָלקס־

געמיינשאפט און די דייטשישע אינטערעסן. אזוי ווי איך בין היינט אויך פריי פון דער ברוערייַ, בין איך געקומען ווינטשן גליק, ווי איך האָב גע־הערט, דעם ניי־באַשטימטן אונטערפרעפעקט."

נאָך אַט דעם פאָרמעלן אריינפיר, האָבן זיי אָנגעקוקט איינער דעם אַנ־דערן, ווייניקער פאַרשנדיק און מער אין א פאַרלעגנהייט. ביידע האָבן ניט געצווייפלט, אַז זיי קאָנען זיך איינער דעם צווייטן געטרויען, ווייל ביידע האָבן געהאַט פולן צוטרוי צו חיים לאַנדער. אָבער ווי הויבט מען אָן? ענדלעך האָט צערטיאַן געזאָגט:

— זייט איר א היגער? איך מיין, זייט איר דאָ געבוירן געוואָרן?

— מיט דער אויסנאַם פון דער מלחמה און דער צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין פלען, האָב איך מיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט דאָ.

— גרויסע ענדערונגען זיינען דאָ פאָרגעקומען?

— יאָ, גרויסע ענדערונגען.

— ווי קומט עס, וואָס מ'האָט דאָס אַלץ דערלאָזט?

סימיאָן האָט אָנגעקוקט צערטיאַנען עטוואָס דערשטוינט:

— זיינען מיר דען אַן אויסנאַם? האָט מיט אַנדערע שטעט פּאַסירט עפּעס אַנדערש? איך גלויב אפילו, אַז אין פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, וואָס זיינען איצט אָקופּירט פון די דייטשן, קומט פאַר דאָס זעלביקע, וואָס ביי אונדז. מיר זיינען דאָך ניט אין א לאַגע צו פירן אַן אָפענעם קריג קעגן די דייטשן.

קריג קעגן די דייטשן. צערטיאַן האָט געטראַכט: מערקווירדיק, דאָס איז מיר ביז איצט אינגאַנצן ניט איינגעפאַלן. פאָרמעל זיינען מיר טאַקע דייטשלאַנדס פאַרבינדעטע. אָבער איז ניט א פאַקט, אַז אויב מיר פירן ניט קיין מלחמה, פירן מיר אָבער א קאַמף קעגן די דייטשן? ווען מען זאָל היינט צו טאָג פרעגן עמעצן קעגן וועמען אייגנטלעך מען קעמפט, אָדער קעגן וועמען מען דאַרף קעמפן, און אויב אַזאַ מענטשן וועט וואַגן אַרויס־זאָגן עפנטלעך זיין מיינונג, וועט ער דען ניט זאָגן דאָס זעלביקע? פּיליכט איז פאַראַן א קליינער פּראָצענט, זיכער איז פאַראַן, וואָס איז פאַראינטערע־סירט אין דער מלחמה אויף דער זייט פון דייטשלאַנד. אָבער די מערהייט פון דער באַפעלקערונג? אים איז פּלוצלונג איינגעפאַלן: וואָס וואָלט איך געטראַכט און וואו וואָלט איך געשטאַנען, ווען עס וואָלט ניט געווען פאָר־קומען דאָס אומגליק מיט מיין פרוי?

ער האָט געפילט סימיאָנס בליק אויף זיך. טראַכטנדיק וועגן די דאָזיקע זאַכן, האָט ער כמעט פאַרגעסן, אַז ער איז ניט אַליין אין צימער. ער האָט געמאַכט א פאַרזוך אָנצונעמען א פריינטלעכע מינע, אַרויפצוצווינגען אויף זיך א שמייכל.

— ווי זאָגט איר, מיר קאָנען קעגן די דייטשן ניט פירן קיין אָפענעם

קריג? גלויבט דען ניט דאָס פאָלק, אז די דייטשן זיינען אונדזערע באַ־פרייער? אָדער באטראַכט נאָך אַלץ יעדער רומעניער טיף אין הארצן די דייטשן ווי זיינע שונאים?

— ליידער נאָך ניט. ווען עס וואָלט שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, וואָלט דאָ ביי אונדז אין לאַנד אַנדערש אויסגעזען. מען איז פארביטערט אויף די דייטשן, מ׳גלויבט אָבער נאָך אַלץ, אַז זיי זיינען געוואָרן אונדזערע פאַר־בינדעטע. אַניט וואָלטן דאָך הונדערטער טויזנטער ניט מאַרשירט מיט זיי. געוויס, ס׳איז פאַראַן צוואַנג, פליכט, טעראָר, מורא. אָבער די דאָזיקע זאַכן אַליין זיינען ניט גענוג. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער לעצטער מלחמה, באַלד נאָך דער שלאַכט ביי מאַראַסעסטי, וואָס די רומעניער האָבן אויסגעפּאַכטן קעגן די דייטשן און אונגאַרן, וואָלט מעגלעך געווען צו באַ־וועגן די רומענישע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אויסדרייען זייערע ביקסן און קעמפן אויף דער זייט פון די דייטשן? ניין, ווייל דאָס פאָלק האָט געהאַט דעם באַוואוסטזיין, אַז דער דייטש איז דער שונא. היינט צו טאָג איז דאָס אפשר אַ נעפּלהאַפטיקער געפיל פון די מאַסן פון אונדזער פאָלק, אָבער בשום אופן ניט קיין באַוואוסטזיין.

פון סימיאָנס שטים האָט אַרויסגעקלונגען עפּעס פון דעם טאָן פון זיין פריינט חיים, עטוואָס פון יענער שטים, וואָס האָט זיך סטעפּאַנען אַריינ־געגנבעט אין הארצן. ער האָט געזאָגט: „עס איז אונדזער אויפגאַבע זיך צו באַנעמען מיט די דייטשן, ווי זיי באַנעמען זיך מיט אונדז. מיר מוזן זיי אָפּראַמען פון וועג, וואו נאָר מיר האָבן אַ געלעגנהייט.״

— ועמען מיינט איר מיט דעם „מיר״ — איך און איר? נאַטירלעך וואָלטן מיר געקאָנט אָפּראַמען פראַנץ צימערלע און זיינע פריינט פון וועג. וועלן דאַן קומען אַנדערע צימערלעס. אונדז וועט מען פאַרניכטן און די דייטשן וועלן קאָנען אומגעשטערט פאָרזעצן זייער אַרבעט. מיר מוזן קעמפן קעגן די דייטשן מיט די זעלביקע וואָפן, מיט וועלכע זיי קעמפן. אין וואָס באַשטייט, צווישן אַנדערע זאַכן, דער גרויסער דערפאָלג פון די דייטשן אין דער איצטיקער מלחמה? פריער פון אַלץ אין דעם, וואָס זיי האָבן פאַר־שטאַנען זיך אַרויסצושטעלן אַלס פריינט דאָרטן, וואו זיי האָבן געהאַט פיינטלעכע אַבזיכטן. זיי זיינען שונאים פון רומעניע, האָבן אָפּגעריסן טעריטאָריעס פון לאַנד, פרעסן אונדז אָפּ ביז צום ביין, און גילטן אַלס אונדזערע פאַרבינדעטע. זיי האָבן דאָס געבראַכט אַזוי ווייט, אַז אונדזערע זין פאַרגיסן זייער בלוט אויף די שלאַכטפעלדער אין זייערע אינטערעסן. אויך מיר קאָנען נאָר אַרבעטן מיט אויסזיכטן אויף דערפאָלג, ווען מיר וועלן באַנוצן ענלעכע מעטאָדן. מיר מוזן אַרבעטן אין זייערע רייען ווי זייערע פריינט און גלייכצייטיק וועקן אינעם פאָלק דעם באַוואוסטזיין, ווער עס איז דער אמתער שונא.

אין מיטן געשפּרעך, האָט עמעצער קורץ און שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר און אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געפרעגט: „שטער איך?"

— אָבער לחלוטין ניט, — האָט סימיאָן געענטפערט. סטעפאַן, וועל־כער האָט אייגנטלעך געדאַרפט ענטפערן, איז אויפגעשפּרונגען און געגאַנגען אָטאָ פאָן ראַובניטצן אַנטקעגן: „קומט אַריין, קומט אַריין."

סימיאָן האָט געזאָגט: „איך האָב פּונקט געהאַלטן אין אינפאָרמירן דעם הער אונטערפּרעפעקט וועגן די פאַרהעלטענישן אין דער ברויעריי, באַזונדערס וועגן דער שפּראַך־ און נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע."

— אַזוי ווי איך דאַרף, מיינע הערן, דאָ אָרגאַניזירן די רומענישע יוגנט, — האָט סטעפאַן זיך אַריינגעמישט, — האָב איך זייער שטאַרק געוואָלט וויסן, ווי עס האַלט אין דער הינזיכט אין דער ברויעריי. צי עס זיינען פאַראַן צווישן די אַרבעטער יונגטלעכע רומעניער? ווי עס שיינט, איז דאָרטן פאַראַן אַ סך וואָס צו טאָן.

— לײדער ניט, — האָט אָטאָ פאָן ראַובניטץ באַמערקט. — איך ווייס ניט פון וואַנען דאָס קומט. איך האָב אַזוי איבערגענומען די אינדוסטריע. מיר האָבן ווייניק דייטשישע אַרבעטער. די מערסטע זיינען אוקראַאינער און בלויז עטלעכע עלטערע אַרבעטער זיינען רומעניער. מ'זאָגט, אַז אין דער געגנט דאָ דרייען זיך אַרום אַ סך דעזערטירן. אָבער איר, הער אונטער־פּרעפעקט, ווייסט בעסער וועגן דעם דאָזיקן ענין. זייט איר דאָך אַליין געווען אַ קרבן פון די דאָזיקע באַנדעס. מיר האָבן אייגנטלעך נאָך ניט גע־פייערט אייער גליקלעכע רעטונג, ווי דאָס פּירט זיך צווישן פריינט. יאָ, וועגן וואָס אייגנטלעך בין איך צו אייך געקומען? איך האָב אייך געוואָלט נאָך אַמאָל באַזונדערס רעקאָמענדירן אונדזער פריינט סימיאָן שטראַוב, און עס איז פּונקט גוט, וואָס ער געפינט זיך גראָד דאָ. איך שעם זיך ניט צו זאָגן עס אין זיין קעגנוואַרט. ער איז אַ באַוואוסטער דייטשישער מענטש און אַלס אַזעלכער אַ פּאַטריאָט פון לאַנד. ער קען דאָ יעדן איינעם, יעדן וועג און שטעג.

סימיאָן האָט ביי די דאָזיקע ווערטער פון אָטאָ פאָן ראַובניטץ באַשיידן געקוקט אויפן דיל.

:: :: ::

אין האַנס קרולס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען, זינט ער איז געקומען אין באַזיץ פון אַ גרויסן פאַרמעגן. פריער איז ער געווען אונטערנעמונגס־פּיאַיק, אפילו ענערגיש אין דער הינזיכט. איצט אָבער איז ער געוואָרן שווער־לייביק, באַזונדערס זינט ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער צווייטער אין דער געשטאַפּאָ־דינסט אין סערעט און זינט אין שטאָט זיינען מער ניט געווען קיין יידן אויסצוראַטן, אַחוץ יאָסל שמש, וועלכער האָט געגאַנבעט אַ מין אימוניטעט. ער האָט מער ניט געהאַט קיין חשק אונטערצונעמען געוואַגטע

זאכן, האָט געגלויבט, אַז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיקן און ער וועט זיך דאַן אומקערן קיין דייטשלאַנד און ווי אַ פּאַרמעגלעכער מאַן שפּילן אַ גרויסע ראָל. אויף דער גוט פון פּאַן סאוער, לעבן דעם דאָרף פּאַיעני, האָט ער פון אַלעמען געהערט וועגן אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע, וואָס געפינט זיך אין דער זומפּיקער געגנט אַרום. ער האָט אַליין אַרומגעקוקט די געגנט און געזען, אַז באַקעמפן די פּאַרטיזאַנער איז אַ געפערלעכער ענין. ער האָט גערעדט מיט פיל פּויערים, האָט געמאַכט פּאַרצייכענונגען, און באַשלאָסן אַזוי אָנצושרייבן זיין באַריכט, אַז פאָרלויפיק זאָל זיך ניט לוינען עפּעס צו אונטערנעמען.

.14

חיים לאַנדער, פאַרלאָזנדיק סערעט אָנגעטאָן אין פּישקום קליידער און מיט דער לעגיטימאַציע פון דעם דאָזיקן סיגוראַנצאַ־אַגענט, האָט זיך אומגעקערט אין דער זומפּיקער געגנט פון פּאַיעני, וואו ער האָט מיט וואָכן פריער געשאַפן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. די גרופּע איז באַשטאַנען פון קוים פערציק פּערזאָן. דאָס זיינען געווען פּויערים פון סאוערס גוט, וועלכע זיינען אַנטלאָפן אין די זומפּן, ווען די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן און איידער די דייטשן האָבן אַריינגעמאַרשירט. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען אייניקע יידישע פורמאַנעס און קצבים פון סערעט, ווי אויך דער שמיד באַצקל וואַגנער און זיין טאָכטער רעבעקאַ. די דאָזיקע יידן זיינען פרייוויליק פאַרבליבן, ווען מ׳האָט די אַנדערע אַנטלאָפענע יידן פון סערעט עוואַקואירט אין טיף־רוסלאַנד. זיי זיינען דאָ פאַרבליבן צו קעמפן קעגן די דייטשן, נקמה צו נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט.

די דאָזיקע געגנט איז שוין יאָרצענדליקער געווען אַ פּראָבלעם. זי האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דער אַלטער עסטרייך־רומענישער גרענעץ. אין משך פון כמעט אַ יאָרהונדערט איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייט פאַר דעם באַזיץ פון דער דאָזיקער זומפּ־געגנט צווישן דער גריכיש־אָריענטאַלישער קירך און דער פאַמיליע פּאַן סאוער, צו וועמען עס האָט געהערט דער פּאַיעני־געביט. ענדלאָזיקע געריכט־פּראָצעסן זיינען געפירט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער געגנט, ניט קומענדיק צו אַן אַנטשיידונג. אַלס רעזולטאַט זיינען די זומפּן קיין מאָל ניט אויסגעטריקנט געוואָרן.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער דאָזיקער געביט האָט נאָך געהערט צו דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, האָבן רויבער־באַנדעס זיך אַהער פאַרקליבן; די אַרבעט זייערע פלעגן זיי טאָן אין רומעניע און אַנדערע באַלקאַנישע לענדער, און ווען בוקאָווינע איז נאָך דער וועלט־

מלחמה געוואָרן רומעניש, האָבן זיי אויך אויסגעשפּרייט זייער טעטיקייט אין דער בוקאָווינע.

ווען די רויטע אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט אין בוקאָווינע, סוף יוני 1940, האָבן די פּויערים פאַרוואַנדלט דעם פּאָיעני־מאַיאָנטעק אין אַ קאָלעק־טיוו. ווען די רעאָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרענדיקט און דער קאָלעקטיוו האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן, האָט מען אָנגעהויבן פּלאַנעווען אויסצו־טריקענען די זומפּיקע געגנט און זי אָפּגעבן דעם קאָלעקטיוו. פון טשער־נאָוויץ זיינען שוין געווען געקומען אַגראָנאָמען. מ׳האָט שוין געהאַט אויס־געאַרבעט די פּלענער און געמאַכט פאָרשלאָגן וועגן פינאַנסירן די אונטער־נעמונג, ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קומט זייער שנעל. ס׳איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן איבערצולאָזן דעם זומפּ־געביט אין אַ צושטאַנד פון ניט־צוגענגלעכ־קייט, וואו אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן.

חיים לאַנדער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע. ווען דער דאָזיקער באַשלוס איז געמאַכט געוואָרן, האָבן זיך שוין דאָרט געפונען אַ צאָל פּויערים פון דעם שכנישן מאַיאָנטעק, ווי אויך די פּאָר סערעטער יידן. אין אַ קורצער צייט האָט ער געוואונען דעם צוטרוי פון דער קליינער גרופּע. ער איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע פּאָליטישע דערפאַרונג און אויך דערפאַרונג אין אונטערערדישן קאַמף. ווייט אין די זומפּן האָט מען אויפגעשטעלט וואוינונגען, וועלכע זיינען אוודאי ניט געווען קיין באַקוועמע דירות צו לעבן אין זיי, אָבער אַלע האָבן גע־וואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און פאַרוואָס זיי געפינען זיך דאָ. נאָך פריער, איידער די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָט מען פאַרגרייט זאַפּאַסן לעבנסמיטלען; זיי האָבן אויך געהאַט אַ קאַנאָן און אַ צאָל מאַשין־ביקסן און אַנדערע וואָפן. די פּויערים האָבן געוואָלט אָנהויבן מאַכן אַרויס־טרעטונגען, אָבער חיים האָט זיך ניט געאײַלט. ער האָט צוריקגעהאַלטן זיינע מענטשן, ווייל זיי זייען נאָך ניט געווען גענוג טרעניִרט. עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן סתם עפּעס אונטערנעמען, נאָר עפּעס, וואָס זאָל האָבן אַ באַדייטונג פאַר דעם אַלגעמיינעם פּלאַן. ער האָט געהאַלטן אין איבער־חזרן פאַר די פּאַרטיזאַנער: מיר זיינען נאָר אַ טייל פון אַ גרויסער אומ־זעבאַרער אַרמיי. ווען מיר הויבט איצט אָן, וועלן מיר די דייטשן ברענגען ווייניק שאָדן.

ער איז געווען צופרידן, וואָס אַ גליקלעכער צופאַל האָט מעגלעך געמאַכט איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט סערעט. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון סערעט, איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ פאַרזוך איינצושטעלן פאַר־בינדונגען מיט דער געגנט־פירערשאַפט אין טשערנאָוויץ. חיים האָט זיך צוגעגרייט פאַרן וועג. צערטיאַן האָט אים אויסגעשטעלט נאָך אַ לעגיטי־

מאַציע איידער ער האָט פאַרלאָזן סערעט, וואָס זאָל פאַר אים מעגלעך מאַכן צו וואַגן אונטערנעמען די דאָזיקע רייזע. נאָך דריי טעג אין טשערנאָוויץ איז ער געפאָרן צוריק אַהיים.

ער איז געזעסן ביים עק פענצטער פון דעם וואַגאָן אין אַ צוג, וואָס איז געגאַנגען אין אַ דרום־ריכטונג, צו די קאַרפּאַטן־בערג און בוקאַרעשט. עס איז געווען אַ רעגנדיקער זומער־אָוונט. אין וואַגאָן איז געווען שטיקנדיק, אָנגעגרויכערט און פינצטער. קיין באַלייכטונג איז אינגאַנצן ניט געווען. דער צוג האָט זיך באַוועגט מיט דער שנעלקייט פון אַ טשערעפּאַכע, ווי ער וואָלט געדאַרפט אָפּמעסטן יעדן טראָט, איידער ער גיט זיך אַ ריר, ווי די רעלסן וואָלטן געלעגן אויף אַ וואולקאַן. חיים איז געווען דער איינציקער ציוויליסט אין דעם וואַגאָן. דער צוג האָט געפירט פון פראָנט אין הינטערלאַנד שווער־און לייכט־פאַרוואונדעטע; סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקראָגן אורלויב; און מיליטערישע פּאָליציי.

חיימען האָט זיך שטאַרק ניט געוואָלט נעמען דעם דאָזיקן צוג. אָבער פון טשערנאָוויץ ביז פּאַיעני איז געווען אַרום דרייסיק קילאָמעטער. קיין וואָגן אָדער אויטאָ־באָס האָט מען זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה ניט געקאָנט קריגן. ער וואָלט גערן געגאַנגען דעם וועג צופוס, אָבער דער וועג איז געווען באַוואַכט פון דייטשישער פעלד־פּאָליציי און ס.ס.־לייט. די דאָזיקע שמירה איז באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן זינט דער ס.ס.־מאַן און דער סיגוראַנצאַ־שאָפער זיינען געפאַלן טויט און זינט דער סיגוראַנצאַ־אַגענט פּישקו איז שפּורלאָז פאַרשוואונדן. מיט דער לעגיטימאַציע, וואָס סטעפאַן צערטיאַן האָט אים געגעבן, האָט חיים באַקומען אַ דערלויבעניש אין דער טשערנאָוויצער קאָמאַנדאַנטור צו קאָנען פאָרן מיט דער אייזנבאַן. פון טשערנאָוויץ ביז בליבאָקאַ, אַ קנופּ־סטאַציע, און פון דאָרטן ביז פּאַיעני, איז געווען 26 קילאָמעטער. און ער האָט גענומען צוויי שעה פאָרן צוג צו מאַכן די דאָזיקע שטרעקע. ביי יעדער קליינער סטאַנציע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און געשלעפּט האַלץ און וואַסער פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו.

אַז ער טאָר ניט אַריינפאָרן אין דער באַן־סטאַנציע, איז פאַר אים געווען קלאָר. ער איז געפאָרן אויף דעם נאָמען פון דעם גוט־פאַרוואַלטער פון פּאַיעני, וועלכן מ׳האָט געקענט אויף דער באַן־סטאַנציע, און מ׳האָט אַזוי אַרום געקאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָס איז ניט ער. דער צוג איז אָבער גע־גאַנגען אַזוי לאַנגזאַם, אַז אומגעפער אַ קילאָמעטער פאַר בליבאָקאַ איז אים ניט שווער געווען אַראָפּצושפּרינגען אומבאַמערקט פון דעם צוג. ער האָט דאָ געקענט יעדן וועג און שטעג און האָט געהאָפט, אַז אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט וועט ער באַוויזן אויסצומיידן די דייטשישע פּאַטרולן און זיך דערשלאָגן קיין פּאַיעני.

ער איז אַראָפּ פון דעם הויפּט־וועג און זיך פאַרנומען מיטן וועלדל,

האַפּנדיק אַנצוקומען מיט זייטיקע וועגן קיין פּאַיעני. ער איז אָפּגעגאַנגען בלויז אַרום צען מינוט, ווען אַן עלעקטרישע ליכט האָט אים פּלוצלונג אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. „האַלט!" האָט אַ שטים אויסגערופן אין רומעניש. דעם אוניפאָרם האָט ער אין דער פינצטער ניט געקאָנט זען אין דעם ערשטן אויגנבליק. די רומענישע שפּראַך האָט אים גלייכצייטיק פאַרוואונדערט און באַרואיקט. אויף וויפל ער האָט געקאָנט אויסגעפינען אין טשערנאָוויץ, איז די דאָזיקע גאַנצע געגנט געווען באַזעצט פון דייטשן און דאָ האָבן קיין רומענישע זשאַנדאַרן זיך בכלל ניט געדאַרפט געפינען. דער מאַן האָט ביי אים געפאָדערט ווייזן זיינע דאָקומענטן. דער רומענישער סאָלדאַט, וועלכער האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט געוואָרפן מיט זיין עלעקטרישן לעמפּל שטראַלן, זוכנדיק צי איז ניט פאַראַן נאָך עמעצער אַנדערש, און חיים האָט באַמערקט, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ סאָלדאַט אָדער זשאַנדאַר, נאָר אַ מאַן, וואָס דינט אין דעם פּריווילעגירטן גרענעץ־רעגימענט, וואָס איז צוגעטיילט צום דינסט פון דער סיגוראַנצאַ. דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין פאַרוואונדערונג, ווייל אויף וויפל ער האָט געוואוסט, זיינען די סיגוראַנצאַ און די געשטאַפּאָ ניט געווען פאַראייניקט אין דער וואַכדינסט, בלויז אין דער ציווילער דינסט האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען. דער מאַן — חיים האָט איצט שוין געקאָנט אונטערשיידן די מיליטערישע צייכנס און געזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַן אונטעראָפיצער — האָט גאַנץ גענוי אונטערזוכט זיינע דאָקומענטן און געזאָגט: „פונקט אייך זוכן מיר."

חיים האָט זיך געוואונדערט: איז דאָס מעגלעך, אַז זיי האָבן מיך דערקענט אין דער קאָמאַנדאַנטור, אין טשערנאָוויץ, און האָבן געלאָזט וויסן מיין אמתן נאָמען? אָבער, האָט ער געטראַכט, צוליב וואָס? וואָס פאַר אַ זין און וואָס פאַר אַ צוועק האָט דאָס פאַר זיי? ווען זיי וואָלטן געוואָלט, האָבן זיי דאָך מיך געקאָנט אַרעסטירן גלייך אין טשערנאָוויץ. פאַר אַ סעקונדע האָט ביי אים אויפגעבליצט אַ פאַרדאַכט אויף צערטיאַנען, אָבער ער האָט אים גלייך צוריקגעוויזן.

דער אונטעראָפיצער האָט אים געבעטן אים נאָכפאָלגן און נאָך אייניקע מינוטן גאַנג האָט ער אים געבראַכט צו אַ גרעסערער גרופּע, וואָס האָט געלאַגערט אין וועלדל. דער אונטעראָפיצער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט צו אַ הויפּטמאַן. חיים האָט ניט געוואוסט וואָס צו דענקען וועגן דער גאַנצער זאַך. די פאַסירונג איז אים פאָרגעקומען מאָדנע און האָט ווידערשפּראָכן די אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פירערשאַפט אין טשערנאָוויץ. דער הויפּטמאַן האָט צוגענומען פון דעם אונטעראָפיצער חיימס לעגיטימאַציע, האָט זיך נאָך אַמאָל אויפמערקזאַם איבערגעלייענט און געזאָגט, צו חיימס איבעראַשונג: „מיין נאָמען איז הויפּטמאַן מאַראַהעסקו, איר האָט זיכער געהערט וועגן מיר. איר זייט דאָך אַ רומעניער, ניט קיין דייטש?"

— יאָ, הער הויפּטמאַן.

— זייט איר שוין אַ לאַנגע צייט דער גוט־פאַרוואַלטער ביי דעם דאָזיקן דייטש?

— זינט דעם סוף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

— ווייסט איר עפּעס, הער צאַפּאַטאַנו, — דאָס איז אייער נאָמען? — וועגן דער טעטיקייט פון די רויבער און באַנדיטן אין דעם זומפּ־געביט פון פּאַיעני?

— יאָ, דאָרטן דרייען זיך אַרום באָלשעוויקעס. פון מיין הויף זיינען אַוועק זעקס פּויערים און מען זאָגט, אַז זיי זיינען אַוועק אין דעם זומפּ־געביט.

— זייט איר גרייט מיר צו טאָן אַ געפעליקייט?

— מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, אויב נאָר מעגלעך.

— עס האַנדלט זיך וועגן אַן אונטערנעמונג, וואָס איז פון דער גרעסטער באַדייטונג פאַר די פאַרהעלטענישן פון אונדזער לאַנד און פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דער הויפּטמאַן האָט אַרויסגענומען זיין פעלד־פלאַש, האָט געגעבן אַ גרויסן זופּ און, אָנבאַטנדיק די פלאַש חיימען, האָט ער פאָרגעזצט:

— טרינקט, טרינקט פאַר דעם דערפאָלג פון אונדזער אונטערנעמונג. אַ יאָ, איך האָב אייך נאָך גאָרנישט געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער שרעקט זיך ניט, ס'איז אַ פּאַטריאָטישע אונטערנעמונג.

ער האָט דערלאַנגט נאָך אַ זופּ און געזאָגט:

— איר אַרבעט דאָך ביי אַ דייטש. איך זאָג אייך, זיי זיינען אַ פאַרפלוכטע באַנדע, די דייטשן. איך האָב פאַר זיי רעספּעקט. זיי קעמפן ווי די טייוואָלים. קיינער קאָן זיך זיי ניט אַנטקעגנשטעלן. מיר רומעניער זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיי אין דער לעצטער מלחמה געלערנט דרך־ארץ. פלינדערן קאָנען זיי, אַז קיינער קאָן זיך מיט זיי ניט פאַרגלייכן. זיי פירן אַ חשבון פון יעדן העמד, וואָס עמעצער טראָגט. זיי באַהאַנדלען אַלע אַנדערע מיט גרינגשעצונג. אונדז רומעניער געטרויען זיי אינגאַנצן ניט.

ער האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און שוין עטוואָס שיכור פאָרגעזעצט:

— אַ הויפּטמאַן מאַראַרעסקו פאַראַכטעט מען ניט. אין די זומפּן זיינען די דייטשן מאַכטלאָזיק. דאָ איז מאַראַרעסקו דער הער. זיי וועלן זען, וואָס איך קאָן אויפטאָן, די דאָזיקע דייטשן. און דאָ בוי איך אויף אייך, מיין ליבער צאַפּאַטאַנו. אַלס גוט־פאַרוואַלטער פון פּאַיעני, קאָנט איר זיכער דעם זומפּ־געביט. איר וועט אונדז ווייזן דעם וועג. איך וועל אייך דערמאָנען אין מיין באַריכט. איר וועט באַקומען אַן אויסצייכענונג. פאַר וואָס ניט? כבוד וועמען כבוד קומט. וואָס פאַר אַ אויגן די דייטשן וועלן עס מאַכן אויסגלאָצן, ווען זיי וועלן הערן, אַז די גאַנצע פּאַרטיזאַנען־באַנדע

איז פאַרניכטעט און הויפּטמאַן מאַראַרעסקו באַהערשט דעם זומפּ־געביט.
חיים האָט פון אָנהויב געהאַט פאַרהערט דעם נאָמען פון דעם הויפּט־מאַן. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט פּלוצלונג צו געפינען דאָ רומעניש־גרענעץ־סאָלדאַטן און אויפגענומען צו ווערן אַזוי פריינטלעך פון דעם הויפּט־מאַן, אַז ער האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צום נאָמען. איצט אָבער, ווען מאַראַרעסקו האָט אין משך פון אייניקע מינוטן אַליין איבער־געחזרט פיל מאָל זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער זיך דערמאָנט ווער דער מאַראַרעסקו איז געווען. יאָ, מאַראַרעסקו איז געווען יאָרנלאַנג אַ באַוואוס־טער נאָמען אין בעסאַראַביע. ער איז געווען דער פירער פון גרענעץ־טרופּן ביים דניעסטער, לעבן דער סאָוועטישער גרענעץ. ער איז געוואָרן די שרעק פון דער דאָרטיקער זומפּיקער געגנט. מ'האָט דעמאָלט געדעדט, אַז ער האָט דערמאָרדעט טויזנטער פּויערים און גרענעץ־איינוואוינער. מ'האָט אים גע־רופן דער טייוול פון די זומפּן און דער מלאך־המות פון די פּויערים. די אויפרעגונג קעגן אים — ס'איז שוין געווען אַ מעשה פון פופצן יאָר — איז געווען אַזוי גרויס, אַז נאָך פיל אינטערפּעלאַציעס אין פּאַרלאַמענט, האָט די רעגירונג זיך געפילט געצוואונגען אים אָפּצוזאָגן פון דינסט און אים געבן אַ ציווילן אַמט.
— איך צווייפל ניט, הער הויפּטמאַן, — האָט חיים געזאָגט, — אַז ווען איר נעמט זיך אונטער אַן ענין, פירט איר אים דורך פולשטענדיק. און איך בין גליקלעך צו קאָנען אייך באַהילפיק זיין מיט מיינע באַשיידענע כוחות.
— קיינער, אויך ניט מיין פּאָלקאָווניק, צווייפלט ניט אין דעם דער־פאָלג פון מיין אונטערנעמונג. קיינער ווייס אָבער ניט וואָס איך וויל היינט ביינאַכט אונטערנעמען. איך וויל די הערן אין טשערנאָוויץ און אויך די דייטשן אָוועקשטעלן פאַר אַן אָפּגעטאָנענער זאַך. ווי פאַר פופצן יאָרן, וועט מאָרגן די גאַנצע פּרעסע פול זיין מיט דעם נאָמען מאַראַרעסקו — פון בוקאַ־רעשט ביז בערלין. וואָס פאַר אַ גליק, מיין ליבער צאַפּאַטאַנו, פאַר אונדזביידן, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן. אָן דער דאָזיקער באַגעגעניש וואָלט איך זיך געמוזט ווענדן צום דייטשישן גוט־באַזיצער, אַז ער זאָל מיר ווייזן דעם וועג, און ער וואָלט מיר געמאַכט שוועריקייטן. די דייטשן פאַרגינען ניט אַ רומעניער וועלכן ניט איז דערפאָלג. אַלץ ווילן זיי פאַר זיך אַליין. וועט איר זיין אונדזער וועג־ווייזער? נאַטירלעך, ווי דען אַנדערש? אַ גליקלעכער שאַנס פאַר אייך און פאַר מיר.
באמת אַ גליקלעכער שאַנס, האָט חיים געטראַכט. פון אַזאַ גליק האָט זיך אים קיינמאָל ניט געחלומט. ער איז געווען שטאַלץ דערויף, וואָס די קליינע פּאַרטיזאַנען־גרופּע, וועלכע האָט נאָך קיין שום טעטיקייט ניט אַנטוויקלט, גיט שוין באַצייטנס קאַפּוויטיק די הערן אין טשערנאָוויץ.

— איך וועל אייך פירן מיט באַגייסטערונג, הער הויפּטמאַן. עס איז פאַר מיר אַ כבוד. און ווער אַנדערש ווי אַ מאַראַרעסקו איז באַרופן דעם זומפּ־געביט צו באַהערשן?

דער הויפּטמאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אויסגעזופּט אַ גרויסן טייל פון דער פלאַש, האָט אַרומגענומען חיימען און האָט נאָך אַמאָל איבער־געחזרט:

— מאָרגן וועט מען רעדן אין דער גאַנצער פּרעסע ניט נאָר פון מאַראַ־רעסקו, נאָר אויך פון צאַפּאַטאַנו. אָבער ניט נאָר דאָס. איך וועל דירעקט טעלעגראַפירן אַנטאָנעסקון. איך קען אים פּערזענלעך. איך בין געווען זיין לערער אין דער אַרטילעריע־שול. היינט איז ער גענעראַל, הויפּט פון דער רעגירונג, פירער פון רומעניע, און איך בין בלויז הויפּטמאַן. אָבער מאָרגן? מאָרגן וועל איך, נאָך דעם זיג איבער די באַנדיטן דאָ, זיין דער הויפּט פון אַלע אָפּטיילונגען קעגן די פּאַרטיזאַנער.

עס איז געווען אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט. מאַראַרעסקו האָט געהייסן זיינע פּופּציק מאַן זיך גרייטן אין וועג. דער טאָן, וואָס האָט געהערשט צווישן אָפיצער און מאַנשאַפט, איז ניט געווען דער טאָן פון דער אַרמיי, נאָר פון חברים. עס איז געווען דיסציפּלין, אָבער אָפיצער און סאָלדאַט זיינען דאָ געווען פאַרבונדן דורך געמיינזאַמע געפאַרן, וואָס זיי האָבן צו־זאַמען דורכגעמאַכט. פיל פון דער דאָזיקער מאַנשאַפט האָבן שוין געדינט אונטער מאַראַרעסקון ביים דניעסטער מיט פופצן יאָר צוריק און האָבן זיך געהאַט באַטייליקט אין אַלע זיינע פאַרברעכנס.

מאַראַרעסקו האָט פאַר זיי פאָרגעשטעלט חיימען אַלס דעם וועג־ווייזער אין דעם זומפּ־געביט און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג, מיט מאַראַרעסקו און חיים אין דער שפּיץ. זיי האָבן געהאַט צו מאַכן אַ שטרעקע פון אַרום זעקס קילאָמעטער. עס האָט נאָך אַלץ גערעגנט. וואָלטן זיי גענומען דעם שאָסיי, וואָלטן זיי דעם גאַנצן וועג געקאָנט דורכמאַכן אין אַרום אַ שעה צייט. אָבער מאַראַרעסקו האָט אונטער אַלע אומשטענדן געוואָלט אויס־מיידן אַ באַגעגעניש מיט די דייטשן און זיי זיינען אַוועק מיט אַ שמאָלן וואַלד־וועג.

די שיך און שטיוול זיינען אַלץ מער באַדעקט געוואָרן מיט ליים און ס'איז אַלץ שווערער געוואָרן צו גיין. מ'האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף קוסטעס און וואָרצלען. געגאַנגען איז מען איינער הינטערן אַנדערן אין אַ לאַנגער ריי, און פון פאָרנט האָט מען ניט געקאָנט וויסן וואָס עס טוט זיך ביים סוף. מאַראַרעקו איז געווען אין אַ פיבער־צושטאַנד: „באַטראַכט נאָר, הער צאַפּאַטאַנו, אין פופצן יאָר איז דאָס מיין ערשטע אונטערנעמונג. די זומפּ־געגנט מעג זיך זיין אַ שווערע. אָבער וואָס איך זאָל ניט האָבן ביי־געטראָגן, מוז איך היינט אָנהויבן אויף דאָס ניי — און זיין דערפאָלגרייך.

און ס'איז וויכטיק, זאָג איך אייך. אזעלכע באַנדעס אין רוקן זיינען געפּער־לעכער ווי גאַנצע אַרמייען ביים פראָנט. יאָ, זיי זיינען העלדיש, די דייטשן, אָבער נאָר ווען זיי וויסן: דאָ איז דער פראָנט, דאָ זיינען זייערע טאַנקען, דאָ די קאַנאָנען. איך האָב זיי שוין ביי מאַראַטעסטי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, ווען איך, דאַן נאָך אַ יונגער לייטענאַנט, בין דערשינען ביי זיי פון רוקן — מיר זיינען בלויז געווען דרייסיק מאַן — און פאַרניכטעט זייערע זאַפּאַסן. ווען מ'וועט מיר איבערגעבן דאָס באַקעמפן פון די פּאַרטיזאַנער אין גאַנץ רומעניע, וועט דאָס ווערן דער אַנטשיידנדיקער און זיגרייכער פראָנט. מאַראַרעסקו וועט זיין דער צווייטער מאַן אין דער דאָזיקער מלחמה."

ער האָט געדריקט חיימען די האַנט און געזאָגט: „איר שיינט אויך צו זיין שטאַרק אויפגערודערט."

— איך קאָן ניט אָפּלייקענען, הער הויפּטמאַן. מיט אייך צו אַרבעטן, אייך באַהילפיק צו זיין, אפשר דערמאָנט ווערן מיט אייך אין איין אָטעם־צוג, איז דאָך באמת ניט קיין קליין גליק.

פּלוצלונג האָט מאַראַרעסקו אים אָנגענומען ביים אָרעם און אַרויס־געשעפּטשעט: „הערט איר עפּעס?"

ווירקלעך, עס האָבן זיך געהערט טריט. זיי זיינען איצט געווען אַרויס־געגאַנגען פון וועלדל און האָבן זיך געפונען לעבן אַ ברייטן וועג. דאָס איז געווען די געפּאַר־זאָנע, דער וועג, וואָס איז געווען באַוואַכט פון די דייטשן. זיי האָבן געוואָלט שנעל אַריבערלויפן איבער דעם דאָזיקן וועג און פאַר־שווינדן אויף דער אַנדער זייט, פאַרצווזעצן זייער וועג. אָבער אַ „האַלט!" האָט זיי אַ דונער געטאָן אַנטקעגן, אין דער דייטשישער שפּראַך. צוויי עלעקט־רישע לעמפּלעך האָבן אויפגעבליצט. מאַראַרעסקו האָט דערזען אַ דייטשישן אויבערלייטענאַנט, באַגלייט פון אַן אונטעראָפיצער, ביידע אין שוואַרצע אוניפאָרמען. ער האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

דער אויבערלייטענאַנט האָט פאַרלאַנגט פון מאַראַרעסקון, אַז ער זאָל אים וויזן זיינע דאָקומענטן, האָט זיי קריטיש דורכגעקאָנטראָלירט און דער־קלערט, אַז ער קאָן זיי ניט לאָזן אַריבערגיין דעם וועג, ווייל פון זיינע דאָקו־מענטן קאָן מען ניט זען, אַז דער הויפּטמאַן האָט אַ באַפעל צו מאַרשירן אין דער דאָזיקער ריכטונג. דעם דאָזיקן וועג קאָן מען נאָר אַריבערגיין מיט אַ באַזונדערער דערלויבעניש פון דער דייטשישער קאָמאַנדע. ער מוז דעריבער בעטן דעם הויפּטמאַן און זיין אָפּטיילונג אים נאָכצופאָלגן אין שטאַב, אַרום פופצן קילאָמעטער פון דאַנען. „איך בעט דעם הער הויפּט־מאַן", האָט ער געזאָגט, „צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ רשעות, נאָר וועגן אַ באַפעל, וואָס מ'קאָן בשום אופן ניט אַרומגיין."

מאַראַרעסקו איז געווען אויפגערעגט. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו דערקלערן דעם דייטשישן אָפיצער, אַז ער האָט אַ געהיימען אויפטראָג.

— געהיימע אויפטראָגן אָן אונדזער וויסן גי'לטן דאָ ניט. מ'האָט מיר וועגן דעם ניט אינפאָרמירט און איך מוז אייך בעטן מיך נאָכצופאָלגן.

זיין טאָן איז געווען אַ דראָענדיקער. ס'איז ניט געווען קיין צווייפל, אַז ער האָט די גאַנצע רומענישע אָפּטיילונג פאַרדעכטיקט צו זיין פּאַרטיזאַנער. ער האָט דערלאַנגט אַ שאַרפן פייף און פּופצן מאַן אין שווארצע אוניפאָרמען האָבן זיך צונויפגעקליבן פון ביידע זייטן. זיי האָבן אָבער בלויז געזען מאַראַרעסקון און אייניקע פון זיינע מענטשן, די אַנדערע האָבן נאָך געהאַלטן אין אָנקומען פון וואַלד.

מאַראַרעסקו האָט געבויט אַלע זיינע האָפענונגען אויף דער פאַרניכטונג פון דער פּאַרטיזאַנען־גרופּע. מיט דעם דאָזיקן פּלאַן איז געווען פאַרבונדן זיין צוקונפט, זיין גאַנצע קאַריערע. און דאָ קומט דער פאַרפלוכטער דייטש און וויל אַלץ צונישט מאַכן. פאַר אַן אומגנבליק איז אים געקומען אַ געדאַנק נאָכצופאָלגן דעם דייטש אין שטאַב אריין. דאָרט וועט מען שוין זען, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן. ער האָט אָבער באַלד אויפגעגעבן דעם דאָזיקן געדאַנק. די דייטשן וועלן אים ניט לאָזן אליין דורכפירן אַזאַ וויכטיקע אַרבעט. דערצו נאָך האָט ער פון זיין פּאָלקאָווניק לופּעסקו באַקומען די דערלויבעניש פאַר דער אונטערנעמונג אויפן תנאי, אַז ער וועט אין פיר טעג צייט צוריק זיין אין דער קאַזאַרמע. דריי טעג האָט אים גענומען, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן אַהער, אומאַנטדעקט פון די דייטשן. עס איז אים דעריבער פאַרבליבן בלויז די דאָזיקע נאַכט. אויף אָט דער נאַכט איז גע־האַנגען זיין גאַנצע האָפענונג. ער האָט דעריבער געמאַכט נאָך אַ פּאַרזוך:

— הער אויבערלייטענאַנט, אויב איר געטרויט אונדז ניט, שיקט־מיט מיט אונדז איינעם פון אייערע מענטשן.

אָבער קוים האָט ער אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, ווי לעכערלעך דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז, און ער האָט צוגעגעבן: „הער אויבערלייטענאַנט, אויף מיין אָפיצערן־וואָרט . . ."

אַלס ענטפער האָט דער אויבערלייטענאַנט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— איין מינוט צייט אָפּצוגעבן די וואָפן!

מאַראַרעסקו האָט אַ שפּרונג געטאָן צוריק אין וואַלד און געגעבן אַ באַ־פעל. עס האָבן אָנגעהויבן קנאַלן ביקסן, מאַשין־ביקסן האָבן אָנגעהויבן שטעפּן — מאַראַרעסקו האָט געהאַט דריי. חיים האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער אַ בוים און צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער ערד. ווי וועט זיך דאָס ענדיקן?

די שיסעריי האָט אינגיכן אויפגעהערט. עס האָבן זיך געהערט באַפעלן אין רומעניש. מאַראַרעסקו האָט געשריען צו אַן אונטעראָפיצער: „זעט, ווער עס איז טויט, ציילט איבער! זיי זיינען געווען פּופצן. קיין איינציקער טאָר ניט פאַרבליבן. איר, הער צאַפּאַטאַנו, וואו זייט איר?"

— יאָ, הער הויפּטמאַן.

— צום טײַוול! האָט עס דווקא געמוזט מיט אונז פּאַסירן! אַזויפיל צײַט פאַרלאָרן! און די באַנדע, די פּאַרטיזאַנער וועלן ווערן אַלאַרמירט! אָבער איצט מוז די זאַך דורכגעפירט ווערן. וואָס פאַרקען זײ זיך, די קאַליקע אונטעראָפיצערן?... — ער האָט גענומען נאָך אַ זופּ פון פלעשל.

ענדלעך, זײַנען די פאַרלוסטן פעסטגעשטעלט געוואָרן. מאַראַרעסקו האָט פאַרלאָרן אַכט מאַן. פון די דײַטשן אָבער זײַנען דער אויבערלײטענאַנט און עלף מאַן געוועזן טויט, צוויי האָבן געגוססט, און מ'האָט זײ דערלײדיקט מיט רעוואָלווערן־שאָסן.

מ'האָט זײ אַרײַנגעשלעפּט אין וואַלד. באַגראָבן זײ איז ניט געווען קיין צײַט. אין אַ פּאָר טעג וועט מען זײ געפינען לויטן ריח. עס זײַנען פאַרבליבן די פּאַטראָנען־גילזן, וואָס מ'האָט אין דער פינצטער ניט געקאָנט צונויפקלײבן.

— געגאַנגען ווײַטער! — האָט מאַראַרעסקו באַפוילן. ווען זײ זײַנען שוין געווען אויף דער אַנדער זײַט וועג, אין וואַלד, און ס'איז מער ניט נויטיק געווען צו זײַן פאָרזיכטיק, האָט מאַראַרעסקו געזאָגט אויפגערעגט און הויך:

— ליבער צאַפּאַטאַנו, גאָט ווייס, אַז אַ מאַראַרעסקו שרעקט זיך ניט פאַר אַ פּאָר לומפּיקע מתים. אָבער דעם דאָזיקן קאַמף האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב די דײַטשן ניט האָלט. טראָץ דעם צווײפל איך אָבער קײן אויגנבליק ניט, אַז מיר דאַרפן זײ. מיר שטײען קעגנאיבער די באָלשעוויקעס און אָן דײַטשישער הילף קאָנען מיר מיט זײ ניט פאַרטיק ווערן. אָבער וויפל זײ זאָלן ניט העלפן, זײַנען זײ אין אַ געוויסער הינזיכט אַ שטײן אויפן וועג. דאָרט וואו עס האַנדלט זיך וועגן דערפאָלג, לאָזן זײ אַ רומעניער דעם קאָפּ ניט אויפהויבן. שטענדיק דאַרפן מיר פאָלגן און זײ — געבן די באַפעלן. שטענדיק דאַרפן מיר זײַן אין די פאָדערשטע רייען, אָבער קײנמאָל ניט האָבן קײן אײגענע איניציאַטיוו. מיר ווילן זײַן גלײַכבאַרעכטיקע פאַרבינדעטע היטלערס. מיט אונדז דאַרף מען זיך ניט באַנעמען, ווי מיט די פּאָליאַקן אָדער סערבן.

— גאַנץ ריכטיק, הער הויפּטמאַן. דאָס איז אויך מײַן מײנונג. די פראַגע איז נאָר . . .

מאַראַרעסקו האָט אים אונטערבראָכן: „גאָט און איר זײַט מײַנע עדות, אַז איך האָב דעם דאָזיקן קאַמף ניט געוואָלט. אָבער קײן אַנדער זאַך האָבן מיר ניט געקאָנט טאָן. נו, הער צאַפּאַטאַנו, האָט דער שיקזאַל אונדז פאַרבונדן. מײַן מאַנשאַפט, מיר און אײַך פאַרבינדט אַ שטרענגע געהײמניש. ווען די דאָזיקע געהײמניש זאָל אויפגעדעקט ווערן, קאָנען זײַן שווערע רעזולטאַטן ניט נאָר פאַר אונדז, נאָר פאַר די גאַנצע דײַטשיש־רומענישע באַציאונגען. ניט וואָס איך געטרוי אײַך ניט, אָדער עמעצן פון מײַנע

מענטשן. איר האָט היינט אָוונט באַוויזן, אַז מ׳קאָן זיך אויף אייך פֿאַרלאָזן. און וואָס שייך מיינע מענטשן, זיינען זיי אויסגעפּרובירטע גרענעץ־קעמפֿער. מיר זיינען ווי ברידער, הגם איך בין פֿיל יאָרן מיט זיי ניט געווען. פֿונדעסטוועגן איז ביי אונדז אַ מנהג אין אַזאַ פֿאַל צו געבן אַ פֿייערלעכע שבועה פֿון קענגזייטיקער געטריישאַפֿט. מיר ווילן דאָס אויך ניט דורכלאָזן דאָס מאָל. דורך דער דאָזיקער שבועה, מיין ליבער צאַפּאַטאַנו, ווערט איר איינער פֿון אונדז. איר זייט דאָך דערמיט איינפֿאַרשטאַנען?”

— פֿולשטענדיק, הער הויפּטמאַן.

מאָראַרעסקו האָט געגעבן אַ באַפֿעל זיך אָפּצושטעלן, האָט פֿאַרזאַמלט די מאַנשאַפֿט אין אַ האַלבן קרייז אַרום זיך, זיי געהייסן נעמען דאָס געווער אין דער רעכטער האַנט, אויפֿהויבן עס אין דער הויך, און געהאַלטן די פֿאָלגנדיקע רעדע: „מיינע געטרייע אונטעראָפֿיצערן און סאָלדאַטן, איך בין ניט נאָר אייער הויפּטמאַן און איר מיינע אונטעראָרדנטע, נאָר אייער חבר. איר האָט אין אַ שווערער שעה באַוויזן אייער העלדישקייט. איך האָב עס פֿון אייך אַנדערש ניט דערוואַרט. יעדער פֿון אונדז וואָלט געווען מער צופֿרידן, ווען אָנשטאָט דייטשן, וואָלטן דאָס געווען רוסן. אָבער דער קאַמף איז אויף אונדז אַרויפֿגעצוואונגען געוואָרן. אונדזערע חברים, אויב אַפֿילו זיי האָבן געמוזט קעמפֿן קעגן די דייטשן, זיינען פֿונדעסטוועגן געפֿאַלן פֿאַר דער אַנטי־יידישער און אַנטי־באָלשעוויסטישער זאַך. ערע זייער אָנדענק. מיר באַדויערן אויך די טויטע דייטשן, ווייל זיי קעמפֿן פֿאַר אונדזער זאַך. אָבער מיר, וועלכע שטייען שטענדיק אין גרענעץ־קאַמף, ווייסן, אַז דער קאַמף איז שווער און אַז מאַנכעסמאָל מוז מען אָפּהאַקן ביימער, וואָס מ׳וויל ניט אָפּהאַקן. דער ערשטער עטאַפּ פֿון קאַמף פֿאַר אונדזער אונטערנעמונג ליגט הינטער אונדז. אָבער דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט, וועט מען אפשר פֿאַרן מאָמענט ניט פֿאַרשטיין אין די העכערע קרייזן. אונדז, פּונקט ווי די זאַך וואָס מיר דינען, דראָעען דעריבער גרויסע געפֿאַרן, ווען מען זאָל אויסגעפֿינען, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט. דעריבער בעט איך אייך אַלעמען מיר נאָכצוזאָגן וואָרט ביי וואָרט די פֿאָלגנדיקע שבועה: מיר שווערן ביי גאָט דעם אַלמעכטיקן פֿאַר די נעקסטע צען יאָר קיינעם ניט, אויך ניט אונדזערע נאָענטסטע און מיליטערישע העכערע באַאַמטע, צו דערציילן, וואָס מיר האָבן היינט איבערגעלעבט און געזען. ערשט נאָך צען יאָר, וועלן מיר זיין פֿריי פֿון דער שבועה. פֿאַרפֿלוכט זאָל זיין דער, וועלכער וועט די דאָזיקע שבועה ברעכן. און און זיין פֿאַמיליע זאָלן פֿאַראַכטעט ווערן. יעדער פֿון אונדז באַטראַכט זיך פֿון דעם דאָזיקן אויגנבליק אָן אַלס אַ מיטגליד פֿון אַ געהיימער געזעלשאַפֿט און פֿאַרפֿליכטעט זיך צו טויטן פֿאַררעטער און אויך צו נעמען נקמה פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע פֿון אַ פֿאַררעטער. אַזוי זאָל אונדז גאָט העלפֿן, אָמן.”

דער רעגן האָט אויפגעהערט. עס איז שוין געווען ארום צוויי אזייגער אינדערפרי, ווען זיי האָבן נאָך דער פייערלעכער שבועה זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין. מאַראַרעסקו איז געווען שטארק באַרעדעוודיק: „איך באַדויער", האָט ער געזאָגט צו חיימען, „די אַכט מאָן, וואָס איך האָב פאַר־לאָרן. אָבער די דייטשן האָבן זיך גענויטיקט צו קריגן פון אונדז אַ ריכטיקע לעקציע. ביי דער אָפיצערן־הוליאַנקע לעצטע וואָך, האָט אַ דייטשישער פאַל־קאָווניק מיר געזאָגט: רומעניע איז אַ גרויסער זומפּ. ער איז געווען אַ ביסל שיכור. אָבער איר קענט דאָך דעם שפּריכוואָרט פון אונדזערע פויערים: וואָס ביי אַ ניכטערן אויפן לונג, איז ביי אַ שיכורן אויפן צונג. איך האָב אים געענטפערט: הער פאַלקאָווניק, דער זומפּ קאָן אייך פאַרשלינגען, ווען מיר זאָלן אייך ניט ארויסשלעפּן. עס איז ניט ריכטיק, אַז אייער גורל מוז אויך זיין אונדזערער. איך גלויב אַ סך מער, אַז אונדזער גורל וועט אויך זיין אייערער. ווען מיר זאָלן צוזאַמענברעכן, וועט איר אויך אונטערגיין. איך זאָג אייך גאַנץ אָפן: גיט אַכטונג, הער פאַלקאָווניק, מאַראַרעסקו איז דער הער פון זומפּ. און ווען מאַראַרעסקו וועט אייך פון דעם זומפּ ניט ארויסשלעפּן, וועט דאָס קיינער ניט קאָנען טאָן דאָ אין לאַנד. דער פאַל־קאָווניק האָט מיר אָנגעקוקט עפּוואָס פאַרווירט, ער האָט אָבער געשוויגן, ווייל מאַראַרעסקון וואַגט קיינער ניט צו רעדן אַנטקעגן."

די וואָלקנס זיינען געהאַנגען שווער איבער זייערע קעפּ. מ'האָט בלויז געהערט דאָס טאָפּטשען פון די שטיוול און דאָס שווערע אָטעמען. „אין אַ מאָדערנער מלחמה", האָט מאַראַרעסקו פאַרגעזעצט, „שפּילט טאָפּאָגראַפיע אַ גרויסע ראָלע. קעגן זומפּן זיינען טאַנקען אומבאַהאָלפן. אין זומפּן קאָן מען ניט פאָרן מיט מאָטאָרציקלעטן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דער העלדיש־קייט און דער דערפאַרונג פון דעם יחיד. און דאָ האָבן מיר אַ שאַנס. וואָס איז דער סוד פון דעם זיג פון די באָלשעוויקעס אין דער רעוואָלוציע? זיי האָבן געהאַט אויף זייער זייט דעם וואַלד־מענטש, וועלכער האָט געקענט יעדן וועג און שטעג. אויף אַט דעם אופן האָבן זיי דעמאָלט אין זייער בירגער־קריג געבראָכן די מאַכט פון די אינטערווענציע־אַרמייען. זיי קאָנען אויך היינט, דורך קליינע קאַמפן אין אומצייליקע זומפּן און וועלדער, פאַר־ניכטן די גרויסע קריגס־מאַשין. אין מיר האָבן זיי געפונען דעם ריכטיקן קעגנער. ווען איר, הער צאַפּאַטאַנו, איצט אַז דער גורל אַליין האָט אייך מיט אונדז פאַרבונדן, זאָלט זיך אויף שטענדיק אָנשליסן אין אונדז, קאָנען מיר צוזאַמען דערגרייכן עפּוואָס גרויסעס. מיר ווילן די זומפּן באַהערשן און דערמיט ברענגען צו אַן אַנטשיידונג אין דער איצטיקער מלחמה. איר דאַרפט ניט תיכף צושטימען. איך פאַרשטיי, אַז וועגן אַזאַ ענין דאַרף מען זיך מיישב זיין. אָבער אין אַ שעה אַרום, ווען מיר וועלן האָבן געזיגט, ווען דער זומפּ־געביט, וואוהין מיר מאַרשירן, וועט זיין איינגענומען, און

שטאָלץ און זיג־באַוואוסטזיין וועלן אויך אָנפילן אייער ברוסט — דאַן וועט איר געבן אייער ענטפער, און איך צווייפל ניט, אַז ער וועט זיין אַ פּאָזיטיווער.״

חיים האָט דערזען אייניקע קוסטעס, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז פון דאַנען הויבט זיך אָן די געפאַר זיינע — דאָ ווערט דער וועג אומזיכער. ער האָט געזאָגט מאַראַרעסקון: „דאָ איז נויטיק זיך צו האַלטן צוזאַמען, ווייל דער וועג איז דאָ אַ שמאָלער און מען מוז אכטונג געבן וואו מען גייט.״

דער הויפּטמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און געגעבן אַ באַפעל: „איך וועל אייך ניט געבן די מעגלעכקייט״, האָט חיים געטראַכט, „אַז די לעצטע זאָלן זיך נאָך געפינען אויף פעסטן באָדן ווען די קאַטאַסטראָפע וועט קומען.״

— ווייטער! — האָט מאַראַרעסקו אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

דער וועג איז געוואָרן שווערער, דער באָדן האָט אָנגעהויבן נאָכצוגעבן.

— האָט איר קיין טעות ניט געהאַט, צאַפּאַטאַנו? — האָט חיים געהערט מאַראַרעסקוס שטים.

— זיכער ניט. איך ווייס דעם וועג.

פון הינטן האָט זיך געהערט אַ טומל. די פאָדערשטע זיינען נאָך געווען אויף גאַנץ פעסטן באָדן, אָבער מיט יעדן טריט איז מען געזונקען אַלץ טיפער.

— צאַפּאַטאַנו, — האָט מאַראַרעסקו געשריען, — זיינען מיר ניט אַראָפּ פון וועג?

קיין ענטפער.

מאַראַרעסקו האָט געמאַכט אַ טריט לינקס, וואו ער האָט געגלויבט דער וועג ליגט, און איז פאַרזונקען ביז די קני.

— צוריק! צוריק! — האָט ער געשריען, און געמאַכט אַ פּאַרזוך זיך צו פאַרנעמען רעכטס און זיך ראַטעווען פון דער געפאַר. ער האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין אָנהאַלט.

— צאַפּאַטאַנו! צאַפּאַטאַנו!

קיין ענטפער. אָבער פון אומעטום אַרום האָבן זיך געטראָגן קולות און אַ קייכן.

— וואַרפט אוועק די וואָפן, — האָט מאַראַרעסקו געשריען. — וואַרפט אוועק אַלץ, וואָס שטערט אייך! צאַפּאַטאַנו, וואו זייט איר? האָט איר אונדז אפשר פאַרראַטן? איך וועל דיר דערשיסן, דו הונט!

אָבער ער איז שוין געווען פאַרזונקען ביזן בויך אין דער בלאָטע.

— צאַפּאַטאַנו, איך פאַרשפּרעך אייך, אַז איך וועל קיינעם גאָרנישט דערציילן, קיינמאָל גאָרנישט זאָגן, אָבער פירט אונדז אַרויס.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, האָט אָבער בלויז געהערט ווי די אַנדערע ראַנגלען זיך ווי ער און שעלטן.

נאָך אַמאָל האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע זיינע כוחות און אָנגעהויבן שרייען: „צאַפּאַטאַנו, הילף! הילף! אום גאָטעס ווילן, הילף!"

— הילף? — האָט ער געהערט חיימס שטים. — דו האָסט דערמאָרדעט הונדערטער, טויזנטער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר עטוואָס העכערס. פון דאַנען וועט קיינער פון אייך מער ניט אַרויסקומען. צום באַדויערן, איז דאָס דערוויילן בלויז דו, דו באַנדיט. אָבער מיר וועלן אויך אַנטאַנעסקון און היטלערן דערגרייכן. וואָס עס קומט פאַר דאָ, איז דער אָנהויב.

אַ שעה שפּעטער, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט מען בלויז גע־קאָנט זען אַ פאַר היטלעך, וואָס זיינען געשוואומען אין דעם זומפּן־וואַסער.

15.

עס איז געווען אַרום פינף אַזייגער אינדערפרי, ווען דער ס.ס.־מאַן, דער איינציקער פון דער גרופּע פון פופצן, וואָס איז פאַרבליבן ביים לעבן נאָך דעם צוזאַמענשטויס מיט מאַראַרעסקון, האָט זיך דערקליבן, אַן אויס־געשעפּטער, מיט אַ וואונד אין לינקן אָרעם, צו דער באַן־סטאַנציע פון זשאַהאַר, עטלעכע קילאָמעטער פון טשערנאָוויץ. די דאָזיקע באַן־סטאַנציע, וואָס איז געלעגן אויף דער הויפּט־ליניע, איז אין די לעצטע וואָכן געווען די ס.ס.־קוואַרטיר פאַר דער געגנט, דרום פון טשערנאָוויץ ביז דעם סערעט־טייך. דער ס.ס.־מאַן האָט קוים געקאָנט צוזאַמענגעמען די כחות צו באַ־ריכטן בקיצור וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, און איז געפאַלן אין חלשות. דעם באַריכט זיינעם האָט מען באַטראַכט זייער סקעפּטיש, ניט ווייל מ'האָט אים ניט געגלויבט. ער איז געווען איינער, וועמען מען האָט פולשטענדיק געטרויט, און זיינע וואונדן האָבן באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון זיין באַריכט. געצווייפלט האָט מען בלויז, צי די גרופּע, וואָס האָט געפירט דעם קאַמף, איז טאַקע באַשטאַנען פון מאַראַרעסקו און זיינע מענטשן. די גרענעץ־סאָלדאַטן, צוליב זייער ברוטאַליטעט און זייער פאָ־גראָם־רעקאָרד, האָבן געהאַט אָנזען ביי דער געשטאַפּאָ. דער ס.ס.־מאַן אַליין איז ניט געווען זיכער, צי דאָס איז ווירקלעך געווען מאַראַרעסקו, אָדער אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע.

דער פירער פון דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון דער ס.ס. האָט אַלנפאַלס תיכף געלאָזט וויסן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער געשטאַפּאָ אין טשער־נאָוויץ און גלייכצייטיק האָט ער אַרויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע פון צוואַנציק מאַן אויף מאָטאָציקלעטן צום פּלאַץ, וואו דער קאַמף איז פאָרגעקומען. די ס.ס.־לייט האָבן געפונען פאַטראָנען־גילזן און אַנדערע קלייניקייטן, וואָס האָבן קיין זאַך ניט באַוויזן. ערשט ווען זיי האָבן גענויער אונטערזוכט די געגנט, האָבן זיי געפונען די טויטע. אין דער איילעניש, האָט מאַראַרעסקו

פארגעסן צוצונעמען די מיליטערישע דאָקומענטן פון זיינע געפאַלענע סאָל־דאַטן, אַזוי אַז מ'האָט געקאָנט פעסטשטעלן, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צווייטן באַטאַליאָן פון דעם פערטן גרענעץ־רעגימענט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער מאָראַרעסקוס קאָמאַנדע. אין טשערנאָוויץ, האָט דער שעף פון דער געשטאַפּאָ פעסטגעשטעלט, אַז מאָראַרעסקו איז שוין עטלעכע טעג פאַרשוואונדן, מיט אַן אָפּטיילונג פון פופציק מאַן. מאָראַרעסקוס הע־כערער אָפיצער, פּאָלקאָווניק לופּעסקו, וועלכע איז גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער אין דער געשטאַפּאָ, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ דייטשישן און אַ רומעניש גענעראַל, האָט זיך אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט אין ווידערשפּרוכן. ער האָט ניט געקאָנט געבן קיין אורזאַך, פאַרוואָס ער האָט געגעבן מאָראַ־רעסקון אַ דערלויבעניש דורכצופירן אַ געהיימע מיסיע, אָן דעם וויסן פון דער דייטשישער און דער רומענישער קאָמאַנדעס. די גאַנצע זאַך האָט אויסגעזען נאָך מער פאַרדעכטיק, ווייל דער פּאָלקאָווניק האָט גאָרנישט גע־וואוסט וועגן דעם כאַראַקטער פון דער געהיימער מיסיע. מ'האָט גערופן אייניקע אַנדערע אָפיצערן פון דעם רעגימענט, און עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז זיי וויסן בכלל גאָרנישט וועגן דעם ענין. די געשטאַפּאָ האָט פאַרהאַלטן דעם פּאָלקאָווניק, אָבער די רעטעניש איז געבליבן.

די דייטשישע און רומענישע מיליטער־באַאַמטע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געמיינזאַמע באַראַטונג מיט דער געשטאַפּאָ און דער סיגוראַנצאַ. מאָראַ־רעסקוס רעקאָרד האָט זיך געפונען אין דעם רעגימענט. אַז מ'קאָן אים ניט פאַרדעכטיקן אין סימפּאַטיעס מיט די באָלשעוויקעס, אין דעם זיינען אַלע געווען איינשטימיק. זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט האָט עדות געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן אים ניט געטרויען, און אַז ער וואָלט קיינמאָל פאַר זיי ניט געאַרבעט. אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז געווען אַן איבערצייגטער שונא פון די באָלשעוויקעס, פון דעמאָקראַטיע און די יידן, און אַן אָנהענגער פון אַבסאָלוטער און ברוטאַלער דיקטאַטור. די אַנטשיידנדיקע פראַגע פאַר אַלעמען איז דעריבער געווען: וואָס האָט געקאָנט באַוועגן אַזאַ אָפיצער צו באַפאַלן און פאַרניכטן אַן אָפּטיילונג פון דער ס.ס.? זיי האָבן ניט געקאָנט זען די נויטווענדיקייט, וואָס זאָל אים האָבן געצוואונגען אויפצונעמען אַ קאַמף; די דערלויבעניש פון העכערע באַאַמטע פאַר אַ מיליטערישער אונטערנעמונג האָט ער געהאַט; מעלדן זיך אין דער קוואַרטיר פון דער געשטאַפּאָ וואָלט אין ערגסטן פאַל געפירט צו דעם, אַז מ'זאָל ביי אים צונעמען די דאָזיקע דערלויבעניש, אָבער בשום אופן האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אַ שטראָף. די אַטאַקע אויף דער ס.ס.־אָפּ־טיילונג איז דעריבער געווען אַ געפּלאַנירטע. אָבער פאַרוואָס? זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז מאָראַרעסקו איז פאַרבונדן מיט דער איצט אומ־לעגאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", אַז מאָראַרעסקו,

וועלכער איז אויסערלעך געווען פאר דעם קריג, פארטרעט די געפערלעכע טענדענץ, וואס פאדערט א קאמף קעגן אונגארן און דאס צוריקקערן פון טראנסילוואניע צו רומעניע. אונטער אלע אומשטענדן, מוז מען דעריבער מאראראשקו כאפן און פארניכטן.

וואו זוכט מען מאראראשקו? אין דער הויפט־קווארטיר פון דער געשטאפא, אין טשערנאוויץ, האבן זיך געפונען באריכטן פון פראנץ צימערלע און האנס קרולע וועגן דעם זומפ־געביט פון פאיעני. האנס קרולע און פראנץ צימערלע האבן געהאט דעם פולן צוטרוי פון די טשערנאוויצער געשטאפא־לייט. און זייערע באריכטן האבן געלויטעט, אז אין די זומפן פון פאיעני געפינען זיך אייניקע פויערים פון דעם פריערדיקן קאלעקטיוו, עטלעכע ציגיינער און א פאר יידן, וואס זיינען אנטלאפן פון סערעט. הייסט עס, א גרופע פון א באלשעוויסטישער טענדענץ, מיט וועלכער מאראראשקו וועט בשום אופן זיך ניט פארבינדן. צו דעם איז נאך צוגעקומען דער פאקט, וואס די שקלאקסרעגנס פון די לעצטע טעג האבן געמאכט דאס אריינדרינגען אין דעם זומפ־געביט אויסערגעוויינלעך שווער. ווען ער וואלט איצט אונטערגענומען א קאמף קעגן דעם זומפ־געביט, וואלט דאס געווען פארבונדן מיט גרויסע פארלוסטן. דעריבער מוז מען קומען צום אויספיר, אז די געפערלעכע פאר דעם מאמענט מאראראשקו־גרופע געפינט זיך דארט ניט. מען דארף אים זוכן אין א געגנט, וואו ער האט פארבינדעטע. אזא געגנט, האבן זיי געטראכט, איז די שטאט סערעט און די שווער צוגענגלעכע אינדזלען אויפן טייך סערעט, וואס געפינען זיך לעבן דעם דארף ראגאטשעסטי, עטלעכע קילאמעטער פון דער שטאט. זיי האבן זיך אפגעשטעלט אויף סערעט, ווייל די שטאט איז דעם לעצטן יאר געווארן א קאנצענטראציע־פונקט פון טראנסילוואנישע פליכטלינגען, א פארביטערטער אנטי־אונגארישער און דעריבער אויך אנטי־דייטשישער עלעמענט. נאך דעם צוזאמענשטויס מיט דער „אייזערנער גווארדיע”, זאלן פיל טראנסילוואנישע יוגנטלעכע האבן אנטלאפן אין דער דאזיקער געגנט, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט.

:: :: ::

פראנץ צימערלעס ליבע צו פריילין פאפאוויטש איז פון אנהויב אפשר גארניט געווען אזוי שטארק. אבער די שוועריקייטן, וואס ער האט באגעגנט אויפן וועג, האבן געמאכט, אז העגריעטע פאפאוויטש און די חתונה מיט איר זאלן אים שיינען אלס דער העכסטער ציל אין זיין לעבן. צוויי מאל האבן זיינע העכערע באאמטע צוריקגעוויזן זיין ביטע אים צו דערלויבן חתונה צו האבן. די ערשטע ביטע איז צוריקגעקומען מיט דער קורצער באמערקונג: „עס זיינען פאראן גענוג דייטשישע פרויען.” דער ענטפער אויף דער צווייטער ביטע איז שוין געווען מער באגרינדעט. דער פירער

ליגט אכט אויף דעם, אז יעדער דייטש זאָל זיך אָפּהאַלטן פון חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי פון אַ מינדערוויכטיקער ראַסע, און די וואָס געהערן צום עליט, די מיטגלידער פון ער געשטאַפּאָ, דאַרפן דאָס באַזונדערס נעמען אין באַטראַכט.

אָבער פראַנץ צימערלע האָט ניט אָפּגעלאָזן. וואָלט מען דעם ענין איבערגעלאָזן צו אים אַליין, וואָלט ער מסתמא אין דער לעצטער מינוט זיך געגומען קווענקלען אוים מורא, אַז זיין קאַריערע קאָן דערפון ליידן. אָבער דער ווידערשטאַנד האָט געשטאַרקט זיין ווילן און אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין דעם זיפּנפאָרשונגס־אַמט אין ראַדאָוטץ, וואָס ער האָט אויסגענוצט אים צו העלפן. מ׳האָט געשאַפן דאָקומענטן, אַז פריילין הענריעטע פּאַפּאָוויטש איז פון גערמאַנישן אָפּשטאַם. אמת, דער רומעני־שער נאָמען איז געשטאַנען אין וועג. אָבער אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אויך דאָ געפונען אַן אויסוועג. אין אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג, וואָס ער האָט צוגעשטעלט דעם זיפּנפאָרשונגס־אַמט אין ראַדאָוטץ, האָט ער באַוויזן, אַז אין דעם פאַל האָט דער נאָמען ניט צו טאָן מיט רומענישן אָפּשטאַם. איינער פון די פּאַפּאָוויטשעס, אפשר מיט פינף אָדער זעקס דורות צוריק, האָט זיך געווערט קעגן ארויפגעצוואונגענער רומעניזירונג, און די רומענישע באַאַמטע האָבן אים געגעבן אַ קאַריקאַטור־דייטשישן נאָמען פּאַפּאָוויש, פון וועלכן עס איז געוואָרן פּאַפּאָוויטש. מ׳האָט דעם חתן מיט דער כלה פּערזענלעך גערופן אין דעם זיפּנפאָרשונגס־אַמט. פּאַבליים האָבן ביי דער כלה גענומען די איבלדיקע שיידל־ און ברוסט־מאָס, און דאָס גליקלעכע פּאָרל האָט באַ־קומען די צושטימונג פון די באַאַמטע חתונה צו האָבן.

אין אַ פריידיקער, יאָ, כמעט אויסגעלאַסענער שטימונג האָט דאָס פּאָרל פאַרלאָזט ראַדאָוטץ, אויפן וועג קיין סערעט. עס איז געווען אַ שיינער זומער־נאָכמיטאָג. אונטערוועגנס האָט פראַנץ צימערלע זיך דערמאָנט, אַז שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער האָט געוואָלט אינספּעקטירן די זשאַנדאַרמעריע אין דעם דאָרף סאַנקט אָנופרי און ער האָט געהייסן דעם שאָפער זיך פאַר־קירעווען אַהין. ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאַזאַרמע פון דער זשאַנדאַרמעריע און פראַנץ צימערלע איז אריינגעגאַנגען אינעווייניק, איז פריילין הענריעטע פאַרבליבן וואַרט אין דעם אויטאָמאָביל. זי האָט אַן וועלכן אינטערעס באַטראַכט די גאַס און באַמערקט פאַרבייגיין אַ יונג מיידל, וואָס האָט איר אויסגעזען באַקאַנט. איז דאָס ניט איר שול־פריינדין ליזע אַדלער? און אין אַ פּויערשער אוקראַיִנישער קלייד! זי האָט, הייסט עס, זיך אויסבאַהאַלטן פון דער געשטאַפּאָ, ניט דערקענט צו ווערן אַלס יידין. זי האָט נאָכגעקוקט וואוהין דאָס מיידל איז געגאַנגען, און ווען פראַנץ האָט זיך אומגעקערט פאַרצוזעצן די רייזע, האָט זי אים דער־ציילט וועגן איר אַנטדעקונג. פראַנץ צימערלע האָט באַלד ארויסגערופן דעם

זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער און אים געהייסן אַרעסטירן דאָס מיידל און זי ברענגען אין שטאָט.

אַ שעה נאָך דעם אָנקומען פונעם גליקלעכן חתונה־פּאָרל אין סערעט, האָבן צוויי זשאַנדאַרן געפירט ליזע אַדלער איבער דער סערעטער הויפּט־גאַס צו דער געביידע פון דער אונטערפּרעפעקטור. ליזע אַדלער איז געווען די טאָכטער פון דעם געוועזענעם טוכהענדלער, אַלפרעד אַדלער. דעם טאָג, ווען מ׳האָט אַרעסטירט אַלע יידן און זיי געבראַכט אויפן בית־עולם, האָט זי זיך געראַטעוועט און איז געקומען אין דעם דאָרף סאַנקט אָנופרי. די דאָרטיקע פּויערים האָבן איר געגעבן פּויערשע קליידער און זי האָט זינט דאַן געלעבט צווישן זיי אַלס אַן אוקראַינערין. איצט האָט מען זי געפירט ווי אַ פאַר־ברעכערין איבער די גאַסן פון סערעט, די גאַסן פון דער שטאָט, וואו זי איז געבאָרן געוואָרן און וואו זי האָט פאַרבראַכט איר קינדהייט און אַלע טעג פון איר לעבן, ביז דעם טאָג פון דעם יידישן אומגליק. איר פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט נאָך געלעבט. ביי איר אַרעסט איז גע־קומען צו אַ געשלעג אין דאָרף. די זשאַנדאַרן האָבן געדאַרפט שיסן אין דער לופט, פאַנאַנדערצעטרייבן דעם עולם.

ליזע איז געגאַנגען אַ באָרוועסע צווישן די צוויי זשאַנדאַרן. אירע שווערע לאַנגע צעפּ זיינען געהאַנגען איבער איר אַקסלען. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף דער וועלט פול מיט שרעק, אָבער אַנט־שלאָסן. זי איז געגאַנגען שנעל. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס גייט זי צום לעצטן מאָל. דער סערעטער עולם, וואָס איז נאָכגעגאַנגען, איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אייניקע פון די טראַנסילוואַנישע פליכטלינגען, באַזונדערס עלטערע פרויען, האָב איר נאָכגעשריען זידל־ווערטער, אין דער צייט וואָס ביי אַנדערע זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. איינער פון די זשאַנדאַרן האָט געטראָגן אַ לעדערנעם טשעמאָדאַנטשיק. דאָרט איז געלעגן ליזעס אייגנס, אַלץ וואָס זי האָט זיך מיטגענומען יענעם אינדערפרי, ווען זי איז מיט דער צושטימונג פון אירע עלטערן אַנטלאָפן קיין סאַנקט אָנופרי.

וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פראַנץ צימערלעס קאַנצעלאַריע, נאָכדעם ווי מ׳האָט אַהין אַריינגעפירט ליזע אַדלער, האָט קיינער גענוי ניט אויסגעפונען. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז ליזע האָט שטאַרק געקעמפט זיך ניט צו לאָזן פאַרגוואַלטיקן פון האַנס קרולע, און אַז מיט דער הילף פון פראַנץ צימערלע און אָטאָ פאָן ראַובניטץ, האָט האַנס קרולע זי ביי־געקומען און נאָכדעם דערוואָרגן מיט די אייגענע הענט. אַלנפאַלס איז האַנס קרולעס פּנים געווען שטאַרק צעדראַפּעט. דעם זעלביקן אָוונט האָט מען ליזעס קערפּער אָפּגעשיקט אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, וווייל דער נייער איז שוין לאַנג געווען פאַרוואַנדלט אין אַ גאָרטן, וואָס מ׳האָט אוועק־געגעבן אַ מתנה דעם באָרדעל.

יאָסל שמש און דער גלח גלורזאַנסקי האָבן געגראָבן פאַר איר דעם קבר. יאָסל שמש האָט מען נאָך אַלץ ניט געטאָרט אָנרירן. קיינער האָט אים ניט געשטערט אין דער אַרבעט פון גראָבן דעם קבר. דער גלח האָט אים געהאָלפן מטהר זיין דעם קערפּער. יאָסל האָט געזאָגט קדיש: „יתגדל ויתקדש שמו רבא", האָט זיין שטים זיך געטראָגן דורך דער נאַכט. און דאַן האָט ער געגומען זאָגן פון איוב: „איך האָב געהאָפט אויף גוטס און ס'איז געקומען שלעכטס. איך האָב געהאָפט אויף ליכט און ס'איז געקומען פינצטערניש." דער גלח גלורזאַנסקי האָט אים געדריקט די האַנט און פאַר־לאָזן דעם בית־עולם. די וואָלקנס זיינען געהאַנגען נידעריק און אין דער פינצטערניש האָט מען ניט געקאָנט זען ניט די מקברים, ניט עפּעס אַרום.

:: :: ::

די שעהן, זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון ראַדאָוטץ, זיינען פאַר פראַנץ צימערלע ניט געווען קיין שעהן פון אומפאַרוואָלקנטער פרייד. אומ־זיסט האָט ער אין ראַדאָוטץ געזוכט אַ חופּה־קלייד פאַר העגריעטען. און העגריעטע האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך חתונה צו האָבן אָן אַ חופּה־קלייד. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווען ער האָט דערזען דעם טשעמאָ־דאַנטשיק פון דער דערוואָרגענער ליזע אַדלער. ער האָט אים געעפנט. זיין אויג איז געפאַלן אויף אַ ווייסער קלייד פון גוטן טייערן זייד — ליזע אַדלערס חופּה־קלייד. ס'איז געווען ערב איר חתונה, ווען דער אומגליק איז געקומען און האָט אַלץ צעשטערט. אָט דאָס קלייד האָט זי מיטגענומען אַלס אַ רעשט פון איר האָפענונג אין לעבן, און זי האָט זי זאָרגפעלטיק אַריינגעלייגט אין טשעמאָדאַן, ווען די זשאַנדאַרן האָבן איר געזאָגט, אַז זי מוז מיט זיי מיטגיין. פראַנץ צימערלע האָט באַטראַכט דאָס קלייד, דורכ־געלאָזן דורך די פינגער דעם זייד, און אַ פרייליכער אָוועקגעלאָפן צו זיין העגריעטע.

העגריעטע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט ליזען אין דער פאָלקשול און שפּעטער אין ליצעאום. ווען זי האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון איר חתן צו ליזע אַדלער, איז זי געווען שטאָלץ, וואָס זי האָט געטאָן אַ גרויסע זאַך פאַר איר מאַן, פאַר דער פאָלקס־געמיינשאַפט, צו וועלכער זי וועט איצט געהערן, און פאַרן פירער.

פראַנץ צימערלע האָט געוואָלט, אַז זיין חתונה זאָל טראָגן אַן אמתן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. זאָלן די העכערע באַאַמטע אין טשער־נאָוויץ זען, אַז אים איז געלונגען ניט נאָר צו באַהערשן דעם געביט, וואָס מ'האָט אים אין נאָמען פון פירער אָנפאַרטרויט, נאָר אַז ער ברענגט אויך אַנדערע דינסטן דעם רייך. מ'האָט אָרגאַניזירט די חתונה מיט אַ סך פּאָמפּ און מ'האָט באַשטימט, אַז דעלעגאַציעס פון אַלע שיכטן פון דער באַפעל־קערונג זאָלן האַלטן באַגריסונג־רעדעס. וואָרים פראַנץ צימערלע איז ניט

געוועז קיין פריוואטער מענטש, נאָר דער הויפּט פון דער געשטאַפּאָ, דער סימבאָל פון דעם נייעם דייטשישן גייסט אין דער שטאַט.

פראַנץ צימערלע איז געקומען צו דער ציווילער צערעמאָניע אין מאַגיסטראַט אין דעם אוניפאָרם פון אַ סטאַנדאַרטן־פירער און העגריעטע פּאַפּאָוויטש אין דער ווייסער זיידענער קלייד, מיט אַ בוקעט ווייסע בלומען. אַ שיינע כלה, האָבן געזאָגט די געסט און די צושויער, ווען דאָס פּאָרל איז מיט ווירדיקע לאַנגזאַמע טריט אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ פון ראַטהויז. אין דער געביידע לעבן דעם אַלטן יידישן בית־עולם, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַ גוטן יידן, האָט דאָס יונגע פּאָר געדאַרפט שפּעטער מאַכן זייער היים. פאַר די לעצטע צוויי וואָכן, האָבן סטאָליאַרעס און פאַרבער געאַרבעט צוצוגרייטן דאָס הויז. דעם זאַל פון דעם גוטן יידן האָט מען אויסגעפּוצט מיט די בילדער פון אַדאָלף היטלער, היינריך הימלער און הער־מאַן גערינג. דער דאָזיקער זאַל איז געווען געדעקט נאָר פאַר דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט, וואו עס האָבן איצט געהערט אַלע אַלטע דייטשישע גרויסע גוט־באַזיצער פון דער געגנט, ווי אויך די נייע, וועלכע מ׳האָט נאָך דעם צוריקציען זיך פון די רוסן איינגעטיילט מאַיאָנטקעס. העגריעטע און פראַנץ זיינען פייערלעך געזעסן אויבנאָן און די כלה האָט אויסגעזען אויפגערודערט.

קיין וואונדער. זי האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט איר מוטער, וועלכע האָט געוואָלט האָבן אַ קירכלעכע צערעמאָניע. פראַנץ צימערלע האָט אָבער ניט געוואָלט הערן פון דעם. דאָס האָט ווידערשפּראָכן דער אויפפאַסונג פון דעם פירער וועגן דעם ניט־העלדישן כאַראַקטער פון דער קירך, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, אַחוץ דעם געווען אינטערנאַציאָנאַל, ווי די מאַסאָנען און דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. די מוטער האָט ניט געוואָלט קומען צו דער חתונה און צו דער סעודה. העגריעטע האָט מורא געהאַט פאַר אַ שלעכטן סימן. אָבער פראַנץ האָט זי געטרייסט: „הונדערטער טויזנטער כלות האָבן איצט חתונה אין דער אָפּוועזנהייט פון זייערע עלטערן. מלחמה־חתונות זיינען אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין דער דאָזיקער שטורעמדיקער צייט.״

קיינער, צום ווינציקסטן פראַנץ צימערלע, האָט ניט געצווייפלט, אַז העגריעטע איז געווען אַ העלדיש מיידל. אָבער זי האָט געהאַט אירע שוואַכ־קייטן. זינט איר קינדהייט האָט זי מורא געהאַט פאַר אַ שניי־ווייסער הון. פאַרוואָס? דאָס האָט זי ניט געקאָנט זאָגן. ווען אַזאַ הון איז איר אַריבער־געלאָפן דעם וועג, איז זי געווען זיכער, אַז עפּעס אומאַנגענעמס וועט געשען. אין הויז ביי זיי זיינען געווען חזירים, ענטלעך און גענדז, אָבער ניט קיין הינער. ווען איר פאָטער האָט נאָך געלעבט, האָט ער געמאַכט פאַרזוכן זי אָפּצוגעוואוינען פון דעם. אָבער זיינע באַמיאונגען האָבן ניט געהאָלפן.

איז מען געזעסן ארום טיש. מ'האָט דערלאַנגט די ערשטע שפּייזן. אין די גלעזער האָט געפּערלט טאָקאַיער וויין. און דאָ האָט עפּעס אומפּאָר־אויסגעזעענס פּאַסירט. די פענצטער זיינען געווען אָפן, און אַ הונט האָט ערגעץ זיך געיאָגט נאָך אַ ווייסער הון. אַ דערשראָקענע און צעטומלטע איז די הון געקומען צו פליען צום אָפענעם פענצטער, האָט אַ פלאַטער געטאָן איבערן קאָפּ פון דער כלה, אַראָפּגעפלויגן אויף דער ערד און אַרויסגעלאָפן דורך דער אָפענער טיר. אַלע האָבן געלאַכט: „דער קאָליר פון אומשולד איבער דער כלה", האָט געזאָגט דער דיקער פאָן סאַוער. אָבער זי איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. האָט זי געמעגט אָנטאָן דאָס קלייד? דאָס איז געווען ליזעס, וועמען איר מאַן האָט אומגעבראַכט.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ, וועלכער האָט געוואוסט פון איר אַבערגלויבן, האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו ראַטעווען די לאַגע און געזאָגט: „מיר גערמאַניער זיינען אַ ראַסע, וואָס האָט קיין מורא ניט, ניט פאַרן טויט און ניט פאַרן טייוול. מיר ציען אונדזער טראַדיציע פון אַלאַריק און אַלבאָין. די דייטשישע פרוי פון אונדזער צייט דאַרף זיך נעמען אַביישפּיל פון ראָזאַמונדע. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם פירשט פון די געפּידען, וועמען דער לאָמ־באַרדישער קעניג אַלבאָין האָט באַזיגט און געטויט. נאָכדעם האָט ער גענומען ראָזאַמונדע פאַר זיין פרוי און ביי דער חתונה־סעודה האָט מען דערלאַנגט דער יונגער קעניגין אַ בעכער. דאָס איז אָבער געווען איר פאָטערס שאַרבן. אַלבאָין האָט איר געהייסן טרינקען פון דעם בעכער און זי האָט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל..."

דער אַלטער יוסטפאָן האָט אים אונטערבראָכן: „מיין מאַרגאַריטאַ וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן. איך האָב דאָס געדאַרפט פּרובירן מיט דיר, מאַרגאַריטאַ, ניט אַזוי? איך וואָלט שוין געהאַט צו זינגען און צו זאָגן."

— צו זינגען, — האָט אָטאָ פאָן ראַובניטץ זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פאָדעם, — האָט דער קעניג אַלבאָין אויך געהאַט. ראָזאַמונדע האָט אויס־געליידיקט דעם בעכער מיט די ווערטער: דער ווילן פון מיין האַר וועט געשען. אָבער זי האָט גענומען בלוטיקע נקמה. אין דער זעלביקער נאַכט האָט זי זיך געלייגט אין בעט מיט דעם קעניגס קאַמערהער, ווי זי וואָלט געווען זיין געליבטע. ער האָט באַמערקט זיין טעות שוין נאָך אַלעמען. דאַן האָט זי אים געזאָגט אויף איר הערשערישן אופן: דיין לעבן איז אין קאָן, ווייל קיין שטערבלעכער קאָן ניט באַרירן די קעניגין און ניט באַצאָלן פאַר דעם מיטן לעבן. אָדער דו וועסט דערמאָרדן אַלבאָין, אָדער מ'וועט דיך הינריכטן. נאָך די זעלביקע נאַכט איז קעניג אַלבאָין געווען דער־מאָרדעט. דאָס איז געווען דער גערמאַנישער אופן. מיר ווילן דעראָבערן די וועלט און וועלן דאָס. און כדי דאָס צו טאָן, דאַרף מען ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס אָפטמאָל פּאַסירט עטוואָס ביטערס.

אַלע האָבן געפּאַטשט. העגריעטען האָט געגרווילט, אָבער זי האָט זיך באַמיט אויסצוקוקן מונטער און שטאַרק.

דער אַלטער יוסטפּאַן האָט אויך געוואָלט צוטראָגן זיין חלק זי צו באַרואיקן און האָט געזאָגט: „מ׳דאַרף פון אַזעלכע זאַכן ניט מאַכן קיין גרויסן וועזן. ס׳איז שוין אַ געשיכטע פון זעכציק יאָר. איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ קליינער יינגל, ווען דער שוסטער טשעכאָוויטש, עליו השלום, האָט חתונה געהאַט. זיין כלה איז געווען אַ בילד־שיין מיידל, אַלע האָבן אים מקנא געווען. זיין כלה האָט געגלויבט, אַז ווען אַ שוואַרצע קאַץ וועט אין טאָג פון איר חתונה איר אַריבערלויפן דעם וועג, וועט זי ניט איבערלעבן די ערשטע חתונה־וואָך. טשעכאָוויטש און זיינע עלטערן האָבן געפּראַוועט די חתונה אויף דער אַנדער זייט פון סערעט־בריק, ווען זיי האָבן זיך דערקונדיקט, אַז אין דער גאַנצער געגנט דאָרטן זיינען ניטאָ קיין שוואַרצע קעץ. אינמיטן דער חתונה איז פּלוצלונג אַ שוואַרצע קאַץ אַריינגעקומען דורכן פענצטער. מ׳האָט געטרייסט דער כלה. זי האָט געלאַכט, אָבער דעם נעקסטן טאָג האָט זי פאַרלאָרן דעם לשון. זי איז נאָכדעם געווען קראַנק דריי יאָר צייט און געשטאָרבן. דער גלח יאָקל האָט אין זיין שיינעם און רירנדיקן הספד אָנגעוויזן, אַז די כלה איז ניט געשטאָרבן צוליב דער שוואַרצער קאַץ, נאָר צוליב די זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן אַנדערע. מ׳דאַרף ניט זיין אַבערגלויביק, ווייל גאָט שטראָפט בלויז פאַר פאַרברעכנס, ניט פאַר שוואַרצע קעץ.״

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געגעבן אַ צייכן דער מוזיק־קאַפּעליע צו שפּילן דעם האָרסט־וועסעל ליד, כדי צו ברענגען דעם געשפּרעך צו אַ סוף. מ׳האָט געזונגען דייטשישע סטודענטן־לידער און דערציילט פרייליכע אַנעקדאָטן, צו מאַכן פאַרגעסן דאָס פאָרגעקומענע. ס׳איז אָבער געווען, ווי אַלע בייזע גייסטער וואָלטן דעם אָוונט געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דער כלה. עס האָט זיך מער ניט געקלעפּט און ס׳איז געקומען די שעה, ווען עס האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן די סעודה פאַר די איינגעלאַדענע רומענישע געסט.

די ערשטע רומענישע געסט, פאַר וועלכע אַ טיש איז געווען געדעקט אין גאָרטן, זיינען שוין געווען געקומען. מען האָט געעפנט די פעסער ביר, וואָס אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט צוגעשיקט. דער בירגערמייסטער, סטעפאַן צערטיאַן, דער רומענישער זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער און אַ צאָל מיטגלידער פון דער אַלט־געזעסענער רומענישער קאָלאָניע אין סערעט האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרנומען פּלעצער ביים טיש, אונטער די עפּל־ און פלוימען־ביימער. פראַנץ צימערלע האָט געזאָגט העגריעטען, אַז ס׳איז צייט צו גיין צו די רומעניער. צווישן די רומענישע געסט איז פאַר זיי געווען רעזערווירט אַ פּלאַן אויבנאָן. ווען זיי זיינען דערשינען, האָט מען זיי באַגעגנט מיט מעסיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער ערשטער פון די רומעניער צו

באגריסן איז געווען סטעפאַן צערטיאַן און דער צווייטער דער בירגער־מייסטער. פראַנץ צימערלע האָט געענטפערט: „איך בין טיף גערירט, אָבער איך נעם אָן די באַגריסונגען ניט פאַר מיר, נאָר פאַר דעם פירער. מיין חתונה דאַרף ווייזן דער רומענישער עפנטלעכקייט, אַז דער דייטש איז גרייט ניט נאָר אין דער מלחמה . . .״

— די יידן! — האָט עמעצער פלוצלונג אויסגעשריען.

די יידן? אחוץ יאָסל שמש איז אין דער גאַנצער שטאָט קיין איינציקער ייד ניט געבליבן. אַ שלעכטער, ניט־פּאַסיקער וויץ, באַזונדערס דאָ! אָבער זע נאָר, לייכט צוטאַנצנדיק, האָט אַ גרופּע יידן מאַרשירט אויף דער האָהל־גאַס און זיך דערנענטערט צום אייזערנעם טויער פון גאָרטן. אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. די טאַנצנדיקע יידן האָבן געשוויגן. אַ לייכטער ווינט האָט באַוועגט די פאָלעס פון די לאַנגע קאַפּטאַנען, וואָס זיי האָבן געטראָגן. פון אונטער די קאַפּטאַנען האָבן זיך געזען די ארבע־כנפות. עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָס קאָנען ניט זיין קיין יידן, זיי האָבן ניט קיין בערד.״

דער אַלטער יוסטפאַן האָט געענטפערט: „פון וואַנען זאָלן זיי נעמען בערד? מ׳האָט דאָך זיי אויסגעריסן די בערד, ווען מ׳האָט זיי אַרעסטירט. און אַזוי זיינען זיי אויפגעשטאַנען תחית המתים.״

פראַנץ צימערלע האָט אַ געשריי געטאָן: „זשאַנדאַרן, קיין ייד טאָר ניט אַריינקומען אַהער אין גאָרטן.״ די יידן האָבן ברייט פאַנאַנדערגעעפנט דעם טויער און זיינען טאַנצנדיק אַריינגעקומען, אָבער די זשאַנדאַרן האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. די חתונה־געסט האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, האָבן געקוקט אויף די יידן און זיך אַוועקגעזעצט צוריק, ווייל די דאָזיקע יידן האָבן לאַכנדיק זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. „אָבער״, האָט יוסטפאַן אויסגעשריען, „דאָס זיינען דאָך אונדזערע טראַנסילוואַנישע פליכט־לינגען פון דער פאָלקס־קיך! איר האָט דאָס געמאַכט גאַנץ גוט; דאָס איז אַ שיינער חתונה־שפּאַס. איך דערמאָן זיך, ווען איך בין אַלט געווען צוואַנ־ציק יאָר, האָבן מיר געמאַכט אַ רעקרוטן־באַל . . .״

— וועט איר אַנטשווייגן ווערן, איר אידיאָט? — האָט אַטאַ פאַן ראוב־ניטץ אויסגעשריען. — און איר, ווער פון אייך האָט אויסגעטראַכט אָט דעם אַזוי־גערופענעם שפּאַס?

— נעמט ניט פאַר אומגוט. מ׳האָט אונדז איינגעלאַדן צו דער חתונה. מיר האָבן בלויז שמאַטעס און די קליידער, וואָס מ׳האָט אונדז געגעבן, זיינען פון די טויטע יידן. האָבן מיר זיי אָנגעטאָן, ניט צו קומען אונדזערע שמאַטעס. אָבער עס מאַכט ניט אויס. אַ דונערדיקער האָך פאַר חתן־כלה!

העגריעטע האָט געהאַט געחלשט נאָך איידער דער שפּאַס איז אויפ־געקלערט געוואָרן, און צימערלע האָט זי אַוועקגעטראָגן אין שלאָף־צימער.

מ׳האָט געהאַלטן אין עפּענען אַלץ נייע פלעשער ביר. דער אַלטער יוסט־פּאַן האָט געהאַלטן אין רעדן: „ביי אונדז איז פאַראַן אַ באַקאַנט שפּריכ־וואָרט: ביר אויף וויין טרינקט אַ שוויין. מיר דייטשן האָבן דאָ פריער אַזויפיל וויין געטרונקען און איצט פאַרביטערן מיר דעם וויין דורך ביר.״ אָטאָ פאַן ראַובניצען איז געווען ניט־אַנגענעם, וואָס יוסטפאַן האָט אַרויס־געגעבן דעם סוד, אַז פריער איז פאָרגעקומען אַ דייטשישע סעודה. ער האָט אים אָנגעטראָטן אויפן פוס. יוסטפאַן האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרטושן דעם ענין און געזאָגט: „אָבער איר רומעניער האָט מער גליק ווי מיר דייטשן, ווייל די צווייטע העלפט פונעם שפּריכוואָרט לויטעט: וויין אויף ביר, דאָס ראָט איך דיר. דעם וויין אהער!״

מ׳האָט גענומען ברענגען רומענישן וויין, לייכטן ווייסן טיש־וויין, ראָזעווען אונגאַרישן וויין און שווערן רויטן וויין פון דער געגנט פון שוואַרצן ים. פון אָנהויב האָט מען נאָך געטאַנצט, אָבער באַלד האָבן זיי איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן פאַלן אונטער די טישן. דער ביר און וויין האָבן געהאַט זייער ווירקונג. סטעפאַן צערטיאַן האָט באַוויזן אויסצוגיסן זיינע גלעזער און דערביי מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער באַטייליקט זיך אין דער סעודה. האַנס קרולע, וועלכער האָט קוים געקאָנט באַוועגן מיט דער צונג, האָט געשטאַמלט: „איר רומעניער קאָנט מער אויסהאַלטן, ווי מיר, פונ־דעסטוועגן בלייבט איר אַ מינדערוויכטיקע ראַסע.״ סטעפאַן צערטיאַן האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אין ווינאָ וועריטאַס״ (אין וויין קומט אַרויס דער אמת).

סימיאָן איז געווען צווישן די דייטשישע ערן־געסט. אָבער איצט האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לעבן צערטיאַנען, האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט: „איך זע דאָ ניט קיין איין ניכטערן. ווי געפעלט אייך די דאָזיקע סעודה, וואָס דאַרף זיין אַ סימבאָל פון דער נייער איראָפּע?״ צערטיאַן האָט אים שטיל געענטפערט: „גלויבט איר ניט, אַז מ׳דאַרף אויס־נוצן די געלעגנהייט און איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון דער גאַנצער שייקע? מיר האָבן זיי איצט אין די הענט.״

— באמת, — האָט סימיאָן געזאָגט, — די סיטואַציע איז זייער אַן אַנציִענדיקע. מען מוז זיך באַהערשן ניט אויסצונוצן די לאַגע.

— פאַרוואָס ניט אויסנוצן? אויף וואָס אייגנטלעך וואַרטן מיר? אפשר וועלן מיר אַ צווייטן מאָל ניט האָבן אַזאַ געלעגנהייט?

האַנס קרולעס קאָפּ איז געלעגן אויפן טיש און ער האָט געשטאַמלט: „פראַנץ—האָט זיך געלאָזן—אָנטאָן—חתונה־קיטל. איך דאַרף—איינע—צוויי—דריי שיינע רומעניערינס—דריי דאַרף איך—חתונה האָבן—זאָלן אַנדערע—״

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגעבראַכט צערטיאַנען פון די כלים.

„איר חזירשע יוכעס", האָט ער געטראַכט און אַפילו ניט באַמערקט, אַז ער רעדט זיינע געדאַנקען אין דער הויך, „איר בעסטיעס, פאַר דעם זיינען אויך מיר גוט געגוג." ניט ווילנדיק האָט ער ביי די ווערטער אַ נעם געטאָן זיין רעוואָלווער, אָבער ער האָט דערפילט אַ האַנט, וואָס האָט אָנגענומען זיינע און אַ שטים האָט גערעדט צו אים וואַרעם און איבערציינגנדיק: „ניין, סטעפאַן, דערווייל נאָך ניט. פאַר אונדז שטייען גרעסערע אויפגאַבן. די דאָ וועלן זיך פון אונדז ניט אַרויסדרייען. אָבער מיר מוזן צוזאַמענעמען אַלע כוחות און מוזן וואַרטן, ביז . . ."

— ביז מיר וועלן וואָס? אויף וואָס וואַרטן?

— דו ווייסט, אַז זיי האָבן פאַרוואַנדלט אונדזער שטאָט אין אַ צענטער. זי איז געוואָרן אַ באַזאָרגונג־סטאַנציע. דאָ וועט זיין אַ תבואה־שפּייכלער און מילן און אַ ראַפינעריי. דערווייל איז נאָך גאָרנישט דאָ, אָבער אין איניקע וואָכן! דאַן וועלן דאָ אַרבעטן טויזנטער מענטשלעכע הענט. דאַן וועלן מיר דאַרפן דערלאַנגען דעם פאַרניכטונג־קלאַפּ און זיי מיטשלעפּן, די דאָזיקע באַנדע! דורך אַזעלכע זאַכן וועט זייער אונטערדריקונג־מאַשין פאַרקריפּלט ווערן, ניט דורך אומברענגען איניקע פאַרברעכער.

:: :: ::

אויף דער דאָזיקער נאַכט האָט פראַנץ צימערלע געוואַרט פיל וואָכן. פון דער דאָזיקער פאַרבינדונג האָט ער געהאָפט צו באַניען אַ נייעם דור צימערלעס. זיין פאָטער איז געפאַלן אין דער פריערדיקער מלחמה, ניט איבערלאָזנדיק אים קיין שום זאַך. זיין מוטער האָט אים גאָרנישט געקאָנט געבן, אַפילו ניט שטילן זיין הונגער. ער אָבער איז אין דער לאַגע איבערצולאָזן זיין יורש רום, אַ נאָמען און אַ פאַרמעגן. אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אין דייטשלאַנד וועט נאָך דער מלחמה זיין ווייניק מענטשן מיט פאַרמעגנס. די מאַסע פון פאָלק וועט פאַרשטעלן מיט זיך אַ סטאַדע, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, וואָס וועט אַרבעטן פאַר אַ שטיקל ברויט מיט מאַרגאַרין. ער געדענקט וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער וועט עס וועט האָבן געלט און דערצו נאָך אַ פאַרטייט־נאָמען, פאַר יענעם וועלן זיך עפענען אומגעהערטע מעגלעכקייטן. אַ טויזנט פאַמיליעס וועלן דאָס זיין, אפשר צוויי טויזנט, זיכער ניט מער. זיי וועלן זיין די אַריסטאָקראַטיע, דער נייער אַדל, ניט נאָר פון דייטשלאַנד, נאָר פון גאַנץ אייראָפּע. איך וועל זיין איינער פון זיי און מיין יורש וועט אויפוואַקסן אין גלאַנץ און וועט שטענדיק געדענקען, אַז זיין פאָטער האָט געגרינדעט אַ נייע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליע, וואָס וועט הייסן: גרופּנפירער פראַנץ צימערלע פאָן בוקאָווינע. זיכער קאָן איך דערגרייכן צו זיין ניט נאָר דער הערשער פון דער דאָזיקער שטאָט, נאָר דער גאַולייטער פון דעם גאַנצן שיינעם לאַנד בוקאָווינע.

ער האָט געקוקט אויף זיין יונגער פרוי. זי איז געלעגן בלאָס אין אַ באַוואוסטלאָזיקן צושטאַנד. ער האָט געטראַכט וועגן רופן אַ דאָקטאָר. אָבער וואָס וועלן מענטשן דענקען? איך וועל אויסקוקן קאָמיש, ווען איך וועל אין דער הייסער שעה פון דער חופה־נאַכט רופן אַ דריטן צו הילף, אַפילו ווען דער דריטער איז אַ דאָקטאָר.

דאָס ליאַרעמען פון די געסט, וואָס האָט זיך דערטראָגן צום שלאָף־צימער, איז געוואָרן אַלץ שטילער. ער האָט געריבן הענריעטען די שלייפן מיט אָדעקאָלאָן און פון צייט צו צייט איר אריינגעגאָסן אייניקע טראָפּנס קאָניאַק אין מויל, שעפּטשענדיק איר אין אויער: „נעם זיך אין די הענט, טייערע.” הענריעטע האָט זיך אויסגעטשוכעט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שרייען. „וואָס האָט פּאַסירט?” האָט ער געפרעגט. „דאָס קלייד!” און זי האָט אָנגעהויבן צו רייסן דאָס קלייד: „העלף מיר דאָך! דאָס קלייד איז שולדיק!”

פראַנץ צימערלע האָט מיט זיין האַנט איר געגלעט די האָר, זיין שטים אָבער האָט פאַרלאָרן דעם ווייכן טאָן, ווען ער האָט געזאָגט: „נעם זיך אין די הענט, טייערע. פאַרגעס ניט, אַז דו ביזט איצט די פרוי פון אַ מאַן פון דעם געשלעכט פון שטאָל און אייזן. דו ביזט לויטן געזעץ געוואָרן אַ אַ גערמאַניערין און מוזט דאָס אויך ווערן לויטן ווילן.” דערביי האָט ער איר אויסגעטאָן דאָס קלייד און עס אַרויסגעטראָגן פון צימער.

זי איז פאַרבליבן אין צימער אַליין. זי האָט געהערט אַ קלאַנגדיקע שטים, פול מיט ווייטיק, וואָס איז געקומען פון דער אַנדער זייט, פון דער וואַנט פון בית־עולם. יאָסל שמש איז געשטאַנען צווישן די קברים פון דעם אַלטן בית־עולם און אין זיין טרויעריקער מאָנאָטאָנער שטים געזונגען יהודה הלויס לידער, אין וועלכע ער האָט באַקלאָגט די ליידן פון דעם אייביק־וואַנדערנדיקן פאָלק. ס'איז געווען ערב תשעה באב, דער טאָג ווען יידן באַקלאָגן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר דעם חורבן ירושלים. יאָסל שמש האָט געוויינט: „אלי ציון ועריה כאלמנה בנעוריה וכאם שכולה שמת שאבד לה גם האחרון בבניה...”

הענריעטע האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, אָבער זי האָט גע־וואוסט ווער עס רעדט דאָרטן. איר האָט געשיינט, אַז אין דער פּערזאָן פון יאָסל שמש, וועלכער שטייט דאָרטן צווישן די קברים, איז פאַרקערפּערט אַן אייביקע דראָאונג, אַז אין זיין שטים הערט זיך אַ פאַרניכטנדיקע קללה, אַ פאָדערונג פון נקמה, וואָס מוז קומען.

ווען פראַנץ איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האַנט און אים צוגעצויגן צו זיך. דאָס איז געווען דער גרויל, וואָס האָט זי איבערגעוועלטיקט.

ער האָט ניט געפרעגט וואָס דאָס איז געווען און איז געווען גליקלעך.

.16

סטעפאַן צערטיאַן האָט געבעטן אַטאַ פאַן ראובניטצן זיך זעצן און געפרעגט: „וואָס פאַרשאַפט מיר דעם כבוד פון אייער באַזוך?"

— ווייכטיקע, אויסערגעוויינלעך ווייכטיקע זאַכן, הער אונטערפרעפעקט. איך וואָלט גערן זיך דורכגערעדט אויך מיט דעם הער קאָמיסאַר צימערלע וועגן דעם ענין, נאָר איך האָב אים ניט געוואָלט שטערן גלייך נאָך דער חתונה. אויף אַ טאָג אָדער צוויי פון האָניק־חודש האָט מען אַ רעכט אויך אין די דאָזיקע שווערע טעג. ער וועט נאָך וויסן וועגן דעם אין צייט. ס'איז אַן אומאַנגענעמע געשיכטע, וואָס פאָדערט אָנצונעמען דראַסטישע מיטלען. אפשר וועט איר אַליין געפינען אַ לייזונג.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?

אַטאַ פאַן ראובניטץ האָט אויפגעעפנט אַ טעקע און אָנגעהויבן ווייזן צערטיאַנען געריכט־אַקטן און וועקסלען.

— אין פּרינציפּ, — האָט ער געזאָגט, — האַנדלט זיך עס וועגן אַ יורידישן ענין, אַ ציווילע אָנגעלעגנהייט. דער געריכט, ווי מ'האָט אַנדערש ניט געקאָנט דערוואַרטן, האָט אויך אַרויסגעגעבן זיין אורטייל. די פּויערים האָט מען אויפגעפאָדערט אָפּצוצאָלן זייערע חובות. זיי האָבן ניט געצאָלט, הגם מען האָט געהאַט געדולד מיט זיי דריי, פינף, און אפילו זיבן יאָר. מ'האָט גענומען ביי זיי משכנות, וואָס איז דער נאָרמאַלער וועג. איך האָב דעם געריכט־באַאַמטן געגעבן אַלס הילף מיין פאַרטרויאונגס־מאַן, הער אַלט־האָף, אים צו באַגלייטן. אַלץ איז געגאַנגען נאָרמאַל. די פאַרמשכנטע פּי האָבן לויטן געזעץ געדאַרפט היינט ליציטירט ווערן. אָבער אונטערוועגנס, אויפן וועג פון ראָגאַטשעסטי אַהער, פּונקט אין מיטן וועג, איז מען איבער־געפאַלן די צוויי זשאַנדאַרן, דעם געריכט־באַאַמטן און דעם הער אַלטהאָף, זיי בלוטיק צעשלאָגן, און די פאַרמשכנטע בהמות אַוועקגעפירט. עס האַנדלט זיך, הער אונטערפּרעפעקט, וועגן אַ פּשוטן פאַל פון אָפענעם רעבעלירן. דער ענין שיינט מיר צו זיין פון גרעסערער באַדייטונג, ווייל ראָגאַטשעסטי האָט ביז דעם 22טן יוני זיך געפונען אונטער רוסלאַנד. עס איז דעריבער קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ באָלשעוויסטישן אויסברוך און דער פאַל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ מיליטעריש־פּאָליטישער. איך האָב זיך געוואָלט מיט אייך מיישב זיין וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מיטלען איר האַלט פאַר פּאַסיק אָנצונעמען.

סטעפאַן צערטיאַן האָט אויסגעהערט אַטאַ פאַן ראובניטצעס געשיכטע אויפמערקזאַם, ניט אַ קוק־טוענדיק אויף די געריכט־אַקטן און וועקסלען, וואָס זיינען פאַר אים געלעגן.

— מעג איך אייך בעטן מיר זאָגן, הער פאַן ראובניטץ, וועגן וואָס

פאר א חובות עס האנדלט זיך?

— ווענן חובות, וואס דער געריכט האט אנערקענט אלס בארעכטיקט. דא ליגן די אורטיילן. און באשליסן, צי דער קעניגלעך־רומענישער געריכט האט געהאנדלט גערעכט אדער אומגערעכט, קאן קוים זיין מיין אויפגאבע.

סטעפאן צערטיאן האט איצט אריינגעקוקט אין די אקטן, וואס זיינען פאר אים געלעגן, און געזאגט:

— האלט איר פאר ריכטיק, הער פאן ראובניטץ, אז מיר זאלן איצט, אין ברען פון אראפנעמען פון די פעלדער, אויפרייצן די פויערים צוליב א יידישן באנקיר? איבריקנס, מיר פאלט איין, אז אונדזער רעגירונג האט דערקלערט א מאראטאריום אויף חובות פון קריסטן צו יידן. אויף וויפיל מיר איז באקאנט, איז נאך ביז היינט דער מאראטאריום ניט צוריקגערופן געווארן. פארקערט, די רעגירונג האט דעם מאראטאריום פארוואנדלט אין אן אפווישונג פון די חובות. ווען דער דאזיקער באנקיר, הער קלמן וויגלער, האט דעריבער געמאכט א פארזוך ארומצוגיין דעם געזעץ, איז געווען די אויפגאבע פון דעם געריכט אים צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער. אויב אבער דער געריכט איז געפאלן א קרבן פון א טעות, מוזן מיר דעם טעות תיכף פארריכטן און אנקלאגן דעם הער וויגלער פאר פארלעצן דאס געזעץ, ניין, אפילו פאר שטערן די עפנטלעכע רו און ארדענונג. איך דאנק אייך זייער, וואס איר האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם, און איך וועל תיכף אננעמען די נויטיקע שריט.

אן אויגנבליק האט אטא פאן ראובניטץ זיך געפונען אין א פארלעגנ־הייט. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טראכטן: איז דער דאזיקער סטעפאן צערטיאן נאאיוו אדער א שונא? זיין ענטפער, אויב ער איז א שונא, באווייזט אויף א ביטערקייט, וואס ער האט ניט געגלויבט, אז דער דאזיקער רומעניער זאל פארמאגן.

— אנטשולדיקט, הער אונטערפרעפעקט, איין זאך האב איך געלערנט און פון דעם טרעט איך ניט אפ: רעספעקט פאר דער יוסטיץ. ווען מען רירט איינמאל אן די יוסטיץ, טרייסלט מען אויף די יסודות פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאפט. ווען מיר דייטשן פירן איצט א קאמף אויף לעבן און טויט פאר א נייער איראפע, איז דאס קודם כל איינצושטעלן רעכט און ארדענונג פאר אלעמען.

— אויך פאר די יידן? דער קרעדיטאר איז דאך א הער קלמן וויגלער, בלי ספק א ייד. און ווי געזאגט, אדמיניסטראטיוו איז די דאזיקע חובות־פראגע איין מאל פאר אלע מאל דערליידיקט, דאס הייסט, דער חוב איז אפגעווישט. דער געריכט איז געשאפן פאר אפהיטן דאס געזעץ, ניט אים אפצושאפן. זעלבסטפארשטענדלעך, הער פאן ראובניטץ, האט איר ניט גע־קאנט וויסן וועגן דעם דאזיקן געזעץ פון יאר 1938 און עס טוט אייך כבוד,

וואָס איר האָט זיך גענומען אַזויפיל מי דורכצופירן אַ זאַך, וואָס איר האָט געהאַלטן פאַר געזעצלעך. מען דאַרף אויך אונטערזוכן, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, אַז די פּויערים זאָלן איבערפאַלן די זשאַנדאַרן און דעם געריכט־באַאַמטן. איר האָט בלויז געדאַרפט קומען צו מיר, וואָלט איך געטאָן וואָס עס איז נייטיק. אַלנפאַלס דאַנק איך אייך, וואָס איר האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם עניין און וועל אייך בעטן, אַזוי ווי דער אַדרעס פון דעם הער ווייגלער איז ניט אָנגעגעבן אין קיינעם פון די אורטיילן, מיר צו געבן דעם אַדרעס פון דעם דאָזיקן יידן, וועלכער האָט געוואַגט אויף אַט דעם אופן אַרומצוגיין דעם געזעץ.

— הער אונטערפּרעפעקט, מיר פאַרשטייען זיך ניט איינער דעם אַנדערן. עס איז אייך באַקאַנט, אַז איך בין נאָך פאַר דער מלחמה געשיקט געוואָרן אַהער פון דער מיליטערישער קאָמאַנדע אַלס אָריאַניזירונג־קאָמיסאַר. דער דאָזיקער ייד ווייגלער עקזיסטירט מער ניט. אַלס אַריאַניזירונג־קאָמיסאַר בין איך זיין לעגאַלער יורש. דאָס געזעץ פון 1938 באַציט זיך אויף חובות צו יידן. איך אָבער בין ניט קיין ייד, דאָס מסתמא האָט איר באַמערקט.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער צוזאַמענגעצויגן זיין מויל אין אַ שמייכל און פאַרגעזעצט:

— און די פּויערים, וועמעס חובות ציען זיך אַזוי ווייט ווי 1934, האָבן שוין לאַנג געמעגט טראַכטן וועגן באַצאָלן זיי, וואָרים הערט מען איינמאָל אויף צו צאָלן חובות, האָט מען געעפנט טיר און טויער פאַר כאַאָס. דער דאָרף ראַגאַטשעסטי האָט אַ יאָר צייט זיך געפונען אונטער באָלשעוויסטישער הערשאַפט און איך האָב ניט צופעליק אויסגעקליבן דעם דאָזיקן דאָרף אַלס דעם ערשטן אויפצומאָנען די חובות. עס איז נייטיק דורך פּראַקטישעביישפּילן אַריינצוקלאַפּן די פּויערים אין די קעפּ דעם אונטערשייד צווישן באָלשעוויסטישער אומאָרדענונג און אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע. און כדי אויסצומיידן וועלכע ניט איז מיספאַרשטייעניש: איך בין צו אייך ניט געקומען דיסקוסירן די פראַגע וועגן דער גילטיקייט אָדער ניט־גילטיקייט פון די געריכטלעכע אורטיילן. די אורטיילן האָט אַרויסגעגעבן דער קעניגלעך־רומענישער געריכט, אַ קעניגלעך־רומענישער באַאַמטער האָט וועגן דעם געהאַנדלט, דער איבערפאַל אויף דעם געריכט־באַאַמטן און די זשאַנדאַרן, ווי איך האָב שוין באַטאָנט, איז אַ פאַל פון אָפענעם רעבעלירן. וואָס דענקט איר, הער אונטערפּרעפעקט, אונטערצונעמען קעגן די רעבעלן, כדי צו געבן אַ ביישפּיל, וואָס זאָל זיי אַזוי אָנשרעקן, אַז אַ צווייטער פאַל אַזאַ זאָל זיך ניט איבערחזרן?

סטעפאַן צערטיאַן האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כחות ניט אַרויסצוגיין פון די כלים. צום ליבסטן וואָלט ער דעם דאָזיקן דייטש אָנגעשפּיגן אין פּנים. אָבער ער האָט זיך אַריינגענומען אין די הענט און געזאָגט אין

אַ העפלעכן טאָן:

— איך וועל אָנהויבן אַ גענויע אונטערזוכונג וועגן דעם פאַל און שיקן אַ באַריכט צו מיינע העכערע באַאַמטע. דאַן וועל איך האַנדלען לויט זייער אָנווייזונג. אַלנפאַלס מוז איך אייך בעטן, אַז ביז איך וועל ניט באַקומען קיין אינסטרוקציעס, זאָלט איר זיך אָפּהאַלטן פון ווייטערדיקע האַנדלונגען.

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט סטעפאַן צערטיאַן זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, געבנדיק דערמיט אָנצוהערעניש, אַז דער געשפּרעך איז פאַרענדיקט. אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט זיך אויך אויפגעהויבן. אויף זיין מויל האָט געשפּילט אַ צינישער שמייכל און ער האָט געזאָגט:

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַלץ הענגט דאָ אָפּ פון אייערע באַאַמטע. מיר דייטשן זיינען בלויז גוט אויף פאַרגיסן דאָס בלוט אויף די שלאַכטפעלדער. אָבער ווען איר וועט אונטערזוכן דעם דאָזיקן פאַל און באַריכטן צו אייערע באַאַמטע, בעט איך אייך העפלעך און דרינגענד אויך פעסטצושטעלן ווער עס פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג אין די דערפער קלאַנגען, אַז דאָס לאַנד געפינט זיך אין מלחמה מיט דייטשלאַנד און אַז דער דייטש איז דער שונא. איך גלויב, הער אונטערפּרעפעקט, אַז דאָס ליגט מער אין דעם קרייז פון אייערע אויפגאַבן, ווי אונטערזוכן אַ פּשוטן ציווילן אורטייל, אַרויסגעגעבן פון אַ קעניגלעך־רומענישן געריכט. הייל היטלער!

צערטיאַן האָט זיך נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך געפרעגט, צי איז ער ניט געגאַנגען צו ווייט. ער האָט געוואָלט אַזוי שנעל ווי מעגלעך זיך דורכרעדן מיט סימיאָן שטראָוב וועגן דעם ענין. ער האָט טעלעפאָנירט אין דער ברויעריי, אָבער סימיאָן איז דאָרטן ניט געווען. ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אין נאָכטראַכטן וועגן דעם ענין, גרייטנדיק זיך זעצן שרייבן אַ באַריכט צו די באַאַמטע אין טשערנאָוויץ, האָט מען אים געמאָלדן, אַז אַ פּויערים־דעלעגאַציע פון ראָגאַטשעסטי וויל מיט אים רעדן. ער האָט געהייסן תיכף די פּויערים אַריינרופן.

סטעפאַן צערטיאַן האָט געקענט די געגנט פון ראָגאַטשעסטי זינט זיין קינדהייט. ס'איז געווען אַ שיינער דאָרף אויפן ברעג פון סערעט־טייך, בלויז עטלעכע קילאָמעטער פון דעם הויז, אין וועלכן ער איז געבאָרן געוואָרן און די ערשטע יאָרן פון זיין קינדהייט פאַרבראַכט. ראָגאַטשעסטי איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט מיט זיינע קאַרשן און פלוימען. ער האָט אָפט באַזוכט מיט זיין פאָטער דעם דאָזיקן דאָרף אין זומער־נאָכמיטאָגן און פאַר עטלעכע פעניג געבראַכט אַהיים אַ גאַנצע קאָרב מיט אויבסט. אין דעם דאָרף האָבן געלעבט רומעניער און אוקראַינער און מ'האָט גערעדט אויףביידע שפּראַכן. ווייניק פּויערים אין דאָרף האָבן געקענט לייענען און שרייבן, אָבער רעדן האָבן זיי געקענט אויף ביידע שפּראַכן.

דער פירער פון דער דעלעגאַציע האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר צערטיאַנען

אלס דער בירגערמייסטער פון דעם דאָרף. ער האָט זיך אנטשולדיקט, וואָס ער איז נאָך ביז איצט ניט געקומען זיך פאָרצושטעלן פאר דעם נייעם אונטערפרעפעקט, ווי העפלעכקייט פאָדערט. „אָבער“, האָט ער געזאָגט, „אין אָט דער צייט פון יאָר איז פאר א פויער שווער צו פארלאָזן די ארבעט אפילו אויף איין שעה. ווען די אומשטענדן וואָלטן דאָס ניט געפאָדערט, וואָלטן מיר אויך היינט אהער ניט געקומען. אָבער נעכטן האָט מען אומגעזעצלעך צוגענומען ביי 42 פויערים משכנות. קיינער פון זיי האָט ניט באקומען קיין אויפפאָדערונג צו קומען אין געריכט. מ'האָט זיי נעכטן פאָרגעלייענט פארטיקע אורטיילן, און זיי אפילו ניט געגעבן די געפאָדערטע פון געזעץ פערצן טעג צווישן דעם אורטייל און דאָס נעמען פון משכנות. עס האנדלט זיך וועגן אן אויספרעסונג. אָבער די פויערים האָבן זיך פונדעסטוועגן אונטערגעוואָרפן דעם דרוק פון דעם געריכט־באאמטן, די זשאנדארן און דעם דייטש, ווייל די דייטשן האלטן איצט רומעניע אין זייערע הענט. אָבער היינט איבערפרי זייגען דערשינען אין דאָרף אכט זשאנדארן. נאָכדעם ווי זיי האָבן נעכטן אוועקגענומען ביי 42 פאמיליעס זייער פי, זוכן זיי היינט נאָך אמאָל דאָס פי אין דאָרף, באהויפטנדיק, אז די פויערים זיינען באפאלן די זשאנדארן און אָפגענומען די בהמות. מיר בעטן ביי אייך, הער אונטערפרעפעקט, שוץ.“

סטעפאן צערטיאן האָט זיי דערקלערט: „וואָס שייך די משכנות און דאָס איינמאָנען די חובות, בין איך איינשטימיק מיט אייך, אז עפעס איז דאָ ניט ריכטיק, און איך וועל מאכן א פארזוך אויף א געזעצלעכן וועג דעם ענין צו דערליידיקן. אָבער איך דערוואַרט פון אייך, אז איר זאָלט רעדן מיט מיר אָפן, ווייל מיטן איבערפאל אויף די זשאנדארן און דעם געריכט־באאמטן, זייט איר באגאנגען אן אקט פון נעמען דאָס געזעץ אין די אייגענע הענט, און איך האָב מורא, אז די רעזולטאטן וועלן פאר אייך זיין שלעכטע.“

— הער אונטערפרעפעקט, ווען זיי האָבן גענומען די משכנות, האָט אין דאָרף געהערשט אזא אויפרעגונג, אז מיר איז מיט שווערער מי אָנצוהאלטן די פויערים פון אן אָפענעם ווידערשטאנד. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן די אנטריסטונג פון די פויערים. אין משך פון יאָרן האָט מען ביי אונדז צוגענומען די תבואה און געצאָלט מיט פאפיר־געלט, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט אין האנט נעמען. די חובות זיינען אזוי ארום שוין צענפאך באצאָלט. דאן זאָגט מען אונדז פלוצלונג, אז די רומעניער זיינען ווידער אין לאנד און מיר ווערן באפרייט. דאן דערשיינט א דייטש אין דער שפיץ פון א משכנות־קאָמיסיע און נעמט אוועק ביי די פויערים די לעצטע בהמה — פון וואָס זאָל דער פויער לעבן און דערנערן זיינע קינדער? מיר האָבן געשוויגן און געוואָלט אהער קומען מאָרגן אויף א געזעצלעכן אופן זיך צו פארטיידיקן. זיינען געקומען די זשאנדארן, האָבן דורכגע־

נישטערט יעדעס הויז און יעדן ווינקל, באַהויפּטנדיק אַז מיר האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. איך שווער אייך, הער אונטערפּרעפעקט, אַז ניט מיר האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל, ניט מיר ווייסן עפּעס וועגן אַן איבערפאַל.

צערטיאַן האָט געזען, אַז ער זאָגט דעם אמת. דער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרן פון עמעצן אַנדערש. ווער? האָט פאַן ראַובניטץ אַליין אינסצעניזירט אַן איבערפאַל, כדי זיך אָפּצורעכענען מיטן דאָרף? אויף אים מעג מען אַלץ גלויבן. אָבער דאָס האָט אים געשיינט צו זיין אַ משוגעת. ער האָט זיך געזאָגט: דאַרפן נאָך די דייטשן אויסריידן? עמעצער אַנדערש האָט דאָס געמוזט מאַכן. זאָלן דאָס זיין חיימס מענטשן? אויך דאָס האָט אים געשיינט צו זיין אוממעגלעך. האָט דאָך סימיאָן מיר נאָר־וואָס פאַר־זיכערט, אַז מ׳דאַרף דערווייל זיך צוריקהאַלטן, כדי ווען די לאַגע וועט זיין רייף, צו דערלאַנגען אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ.

די פּויערים האָבן אים אונטערבראָכן זיינע געדאַנקען און צוויי האָבן אָנגעהויבן רעדן מיטאַמאָל:

— מיר מוזן אייך בעטן אונדז העלפן, ווייל די זשאַנדאַרן סטראַשען מיט אַלעמען זיך אָפּצורעכענען. זיי זאָגן, אַז אויב דאָס פי וועט גלייך ניט צוגעשטעלט ווערן, וועלן זיי פאַרנעמען די פּויערים, צו וועמען עס האָט געהערט. די פּאָליציי איז דאָך אָפּהענגיק פון אייך. האָט רחמנות. מיר ווייסן ניט וואו דאָס פי איז אַהינגעקומען.

סטעפאַן האָט גענומען דעם טעלעפאָן און אָפּגערופן פראַנץ צימערלע. יענער האָט פון אָנהויב מיט אים ניט געוואָלט רעדן. אָבער ווען סטעפאַן האָט אים געזאָגט וועגן אַ פּויערים־דעלעגאַציע, האָט זיין טאָן זיך געענדערט און ער האָט אים צוגעזאָגט אויפצונעמען די דעלעגאַציע פיר אַזייגער נאָכ־מיטאָג.

די פּויערים זיינען העכער אַ יאָר שוין ניט געווען אין סערעט, ווייל זינט די רוסן זיינען אין יוני 1940 צוגעקומען ביז דעם לינקן ברעג פון סערעט־טייך, איז דער טייך געווען די גרענעץ, און זייער דאָרף האָט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געהערט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס רעקוויזירן פון תבואה, וואָס די רומענישע באַאַמטע פלעגן דורכפירן אין אַלע דערפער, האָט אויפגעהערט. אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט זיינען אויסגע־וואָקסן אין דאָרף אַ ריי אינסטיטוציעס, פון וועלכע די פּויערים האָבן ביז דאַן קיינמאָל ניט געהערט. אין דאָרף האָט זיך באַוויזן אַ קינאָ. מ׳האָט איינגעאָרדנט קורסן פאַר דערוואַקסענע זיך צו לערנען לייענען און שרייבן. אין דער פאָלקשול האָט מען איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק. ס׳איז אויך גע־שאַפן געוואָרן אַ באַראַטונגס־קאָמיסיע פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פראַגן.

די פּויערים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און דער קאָ־אָפּעראַטיוו האָט געהאַלטן ביים איינשאַפן זיך אַ טראַקטאָר און אַ צאָל

לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען, ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן. מ'האט די פויערים געגעבן די פרייע ברירה זיך אריבערצוקלייבן קיין רוסלאנד. די עלטערע פויערים האבן זיך מיישב געווען מיטן גלח. יענער איז געווען מיט דער מיינונג, אז פריער פון אלץ דארף מען אוועקשיקן די יוגנט, ווייל די עלטערע מענטשן דראעט ניט קיין געפאר. א גרויסער טייל פון דער יוגנט האט דעריבער נאכגעפאלגט די רויטע ארמיי, וואס האט פאר די מערסטע פויערים פון דארף געשאפן א שווערע לאגע. ס'האבן געפעלט ארבעט־הענט.

אין די זומער־טעג האט מען געארבעט פון זון־אויפגאנג ביז שפעט אין דער נאכט אריין. די מלחמה, האט מען געוואוסט, איז געווען א מלחמה קעגן דייטשלאנד. דער דייטש איז געווען באקאנט אלס דער שונא פון לאנד, הגם איניקע טעג נאכדעם ווי די רויטע ארמיי האט זיך צוריקגעצויגן, איז דערשינען אין דעם דארף א קאמיסיע, וואס האט צוזאמענגערופן די פויערים און זיי מיטגעטיילט, אז זיי זיינען באפרייט געווארן. און דא איז געקומען דער דייטש און גאר אוועקגענומען ביי זיי זייער פי. אז די רומענישע זשאנ־דארן זאלן העלפן די דייטשן, האט זיי געשיינט גאנץ נאטירלעך, ווייל דער זשאנדאר האט אין פארלויף פון יארן געגאלטן אין דארף אלס דער שונא פון די פויערים. דאס וואס א געריכט־באאמטער איז אויך מיטגעקומען מיט זיי, האבן די פויערים געהאלטן, אז דאס האט מען אים געצוואונגען — דאס לאנד איז געווען אקופירט פון די דייטשן און דער באאמטער האט געמוזט פאלגן. זיי זיינען געגאנגען צום אונטערפרעפעקט אן אילוזיעס און האבן געהאלטן אלס זעלבסטפארשטענדלעך, וואס ער האט זיי געשיקט צום אמתן הערשער, וואס האט פאר דעם מאמענט באהערשט דאס לאנד, צום דייטש.

ווען זיי האבן פארלאזט די אונטערפרעפעקטור, איז נאך געווען גאנצע פיר שעה, ביז דער שעה וואס דער דייטש האט באשטימט זיי אויפצונעמען. וואס זאלן זיי טאן אין די פיר שעה? אמאל איז דאס קיין פראבלעם ניט געווען. מען איז אריין אין אן אכסניה, צו מאשקא אדער לעווקא, צו הערשקא אדער חיימקו. אבער איצט האבן זיי מער די שטאט ניט דערקענט. עס זיינען ניט געווען קיין אכסניות און קיין מענטשן, וואס זיי האבן אמאל געקענט. זיי זיינען אוועק צום שמיד און האבן אויך די קוזניע געפונען געשלאסן. ענדלעך, זיינען זיי דערגאנגען צום יידישן בית־עולם, ווייל ארומדרייענדיק זיך איבערן שטאט, האבן זיי פלוצלונג דארט דערזען יאסל שמש. זיי האבן זיך געפילט גליקלעך צו דערזען א באקאנטן פנים, און האבן אנגעהויבן זיך פאנאנדערפרעגן ביי אים וועגן איינעם און א צווייטן. ערשט דאן האבן זיי אויסגעפונען וועגן דער אויסמארדונג פון די יידן. אמת, זיי האבן געהערט א סך קלאנגען אין ראגאטשעסטי וועגן דעם וואס עס איז פארגעקומען אין שטאט, אבער די פויערים האבן דאס ניט געוואלט גלויבן.

יאָסל שמש האָט מיט זיי גערעדט אין אַ געמיש פון רומעניש, אוקראַי־ניש און יידיש. אָפּט האָט ער גערעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס זיי האָבן אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבן באַלד געקראָגן דעם איינדרוק, אַז יאָסל איז אפשר אַליין געווען אַ געשטאָרבענער. זיי האָבן אויף אים געקוקט, פול מיט שרעק. ער האָט זיי געוויזן דעם מאַסן־קבר. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די קני לעבן דעם מאַסן־קבר, אין וועלכן די יידן זיינען געווען באַ־גראָבן. ווען מ׳האָט אויסגעגראָבן דעם נייעם בית־עולם, אים צו פאַר־וואַנדלען אין אַ גאָרטן פאַר דעם באָרדעל, האָט יאָסל שמש צוזאַמענגעקליבן די ביינער און זיי מקבר געווען אויפן אַלטן בית־עולם.

אַט אַזוי איז אַריבער די צייט, און ווען זיי האָבן געהערט דעם זייגער אויפן קירכן־טורעם שלאָגן פיר, האָבן זיי פאַרלאָזן דעם בית־עולם און זיך געשטעלט ביים אַריינגאַנג פון צימערלעס הויז. די פּויערים האָבן זיך איבערגעלייגט, צי זאָלן זיי ניט אָפּוועקפאָרן אָן דער דאָזיקער אוידיענץ, ווייל וואָס פאַר אַ זין האָט געקאָנט האָבן דער דאָזיקער אויפנעם, נאָך אַלץ וואָס יאָסל שמש האָט זיי דערציילט? „יעדער איינער פון די דאָזיקע דייטשן״, האָט ער זיי געזאָגט אין אַ פייערלעכער און האַלב־פאַרשטענדלעכער שפּראַך, „איז אַ טייל פון יענעם בעהעמאָט. זיי טרעטן איצט די וועלט, מאָרדן און פּלינדערן. זיי טויטן די יידן, ראַבירן די פּויערים, צעשטערן די שטעט און פאַרוואַנדלען אין אַש די דערפער. אין די הייליקע שריפטן ווערן זיי אויך אָנגערופן רהב, וועלכער האָט דער ערשטער ווידערשפּעניקט קעגן גאָט, און ווען גאָט האָט אַריינגעוואָרפן אין שאול תחתיה, און מיט וועמען דער קאַמף מוז אויסגעפאָכטן ווערן, איידער פינצטערניש וועט פון דער וועלט פאַרשווינדן און אַ ליכט וועט אויפגיין.״ וואָס האָבן זיי צו רעדן מיט דעם אַנטי־קריסט, מיט אַ ווילדער חיה? ער ווייס ניט פון קיין רחמים. אָבער יאָסל שמש האָט זיי געזאָגט: „און פונדעסטוועגן, גייט אַהין.״

ווי איבערראַשט זיינען זיי דעריבער געוואָרן, ווען מ׳האָט פאַר זיי געעפנט דעם טויער אַזוי גיך ווי זיי זיינען צוגעקומען צום גאָרטן־אַריינגאַנג, און אַן אומבאַקאַנטער מאַן האָט זיי באַגריסט אין ביידע שפּראַכן, אין רומעניש און אוקראַיניש. ער האָט זיי צוגעפירט צו אַ טיש אין גאָרטן, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען ברויט, חזיר־פליייש, שנאַפּס און ביר. די פּויערים האָבן זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז זיי האָבן דעם טאָג נאָך גאָר־נישט ניט געגעסן. זיי האָבן אינדערפרי פאַרלאָזט זייערע וואוינונגען אין איילעניש און גאָרנישט ניט מיטגענומען מיט זיך.

דער פרייַנטלעכער אויפנעם איז פאַר זיי געווען אַזאַ איבערראַשונג, אַז זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן. אָבער אַזוי ווי דער בירגערמייסטער האָט זיך גענומען צו דער אכילה, האָבן זיי אים נאָכ־געטאָן. דער מאַן, וואָס האָט זיי אויפגענומען, האָט זיי געהאַלטן אין דער־

מוטיקן, אַז זיי זאָלן עסן און אויך נעמען אַ גלאָז שנאַפּס אָדער ביר.

נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן, איז דערשינען אַ שלאַנקער מאַן אין אַ שוואַרצן אוניפאָרם. דער מאַן, וואָס האָט זיי געעפנט די טיר, האָט זיי איצט געגעבן אַ צייכן זיך אויפצוהויבן פון זייערע פּלעצער. אייניקע פון די דאָזיקע פּויערים זיינען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה געווען אויף פאַר־שיידענע פראָנטן כמעט גאַנצע פיר יאָר. אָבער דאָס פּנים פון דעם דאָזיקן דייטש האָט פאַרמאָגט עפּעס אומהיימלעכס, וואָס האָט זיי געמאַכט גרוילן. די בלויע אויגן זיינען געווען טיף איינגעגראָבן; דאָס פּנים איז געווען אַן אויסגעצויגענער; די דינע ליפּן זיינען געווען בייזע; דער שפּיץ פון נאָז האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קינזשאַל, און דער שוואַרצער אוניפאָרם — די פּויערים האָבן זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דעם, וואָס זיי האָבן געהערט פון יאַסל שמש, און געגלויבט, אַז זיי זעען פאַר זיך דעם טייוול אַליין. ווען דער מאַן האָט צו זיי אַ שמייכל געטאָן, האָט ער זיי אויסגעקוקט נאָך מער אומהיימלעך. ער האָט יעדן פון זיי געגעבן די האַנט און זיי געבעטן זיך צוריק אַוועקזעצן. ווען זיי האָבן זיך געהאַט אַוועקגעזעצט, איז אַריינגעקומען די דאַמע פון הויז. דער דייטש האָט זי פאָרגעשטעלט: „זי איז אַ רומעניערין, אַ טאָכטער פון אָט דעם לאַנד, אַ קינד פון דער דאָזיקער שטאָט. זי איז דער סימבאָל פון מיין פאַרבונדנקייט מיט אייך און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין טיף גערירט פון דער באַגריסונג, וואָס איר האָט מיר דאָ געבראַכט. איך נעם דאָס אָן אַלס צייכן, אַז איר פילט און אָנערקענט וואָס דער פירער האָט געטאָן פאַר אייך, וואָס ער האָט אייך אויף אייביק באַפרייט פון דעם באָלשעוויסטישן יאָך. דאָ קאָנט איר רעדן אומגעשטערט. ביי מיר וועט איר צו יעדער צייט געפינען אַן אָפענע טיר און אַן אויפמערק־זאַמען אויער. לאָמיר טרינקען פאַר דעם וואוילזיין פון אייער פירער אַנטאָנעסקו און אונדזער אַלעמענס פירער אַדאָלף היטלער.״

די פּויערים האָבן אויפגעהויבן זייערע גלעזער. זיי האָבן זיך געוואונ־דערט, וואָס פון די דאָזיקע ליפּן קומען אַרויס מענטשלעכע ווערטער. דאַן האָט מען געטרונקען צום וואוילזיין פון דער טאָכטער פון לאַנד, דער באַלע־באָסטע פון הויז, וואָס זאָל זיין איינע פון זייעריקע. און נאָכדעם האָט פראַנץ צימערלע אויפגעפאָדערט די פּויערים, אַז זיי זאָלן אים דערציילן פון זייערע צרות. „איך פאַרשטיי״, האָט ער געזאָגט, „אַז דאָס וואָס איר האָט דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט אין די דאָזיקע שרעקלעכע צייטן, קאָן מען קוים אויסדריקן מיט ווערטער. מ׳דאַרף אָבער וועגן דעם שרייבן אין דער פּרעסע אַלס אַ דאָקומענט, כדי מ׳זאָל אומעטום באַגרייפן פאַרוואָס אַדאָלף היטלער איז געווען געצוואונגען צו ציען זיין שווערד פון דער שייד און נעמען נקמה פאַר אַזויפיל אַנגעטאָנענע ליידן.״

דער פירער פון דער דעלעגאַציע האָט דערציילט: „מיר זיינען געווען

ביי דער אַרבעט, ווען דער פרעמדער מאַן איז אָנגעקומען מיט דעם געריכט־באַאַמטן און תיכף געבראַכט זשאַנדאַרן אין דאָרף. געלט האָבן זיי פון אונדז געפאָדערט מער, וויפיל מיר האָבן ווען פאַרמאָגט. און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויספירן די בהמות פון שטאַל . . .״

— די בהמות אין שטאַל! — האָט אים אונטערבראָכן פראַנץ צימערלע, און פול מיט אַנטריסטונג איז ער אויפגעשפרונגען און אויסגעשריען: „ווען מען נעמט אַוועק ביי די פּויערים די בהמות, נעמט מען אַוועק פון זיי זייער עקזיסטענץ און זייער לעבן. עס איז געווען איינער פון די ערשטע אַקטן פון דעם פירער, ווען ער האָט באַפרייט דייטשלאַנד, אַרויסצוגעבן אַ געזעץ, אַז פון פּויערים זאָל מען ניט צונעמען קיין איין בהמה. ביי פּויערים דאַרף מען ניט נעמען קיין משכנות. וואָס איז דער פּויער?״ ער איז אַריינגעקומען אַלץ מער אין באַגייסטערונג: „דער פּויער איז דער יסוד פון אונדזער עקזיסטענץ, דער פּויער איז דער קוואַל, פון וועלכן מיר שעפּן אונדזער לעבנס־קראַפט. ניט אומזיסט האָט געזאָגט אַן אַלטער דייטשישער דיכטער: און וואָלטן מיר קיין פּויערים ניט געהאַט, וואָלטן מיר קיין ברויט ניט געהאַט. זיי האָבן געזאָגט, די דאָזיקע שונאים פון דער מענטשהייט, אַז זיי נעמען די בהמות אין קאָלעקטיוון, צו שאַפן פאַר די פּויערים נייע לעבנס־באַדינגונגען. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי געוואָלט די פּויערים פאַרניכטן. זייט רואיק, מיינע הערן פּויערים, אַז איצט וועלן אַזעלכע זאַכן ניט פאָרקומען. דערפאַר גאַראַנטירן מיר דייטשן, מיר, די באַאויפטראָגטע פון דעם פירער. היינט איז אייער אויפגאַבע אונדז צו העלפן מיט אייער אַרבעט און מי צו דערגרייכן אַ שנעלן זיג, און איר וועט מאָרגן זיין די, וואָס וועלן שניידן די פרוכט פון דעם זיג.״

נאָך דער דאָזיקער פייערלעכער רעדע, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די פּויערים, דערוואַרטנדיק אַן ענטפער אויף זיין רעדע. דער בירגערמייסטער, וועמען פראַנץ צימערלע האָט אונטערבראָכן מיט זיין באַגייסטערטן אויסרוף, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט, און געזאָגט: „און אונדזער לאַגע איז אַ שלעכטע. די בהמות האָט מען ביי אונדז אַוועקגענומען. איצט פאָדערט מען ביי אונדז, אַז מיר זאָלן געבן אַנדערע. זיי באַהויפּטן, אַז מיר האָבן זיי באַהאַלטן. אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר אַרבעטן אָן פיך? און ווען מיר זאָלן מיט זיי אַרבעטן, וואָלט מען דאָך געזען. און געבן אַנדערע? וואו זאָלן מיר דאָס נעמען?״

— עס איז מלחמה און ס'איז שווער צו קריגן נייע בהמות. אָבער אונדזערע סאָלדאַטן דרינגען אַריין אַלץ טיפער; זיי שטייען שוין ביי קיעוו, זיי דערנענטערן זיך צו מאָסקווע. מיר וועלן דאָרטן אָפּנעמען די בהמות און זיי אייך צוריקברענגען. איר קאָנט איצט רואיק גיין אַהיים. איך וועל טראַכטן וועגן אייך.

די פויערים האָבן זיך אויפגעהויבן און דער פירער פון דער דעלעגאַציע האָט, כדי צו זיין זיכער, אַ פרעג געטאָן: „קאָנען מיר זיך אויף דעם פאַר־לאָזן, וועט איר באַלד ארויסגעבן די נויטיקע פאַראָרדענונג?"

— הערט, מיינע פויערים, דער פירער האָט נאָך קיינמאָל זיין וואָרט ניט געבראָכן. און ווען איך רעד צו אייך, רעד איך אין נאָמען פון דעם פירער.

די פויערים האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָ האָט מיט זיי פּאַסירט. זיי האָבן זיך געוואָלט פאַרנויגן פאַרן פּאַרל און פאַרלאָזן דעם גאָרטן, ווען צימערלע האָט זיי געזאָגט: „נאָך אַן אויגנבליק, מיינע הערן פויערים, איך האָב באַשטעלט דעם פאָטאָגראַפירער; ער דאַרף קומען יעדע מינוט. אונ־דזערע בילדער וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין בוקארעשט און אין בערלין. איך וועל שיקן דעם פירער אונדזער געמיינזאַמע פאָטאָגראַפיע אַלס אַ צייכן פון דער פאַרבונדנקייט פון די אַרישע פויערים פון אַלע שפּראַכן."

אין אָט דעם מאָמענט האָט אַריינגעשטורעמט אָטאָ פאָן ראַובניטץ. ער איז געווען אויפגערעגט, האָט געווישט דעם שוויים פון פּנים און האָט זיך כמעט ניט באַגריסט. בלויז דער דאַמע פון הויז האָט ער געגעבן אַ האַנט־קוש און געבעטן פראַנץ צימערלע אַריינצוקומען מיט אים אין הויז אַריין. אויך די דאַמע פון הויז האָט זיי נאָכגעפאָלגט. די פויערים זיינען געבליבן אַליין אין גאָרטן. איינער פון זיי האָט געזאָגט: „ס'איז ניט קיין גוטער סימן. ס'איז געווען צו שיין און צו גוט." „ביים זיך אָפּ די צונג!" — האָט אַ צווייטער געענטפערט.

אינצווישן איז אָנגעקומען דער פאָטאָגראַפירער און גענומען מאַכן פאַר־באַרייטונגען צו נעמען אַ בילד. די פויערים האָבן מיט אינטערעס נאָכ־געפאָלגט וואָס ער טוט, אָבער זיי האָבן זיך געפילט ניט באַזונדערס גוט. צוליב וואָס דאַרף ער אַ בילד פון אונדז? די מינוטן זיינען געלאָפן, פון הויז האָט מען געקאָנט הערן אויפגערעגטע שטימען. עס האָט געשיינט, אַז די דייטשן קריגן זיך צווישן זיך.

און מיטאַמאָל איז דערשינען דער שוואַרץ־אוניפאָרמירטער אין דער באַגלייטונג פון דעם צווייטן דייטש און צום ערשטן האָט ער זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף דעם פאָטאָגראַפירער: „טראָג זיך אָפּ אַזוי שנעל ווי מעגלעך מיט דיין גאַנצן קלאַפּערגעצייג!" ווען דער פאָטאָגראַפירער איז אַרויס, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף די פויערים: „איר פאַרדאַמטע פויערשע קעפּ, איר מנובלים מיט אייער פויערשער כיטרעקייט! איר האָט געוואָלט מיר, דעם פאַרטרעטער פון דעם פירער, אָפּנאַרן? איר האָט געוואָלט אונ־דזערע דייטשן, אייער קעניגלעכן גערירכט־באַאַמטן, אייער קעניגלעכע זשאַנ־דאַרן פאַרשטעלן אַלס באָלשעוויסטישע רויבער? ווער זייט איר, אידיאָטן, דומקעפּ, שמוציקע, לויזיקע באַנדע! פאַר אייך פאַרגיסן אונדזערע דייטשישע

סאָלדאַטן דאָס בלוט אויף אַלע שלאַכטפעלדער, און איר ווילט אוועקנעמען פון דער דייטשישער אַרמיי דעם ביסן פון מויל! איר וואַגט צו רעבעלירן קעגן דעם פירער? קיין וואָרט! איך האָב אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אין דריי טעג, געדענקט דאָס, מוז דאָס פי, וואָס איר האָט געטריבט, זיין דאָ אויפן פּלאַץ. איר און דער גאַנצער דאָרף זייט משכנות פאַר דעם. רעדט זיך ניט איין, אַז איר קאָנט זיך פון אונדז אַרויסדרייען, איר באָלשעוויקעס, איר פאַרפלוכטע, לוויזיקע, דומע פויערים־באַנדע. און איצט אַרויס! געדענקט נאָך אַמאָל — דריי טעג."

די פויערים זיינען געלאָפן אַזוי שנעל, אַז זיי האָבן ניט געפילט ווי די פיס טראָגן זיי.

17.

פראַנץ צימערלע האָט אין די העכער צוויי צענדליק יאָר אין דער נאַצי־פּאַרטיי געלערנט זיך ניט אָפּצושרעקן פאַר קיין שום גוואַלטאַטן. ער איז געווען געוואוינט צו קריגן קלעפּ און צו טרעטן איבער טויטע קערפּערס. אָבער דער ענין מיט די פויערים איז פאַר אים געווען אַ גרויסע אַנטוישונג. ער האָט פאַרשאַלטן סטעפאַן צערטיאַנען, וועלכער האָט אים די פויערים געשיקט. ער האָט געשאָלטן אַטאַ פאַן ראַובניטצן, וועלכער האָט אים פונקט היינט געבראַכט אַזעלכע אומאַנגענעמלעכקייטן.

אמת, ער האָט זיך געמוזט זאָגן, אַז סטעפאַן צערטיאַן איז ניט שולדיק אין זיין אַנטוישונג. ער האָט אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ טאָג האָט אַ פויערים־דעלעגאַציע געקאָנט קומען בלויז אים צו באַגריסן צו זיין חתונה, ווייל זיי האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער, אַ דייטש, אַ זון פון דער הערשנדיקער ראַסע, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רומעניערין. סטעפאַן צערטיאַן האָט אַליין געדאַרפט זיך ספּראַווען מיט דער דאָזיקער פויערים־באַנדע. אָבער אויך אַטאַ פאַן ראַובניטץ האָט געמעגט צוואַווארטן עטלעכע וואָכן מיט איינקאַסירן די חובות: מען מוז אַלץ טאָן צו פאַרזיכערן די גערעטעניש, און פאַרמיידן אַלץ, וואָס קאָן פאַרלענגערן אָדער שטערן דאָס אַראָפּנעמען פון די פעלדער, האָט געלויטעט די פאַראָרדענונג. פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט בכיוון ברענגען צו אַזאַ ערנסטן צוזאַמענשטויס פונקט אין דעם טאָג פון זיין חתונה? נו, האָט דאָס אָבער פּאַסירט. די פויערים טאָר מען ניט אַרויסווייזן, אונטער קיין אומשטאַנדן, שוואַכקייט אָדער קווענקלעניש.

ער האָט זיך ניט געטרויט צו דערציילן העגריעטען אַלע איינצלהייטן פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט, ווייל העגריעטע איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון די איינדרוקן פון נעכטיקן אָוונט און האָט נאָך אַלץ זיך גע־

שראַקן פאַר שלעכטע סימנים. צום גליק, האָט זי זיך געפונען אין שלאָף־צימער, ווען ער האָט געהאַט דעם געשפּרעך מיט אָטאָ פאָן ראַובניטץ און האָט ניט צוגעזען די לעצטע סצענע מיט דער פויערים־דעלעגאַציע, ניט ווייסנדיק וואָס פאַר אַ ווענדונג די זאַך האָט אָנגענומען. אָבער אַזעלכע באַנדיטן האָט מען ניט נאָר קיין דריי טעג, נאָר אפילו קיין דריי שעה ניט געדאַרפֿט געבן. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו טראַכטן? זיי האָבן רעבעלירט, זיי האָבן דאָס פּי צוריקגענומען און מוזן אָן טענות ומענות עס אומקערן צו די זשאַנדאַרן און דעם געריכט־באַאמטן. ער האָט זיי געגעבן דריי טעג, ווייל ער האָט צוגעזאָגט הענריעטען ווייניקסטנס פאַר אָט דער קורצער צייט צו מאַכן אַ חתונה־רייזע. ביי איר נערוועזן צושטאַנד איז דאָס געווען באַזונדערס נויטיק; און אַחוץ דעם האָט ער געהאָפט, אַז עס וועט אים געלינגען אין משך פון דער רייזע צו ברעכן איר גלויבן אין יאָסל שמש. די מעשה מיט דעם איין ייד, וואָס איז פאַרבליבן אין סערעט, איז אים געווען שטאַרק ניט־אַנגענעם.

נאָכדעם ווי די פויערים זיינען אוועק און אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אויך פאַרלאָזט דאָס יונגע פּאָרל, האָט פראַנץ צימערלע אָנגעהויבן פּאַקן די טשעמאָדאַנעס. זיי האָבן געוואָלט אָנקומען נאָך היינט אָוונט אין סאָלקאָ, אַ שיינער פּלאַץ אין די בערג, אין דרום־מערב פון בוקאָווינע, און דאָרט פאַרבלייבן דריי טעג, ווייט פון דער וועלט. דער שאָפער האָט געוואַרט. הענריעטע איז געשטאַנען גרייט אין איר רייזע־קאָסטיום און ער האָט געגעבן די לעצטע טעלעפאָנישע פאַראָרדענונגען צו סטעפאַן צערטיאַן און האַנס קרולע, ווען אומדערוואַרט איז צום הויז צוגעפאָרן אַ געשטאַפּאָ־אויטאָמאָביל, באַגלייט פון צוויי מאָטאָרציקליסטן. צו זיין איבערראַשונג, האָט פראַנץ צימערלע דערזען זיין העכערן באַאמטן, דעם שעף פון דער געשטאַפּאָ פאַר גאַנץ בוקאָווינע, יאָהאַן מילער.

אַז אויגנבליק האָט ער געגלויבט, אַז יאָהאַן מילער אַליין, באַגלייט פון איניקע אָנגעזעענע באַאמטע, איז געקומען אים ווינטשן גליק צו זיין חתונה. אָבער דער שטערן פון דעם שעף איז געווען באַדעקט מיט קנייטשן, יעדע באַוועגונג פון זיין פּנים האָט אויסגעדריקט שטאַרקע אויפרעגונג. איז דען מעגלעך, אַז אין טשערנאָוויץ האָט מען זיך שוין דערוואוסט וועגן דער מעשה ראַגאַטשעסטי און זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַזאַ וויכטיקן ענין, אַז דער שעף אַליין איז געקומען די זאַך אונטערזוכן? ער האָט געוואונטשן אָטאָ ראַובניטצן צו גיין צו אַלע טייוול, זעענדיק אין אים די סיבה פון זיין אומגליק. ער האָט געהאָלפן דעם שעף אַרויסגיין פון אויטאָמאָביל און אים אַריינגעפירט אין צימער. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן צו וואַרטן, ווי עס פירט זיך אין דער געשטאַפּאָ, נאָר האָט שנעל געפרעגט, צי עפּעס באַזונדערס איז געשען.

יאָהאַן מילער האָט אים דערציילט, אַז דער באַקאַנטער הויפּטמאַן מאַ־ראַרעסקו, וועלכער איז לעגענדאַריש באַרימט אין רומענישע קרייזן, באַ־זונדערס צווישן די מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", האָט פּלוצלונג פאַרלאָזן די קאַזאַרמע צוזאַמען מיט פופציק מאַן, אונטערוועגנס האָט ער געהאַט אַ שיסעריי מיט ס.ס.־לייט, וועלכע ער האָט אַלע ביז איינעם דערשאָסן און דערביי פאַרלאָרן אַכט פון זיינע אייגענע מענטשן.

— מאַראַרעסקו, — האָט ער געזאָגט, — האָט אַ נאָמען ווי דער גע־וואַגטסטער מאַן אין רומעניע. ווען ער נעמט אַ זאַך אין דער האַנט, לאָזט ער ניט אָפּ ביז צום סוף. ער האָט זיכער ניט פאַרלאָזט די קאַזאַרמע צו דערשיסן פופצן ס.ס.־לייט. אויב מען וועט אין צייט ניט כאַפּן דעם דאָזיקן באַנדיט, וועמעס מיטהילף מ׳האָט דערוואַרט קעגן די באָלשעוויקעס, קאָן מען דערוואַרטן דאָס ערגסטע. די פּאַסירונג איז פאָרגעקומען אויפן וועג פון טשערנאָוויץ קיין סערעט. אָפּטיילונגען פון דער ס.ס. זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן אין אַלע ריכטונגען. אויפן וועג האָב איך אַלעמען אָפּ־גערופן, אָבער צום באַדויערן, האָט מען נאָך ניט געפונען קיין שפּור פון מאַראַרעסקו און זיין באַנדע. געוויס, ווען אין דייטשלאַנד קומט פאָר אַזאַ פאַל, ווערט באַלד די ראַדיאָ געשטעלט צום דינסט, וואָרנט מען תיכף די באַפעלקערונג, און די נעץ ווערט אַלץ ענגער און מען איז זיכער מיט אַ דערפאָלג. אָבער דאָ אין רומעניע קאָן מען דערווייל ניט אָננעמען דעם דאָזיקן מיטל, ווייל אַ וואָרנונג דורך דער ראַדיאָ קאָן זיין אַ סיגנאַל פאַר אַלע מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", וואָס געפינט זיך אויסערן געזעץ, זיך אויפצוהויבן און פאַרזאַמלען זיך אַרום מאַראַרעסקון. מען קאָן אין דעם פאַל ניט בויען אויף דער הילף פון דער באַפעלקערונג. יאָ, מען מוז טאָן אַלץ צו האַלטן די גאַנצע זאַך בסוד פון דער באַפעלקערונג. איר, פראַנץ, מוזט דעריבער תיכף צוזאַמענרופן דעם הויפּט פון דער סיגוראַנצאַ און אייערע נאָענטע מיטאַרבעטער, אָבער בלויז די נאָענטסטע ראַטגעבער אייערע.

פאַר פראַנץ צימערלען איז געווען קלאָר, אַז ער האָט מער ניט וואָס צו טראַכטן פון זיין אורלויב און זיין התונה־רייזע. פונדעסטוועגן האָט ער גרינגער אָפּגעאָטעמט. די געגנט, וואו דער קאַמף איז פאָרגעקומען, גע־הערט, גאָט צו דאַנקען, ניט צו זיין באַצירק. ער האָט גלייך דורכגעפירט די פאַראָרדענונג פון זיין שעף און געלאָזט וויסן העגריעטען, אַז צוליב אַ וויכטיקער געשעעניש, וועלן זיי, לײדער, מוזן אָפּלייגן די רייזע. די דאָזיקע בשורה האָט מערקווירדיקערוויז זי ניט געטראָפן אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט זיך געשראָקן. זי האָט אים אויסגעהערט רואיק, יאָ, אַפילו אַפּאַטיש. ער האָט העגריעטען פאָרגעשטעלט פאַר זיין שעף.

ווען סטעפאַן צערטיאַן, סימיאָן שטראָוב, האַנס קרולע און אָטאָ פאָן

ראובניטץ זיינען אָנגעקומען, האָט יאָהאַן מילער געעפנט די באַראַטונג מיט א קורצער רעדע:

— אונדזערע פּאַראַייניקטע אַרמייען גייען פון זיג צו זיג. זייערע אויפ־טוען האָבן ניט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע. ס'איז אָבער פּאָראָן א געפאַר, אַז אַלע זייערע נצחונות וועלן אָפּגעווישט ווערן, ווען דער באָדן, אויף וועלכן מיר שטייען, ווערט אונטערגעגראָבן. מיר שפּינען א געוואַלטיקע נעץ איבער אייראָפּע, אין וועלכער די נייע אָרדענונג ווערט געשאַפן. די מאָראַרעסקוס אָבער און זייער גלייכן זיינען די ראַצן, וואָס צעפרעסן די דאָזיקע נעץ.

נאָך דעם דאָזיקן אַריינפיר, האָט ער נאָך אַמאָל אויספירלעך באַריכטעט וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, און געזאָגט: „מ'קאָן אָבער ניט דער־וואַרטן, אַז מאָראַרעסקו און זיינע מענטשן וועלן זיך באַווייזן אין א שטאָט. עס איז, נאַטירלעך, ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי זאָלן מאַכן א פּלוצלונגדיקן איבערפאַל אויף א שטאָט, פאַרניכטן אַלץ און אַלעמען און ווידער פאַר־שווינדן. אָבער א מאָראַרעסקו אַרבעט בלויז, ווען ער האָט געפונען א זיכערע באַזע. אין אייער געגנט זיינען פאָראַן צוויי אַזעלכע פּלעצער, וואָס קאָנען גענומען ווערן אין באַטראַכט אַלס אַן עווענטועלע באַזע: דער זומפּ־געביט פון פּאָיעני און די כמעט פּונקט אַזוי ניט־צוגענגלעכע געגנט פון די אינדזלען אויף דעם סערעט־טייך, לעבן דעם דאָרף ראָגאַטשעסטי."

ביים וואָרט ראָגאַטשעסטי האָט ביי פראַנץ צימערלע דורכגעבליצט א געדאַנק. די מעשה מיט די ראָגאַטשעסטער פּויערים איז אים איצט דער־שינען אין א גאַנץ אַנדער ליכט. ער האָט ניט געצווייפלט, אַז צווישן דער פּויערים־דעלעגאַציע און מאָראַרעסקו איז פאָראַן א צוזאַמענהאַנג. דער קאַמף צווישן מאָראַרעסקו און די ס.ס.־מענטשן, האָט ער געטראַכט, איז פאָרגעקומען אייערנעכטן. דאָס משכנות נעמען איז פאָרגעקומען אינדער־פרי, און נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל אויף די זשאַנדאַרן און דעם געריכט־באַאַמטן. היינט איז געקומען די פּויערים־דעלעגאַציע אין שטאָט. צוליב וואָס, אויב ניט צו שפּיאָנירן? דער צוזאַמענהאַנג האָט געשיינט אַזוי קלאָר, אַז קלאָרער האָט ניט געקאָנט זיין. ער האָט צוגעוואָרפן אַטאַ פאַן ראובניטצן א בליק — און די צוויי האָבן זיך פאַרשטאַנען. אויך אַטאַ פאַן ראובניטץ האָט געהאַט די זעלביקע מיינונג. אַנדערש אָבער האָט געטראַכט סטעפאַן צערטיאַן. ער האָט געקענט מאָראַרעסקון און געוואוסט, אַז דער דאָזיקער באַנדיט וועט קיינמאָל ניט טאָן עטוואָס צוזאַמען מיט די פּויערים. וואָס מאָראַרעסקו האָט געפּלאַנעוועט, וואָס עס האָט געשטעקט הינטער דער גאַנצער זאַך, איז אים ניט געווען קלאָר. סימיאָן איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט די רעטעניש. מיט א האַלבער שעה פריער האָט פּעטרושקאַ אים דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען, און ער האָט

נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו אינפאָרמירן צערטיאַנען.

פראַנץ צימערלע האָט דער ערשטער גענומען אַ וואָרט. ער האָט גע־טראַכט, אַז איצט קאָן ער אויסנוצן דעם קאָנפליקט מיט די פויערים אין ראַגאַטשעסטי, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי מורא געהאַט, צו זיין גונסטן.

— איך גלויב, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר דאַרפן אַלץ איינס שענקען אויפמערקזאַמקייט די דאָזיקע אינדזלען און דעם דאָרף ראָגאַ־טשעסטי. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דאָרט איז ניט אַלץ אין אָרדענונג. מיר האָבן געמאַכט אַ פּראָבע און דאָרט דורכגעפירט אַ געריכט־אורטייל, צו זען ווי די פויערים באַציען זיך צו אונדז און צו די באַאַמטע. און נעכטן איז פאָרגעקומען אַ פאַל פון אָפענעם ווידערשטאַנד. איך האָב געהאַלטן אין שרייבן אַ באַריכט וועגן דער געשעעניש און צו נעמען די נויטיקע מיטלען.

ער האָט דערביי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלע איינצלהייטן און אוועק־געשטעלט די זאַך אין אַזאַ ליכט, ווי ער וואָלט געהאַנדלט צוליב באַזונדערער וואַכזאַמקייט. אַטאַ פאָן ראַובניטץ האָט אים מיט בייפאַל צוגעשאָקלט. פראַנץ צימערלע האָט נאָך דערקלערט, אַז ער האָט געגעבן די פויערים דריי טעג צייט, ווייל ער האָט דעם לעצטן אַנטשיידענעם שריט ניט געוואָלט מאַכן אָן דער צושטימונג פון זיין שעף.

סימיאָנען איז פון איין זייט געפעלן, וואָס די אויפמערקזאַמקייט ווערט אָפּגעצויגן פון פאָיעני און ווערט געווענדט אויף די אינדזלען לעבן ראָגאַ־טשעסטי. ער האָט געוואוסט, אַז שוין יאָרן ווי אויף די אינדזלען באַהאַלטן זיך אויס אַלערליי באַנדיטן, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך פליכטלינגען פון די קרייזן פון דער „אייזערנער גוואַרדיע". ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז צום מערסטן וועלן ליידן די פויערים פון ראָגאַטשעסטי.

סטעפאַן צערטיאַן האָט זיך צוגעהערט און געשטוינט. ער האָט היינט געהאַט גערעדט מיט דער דעלעגאַציע. ער האָט זעלטן אַ טעות אין מענטשן. פון דעם, וואָס ער האָט געהערט פון די פויערים, איז ער געווען זיכער, אַז זיי האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דעם איבערפאַל אויף די זשאַנדאַרן, און אַז צווישן זיי און מאַראַרעסקון קאָן ניט זיין קיין שום צוזאַמענהאַנג. זאָל ער זאָגן אַ וואָרט לטובת די פויערים? ער איז געווען ניט אַנטשלאָסן, אָבער ער האָט ענדלעך פאָרט באַשלאָסן צו רעדן.

— די דאָזיקע פויערים זיינען היינט געווען ביי מיר. איך האָב דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן אין דעם איבערפאַל זיך ניט באַטייליקט. וואָס מען באַלעסטיקט די פויערים מיט אויפמאַנען שולדן גראָד איצט, שיינט מיר צו זיין ניט־צוועקמעסיק, נאָכדעם ווי מיר האָבן פון דער קאָמאַנדע אַ שטרענגע

פאַראָרדענונג אויסצומיידן אַלץ, וואָס קאָן שטערן דאָס אַראָפּנעמען פון די פעלדער.

פראַנץ צימערלע און אַטאַ פאַן ראובניטץ האָבן אים צוגעוואָרפן בליקן, פול מיט האַס, און פראַנץ צימערלע האָט באַמערקט:

— עס האָט געדאַרפט זיין אייער אויפגאַבע צו זיין מער און בעסער אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין ראַגאַטשעסטי. איר האָט אויך געדאַרפט שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו די איינוואוינער פון די אינדזלען, ניט נאָר אַלס הויפּט פון דער סיגוראַנצאַ, אָר אויך אַלס אונטערפּרעפעקט פון דער שטאָט. דעמאָלט וואָלט אפשר אונדז געווען פאַרשפּאָרט אַזעלכע זאַכן, ווי די, וואָס זיינען נעכטן פאָרגעקומען.

יאָהאַן מילער איז ניט געווען איינער פון די, וואָס מען קאָן גרינג אָפּנאַרן. ער האָט גלייך באַמערקט, אַז די מעשה וועגן די משכנות שטימט עפּעס ניט. אים איז ניט געווען געפעלן דאָס אַריינמישן זיך פון דעם אונטער־פּרעפעקט, פון דער אַנדער זייט אָבער, האָט ער אויך ניט געקאָנט אים געבן אומגערעכט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — ניט וועגן דעם, מיינע הערן, האַנדלט זיך איצט. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט, נאָר וועגן כאַפּן די שולדיקע און זיי מאַכן אומשעדלעך, איידער זיי קאָנען אָנטאָן אַנדערע שאָדנס. איך גלויב, אַז קודם כל איז איין זאַך פעסטגעשטעלט: אויף די אינדזלען לעבן ראַגאַטשעסטי געפינט זיך אַ נעסט פון שונא. ס׳איז וואַרשיינלעך, אַז מאַראַרעסקו האָט דאָרט זיין באַזע. מיר מוזן זיך באַראַטן, וועלכע קרעפטן זיינען נויטיק אים פון דאָרטן אַרויס־צוטרייבן. אַז די נעסט מוז אויסגערויכערט ווערן, דאָס איז אונדז אַלעמען קלאָר, און פונקט אַזוי איז קלאָר, אַז צווישן די איינוואוינער פון ראַגאַ־טשעסטי, דעם איבערפאַל אויף די זשאַנדאַרן, און מאַראַרעסקון קאָן זיין אַ צוזאַמענהאַנג. דאָס מוז מען גענוי אונטערזוכן. איך וועל אַליין אָנפירן מיט דער דאָזיקער אונטערזוכונג. וואָס איך דערוואַרט באַזונדערס פון אייך, הער הויפּטמאַן, איז אַ פּלאַן פון די צוגאַנגען צו די אינדזלען און אָנגאַבן וועגן דער שטאַרקייט פון דער באַנדיטן־גרופּע, וואָס האַלט זיך דאָרטן אויף.

:: :: ::

פּעטרושקאַן איז געלונגען אַרויסצוקומען אומבאַמערקט פון דעם זומפּ־געביט פון פּאָיעני און זיך דערשלאָגן צום לינקן ברעג פון סערעט־טייך, כמעט ביים סאַמע אַריינפאָר אין שטאָט. דאָס איז אים ניט אָנגעקומען גרינג. אין דער גאַנצער געגנט זיינען אַרומגעפאָרן די מאָטאָרציקליסטן פון דער ס.ס., זוכנדיק מאַראַרעסקון און זיין באַנדע. פּעטרושקאַן האָבן די פּאַרטיי־זאַנער געשיקט אינפאָרמירן סימיאָן שטראָובן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען מיט מאַראַרעסקון. די פירערשאַפט האָט איינגעזען, אַז דער פאַל

מיט מאַראַרעסקון וועט שטעלן אין באַוועגונג די גאַנצע געשטאַפּאָ. זיי האָבן אָנגענומען, אַז מאַראַרעסקו וועט דערקלערט ווערן אַלס שונא, און מען דאַרף זיך באַמיען אָפּצואָווענדן פון דעם זומפּ־געביט יעדע אויפמערקזאַמקייט, ווען מען וועט זיך אַרויסלאָזן זוכן דעם, וואָס לעבט שוין מער ניט. פּעטרושקאַ האָט דעריבער געדאַרפט איבערגעבן סימיאָנען אַלע איינצלהייטן, כּדי ער צוזאַמען מיט צערטיאַנען זאָלן מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער געשטאַפּאָ פון פּאָיעני.

דער טייך איז ניט געווען טיף און פּעטרושקאַ האָט זיך איבערגעלייגט, צי זאָל ער אַריבערבראָדזשען דעם טייך, אָדער נעמען דעם וועג, וואָס פירט צו דער בריק. די צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַוואַכט די בריק, קאָנען אים ליכט פאַרהאַלטן. טראַכטנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער באַמערקט, אַז פון דער שטאָט קומט אויף דער בריק פערד־און וואָגן און פון דער אַנדער זייט אַן אויטאָמאָביל, באַגלייט פון צוויי מאָטאָרציקליסטן. די פערד האָבן זיך דערשראָקן, זיך אַ ריס געטאָן רעכטס, באַרג־אַראָפּ, צום טייך. ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער קוטשער האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער די פערד. נאָך אַ מינוט און דער וואָגן וועט זיך איבערקערן. די מענטשן אויף דער גאַס האָבן אָפּגעווענדט די אויגן, ניט צו זען דעם אומגליק.

פּעטרושקאַ האָט ביי כאַצקל וואַגנער אין קוזניע זיך אויסגעלערנט אַרומצוגיין מיט פערד. ער האָט אָפט געזען ווי כאַצקל באַרואיקט די ווילדסטע פערד און שמידט זיי אַרויף פּאָדקאָוועס. ער איז אַריינגעלאָפן אין טייך, אים שנעל אַריבער, און אָנגעכאַפּט ביידע פערד ביים צוים. דער וואָגן איז געבליבן שטיין און דער גוט־באַזיצער פּאַן סאָוער האָט זיך אַרויסגעבויגן. ער און זיין גאַנצע פאַמיליע זיינען געזעסן אין דעם וואָגן. „בראַוואָ, יונגערמאַן”, האָט ער צוגעוואָרפן פּעטרושקאָן. ער איז געווען פאַרנומען מיט מינטערן זיין פרוי, וועלכע איז געוואָרן היסטעריש, ווי דאָס איז נאָך אַלץ געווען אין דער מאָדע ביי די פּראָווינציעלע דאַמען. נאָך דער דערפאַרונג אויף צימערלעס חתונה, האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט דאָס מאַכן בעסער — אומקערן זיך אין שטאָט און לאָזן די דאַמען איבערשלאָפן זייער היסטעריקע.

אינצווישן האָט פּעטרושקאַ, פייפנדיק, צוריקגעבראַכט די פערד אויף דער גאַס.

— יונגערמאַן, זעצט זיך אַוועק אין פאָרנט, — האָט פּאַן סאָוער אים איינגעלאַדן.

זיי זיינען אַוועקגעפאָרן צו דער ברויערייַ און צוגעפאָרן צו דער פּראַכטפולער געביידע, וואו די פאַמיליע בעיל האָט פריער געוואוינט, און וואָס האָט איצט געהערט צו אָטאָ פאָן ראובניטץ. ווען נאָר די פאָן סאָוערס זיינען געקומען אין שטאָט, זיינען זיי געווען די געסט פון אָטאָ פאָן ראובניטץ. סאָוער האָט אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט און ווי בראַוו פּעט־

רושקאַ האָט געהאַנדלט. אינצווישן איז אַריינגעקומען דער ברויערײַ־אַרבעטער מיכאַילאָ, פּעטרושקאַס פֿאָטער, און אַ נעם געטאָן זיין זון ביים אָרעם, וואָס האָט אויסגעדריקט ליבע, ווייל ער האָט זיך געזאָרגט וועגן זיין פֿאַרשוואונדענעם זון. סימיאָן איז אויך אַנטקעגנגעקומען, אויבנאויף אַלס אַ זייטיקער צושויער. פֿון אַ ווינקל פֿון זיין מויל איז אָבער געהאַנגען אַ שמייכל. ער איז געווען צופֿרידן. פּעטרושקאַ איז דער העלד פֿון טאָג

הער פֿאָן סאָוער האָט געפּרעגט ביים יונגנמאַן מיט די בלויע אויגן, אויב ער וויל קומען צו אים אַרבעטן. די דאַמען האָבן געהאַלטן אין שרייען: „אַך, הער פֿאָן ראַובניטץ! איך האָב זיך שוין געזען ליגן אין וואַסער, אין דעם דאַזיקער ענגער באַל־קלייד. איך וואָלט געווען פֿאַרלאָרן.“ זיי זיינען אַריין אין הויז, און ערשט איצט האָט פּעטרושקאַ געפֿונען אַ געלעגנהייט איבערצוגעבן סימיאָנען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מאַראַרעסקון.

— טעלעפֿאָן, — האָט עמעצער געזאָגט, — הער צימערלע וויל זאָפֿאָרט רעדן מיט דעם הער שטראַוב.

אָט אַזוי האָט זיך סימיאָן דערוואוסט וואָס עס איז געשען מיט מאַראַרעסקון און קיין צייט ניט געהאַט דאָס צו דערציילן צערטיאַנען.

נאָך דער זיצונג ביי פֿראַנץ צימערלע, האָבן אַלע איינגעלאַדענע, אחוץ דעם שעף און זיינע באַגלייטער, פֿאַרלאָזט דאָס הויז. זיי זיינען נעגאַנגען פֿאַרוויין מיט דער גאַס צום רינגפּלאַץ. אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ האָט זיך אונטער־געהאַלטן מיט האַנס קרולע. ביידן איז די מעשה מאַראַרעסקו זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען. אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ האָט מורא געהאַט, אַז דאָס מאָנען די הובות אין דער צייט פֿון דער אַרבעט ביים אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער, וועט אים אַזוי לייכט ניט אָפּגיין; האַנס קרולע האָט זיך געזאָרגט, אַז די מעשה מאַראַרעסקו וועט אים שטערן זיין רו. קיין זאַך וואָלט אים ניט געווען אַזוי אומאַנגענעם, ווי אַריבערגעפֿירט צו ווערן אויף אַן אַנדער פּלאַץ. די לעצטע צייט איז דאָ פֿאַר אים געווען אַן אידיליע. אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ האָט צו גוט געקענט האַנס קרולען, ניט צו וויסן וואָס עס באַאומרואיקט אים, און ווי לייענענדיק זיינע געדאַנקען, האָט ער געזאָגט:

— מיר מוזן עפּעס טאָן. מיר מוזן באַווייזן, אַז מיר זיינען דאָ באַ־זונדערס נוצלעך. מען זאָגט מיר, אַז די רוסן האָבן ביים צוריקציען זיך מיטגענומען אַלע יונגע פּרויען. אונדזער אַרמיי מוז פֿילן אַ שטאַרקן מאַנגל אין פֿרויען, סיי אויף די עטאַפּן, סיי אויפֿן פֿראָנט. ווען מיר זאָלן דאָ איינ־שטעלן אַ צושטעל פֿון פֿרויען צום פֿראָנט, קאָנען מיר ניט נאָר זיך מאַכן נוצלעך, נאָר אויך זיך שאַפֿן אַ נייעם קוואַל פֿון איינקונפֿט.

האַנס קרולע האָט אויפֿגענומען דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג מיט באַ־גייסטערונג.

און אין דער צייט, וואָס אָט די צוויי האָבן געמאַכט זייערע צוקונפֿט־

פּלענער, זיינען הינטער זיי געגאַנגען סימיאָן שטראַוב און סטעפאַן צערטיאַן. סימיאָן האָט דערציילט סטעפאַנען וואָס עס איז געשען מיט מאַראַרעסקון און זיי האָבן זיך בּאַראַטן וואָס זיי דאַרפן טאָן. עס איז פאַר זיי בּיידן געווען קלאָר, אַז הגם יאָהאַן מילער האָט ניט געקאָנט גוטהייסן אַטאַ פאַן ראַוב־ניטצס שטיקל אַרבּעט אין ראַגאַטשעסטי, קאָן ער אָבער אונטער קיין שום אומשטענדן זיך ניט צוריקציען. וואָרים צוריקרופן דעם אולטימאַטום צו די פּויערים פון ראַגאַטשעסטי וואָלט געמיינט אונטערגראָבן די אויטאָרי־טעט פון דער געשטאַפּאָ און פון די דייטשן בּכלל. אחוץ דעם וועט קיינער ניט גלויבּן די פּויערים, אַז זיי האָבן ניט קיין באַציאונגען מיט די איינ־וואוינער פון די אינדזלען. מען מוז ראַטעווען די פּויערים — דאָס איז געווען קלאָר. די פּויערים, אָבער ניט די איינוואוינער פון די אינדזלען, וועלכע זיינען געווען באַנדיטן און מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַר־דיע". אָבער ווי ראַטעוועט מען די פּויערים? סטעפאַן און סימיאָן קאָנען זיי ניט וואָרענען, ווייל די פּויערים וועלן זיי זיכער ניט טרויען און וועלן זיך ניט אַנטשליסן אויפצוגעבּן זייער אַרבּעט אויף די פעלדער, איבּערלאָזן זייער האָב־און־גוטס און אַנטלויפן. די פּויערים וועלן זיי מיט רעכט שטעלן די פראַגע: וואוהין אַנטלויפן? זיי קאָנען בּלויז געראַטעוועט ווערן פון די פּאַרטיזאַנער פון דעם זומפּ־געבּיט. אָבער דאָס איז ניט געווען אייִנפאַך. אויף אַלע וועגן און גאַסן האָט איצט געווימלט מיט ס.ס.־לייט, וואָס האָבן געזוכט מאַראַרעסקון. ס'איז אָבער צום גליק פאַרבּליבּן דריי טעג, ווייל מ'האָט געדאַרפט אָננעמען, אַז זיי וועלן גאַרנישט טאָן, איידער דער אולטי־מאַטום וועט זיך ענדיקן, און אחוץ דעם זיינען נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאַרבּאַרייטונגען פאַר אַ גרויסער שטראָף־עקספּעדיציע.

זיי האָבן בּיידע באַטראַכט אַלס אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס פּעטרושקאַ איז געוואָרן אַ ליבּלינג פון פאַן סאָוער, אַ דאַנק זיין איינהאַמעווען די צע־שראָקענע פערד. סימיאָן האָט באַשלאָסן צו שיקן פּעטרושקאַן מיט אַ שליחות צו די פּאַרטיזאַנער.

:: :: ::

באַרבּאַרעסקו האָט ניט פאַרלאָזט סערעט, כּדי צו פאַרשווינדן. ווען ער האָט זיך יענעם זומער־פאַרנאַכט דערוואוסט וועגן דעם פאַרלוסט פון זיין פראָפּיטאַבּעלן בּאַרדעל, האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן זיינע פאַר־בּינדונגען אין בּוקאַרעשט. אָבער שוין אין דעם ערשטן טאָג אין דער הויפּט־שטאָט האָט ער אויסגעפונען ווי גרינטלעך די צייטן האָבן זיך געבּיטן. אין דעם אינערן־מיניסטעריום און אין דער סיגוראַנצאַ האָט מען אים דווקא אויסגעהערט, נאָר דער ענטפער איז געווען: „ווען אַ דייטש האָט אַזוי געמאַכט, האָסטו געדאַרפט בּאַלד צושטימען. שטעלסטו זיך פאָר, אַז עמעצער איז היינט אין אַ לאַגע אויפצונעמען אַ קאַמף קעגן די דייטשן?"

באַרבאַרעסקו איז אָבער געווען באַקאַנט מיט דער געליבטער פון דעם סיגוראַנצאַ־שעף פון גאַנץ רומעניע. זי איז אַמאָל געווען יאָרנלאַנג זיין פריינדין. ער איז אַוועק צו איר. זי האָט די זאַך ניט געזען אין אַזאַ שוואַרצן ליכט און אים געגעבן האָפענונג: „עס וואָלט געווען דער סוף פון רומעניע, ווען איך זאָל דאָס ניט קאָנען דורכפירן. וואוהין וואָלט דאָס געפירט?"

אין האָפענונג און ספקות האָט באַרבאַרעסקו פאַרבראַכט פיר טעג אין בוקאַרעשט, ביז זיין אַמאָליקע פריינדין האָט אים איין נאַכט מודה געווען, אַז אויך זי קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן. ער האָט באַלד געוואָלט זיך אומקערן קיין סערעט, כדי איינצוהאַלטן לכל הפּחות די אונטערפּרעפעקטור, ווען מ'האָט אים געלאָזט וויסן אין אינערן־מיניסטעריום, אַז זיין פּלוצימדיקע פאַרשווינדונג האָט געגעבן אַן אויסרייד די דייטשן צו פאָדערן, אַז מ'זאָל אים פאַרביטן מיט עמעצן אַנדערש און דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן. מער פאַרצווייפלט ווי ווען ער איז געקומען, איז באַרבאַרעסקו אָפּגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ, דאָרטן אויסצופּרובירן זיין מזל. וואָכן האָט ער זיך דאָרט אַרומגעדרייט, געגאַנגען פון איין ביוראָ אין אַ צווייטער און קיינער האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען, ווייל מ'האָט געוואוסט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן ביי די דייטשן אין אומחסד.

באַרבאַרעסקו האָט געקענט מאַראַרעסקון פון דער צייט פון זיין אַמאָליקער טעטיקייט. אין זיין נויט, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט און געוואָלט אים אויסזוכן, כדי צו בעטן, אַז ער זאָל אים העלפן. ער האָט אָבער זיך דערוואוסט, אַז מאַראַרעסקו ווערט גע־זוכט פון דער געשטאַפּאָ און ווערט באַטראַכט אַלס הויפּט־שונא. אַ מורא איז אים באַפאַלן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מ'קאָן אים נאָך פאַרדעכטיקן אין דער מאַראַרעסקו־אַפערע; ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין סערעט און בעטן ביי פראַנץ צימערלע ער זאָל אים געבן אַרבעט. ווען אַלע, פון אינערן־מיניסטעריום ביז אַרונטער, אונטערוואַרפן זיך די דייטשן, פאַרוואָס זאָל ער זיין אַן אויסנאַם? ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַנדלט ניט אויסגערעכנט, און געוואָלט פאַרריכטן זיין פעלער. עס איז אים געלונגען צו קריגן פון דער סיגוראַנצאַ אַ רייזע־דערלויבעניש, אַזוי ווייט זיינען זיינע פאַרבינדונגען נאָך געגאַנגען. מיט דער הילף פון דער סיגוראַנצאַ איז אים אויך געלונגען צו קריגן אַ פּלאַץ אין אַן אייזנבאַן־צוג, און עס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז ער איז אָנגעקומען אין סערעט צוויי שעה נאָך דעם אָנקומען פון יאָהאַן מילער און זיינע באַגלייטער.

פון אַ דינער אין דער אונטערפּרעפעקטור האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין סילוויאַ האָט באַלד נאָך זיין אָפּפאָרן זיך פאַרשטענדיקט מיט אַלטהאָפן, געוואָרן זיין געליבטע, און איז די מומע פון באָרדעל. דאָס איז פאַר אים ניט געווען קיין איבעררעשונג. ער האָט צו גוט געקענט סילוויאַן ניט צו

וויסן, אז זי וועט זיך אריינוואַרפן אין די אָרעמס פון יעדן, וואָס האָט מאַכט, און דערצו נאָך אַ קוואַל פון איינקונפט, ווי דער באָרדעל. נאָך דער דער־פאַרונג פון דער לעצטער צייט, האָט ער אפילו ניט געטראַכט וועגן קעמפן פאַר סילוויאַן. זיין איינציקער גדאַנק איז געווען זיך צו שאַפן אַ קוואַל פון איינקונפט. ער האָט זיך לאַנג איבערגעלייגט און געקומען צום שלוס, אַז קודם כל מוז ער אויפזוכן אָטאָ פאָן ראַובניטץ, וועלכער איז דער טיכטיקסטער געשעפטסמאַן.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אים אויפגענומען פריינטלעך, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אים. ראַובניטץ האָט געהאַט אַן אומצוטרוי צו דעם נייעם אונטערפּרעפעקט. דער אופן ווי סטעפאַן צערטיאַן האָט זיך געהאַלטן, ווען ער האָט אים איבערגעגעבן דעם פאַל מיט די פויערים, האָט ביי אים דער־וועקט אַ האַס צום נייעם אונטערפּרעפעקט. ער האָט קודם כל געזען אין סטעפאַן צערטיאַן אַ ניט־קאָרופּטירטן מענטשן, און אַזעלכע האָט ער גע־האַסט. ער האָט אָבער ניט געהאַט די מאַכט אים אַראָפּצוזעצן, כל זמן ער האָט ניט געהאַט עטוואָס קאָנקרעטס קעגן אים. ער האָט געטראַכט וועגן אויסנוצן סימיאָנען פאַר מאַכן אַ סוף צו סטעפאַן צערטיאַן. ווען אָבער באַרבאַרעסקו איז איצט צו אים געקומען, איז אים געקומען אַ נייער גדאַנק: דאָס איז דער ריכטיקער מאַן פאַר דעם. אַ דערפאַרענער כאַבאַרניק, וועט ער בלי ספק קאָנען די גאַנצע זאַך אָרגאַניזירן. אחוץ דעם, וועט ער אפשר פון אים אויסגעפינען עפּעס וועגן צערטיאַנס פאַרגאַנגענהייט.

ביי קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט אין די לעצטע וואָכן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך פאַרביטערונג און האַס קעגן די דייטשן. די דאָזיקע געפילן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, ווען אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט אומדערוואַרט אים אַזוי וואַרעם באַגריסט. זיי האָבן נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט מיט די געוויינלעכע העפלעכקייטן, ווען אין טיר האָט זיך באַוויזן האַנס קרולע. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק, ווי אַ מילב. ער האָט געהאַט אַ זשעסט, ווי ער וואָלט מיט ביידע הענט געוואָלט אונטערהאַלטן דעם בויך. עס האָט געשיינט, ווי ער וואָלט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט געבאַוועט זיין בויך. קאַראָל באַרבאַרעסקוס איינדרוק איז געווען: דער דאָזיקער מענטש וויל ניט קיין קאַמף. ער וויל רו און אַ גוט לעבן, פּונקט ווי איך. מיט אים קאָן מען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג.

באַלד זיינען זיי געווען פאַרוויקלט אין אַן אומגעצוואונגענעם געשפּרעך. עס האָט אויסגעזען ווי דריי פריינט וואָלטן זיך באַגעגנט נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג. קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט דערציילט וועגן בוקאַרעשט און אַליין איצט געגלויבט, וואָס ער האָט דערציילט. אַ נייַ לעבן איז געקומען אין שטאָט. דייטשישע און רומענישע אוניפאָרמען האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער שטאָט און געשאַפן אַ געפיל פון זיכערקייט. עס שיינט,

ווי אַלץ וואָלט ייִנגער געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט. רומעניער לערנען דייטש און דייטשישע אָפיצערן לערנען רומעניש.

אָטאָ פאָן ראובניטץ האָט מכבד געווען מיט קאָניאַק און זיי האָבן געטרונקען פאַרן בונד און דער פריינטשאַפט צווישן רומעניער און דייטשן. „אין דער דאָזיקער מלחמה", האָט אָטאָ פאָן ראובניטץ געזאָגט, „שפּילט די פרוי אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע. די אָפיצערן און סאָלדאַטן ווערן געשטעלט פאַרערונגען, ווי אין קיין שום פריערדיקער מלחמה. אונדזערע טרופּן, וואָס דעראָבערן די וועלט אין גייסט פון דעם פירער, מוזן זיין באַפרייט פון יעדער זאַך, וואָס קאָן זיי שטערן. צו שטילן זייער ליבעס־דורשט איז פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי צו באַזאָרגן זיי מיט שפּייז און אַמוניציע."

באַרבאַרעסקוס אויגן האָבן אויפגעלויכטן ביי די דאָזיקע ווערטער. „פאַר דער דאָזיקער אידייע, חשובער הער פאָן ראובניטץ, האָב איך שטענדיק געקעמפט. שוין יאָרנלאַנג, אַז איך האָב אָנערקענט, אַז אַ באָרדעל אין דער איצטיקער צייט איז ניט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג, נאָר אַ לעבנס־וויכטיקע אינסטיטוציע פון ערשטן ראַנג. איך . . ." קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט זיך אַליין אונטערבראָכן. אפשר, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, בין איך געגאַנגען צו ווייט? צו וואָס אָפּפרישן אַלטע וואונדן אין אַ מאָמענט, ווען איך בין אַנגעוויזן אויף די דאָזיקע מענטשן, ווען פרידן און פאַרשטענדיקונג זיינען קיינמאָל ניט געווען מער נויטיק, ווי איצט.

אָטאָ פאָן ראובניטץ האָט פאַרשטאַנען זיין געדאַנקען־גאַנג און געזאָגט: „מיר האָבן די לעצטע צייט אָפט געטראַכט וועגן די פאַרדינסטן, וואָס איר האָט געהאַט אין פאַרבינדונג מיט דעם באָרדעל. אויך מיר — פאַרוואָס דאָס ניט זאָגן אָפן — זיינען באַגאַנגען טעותן. אָבער קיין זאַך איז ניט אַזוי שלעכט, אַז מען זאָל עס ניט קאָנען פאַרריכטן, ווען ס'איז פאַראַן פאַר דעם דער גוטער ווילן."

ביי באַרבאַרעסקון האָבן אויפגעוואַכט גרויסע האָפענונגען; האָפענונגען, וואָס ער האָט מער אפילו ניט געוואַגט צו גלויבן. ווילן זיי אים צוריקגעבן דעם באָרדעל און דערמיט אויך זיין סילוויאַן? איידער ער האָט נאָך געעפנט דאָס מויל צו פרעגן, האָט דער שוויגער האַנס קרולע אָנגעהויבן רעדן. ער האָט גערעדט ווי שטענדיק, ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן עפענען דאָס מויל, באַזאַכט און אויטאָריטאַטיוו, ווי זיין יעדעס וואָרט וואָלט געווען אַ פּערל.

— לאָמיר פאַרגעסן, וואָס עס איז געווען. פאַר אונדז שטייען אויפגאַבן פון פיל גרעסערער באַדייטונג. דער באָרדעל וועמעס אויפשוואונג און אויפבלי מיר האָבן פריער פון אַלץ צו פאַרדאַנקען אייער טעטיקייט, מיין ליבער באַראַרעסקו, האָט געדינט אַן עטאַפּ און דערפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע. אָבער מיר מוזן דענקען וועגן פראָנט, וועגן די, וואָס פאַרגיסן זייער

בלוט פאַרן פירער און פאַר דער נייער אייראָפּע. באַפרידיקן זייערע באַ־דערפעניש — דאָס איז דער העכסטער און דערהאַבנסטער צוועק. די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן מיר איבערגעלאָזט פאַר אייך, נאַטירלעך, אין ענגסטער מיטאַרבעטערשאַפט מיט אונדז.

באַרבאַרעסקו האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זינען פון די דאָזיקע ווערטער. ער האָט געגלויבט, אַז זיי ווילן אים ווידער אַוועקשיקן פון שטאָט און אים געבן די עובדה פון אָרגאַניזירן אַ באָרדעל אויפן פראָנט. ער האָט געהאַסט דעם פראָנט. ער האָט געוואָלט האָבן רו, ניט דעם דונער פון קאַנאָנען און די געפאַר פון באָמבאַרדירונגען. „אייער צוטרוי, מיינע הערן", האָט ער געזאָגט, „איז פאַר מיר אַ כבוד. אָבער איך פיל זיך צו אַלט און שוואַך צו קאָנען דורכפירן אַזעלכע אויפגאַבן."

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט פאַרשטאַנען די מיספאַרשטייעניש.

— זייט ניט אַזוי באַשיידן, הער באַרבאַרעסקו. פאַר אַ מאַן פון אייערע פעיאיקייטן פאַסט ניט צו זיין אַן עניו. וואָס מיר דענקען, איז צו אָרגאַני־זירן דאָ אַ צושטעל פאַרן פראָנט. מיר האָבן אין שטאָט פּלאַץ פאַר אַ צוויייטן באָרדעל. די פאָדערונג איז פאַראַן, וועגן דעם קאָן ניט זיין קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. אָבער דער ניי־איינגעאָרדנטער באָרדעל דאַרף זיך אונטערשיידן פון דעם איצטיקן מיט דעם, וואָס ער וועט טראָגן אַזוי־צו־זאָגן דעם כאַראַקטער פון אַ דורכגאַנג־סטאַנציע, אָדער מיליטעריש גערעדט, אַ זאַמלונג־פּלאַץ פאַר קאַדרען פאַר דער ווייטערדיקער פאַרטיילונג אויפן פראָנט.

באַרבאַרעסקו האָט פאַרשטאַנען. די גרויס פון דעם פּראָיעקט און די מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געעפנט, האָבן אים אימפּאָנירט.

— איך האָב שטענדיק באַטאָנט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אין דינסט פאַרן פירער טאָר קיין אַרבעט אונדז ניט פאַלן שווער, אויב אַפילו איך וואָלט אין מיין עלטער געוואָלט האָבן אַ מער־באַשיידענע אויפגאַבע.

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף צערטיאַנען.

— איך קען ניט צערטיאַנען נאָענט. אין משך פון יאָרן פלעג איך אים באַגעגענען אין טשערנאָוויץ וועגן אַמטלעכע ענינים. ער איז דער טיפּ פון אַ באַאַמטן, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין אונדזער היינטיקער צייט, וואָס איז אַזוי פול מיט צוקונפט־אידעאַלן. דער שטורעם־און־דראַנג פּעריאָד און דער האָס קעגן יידן האָבן ביי צערטיאַנען לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ער חלומט וועגן פאַרהעלטעניש, וואָס עקזיסטירן אפשר אויף דער לבנה, אָבער ניט אין דער ווירקלעכקייט. איך, יעדנפאַלס, האָב ניט ליב אַזעלכע טיפּן. און איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, ווייל סטעפאַן צערטיאַן האָט פאַרנומען מיין שטעלע, נאָר ווייל אַנדערש ווי זאָגן דעם אמת קאָן איך ניט.

ווען קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט פאַרלאָזט די וואוינונג פון אָטאָ פאָן ראַובניטץ, האָט די וועלט אים געשיינט אין די זעלביקע ראָזעווע פאַרבן,

ווי מיט צען יאָר צוריק. ער האָט זיך געפֿילט יינגער און אונטערנעמונגס־פֿייאיק.

האַנס קרולע האָט אים געגעבן פֿאַרן אַרויסגיין אַן אָנווייזונג אויף אַ שיינעם צימער אין דעם האָטעל „האַמערהאָף". דורכן דינער פֿון דער אונטערפּרעפֿעקטור האָט ער באַשטעלט, אַז מ'זאָל אים אַהין צושיקן זיינע זאַכן, און ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט.

אים איז געווען קלאָר, אַז פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון אַזאַ גרויסער אויפֿגאַבע נויטיקט ער זיך קודם כּל אין אַ פֿרוי, וואָס זאָל אים שטיין ביי דער זייט אַלס גוטער מלאך און אַרויסהעלפֿערין. פֿאַר אַ מאָמענט האָט ער געטראַכט וועגן צוגיין אין באָרדעל און זיך דורכרעדן וועגן דעם פּראָיעקט מיט סילוויאַן. ער האָט אָבער צו גוט געקענט זיין סילוויאַן. זי וועט בלויז דאַן מיטאַרבעטן, ווען עס וועט זיין עפּעס, וואָס מ'קאָן אָנטאַפּן. און אַחוץ דעם, פֿאַרוואָס ניט אָפּרעכענען זיך מיט איר? אַ קאַראַל באַרבאַרעסקו באַליידיקט מען ניט אומבאַשטראָפֿט. „ווען מיין גרויסער פּלאַן וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט, וועט זי ליגן אויף די קני און בעטן איך זאָל איר מוחל זיין."

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט ער געשריבן אַ בריוו זיין אַמאָליקער פֿריינדין און איצטיקער געליבטער פֿון דעם צוקאַרעשטער סיגוראַנצאַ־שעף, בעטנדיק איר אים צו רעקאָמענדירן אַ פֿריינדין. מיט צוויי טעג שפּעטער, האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זי האָט באַשלאָסן אַליין צו קומען צו אים און צוזאַמען מיט אים דורכפֿירן די אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

18.

די שוואַר־צוגענגלעכע אינדזלען אויף דעם סערעט־טייך האָבן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך געפֿונען צווישן צוויי מלוכות — צווישן דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און דעם קעניגרייך פֿון רומעניע. די דאָזיקע אינדזלען זיינען געווען אַ „קיינעמס לאַנד". דער טייך האָט דאַן געבילדעט די גרענעץ צווישן רומעניע און עסטרייך ביי די דאָזיקע אינדזלען און אַ קילאָמעטער וויטער איז דער סערעט שוין געווען אַ רומענישער טייך.

די איינוואוינער פֿון די אינדזלען, ווי געזאָגט, זיינען געווען רויבער. שול־יינגלעך פֿון סערעט פֿלעגן פֿאַרפֿאָרן אויף שיפֿלעך ביז די אינדזלען און פֿון צייט צו צייט זיך אונטערהאַלטן מיט די רויבער, וועלכע פֿלעגן קומען מיט זיי פֿאַרברענגען. זיי זיינען געווען אַ קעגנשטאַנד פֿון באַוואונדערונג פֿאַר דער גאַנצער יוגנט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט איינער אָדער אַ צווייטער פֿון זיי זיך באַווייזן אין סערעט, איינצוקויפֿן זאַכן. זיי האָבן געצאָלט מיט גוטן געלט, געגעבן גאָלדענע מטבעות אין דער באַנק, און די קרעמער האָבן

זיי באַגעגנט זייער פריינטלעך, ווייל זיי האָבן געצאָלט יעדן פּרייז, ניט דינגענ־דיק זיך. די עסטרייכישע באַאַמטע האָבן זיך זייער ווייניק געקימערט וועגן זיי, ווייל זיי האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין איבערפאַלן אויף עסטרייכישע איינוואוינער, אָדער דורכגעפירט גניבות אויף עסטרייכישער טעריטאָריע.

די עסטרייכישע באַאַמטע פלעגן אָפט קריגן אויסליפערונג־ביטעס פאַר פערזאָנען, וואָס האָבן זיך געדאַרפט געפינען אויף די דאָזיקע אינדזלען; מען פלעגט אפילו אָנגעבן זייערע נעמען. עסטרייכישע זשאַנדאַרן פלעגן אויף דעם באַפעל פון געריכט אַוועקגיין אַהין, פלעגן פאַרהאַנדלען מיט איינעם אָדער אַ צווייטן פון די איינוואוינער אויסערהאַלב דעם שווער־צוגענגלעכן געביט, און זיך אומקערן מיט אַ באַריכט, אַז אַזאַ פּערזאָן גע־פינט זיך ניט אויף די אינדזלען. עס איז געווען קלאָר, אַז די עסטרייכישע זשאַנדאַרן האָבן ניט קיין חשק איינצושטעלן זייערע לעבנס פאַר פרעמדע רעגירונגען. פאַר די סערעטער שילער פלעגן די איינוואוינער פון די אינדזלען באַצייכענען זייער מלוכה אַלס ליבערטאַטיאַ, וואָס האָט באַדייט דאָס לאַנד פון פרייהייט. זיי פלעגן זאָגן, אַז אין זייער געזעלשאַפט ווערן בלויז אויפ־גענומען מענטשן, וואָס געפינען זיך אין קריג מיט איינער אָדער אַ צווייטער פון די באַלקאַנישע רעגירונגען.

די עסטרייך־אונגאַרישע מאָנאַרכיע איז פאַרשוואונדן. די גאַנצע געגנט איז געוואָרן רומעניש, אָבער ליבערטאַטיאַ איז געבליבן אומבאַרירט. פון דאָרט האָבן די איינוואוינער אָרגאַניזירט איבערפאַלן אויף רייזנדע סוחרים. זיי פלעגן דערלאַנגען אַזוי ווייט ווי דער שוואַרצער ים. אין דעם בוקאַרעשטער פּאַרלאַמענט פלעגן געמאַכט ווערן אָפטע אינטערפּעלאַציעס וועגן דעם ענין. די רעגירונג פלעגט פאַרשפּרעכן עפּעס צו טאָן וועגן דער זאַך, אָבער האָט קיינמאָל ניט אונטערנומען עפּעס ערנסטעס. צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ליבערטאַטיאַ האָט געצאָלט כאַבאַר די זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנטן און אונטערפּרעפעקטן, אָדער ווייל די זשאַנדאַרן האָבן פאַר זיי מורא געהאַט, האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן.

ווען די רוסן האָבן אין 1940 פאַרנומען די געגנט ביז דעם סערעט־טייך, איז ליבערטאַטיאַ ווידעראַמאָל געבליבן אומבאַרירט, ווייל די אינדזלען האָבן זיך פון דאָס ניי געפונען צווישן צוויי מלוכות און זיינען געווען „קיינעמס לאַנד". צווישן די איינוואוינער פון די אינדזלען און די אַרומיקע פּויערים האָט אַלעמאָל געהערשט שלום. פון דעם מאָמענט וואָס די דייטשן זיינען אָנגעקומען, האָבן די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ זיי באַטראַכט אַלס קאָנקורענטן און שונאים. אין פאַרלויף פון די לעצטע חדשים, האָבן ס.ס.־לייט געכאַפּט אַ צאָל פון זיי און זיי תיכף הינגעריכטעט. מ'האָט דאָרט גערעדט וועגן אַ נייעם רויבער־אַטאַמאַן, מיטן נאָמען אַדאָלף היטלער, וועל־כער מאַכט אוממעגלעך פאַר יעדן ערלעכן רויבער אין אייראָפּע זיך צו באַ־

שעפּטיקן מיט זיין פּראָפעסיע, ווייל ער איבערטרעפט אַלעמען אין רויב; און מאָרדן.

ווען די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ האָבן זיך דערוואוסט וועגן די משכנות, וואָס די זשאַנדאַרן און דער געריכט־באַאַמטער האָבן אוועקגעפירט פון דעם שכנישן דאָרף ראַגאַטשעסטי, האָבן זיי געמאַכט אויף זיי אַן איבער־פאַל און אוועקגעפירט דאָס פי אויף זייערע אינדזלען, וואו זיי האָבן עס תיכף געקוילעט און דאָס פלייש פאַרזאַלצן.

אומקערנדיק זיך פאַרצווייפלט נאָך דעם געשפּרעך מיט דעם דייטש, וועלכער האָט זיי געגעבן אַ דריי־טאָגיקן אולטימאַטום צוצושטעלן דאָס פי, האָט די דעלעגאַציע פון די ראַגאַטשעסטער פּויערים באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ. זיי האָבן געוואוסט, אַז קיינער אחוץ זיי האָט ניט געמאַכט דעם איבערפאַל. דאָרטן האָט מען זיי אויפגענומען פריינטלעך און זיי געוויזן די פעל פון די געזוכטע בהמות. זיי האָבן זיך דערקלערט גרייט צו באַצאָלן פאַר די בהמות. און זיי האָבן אפילו באַצאָלט צוויי מאָל דעם מאַרק־פּרייז. די פּויערים זיינען געווען צופרידן און האָבן געהאָפט, אַז ווען דער דייטש וועט קומען, וועלן זיי אים באַצאָלן די חובות אין מזומן געלט, ווייל מער ווי געלט האָט ער דאָך פון זיי ניט געקאָנט פאָדערן.

:: :: ::

אין דעם זומפּ־געביט פון פּאָיעני איז מען געווען צופרידן, וואָס פּעט־רושקאָ איז געוואָרן אַ בן־בית ביים גוט־באַזיצער. זיי האָבן געהאָפט, אַז דאָס וועט העלפן אָפּווענדן פון זיי די שפּורן. דער גורל פון די פּויערים פון ראַגאַטשעסטי האָט די פּאַרטיזאַנער שטאַרק באַאומרואיקט; זיי האָבן זיך מיישב געווען וואָס צו טאָן און זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז מ׳קאָן דערליידיקן דעם ענין מיט געלט, ווייל עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן אַ ציווילן געריכט־אורטייל; נאָך אַלעמען, האָט אָטאָ פון ראַובניטץ ניט געקאָנט פאָדערן מער, ווי קריגן באַצאָלט מיט געלט פאַר די וועקסלען. די פּאַרטי־זאַנער האָבן דעריבער באַשלאָסן איבערצושיקן קיין ראַגאַטשעסטי אַ גרויסע סומע געלט. דאָס געלט האָט מען אָנפאַרטרויט צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען אין אָוונט אוועק קיין ראַגאַטשעסטי. זיי איז געלונגען זיך דערשלאָגן צום דאָרף, הגם אין דער גאַנצער געגנט האָט געווימלט מיט ס.ס.־לייט.

די פּאַרטיזאַנער האָבן געקענט דעם בירגערמייסטער פון דאָרף, און שפּעט ביינאַכט האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זיין וואוינונג. ווען זיי האָבן אים פאַרגעלייגט דאָס געלט, האָט ער זיי אָנגעקוקט שטום, ניט קאָנענדיק אויסרעדן אַ וואָרט, אַזוי געריִרט איז ער געווען. דער בירגער־מייסטער פון ראַגאַטשעסטי האָט פריער געהערט צום דאָרף־סאָוועט; ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ סאָוועטישן בירגער און האָט זיך נאָכגעפרעגט,

צי די סאָוועטן וועלן זיך ניט אומקערן אינגיכן און באפרייען די איינ־וואוינער פון דעם דייטשישן און רומענישן יאָך. עס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, וואָס מ'האָט זיך דערוואוסט פון זייער נויט, און הגם דאָס לאַנד איז אָקופּירט פון דייטשן און רומעניער, האָט מען גע־טראַכט וועגן זיי און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געוואָלט העלפן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דאָס געלט, ווייל די נויטיקע סומע האָבן זיי שוין באַקומען פון ליבערטאַטיאַ. די פּאַרטיזאַנער זיינען פּאַרבליבן אין דאָרף אויסצוגעפינען מער איינצלהייטן וועגן ליבערטאַטיאַ. זיי האָבן זיך געוואָלט דערוויסן, אויב אונטער געוויסע אומשטענדן וואָלט ניט מעגלעך געווען צו באַנוצן די געגנט אין אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די דייטשן און רומעניער.

גאַנץ אינדערפרי, איז אין דאָרף דערשינען דער אונטערפּרעפעקט צערטיאַן. ער איז געקומען צום בירגערמייסטער, וועלכער האָט אים בא־טראַכט אַלס אַ פאַרטרעטער פון דעם שונא, וואָס האָט אָקופּירט דאָס לאַנד. אָבער צערטיאַן האָט אָנשטענדיק באַהאַנדלט די פויערים־דעלעגאַציע און דער בירגערמייסטער האָט דעריבער געוואָלט אָפּוואַרטן און הערן וואָס דער גאַסט וויל פון אים. ער האָט אים געבעטן זיצן.

צערטיאַן האָט זיך אוועקגעזעצט.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס איר האָט געטאָן, איך מיין וועגן צוריקגעבן דאָס פי. איר מוזט פאַרשטיין, אַז ווען איר וועט ניט דערפילן זייער פאָדערונג, קאָנען די דייטשן טאָן זאַכן, וואָס וועלן זיין זייער שלעכט פאַרן דאָרף. איך גלויב, אַז איר פאַרשטייט מיך.

— מיר קאָנען דאָס פי ניט צוריקגעבן, ווייל מיר האָבן עס ניט גענומען. מיר ווילן אָבער באַצאָלן פאַר דעם שאָדן.

— באַצאָלן? — צערטיאַן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — איך האָב מורא, אַז מיט געלט וועט מען דעם ענין ניט קאָנען דערליידיקן. — ער האָט זיך צוגעבויגן און געזאָגט אין דער שטיל: — איר האָט דאָך אַליין געזען וויפיל ס.ס.־לייט עס דרייען זיך דאָ אַרום אויף די גאַסן. מיט אייך האָט דאָס אייגנטלעך ניט צו טאָן, נאָר מיט די מענטשן פון ליבערטאַטיאַ—און מיט דעם הויפּטמאַן מאַראַרעסקו, וועלכער האָט אומגעבראַכט פערצן ס.ס.־מענטשן.

— איך שווער אייך, הער אונטערפּרעפעקט, מיר האָבן דערמיט גאָר־נישט געהאַט וואָס צו טאָן. מיר האָבן ניט קיין באַציאונגען מיט די רויבער. און מאַראַרעסקו? דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

— גוט, איך גלויב אייך. איך האָב אָבער מורא, אַז אַנדערע וועלן אייך ניט גלויבן. איך וועל שפּעטער ווידער קומען.

ער איז אוועק אין דער ריכטונג פון די אינדזלען. ער האָט זיך אַ ווײלע

אָפּגעשטעלט, פאַרצייכנט עפּעס אין זיין נאָטיץ־ביכל, און ווי איבערצייגנדיק זיך, איז ער אוועק ווייטער.

שפּעט נאָכמיטאָג, איז ער צוריקגעקומען און גענומען דעם בירגער־מייסטער אויף א פאַרהער. פּלוצלונג האָט ער אונטערבראָכן דעם פאַרהער און געזאָגט דעם קאָנצעלאַריע־שרייבער: „פון אַרומלויפן בין איך געוואָרן זייער דורשטיק. ברענגט מיר עטוואָס פון שענק. איר ווייסט דאָך, ביר, אויב עס איז פאַראַן." דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום בירגערמייסטער:

— איך האָב צוטרוי צו אייך און וויל רעדן מיט אייך אָפן, ווייל אייער גורל גייט מיר שטאַרק אָן. עס האַנדלט זיך ניט וועגן אייך אַליין, נאָר וועגן דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ראָגאַטשעסטי. מען ווייס, אַז איר זייט געווען א מיטגליד פון דעם דאָרף־סאָוועט. זיי וועלן וויסן, וואו איר האָט גענומען דאָס געלט, מיט וועלכן איר ווילט באַצאָלן. קיינער וועט ניט גלייבן, אַז איר האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די איינוואוינער פון ליבערטאַטיא. ווען איר וועט זיך ניט ראַטעווען, זייט איר פאַרלאָרן. איך קאָן אייך מער גאָר־נישט זאָגן און איר פאַרשטייט, אַז ווען מ'זאָל זיך דערוויסן א וואָרט פון אונדזער געשפּרעך, האָב איך מיין קאָפּ פאַרלאָרן.

— וואָס זאָלן מיר טאָן?

— דאָס, צום באַדויערן, ווייס איך אַליין ניט. איך בין פּונקט אַזוי מאַכטלאָז, ווי איר. ווען עס זאָל אייך מיט די פּויערים, וואָס זיינען געווען אין דער דעלעגאַציע, אין סערעט, געלינגען זיך צו דערשלאָגן צו די איינ־וואוינער פון די פּאַיעני־זומפּן, וואָלט געווען גוט. די דעלעגאַציע און איר גילט ביי די דייטשן אַלס די פּאַראַנטוואָרטלעכע. ווען איר וועט דאָ אָבער מער ניט זיין, וועלן די דייטשן — אַזוי האָף איך — זיין שטיל פאַר א שטיקל צייט, לכל הפּחות ביז מ'וועט אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון די פעלדער. און אינצווישן וועט מען דאַרפן זען וואָס ווייטער צו טאָן.

ס'איז געווען לייכט געזאָגט זיך צו ראַטעווען. די פּויערים אָבער האָבן געלעבט אויף אָט דעם באָדן אין משך פון צענדליקער דורות. מיט א צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָבן די פּויערים פון ראָגאַטשעסטי פאַרטריבן די גרויסע גוט־באַזיצער און זיך דערוואָרבן דאָס אַלטע רעכט אויף וואַלד און פּאַשע. דאָס איז געשען אין דער צייט, ווען טערקיי האָט געמוזט אָפּטרעטן די דאָזיקע געגנט צו עסטרייך. פיל ראָגאַטשעסטער פּויערים האָבן אין פאַרלויף פון דעם לעצטן יאָרהונדערט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און קאַנאַדע. אָבער נאָך א יאָר־צוויי האָט זיי ווידער געצויגן אהיים.

מיט שווערע הערצער האָבן א סך פון זיי דערלויבט זייערע יונגע קינדער זיך צוריקציען מיט דער רויטער אַרמיי, און דאָס בלויז מיט דער האָפענונג, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי צוריקקומען. ווען מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער פי, האָבן זיי ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי וועלן באַווייזן

צו שאַפן דאָס קאַרגע קוקורוזע־ברויט פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס. און פונדעסטוועגן האָבן זיי ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייער היים. אָבער ווי צערטיאַן האָט זיי געזאָגט, האָט זיי איצט געדראָעט דאָס ערגסטע, אויב זיי וועלן ניט אַנטלויפן. מעגלעך, אַז פריער וואָלטן זיי דאָס געהאַלטן אַלס איבערטריבן, אָבער זיי האָבן געזען דעם דײַטש מיט זייערע אייגענע אויגן. ער איז אויף אַלץ פֿיאַיק. ער וועט זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן.

אַלע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע האָבן פאַרשפּראָכן דעם בירגערמייסטער ניט צו רעדן וועגן דעם ענין. זיי זיינען אויך געווען מיט דער מיינונג, אַז די געפאַר דראָעט זיי און בלויז זיי. ס׳איז דעריבער ניט נויטיק שאַפן אַ פאַניק צווישן די דאָרפסלייט. נאָך פיל באַראַטונגען, ניט זעענדיק קיין אויסוועג, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָן עצה צו האַלטן מיט די צוויי פּאַרטיזאַנער פון פּאַיעני, וואָס האָבן זיי אָנגעבאָטן הילף. ווען די לעצטע האָבן אויסגעהערט וואָס צערטיאַן האָט געראַטן, האָט איינער פון זיי געזאָגט: „מ׳דאַרף אים פאָלגן. ער איז אַ שונא פון די דייטשן און שוין דורך דעם אַליין אַ פריינט פון פאָלק. אַז איר זאָלט קומען צו אונדז, איז ריכטיק. אָבער ווען קיינער זאָל דאָ ניט וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, קאָן געשען דער טייוול וויים וואָס. איר מוזט זיך אויף עמעצן פאַרטרויען און אים איבערגעבן וואָס איר פאַרמאָגט. ער וועט דאָרטן דאַרפן מעלדן, אין פאַל אייערע פאַמיליעס זיינען אין אַ נויט. אויסער אים אָבער טאָר קיינער גאָרנישט ווייסן. די פאָליציי קומט אין דאָרף און פרעגט אַזוי אויס, אַז די פנימער ווערן רויט. ווען קיינער וויים גאָרנישט, קאָן דאָן קיינער גאָרנישט זאָגן. ביי אונדז אין די זומפן איז, נאַטירלעך, ניט לייכט — שטענדיק לעבן אין נעץ און נעפל. אָבער ביי אונדז איז מען פריי און מיר וויסן פאַרוואָס מיר געפינען זיך דאָרטן.” ער האָט אַ שמייכל געטאָן און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט דעם קאַמף און גלויבט אין דעם ענדגילטיקן זיג פון די פויערים.

דער בירגערמייסטער און איינער פון די פויערים זיינען אַוועק צום גלח פון דאָרף. זיי האָבן אים דערציילט אַלץ אויספירלעך, פאַרשווייגנדיק בלויז צערטיאַנס נאָמען. דער גלח איז ניט געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט זיי. ער האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיי צוצורעדן צו פאַרבלייבן אין דאָרף. ער האָט זיך דערקלערט גרייט איבערצונעמען דאָס געלט און צו פאַרהאַנדלען מיט די באַאַמטע. ער האָט בלויז געוואָלט ווייסן ווי צו שטעלן זיך מיט זיי אין פאַרבינדונג, ווען אַלץ וועט, ווי ער האָט געגלויבט, זיך ענדיקן גוט. די פויערים האָבן אים פאַרשפּראָכן אין פאַרלויף פון די נעקסטע טעג צוצושיקן עמעצן צו אים, אויסצוגעפינען ווי עס האַלט.

כדי קיינער אין דאָרף זאָל זיך ניט דערוויסן, און ווי אַן אויסרייד פאַר

זייערע פאַמיליעס, האָבן די פּויערים אין אָוונט גענומען זייערע נעצן און דערקלערט, אַז זיי גייען ביינאַכט כאַפּן פיש אין טייך. יעדער האָט געוואוסט, אַז אין אָט די וואָכן טאָר מען ניט כאַפּן קיין פיש, און אַז געוויינלעך איז דער בירגערמייסטער זייער שטרענג, אַז מען זאָל אין דער צייט ניט פישן אין טייך. אָבער ווען דער בירגערמייסטער אַליין טוט עס, מוז ער מסתמא האָבן זיינע אורזאַכן. אפשר האָבן די באַאַמטע אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט?

ווי שאָטנס, האָבן די פּויערים פון ראַגאַטשעסטי זיך באַוועגט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, מיט זייערע נעצן אויף די פּלייצעס, געפירט פון די צוויי פּאַרטיזאַנער לענג־אויס דעם סערעט־טייך. זיי זיינען געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, און האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם טייך און זיך נעמען אין אַ צפון־ריכטונג, ווען עמעצער האָט אויסגעשריען: „האַלט!" די פּויערים האָבן אָנגעהויבן פאַנאַנדערצונעמען זייערע נעצן. צוויי זשאַנדאַרן זיינען צוגעקומען. זיי האָבן די זשאַנדאַרן געקענט צו גוט. זיי זיינען מיט צוויי טעג פריער אָנגעקומען אין דאָרף און האָבן אויף דעם ברוטאַלסטן אופן דורכגעפירט הויז־זוכונגען, שלאָגנדיק פיל דאָרפסלייט, כדי אַרויסצופּרעסן פון זיי, וואו עס געפינען זיך די בהמות. דאַן האָבן זיי פּלוצלונג זיך צוריקגעצויגן. מען האָט געקאָנט זען, אַז זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אויפן באַפעל פון די דייטשן, און די פּויערים האָבן געגלויבט, אַז ביז דער צייט, ווען דער אולטימאַטום וועט אויסגיין, וועלן זיי זיין פריי און קיינער וועט ניט נאָכשפּיאָנירן. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. די זשאַנדאַרן האָבן זיך נאָר צוריקגעצויגן פון דאָרף, זיי האָבן אָבער נאָכגעשפּיאָנירט יעדע באַוועגונג. זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל אַכטונג צו געבן, אַז קיין איינציקער פּויער זאָל דעם דאָרף ניט פאַרלאָזן.

— וואָס טוט איר דאָ?

— מיר פישן.

— דאָס איז זייער שיין. דער הער בירגערמייסטער אַליין, וועלכער דאַרף אַכטונג געבן, אַז מ'זאָל אין אָט דער צייט פון יאָר ניט פישן, פירט אַליין די מיטגלידער פון זיין געמיינדע פישן.

די זשאַנדאַרן זיינען געווען צופרידן, ווייל פאַר יעדן איינעם, וואָס מ'האָט געכאַפּט פישנדיק אין אָט דער צייט, האָט מען, לויט אַן אַלטן מנהג, געקראָגן אַ פּרעמיע פון דער אונטערפּרעפעקטור.

די פּויערים און די צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן אָבער געוואוסט, אַז אויב די זשאַנדאַרן זאָלן זיי איצט אַרעסטירן און זיי ברענגען אין שטאָט אַריין, איז דאָס זייער סוף, ווייל דעם נעקסטן טאָג האָט געדאַרפט אויסגיין דער דריי־טאָגיקער אולטימאַטום. ס'איז געווען בלויז איין אויסוועג: פּאַרטיק

ווערן מיט די זשאַנדאַרן. דער בירגערמייסטער האָט פּרובירט מיט זיי איינ־טענהן, אַז די רוסן האָבן דעם יאָר ניט אַרויסגעגעבן קיין באַפעל ניט צו פּישן אין אָט די וואָכן, די דייטשן און רומעניער אויך ניט — און דערפאַר האָבן זיי זיך געפילט בארעכטיקט צו גיין פּישן. די זשאַנדאַרן האָבן זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, זיינען אָבער באַלד געוואָרן ערנסט.

— דאָס איז עס. איר זייט הויך־פאַררעטער. איר פאַררופט זיך אויף רוסישע געזעצן. איר באַטראַכט נאָך די געגנט אַלס רוסיש. מאָרגן וועט איר הענגען.

אין דער פינצטער, האָבן די צוויי פּאַרטיזאַנער זיך פאַרגנבעט הינטער די זשאַנדאַרן. איידער די אַנדערע פּויערים האָבן געוואוסט וואָס עס איז געשען, זיינען שוין די זשאַנדאַרן געלעגן אויף דער ערד. מ'האָט ביי זיי צו־גענומען די וואָפן, זיי געטויט און אַריינגעוואָרפן אין טייך. די פּויערים האָבן זיך פאַרנומען אויפן וועג פון דובאָוואַ קיין פּאָיעני.

:: :: ::

ניט מענדל העכט, ניט זיין פאַמיליע, האָבן מער ניט עקזיסטירט אין די אַמטלעכע ביכער. זיין שטיקל לאַנד איז פאַרשוואונדן פון די ביכער, ווי אַן ערד־ציטערניש וואָלט עס פאַרשלונגען. מענדל העכטס קליינע נחלה, אין מיטן פון די ריבן־פעלדער פון דובאָוואַ, האָט געהערט צו די שענסטע ווירטשאַפטן פון דער געגנט. זיין עלטער־זיידע האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין אַלגעמיינע מיליטער־דינסט, געדינט פיל יאָרן אין דער עסטרייכישער אַרמיי. דערדינענדיק זיך צום ראַנג פון אַן אונטעראָפיצער, און האָבנדיק זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה פון 1848-1849, האָט ער באַקומען פון דער רעגירונג אַלס מתנה דאָס קליינע שטיקל לאַנד, וואָס ער האָט ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט אין אַ מוסטער־ווירט־שאַפט: אַ שטאַל מיט עטלעכע קי און אַן אָקס, הינער, ענטלעך, אַ שיינער פרוכט־גאָרטן, אפילו אַ טייכל מיט פיש האָבן זיך געפונען אויף זיין נחלה. צווישן די יידן אין סערעט, האָט די פאַמיליע העכט, אמת, ניט געהאַט קיין גרויסן אָנזען. די שטאָטישע מענטשן האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די דאָזיקע עמי־הארצים.

אויך מענדל, וועלכער איז עטלעכע יאָר געגאַנגען אין חדר אין סערעט, איז, ווי מ'האָט געזאָגט, ניט געווען קיין גרויסער בקי אין די קליינע אותיות־לעך. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אוקראַאינער מיידל. זיין פאָטער איז אָבער באַשטאַנען, אַז זי זאָל זיך מגייר זיין. שוווער איז איר דאָס בייטן פון רעליגיע ניט אָנגעקומען, ווייל אין העכטס הויז האָט מען קיין סך ניט געוואוסט פון יידישקייט. בלויז פּסח פלעגט מען קויפן אין שטאָט מצות און אויף ימים נוראים פלעגן דער אַלטער העכט, זיין זון און זיין שנור, וועלכע האָט ביים מגייר זיין זיך געקראָגן דעם נאָמען רות, פאָרן אין שטאָט

דאַווגען מיט אַ מנין. אין זייער זיטן און מנהגים האָבן זיי זיך ניט אונטער־געשיידט פון דער פּויערשער באַפעלקערונג פון דער געגנט. אין הויז האָט מען גערעדט אוקראַיניש, הגם מענדל האָט געקענט אַ ביסל יידיש.

ווען קעניג קאַראָל האָט אין 1937 אַרויסגעגעבן די יידן־פיינטלעכע געזעצן און מ׳האָט מענדל העכטן געלאָזט וויסן, אַז אַלס ייד האָט ער קיין רעכט ניט צו באַזיצן אַ לאַנדווירטשאַפט, האָט ער זיך געווענדט צו דעם דעמאָלטיקן אונטערפּרעפעקט באַרבאַרעסקו און זיך מיט אים פאַרשטענדיקט, אַז פאַרן פּרייז פון צוויי פונט קאַרפּ וועכנטלעך, אַ הון יעדן חודש און אַ מאָס אויבסט יעדן האַרבסט, וועט ער אים אויסמעקן פון די אַמטלעכע ביכער. באַרבאַרעסקו האָט דעם ענין דורכגעפירט אַזוי גרינגלעך, אַז די העכט־ווירטשאַפט איז פאַרשוואונדן פון שטייערן־ליסט. און אַט אַזוי האָט דער אונטערטאַן און שטייערן־צאָלער מענדל העכט, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אויפגעהערט אַמטלעך צו עקזיסטירן.

מענדל האָט געהאַט זעקס קינדער, פיר טעכטער אין עלטער פון 16 ביז 22 יאָר און צוויי יינגלעך פון זעקס און צוועלף יאָר. ער אַליין איז געווען 45 יאָר אַלט, זיין פרוי — 43. מיט זיין קליידונג האָט ער זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע פּויערים: ער האָט געטראָגן אַן אַנצוג, מעשה שטאָטישער. זיין פרוי אָבער, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס די שענסטע פּויערטע פון דער געגנט, און די קינדער האָבן זיך אָנגעטאָן ווי די איבעריקע פּויערים.

ווען די רויטע אַרמיי איז אָנגעקומען, איז פאָרגעקומען אַ שטיקל ענדערונג אין דעם לעבן פון דער פאַמיליע העכט. פון אָנהויב, האָט די ענדערונג ניט אָנגערירט מענדלען. ער איז פאַרבליבן ביי זיין ווירטשאַפט און מ׳האָט אים אַפילו צוגעצויגן צום קאָמיטעט, ווען מ׳האָט די סאָוער־גוט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. אין זיין אייגענער ווירט־שאַפט אָבער איז אַלץ געגאַנגען ווי פריער. אַז ער געפינט זיך מער ניט אין די אַמטלעכע ביכער פון סערעט, האָבן די נייע באַאַמטע ניט געוואוסט, ווייל די שטאָט סערעט איז פאַרבליבן אין באַזיץ פון רומעניע.

אָנגערעגט דורך דער קולטורעלער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער געגנט, מיטן אָנקומען פון די רוסן, האָבן מענדלס קינדער אָנגעה־הויבן באַזוכן די שול אין דעם פּאָיעני־קאָלעקטיוו. זיי האָבן זיך געלערנט לייענען און שרייבן אוקראַיניש, ווי אויך רומעניש. אינצווישן אָבער האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. העכטס קליינע ווירטשאַפט האָט זיך געפונען אָן אַ זייט פון דעם הויפּט־וועג און איז פאַרבליבן אומבאַמערקט. ווען נאָך דער אויסמאָרדונג פון די סערעטער יידן איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין דער שטאָט און געגנט, מוזן זיך רעגיסטרירן, האָט מענדל העכט עס ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל ווי גע־זאָגט, אַמטלעך האָט ער ניט עקזיסטירט. „האָב קיין זאָרג ניט, מענדל״,

האָבן די פּויערים געזאָגט, „מיר וועלן דיר באַשיצן. דו ביזט אַ פּויער ווי יעדער פון אונדז, און דיר וועט גאָרנישט געשען."

די מלחמה, וואָס האָט אין דער דאָזיקער געגנט געדויערט בלויז איין טאָג, האָט זיך אָפּגערוקט אויף הונדערטער קילאָמעטער ווייטער און האָט געברענט אויף דער אַנדער זייט פון דניעסטער, אין אוקראַינע. דאָ אין גאַרדובאָווע, וואָס איז געלעגן אָן אַ זייט, האָט מען אין די ערשטע וואָכן גאָרנישט באַמערקט פון דער מלחמה. מענדל האָט געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט די יידן אין סערעט און די אַרומיקע דערפער. אַ טיפער טרויער האָט אים אַרומגענומען. אָבער ער און זיין פאַמיליע זיינען פאַרבליבן ביים לעבן. אין זיין גאָרטן זיינען רייף געוואָרן די פלוימען און די עפּל. די קעז און פּוטער, די אייער און די יונגע הינער, וואָס מ'האָט געדאַרפט פירן אויפן מאַרק, האָט ער געגעבן שכנים, אַז זיי זאָלן עס פאַר אים פאַרקויפן. ער אַליין איז קיין סערעט קיינמאָל ניט געפאָרן. „איך קאָן די שטאָט ניט אָנקוקן, זינט איך ווייס, אַז מ'האָט דאָרטן אויסגעמאָרדעט אַלע יידן", פלעגט ער זאָגן.

שפּעטער האָט ער אויפגעהערט אפילו שיקן די אייער און פּוטער אויפן מאַרק, ווייל די פּויערים האָבן דערציילט, אַז פאַרן געלט, וואָס מען לייזט, קאָן מען מער גאָרנישט קויפן. זיי האָבן קעגנזייטיק זיך אַרויסגעהאָלפן אין דאָרף. פייער האָט מען ווידער אַמאָל געמאַכט דורך רייבן שטיינער, ווייל קיין שוועבעלעך זיינען ניט געווען. מ'האָט געברענט אויל־לעמפּלעך. דעם אויל האָט מען אַרויסגעקוועטשט פון סעמעטשקעס. אויב מענדל העכט האָט ניט עקזיסטירט פאַר דער רומענישער מלוכה, האָט די רומענישע מלוכה פּונקט אַזוי ניט עקזיסטירט פאַר אים.

און אין איין פינצטערער נאַכט, אין אַ דושנער אויגוסט־נאַכט, האָט עמעצער שטאַרק געקלאַפּט אין דעם אַריינגאַנג־טויער פון זיין הויף. די דריי הינט האָבן זיך שטאַרק צעבילט, און איידער מענדל האָט באַוויזן צו עפענען דעם טויער, האָט מען שוין אים איינגעבראָכן. ער האָט פון אָנהויב געגלויבט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן זשאַנדאַרן, וועלכע ער האָט געקענט און זיי האָבן אים געקענט. זיי פלעגן אָפט קומען ביינאַכט אָפּעסן, קריגן אַ ביסל געלט פאַר טאַבאַק, און פלעגן ווידער פאַרשווינדן. מענדל האָט אויך זיי געצאָלט כּאַבאַר אים צו לאָזן צו רו. פאַרוואָס, האָט ער געטראַכט, האָבן זיי היינט איינגעבראָכן דעם טויער? מסתמא האָבן זיי אַ ביסל צופיל אַריינגעגאָסן אין זיך. ניט טראַכטנדיק וועגן עפּעס אַנדערש, האָט ער זיי איינגעלאַדן אַריינצוקומען אין הויז. אָבער די פרעמדע שפּראַך און דער שטרענגער טאָן האָבן אַרויסגערופן ביי אים שרעק. ער האָט זיי געבעטן ניט שרייען אַזוי הויך, ווייל זיין יינגסטע קינד האָט פיבער. ער האָט אַלם ענטפער באַקומען מיט אַ פויסט אין געזיכט. אַ באַטויבטער, איז ער אַריין אין הויז, די באַוואָפנטע מענטשן הינטער אים. ער האָט אָנגעצונדן די צוויי אויל-

לאמפּן און דערזען אַ מחנה אין שוואַרצע אוניפאָרמען. זייער קוק האָט קיין גוטס ניט צוגעזאָגט.

— וואָס ווייסטו פון מאַראַרעסקון? זאָג, וואו האָט ער זיך באַהאַלטן?

— דאָ אין דאָרף איז ניטאָ קיין מאַראַרעסקו, — האָט מענדל געענט־פערט אויף דער פראַגע, וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן אין אַ שלעכטן רומעניש.

— דו ווילסט ניט זאָגן, דו הונט? דו ביזט מיט דעם באַנדיט, מיט דעם באָלשעוויק פאַרבונדן? אָבער מיר וועלן דיר שוין מאַכן רעדן. האָסטו וואָפן? ביזטו אַ רומעניער?

נאָך איידער מענדל האָט געקאָנט ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן, האָט אַ צווייטער פון דער מחנה אים דערלאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט דער קאָלבע פון זיין ביקס.

מענדל איז געווען אַ שטאַרקער מאַן. איינמאָל האָט אַן אָקס זיך אַרויס־געריסן און געדראָעט אָנצוטאָן אין דאָרף אַ סך היזק. אַלע אין דאָרף זיינען געלאָפן אין שרעק. מענדל האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און געצווימט דעם אָקס. אָבער נאָך דעם דאָזיקן זעץ איבערן קאָפּ איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטול און זיך אַ וואַקל געטאָן. גלייך אָבער האָט ער אַ נעם געטאָן דעם שטול, און איידער עמעצער פון דער שוואַרצער מחנה האָט אים געקאָנט אָפּשטעלן, האָט ער דערלאַנגט דעם ס.ס.־מאַן מיטן שטול איבערן קאָפּ אַזאַ זעץ, אַז יענער איז אוועקגעפאַלן, אַ באַגאָסענער מיט בלוט. אַן ס.ס.־מאַן האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער, אַ צווייטער אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן: „אַזאַ לייכטער טויט איז צו גוט פאַרן הונט. זאָג, ווער ביזטו, דו הונט?"

— איך, איך, — האָט מענדל געענטפערט, און בלוט איז אים גערונען פון מויל און נאָז, — איך בין אַ ייד.

ניין, מענדל האָט ביז איצט געהאַט אַ שוואַכע באַציאונג מיטן יידנטום. אחוץ די פּסחדיקע און ימים־נוראימדיקע מנהגים, האָט ער זייער ווייניק גע־וואוסט פון יידנטום. אָבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט, האָט עפּעס אים גע־צוואונגען אויסצושרייען: איך בין אַ ייד.

ער איז געווען אַ סאָלדאַט, האָט געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי, איז צוויי יאָר געווען אויפן פראָנט, אַ רעוואָלווער האָט ער שטענדיק געטראָגן אין קעשענע, ווי די מערסטע פּויערים פון דער דאָזיקער געגנט. איידער זיי האָבן אים געקאָנט שטערן, האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס און געטראָפן אַ צווייטן פון דער שוואַרצער מחנה.

ווי ווילדע חיות, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים. קיינער פון זיי האָט אים ניט געוואָלט דערשיסן, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט לאָבן מיט מאַ־טערן אים. זיי האָבן אים געטראָטן אויפן בויך, געבריקעט מיט די שטיוול

אין פנים. מענדל האָט שוין בלויז שווער געאָטעמט. אין אַ דעם מאָמענט, האָט זיך אויפגעעפנט אַ צווייטע טיר און אַ פרוי איז דערשינען אין אַ נאַכט־קלייד. דערזעענדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ געשריי.

די 43־יאָריקע רות איז נאָך אַלץ געווען אַ שיינע פרוי. „כאַפּט די הור, גיסט דעם הונט קאַלטע וואַסער אויפן קאָפּ, אַז ער זאָל קומען צום באַוואוסט־זיין און זען וואָס מיר וועלן טאָן מיט זיין פרוי."

די הינט האָבן געבילט. די דערוואַקסענע מיידלעך און די יונגע קינדער האָבן געשריען. דער קראַנקער זעקס־יאָריקער יינגל איז אַ פיבערדיקער אַריינגעלאָפן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם אויסגעצויגענעם קערפּער פון זיין פאָטער. רחל, וועלכע האָט זיך געהאַט איינגעוויקלט אין אַ דעקע, האָט געכאַפּט אַ ביקס, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, און האָט פינף מאָל אויסגעשאָסן. איינער פון די ס.ס.־לייט איז געבליבן ליגן אַ טויטלעך־פאַרוואונדעטער.

זיי האָבן די דריי מיידלעך אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף. אַלע פון דער פאַמיליע, וואָס זיינען געבליבן אין הויז, האָבן זיי דערמאָרדעט. אין הויף האָבן זיי נאָך דערשאָסן די דריי הינט. די מיידלעך זיינען געלעגן געחלשטע אויף דער ערד.

דער ס.ס.־פירער האָט איבערגעציילט זיינע מענטשן. פון זיינע צוועלף מאַן האָט ער פאַרלאָרן דריי. איצט האָבן די איבעריקע אַראָפּגענומען זייערע רעק און זשעדנע און בלוטדורשטיק זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די מיידלעך.

ווי דורך אַ נס, איז דעם צוועלף־יאָריקן שמואל געלונגען צו אַנטלויפן אומבאַמערקט. געזען האָט ער גאָרנישט, ער האָט אָבער געהערט די געשרייען, די קלעפּ, און די שיסערייַ. אַלע זיינען טויט! — דער דאָזיקער איין געדאַנק האָט אים באַהערשט. ער איז אַ באָרוועסער געלאָפן, אין איין העמד. אַלע זיינען טויט!

בייטאָג, איז ביז צום נעקסטן פויערשן הויף געווען אַרום צען מינוט גאַנג. שמואל איז געלאָפן, אומגעפאַלן, און ווייטער געלאָפן. אַלע זיינען טויט! פּלוצלונג האָט ער זיך אָן עמעצן אָנגעשטויסן אין דער פינצטערניש. צוויי אָרעמס האָבן אים אַרומגענומען: „ווער ביזטו, קינד?"

ער האָט דערקענט די שטים. ס'איז געווען דער קול פון דעם פויער דאַניליוק פון פּאָיעני, איינער פון די צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען גע־גאַנגען קיין ראַגאָטשעסטי, און האָבן זיך איצט געפונען אויפן וועג צוריק אין דעם זומפּ־געביט מיט דער פויערים־דעלעגאַציע. די געשרייען, דאָס לויפן, און איצט די שטים זיינען געווען צופיל פאַר דעם צוועלף־יאָריקן יינגל. ער האָט ניט געקאָנט רעדן. איינער פון די פויערים האָט געהאַט אַ ביסל שנאַפּס אין זיין פלעשל. זיי האָבן געריבן דעם יינגלס שלייפן מיט שנאַפּס. „אַלע זיינען טויט!" — האָט ער אַרויסגעבליפּעט.

— ווער, ווער איז טויט?
דאַניליוק האָט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז געשען.
— דאָס קאָנען נאָר זיין די דייטשן. אויב מיר וועלן גלייך גיין, וועט קיינער פון זיי זיך ניט ארויסדרייען קיין לעבעדיקער.
— מיר מוזן זען אַנצוקומען אין פּאַיעני, איידער עס ווערט טאָג, — האָט איינער פון די פּויערים געזאָגט.
דאַניליוק האָט אים אָבער געענטפערט: „וואָס איז אונדזער ציל? דער קאַמף קעגן די דאָזיקע באַנדעס. איצט האָבן מיר אַ געלעגנהייט איינע אַזאַ באַנדע צו פאַרניכטן."
איין פּויער איז פאַרבליבן מיט דעם נאָך צו זיך ניט געקומענעם יינגל און די איבעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן גנבענען צו מענדל העכטמס הויף.
דאַניליוק האָט דערזען דעם פּלאַץ קעגן פינצטערן הימל. ער האָט זיך ארומגעקוקט. אין שאָטן פון די ארומיקע ביימער האָט מען אים קוים גע־קאָנט באַמערקן. ער האָט זיך איינגעבויגן, ארויסגענומען זיין רעוואָלווער פון קעשענע און האָט פּלוצים זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ מאַן אין אַ שוואַר־צען אוניפאָרם. יענער האָט דערלאַנגט אַ קורצן געשריי און איז אוועקגעפאַלן אויף דער ערד. דאַניליוק און נאָך איינער פון די פּויערים האָבן אים באַ־טאַפּט; ער איז געווען טויט און זיי האָבן צוגענומען זיין געווער.
די פּויערים האָבן איצט געהאַט דריי ביקסן און פיר רעוואָלווערן. זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי ביידע זייטן פון דעם אריינגאַנג אין הויף — גרייט. דאַניליוק האָט געגעבן אַ צייכן און זיי האָבן אריינגעשטורעמט אינע־ווייניק. זיי האָבן תיכף צעטיילט די ס.ס.־לייט אין צוויי טיילן. לויפן כאַפּן זייערע ביקסן איז געווען פאַר זיי צו שפּעט. זיי האָבן בלויז געקאָנט אָפּפייערן עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן. זייער סוף איז דאַן געקומען שנעל.
צוויי פון די פּויערים זיינען געווען לייכט פאַרוואונדעט. פון די מיידלעך האָט בלויז אסתר נאָך געאָטעמט. איינער פון די פּאַרטיזאַנער און צוויי פּויערים האָבן גענומען אסתרן און דעם יינגל און אוועק גלייך אין לאַגער פון פּאַיעני. די אַנדערע, ניט געקוקט אויף דער געפאַר, האָבן אוועקגעשלעפּט די טויטע קערפּערס פון די ס.ס.־לייט צום טייך, צום פּלאַץ וואו זיי האָבן געטויט די צוויי זשאַנדאַרן, און זיי אוועקגעלייגט אין אַזאַ פּאָזיציע, ווי עס וואָלט פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן רומענישע זשאַנדאַרן און דייטשישע ס.ס.־לייט. זיי האָבן אָבער צוגענומען זייערע שווארצע אוניפאָרמען — אפשר וועט מען זיי באַדאַרפן.

19.

יאָהאַן מילער, דער געשטאַפּאָ־שעף פון דער בוקאָווינע, האָט געהאַט מאָמענטן, פאַר דער צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין סערעט, ווען ער

איז געווען נאָענט צו פֿאַרצווייפֿלונג. אין זיין ביז־אַהעריקער אַרבעט אין טשערנאָוויץ, אַלס פֿירער פֿון דער געשטאַפּאָ פֿאַר גאַנץ בוקאָווינע, איז ער געגאַנגען פֿון איין דערפֿאָלג צו אַ צווייטן. עטלעכע טעג פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן קיין סערעט, האָט ער מיט טריאומף געקאָנט באַריכטן צום פֿירער: 68 פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג איז שוין אויסגעראָטן. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, שרייבנדיק דעם דאָזיקן באַריכט, אַז ער איז אַ צעזאַר, וועלכער שרייבט צום סענאַט: „וועני,ווידי, ווינצי" (געקומען, געזען, געזיגט).

ער האָט געהאָפֿט, נאָך די דאָזיקע אַלע דערפֿאָלגן, אויף אַ העכערונג אין ראַנג. וואָרים אין דער צייט, וואָס אין דער געגנט אין צפֿון פֿון דעם פּרוט זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַלן פֿון סאַבאָטאַזש — אייזנבאַנען זיינען אַראָפּ פֿון די רעלסן, געשטאַפּאָ־קוואַרטירן זיינען אַטאַקירט געוואָרן, און אַמוניציע־דעפּאָס זיינען געפֿלויגן אין דער לופֿטן — איז אין זיין באַצירק, פֿון רעכטן ברעג פֿון פּרוט ביז דער טראַנסילוואַנישער גרענעץ, געווען פֿרידלעך און רואיק. נו, איז געקומען דער פֿאַל מיט מאָראַרעסקו, וואָס האָט אים שווער געטראָפֿן. ווי אַזוי זאָל ער דאָס באַריכטן צום פֿירער, ווי אַזוי דערקלערן, אַז איינע פֿון זיינע בעסטע אָפּטיילונגען איז פֿאַרלוירן, דער רומענישער הויפּטמאַן האָט רעוואָלטירט און ער האָט נאָך גאָרנישט אויסגעפֿונען?

נאָך דער באַראַטונג מיט פֿראַנץ צימערלע, סימיאָן שטראַוב, אָטאָ פֿאָן ראַובניץ, האַנס קרולע און סטעפֿאַן צערטיאַן, האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו שטורעמען די אינדזלען לעבן ראָגאַטשעסטי מיט די קרעפֿטן, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין אַלע ריכטונגען זוכן מאָראַרעסקון, ניט פֿאָדערנדיק קיין פֿאַרשטאַרקונג פֿון טשערנאָוויץ. ער האָט טעלעפֿאָנירט אין די דערבייאיקע שטעט און סטאַנציעס, אַז זיין מאַנשאַפֿט זאָל אין צוויי טעג אַרום זיך פֿאַרזאַמלען אין סערעט. אין דער זעלביקער צייט האָט ער געגעבן צערטיאַנען אַן אויפֿטראָג צוזאַמענצוברענגען אין סערעט רומענישע זשאַנדאַרן, אָבער בלויז פֿון דעם סערעטער באַצירק, כדי ניט צוצוציען צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט. די זשאַנדאַרן האָט ער געוואָלט נוצן אַלס דעם אַוואַנגאַרד. מיט די 160 ס.ס.־לייט, וואָס ער האָט דאָ געהאַט אין זיין דינסט, און די איבער 40 רומענישע זשאַנדאַרן, האָט ער געהאָפֿט צו שטורעמען ליבערטאַטיאַ און פֿאַרניכטן מאָראַרעסקון, וועלכער באַהאַלט זיך דאָרטן אויס. אַלס צוגאָב ביים דורכפֿירן די דאָזיקע אַרבעט, האָט ער אויך געוואָלט איבערלאָזן די איינוואוינער פֿון ראָגאַטשעסטי אַ מתנה, אַז זיי זאָלן אים האָבן צו געדענקען. פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער פֿויערים־דעלעגאַציע — אַזוי האָט ער באַשלאָסן — קיין חסד. זיי מוז מען באַלד דערשיסן; אויף די איבעריקע איינוואוינער פֿונעם דאָרף וועט מען אַרויפֿלייגן אַ שווערע געלט־שטראָף.

און דאָ האָט ער דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז מען האָט ביים ברעג סערעט־טייך געפונען טויט צוועלף ס.ס.־לייט און צוויי רומענישע זשאַנדאַרן — די צווייטע ס.ס.־אָפּטיילונג אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג. אונטער די דאָזיקע אומשטענדן, האָט ער געזאָגט, קאָן ער ניט אונטערנעמען קיין שטראָף־עקס־פּעדיציע, ניט באַריכטנדיק צו זיינע העכערע באַאַמטע. דער פאַל האָט אים געשיינט צו זיין ערנסטער, ווי ער האָט אים אָנהויב געטראַכט.

גרייטנדיק זיך אין וועג צום פּלאַץ, וואו מ׳האָט געפונען די ס.ס.־לייט, אין דער באַגלייטונג פון פראַנץ צימערלע, האַנס קרולע און סטעפאַן צערט־יאַן, איז אָנגעקומען אַ באַריכט, אַז אין דובאָווא, אין אַ פאַרוואָרפן הייזל, האָט מען געפונען אַ יידישע פאַמיליע טויט. אויב ער האָט נאָך אַ ביסל געצווייפלט, אַז הינטער דער גאַנצער זאַך שטעקט מאַראַרעסקו, איז איצט ביים אים פאַרשוואונדן יעדער צווייפל. ווייל ווער אַנדערש אחוץ מאַראַ־רעסקו, דער אַלטער יידן־שונא, וועט זיין פאַראינטערעסירט אין דערמאָרדן אַ באַהאַלטענע יידישע פאַמיליע, וואָס איז פאַרבליבן ביים לעבן ? די ס.ס.־לייט האָבן דאָס זיכער ניט געטאָן, ווייל אַנדערש וואָלט ער באַלד געקראָגן אַ באַריכט. דער דאָזיקער פאַל, האָט אים געשיינט, באַשטעטיקט, אַז מאַראַ־רעסקו באַהאַלט זיך אויס אין אָט דער געגנט. וואָס עס האָט אים נאָך מער באַאומרואיקט, איז געווען דאָס אַוועקנעמען די אוניפאָרמען פון די דער־מאָרדעטע ס.ס.־לייט ; בלויז ביי איינעם האָט מען געפונען אין די שיך זיין לעגיטימאַציע.

פאַר אַ מאָמענט איז אים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז דער באַריכט איז אפשר ניט ריכטיק, אַז די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן געפונען די טויטע קערפּערס און די לעגיטימאַציע, האָבן געמאַכט אַ טעות. שנעל זיינען זיי אַוועקגעפאָרן צום פּלאַץ. ער האָט דערקענט זיינע מענטשן. אַ רעטעניש איז פאַר אים נאָר געווען דער פאַקט, וואָס בלויז ביי זיינע מענטשן האָט מען צוגענומען די אוניפאָרמען ; די זשאַנדאַרן זיינען געלעגן אין זייערע אוניפאָרמען. נאָכמער, די זשאַנדאַרן האָט מען ניט דערשאָסן, נאָר דער־טרונקען, אין דער צייט וואָס זיינע מענטשן האָבן געהאַט ניט נאָר קוילן־וואונדן, נאָר אויך שטאָך־וואונדן.

אַזוי ווי די טויטע קערפּערס האָט מען געפונען ניט ווייט פון ראָגאַ־טשעסטי, האָט ער געהייסן צוערשט זיי איבערפירן אין דעם דאָרטיקן געמיינדע־הויז. דאָרטן האָט ער אויסגעפונען, אַז דער בירגערמייסטער איז פאַרשוואונדן. מען האָט געבראַכט צו שלעפּן די פּויערים פון די פעלדער, זיי אויסגעפרעגט, געשלאָגן, געסטראַשעט מיט דערשיסן, אָבער מ׳האָט פון זיי גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען — זיי האָבן ניט געוואוסט, וואו דער בירגערמייסטער איז אַהינגעקומען. בלי ספק, האָט ער געטראַכט, איז דער בירגערמייסטער אַוועק צו מאַראַרעסקון. פון געמיינדע־הויז האָט ער גע־

קאָנט זען ליבערטאַטיא. ס'איז אָבער ניט געווען וואָס צו זען. ביימער און קוסטעס האָבן צוגעדעקט די אינדזלען.

און מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דער דאָרף־גלח אין זיין פולער רעגאַליע, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ לוויה אָדער אַ גאָטעסדינסט. זיינע לאַנגע גרויע האָר זיינען פון אונטער דעם גלחישן היטל אים געפאַלן אויף די אַקסלען און זיך אויסגעמישט מיט זיין ווירדיקער באָרד.

— זייט איר דער היגער גלח?

— יאָ, און איך בין געקומען וועגן אַ וויכטיקן ענין.

— וואָס האָט איר מיר וואָס צו זאָגן?

— איך וויל מיט אייך רעדן וועגן ליקווידירן די חובות. איר זייט דאָך זיכער איינער פון די דייטשן, וואָס האָבן דאָ גענומען די משכנות.

— האָט איר ניט געזען די טויטע קערפּערס ליגנדיק אונטן, אין קאַמער? ווער רעדט אין אַזאַ מאָמענט וועגן געלט? פון אייך, אַלס פּאַסטוך פון דער געמיינדע, אַלס גלח און דינער פון דער קירך, דערוואַרט איך, אַז איר וועט באַהילפיק זיין דער וועלטלעכער גערעכטיקייט אויסצוגעפינען די געמיינע מערדער.

— איך האָב געזען די טויטע קערפּערס און בין געקומען אייך פאַרזיכערן, אַז קיינער פון מיין געמיינדע האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם. העכער פיר צענדליק יאָר בין איך דער גלח פון דעם דאָזיקן דאָרף. איך קען יעדן איינעם. די מערסטע איינוואוינער פון דאָרף האָב איך געטויפט, חתונה געמאַכט, און געטויפט זייערע קינדער. מיר איז באַקאַנט אַלץ, וואָס זיי טוען און האַנדלען. זיי זיינען אָרעמע, גוטמוטיקע, פרידלעכע פּויערים, וואָס ווילן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי קאָנען לעבן און אַרבעטן.

— איר רעדט דאָך, הער גלח, ניט ווי אַ גלח, נאָר ווי אַ געדונגענער אַדוואָקאַט. ווער האָט דען אייך געזאָגט, אַז איך פאַרדעכטיק אייערע לייט אין באַטייליקן זיך אין דעם מאָרד? פון אייך וויל איך נאָר וויסן, אַזוי ווי איר זאָגט, אַז איר ווייסט אַלץ וואָס אייער שאָף טוט און האַנדלט, וואו דער בירגערמייסטער געפינט זיך? מען באַהאַלט זיך דאָך ניט און מען פאַרשווינדט ניט אין מיטן העלן טאָג, ווען מ'האָט אַ ריינעם געוויסן. ווייסט איר עפּעס וועגן דעם, אָדער ניט?

— איך קום אין שליחות פון דעם בירגערמייסטער צו שליכטן די חובות פאַר די משכנות, וואָס מ'האָט געהאַט גענומען, און וויל מאַכן אַ סוף צו דער אומגליקלעכער אַפערע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר מיין געמיינדע.

— פאַרוואָס איז ער אַליין ניט געקומען? וואו איז ער?

— מיין אַמט פאַרבאָט מיך דאָס צו זאָגן. איר ווייסט דאָך, הער אָפיצער, אַז אַ גלח טאָר ניט פאַרראַטן אַ געהיימניש, וואָס ווערט אים אָנפאַרטרויט. בלויז דעם הער גאָט דאַרף ער אָפּגעבן אַ דין וחשבון.

— האט איר, הער גלח, אויסגעפאָלגט דעם דאָזיקן דין אויך אונטער דער הערשאפט פון די באָלשעוויקעס? ווי זייט איר איבערהויפּט אויס־געקומען מיט די באָלשעוויקעס? ווי אַזוי קומט עס, וואָס איר זייט דאָ בכלל פארבליבן, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען אין לאַנד?

— מיר האָבן געהאַט אַן אָנווייזונג פון דעם מעטראָפּאָליט צו בלייבן אויף אונדזער פּאָסטנס. ניט נאָר איך, נאָר אַלע גלחים פון דער געגנט. און איך האָב קיינמאָל קיין חרטה ניט געהאַט. איך בין געבליבן אין דער האָפענונג צו קאָנען ביישטיין מיין געמיינדע אין אַ שווערער שעה. וואָלטן די באָלשעוויקעס געפאָדערט פון מיר עטוואָס קעגן מיין געוויסן, וואָלטן זיי זיך אָנגעשלאָגן אויף גראַניט. איך האָב שטענדיק אויף מיינע ליפּן דעם ענטפער, וואָס פּעטער האָט געגעבן דעם כהן גדול, ווי דאָס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע פון די אַפּאָסטאָלן: מען דאַרף פאָלגן גאָט מער ווי דעם מענטשן.

— אייער טעאָלאָגישע חכמה, הער גלח, אינטערעסירט מיך ניט. איך האָב אייך וועגן דעם ניט געפרעגט. מערקט אייך איין זאַך: פאַר די פאַר־טרעטער פון אַדאָלף היטלער זיינען ניטאָ קיין סודות. ביי אונדז באַהאַלט מען זיך ניט הינטער ציטאַטן פון דעם ייד פּעטער. ענטפערט קלאָר און פשוט: וואו געפינט זיך דער בירגערמייסטער פון דאָרף? ווען איר וועט ניט ענטפערן, וועל איך וויסן, אַז אייערע הענט זיינען ניט ריין פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די, וואָס ליגן דאָרטן אונטן, וועלכע האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר אַ נייער אָרדענונג און קעגן באָלשעוויסטישער באַרבאַריי.

— ס'איז ניטאָ קיין מאַכט אין דער וועלט, וואָס קאָן מיך צווינגען צו פאַרלעצן מיינע פליכטן פון אַ גלח. דאָ איז דאָס נעלט. אונדזער האַר און משיח האָט געזאָגט: גיב צעזאַרן וואָס איז צעזאַרס. מער קאָן צעזאַר ניט פאַרלאַנגען.

— דו פאַרפלוכטע בעסטיע. אויב דו וועסט אַזוי צו מיר רעדן, וועל איך דיך אויפהענגען נאָך איידער די זון וועט פאַרגיין. דיך און אַלע די, וואָס זיינען פון דיר פאַרפירט. דיין ביבל קען איך בעסער ווי דו. איך בין ניט קיין שוואַכלינג, ווי פּאָנטיוס פּילאַטוס. צום לעצטן מאָל: וואו איז דער בירגערמייסטער? רעד, דו קאַנאַליע!

דער גלח האָט געשוויגן.

:: :: ::

יענעם נאָכמיטאָג איז אָריינגעקומען אין סערעט אַן אויסערגעוויינלעכע פּראָצעסיע. פאָראויס איז געפאָרן יאָהאַן מילער מיט זיין ס.ס.־וואַך אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל, הינטער אים זיינען געפאָרן פויערשע וואָגנס מיט די טויטע קערפּערס פון די ס.ס.־לייט און די זשאַנדאַרן, און הינטער זיי זיינען, ווי צו אַ לוויה, געגאַנגען דער גלח, די זעקס מיטגלידער פון דעם געמיינדע־

ראַט און זייערע קרובים. זיי זיינען געווען געשמידט אין האַנט־קייטן, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אויף אַן אופן, ווי זיי וואָלטן געהאַט צוזאַמענגעלייגט זייערע הענט.

יאָהאַן מילער איז געווען נאָך מער אויפגערעגט, ווי אינדערפרי. פאַר־פלוכט נאָכאַמאָל! — האָט ער געטראַכט. אַלץ גייט מיר מיטן פוטער אראָפּ. אין מיטן אַראָפּנעמען פון די פעלדער, מוז איך האָבן אַ קריג מיט די פויערים. מיר דאַרפן אויסמיידן שטרייטיקייטן מיט דער קירך, און דאָ גאָר די דאָזיקע שפּיל: דער גלח אין פולער רעגאַליע — אין קייטן אויף דער הויפּט־גאַס פון סערעט. אָבער וואָס קאָן איך טאָן מיטן אַלטן קאַנאַליע? דער דאָזיקער אַלטער יאָלד פון אַ גלח שיינט צו נעמען ערנסט זיין אַמט, און די געמיינדע־מיטגלידער פון ראָגאַטשעסטי זיינען שטום, ווי אַ קבר. איך האָב זיי אַפילו געמאַכט הבטחות, יאָ, געוואָלט באַצאָלן פאַר ווייזן לכל הפחות דעם וועג צו די אינדזלען. אָבער מ'קאָן קיין וואָרט פון זיי ניט אַרויסקריגן.

ער האָט צוגערופן סטעפאַן צערטיאַן און אים געזאָגט: „הערט נאָר, ווילט איר אָנשרייבן אַ באַריכט צו אייערע באַאַמטע, אַז דער גלח און די מערסטע איינוואוינער פון דעם דאָזיקן דאָרף זיינען אייך באַקאַנט אַלס באָל־שעוויקעס? וואָרים איר צווייפלט דאָך ניט פאַר קיין איין מינוט, אַז די דאָזיקע גאַנצע באַנדע איז אָנגעשטעקט מיט באָלשעוויזם?"

— אַנטשולדיקט, הער קאָמיסאַר. איך קאָן אַזאַ באַריכט ניט שרייבן, ווייל דאָס וואָלט געווען פולשטענדיק אין קעגנזאַץ צו מיין איבערצייגונג.

— וואָס מיינט איבערצייגונג? איז דען ניט אונדזער אויפגאַבע דאָ איינצושטעלן אָרדענונג? איר זייט דאָך ניט דער גלח. איך רעד דאָך צום הויפּטמאַן פון געהיים־דינסט און דעם אונטערפּרעפעקט צערטיאַן.

— טאַקע דערפאַר. מיר ווילן זיך דאָך ניט מאַכן לעכערלעך. ווער אין בוקאַרעשט, אָדער ערגעץ־וואו אין דער וועלט, גלויבט, אַז מאַראַרעסקו האָט צו טאָן מיט באָלשעוויקעס? און דער פּאַרדאַכט דאָ איז דאָך, אַז דער בירגערמייסטער האָט געמאַכט יד־אחת ניט מיט די באָלשעוויקעס, נאָר מיט דעם אַנטיבאָלשעוויק מאַראַרעסקו. וואָרים, וואו האָט ער פּונקט איצט גע־קאָנט קריגן געלט? עס האַנדלט זיך אָדער וועגן באָלשעוויקעס, אָדער וועגן מאַראַרעסקו. איך קאָן דאָך ניט שרייבן צו מיינע באַאַמטע אַזאַ ווידער־שפּרוך.

יאָהאַן מילער האָט זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז די דאָזיקע אַרגו־מענטאַציע איז אַ ריכטיקע. אָבער אין האַרצן האָט ער געהאַסט דעם דאָזיקן רומעניער, דעם דאָזיקן סטעפאַן צערטיאַן. זיכער האָט ער, יאָהאַן מילער, ניט געקאָנט דערציילן זיינע העכערע באַאַמטע, אַז מאַראַרעסקו און באָל־שעוויקעס זיינען אויף וועלכן ניט איז אופן פאַרבונדן. אָבער וואָס איז די נפקא־מינה וואָס מען וועט זאָגן די רומעניער? אַלץ וואָס ער האָט אין דעם

אויגנבליק געדאַרפֿט, איז אַ תּירוץ פּאַרוואָס ער האָט דעם גלח געשמידט אין קייטן, און פֿאַר דעם איז געווען נויטיק אים פֿאַרצושטעלן אַלס באָלשעוויק.

:: :: ::

ניט וואָס פֿראַנץ צימערלע האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט חתונה געהאַט. ער האָט מיט שרעק צוריקגעוויזן דעם דאַזיקן געדאַנק און געהאַלטן אין איבערחזרן: וואָס פֿאַר אַ גליק! איז דען ניט דער ווילן פֿון דעם פֿירער, אַז יעדער ווערטפֿולער דייטש זאָל איבערלאָזן הינטער זיך אַ דור אין דער וועלט — היטלער־יוגנט, סאָלדאַטן פֿאַרן דריטן רייך, קעמפֿער פֿאַר דייטשישער וועלט־הערשאַפֿט? ער האָט אויך געפֿילט, אַז ער איז אָפּהענגיק פֿון העגריעטען אַפֿילו מער און שטאַרקער, ווי דאָס איז דערלויבט אַן ס.ס.־מאַן און געשטאַפּאָ־שעף. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פֿון זיך באַהאַלטן, אַז ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט הייראַט גאַנץ אַנדערש. זינט דעם אָוונט פֿון דער חתונה און דער געשיכטע מיט דער ווייסער הון און דעם שפּאַס מיט די יידן, איז הענריעטע געווען שטאַרק נערוועז. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס אָפּלייגן די חתונה־רייזע, אַ דאַנק דעם דערשיינען פֿון יאָהאַן מילער. פֿראַנץ צימערלע האָט געהאָפֿט, אַז יאָהאַן מילער וועט די גאַנצע זאַך שנעל דערליידיקן, וועט צוריקפֿאָרן קיין טשערנאָוויץ, און אין סערעט וועט צוריק זיך אומקערן דאָס רואיק לעבן. אָבער אַלץ איז געגאַנגען פֿונקט קאַפּויר. נאָך איידער מ'האָט באַערדיקט די טויטע ס.ס.־לייט און זשאַנדאַרן און אויסגעאַרבעט דעם געגויעם פּלאַן וועגן שטורעמען ליבערטאַטיא און ראָגאַ־טשעסטי, האָט יאָהאַן מילער באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ער זאָל מאַכן פֿאַרבאַרייטונגען פֿאַר אַ באַראַטונג מיט העכערע באַאַמטע. אין דער טעלע־גראַמע איז אויך געווען אַ באַפֿעל, אַז ער זאָל תּיכּף זיך אומקערן קיין טשערנאָוויץ.

קיין מאָל פֿריער האָט פֿראַנץ צימערלע ניט געזען זיין שעף אַזוי שטאַרק אויפֿגערעגט. „פֿאַרפֿלוכט זאָל דאָס ווערן! די דאָזיקע דרעקישע מעשה דאָ נעמט אָן ערנסטערע פֿאָרמען, ווי איך האָב געטראַכט.״ שפּעטער האָט ער גערופֿן פֿראַנץ צימערלע און האָט קרולע צו אַ געהיימער באַראַטונג. ניין, קיין באַראַטונג איז דאָס ניט געווען. ס'איז געווען אַ זידלעריי אין אַ טאָן, וואָס ווערט גענוצט אין דער אונטערוועלט.

— איר זייט דאָ פֿויל געוואָרן. איר, פֿראַנץ צימערלע, אויך. ווען איך האָב געלייגט אַזוי פֿיל האָפֿענונגען, האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין בעסערע ציַיט פֿאַר חתונה האָבן און האָניק־וואָכן, ווי די דאָזיקע שטורעמדיקע טעג! דער פֿירער פֿאַרגינט זיך ניט קיין מינוט רו, כּדי וואָס שנעלער צו ברענגען אַן אַנטשיידונג. ער אַרבעט טאָג און נאַכט, פֿירט זיינע אַרמייען, און איר דאָ פֿראַוועט הוליאַנקעס. איר, פֿראַנץ צימערלע, שפּילט דעם פֿאַרליבטן

ייִנגל און זעט ניט וואָס עס טוט זיך אונטער אייער נאָז. און איר, האַנס קרולע, אַן אַלטער קעמפער, זייט געוואָרן פלעגמאַטיש. וואָלט איך ניט געוואוסט אייער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט איך געמוזט אָננעמען, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַ טויגעניכטס. ווייסט איר אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איר געפינט זיך? איר פּאַסט זיך צו גיין אין אַ מושב־זקנים אָדער אין אַן אַנשטאַלט פאַר אַלקאָהאָליקער. אָבער איין זאַך וועל איך אייך זאָגן, מיינע הערן פּאַרטיי־גענאָסן: אויב אין דער דאָזיקער קראָם וועט קיין אָרדענונג ניט זיין, ווען איך וועל צוריקקומען, וועל איך דאָ אויסקערן מיט אַן אייזערנעם בעזעם. קעגן ליבערטאַטיאַ און ראָגאַטשעסטי דאַרף מען קיין זאַך ניט אונטערנעמען, ביז איך וועל צוריקקומען. אָבער ביז דאַן מוז איך האָבן גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דעם, ווי שטאַרק די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ זיינען, וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג עס איז פאַראַן צווישן די פּויערים פון ראָגאַטשעסטי און די דאָזיקע באַנדיטן, און וואו דער גלח פון ראָגאַטשעסטי האָט געקראָגן דאָס געלט. איר קאָנט טאָן מיט אים, וואָס איר ווילט. אָבער ווען איך וועל זיך אומקערן קיין סערעט, מוז ער זיך געפינען אין אַ צושטאַנד, אַז איך זאָל נאָך קאָנען דורכפירן דעם לעצטן פאַרהער. און אויף דעם דאָזיקן רומעניער צערטיאַן האַלט אַ וואַכזאַם אויג. איך האָב ניט דעם איינדרוק, אַז ער האָט וועלכע ס'איז פאַרבינדונגען מיט דער „אייזערנער גוואַרדיע”, אָדער מיט דער אַנדער זייט. ער איז אָבער וואָס מען רופט אַן אינטעלעקטואַל, וועלכער טרוימט פון גערעכטיקייט און קולטור. דער אידיאָט רעדט וועגן רומענישער פרייהייט. דאָס איז אַלעמאָל אַ געפאַר. נאָך אַמאָל: קיין אומנויטיקע רייבונגען מיט אים, אָבער פאָרזיכטיקייט און אַ וואַכזאַם אויג.

יאָהאַן מילער מיט זיינע באַגלייטער האָבן פאַרלאָזט סערעט. פראַנץ צימערלע האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס הענריעטע האָט ניט געהערט דעם דאָזיקן געשפּרעך. ער איז אויך געווען צופרידן, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט פון יאָהאַן מילערס אָנוועזנהייט אין שטאָט, האָט דער אַלטער ייִד, יאָסל שמש, אין ערגעץ זיך ניט געוויזן. אָבער פראַנץ צימערלע האָט געהאַט אַ טעות. הענריעטע האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, הינטער דער טיר. זי איז געווען געוואוינט צו זען אין אים דעם אומדערשראָקענעם הערשער און העלד. ער האָט איר דערציילט, אַז פון דעם מאָמענט, ווען ער האָט בייגעקומען די שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען אין וועג פון זייער חתונה, און זי איז אויפגענומען געוואָרן אין דער ריין־אַרישער, נאָרדישער הערן־ראַסע, באַטראַכטן דער פירער און אַלע זיינע העכערע באַאַמטע די דאָזיקע חתונה מיט צופרידנקייט. און דאָ האָט זי געהערט ווי מען שייגעצט אים אויס, ווי דעם לעצטן גאַסן־ייִנגל, פאַר זיין ליבע צו איר און מען רעדט צו אים אין אַ טאָן, וואָס האָט זי אויפגעבראַכט, און אַז ער וואַגט אַפילו

ניט צו ענטפערן. איר דרך־ארץ פאַר אים איז געווען אונטערגעגראָבן. זי איז געוואָרן פאַרשלאָסן אין זיך. און גראָד דאָס האָט אויף פראַנץ צימערלע געווירקט אָנציענד. ווידער האָט ער געזען אין איר די שטאָלצע, ניט־צוגאַנגבארע וואַנדאַלין. אים האָט געשיינט, ווי ער וואָלט זי נאָך ניט גע־קענט, ווי זי וואָלט געווען די שטאָלצע פעסטונג, וואָס ער דאַרף ערשט דעראָבערן.

ביינאַכט, ווען זיי זיינען געגאַנגען שלאָפן, האָט ווידעראַמאָל זיך דער־הערט פון בית־עולם יאָסל שמשס שטים, אַזוי פינצטער, טיף און פול מיט געהיימניש, ווי דאָס וואָלט געווען די שטים פון דער נאַכט אַליין. „מיט אים וועל איך מאָרגן מאַכן אַ סוף", האָט פראַנץ צימערלע געזאָגט נערוועז. „אָבער דאַן וועסטו פריער מוזן מאַכן מיט מיר אַ סוף", איז געקומען דער ענערגישער ענטפער אין אַ טאָן, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדע ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונג. זי האָט זיך אויסגעקערט און מער ניט גערעדט קיין וואָרט.

:: :: ::

לויט דעם מנהג פון דער סיגוראַנצאַ, האָט מען דעם גלח פון ראַגאַ־טשעסטי געלייגט הייסע, אויף קוילן געבראָטענע, אייער אונטער די אָרעמס, צו צווינגען אים געבן באַווייזן. דער אַלטער גלח איז געוואָרן בלייך, טראָפּנס שוויים האָבן אים גערונען פון שטערן. ער האָט פאַרשטשעמעט די ציין, זיינע נאָזלעכער האָבן זיך געהויבן. ער האָט אָבער ניט גערעדט. ווען די דאָזיקע מאַטערניש האָט ניט געווירקט, האָט האַנס קרולע אים געעפנט מיט אַן אייזן דאָס מויל און אַריינגעגאָסן ריצנאויל. ער האָט דאַן געוואָרגט. ווען דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ער אָנגעהויבן אים שטעכן מיט נאָדלען. דער גלח האָט געשוויגן. האַנס קרולע האָט געמורמלט צו זיך אַליין: „אַ שיינע אַרבעט האָט דער שעף אונדז דאָ געגעבן. קריג אַרויס פון אַזאַ חיה אַ ווידוי און גאַראַנטיר פאַר זיין לעבן. אַזאַ שטיקל אַרבעט וואָלט איך מיט פאַרגעניגן איבערגעלאָזט פאַר אים אַליין."

פראַנץ צימערלע האָט שוין לאַנג זיך ניט געפונען אין אַזאַ לאַגע ווי איצט. אוועקפאָרן האָט ער ניט געקאָנט, ווייל יאָהאַן מילער האָט אים גע־געבן באַשטימטע אויפגאַבן דורכצופירן. זיין אולטימאַטום צו די פויערים איז אויסגעגאַנגען, און ער האָט קענען זיי גאָרנישט געקאָנט אונטערנעמען. די וויכטיקסטע אויפגאַבע, אַרויסקריגן פון דעם גלח ידיעות וועגן דער באַ־העלטעניש פון דעם בירגערמייסטער און וואו ער האָט גענומען דאָס געלט, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

דער גלח איז געלעגן שווער קראַנק. פראַנץ צימערלע האָט זיך געמוזט באַמיען צו דערהאַלטן דעם אַלטן ביים לעבן, כדי יאָהאַן מילער זאָל אים קאָנען נאָך אַמאָל נעמען אויף אַ פאַרהער. אין הויז איז די אַטמאָספערע געווען אַ געשפּאַנטע. ער האָט דעריבער באַשלאָסן, אומאַנגענעם ווי דאָס

איז אים געווען, ענגער צוזאַמענאַרבעטן מיט דעם דאָזיקן רומעניער צערטיאַן. שוין דעם נעקסטן טאָג, האָט ער געוואָלט פאָרן צוזאַמען מיט אים אין ראַגאַטשעסטי, באַטראַכטן די געגנט און זען קריגן ידיעות וועגן ליב/ערטאַטיאַ דורך כאַבאַר, דראַאונג, אָדער אויף וועלכן ס׳איז אַנדער אופן. באַזונדערס האָט ער געוואָלט זיך דערקונדיקן, צי מאַראַרעסקו געפינט זיך דאָרטן באמת, וויפיל מענטשן ער האָט, און ווי שטאַרק זיי זיינען באַוואָפנט.

אָבער מיטאַמאָל האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון טשערנאָוויץ. מיט אַ פּאָר טעג פריער, וואָלט ער אַזאַ טעלעגראַמע געעפנט מיט פריידיקער דערוואַרטונג, אין דער האָפענונג, אַז דאָס איז אַ חתונה־באַגריסונג, אָדער גאָר אַ ידיעה וועגן אַ העכערונג אין ראַנג. איצט האָט ער קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט, וואָס זי אַנטהאַלט. ער האָט געעפנט די טעלעגראַמע מיט ציטערנדיקע הענט און געלייענט: „תיכף קומען קיין טשערנאָוויץ, אָפּגעבן באַריכט. פּאַל ערנסט. יאָהאַן מילער."

פראַנץ צימערלע האָט זיך אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. ער האָט זיך דערשראָקן און געערגערט פון דעם, ווי בלאַס ער איז געווען. „וואָס ביסטו, אַ סאָלדאַט פון דעם פירער אָדער אַ שרעקנדיקער האָז? דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר אָפּגעבן אַ באַריכט? ביזטו באַגאַנגען אַ פאַרברעכן? אַלס צווייטער קאָמאַנדאַנט פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד, האָב איך העכער פערציק מלוכה־שונאים אַוועקגעלייגט." אין דער צייט, וואָס אין אַנדערע לאַגערן זיינען זייער אָפט פאָרגעקומען אויסברוכן און מען האָט אַפילו אַנטדעקט מימיאָגראַפירטע אַנטי־נאַצי ציידונגען, איז ביי אים אין לאַגער, אַ דאַנק זיין פאָרזיכטיקייט, אַזוינס ניט פאָרגעקומען. אין פוילן בין איך געווען איינער, פאַר וועמען זיי האָבן צום שטאַרקסטן מורא געהאַט. סערעט האָב איך שנעל געמאַכט יידן־ריין, ווי קיין שום אַנדער שטאָט אין בוקאָווינע. אמת, דער דאָזיקער יאָסל שמש. און מיין העבריעטע באַשיצט אים. און איך? ווי איך וואָלט ניט געהאַט מער פאַרדינסטן, צום ביישפּיל — יאָ, איך מוז דאָך האָבן נאָך מער פאַרדינסטן. אָבער ער האָט זיך פון קיין אַנדערע געקאָנט דערמאָנען. נידערשלאָגן, פאַרזונקען אין געדאַנקען, האָט אים העבריעטע איבערראַשט מיט איר אַריינקומען. קאַלט האָט זי אים געפרעגט, וואָס עס דריקט אים אַזוי שטאַרק.

— איך מוז אויף עטלעכע טעג אָפּפאָרן קיין טשערנאָוויץ. און דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן, מיין ליבלינג, מיין אוצר, ווי שווער מיר איז דיך איבערצולאָזן איינע אַליין אין די ערשטע טעג פון אונדזער צוזאַמענלעבן. — ער האָט זיך באַמיט אַרויסרעדן די דאָזיקע ווערטער ווייך, וואָס איז אים טיילווייז געלונגען.

— פליכט קומט פאַר פאַרגעניגן, — האָט העבריעטע געזאָגט.

פראַנץ צימערלע האָט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי בעטן

סעטפֿאַן צערטיאַן, ער זאָל אַליין נאָך אַמאָל צופֿאָרן קיין ראָגאַטשעסטי. ער האָט מיט אים איינגעטענהט, אַז ער זאָל זען טאָן אַלץ אַרויסצוקריגן די נויטיקע ידיעות. ער האָט אים דערמאָנט, אַז די געשטאַפּאָ האַלט פֿון דער סיגוראַנצאַ מער ווי פֿון אַלע געהיים־דינסטן אין אייראָפּע. „אַ מאַן מיט אייערע דערפֿאַרונגען און פֿאַרדינסטן וועט דאָך קאָנען זיך ספּראַווען מיט אַזאַ ענין.״ און אַריינצוברענגען סטעפֿאַנען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט ביי אים, וואָס עס טוט זיך אין דער רומענישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, פֿון וועלכער ער, סטעפֿאַן, איז דער פֿירער. האַנס קרולען האָט ער געגעבן אַ באַפֿעל זיך צו נעמען אין די הענט און אין זיין אָפּוועזנהייט זיך פֿירן ווי אַן אמתער פֿירער פֿון דער געשטאַפּאָ און פֿון דער פֿאַרוואַלטונג אין סערעט. „דאָס איז נאָך מער נויטיק, ווייל די טרופּן פֿון דעם היגן גאַרניזאָן זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט צוויי טעג צוריק נעענטער צום פֿראָנט און מיר האָבן בלויז פּופּציק זשאַנדאַרן צו אונדזער דינסט.״ מיט אַ שווער האַרץ איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין טשערנאָוויץ.

ווען ער איז אָנגעקומען אין אָוונט אין טשערנאָוויץ און זיך געמאָלדן אין דער קאָמאַנדאַטור, האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז יאָהאַן מילער געפֿינט זיך אויף אַ קאָנפֿערענץ אין דער וואוינונג פֿון דעם עריך־בישאָף. די דאָזיקע געביידע, אין גאָטישן סטיל, איז געווען די שענסטע אין גאַנץ בוקאָווינע. זי האָט געהאַט דיקע ווענט און געגאָלטן אַלס אַ זיכערער פּלאַץ קעגן אַן איבעראַשנדיקן אָנגריף. ער האָט אויסגעפֿונען, אַז די געשטאַפּאָ האָט דאָרטן לעצטנס געמאַכט איר הויפּט־קוואַרטיר. ווי עס האָט אויסגעזען, האָט מען זיך געפֿילט ניט אינגאַנצן זיכער.

ער האָט זיך געמאָלדן צו יאָהאַן מילער. דער לעצטער האָט אים העכער אַ שעה געלאָזט וואַרטן אין אויפֿנאַם־צימער. עס איז שוין געווען אין מיטן דער נאַכט, ווען יאָהאַן מילער, אַ פֿאַרשוויצטער, אַ פֿאַרמאַטערטער, איז אַרויסגעקומען אים זען. זיין פּנים איז געווען שטרענג.

— עס קומט דאָ גראָד פֿאָר אַ באַראַטונג פֿון די געשטאַפּאָ־לייט פֿון אַלע רומענישע פּראָווינצן. אין פֿירנדיקע קרייזן מוז מען צוגעבן דעם פּאַל מיט מאַראַרעסקו אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי איך האָב פֿון אָנהויב אָנגענומען. די הויפּט־קוואַרטיר וויל ניט קיין בלוטיקע מעשים, איידער עס ווערט געמאַכט אַ לעצטער פּאַרזוך אים צו ברענגען צום זינען.

פֿראַנץ צימערלע איז געווען דערשטוינט.

— וועלן מיר קאַפּיטולירן פֿאַר אַזאַ ציגיינער־באַנדיט?

— עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם. מען איז געבליבן שטיין ביי אָדעס. די הינט, די באָלשעוויקעס, ווייזן אַרויס אַ גרעסערן ווידערשטאַנד, ווי מ׳האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן. מען רעדט אַפֿילו, אַז די מלחמה דאָ אין מזרח וועט אַזוי גיך זיך ניט ענדיקן. אַנדערע זיינען אַזוי פּעסימיסטיש,

אז זיי גלויבן, אז מיר וועלן מיט דער רויטער ארמיי ניט פארטיק ווערן פאר סוף יאר, און אז אפשר דעם קומענדיקן יאנואר, דאס הייסט אין פיר חדשים ארום, וועט מען זיך טרעפן מיט די יאפאנעזער ערגעץ־וואו אין אזיע. דאס מיינט, אז מיר נויטיקן זיך אין רומענישע דיוויזיעס. ווארים מיר ווילן דאך ניט מקריב זיין די גאנצע דייטשישע יוגנט. נאך דעם זיג מוזן מיר דאך האבן איבערגענוג מענטשן צו קאנען פארוואלטן גאנץ אייראפע, צוויי־דריטל אזיע, גאנץ אפריקע און אפשר אויך אויסטראליע און אמעריקע. דיוויזיעס, ליבער פריינט, דאס איז וואס מיר דארפן איצט — רומענישן מענטשן־מאטעריאל, וואס מיר זאלן קאנען די ערשטע ווארפן אין פייער ביי אדעס, ביים דניעפער, ביי מאסקווע, אז זיי זאלן פריי מאכן דעם וועג פאר אונדזערע טרופן. און דעריבער דארפן מיר אראפשלינגען עטוואס, וואס איז ניט אנגענעם. מאראַרעסקו האט גרויס אנזען אין דער ארמיי און אין נאציאנאלע קרייזן. דו פארשטייסט, אז מיר מוזן האנדלען פארזיכטיק.

פראנץ צימערלע האט לייכטער אפגעאטעמט. ער האט זיך געפילט געהויבן, וואס מען האט אים אהער איינגעלאדן זיך צו באטייליקן אין אזא וויכטיקער בארעטונג. עס האט אים שוין באנג געטאן, וואס הענריעטע איז ניט מיטגעפארן מיט אים. פלוצלונג אבער האט ער דערזען א פארענדערונג אין מילערס פנים.

— יא, פארוואס איך האב דיך גערופן אהער. — ער האט ארויסגענומען א פאפיר פון קעשענע און עס איבערגעגעבן פראנץ צימערלען. יענער האט איבערגעלייענט און קוים זיך געקאנט איינהאלטן אויף די פיס.

— אוממעגלעך! — האט ער געזאגט. — אוממעגלעך! דאס האט א שונא אפגעשפילט א שטיקל. אין סערעט קאן אזוינס ניט פארקומען. אין דער ברויערי?... אטא פאן ראובניטש איז געטריי ביז צו די שפיץ פינגער. ס'איז אוממעגלעך צו גלויבן, אז גראד דער סערעטער ביר זאל מאכן די סאלדאטן ברעכן, ארויסרופן דיזענטעריע און אנדערע קראנקהייטן. אפשר האט עמעצער, וואס איז אומפאראנטווארטלעך, פארביטן אונדזער ביר מיט אנדערע.

— קיינער האט דא גארנישט פארביטן. איך האב היינט גערעדט מיט דער עטאפן־קאמאנדע. דער באריכט גיט גענוי אן די נומערן פון די פעסער און דעם שטעמפל פון דער פירמע. די קראנקע זיינען געווען נאר אין די באטאליאנען, וואס האבן געטרונקען סערעטער ביר. א כעמישע אונטערזוכונג האט באוויזן, אז איידער מ'האט אנגעפילט די פעסער, האט מען זיי אויסגעשמירט מיט דזשעגאכץ און אריינגעגאסן ריצנאויל. אין איינעקע פעסער האט מען געפונען טויטע מייז און ראצן. דו פארשטייסט, ליבער פריינט, אז מען וועט די שולדיקע ניט געפינען, וועט זיין זייער שלעכט פאר

אייך אַלעמען. האָט ניט דער דאָזיקער רומעניער, ווי הייסט ער דאָרטן, סטעפאַן צערטיאַן, עפּעס צו טאָן מיט דער ברויעריי?

— צום באַדויערן, ניט, — האָט פראַנץ צימערלע זיך אַרויסגערעדט ניט־ווילנדיק. — ערשט ניט לאַנג האָט אַמאָ פאַן ראָובניטש זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז דער דאָזיקער שווייגנדיקער, פאַרביסענער רומעניער האָט ביז איצט ניט געפונען פאַר נייטיק כאָטש איין מאָל צו באַזוכן די ברויעריי. אַ גרויסע ראָלע אין דער ברויעריי שפּילט סימיאָן שטראַוב. אָבער ער איז איינער פון אונדזערע אָנפאַרטרויטע מענטשן, דער סעקרעטאַר פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט פון סערעטער באַצירק. און די דאָזיקע אַרבעט נעמט ביי אים אַוועק אַזויפיל צייט, אַז ער קאָן זיך ניט אָפּגעבן צופיל מיט דער ברויעריי. איך גלויב, אַז איך קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ער שטייט אויסער יעדן פאַרדאַכט.

— ווייסטו איבערהויפּט עטוואָס מער וועגן דעם דאָזיקן סימיאָן שטראַוב?

— ער איז איינער פון די ווייניקע אין סערעט, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעגליטשט. ער איז אין אַ געוויסער מאָס דער גרינדער פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט, ווי פיל אַנדערע אין דער ברויעריי, צו אַ יוניאָן אָדער מאַרקסיסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דער פאַריקער מלחמה האָט ער באַקומען די גרויסע און קליינע זילבערנע מעדאַלן פאַר העלדישקייט. וואָס קאָן מען מער דערוואַרטן פון אַן אויסלענדישן דייטש, וועלכער איז ווייט פון אַן ענגערער פאַרבינדונג מיט דעם פאָלקס־קערפּער? איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ סך אַזעלכע סימיאָנס.

— ליבער פריינט, מ׳דאַרף זיין מער פאָרזיכטיק. יעדנפאַלס, שטייט איצט ניט די פראַגע וועגן סימיאָן שטראַוב, נאָר וועגן פיל מער. אין סערעט איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש. הונדערטער, אפשר טויזנטער פון אונדזער סאָלדאַטן זיינען צוליב דעם קראַנק געוואָרן, וואָס האָט געשעדיקט זייער קאַמפס־פעיִקייט. דו ווייסט, אַז פאַרן פירער ביזטו דער פאַראַנטוואָרטלעכער אין סערעט. צי איינער הייסט סימיאָן און אַ צווייטער קונצע, דאָס אינטערעסירט אפשר דיר. דער פירער און דיינע העכערע באַאַמטע קענען אין סערעט בלויז פראַנץ צימערלע און זיין פאַרטרעטער האַנס קרולע. איבעריקנס מוז איך דיר זאָגן, אַז אויב דער האַנס וועט זיך ניט אַריינמישן אין די הענט, וועט ער שלעכט פאַרענדיקן. נו, אַז דו ביזט שוין דאָ, וואַרט ביז מאָרגן אָוונט, ווען די באַשלוסן פון אונדזער קאָנפערענץ וועלן באַקאַנט געמאַכט ווערן, און איך וועל דאַן זען, וואָס מיר קאָנען אונטערנעמען אין דער פראַגע מאַראַרעסקו, ליבערטאַטיאַ און ראַגאַטשעסטי. סערעט און אומגעגנט זיינען אַן אָפּטרעט. עס זיינען אויסגע־

וואַקסן כחות, פיינטלעכע כחות, ווען איר האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלץ איז זיכער. דאָס קאָן און טאָר ניט אַזוי ווייטער פאַרבלייבן. מאָרגן וועלן מיר זיך ווידעראַמאָל זען.

20.

הגם די געשטאַפּאָ האָט זיך באַמיט צו האַלטן די מעשה מאַראַרעסקו בסוד, האָט זי ניט געקאָנט פאַרמיידן, אַז מען זאָל וועגן דעם רעדן אין אַלע מיליטערישע קרייזן. מ׳האָט אָנגעהויבן דערציילן פאַנטאַסטישע מעשות וועגן מאַראַרעסקו. מאַראַרעסקו, אַזוי האָט מען גערעדט, אָרגאַניזירט אַן אַרמיי צוריקצונעמען פון די אונגאַרן טראַנסילוואַניע; עמיגראַנטן און סטודענטן פון פאַרשיידענע פּראָווינצן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן מאַראַרעסקון, כדי זיך אָנצושליסן אין אים; עס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אומלעגאַלע פלוג־בלעטלעך, מיט מאַראַרעסקוס בילד; די פּרעסע האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אַ קריגערישן טאָן קעגן אונגאַרן. די מעשה מאַראַרעסקו האָט אויפגערודערט די עפנטלעכקייט. דער דייטשישער אַמבאַסאַדאָר און דער אויבער־קאָמאַנדיר פאַר רומעניע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן צו היטלערן אין זיין הויפּט־קוואַרטיר. ענדלעך, האָט דער רומענישער פּרעמיער אַנטאָנעסקו אַליין באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען צו היטלערן. דאָס איז דווקא געשען אין די טעג, ווען די רומענישע טרופּן האָבן שווער געבלוטיקט ביים לינקן ברעג פון דניעסטער.

היטלער האָט אויפגענומען אַנטאָנעסקון קאַלט און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: „מיין ליבער פריינט, איר ווילט, הייסט עס, אויפהויבן אַ קריג קעגן אונדזער פאַרבינדעטן, קעגן אונגאַרן. האָט איר שוין אויך פאַרהאַנדלט מיט סטאַלינען? פון אים קאָנט איר קריגן יעדע אונטערשטיצונג פאַר אַ קריג קעגן אונגאַרן, אויב ער וועט פריער ניט אַנטלויפן קיין אַמעריקע, אָדער וועט זיך ניט געפינען אין אַ דייטשישן לאַגער פאַר געפאַנגענע.”

אַנטאָנעסקו האָט זיך געפילט געטראָפן.

— איך האָב דעם דאָזיקן פאָרוואורף ניט פאַרדינט, מיין פירער. האָב איך ניט צוגעשטעלט שוין 32 דיוויזיעס, אָנשטאָט די צוגעזאָגטע צוואַנציק? ציילט ניט מיין אַרמיי שוין 60 טויזנט פאַרלוסטן אין טויטע אַליין? בין איך דען ניט געגאַנגען ווייטער ווי אונדזערע אָפּמאַכן? זיינען מיינע טרופּן ניט אַריבער דעם דניעסטער, הגם מיר האָבן ניט אויפגעהויבן קיין טעריטאָריעלע תּביעות אויף דעם געביט פון דער אַנדער זייט דניעסטער...

היטלער האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן.

— עקסצעלענץ, וועגן דעם האַנדלט זיך דאָך טאַקע. מיר ווילן אייך גרויס מאַכן אַפילו קעגן אייער אייגענעם ווילן. איר ווייסט אַפילו ניט, וואָס

עס קומט פאַר. שקלאַפן ווילט איר בלייבן. פאַרוואָס נאָר ביזן דניעסטער? אָדעס וועט ווערן רומעניש. איר וועט באַקומען אַ גרויסע שטיק פון דער פרוכטבאַרער אוקראַינע. דער שוואַרצער ים וועט ווערן אַ רומענישער „מאַרע נאָסטרום". אָבער איר מוזט אויך עטוואָס טאָן פאַר דעם. אונטער קיין אומשטענדן קאָן איך ניט דולדן, — ער האָט אָנגעהויבן שרייען, ווי ער וואָלט געווען אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, — אַז מאַראַרעסקו און ענלעכע צו אים זאָלן אונדז דערלאַנגען מיט אַ מעסער אין רוקן. די פאַרבינדונגען פון מיין אַרמיי מיטן הינטערלאַנד מוזן זיין פריי פון באַנדעס. די וויכטיקע אייזנבאַנען פירן איבער בודאַפעסט און טראַנסילוואַניע. אין שפּעטסטנס פינף טעג וויל איך, אַז מאַראַרעסקו און זיינע מענטשן זאָלן זיך געפינען הינטער שלאָס און ריגל. ווער איז איבערהויפּט דער דאָזיקער מאַראַרעסקו?

— מאַראַרעסקו איז איינער פון אונדזערע טיכטיקסטע אָפיצערן, איינער פון אונדזערע איבערגעגעבנסטע מענטשן, אַ פאַרקעמפער קעגן יידנטום און באָלשעוויזם . . .

נאָך אַמאָל האָט היטלער אים בייז אונטערבראָכן: „ער איז אַ מערדער פון ס.ס.־לייט, אַ שונא פון דעם דריטן רייך; איינער, וואָס שפּילט אריין די באָלשעוויקעס אין די הענט אריין."

— מיין פירער, עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס איז נאָך ניט אויפגעקלערט. איך קען מאַראַרעסקון. ער איז געווען מיין לערער אין דער אַרטילעריע־שול. ער קאָן ניט זיין קיין שונא פונעם דריטן רייך. איך גאַראַנטיר פאַר דעם. ווען איר וועט צושטימען, מיין פירער, וועל איך זיך ווענדן צו אים דורך דער ראַדיאָ, און אויב ער וועט זיך ניט אונטערוואַרפן, דאַן וועלן מיר אים דערקלערן פויגל־פריי און טאָן אַלץ צו מאַכן אים און די אַנדערע רעבעלן אומשעדלעך. וואָרים איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפלט, מיין פירער, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט קאָן פאַר אונדז ניט זיין קיין העכערער ציל, ווי צו פאַרניכטן דעם באָלשעוויזם און זיך אָפּרעכענען מיט די דעמאָקראַטיעס. מיט אונגאַרן וועלן מיר זיך אָפּרעכענען שפּעטער.

— מיט אונגאַרן איז ניטאָ קיין חשבונות. די פראַגע וועגן טראַנסילוואַניע איז באַשלאָסן. רומעניע באַקומט לעבנס־רוים אויף דער לינקער זייט פון דניעסטער. אויסער דעם האָבן מיר באַפרייט רומעניע פון 600 טויזנט יידן. אַלזאָ, איך דערוואַרט פון אייך ענדגילטיקע רעזולטאַטן וועגן דער פראַגע מאַראַרעסקו, אין פינף טעג צייט. ביז דאַן וועלן מיר פון אונדזער זייט גאָרנישט אונטערנעמען.

אָן אַ גוטשייד־וואָרט, איז היטלער אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אַנטאָנעסקון. היטלערס אדיוטאַנט האָט באַגלייט דעם נידערגעשלאָגענעם רומענישן דיקטאַטאָר צום אויטאָמאָביל.

:: :: ::

ווען די קליינע פּאַרטיזאַנען־גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין דעם זומפּ־געביט פון פּאָיעני, האָבן בלויז צוויי פון זיי געהאַט אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, וואָס זיי ווילן אייגנטלעך. דאָס זיינען געווען חיים לאַנדער און אַ פּויער פון פּאָיעני. דער דאָזיקער פּויער איז אַלס עסטרייכישער קריגס־געפאַנגענער אַריינגעפאַלן ביי דעניקינען אין אַ געפענגעניש, אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג. ער איז אַנטלאָפן און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע, אין אוקראַינע, וואו ער איז פאַרבליבן ביזן סוף פון דעם בירגער־קריג.

פון די אַנדערע, וואָס האָבן געהערט צו דער גרופּע, האָט זיך ניט געפונען קיין איינציקער, מיט דער אויסנאַם פון פּעטרושקאַן, וואָס זאָל ניט האָבן געליטן דירעקט פון דער מלחמה און פון די ברוטאַליטעטן פון די נאַצים און די רומענישע באַאַמטע. די דאָזיקע מענטשן, סיי די יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון סערעט, סיי די פּויערים פון די דערפער פּאָיעני און ראַגאַטשעסטי, זיינען אין פאַרלויף פון צוויי צענדליק יאָר רומענישער הערשאַפט געווען צוגעוואוינט צו אונטערדריקונג און רעכטלאָזיקייט. עס זיינען געווען צייטן, ווען פאָרמעל האָבן אין רומעניע געהערשט דעמאָקראַטיע און גלייכבאַרעכטיקונג. מען פלעגט רופן די דאָזיקע פּויערים זיך צו באַטייליקן אין וואַלן. די זשאַנדאַרן האָבן זיי אָבער ניט געלאָזט פריי שטימען. מען פלעגט יעדן דערלאַנגען אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט, מיט דער באַגרינדונג, אַז די וואַלן זיינען געהיימע, און דער וויילער דאַרף דעריבער ניט וויסן דעם אינהאַלט פון דעם קאָנווערט, דאָס הייסט, די נעמען פון די קאַנדידאַטן, פאַר וועלכע ער שטימט. מען האָט פון זיי אַרויסגעפּרעסט שטייערן איבער זייערע כחות צו צאָלן און זיי דערצו נאָך איבערגעגעבן אין די הענט פון שלעכט־באַצאָלטע באַאַמטע. זיי זיינען געווען צוגעוואוינט צו באַקומען אורטיילן פון געריכט, ניט האָבנדיק אויסגעהערט דעם אָנגעקלאָגטן. עס איז געוואָרן כמעט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די קאָלבעס פון די זשאַנדאַרן און די בייטש פון דער סיגוראַנצאַ זאָלן זיין די סימבאָלן פון דער יוסטיץ.

זייענדיק צוגעוואוינט צו אומגערעכטיקייט, האָבן די נאַצים ביים אַריינמאַרשירן אין לאַנד ניט באַגעגנט קיין שום ווידערשטאַנד. אָבער אין יאָר 1940 איז די רויטע אַרמיי צוגעקומען ביז דעם לינקן ברעג פון טייך סערעט. פון אָנהויב האָט עס די פּויערים אויסגעזען אומבאַגרייפלעך, אַז מען זאָל זיי איבערהויפּט האַלטן פאַר מענטשן. אָבער ביסלעכוויז האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו דעם, אַז זיי דאַרפן אין דאַרף ניט נאָר צאָלן, נאָר אויך באַשליסן. ווען דער גרויסער גוט־באַזיצער, פון וועמען זיי האָבן געגלויבט צו זיין אויף אייביק באַפרייט, האָט זיך צוריק אומגעקערט, האָבן די פּויערים געפילט די ענדערונג אויף אַזוי פיל שטאַרקער. עס האָט אויסגעזען ווי דער

גרויסער גוט־באַזיצער וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּן, וואָס ער האָט אין אַ יאָר צייט ניט געקאָנט טאָן. שוין דעם ערשטן טאָג, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעמאַרשירט, און דער גוט־באַזיצער פאַן סאַוער האָט נאָכגעפאָלגט זייערע טריט, האָט מען אויפגעהאַנגען אַ צאָל פּויערים אַלס די רעדל־פירער. די ערשטע נאַכט פון דער ענדערונג אין דעם רעזשים איז געווען אַ נאַכט פון שרעק. די פרויען און מיידלעך פון פּאָיעני זיינען פאַרגוואַלטיקט גע־וואָרן פון די אַנגעהעריקע צו דער דייטשישער קאָלאָניע. דריי האָט מען געפונען דערוואָרגענע אין זייערע בעטן.

אַזוי זיינען פיל פון די פּויערים אַנטלאָפן אין די זומפּן, אַנטשלאָסן צו נעמען נקמה פאַר זייערע קרובים און אויפנעמען אַ קאַמף פאַר דעם, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן. ווי אַזוי זיי וועלן דאָס טאָן, וועגן דעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום באַגריף. זיי זיינען אַנטלאָפן אין די זומפּן אונטער דער פירערשאַפט פון איינעם פון זיי, וועלכער האָט נאָך דער פאַריקער מלחמה געקעמפט אין אוקראַינע.

אין דעם זומפּ־געביט האָבן זיי געפונען זייער אַלטן באַקאַנטן סערעטער שמיד, כאַצקל וואַגנער, און זיין יונגע טאָכטער רעבעקאַ, ווי אויך אַ צאָל יידישע קצבים, פורמאַנעס און אַנדערע באַלמעלאָכעס, און האָבן וויליק אָנ־גענומען די פירערשאַפט פון חיים לאַנדער. זיי האָבן קוים געהאַט אַ באַגריף וועגן דער שטאַרקייט פון דעם שונא און דעם פאַרנעם פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. זיי האָבן תיכף געוואָלט אַריבערגיין צום אָנ־גריף. אָבער חיים האָט זיי געזאָגט: „מיר קאָנען איצט, ווען דער שונא איז דאָ אַזוי שטאַרק, קיין סך ניט אויפטאָן. האַלט איין אייערע נקמה־געפילן אין זיך. אונדזער טאָג וועט נאָך אויך קומען.”

אַ צווייטן מאָל האָט ער זיי געזאָגט: „מיר זיינען דאָ אָפּגעשניטן פון דער וועלט און לעבן אין זומפּ. אָבער פון צייט צו צייט קומט אַ שליח פון דרויסן. ווייסט איר וואָרום? די אַנדערע אין דרויסן, די וואָס לעבן היימלעך אין די גרויסע שטעט, האָבן נאָך ווייטערדיקע פאַרבינדונגען, מיט ענגלאַנד און אַמעריקע, פון וועלכע איר ווייסט כמעט גאָרנישט, און מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איר קענט יאָ. פאַרוואָס, דענקט איר, האָט די רויטע אַרמיי זיך צוריקגעצויגן? גיט נאָר אַ קוק! דאָ האָב איך אַ מעסער. ער האָט אַ גוט קלינגל, וואָס איך קאָן קוים איינבויגן. און וואָס מער איך בויג עס, אַלץ שטאַרקער שלאָגט עס צוריק, ווען איך לאָז אָפּ. די רויטע אַרמיי איז אַ גוטע אַרמיי. זי ציט זיך צוריק אין די אומענדלעכע וויטן פון רוסלאַנד. וואָס ווייטער זי בויגט זיך צוריק, אַלץ שטאַרקער וועט זי אַ שלאָג טאָן פאָראויס.”

זיי האָבן צוגעוואונקען.

ער האָט געגעבן אַ שמייכל און צוגעגעבן: „מיר דאַרפן וואַרטן און

זיך לערנען שיסן.״ די אַנדערע האָבן אויך געשמייכלט און דער פויער יערע־מענקאָ האָט געזאָגט גאַנץ הויך: „ער איז גערעכט, איך קען נאָך ניט ריכטיק שיסן.״

גאַנץ פרי פלעגן זיי גיין קלייבן יאַגדעס. אייניקע האָבן געבראַכט גאַנצע שטאַמען קוקורוזע, וואָס מען האָט געטריקנט; זיי האָבן געקליבן עפּל, ריבעלעך, אוגערקעס און קאַרטאָפל. זיי האָבן געדאַרפט צוגרייטן אַ זאַפּאַס שפּייז פאַר דער צייט, ווען מען וועט גאָרנישט קאָנען קריגן אין וואַלד און פעלד. דער פויער, וועלכער האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געלעבט מיט די רוסישע פּאַרטיזאַנער, האָט זיי געוויזן ווי זיי האָבן עס דעמאָלט געטאָן — ווי מען מאַכט אַ פייער, אַז עס זאָל זיך ניט זען קיין רויך, וואָס איז אין די פייכטע זומפּן געווען באַזונדערס שווער. זיי האָבן אויסגעטריקנט דאָס האָלץ מיט אַ טאָג פריער און אכטונג געגעבן, אַז ווען מעגלעך, זאָל דער פייער ניט אויסגיין. ער האָט זיי פאַרבאָטן צו טרינקען ניט־געקאָכטע וואַסער און געפונען פעפערמינץ־קרויט און טיי צום קאָכן. אונטער זיין אָנפירונג, האָבן זיי אויך אויפגעבויט אין אייניקע פלעצער באַריקאַדעס.

— יעדע וואָך, — האָט ער זיי געזאָגט, — דאַרף מען אַ קוק טאָן אויף דער זאַך פון דער אַנדער זייט, פון וואַנען די דייטשן אָדער זשאַנדאַרן וועלן מוזן אָנקומען, אויב זיי זאָלן וועלן אונדז געפינען. אונדזערע באַריקאַדעס מוזן זיין אַזוי געדיכט, אַז מען זאָל פון ערגעץ ניט קאָנען זען אונדזער לאַגער. און זיי מוזן אויך אַזוי אויסקוקן, אַז מען זאָל זיי אָננעמען פאַר נאַטירלעך און אוועק אויף אַ פאַלשן וועג.

אין פאָרבאַרייטונג פאַרן ווינטער, האָבן זיי געבויט כאַטעס, נאַטירלעך אָן פענצטער, אָבער מיט דעכער, וואָס האָבן געדאַרפט זיין שטאַרק צו קאָנען אויסהאַלטן דעם דרוק פון דעם שניי.

דער אַלטער פּאַרטיזאַן האָט אויך געקאָנט מאַכן באָמבעס. „מיר האָבן זייער ווייניק קנייטן״, האָט ער געזאָגט, „דעריבער מוזן מיר נוצן בלויז קורצע קנייטלעך, וואָס דאָס מיינט, אַז די באָמבעס וועלן שנעל אויפרייסן.״ זיי האָבן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל באַקומען פון שטיינברוך אויפן וועג קיין דראָהאָי. אָבער די שטיין־האַקער האָבן קיין סך זיי ניט געקאָנט געבן, ווייל עס וואָלט געפאַלן אַ חשד.

אָט אַזוי האָט די גרופּע געלעבט איר אייגן לעבן, אָפּגעשניטן פון דער וועלט. זיי האָבן געהאַט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, מיט אויערן־הערער, וואָס איז געווען זייער איינציקע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. חיים פלעגט אָפט פאַרשווינדן פאַר עטלעכע טעג, פלעגט זיך ווידער באַווייזן און זיי דערציילן, וואָס ער האָט געהערט.

פּעטרושקאַ האָט זיך באַוויזן אין לאַגער פון די פּאַרטיזאַנער עטלעכע טעג נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון די סערעטער יידן. פּעטרושקאַס פאָטער

איז אַליין ניט געווען קיין אַקטיווער מענטש. אין דער ברוּיערײַ האָט ער פריער זיך געהאַט באַטייליקט אין סטרייקס פאַר שכירות, האָט זיך אָבער געהאַלטן פון דערוווּיטנס פון פּאָליטישע געשעענישן. ער האָט געוואוּסט פון זיין זונס ליבע מיט דער טאָכטער פון דעם שמיד כאַצקל וואַגנער. אים איז געווען געפעלן דער מוט פון זיין זון. ער האָט באַמערקט זיין פאַר־שווינדן און זיין צוריקקומען אין דעם טאָג איידער דער קריג האָט אויס־געבראָכן. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט־זעענדיק.

פאַר דער צייט, וואָס פּעטרושקאַ איז געווען מיט דער גרופּע, האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט צו רעבעקאַ וואַגנער וועגן זייער ליבע. ער האָט מיט רעבעקאַן גערייניקט געווער, וואָס איז לייכט פאַרראָסטעט געוואָרן אין דער פייכטקייט; זיי האָבן ביידע געשלעפּט האָלץ פאַר מאַכן פייער און פאַר בויען. ביי דער אַרבעט האָט זי ניט גערעדט. אָבער זיי זיינען געווען נאָענט איינער צום צווייטן און זיך אָפּט געזען. און עס זיינען געווען אָפט די בליקן און ווינציקע באַוועגונגען, וואָס זיינען געווען גענוג צו מאַכן זיי גליקלעך אין פאַרלויף פון טעג.

איינמאָל איז געווען אַ נאַכט פון גרויס אויפרעגונג. פאַרטאָג, האָט דער אַלטער פּאַרטיזאַן אַלעמען געוועקט: „מען שיסט!"

— וואו? ווער איז עס?

— שטיל! באַזעצן די באַריקאַדעס!

זיי האָבן געהערט אַ שיסעריי פון ביקסן און אויך פון מאַשין־ביקסן. די שיסעריי איז געווען ניט ווייטער ווי אַ שטונדע גאַנג פון לאַגער. ווער קאָן דאָ שיסן? אין דער ריכטונג איז קיין דאָרף ניט געווען. דאָס מוז זיין אויף דעם גרויסן וועג, וואָס ווערט באַנוצט פון די טראָקס, וואָס פירן זאַפּאַסן צום פראָנט. האָבן זיי ערגעץ־וואו געכאַפּט יידן און שיסן זיי דאָ אויס? אָבער איז נאָך אין דער דאָזיקער געגנט פאַרבליבן אַפילו אַן איינ־ציקער ייד?

זיי האָבן פאַרנומען אַלע צוגאַנגען, וואָס האָבן געפירט צום לאַגער. כאַצקל, רעבעקאַ און פּעטרושקאַ זיינען שטיל געגאַנגען, הינטער קוסטעס, פאַרביי וועלכע עס האָט געפירט אַ שטעג. עמעצער איז אָנגעקומען פון הינטן — דער אַלטער פּאַרטיזאַן.

— אַלץ אין אָרדענונג? — האָט ער געפרעגט.

— אַלץ אין אָרדענונג.

דער פּאַרטיזאַן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף פּעטרושקאַס פּליי־צעס. פּעטרושקאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער הערט זיך צו עפּעס צו.

— מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך האָב געהערט רעדן.

זיי האָבן ווייטער זיך צוגעהערט און געהערט דייטלעך דאָס וואָרט „צאַפּאַטאַנו". דער גוט־פאַרוואַלטער! פירט ניט דער דאָזיקער אויסוואורף

„די זשאַנדאַרן אַהער ? — „הילף !"

— ווען די זשאַנדאַרן־באַנדע באַמערקט זיך אין הילף, דאַן איז גוט פאַר אונדז.

„הילף !"

זיי האָבן דערקענט חיימס שטים: „איר האָט . . . געמאָרדעט . . . קיינער קומט ניט אַרויס . . . אַנטאָנעסקו, היטלער."

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַרואיקט. חיימס שטים האָט ניט געקלונגען, ווי ער וואָלט געווען אין אַ נויט. אַ קורצע ווײַלע שפּעטער, האָבן זיי דערהערט טריט.

— האַלט ! ווער איז דאָס ?

— חיים.

— ביזטו אַליין ?

— אַליין.

די פּאַרטיזאַנער זײַנען אַרויס אויפֿן שטעג. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. חיים האָט געשמייכלט: „איך זע, איר זײַט געווען אויף דער וואַך."

— אָבער ווער האָט געשאָסן און שפּעטער גערופֿן נאָך הילף ?

— לאָמיר גיין צום לאַגער. איך וועל אײַך דערציילן. איינער פֿון די ערגסטע פּויערים־מערדער איז טויט. דאָרטן, אין פּאָרנט, איז ער פֿאַרזונקען מיט זײַן גאַנצער באַנדע.

שפּעטער איז געקומען נאָך אַ נאַכט פֿול מיט שפּאַנונג. אַ טאָג פֿריער, זײַנען צוויי פֿון זיי אַוועק קיין ראַגאַטשעסטי און מען האָט דערוואַרט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אין אָט דער נאַכט, מעגלעך מיט עטלעכע פּויערים. מ'האָט אויפֿגעשטעלט אַ גרעסערע וואַך, ווי געוויינלעך. אין זומפּ הערט זיך שטענדיק אַ גערויש. דאָ האָט אַ פֿויגל אַ פֿליעשטשע געטאָן אין וואַסער, דאָרט קוואַקען זשאַבעס. אַ שיסעריי ? אָדער האָט זיך עס אויסגעדוכט ? אויב מ'האָט געשאָסן, איז דאָס געווען זייער ווייט. אפֿשר האָט מען זיי ביידן דערשאָסן אויפֿן וועג צוריק ?

פּעטרושקאַ האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל און עס גלײַך פֿאַרמאַכט. ער האָט געהערט, ווי רעבעקאַ האָט שנעל געאָטעמט. זיי האָבן אויפֿגערעגטע זיך צוגעהערט, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

ערשט פֿיל, פֿיל שפּעטער האָט מען דערהערט אָנקומענדיקע טריט. עס זײַנען ניט געווען צוויי, נאָר אַ סך מער. זיי האָבן גערעדט אוקראַיִניש און די אויסשפּראַך איז געווען פֿון פּויערים. בונדעסטוועגן האָבן די וועכטער גענומען גרייט זייערע ביקסן.

די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען אין לאַגער, זײַנען געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. „באַלד זײַנען מיר ביי די באַריקאַדעס", האָבן זיי געהערט סוועטאָסאַרס שטים, „איר וועט תיכף באַקומען הילף."

באצקל איז זיי געגאנגען אנטקעגן: „ווער איז דאָ פאַראַוואונדעט?"

— ניט פאַרוואונדעט, נאָר—איז רעבעקאַ דאָ פאַראַן? זי וועט דאַרפן אכטונג געבן אויף דער מיידל.

— ווער איז די מיידל?

— העכטס טאָכטער, די איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן ביים לעבן. אָבער פרעגט איצט ניט. מ'דאַרף זי אַריינגעמען אין אַ כאַטע און זי לאָזן זיך אָפּרוען.

רעבעקאַ האָט אוועקגעלייגט די באַוואוסטלאָזע מיידל אויף איר געלעגער און איז געווען פאַרנומען מיט מינטערן זי. פּעטרושקאַ האָט גענומען דעם קליינעם יינגל מיט זיך. אַנגעטאָן אין איין העמד, האָט דאָס יינגל געציטערט פון קעלט, אויסגעמאַטערטקייט און שרעק. פּעטרושקאַ האָט גאָרנישט געזאָגט, בלויז געשמייכלט צום יינגל און אים איינגעוויקלט אין זיין קאָלדרע. דאָס קינד איז אָבער געווען צו־אויפגערעגט צו קאָנען איינשלאָפן. ווען פּעטרושקאַ האָט זיך אומגעקערט אין דער כאַטע, זיך אַליין צוליינגן פאַר אַ ווײַלע, האָט ער געפונען דאָס קינד ליגן מיט אויגן פול שרעק, נאָך אַלץ אַ ציטערנדיקער.

פּעטרושקאַ האָט זיך אוועקגעלייגט לעבן אים, האָט אים אַרומגענומען מיט זיין אָרעם און געזאָגט: „שלאָף איצט, דו ביזט ביי גוטע מענטשן." ער אַליין איז באַלד איינגעשלאָפן, און דאָס קינד האָט אויפגעהערט ציטערן און איז אָפּגעשלאָפן ביז וויט אין טאָג אַריין, ווען פּעטרושקאַ האָט שוין געשלעפּט האָלץ צו אַ פּלאַץ, וואו מ'האָט געבויט אַ נייע כאַטע, אַז די פּויערים פון ראָגאַטשעסטי זאָלן אין די קאַלטע נעכט ניט פרירן.

מיטאָג־צייט, האָט חיים אים צוגערופן: „פּעטרושקאַ, איך ווייס וואָס דו דאַרפסט טאָן. דו ביזט אפילו יונג, אָבער איך ווייס, אַז מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. ווילסט איבערנעמען אַ באַזונדערס שווערע אויפגאַבע?"

פּעטרושקאַ איז רויט געוואָרן: „אוודאי וויל איך — אויב דו דענקסט, אַז איך קאָן."

— דו וועסט ווערן אונדזער שליח אין שטאָט.

יענעם אָוונט, ווען ס'איז געוואָרן פינצטער, איז פּעטרושקאַ אַוועק צו רעבעקאַן. זי האָט געהאַלטן אין רעדן צו דער העכט־מיידל. זי האָט דאָס געטאָן אין דעם פריילעכן טאָן, ווי זי פלעגט געוויינלעך רעדן. רעבעקאַ האָט געוואָלט צעשטרייען די מיידל, וואָס איז געלעגן בלאַס, מיט שטאַרע אויגן.

— קאָנסט אַרויסקומען פאַר אַ מינוט, רעבעקאַ?

ווען זיי זיינען געווען אין דרויסן, האָט פּעטרושקאַ איבערגעחזרט יעדעס וואָרט, וואָס חיים האָט אים געזאָגט. ער איז דערביי ווידער רויט געוואָרן און זי אָנגעקוקט.

— גוט. — רעבעקאַ איז אויך פּלוצלונג רויט געוואָרן. — איך מוז

צוריק אריינגיין.

זי האָט דאָס געזאָגט אַזוי האַרט, ווי זי האָט געקאָנט. ס'איז איר אָבער ניט געלונגען.

:: :: ::

און איין אָוונט, ווען חיים האָט געהאַט די הערער פון דער ראַדיאָ אויף די אויערן, האָבן די אַנדערע געזען, ווי ער האָט פּלוצלונג שטאַרק זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געהערט אַ שטים, רעדנדיק דורך דער ראַדיאָ, און נאָך די ערשטע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצוזאָגן אין דער הויך יעדעס וואָרט:

„איך רעד דאָס, איך אַנטאָנעסקו. איך רעד איצט ניט אַלס פּרעמיער, נאָר אַלס גענעראַל, אַלס סאָלדאַט צו אַ חבר און אַן אָנטיילנעמער אין קאַמף. איך האָף, אַז דו הערסט מיך, מאַראַרעסקו. דו ביזט געווען איינער פון מיינע לערער אין דער אַרטילעריע־שול. אויף דיר האָב איך געקוקט, ווי אויף אַ מוסטער פון אַ סאָלדאַט. דו האָסט, וואָס מ'האָט דיך ניט אַוועקגעשטעלט, אַרויסגעוויזן מוט, אַנטשלאָסנקייט און די נויטיקע ריקזיכטלאָזיקייט. ווען די אומשטענדן און דער גרויסער ציל האָבן דאָס געפאָדערט, האָסטו זיך ניט אָפּגעשראָקן פון אָננעמען די דראַקאָנישסטע מיטלען. דיינע מעשים ביים דניעסטער האָבן אויף איין זייט אַרויסגערופן האַס, אויף דער אַנדער זייט — באַוואונדערונג און אָנערקענונג. ווי אַלע גרויסע מעשים, האָבן אויך דיינע אַרויסגערופן דעם צאָרן און די קנאה פון דעם פּאָרפּלוכטן, פאַרגאַנגענעם רעזשים. מ'האָט דיך פאַרפאָלגט, ניט אַוועקגעשטעלט אויף דעם ריכטיקן פּאָסטן. ווען די גרויסע צייט איז געקומען, האָט מען דיך צוריקגערופן, מ'האָט אָבער אין דעם גלאָף פון די געשעענישן פאַרגעסן גוט־צו־מאַכן די עוולות, וואָס מ'איז קעגן דיר באַגאַנגען. איצט אָבער הער מיך, פריינט און חבר מאַראַרעסקו. דיין אומגעדולד האָט דיך געפירט צו אַ באַדויערוועדיקן שריט. איך ווייס, אַז דו, פּונקט ווי איך, ביזט אַ באַוואונדערער פון אַדאָלף היטלער. איך ווייס, אַז אויך דו אָנערקענסט, אַז אונדזער רעטונג און צוקונפט ליגט אין אַ בונד און ענגסטער צוזאַמענאַרבעט מיטן דריטן רייך, אונטערן צייכן פון דעם האַקנקרייץ. דו האָסט געמאַכט אַ באַדויערוועדיקן שריט און קאָנסט ניט געפינען דעם וועג צוריק. מיר אָבער, דיינע פריינט, וועלכע ווייסן דיינע גוטע כוונות, ווילן דיר העלפן. ניט דיר, ניט קיינעם פון דיינע מיטקעמפער, וועט ניט געמינערט ווערן אַ האָר פון קאָפּ. די אומטמיטלבאַרע פאַרגאַנגענהייט מיט אירע טראַגישע טעותן וועלן פאַרגעסן און פאַרגעבן ווערן. ווען דו וועסט זיך מעלדן אין פאַרלויף פון די נעקסטע פינף טעג, וועסטו ווערן צוריק אויפגעשטעלט אין דינסט און דיר דער־

װאַרטן גרױסע אױפֿגאַבן. דיר דאַרף איך ניט באַטאָנען, אַז דער גע־מײנזאַמער קאַמף קעגן די מערב־דעמאָקראַטיעס און קעגן באָלשעװיזם פֿאָדערט ערשט איצט די אָנשטרענגונג פֿון אַלע קרעפֿטן. מיר װאַרטן אױף דײַן ענטפֿער.

„העיל היטלער! העיל רומעניע!"

— דאָס איז װיכטיק, — האָט געזאָגט דער שמיד כאַצקל.

— ניט נאָר װיכטיק, נאָר מיר קאָנען דאָס אױסנוצן, — האָט חיים געענטפֿערט.

אַלע האָבן געשפּאַנט געקוקט אױף חײמען.

— בריער פֿון אַלץ איז נױטיק, אַז די דײַטשן און אַנטאָנעסקו זאָלן דענקען, אַז מאַראַרעסקו לעבט נאָך.

— דו װילסט, הײסט עס, רעדן פֿאַר אים דורך דער ראַדיאָ? אָבער װי אַזױ?

— נײן, ניט דורך דער ראַדיאָ. מיר װעלן שרײַבן פֿאַר אים אַ בריװ און פּעטרושקאָ װעט דעם בריװ אָפּטראָגן.

זײ האָבן זיך ענגער צונױפֿגערוקט און פֿאַרפֿאַסט דעם פֿאָלגנדיקן בריװ:

„עקסעלענץ, חבר אַנטאָנעסקו! איך קאָן אין מײַן איצטיקער לאַגע זיך ניט באַנוצן מיט דער ראַדיאָ. אַנטשולדיק, װאָס איך װענד זיך צו דיר אױף אָט דעם אופֿן. װען דו האָסט מיט אַ יאָר צוריק איבער־גענומען די מאַכט, האָב איך געגלױבט, אַז אַ נײַע ערע האָט זיך אָנגע־הױבן פֿאַר רומעניע, אין דעם גײַסט, אין װעלכן איך האָב מיט אַ סך יאָרן פֿריער שױן געװירקט בײַם דניעסטער אַלס פּיאָנער. עס איז איבע־ריק אױסצורעכענען, װיפֿיל באָלשעװיקעס און ײדן איך אַלײן האָב אומגעבראַכט. דו װײסט, אַז איך בין אַ שטאַרקער באַװוּנדערער פֿון אַדאָלף היטלער, אַז איך האָב שטענדיק געהאַסט די באָלשעװיקעס, האָב פֿאַרפֿאָלגט די ײדן, האָב טיף פֿאַראַכטעט די װײך־לײַביקע דעמאָ־קראַטיעס פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע. איך בין געװען און בין נאָך איצט אױך אַן אָנהענגער פֿון אונדזער בונד מיט אַדאָלף היטלער. אָבער איך קאָן ניט דולדן, װאָס מיר רומעניער װערן באַהאַנדלט װי ציגײַנער און פּאַריאַס. אַ בונד באַטײַט אַן אָפּמאַך צװישן צװײ שותפֿים, װאָס רעספּעקטירן אײנער דעם צװײטן. די דײַטשן אָבער באַהאַנדלען אונדז װי אַ מינדערװערטיקע ראַסע. זײ האָבן אָפּגעריסן פֿון אונדז אַן אַלטע רומענישע טעריטאָריע, גאַנץ צפֿון־טראַנסילװאַניע, און עס אַװעקגעגעבן די מאַדיאַרן. בלי ספֿק: די דײַטשן האָבן צוזאַמען מיט אונדז אָפּגעהאַלטן גװאַלטיקע זיגן איבערן באָלשעװיזם. אָבער ניט נאָר װײַזן זײ ניט אַרױס קײן אַבזיכט אונדז צוריקצוגעבן טראַנ־

סילוואַניע, נאָר אַלע סימנים ווייזן, אַז זיי ווילן ביי אונדז אוועקנעמען נאָך אַנדערע טעריטאָריעס. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים, איז שוין די בוקאָווינע געוואָרן אַ דייטשישע דאָמיניאָן. דער רומעניער איז רעכטלאָזיק.

„איך האָב ניט קיין אילוזיעס. אָן די דייטשן זיינען מיר, וועלכע קעמפן פאַר אַ פאַשיסטישער רומעניע, פאַרלאָרן. איך בין דעריבער פאַר דעם בונד, יאָ, פאַר פאַרטיפן דעם בונד מיט אַדאָלף היטלער. אָבער איך פאָדער גאַראַנטיעס. און די גאַראַנטיעס קאָנען ניט זיין קיין פּוסטע הבטחות, וועקסלען אויף דער צוקונפט, וואָס קיינער וועט ניט איינ־קאַסירן. ווען אַדאָלף היטלער מיינט ערנסט מיט דעם בונד מיט אונדז, מוז די „אייזערנע גוואַרדיע" ווידער דערקלערט ווערן אַלס אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע, מוזן באַפרייט ווערן די אַרעסטירטע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, מוזן די מאַדיאַרן אַרויסגיין פון טראַנסילוואַניע. איך בין גרייט צו מאַכן קאָנצעסיעס. דער רומענישער געביט אין טראַנ־סילוואַניע מוז ניט תיכף באַזעצט ווערן פון אונדז, אָבער טאָר קיין איין טאָג לענגער זיך ניט געפינען אונטער מאַדיאַרישער הערשאַפט. אַ דייטשישע אָפּטיילונג זאָל איבערנעמען די טעריטאָריע, און אונטער אַ געמישטער רומעניש־דייטש־אונגאַרישער קאָנטראָל־קאָמיסיע זאָל פאָרקומען אַן אָפּשטימונג.

„איך וואַרט אויף דיין ענטפער. דער ענטפער קאָן נאָר באַשטיין אין מעשים. ווען איך וועל הערן, אַז ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אַמנעסטיע פאַר די מיטגלידער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" און אַ באַפעל צו די מאַדיאַרן זיך צוריקצוציען פון טראַנסילוואַניע, דאַן וועל איך זיך פאַראייניקן מיט דיר פאַר אַ געמיינזאַמער צוקונפט, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע געמיינזאַמע אידעאַלן.

„דיין מאָראַרעסקו."

:: :: ::

אַנטאָן פּאָפּעסקו, דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער „דימנעאַטאַ" פון טשערנאָוויץ, האָט פאַרשטאַנען אין די עטלעכע וואָכן, וואָס די צייטונג האָט עקזיסטירט, זיך צו דערווערבן דעם צוטרוי און צו געפינען חן אין די אויגן פון דעם געשטאַפּאָ־שעף יאָהאַן מילער. הגם אַנטאָן פּאָפּעסקו האָט ניט געהאַט הינטער זיך די קאַריערע פון פיל אַנדערע רומענישע נאַצים און איז קיינמאָל ניט געווען אין דער מינכענער שול, האָט ער בעסער ווי אַנדערע פאַרשטאַנען אַריינצוברענגען אין זיין צייטונג דעם לשון פון די נאַצים. ער איז געווען דער איינציקער זשורנאַליסט אין טשערנאָוויץ, וועמען מילער האָט אינפאָרמירט וועגן דעם ענין מאָראַרעסקו. ער האָט באַקומען פון יאָהאַן מילער דירעקט די אינפאָרמאַציע וועגן היטלערס איינלאַדונג צו אַנטאָנעסקון

און דעם פינף־טאָגיקן אולטימאטום. נאָך אנטאָנעסקוס רעדע, האָט ער גע־מאכט אַ פּאַרזוך צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט יאָהאַן מילער, אויס־צוגעפינען, אויב איצט, ווען דער פאַל מאַראַרעסקו איז ארויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט, איז ניט מעגלעך פאַר דער צייטונג עטוואָס צו אונטער־נעמען אין דער דאָזיקער זאַך. מילער אָבער האָט צו דער צייט זיך געפונען אין דעם פירערס הויפּט־קוואַרטיר.

עס איז געווען שפּעט אין אָוונט, די צייטונג איז שוין כמעט געווען פאַרטיק צו גיין צום דרוק, ווען מ'האָט פּאָפּעסקון דערלאַנגט אַ בריוו, מיט אַן איבערשריפט: „דרינגענד, שטרענג געהיים." דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר האָט ביים איבערגעבן אים דעם בריוו באַמערקט, אַז דער איבערגעבער פון דעם בריוו איז געווען אַ יונגערמאַן מיט פאַרדרייטע וואָנצעס, וועלכער האָט זיך שטאַרק געאיילט. ווען פּאָפּעסקו האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער געווען אויסער זיך פון איבעראַשונג. „אַ שאָד", האָט ער געזאָגט צום סעקרעטאַר, „וואָס איר האָט ניט פאַרהאַלטן דעם איבערגעבער. מיר וואָלטן געקאָנט מאכן אַ גרויסע סענסאַציע."

ער האָט געגעבן אַ פאַראָרדענונג אין דער דרוקעריי אָפּצושטעלן דאָס דרוקן פון דער צייטונג און איבערלאָזן אויף דער ערשטער זייט פּלאַץ פאַר הונדערט שורות שוואַרצע שריפט און אַ גרויסן קאָפּ. ער אַליין האָט אוועק־געאיילט אין זיין אויטאָמאָביל צו דער געשטאַפּאָ־קאָמאַנדאַנטור. דאָרטן האָט ער אויסגעפונען, אַז מילער איז שוין דאָ צוריק און האָט אַ וויכטיקע באַראַטונג. ער האָט זיך אַליין אוועקגעזעצט ביי אַ שרייב־מאַשינקע און איבערגעשריבן מאַראַרעסקוס בריוו, צולייגנדיק אַ צעטעלע צו מילערן, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן תיכף אָנצוקלינגען, אויב ער איז קעגן פאַר־עפנטלעכן דעם בריוו.

מילער האָט נאָך זיין אומקער פון דער הויפּט־קוואַרטיר זיך ניט געפונען אין קיין געהויבענער שטימונג. היטלער איז געווען נערוועז, אויפגערעגט, אַ צעדרייטער. ער וויל, האָט ער אים דערקלערט, דעם עניין מאַראַרעסקו אָפּווישן פון דער וועלט, אַזוי שנעל ווי מעגלעך. עס זיינען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן: אין פאַל מאַראַרעסקו וועט אויפן רוף פון דעם רומענישן פּרעמיער זיך מעלדן, זאָל מען אים אויפנעמען פריינטלעך און אַ שטיקל צייט שפּעטער אים משלח זיין אויף יענער וועלט, אָדער אויפן וועג פון אַ כלומרשטן באָלשעוויסטישן איבערפאַל, אָדער דורך פאַרסמען. אַזעלכע חברה־לייט, וואָס שטעלן זיך קעגן דער אויטאָריטעט פון די דייטשן, האָט ער געזאָגט, האָבן ניט קיין לעבנס־באַרעכטיקונג. אין פאַל אָבער מאַראַרעסקו וועט ניט ענטפערן אויפן אַפּיל פון פּרעמיער, דאַן האָט דער פירער גע־פאָדערט, אַז מילער זאָל ניט שפּעטער ווי אין פערצן טעג אים צושטעלן אַ באַריכט, אַז מאַראַרעסקו געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט.

מילער האָט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט. ער האָט געוואוסט, אַז זיין קאַריערע איז דערגאַנגען צו אַ ווענד־פּונקט. אָדער ער וועט כאַפּן מאַראַ־רעסקון און דאַן שטייט אים פאַר אַ גרויסע העכערונג אין ראַנג, אָניט מעג ער גלייך זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אין באַראַטן זיך מיט זיינע נאָענטסטע פריינט, ווען מ׳האָט אים אַריינגעבראַכט אַנטאָן פּאַפּעסקוס פאַרמאַכטן בריוו, וואָס האָט געהאַט דעם איבערשריפט: „דרינ־גענדיקער ענין פון דער רעדאַקציע.״ ער האָט געהייסן אים ענטפערן, אַז ער זאָל אַליין באַשליסן וועגן זיינע רעדאַקציאָנעלע ענינים, אַז ער האָט איצט קיין צייט ניט.

ווען אַנטאָן פּאַפּעסקו האָט נאָך אַ שעה וואַרטן ניט באַקומען קיין ענטפער פון מילערן, האָט ער זיך נאָך אַלץ געקווענקלט וועגן פאַרעפנטלעכן דעם בריוו. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו דערגרייכן מילערן און האָט באַ־קומען דעם ענטפער, אַז מילער האָט געזאָגט, אַז ער זאָל אַליין באַשליסן וואָס צו טאָן. ער האָט דעריבער געגלויבט, אַז מילער האָט דעם בריוו גע־לייענט און האָט איבערגעלאָזט פאַר אים די רעדאַקציאָנעלע זייט. ער האָט געהייסן מאַכן אַ קאָפּ, אין דער גרעסטער שריפט, וואָס די דרוקעריי האָט געהאַט, און וואָס האָט זיך געלייענט: „מאַראַרעסקוס סענסאַציאָנעלער ענט־פער.״ און אַן אונטערקאָפּ: „מאַראַרעסקו שלאָגט פאָר פונקטן פאַר פאַר־האַנדלען.״

ער האָט דאַן אָפּגעדרוקט דעם בריוו און נאָך צוגעגעבן די פאָלגנדיקע באַמערקונג פון רעדאַקציע:

„די רעדאַקציע באַטראַכט דעם דאָזיקן בריוו אַלס אַ שריט פאָראויס אין דער גאַנצער אַפּערע. זי מוז אָבער באַמערקן, אַז אַפילו פון אַזאַ פאַרדינסטפולן מענטשן פאַר דער זאַך פון פאָטערלאַנד און פאַר דער גרויסער זאַך, פאַר וועלכער מיר אַלע קעמפן, האָט מען געמעגט דער־וואַרטן אַ ביסל מער מעסיקייט און ווייניקער פאַרמעסט. יעדער פון אונדז אָנערקענט אין דער דאָזיקער אַנטשיידנדיקער שעה, אַז פאַר־אַנטוואָרטלעכע און גרויסע מענטשן, פריער פון אַלעמען דער פירער אַדאָלף היטלער אַליין, וואַכן איבער דעם גורל פון רומעניע, און אַז זיי ווייסן צום בעסטן ווי צו לייזן די פראַגע פון טראַנסילוואַניע. אַ מאַן ווי מאַראַרעסקו אַפילו טאָר זיך ניט פאַרמעסטן צו שטעלן אַן אולטימאַטום דעם פירער פון דער נייער אייראָפּע, יאָ, דעם פירער פון דער וועלט. מיר ווענדן זיך דעריבער צו מאַראַרעסקון מיט אַן אַפּיל: צי צוריק דיינע פאָדערונגען. וואַרף זיך אונטער דעם פירער, נעם אָן די גנעדיק־אויסגעשטרעקטע האַנט פון אַנטאָנעסקו. שטעל זיך אין דער אַרמיי פון קאַמף קעגן באָלשעוויזם און דעמאָקראַטיע און דיינע באַמיאונגען וועלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. דיסציפּלין און

> אונטערוואַרפן זיך באַדייטן אין אונדזער צייט מער, ווי מוט און גע־וואַגטקייט. אמתער מוט מיינט צו האָבן די קראַפט צו אונטערוואַרפן דעם אייגענעם הויך־מוט צום גרויסן ציל. אויך דו מוזט וויסן פון דער איינשטעלונג: אַלגעמיינע נוצלעכקייט קומט פאַר אייגננוץ.
>
> „אָבער מאָראַרעסקוס נאָכפאָלגער, די אינטעלעקטואַלן און דער גאַנצער רומענישער יוגנט, ווילן מיר דאָ זאָגן: אויב מאָראַרעסקו זאָל להיפּוך יעדן געזונטן פאַרשטאַנד אויסקלייבן דעם וועג פון רעבעלירן, דאַן קערט זיך אָפּ פון אים, כדי איר זאָלט ניט מיטגעשלעפּט ווערן מיט אים צום אונטערגאַנג. ווער עס שטעלט זיך קעגן דעם פירער, דער שטעלט זיך אויסערהאַלב דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער מיר האָפן, אין באַטראַכט פון מאָראַרעסקוס פאַרגאַנגענהייט, אַז ער וועט חרטה האָבן און זיך אומקערן צום פירער און אַנטאָנעסקו.”

די באַראַטונג האָט געדויערט ביז פינף אַזייגער אינדערפרי. נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג איז יאָהאַן מילער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ האָפענונגס־לאָזיקער שטימונג, ווי ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט אין זיין לעבן. ער האָט אַריינגעשטעקט אַנטאָן פּאָפּעסקוס בריוו אין קעשענע און אים ערשט איבערגעלייענט, ווען ער איז געקומען אַהיים. ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט אָבער פאַרגעסן וועגן מידקייט און שלאָף. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו דערגרייכן אַנטאָן פּאָפּעסקו, אָבער אומזיסט. יענער איז געווען אַזוי צופרידן און גליקלעך, וואָס זיין צייטונג האָט אַריינ־געקראָגן די גרויסע סענסאַציע, אַזוי שטאָלץ, וואָס ער האָט געהאַט דעם מזל זיך צו ווענדן מיט אַן אַפּיל צו דעם גרויסן מאָראַרעסקו און דער רומענישער יוגנט, — אַז ער האָט אָפּגעוואַרט אין דער דרוקעריי ביז די צייטונג איז פאַרטיק געוואָרן און אַליין אַכטונג געגעבן, אַז די פילפאַך פאַר־גרעסערטע אויפלאַגע פון דער צייטונג זאָל אַרויסגעשיקט ווערן מיט די אָפּ־גייענדיקע מיליטערישע צוגן אין אַלע ריכטונגען. ער האָט דערוואַרט ניט נאָר מאַטעריעלן דערפאָלג, נאָר אויך אַן אויסצייכענונג. אָדער אפשר וועט מען אים אַפילו פאָרשטעלן פאַרן פירער!

יאָהאַן מילער האָט געקויפט אַ „דימנעאַטאַ”, האָט איבערגעלייענט די נייעס און געטראַכט, אַז אין הסכם מיט דער געשאַפענער לאַגע וואָלט אפשר געווען בעסער ניט אָפּצוואַרטן די פאַרבליבענע דרייצן טעג, נאָר זיך גלייך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ. ער האָט געגעבן אַ באַפעל זיינע מענטשן צו קאָנפיסקירן די גאַנצע אויפלאַגע פון דער „דימנעאַטאַ”, און זיך אַרויסלאָזן געפינען דעם רעדאַקטאָר אַנטאָן פּאָפּעסקו.

אַ מידער, אַ צעבראָכענער, איז מילער אַוועק אַהיים זוכן לכל הפּחות פאַר אַ פּאָר שעה פאַרגעסנקייט אין שלאָף. ווען ער איז אַריינגעקומען אין זיין וואוינונג, האָט ער דאָרט געפונען אַנטאָן פּאָפּעסקו. ביי יענעם האָט

געשטראַלט דאָס פּנים. ער איז געקומען קריגן אָנערקענונג פאַר דער סענ־סאַציאָנעלער נייעס און זיין אַרטיקל אין דער צייטונג. ווען ער האָט אָבער דערזען מילערס פּנים, איז אים פאַרשוואונדן דער שמייכל און ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

יאָהאַן מילער האָט געוואָלט תיכּף זיך אַרויפוואַרפן אויף אים און אים אָנשפּייען אין פּנים, אים דערנידעריקן, אים דערשטיקן. אַ קויל, האָט ער זיך געזאָגט, איז צו גוט פאַר אַזאַ אידיאָט. אָבער אין דעם דאָזיקן מאָמענט איז אים געקומען אַ געדאַנק, אַז ער וועט דורך אים אפשר פאָרט קומען אויף מאַראַרעסקוס שפּור. עמעצער האָט דאָך געמוזט ברענגען דעם בריוו. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך איינצוהאַלטן, און געזאָגט: „זייט איר אַראָפּ פון זינען, פּאָפּעסקו? ווי אַזוי האָט איר געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ זאַך?"

— זייט איר ווירקלעך מיט דער מיינונג, אַז איך בין אין מיין אַפּיל, באַזונדערס צו דער יוגנט און די אינטעלעקטואַלן, אַרויסגעטראָטן צו שאַרף קעגן מאַראַרעסקון? איך ווייס זייער גוט מאַראַרעסקוס לעגענדאַרישע באַ־רימטקייט, אָבער איך קען אויך אונדזער יוגנט און האָב געגלויבט . . .

— פאַרשטייט איר ניט, אידיאָט, פאַרשטייט איר ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך? ווי אַזוי האָט איר איבערהויפּט געוואַגט . . .

— איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין אַפּיל וועט האָבן אַ ווירקונג, איין וועג אָדער אַ צווייטן. אָדער מאַראַרעסקו וועט זיך מעלדן, אָדער איך בין גרייט אין אַ פּאָר וואָכן זיך צו ווענדן צו דער יוגנט מיט אַ צווייטן אַפּיל, נאָך שטאַרקער, נאָך באַטאָנטער...

— ווער, פרעג איך אייך, האָט אייך געגעבן די דערלויבעניש צו פאַר־עפנטלעכן אַזאַ אויפרייצנדיקן, אַזאַ פּראָוואָקאַטאָרישן, אַזאַ רעבעלישן דאָ־קומענט? אונדזערע ערגסטע שונאים האָבן דאָך אַזאַ זאַך ניט געקאָנט דערפינדן. זייט איר משוגע? וואָס שטעלט איר זיך פאָר, ווען עמען וועט די יוגנט און די אינטעליגענץ פאָלגן, אייך, אַז אומבאַקאַנטן שמירער, אָדער אַנטאָנעסקון? ווער זייט איר? וואָס באַטייט אַן אַפּיל פון אייך? פאַר־שמירט פּאַפּיר. ווי אַזוי האָט איר בכלל געקראָגן דעם דאָזיקן דאָקומענט, דערקלערט מיר, און ווי קומט איר אים צו פאַרעפנטלעכן?

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגעכאַפּט פּאָפּעסקון ביים ראָק און אים אַזוי געטרייסלט, אַז דער לעצטער איז געוואָרן טויט־בלאַס און געהאַט דעם געפיל, אַז דער געשטאַפּאָ־שעף וויל אים דערמאָרדן.

— איר האָט דאָך געהייסן מיר זאָגן, הער שעף, אַז איך זאָל די רע־דאַקציאָנעלע זייט אַליין דערליידיקן.

— אידיאָט, באַגרייפט איר ניט, אַז דער ענין מאַראַרעסקו איז ניט קיין רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגנהייט? דער פירער אַליין און אַנטאָנעסקו און די גאַנצע געשטאַפּאָ דאָ באַשעפטיקן זיך מיט דעם ענין מאַראַרעסקו, און

איר מאַכט פון דעם אַ ציַיטונגס־סענסאַציע! אָבער זאָגט מיר, אויב אייער לעבן האָט נאָך פאַר אייך עפּעס אַ ווערט, וואו האָט איר גענומען דעם דאָזיקן דאָקומענט? האָט איר אים דערהאַלטן דורך דער פּאָטשט? האָט אַ שליח אים געבראַכט? האָט איר דעם שליח פאַרהאַלטן?

— מיין סעקרעטאַר האָט דערהאַלטן דעם בריוו דורך אַ שליח, וועלכער האָט געהאַט אויפגעדרייטע וואָנצעס.

— קיין פאַלשע באָרד האָט ער ניט געהאַט?... איר באַנדע טויגע־ניכטסן! איר דאַרפט נאָך לכל הפחות אַ צוויי טויזנט יאָר זיין אונטער דער בייטש, אַז איר זאָלט קאָנען זיין שקלאַפן. אַרויס די מינוט, און זייט גרייט אין רעדאַקציע, ווען איך וועל אייך וויַיטער דאַרפן.

אין אַ פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט רעזיגנאַציע, האָט יאָהאַן מילער אויסגעהערט דעם באַריכט פון זיינע אַגענטן: מען האָט די ציַיטונג אַזוי צעכאַפּט פון די הענט פון די ציַיטונגס־הענדלער, אַז ווען זיי זיינען געקומען, איז שוין מער קיין ציַיטונגען ניט געווען.

21.

סטעפאַן צערטיאַן איז לאַנגזאַם געפאָרן אין זיין בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, לענגאויס דער שלעכט־ברוקירטער גאַס ביים סערעט־טייך. ער האָט זיך ניט געאיילט. זינט זיין קינדהייט, האָט זיך דאָ ווייניק וואָס געענדערט. קרישטאָל־קלאָר, איז לאַנגזאַם געפלאָסן דאָס וואַסער אין טייך. דאָ און דאָרטן זיינען געלעגן קליינע אינדזלען. לינקס, האָבן זיך געצויגן די ריבן־פעלדער פון דובאָווע. לעבן זיי, וויַיט פאַראויס, אָפּגעשניטענע שטרעקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פּליכעס. דער קאָרן־ און ווייץ־שניט איז שוין געווען אַריבער און די פעלדער האָבן געמאַכט אַ האַרבסטלעכן איינדרוק. דערפרישנדיק איז געווען די פּאַנאָראַמע, ווען ער איז אָנגעקומען צו די קוקורוזע־פעלדער. הויך האָבן זיך באַוועגט די קוקורוזע־שטאַמען. ווי באַקאַנט דאָ האָט אים אַלץ אויסגעזען! פון דאַנען ביז דעם שטיבל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט זיין קינדהייט, איז געווען ווייניקער פון צוויי קילאָמעטער. ער האָט האַלב געהאַט די קוקורוזע־פעלדער. ווי שיין דאָ איז געווען צו שפּילן זיך אין באַהעלטעניש! שעהן־לאַנג פלעגט ער דאָ פאַרברענגען מיט זיין פריינט חיים און זיין הונט סולטאַן. מ'איז אַרומ־געלאָפן, געפונען איינער דעם צווייטן מיט דער הילף פון דעם הונט, און מען פלעגט דאָ ליגן און חלומען וועגן ווייטע לענדער און רייזעס.

אָן דעם, אַז ער זאָל דאָס באַמערקן, איז ער אַריינגעפאָרן אין ראַנאַ־טשעסטי. דער דאָרף איז געלעגן דעם דאָזיקן שיינעם אויגוסט־מאָרגן ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע איינוואוינער האָבן זיך געפונען ביי דער אַרבעט אויף

די פעלדער. אין דאָרף זיינען נאָר פאַרבליבן די הינט, צו באַוואַכן די קליינע הייזלעך מיט זייערע שטרויענע דעכער. ביים געמיינדע־הויז האָט ער גע־לאָזט שטיין זיין וואָגן. ער איז אפילו ניט אריינגעגאַנגען אין דער קאַנ־צעלאַריע, ווייל ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דער בירגערמייסטער איז אַנטלאָפן. זיין באַשלוס איז געווען געמאַכט.

ער האָט געוואוסט דעם וועג, האָט אים געקענט זינט זיין קינדהייט, הגם ער איז אויף די אינדזלען גופא קיינמאָל ניט געווען. ליבערטאַטיאַ איז פאַר אים אויך געווען פול מיט יוגנט־דערינערונגען. אויף דער גרענעץ פון צוויי מלוכות, וואו זיין קינדהייט־היים האָט זיך געפונען, האָט מען אָפט און אַ סך גערעדט פון ליבערטאַטיאַ. זיין פאָטער, דער גרענעץ־באַאַמטער, פלעגט זיך אָפט אונטערהאַלטן מיט די עסטרייכישע באַאַמטע וועגן דער דאָזיקער רויבער־רעפּובליק. צייטנווייז פלעגט ער אַלס קינד טרוימען צו ווערן איינער פון די דאָזיקע געוואַגטע באַנדיטן.

ביי אַ פאַרבייפאָרנדיקן בוכהענדלער, וועלכער האָט געהאַט צו פאַר־קויפן אַלערליי קאָך־ביכער, וואונדער־רעצעפּטן, רויבער־ראָמאַנען אין פאַר־זעצונגען, האָט זיין פאָטער אים געקויפט אַ קליין ביכל, וואָס ער האָט אים געגעבן אַלס מתנה צו זיין ניינטן געבורטסטאָג. דער נאָמען פון דעם ביכל איז געווען: „אַלי באַבאַ און די פערציק רויבער”. ער האָט עס געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און געגעבן היימען. זיי האָבן עס געלייענט צו־זאַמען און געקומען צום שלוס, אַז ליבערטאַטיאַ איז ניט אַנדערש נאָר באַגדאַד, אַז באַגדאַד איז אָט־די אינדזל־געגנט לעבן אונטער־סינאָוטץ און ראָגאַטשעסטי, אויפן טייך סערעט.

שוין אַלס קינד האָט ער געהערט, און ערשט לעצטנס האָבן אים די זשאַנדאַרן דאָס באַשטעטיקט, אַז עס הערשן נאָך דאָרט די זעלביקע מנהגים: ווען עמעצער וויל פאַרהאַנדלען מיט די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ, מוז ער זיך אַוועקשטעלן ביים לינקן ברעג פון סערעט מיט אַ ווייס טיכל, און אַזוי לאַנג פאָכען מיטן ווייסן טיכל, ביז עמעצער פון די איינוואוינער דער־שיינט און פאַרהאַנדלט מיט אים. ווען דער איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ האַלט, אַז דער ענין איז אַ וויכטיקער, פאַרבינדט ער דעם באַזוכער די אויגן מיט אַ שוואַרץ טיכל און ברענגט אים צו פירן צום הויפּטמאַן.

סטעפאַן צערטיאַן האָט טאַקע געוואוסט, אַז מאַראַרעסקו איז טויט, און אַז די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די אַלע געשעענישן, אחוץ דאָס צורויבן פון די פאַרמשכנטע בהמות. אָבער אפשר טאַקע דערפאַר האָט אים אהין געצויגן. אויך ער איז געווען צופרידן, וואָס דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויף ליבערטאַטיאַ. עס איז געווען זיין פליכט צו קריגן פאַר דער געשטאַפּאָ ידיעות וועגן דער געגנט; געוואָלט האָט ער צוגרייטן דאָ אַ נידערלאַגע פאַר דער געשטאַפּאָ.

אַרום צוואַנציק מינוט איז ער געשטאַנען ביים ברעג, ווען ער האָט פּלוצלונג דערפילט אַ האַנט אויף זיין פּלייצע. אַ דערשראָקענער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט. ער האָט ניט געהערט קיין אָנקומענדיקע טריט. דער מאַן, וואָס האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע, איז אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. הינטער אים איז געשטאַנען אַ שלאַנקער מאַן, זיינע גלאַטע האָר זיינען געווען פּאַרקעמט אויף הינטן, און ער האָט געטראָגן וואַנצעס, וואָס זיינען פון אונטער דער נאָז אַראָפּגעהאַנגען ווייט איבער ביידע זייטן פון די מויל־ווינקלען.

— ווער זייט איר און וואָס ווילט איר? — האָט צערטיאַן אים גע־פרעגט.

— די דאָזיקע פראַגע האָב איך דיר געוואָלט שטעלן. דו האָסט מיך גערופן, נו, מוזטו אויך זאָגן ווער דו ביזט.

— איך בין דער אונטערפרעפעקט פון סערעט און וויל רעדן מיט אייער הויפּטמאַן.

— איר ווייסט אונדזערע מנהגים.

סטעפאַן צערטיאַן האָט באַמערקט, אַז ער רעדט איצט צו אים אויף „איר" און אַז זיין טאָן איז געוואָרן מער העפלעך, און דאָס האָט אים גע־געבן אַ געפיל פון אַנטוישונג. יענער האָט פאַרגעזעצט: „איר מוזט זיך לאָזן פאַרבינדן די אויגן און איך וועל אייך אַריבערפירן." זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל, געלאַנדעט, און נאָך אייניקע מינוטן האָט ער זיך געפונען אין אַ כאַטע, וואו מ'האָט אַראָפּגענומען ביי אים דאָס טיכל פון די אויגן.

— דאָס איז אונדזער הויפּטמאַן, — האָט אים געזאָגט דער פירער, אָנווייזנדיק אויף אַ מאַן, וואָס איז געזעסן אויף אַ לעדער־באַשלאָגענעם שטול. דער דאָזיקער מאַן, וואָס מ'האָט אים גערופן הויפּטמאַן, האָט געהאַט אַ דורכשניטלעכן אויסזען און האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פון דעם מאַן, וועלכער האָט אים אַהער געבראַכט. זיין אונטערפירער האָט נאָך צוגעגעבן: „דאָס איז דער הער אונטערפרעפעקט פון סערעט."

דער הויפּטמאַן האָט אים געבעטן זיך זעצן אויף אַן אומגעהובלטער באַנק לעבן דעם הילצערנעם טיש און געהייסן ברענגען אַ פלעשל שנאַפּס, וואורשט און טאַבאַק. „שוין לאַנגע יאָרן, הער אונטערפרעפעקט", האָט ער געזאָגט, „אַז איך האָב ניט געהאַט דעם כבוד פון אַזאַ הויכן באַזוך. זינט ווען זייט איר אייגנטלעך אונטערפרעפעקט פון סערעט? וואָס איז געשען מיט קאַראָל באַרבאַרעסקו? און וואָס ברענגט אייך צו מיר?"

און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן, האָט דער הויפּטמאַן פּלוצלונג געענדערט זיין טאָן און געזאָגט:

— ביי אייך אין לאַנד קומען איצט פאָר זאַכן, וואָס איך קאָן פשוט ניט

באַגרייפן. דער קעניג איז אַנטלאָפן פון לאַנד מיט פיל מיליאָנען. ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, הערשן ביי אייך ווידער די דייטשן. און דאָס מאָל האָט איר זיי אַריינגעלאָזט אָן אַ מלחמה און אָן אַ קאַמף. איר האָט אויסגעמאָרדעט די יידן. פון וואָס זאָלן מיר דאָ לעבן? אויף פּויערים מאַכן מיר ניט קיין איבערפאַלן, ווייל מיר אַליין שטאַמען אָפּ פון פּויערים. פון די יידן האָט איר אַלץ צוגענומען. איר האָט ביי אונדז צוגענומען דאָס ברויט, און איר דאַרפט זיך ניט וואונדערן, אויב אין אַ שיינעם טאָג נעמען מיר צו עטוואָס ביי אייך. וואָרים מיר ווילן אויך לעבן.

עס איז אַריינגעטראָטן אַ שטילשווייגן. דער הויפּטמאַן האָט געקוקט אויף צערטיאַנען, דערוואַרטנדיק אַן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן.

צערטיאַן האָט געזאָגט:

— איך בין געקומען צו אייך, ווייל מיר פאַרדעכטיקן, אַז אַ געוויסער הויפּטמאַן מאַראַרעסקו, וועלכער האָט פאַרלאָזט זיינע טרופּן אָן אַ דער־לויבעניש און האָט דערמאָרדעט פערצן דייטשן, איז אַנטלאָפן אַהער צו אייך. דער דאָזיקער פאַרדאַכט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דעם, וואָס איר האָט געבראַכן די שטילע פאַרשטענדיקונג, וועגן וועלכער איר, הער הויפּטמאַן, האָט גראָד גערעדט, ווען איר זייט איבערגעפאַלן די צוויי זשאַנ־דאַרן און דעם געריכט־באַאַמטן און צוגענומען די פאַרמשכנטע בהמות. עס שיינט דעריבער, אַז איר זייט אין אַן אָפענעם קריג . . .

דער הויפּטמאַן האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן. דאָס דערמאָנען מאַראַרעסקוס נאָמען האָט אויף אים געווירקט עלעקטריזירנדיק. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול.

— וואָס, מאַראַרעסקו איז אַנטלאָפן פון דער סטאַדע? ער איז אין אָפענעם קאַמף קעגן די דייטשן? מיט מאַראַרעסקון האָב איך אַכט חדשים געאַרבעט צוזאַמען. ער איז דער פּיאָיקסטער באַנדיטן־פירער אין רומעניע. ער ווייס שטענדיק וואָס ער טוט. ווען ער טרעט אַרויס קעגן די דייטשן, ווייס ער פאַרוואָס. יאָ, זיי האָבן באמת אַלץ אוועקגענומען ביי אונדז. איך האָב שטענדיק געזאָגט: מאַראַרעסקו איז דער בעסטער רויבער־הויפּטמאַן אין דער וועלט און מיר וועלן פאַר אים גיין אין פייער.

ער האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און דערלאַנגט אַ פייף. די כאַטע איז באַלד פול געוואָרן מיט מענטשן.

— חברה! מאַראַרעסקו, פון וועמען איך האָב אייך אָפט דערציילט, איז ווידער געוואָרן אַן אונדזעריקער. ציטראַיאַסקאַ! ברענגט גלעזער! אין מיין מלוכה וועט ער זיין קייסער, קעניג, איך זיין צווייטע האַנט. לעבן זאָל מאַראַרעסקו! איר, הער אונטערפּרעפעקט, וואָס אייגנטלעך האָט איר זיך פאַרגעשטעלט? די איינוואוינער פון ליבערטאַטיאַ וועלן אַרויסגעבן מאַראַ־רעסקון? ניין, קיין מאָל ניט!

מ'האָט געטרונקען פאַרן וואוילזיין פון מאַראַרעסקון. עמעצער פון דער מאַסע האָט אַ פרעג געטאָן: „וואו איז ער?"

— יאָ, אונטערפּרעפעקט, וואו איז ער?—האָט דער הויפּטמאַן געפרעגט.

פון דער קעשענע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל שמוציקע טויזנט־לײַ באַנק־בילעטן, געפּאַקעט מיט זיי סטעפאַן צערטיאַנען פאַר די אויגן און געזאָגט:

— אָט, אָט, זיי געהערן אייך, דיר, אייך אַלעמען. דו קאָנסט נאָך האָבן דריי מאָל אַזויפיל, ווען דו זאָגסט מיר, וואו מאַראַרעסקו געפינט זיך.

— איר זייט מאָדנע מענטשן, — האָט סטעפאַן צערטיאַן געענטפערט.

— איך בין געקומען אויסגעפינען ביי אייך, וואו מאַראַרעסקו געפינט זיך, און איצט ווילט איר וויסן פון מיר, וואו ער איז.

דער רויבער־הויפּטמאַן איז ווידעראַמאָל אויפגעשפּרונגען אַן אויפגע־רעגטער פון זיין שטול.

— ווי אַזוי ביזסטו איבערהויפּט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מיר וועלן מאַראַרעסקון פאַרראַטן? האַלטסטו אונדז פאַר לומפּן, פאַר טורמע־פייגלען? ווער, דענקסטו, זיינען מיר?

— באַרואיקט זיך, עס איז ניטאָ קיין גרונט פאַר אַ שטרייט. היינט זיינען ניט מיר די באַלעבאַטים, נאָר די דייטשן, און איר, הויפּטמאַן, האָט דאָס דאָך אַליין געזאָגט. דער עיקר איז, אַז איר ווייסט, וואו ער איז. מיר אַלע מוזן זיך דערמיט רעכענען. דער דייטש ווייס ניט פון קיין שפּאַס. ווער עס פאָלגט ניט, ווערט דערשאָסן אָדער געהאַנגען. דער דייטש וויל האָבן מאַראַרעסקון . . .

— און ער וועט אים ניט האָבן! — האָט דער הויפּטמאַן אויסגעשריען.

— זיכער וועלן דאָ וואַקסן האָר — ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין דלאָניע. — ווען די אין בוקאַרעשט בויגן זיך, איז דאָס זייער זאַך. ליבערטאַטיאַ האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעוואָרפן און וועט דאָס אויך קיינמאָל ניט טאָן.

— הער הויפּטמאַן, איך דערצייל אייך זיכער ניט קיין נייעס, ווען איך זאָג אייך, אַז די דייטשן וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטל. איך ווייס, אַז אייערע אינדזלען איז שווער צו שטורעמען. אָבער די דייטשן האָבן עראָפּלאַנען. זיי קומען אין מאַסן און וואַרפן אַראָפּ באָמבעס. וואָס וועט איר דאַן טאָן?

— יאָ, הער אונטערפּרעפעקט. — ער האָט זיך באַמיט צו זיין העפלעך.

— איך זע שוין. איר זייט אויך ניט צופרידן מיט די דייטשן. דאָס פאַר־שטיי איך. איך קען מענטשן. און איר זייט ניט געקומען צו אונדז אַלס שונא. אפשר האָט איר דאָ געהאַט שוועריקייטן מיט די דייטשן. אויף אונדז קאָן מען זיך פאַרלאָזן, ווען מען מיינט ערלעך. אויב איר ווילט, וועלן מיר אייך אויפנעמען.

— יאָ, איך האָב די דייטשן, דאָס איז אַן אמת. אָבער דאָ בלייבן וויל איך ניט. — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און דאַן געזאָגט מיט באַטאָנונג: — אין איייניקע טעג וועלן די דייטשן מעגלעך קומען. ניט אַ פּאָר, נאָר אַ פּאָר הונדערט, מיט מאַשין־ביקסן און האַנט־גראַנאַטן. וואָס איר וועט דאַן טאָן, דאָס ווייסט איר בעסער פאַר מיר. איך בין געקומען אהער פאָדערן, אַז איר זאָלט אַרויסגעבן מאַראַרעסקון. — ער האָט איבערגעחזרט נאָך דייטשלעכר: — איך בין אהער געקומען פאַרלאַנגען אויף אַ פריינטלעכן אופן מאַראַרעסקוס אויסליפערונג! איר, הויפּטמאַן, האָט זיך אָפּגעזאָגט, ניט אמת?

דער רויבער־הויפּטמאַן האָט געטראַכט: וואָס וויל דער מענטש?

צערטיאַן האָט פאַרגעזעצט: „וועגן קיין אַנדערע זאַכן האָב איך מיט אייך קיין וואָרט ניט גערעדט! מיר האָבן זיך ניט אונטערהאַלטן פריינטלעך, איר פאַרשטייט?"

איבערן פּנים פון דעם רויבער־הויפּטמאַן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שמייכל: „פאַרשטאַנען, הער אונטערפּרעפעקט, איך האָב פאַרשטאַנען."

צערטיאַן האָט זיך אויפגעהויבן און אים געגעבן די האַנט. דער רויבער־הויפּטמאַן האָט גענומען די האַנט, אים צוגעצויגן צו זיך און אַרומגענומען. :: :: ::

עס איז געווען איינער פון די גוס־רעגנס, ווי דאָס פּאַסירט אין סעפּטעמבער — אַן אָנזאָג פון דעם קומענדיקן האַרבסט. די רעגן־טראָפּנס קלאַפּן אויף די פענצטער אָן אַן אויפהער, טרויעריק, ווי דאָס וואָלט שוין אויף אייביק אַזוי בלייבן. העלענעטע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער פינצטער אויף פראַנצן, וועלכער איז געלעגן לעבן איר און האָט הויך געכראָפּעט. איר האָט געעקלט. דאָס איז איר אויסדערוווילטער, דער מאַן פון אַ העכערער ראַסע. זי האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט זי ניט אָנגערירט זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון טשערנאָוויץ.

דער ווינט האָט געבלאָזן פון דער זייט פון בית־עולם און געטראָגן פון די קברים די טרויעריקע טענער פון יאָסל שמשס קול. פראַנץ האָט געכראָפּעט אַלץ העכער, צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער שלאָפט. ניין, ער האָט ניט פאַרשטאַנען די פרעמדע שפּראַך פון יאָסל שמש, וואָס די נאַכט האָט געבראַכט. ער האָט די שפּראַך ניט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט אים אויפגערעגט. אַט ליגט ער לעבן זיין פרוי, וואָס ציט אים אָן, אָבער ער קאָן זי ניט אָנרירן. ער האָט פאַרשאָלטן מאַראַרעסקון, פאַרשאָלטן אפילו די געשטאַפּאָ, פאַרשאָלטן זיינע פריינט, וואָס האָבן אים פאַרשלעפּט אין טשערנאָוויץ אין אַ באָרדעל. ער האָט זיך דאָך ניט געקאָנט אַרויסשטעלן אַלס אַ הייליקער. וואָס האָט ער זיי געקאָנט זאָגן? איך בין ערשט עטלעכע טעג פאַרהייראַט און וועל ניט גיין?

ער האָט זיי דאָס יאָ געזאָגט, אָבער זיי האָבן אים געענטפערט: „מיט אַ פרוי, וואָס מ׳האָט געפונען ראַסן־ריין, האָט מען קינדער; צו אַנדערע גייט מען האָבן שפּאַס.״ זיין אויפהאַלט אין טשערנאָוויץ האָט זיך פאַרצויגן. פון אָנהויב האָט עס געהייסן, אַז ער וועט דאַרפן וואַרטן פיר־און־צוואַנציק שעה. דאַן איז געקומען אַנטאָנעסקוס ראַדיאָ־אַפּיל צו מאַראַרעסקון, נאָכדעם מאַראַרעסקוס בריוו. האָט ער געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון גיין מיט פריינט טרינקען אַ גלאָז וויין, און דאַן אין אַ שיכורן צושטאַנד אין דעם באָרדעל? האָט ער געקאָנט טראַכטן, אַז די צרה וועט דווקא אים טרעפן? און דערצו האָט נאָך געמוזט קומען די מעשה מיט דער פּערל־קייט. ער האָט געוואָלט הענריעטען ברענגען אַ ווערטפולע מתנה, ווען ער וועט זיך אומקערן אַהיים. הונדערט טויזנט לעי האָט ער באַצאָלט די דאָזיקע זשוליקעס פון סיגוראַנצאַאַגענטן פאַר דער פּערל־קייט. יענע האָבן אים געזאָגט, אַז ס׳איז עכטע פּערל און ווערט צוואַנציק טויזנט דאָלער. וואָלט ניט געווען בעסער פאַר אים, ווען עס וואָלטן נאָך געווען געוויינלעכע קראָמען? מ׳איז אַריין אין אַ קראָם, געקויפט ביים יידישן יוּוועליר די צירונג, און געווען גאַראַנטירט, אַז מ׳האָט דיר ניט באַשווינדלט איבערן קאָפּ. איצט גלויבט זי, אַז ער האָט געוואָלט מאַכן חוזק פון איר, אַז ער האָט איר געבראַכט פּשוטע פּאַטשערקעס אָנשטאָט פּערל. ווי שטאָלץ זי איז! מיט וואָס פאַר אַ זשעסט זי האָט עס אַ וואָרף געטאָן די געפאַרבטע שטיקלעך גלאָז צו מיינע פיס! ווען איך וואָלט כאָטש געקאָנט שטום מאַכן דעם דאָזיקן יידן! אָבער נאָך אָנהויבן זיך מיט איר?!

יאָסל שמשס טרויעריקע טענער זיינען געווען פולשטענדיק צוגעפּאַסט צו הענריעטעס שטימונג. זי האָט געזען, אַז פראַנץ מאַכט זיך נאָר שלאָפנדיק. זי האָט אויך באַמערקט ווי די דאָזיקע קלאָג־טענער ווירקן אויף זיינע נערוון, און האָט געהאַט הנאה. ניין, איך שטעל זיך ניט איין פאַר דעם דאָזיקן אַלטן יידן צוליב געלט, וואָס עקזיסטירט אפשר ניט. אָבער פאַרוואָס אייגנטלעך? איז ניט געווען אַמאָל, ווען עס זיינען נאָך געווען יידן, פיל שענער? זי האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט פון דעם דאָזיקן געדאַנק. הם, וואָס פאַרבינדט מיך, אַ בלאָנד מיידל, מיט די יידן? אָבער דער גלח? ווען פראַנץ איז געווען אַוועקגעפאָרן, האָט איר די מוטער איינגערעדט עטוואָס צו טאָן, ווייל זי איז קירכלעך ניט פאַרהייראַט. זי איז ענדלעך אַוועק צום גלח גלורזאַנסקי. ער האָט גערעדט וועגן אַנטי־קריסט, וואָס איז דערשינען אויף דער וועלט, וועגן דער מלוכה פון מגוג, וואָס האָט געמאַכט פון דער וועלט אַ גיהנום, וועגן אַ נייעם יוחנן המטביל, וואָס וועט אָנזאָגן דאָס קומען פון אַ נייער מלוכה, וואָס וועט פאַרניכטן דאָס שלעכטס און פאַרפלאַנצן גוטס אויף דער ערד. און יאָסל שמש, האָט איר אויסגעדוכט, אויב זי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם גלחס ווערטער, אַלס דער נייער מטביל.

וואָס דען אַנדערש ווילן די דאָזיקע דייטשן, ווי פֿאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ הור־הויז? איין באָרדעל איז פֿאַר זיי ניט גענוג. קאַראָל באַרבאַרעסקו אַרבעט איצט צוצוגרייטן אַ נייעם באָרדעל. און די דאָזיקע חיה, וואָס ליגט דאָ לעבן מיר! אָט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַן איבערמענטש, גערעדט אַזוי שיין וועגן ליבע, און אַ פּאָר טעג נאָך דער חתונה גייט ער צו אַ הור און שטעקט זיך אָן. און דער דאָזיקער כלומרשטער איבער־מענטש וואַגט אַפֿילו ניט מיר צו זאָגן, פֿאַרוואָס ער וויל מיך ניט אָנרירן. דער גרויסער העלד כראָפּעט, האָט מורא, אַז זיין פֿרוי קאָן — יאָ, וואָס קאָן איך אייגנטלעך טאָן? פֿאַרוואָס־זשע האָט ער מורא?

זי האָט פּלוצלונג אַ טראַכט געטאָן וועגן צערטיאַנען. זי האָט איבער־הויפּט אָפּט געטראַכט וועגן אים, ווייל דאָס איז איר געווען אנגענעם. ער דערקלערט זיך מיר ניט אין ליבע, אָבער שפּילט אויך ניט דעם היפּאָקריט. ער איז אַ פֿאַרשלאָסענער אין זיך. וואָס אייגנטלעך באַהאַלט ער? זאָל ער — יאָ, נאַטירלעך, דאָס מוז דאָס זיין. אים עקלט פּונקט ווי מיר. אפשר אַנדערש, מער ווי אַ מאַן. ער האַסט שטאַרק די דייטשן. און איך? ווער ווייס?

פֿראַנץ צימערלע איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער איינציקער אויס־וועג פֿאַר אים איז צו אונטערנעמען אַ לענגערע אינספּעקציע־רייזע. דער דאָקטאָר האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז אין עטלעכע טעג וועט ער זיך אויסהיילן. אמת, ער האָט אים געהייסן זיצן אין דער היים און גוט אכטונג געבן אויף זיך. אָבער וועגן דעם איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן. אפשר, אונטערן אויסרייד פֿון אַן אינספּעקציע־רייזע, אַרויספֿאָרן צו סאַוערן? הער פֿאָן סאַוער איז אַ גוטער פֿריינט. ווען מ'וואָלט נאָר געקאָנט פּטור ווערן פֿון דער באַגריסונג פֿון זיינע דאַמען! אָ, וועט דאָס ווערן ווידעראַמאָל אַ גע־שריי: „ווי צופֿרידן איך בין! און אייער פֿרוי געמאַלין איז ניט מיט־געפֿאָרן? אַך, ניט אינגאַנצן געזונט? נו, זי וועט אינגיכן ווערן בעסער! אָבער די הערן ווילן זיין אַליין!" און דערמיט רוישט זי אַרויס, דרייענדיק זיך אויפֿן קאָרעק. יאָ, דער סאַוער איז אַ מענטש פֿון געשמאַק. ער האָט צוגעוואוינט זיינע דאַמען איבערצולאָזן מענער אַליין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן וויכטיקע ענינים.

און מיין הענריעטע?... ביי די סאַוערס קאָן איך שנעל פּטור ווערן פֿון דער פּלאָג און צוריק אויפֿשטעלן דעם שלום־בית. איך וועל דאָרט אָנשרייבן אַ באַריכט וועגן דער געגנט. אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן יאָהאַן מילער געפֿינט זיך איצט, וועט אַפֿילו דער דאָזיקער ביטרער פֿוקס ניט באַמערקן, אַז דער באַריכט איז אַ געקינסטלטער. איך וועל ביים שרייבן דעם באַריכט זיך שטיצן אויף דעם, וואָס סטעפֿאַן צערטיאַן האָט מיר דערציילט. דער דאָזיקער רומעניער איז אַ מאָדנער מענטש. אָט נעמט אַ קערל און גייט איינער אַליין

אין דעם לאַגער פון די דאָזיקע אונטערמענטשן. אמת, זיי האָבן אים גאָר־נישט געזאָגט. אָבער פאָרט, ער איז דאָרט געווען. ער האָט אויך עפּעס געזען און . . . אָ, יאָ, יאָהאַן מילער האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איך זאָל וואַרטן אויף זיינע ווייטערדיקע באַפעלן. דער קלאַפּ קעגן ליבערטאַטיאַ און קעגן די דאָרפסלייט פון ראָגאַטשעסטי קאָן אָבער אַ סך לענגער ניט אָפּגעלייגט ווערן.

דאָס וואָס יאָהאַן מילער האָט פון זיך ניט געלאָזט הערן, איז וואָר־שיינלעך ניט קיין גוטער סימן. אָבער ער וועט שוין ווי ניט איז איינ־אָרדענען. אויף יאָהאַן מילער קאָן מען זיך פאַרלאָזן. און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט: ס'איז דאָך אויך געווען דער סאַבאָטאַזש־אַקט אין דער ברויערײַ! דאָס האָב איך צוליב דעם פּערזענלעכן דרעק אינגאַנצן פאַר־געסן. איך מוז מאָרגן אינדערפרי — אָ, ווען עס ווערט שוין טאָג! — צוזאַמענרופן אויף אַ באַראַטונג אָטאָ פאָן ראַובניטץ, סימיאָן שטראָוב און האַנס קרולע. אויב זיי וועט ניט געלינגען אויסצוגעפינען די שולדיקע — שיקט מען היינט ניט אַרויס אַ נייעם ביר־טראַנספּאָרט? מען מוז דאָס אָפּשטעלן, האָט ער געמורמלט, מען קאָן די טראָקס פאַרהאַלטן אין כליבאָקע.

— דו שלאָפסט ניט, ליבלינג?

מיט שרעק האָט פראַנץ צימערלע באַמערקט, אַז ער האָט פאַרגעסן זיין ראָלע אַלס שלאָפנדיקער.

— באַאומרואיק זיך ניט, מיין אוצר, מיר האָט זיך געחלומט אַ שלעכ־טער חלום.

— אַזעלכע העלדישע מענער האָבן אויך שלעכטע חלומות? האָסטו מיר ניט געזאָגט מיט עטלעכע טעג צוריק, אַז אַ דייטשישע פּרוי מוז זיין מוטיק און העלדיש און זיך ניט אונטערוואַרפן קיין שטימונגען?

פראַנץ צימערלע האָט געהאַלטן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין ווידער צו מאַכן זיך שלאָפנדיק. אָן אויפהער האָבן די רעגן־טראָפּנס געקלאַפּט אויף די שויבן פון די פענצטער און די שטים פון די קברים האָט געשיינט צו זיין נאָך מער וואָרנענדיק, נאָך מער קלאָגנדיק, נאָך מער מאָנענדיק.

:: :: ::

— ניין, — האָט פראַנץ צימערלע געזאָגט, — עס איז ניטאָ קיין שום ספק. עס איז פעסטגעשטעלט, אַז די פעסער זיינען געקומען פון אונדזער ברויערײַ. און מ'האָט געפונען דזשעגאַכץ, טויטע ראַצן, און ענלעכע זאַכן אין די פעסער. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס מיינט? יאָהאַן מילער האָט מיר געזאָגט, אַז צום גליק, האָט דער פירער נאָך ניט געהערט וועגן דעם. שטעלט זיך נאָר פאָר, אויב דער פירער זאָל אויסגעפינען, אַז אין אונדזער ברויערײַ, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דייטשן, וואָס איז שטענדיק געווען דייטשיש אייגנטום, האָט געקאָנט פּאַסירן אַזאַ זאַך! האָט

איר געגוג פֿאַנטאַזיע זיך פֿאַרצושטעלן די רעזולטאַטן? יאָ, וואָס נאָך האָב איך געוואָלט זאָגן, איידער מיר רעדן ווייטער. קלינגט אָן דער באַן־פֿאַר־וואַלטונג פֿון כּליבאָקע, אַז זיי זאָלן די וואַגאָנען — וויפֿיל וואַגאָנען, זאָגט איר, זיינען אָפּגעגאַנגען? — תּיכּף צוריקשיקן קיין סערעט.

— אָבער פֿראַנץ, — האָט אָטאָ פֿאָן ראָובניטש אויסגעשריען, — ס׳איז, דענק איך, ניט קיין פֿראַגע פֿון דער אייזנבאַן־פֿאַרוואַלטונג. די גאַנצע ליניע געפֿינט זיך אונטער דער מיליטערישער קאָמאַנדע. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז אַרמיי־אייגנטום פֿון די סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט. מיר קאָנען אָפּגעשיקטע וואַגאָנען ניט קריגן צוריקגעשיקט.

האַנס קרולע איז פֿונדעסטוועגן אַוועק אין אַן אַנדער צימער טעלע־פֿאָנירן. אַלע האָבן געשפּאַנט געוואַרט, ביז ער איז צוריקגעקומען.

די וואַגאָנען זיינען אָפּגעגאַנגען נאָך נעכטן אין אָוונט.

אין אָט דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער אַלטער יוסטפאַן. מ׳האָט אים גערופֿן, ווייל ער האָט געקענט יעדן אין שטאָט און אויך די אַרבעטער אין דער ברויערײ. זיי האָבן געהאָפֿט, אפֿשר וועלן זיי עפּעס קאָנען אויס־געפֿינען דורך אים. אחוץ דעם האָט יאָהאַן מילער אָנגעזאָגט פֿראַנץ צי־מערלען, אַז אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאָלקס־געמיינשאַפֿט זאָלן אין אַ גרע־סערער מאָס אַריינגעצויגן ווערן אין דער אַרבעט. פֿאַרוואָס אַנדערש איז פֿאַראַן די פֿאָלקס־געמיינשאַפֿט?

ווען יוסטפאַן איז אַריינגעקומען, האָט פֿראַנץ צימערלע איבערגעחזרט: „יעדער פֿון אונדז מוז האָבן טויזנט אויגן און זיין צונג נאָר דאָן באַוועגן, ווען עס איז נויטיק אונדז עפּעס מיטצוטיילן.”

יוסטפאַן האָט זיך פֿריילעך פֿאַנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט: „איך וועל שוין פֿאַר מיינע צוויי אויגן דאַרפֿן גוטע ברילן. זינט דער זונרייך, דער אַפּטייקער, מיין איך, איז מער ניטאָ, קאָן מען אויך מער קיין ברילן ניט קריגן. מען דרייט זיך אַרום ווי אַ בלינדער. אפֿשר איז מעגלעך צו קריגן ברילן פֿון דייטשלאַנד? און וואָס שייך דער צונג . . .”

פֿראַנץ צימערלע האָט אים אונטערגעבראָכן:

— ליינט אַוועק די נאַרישקייטן און הערט בעסער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מ׳האָט געפֿונען טויטע ראַצן און דזשעגאַכץ אין די פֿעסער.

— טויטע ראַצן אין די פֿעסער, דזשעגאַכץ אינעם ביר, — האָט אויס־געשריען יוסטפאַן, — און איר ווייסט ניט פֿון וואַנען דאָס קומט? מיין פֿרוי קאָן אייך דאָס גענוי זאָגן.

פֿראַנץ צימערלע האָט געקוקט אויף יוסטפאַנען דערשטוינט.

— ווייסט איר כאָטש, הער יוסטפאַן, וואָס איר רעדט?

— צי איך ווייס וואָס איך רעד? גלויבט איר, אַז איך בין היינט נעבוירן געוואָרן? אַכט טעג איידער די ערשטע מלחמה האָט אויסגעבראָכן,

ווען איך האָב געבראַכט די שיפּרירטע טעלעגראַמע פון ווין צום דעמאָלטיקן הויפּטמאַן פון דעם באַצירק, יאָזעפאָוויטש, האָט ער זי געלייענט אין מיין קעגנוואַרט. וואו קאָן ער זיך איצט געפינען? איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט זיך געוואָלט נאָכפרעגן. ער איז געווען אַן אָנשטענדיקער באַצירק־הויפּטמאַן. ווייסט איר, מיינע הערן, אַזעלכע צייטן וועלן שוין מער קיינמאָל זיך ניט אומקערן. יאָ, וואָס איך האָב נאָך . . .

פראַנץ צימערלע, וועלכער איז געווען זייער נערוועז זינט ער איז צוריק־געקומען, און באַזונדערס נאָך דעם, וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע נאַכט, האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן פון אויפרעגונג.

— וועט איר אפשר ענדלעך רעדן צו דער זאַך? איר האָט דאָ גע־וואָרפן אַ שווערן פאַרדאַכט אויף אייער פרוי. וועט איר אונדז דערקלערן, וואָס איר האָט דערמיט געמיינט?

— איך, אַ פאַרדאַכט? אַ גליק וואָס מיין פרוי האָט דאָס ניט געהערט. איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז וועגן דעם דאַזיקן ענין קאָן זי געבן דעם בעסטן ענטפער, ווייל . . .

— שווייגט איצט! — האָט אויסגערופן פראַנץ צימערלע, און ווענדנ־דיק זיך צו האַנס קרולע, האָט ער געזאָגט: „הייסט תיכף ברענגען אַהער פרוי יוסטפאַן. הער יוסטפאַן, איר וואַרט דערווייל אין דעם דערבייאיקן צימער.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט דערשטוינט און פאַרוואונדערט. האַנדלט זיך עס וועגן אַן אומזין, וואָס דער אַלטער האָט אויסגעפּלאַפּלט, אָדער ווייסט פרוי יוסטפאַן ווירקלעך עפּעס וואָס? אָטאָ פאָן ראַובניטץ, ווען די מעשה מיטן ביר האָט צום שטאַרקסטן געטראָפן, האָט געזאָגט:

— די דאַזיקע אַלטע פרוי איז מיר שוין לאַנג פאָרגעקומען עטוואָס פאַרדעכטיק. לעצטן יאָר, ווען איך בין אַהער געקומען, האָט זי אָפט גע־רעדט וועגן ראַסאָווע קי, וואָס זי וועט ניט אָפּגעבן. איר גאָרטן און איר שטאָל האַלט זי אַזוי זאָרגפעלטיק פאַרשלאָסן, ווי זי וואָלט געהאַט צו באַ־האַלטן גרויסע סודות. איך האָב געהערט רעדן, אַז זי פלעגט פריער פאַרקערן בלויז אין יידישע הייזער. געוויס האָבן ניט איך, ניט סימיאָן שטראַוב געהאַט די צייט, צוליב דער שווערער פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיך אָפּצוגעבן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער ברויערייַ. ליידער איז דאָס אַזוי. צוליב מאַנגל אין ארבעט־כוחות האָבן מיר ביז איצט ניט גע־קאָנט דורכפירן קיין סיסטעמאַטישע אַרבעט־פאַרטיילונג. די זעלביקע אַר־בעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט ביי די האָפּן און דעם מאַלץ, וואַשן און פּילן אַן גלייכצייטיק אויך די פעסער. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן 150 אַרבעטער, אַזוי אַז מען קאָן ניט פעסט אָפּגרענעצן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיכער מוזן צוויי־דריי האָבן ניט קיין ריינע הענט אין דער דאַזיקער שפּיל.

אפשר שטייען די דאָזיקע מענטשן אין פאַרבינדונג מיט פרוי יוסטפאַן. פּילייכט האָט דער אַלטער אַרויסגעפּלוידערט עפּעס, פון וואָס ער אַליין האָט ניט קיין שום באַגריף. לאָמיר צוואַרטן, ביז מען וועט ברענגען אַהער די אַלטע.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און האַנס קרולע האָט אַריינגעפירט די פרוי יוסטפאַן אין צימער. ער האָט איר ניט געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, נאָר האָט זי איינגערעדט, אַז מען וויל איר אָנווייזנהייט אויף אַ זייער וויכטיקער באַראַטונג.

גייענדיק, האָט פרוי יוסטפאַן געוואָלט אויסגעפינען, צי עס האַנדלט זיך ניט וועגן אירע קי, און האַנס קרולע האָט איר געגעבן אַ פאַרזיכערונג, אַז עס דראָעט אירע קי ניט קיין געפאַר. די פרוי יוסטפאַן האָט זינט דעם בריוו, אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן ראַסן, געלעבט אין אַ שטענדיקער מורא, אַז דער פירער האָט דאָס געמיינט אירע ראַסאָווע קי, פאַר וועלכע די גאַנצע שטאָט האָט זיי מקנא געווען. זי האָט קיינעם ניט דערלויבט אַריינצוגיין אין שטאַל, אַז מ'זאָל די קי קיין עין־הרע ניט געבן, און האָט דערציילט וואו זי האָט נאָר געקאָנט, אַז די קי גיבן איצט ווייניק מילך. אויך איצט האָט זי אָנגעהויבן רעדן גלייך ווי זי איז אַריינגעקומען, נאָך איידער עמעצער האָט ביי איר עפּעס געפרעגט:

— אַלץ בשייכות דער ראַסע איז אַ ליגן. דאָס האָבן אונדזערע ערגסטע שונאים אויסגעטראַכט. קיין זאַך קומט פון דעם ניט אַרויס.

„איז זי אַראָפּ פון זינען", האָט געטראַכט פראַנץ צימערלע. „אויף וואָס שטיצט זיך די אַלטע מכשפה, ווען זי איז אַריבער אויף אַזאַ אָפענעם אָנגריף?"

— ווייסט איר ניט, פרוי יוסטפאַן, אַז די ראַסן־לערע איז דער ערשטער יסוד פון דער נייער דייטשלאַנד? ווי וואָגט איר איבערהויפּט, איר, אַלס דייטשישע פרוי . . .

— אפשר זיינען אין דייטשלאַנד פאַראַן אַזעלכע ראַסן. פאַר מיר איז דאָס אַ פאַרלוימדונג פון אונדזערע שונאים, וואָס ווינטשן מיר ניט קיין גוטס.

— שווייגט און ענטפערט בלויז אויף די פראַגן, וואָס מען פרעגט אייך! — האָט פראַנץ צימערלע שוין געשריען. — וואָס ווייסט איר וועגן די ראַצן אין די ביר־פעסער און וועגן דעם דזשעגאַבץ?

פרוי יוסטפאַן האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ דאַנק גאָט, האָט זי געטראַכט, וואָס מען רעדט ניט וועגן די קי.

— דאָס האָט איר ביי מיר באַלד געדאַרפט פרעגן, הער קאָמיסאַר, וואָלטן מיר ביידע זיך ניט אויפגערעגט אַזוי פרי אין פרימאָרגן.

— נו, ענטפערט אויף מיין פראַגע, פרוי יוסטפאַן!

— איך ווייס גאָרניט. זעט איר, איך וואָלט דאָס געקאָנט אייך גלייך זאָגן.

— אָבער אייער מאַן האָט דאָך באַהויפּטעט, אַז איר קאָנט אונדז געבן אינפאָרמאַציע וועגן דעם ענין?

— אויף מיין וואָרט, איך האָב באַלד געטראַכט, אַז דער אַלטער האָט שוין ווידעראַמאָל געפּלוידערט. איך זאָג אייך, מיינע הערן, ער קאָן צוזאַמענ־ברענגען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אַן אַנדער פרוי וואָלט מיט אים קיין פינף יאָר ניט געלעבט צוזאַמען. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, אַז איך האָב מיט אים געהאַט זיבן קינדער, מיט דעם דאַזיקן באַלבעטון, מיט דעם דאַזיקן נודניק, מיט דעם דאַזיקן טויגעניכטס! אָבער ער איז דאָ ניטאָ און איך קאָן דאָס רואיק זאָגן. ער איז אַ בראַוועער מאַן, ווען ער וואָלט נאָר וויניקער גערעדט.

— פרוי יוסטפּאַן, — האָט צימערלע געזאָגט און זיך באַמיט צו רעדן רואיק. — אייער מאַן האָט דאָ פאַר אונדז אַלעמען דערקלערט, אַז איר זייט אין אַ לאַגע אונדז צו געבן אינפאָרמאַציע וועגן דער דאַזיקער דעלי־קאַטער פראַגע מיט די ביר־פעסער.

— נו, מיינע הערן, ווען ער זאָגט דאָס נאָך אַמאָל, קראַץ איך אים אויס די אויגן, טראַץ דעם וואָס מיר זיינען שוין 55 יאָר פאַרהייראַט. וואָס זאָג איך! — 45 יאָר. לאָזט מיר נאָר אויסרעכענען, מיינע הערן. עס איז געווען דער זונטיק נאָך שבועות. איך דערמאָן זיך, ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען. ס'איז 48 יאָר. איר האָט אים דאַן געדאַרפט אָנקוקן, הגם איך . . .

— פרוי יוסטפּאַן, וועט איר אונדז זאָגן וואָס איר ווייסט וועגן די פעסער, די ראַצן און דעם דזשענגאַכץ?

— איר הויבט שוין ווידער אָן וועגן דעם ענין, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל דעם אַלטן אויסקראַצן די אויגן.

פראַנץ צימערלע האָט אַ וואונק געטאָן צו האַנס קרולע און יענער האָט אַריינגעפירט יוסטפּאַנען אין צימער. ווען זיין פרוי האָט אים דערזען, האָט זי זיך צעלאָזן: „דו אייזל, דו אַלטער! מען טאָר דיך שוין ניט לאָזן אַליין אַרויסגיין. וואָס האָסטו דאָ אָנגעקוואַטשעט וועגן זאַכן, ניט פרעגנדיק פריער ביי מיר? וואָס האָסטו דאָ דערציילט פאַר אַ מעשיות וועגן פעסער, ראַצן און דזשענגאַכץ?"

פראַנץ צימערלע האָט געקלאַפּט אין טיש.

— דאָ קומט פאָר אַן אַמטלעכע אונטערזוכונג. איר, פרוי יוסטפּאַן, שווייגט. און איר, הער יוסטפּאַן, ענטפערט: האָט איר אונדז געזאָגט, אַז אייער פרוי קאָן אונדז געבן ידיעות וועגן די ראַצן אין די פעסער און דעם גערוך פון דזשענגאַכץ אין דעם ביר? ענטפערט, יאָ, אָדער ניין?

אין אָנזיכט פון דעם שטרענגען טאָן, האָט אויפגעוואַכט ביי יוסטפּאַנען דער אַלטער באַאַמטער און ער האָט געענטפערט: „יאַוואָל."

— נו, און וואָס האָט איר דערמיט געמיינט?

— ווען מיין פרוי וועט שווייגן, וועל איך רעדן.

יוסטפאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט ניט געוואָגט אָנצוקוקן זיין פרוי פּנים אל פּנים. זי אָבער איז געשטאַנען אַ גלייכע, אַן אויסגע־צויגענע. אויך די אַנדערע זיינען געזעסן געשפּאַנט. פראַנץ צימערלע האָט אים דערמאָנט, אַז ער מוז זאָגן דעם אמת און קיין זאַך ניט באַהאַלטן. יוסטפאַן האָט געענטפערט אין אַ געמיטלעכן עסטרייכישן טאָן.

— קיינער וועט ניט אויפוואַרפן דעם אַלטן יוסטפאַן, אַז אין זיין לאַנגער, רומרייכער קאַריערע אַלס באַאַמטער זאָל ווען האָבן געשען, אַז ער זאָל ניט זאָגן דעם אמת, אָדער ניט רעדן צו דער זאַך. איז הערט־זשע, מיינע הערן. אַ שאָד נאַר, וואָס ס'איז מער ניטאָ קיין יידן, וועלכע זיינען געווען אונדזערע בעסטע קונדן, און וואָס וואָלטן דאָס דאָ געקאָנט באַשטעטיקן. קיינער אין סערעט קאָן ניט אַזוי גוט פאַרזייערן קרויט, ווי מיין פרוי. ביז קריסטמעס פאַרקויפט מען ניט צו קיינעם. דעם טאָג פון דער הייליקער נאַכט עפענען מיר שטענדיק די ערשטע פאַס און מענטשן וואַרטן שוין אומגעדולדיק צו קויפן ביי אונדז זויער־קרויט. און איצט — איך דערמאָן זיך גאַנץ גענוי — ס'איז געווען ערב קריסטמעס פון דעם יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, ווען . . .

— וועט איר אפשר פאָרט רעדן צו דער זאַך?

— אָבער איך רעד דאָך צו דער זאַך, הער קאָמיסאַר. איך וויל דאָך אויפקלערן דעם ענין. איך האָב פאַנאַנדערגעטראָגן די פּאַטשט. אַזאַ טאָג איז פאַראַן פיל צו טראָגן: באַגריסונג־קאַרטן און געלט פון אַמעריקע. איך בין ערשט צוויי אַזייגער געקומען אהיים פון דער ערשטער פּאָטשט. קונדן האָבן שוין געוואַרט אויפן זויער־קרויט. איך עפן די פאַס, נעם אַרויס דעם זויער־קרויט, און פרוי אַלינגער פאַרציט מיט דער נאָז. אַזאַ זאַך האָט ביי מיר נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט. „ווען איך געפעלט ניט דער זויער־קרויט", זאָג איך צו איר, „קאָנט איר עס גלייך איבערלאָזן. מיר האָבן צען קונדן פאַר איינעם." פרוי אַלינגער האָט געזאָגט: „אייער קרויט שטינקט מיט שימל." מיין פרוי האָט זי גלייך אַרויסגעוואָרפן. די ערשטע פאַס קרויט איז אַוועק, ווי הייסע בייגל. קיינער פון די קונדן האָט ניט געוואָגט עפעס צו זאָגן. און איך מוז זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז ווען מיר האָבן אין אָוונט געעפנט די צווייטע פאַס, האָבן מיר געפונען אַ טויטן ראָש. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן אַזאַ זאַך? איך אַליין האָב די פעסער גע־פּוצט, געריייניקט, פאַרשלאָסן. מילא דער געררוך פון שמיר־אויל איז געקומען דורך דעם צאַפּן, וואָס איך האָב מיט דעם גערייניקט. אָבער ווי וועט איר דערקלערן — אפשר קאָנט איר דערקלערן ווי אַזוי דער ראָש איז אהין געקומען?

— ארויס! תיכף ארויס פון צימער! און זייט גרייט, ווען מיר וועלן אייך דארפן!

ווען יוסטפאן איז ארויסגעגאנגען, האט צימערלע זיך געווענדט צו דער פרוי יוסטפאן: „איר זייט קליגער פון אייער מאן. ס'איז ניט קיין פיינע געשיכטע, אבער מיר וועלן אייך שוינען, מיר וועלן אייער נאמען ניט דער־מאנען. אבער איר מוזט רעדן מיט אונדז אזוי אפנהארציק, ווי צו גאט אליין."

פרוי יוסטפאן איז געשטאנען א בלייכע און געציטערט מיט איר גאנצן קערפער.

— יא, איך וויל זיך מודה זיין. איך האב דאס אייגנטלעך ניט גע־דארפט טאן, ווייל ער האט זיך ניט פארדינט געשוינט צו ווערן. אבער איך שווער ביי גאט, אז איך וועל בלויז זאגן דעם ריינעם אמת. ער איז געווען פאר דעם, אז מיר זאלן דעם קרויט פון דער פאס, אין וועלכער מיר האבן געפונען דעם טויטן ראש, ניט פארקויפן, נאר ארויסווארפן. מען קאן, האט ער געזאגט, ניט אפטאן אזא זאך קונדן, וואס געטרויען אונדז. אבער איך האב געוואלט שיקן פינף גולדן עקסטרא דעם יינגל אונדזערן, וואס האט דאן געדינט אין דעם קאוואלעריע־רעגימענט, אין קרעמישער. האבן מיר ארויסגעווארפן דעם ראש און דעם קרויט פארקויפט. איך בין גרייט אנ־צונעמען יעדע שטראף, אויב זי איז ניט צו גרויס. נו, האב איך זיך מודה געווען, און פיל א דערלייכטערונג פון מיין געוויסן, וואס האט מיך לאנג געפלאגט.

פארצווייפלט, האט פראנץ צימערלע געזאגט: „גייט אהיים, פרוי יוסט־פאן. נעמט אויך מיט דעם אלטן אידיאט."

22.

דער גוט־באזיצער פאן סאוער האט שטארק באדויערט, וואס די פרוי געמאלין פון שעף פראנץ צימערלע איז ניט מיטגעקומען. „איך פארשטיי, איך פארשטיי", האט ער געזאגט, ווען די ערשטע איבערראשונג און בא־גריסונג איז געווען אריבער. „איך פארשטיי, אז איר זייט געקומען בלויז אין פארבינדונג מיט אייער דינסט. שווערע צייטן. אפילו פאר די האניק־וואכן איז קיין צייט ניטא. אבער אייער פרוי האט דאך דא געקאנט פארבלייבן אייניקע טעג. דא הערשט נאך פרידן. דא פארגעסט מען די וועלט, הגם אויך מיר זיצן ניט מיט פארלייגטע הענט."

ער האט געוויזן פראנץ צימערלען די ווירטשאפטלעכע איינריכטונגען פון דעם מאיאנטעק. „ביים צוריקציען זיך", האט ער געזאגט, „האבן די בארבארן, די באלשעוויקעס, אלץ פארניכטעט. וואס אנדערש האט מען פון

זיי געקאָנט דערוואַרטן? אָבער צום גליק, שיינט עס, אַז זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט גרינטלעך צו צעשטערן. אָפּגעברענט האָבן בלויז די הילצערנע געביידעס. אַלץ וואָס איז געווען געבויט פון שטיינער און ציגל, איז פאַר־בליבן. מיר האָבן אַזוי אַרום געקאָנט לעצטע וואָך ווידער לאָזן אין גאַנג די ברענעריי און די שנאַפּס־ברויז. די שטאַלן האָבן מיר פאַרריכט, אַז די בהמות זיינען געשיצט פון קעלט און רעגן. יאָ, הער שעף, דאָ אַרבעט מען. איך וועל אייך בעטן, ווען איר וועט שרייבן אייער באַריכט, טאָקע אָנצואווייזן אויף דעם. עס וועט אינטערעסירן דעם פירער צו הערן, וואָס דייטשישער ווילן און דייטשישער פליים קאָנען אויפטאָן, הגם מען איז אָנגעוויזן אויף דער אַרבעט פון די אוקראַינישע באַנדעס און די רומענישע ציגיינער. וואָרים דייטשישע אַרבעטער קאָן מען, צום באַדויערן, ניט קריגן. דאָס אויפהעגנען פון דעם רעדל־פירער, באַלד ווי איך בין צוריקגעקומען, האָט אויפגעטאָן וואונדער. איך זאָג אייך, אונדזערע אַלטע מעטאָדן צו געבן אָנשרעקנדיקע ביישפּילן פאַרפעלן ניט צו האָבן זייער ווירקונג. אין דער הינזיכט איז דער פירער פאַר מיר אַ לויכטנדיקער ביישפּיל. הענגען — דאָס מוז ווערן דער סימבאָל און לאָזונג פון אונדזער נייער אייראָפּע. דעמאָלט וועלן מיר אויך האָבן דערפאָלג. די דאָזיקע ווירטשאַפט זאָגט עדות, ווי ריכטיק דאָס איז.”

פראַנץ צימערלע האָט נאָכגעפאָלגט דעם אַלטן פאָן סאַוער, וועלכער איז שנעל געגאַנגען פון די שטאַלן צו דער ברענעריי, פון דער ברענעריי צו דער שנאַפּס־ברויעריי, פון דאָרטן צו די שפּייכלער, האָט באַטראַכט די דרעש־מאַשינען און אומעטום געזען פליסיקע הענט. ער האָט געהאַלטן אין באַ־דויאיקן זיין געוויסן, וואָס ער האָט פאַרלאָזט סערעט אין אַזאַ קריטישן מאָמענט צו מאַכן, ווי ער האָט געזאָגט, אַן אינספּעקציע־רייזע. אַ געשטאַפּאָ־שעף, האָט ער זיך געזאָגט, מוז אויך קודם כל האָבן שלום־בית, כדי צו קאָנען נאָך מער איבערמענטשלעך דערפילן זיין פליכט. בלי ספק וועלן סימיאָן שטראַוב, אָטאָ פאָן ראַובניטץ און האַנס קרולע אויסגעפינען די פאַרברעכער אין דער ברויעריי. די אָנווייזונגען, וואָס איך האָב זיי געגעבן, מוזן פירן צו אַ דערפאָלג. די נעץ איז אַזוי אויסגעשפּרייט, אַז די פאַר־ברעכער וועלן זי ניט קאָנען אויסמיידן... איך האָב זיי געזאָגט, אַז פון איצט אָן און ווייטער זאָל מען באַשטימען 25 אַרבעטער, וועלכע זאָלן זיין באַ־שעפטיקט ביים וואַשן און אָנפילן די פעסער. ווען די פעסער וועלן זיין אָנגעפילט, וועט מען באַרזוכן דעם ביר, און אויב עס וועט זיך הערן דער ריח פון דזשעגאַכץ, וועט מען דאַן וויסן געגנוי וואו צו זוכן. די פאַרברעכער וועלן זיין צווישן די דאָזיקע 25 מענטשן, ניט קיין אַנדערע. אַחוץ דעם וועל איך פערזענלעך פירן דעם פאַרהער. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קאָמוניסטישער גרופּע, אָדער דער „אייזערנער גוואַרדיע”. אין אָט דער הינזיכט איז אפשר בעסער וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון שטאָט. די פאַרברעכער וועלן זיך

איצט פילן אַ סך זיכערער און וועלן אַריינפּאַלן.

ביי זיין פענצטער זיינען געהאַנגען גרינע צווייגן מיט לאַנגע ברוינע באַרן. אויך עפּל האָבן דאָ ערגעץ געמוזט רייפן. עס האָט געשמעקט מיט פרישן היי. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ סאָפע און גערויכערט אַ ליולקע. האַלב צוויי אַזייגער, האָט דער ווירט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אים איינגעלאַדן עסן מיטאָג. „מיר זיינען דאַרפסלייט און איר וועט מוזן נעמען פאַר ליב, וואָס מיר, אָפּגעשניטן ווי מיר זיינען פון דער וועלט, האָבן געקאָנט צוגרייטן."

אויפן טיש איז געווען גרייט אַ קרעפטיקע זופּ, לעבער־פּאַשטעטן און אַ פּאַפּריקאַ־מאכל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די מאכלים און זיך לייכט פאַרנויגט פאַר דער ווירטין.

— איך ווייס, אייער קיך, גנעדיקע פרוי, איז די פאָלקאָמענהייט אַליין. אָבער מיר האָבן געהאַט אַלערליי אויפרעגונגען אין דער לעצטער צייט און איך מוז זיך עטוואָס צוריקהאַלטן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן ניט געקלונגען עכט און זיינען ניט געווען אויפריכטיק. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן עסן געווירצטע שפּייז. ער האָט זיך אויך ניט צוגערירט צום שוים־וויין און דעם שיינעם אונגאַרישן ריזלינג, אָנגעבנדיק אַלערליי תירוצים.

ביים עסן איז אַריינגעקומען פּעטרושקאַ. אַלע אין דער פאַמיליע האָבן אים צוגעוואונקען. סאָוער האָט געגלויבט, אפשר האָט פּעטרושקאַ אים עס אויך געזאָגט, אַז ער, פּעטרושקאַ, פאַרשטייט ניט קיין דייטש, און האָט גע־פרעגט ביי פראַנץ צימערלע, אויב ער האָט ניט קעגן דעם, אַז ער זאָל דעם בחור איינלאַדן צום טיש. „זינט ער האָט אונדז דאָס לעבן געראַטעוועט, האָבן מיר אים אָפּט ביים טיש", האָט סאָוער דערקלערט. „אַן אינטעליגענ־טער בחור. אַ שאָד, וואָס ער איז ניט קיין דייטש. מען וואָלט אים געדאַרפט שיקן אין אַ שול אין דייטשלאַנד, וואָלט ער דאַן פאַר אונדז געווען זייער נוצלעך. שוין איצט קאָן מען אים אויסנוצן. ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער איז איינמאָל געווען פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל. אָבער איצט האָט ער זיך פון דעם גרינטלעך אויסגעהיילט."

פראַנץ צימערלע האָט צוגעשאָקלט זיין איינשטימיקייט, הגם דעם בחורס פּנים איז אים גאָר ניט געפעלן. ער האָט אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַמערקן:

— איך האָב ניט ליב אינטעליגענץ ביי ניט־דייטשן. מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן. גיט נאָר אַ טראַכט וועגן די שוועריקייטן מיט דער „אייזערנער גוואַרדיע" און דעם פאַל מיט דעם דאָזיקן באַנדיט, איר ווייסט וועמען איך מיין. דער פירער האָט אַן איינשטעלונג, וואָס מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַר־געסן: „די אינטעליגענץ פון אַנדערע מוז אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל,

מוז דערשטיקט ווערן אין זוים, איידער עס שפּראָצט ארויס.״ בלויז אויף אַט דעם אופן קאָנען מיר שאַפן אַ נייע אייראָפּע, ווי מיר ווילן דאָס האָבן.

ווען מ׳האָט דערלאַנגט די קאַווע, און פראַנץ האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, האָט ער געפרעגט פּעטרושקאַן, צי ער וואָלט אים ניט ארומגעפירט ווייזן די געגנט פאַר אַ שעה? ער האָט געהאַפט, אַז דורך פּעטרושקאַן וועט ער אפשר אויסגעפינען עפּעס וועגן דעם זומפּ־געביט. פּעטרושקאַ האָט אים אוועקגעפירט ביז דער אַלטער רומענישער גרענעץ.

— קאָנען מיר ניט אַמאָל אריינקומען אין דעם זומפּ־געביט? — האָט צימערלע געפרעגט.

— מען קאָן מאַכן אַ פּאַרזוך, אָבער ס׳איז זייער שווער.

— גוט. מאָרגן.

שפּעט נאָכמיטאָג איז פּעטרושקאַ צוריקגעפאָרן אין שטאָט מיט דעם וואָגן, וואָס האָט געפירט קאַרטאָפל, גרינס און פרוכט אינעם דייטשישן הויז. ער האָט צוגעזאָגט צוריקצוקומען דעם נעקסטן טאָג.

שפּעט נאָכמיטאָג, איז געקומען דער ערשטער טעלעפאָנישער באַריכט פון שטאָט. ביים טעלעפאָן האָבן זיך געפונען האַנס קרולע און אויך אָטאָ פאָן ראַובניטץ און סימיאָן שטראָוב. פון טשערנאָוויץ איז קיין נייעס ניט געווען. דאָס זעלביקע בנוגע דעם ענין מאַראַרעסקו. די ערשטע אונטער־זוכונג אין דער ברויעריי האָט גאָרנישט ארויסגעבראַכט. מ׳האָט ניט נאָר געמאַכט שטאָך־פּראָבעס, נאָר אויפגעעפנט אַלע אָנגעפילטע פעסער, און דאָס ביר איז געווען ערשט־קלאַסיק. דאָס באַווייזט אָבער גאָרניט, און מאָרגן וועט מען מאַכן אַ פּאַרזוך מיט אַנדערע ארבעטער און מ׳האָפט אפשר עפּעס ארויסצוקריגן.

דער גוט־באַזיצער פאָן סאַוער איז באַזונדערס געווען שטאָלץ מיט זיין ברויז. די אויסשטאַטונג איז געווען שטאַרק ניט־מאָדערן — אַ קעסל פון אכט טויזנט ליטער, אונטערן קעסל האָט געברענט אַ פייער, און אַ מאַן האָט געהאַלטן אין וואַרפן שייטלעך האָלץ. פון קעסל האָבן זיך געצויגן געדרייטע רערן אין אַ וואַסער־טון; דאָס וואַסער איז געקומען פון דעם סערעט־טייך דורך אַ קאַנאַל עטלעכע קילאָמעטער אין דער לענג. אין דעם קעסל האָט זיך געקאָכט דער בראָנפן, צו וועלכן מ׳האָט צוגעגעבן אַניס און קאָרן. דער בראָנפן האָט אַלס דאַמף זיך אויפגעהויבן הויך אין די רערן און דורכ־גייענדיק די געדרייטע רערן, האָט ער זיך אָפּגעקילט דורך פליסנדיקן וואַסער. פון די רערן איז דער שנאַפּס אריינגעפלאָסן אין גרויסע טונען, פון וועלכע מ׳האָט אָנגעפילט די פלעשער, וואָס מ׳האָט אָפּגעשיקט צום פראָנט. אַמאָל האָט פאָן סאַוער זיך באַמיט צו ווערן קעניגלעך־רומענישער ארמיי־ליפע־ראַנט. ס׳איז אים ניט געלונגען. די קאָנקורענץ איז געווען צו גרויס. אחוץ דעם האָבן רומענישע סאָלדאַטן קיינמאָל ניט געקראָגן קיין דיסטילירטן

שנאַפּס. איצט אָבער האָט פאָן סאַוער געוואָלט באַווייזן, וואָס די דייטשן קאָנען אויפטאָן אויך אין אויסלאַנד. מיט זיין אַלטמאָדישער אויסשטאַטונג האָט ער געוואָלט באַווייזן צו מאַכן אַ בעסערן קאָרן־שנאַפּס, ווי אין דייטשלאַנד.

פראַנץ צימערלע האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין אַן אומרואיקן האַלבשלאָף. וואָס וועט הענריעטע דענקען? פאַרשטייט זי פאַרוואָס איך האָב זי ניט אָנגערירט די נאַכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון דער רייזע, און איך האָב אונטערגענומען די דאָזיקע דינסט־רייזע, כדי צו אַנטלויפן פון איר? זי ווייסט גאָר ניט, זי האָט קיין באַגריף ניט, וואָס פאַר אַ קרבנות איך ברענג פאַר איר. איך האָב זי ניט אָנגערירט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, גאָט באַהיט, זי אָנשטעקן. אָבער פרויען גיבן זיך אַפילו קיין מי ניט צו פאַרשטיין אַ מאַן. האָב איך דען אַנדערש געקאָנט האַנדלען אין טשערנאָוויץ? איך בין דאָך ניט קיין שרייבער אין אַ געריכט, אָדער אַ סוחר, נאָר געפין זיך אויף אַ פּאָסטן מיט געזעלשאַפטלעכע פאַרפליכטונגען. מען מוז אַרומגיין מיט קאָלעגן און מיטמאַכן מיט זיי, אַניט ווערט מען באַלד פאַרשריען אַלס איינער, מיט וועמען מען דאַרף זיך ניט אָנהויבן.

פלוצלונג האָט ער דערהערט אַן אויפרייס, ווי אַ גראַנאַט וואָלט אויסגעשאָסן ניט ווייט. „האַנט־גראַנאַטן, האַלט גרייט!" האָט ער געשריען פון שלאָף. „מאַשין־ביקסן רעכטס! פייער! טויט אָדער לעבעדיק, מיר מוזן האָבן דעם הונט מיט זיין גאַנצער באַנדע." אַ צעטומלטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט. לעבן אים געשטאַנען פאָן סאַוער מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט.

— קומט שנעלער, שעף! קודם כל, דערשרעקט זיך ניט. מעגלעך, אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אַ צופאַל. אפשר איז אַ שווערער וואָגן פאַרבייגעפאָרן און דאָס וואַסער־רער איז ניט געלעגן טיף גענוג, הגם איך אַליין האָב באַקוקט די רערן און אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל זיי לייגן צוויי מעטער די טיף אין דער ערד. אָבער רעגנס און דער טייוול ווייס וואָס האָט אפשר לויז געמאַכט די ערד. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער אומגליק האָט פּאַסירט. דער קעסל און די גאַנצע אויסשטאַטונג זיינען אַוועק אין דער לופטן. מען לעשט שוין איצט. פיר אַרבעטער, ווי עס שיינט, זיינען אומגעקומען; זיי האָבן זיך אָפּגעבריט. צום גליק, איז אונדזער דייטשישער כעמיקער אַוועקגעפאָרן נאָכמיטאָג אין שטאָט אַריין און איז דאָרט פאַרבליבן איבער נאַכט, אַזוי אַז ער האָט אויסגעמיטן דעם טויט.

פראַנץ צימערלע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. „איז דאָס ניט געווען מאַראַרעסקו?" — האָט ער געפרעגט. פאָן סאַוער האָט אים געמוזט אַלץ דערקלערן נאָך אַמאָל.

— דער אויפרייס האָט געקאָנט קומען בלויז דורך דעם, וואָס דער צופלוס פון וואַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ שווידערלעכע, פיינלעכע גע־

שיכטע. אין צוויי טעג ארום האָבן געדאַרפט אָפּגיין די ערשטע טראַנספּאָרטן צום פראָנט. דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס עס וועט נעמען וויניקסטנס צוויי חדשים, ביז מען וועט אונטער די איצטיקע באַדינגונגען קאָנען קריגן פון דייטשלאַנד און קאָנען זעצן די ברוויז אין באַוועגונג. איך בין כאָטש צו־פרידן, וואָס איר אַליין געפינט זיך דאָ און קאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָס איז ניט מיין שולד. מ׳קאָן אַפילו אין מיטן קריג ניט זיין אַזוי זיכער, ווי אין נאָרמאַלע צייטן. אָבער איך גלויב ניט, אַז עס האָט צו טאָן מיט סאַבאָטאַזש.

פראַנץ צימערלע האָט זיך געערגערט, וואָס מ׳האָט אים אַזוי פרי אויפ־געוועקט פון שלאָף. „אַפילו איין טאָג קאָן מען זיך ניט אָפּרוען. אָט בין איך אַנטלאָפן אין אַ העק זיך אָפּרוען אַ צוויי־דריי טעג און מען פאַלט ווידער אַריין אין דעם טומל.״

:: :: ::

די דורכנישטערונג פון דער ברויעריי אין סערעט האָט מען ערשט דורכגעפירט אין אָוונט, ווען די ערשטע פּראָבע ביים אָנפילן די פעסער האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. האַנס קרולע האָט דורכגעפירט די אונטער־זוכונג, אין דער באַגלייטונג פון סימיאָן שטראוב, אָטאָ פאָן ראַובניטץ און צערטיאַן. אין לעצטן מאָמענט, איז סימיאָנען נאָך געלונגען צו וואָרענען צוויי פריינט זיינע, אַז זיי זאָלן דערווייל מער ניט דורכפירן קיין סאַבאָטאַזש־אַקטן.

זיי האָבן געזוכט דזשעגאַכץ. ביי די מאַשינען האָבן זיך געפונען אַ סך קריגלעך מיט אויל און בענזין, וואָס מוזן זיך שטענדיק געפינען גרייט לעבן מאַשינען. זיי זיינען אַוועק אין די צימערן, וואו מ׳האָט געהאַלטן די גערשטן און די האָפּן, האָבן איבערגעקוקט די מאַשין־אָפּטיילן, אָבער זיי האָבן קיין דזשעגאַכץ אין ערגעץ ניט געפונען. אויף ראַצן האָבן זיי זיך יאָ אָנגעשטויסן אין אַ גרויסער צאָל, אין קעלער. אָבער דאָס האָט גאָר־נישט באַוויזן. דאָס זיינען געווען לעבעדיקע ראַצן, וואָס זיינען פאַרביי־געלאָפן און פאַרשוואונדן. סימיאָן האָט געוואוסט, וואו דער דזשעגאַכץ איז געווען באַהאַלטן. עס איז געווען פאַרשטעקט אין דער וואַסער־לייטונג. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּלאַץ. האַנס קרולע האָט געהאַלטן אין האַנט אַן אייזערנעם שטעקן, וואָס גרענעץ־וועכטער באַנוצן צו זוכן קאָנטראַבאַנדע אין היי. ביי סימיאָנען האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ. אָבער צום גליק זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען דעם דאָזיקן פּלאַץ אויפן וועג צוריק.

די אונטערזוכונג איז אין יעדער הינזיכט דורכגעגאַנגען אָן וועלכער ס׳איז פּאַסירונג. אָטאָ פאָן ראַובניטץ איז געווען צופרידן און געהאָפט, אַז די סאַבאָטאַזש־אַקטן זיינען פאָרגעקומען אויסערהאַלב זיין ברויעריי. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אין דער ביוראָ פון האַנס קרולע, וועלכער האָט פאַרטראָטן פראַנץ צימערלע אין יענעמס אָפּוועזנהייט, האָט ראַובניטץ גע־

זאָגט: „קאָנען מיר ניט באַטראַכטן די מעגלעכקייט, אַז דער סאַבאָטאַזש־אַקט איז פאָרגעקומען אויפן וועג פון דאַנען צום פראָנט? לאָמיר ניט פאַר־געסן, אַז די מערסטע אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, און אַז פיל פון זיי שטייען אונטער אַ פאַרדאַכט, אַז זיי סימפּאַטיזירן מיט די רויטע. מיר האָבן געמוזט אויף זיי צומאַכן אַן אויג, ווייל מיר האָבן אַ מאַנגל אין געשולטע אייזנבאַן־אַרבעטער. יאָ, אפילו געשמדטע יידן גע־פינען זיך צווישן זיי. איך גלויב, אַז מיר וועלן גיכער קומען צו אונדזער ציל, ווען מיר וועלן מיט דעם נעקסטן טראַנספּאָרט שיקן אַ מאַן, וועלכער זאָל אומבאַמערקט באַאָבאַכטן זאַכן.

זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אייניקן אויף דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, ווייל דער נעקסטער ביר־טראַנספּאָרט האָט געדאַרפט אָפּגיין ערשט אין אַ וואָך אַרום, און ביז דאַן וועט פראַנץ צימערלע שוין לאַנג זיין צוריק. די מילי־טערישע קאָמאַנדע און די געשטאַפּאָ אין טשערנאָוויץ פאָדערן אָבער האַנד־לונג. זיי זיינען אַ לענגערע צייט געזעסן און געשוויגן, ביז קרולע האָט געמאַכט די באַמערקונג: „עס וועלן זיין אַרויסשיקונגען און אפשר ערגערע זאַכן. מיט נעגאַטיווע רעזולטאַטן איז מען ביי אונדז קיינמאָל ניט צופרידן. מיר מוזן געפינען די שולדיקע. איך וועל שוין אַרויסקריגן פון זיי דאָס נויטיקע.״

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט געענטפערט: „איך קאָן ניט דערפילן די געשטעלטע פאָדערונג. ווען די אַרבעטער זאָלן פאַרלירן דעם צוטרוי, וואוהין וועט דאָס פירן? קענען די שולדיקע דאַרף מען אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען. אָבער ווען מען וועט אַריינשלעפּן אומשולדיקע אין דער זאַך, מעג איך גלייך שליסן די ברויעריי.״

זיי זיינען געקומען צום שלום, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען צוזאַמענ־צורופן אַ פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער. דאָרטן וועט מען פאַר זיי שילדערן דעם ענין, צוזאָגן אַ הויכע פּרעמיע דעם יעניקן, וואָס וועט באַווייזן אויפ־צוקלערן די זאַך. אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט נאָך אַמאָל באַמערקט: „איך וועל נאָך אַמאָל בעטן, אַז מ׳זאָל טאָן אַלץ, כדי ניט צו שטערן דעם נאָר־מאַלן גאַנג פון דער ברויעריי. אין דעם מאָמענט האָב איך אַן אויפטראָג צוצושטעלן אַ באַשטימטע מאָס ביר פאַר דער אַרמיי. פּונקט אַזוי ווי אַנדערע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פעסטצושטעלן ווער עס זיינען די פאַר־ברעכער און סאַבאָטאַזשניקעס, בין איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צושטעלן דעם ביר, אין צייט.״

— אָבער ניט ווייניקער אויך פאַר דער קוואַליטעט, — האָט האַנס קרולע צוגעגעבן.

סטעפאַן צערטיאַן וואָלט צום בעסטן געוואָלט פאַרבלייבן נאָך דער זיצונג מיט סימיאָן שטראַוב אַליין. דאָס האָט זיך אים אָבער ניט איינ־

געגעבן. ער האָט גענומען אָפּשייד פון די דריי און איז איינער אַליין אַוועק אויף אַ שפּאַציר. ער האָט אויסגעמיטן דעם פּלאַץ, וואו עס האָט געווימלט מיט טראַנסילוואַנישע עמיגראַנטן, און מיט פרויען, וועלכע האָבן קאָנקורירט אין פּראָסטיטוציע, און איז אַריין אין דער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם אַלטן יידישן בית־עולם, און אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען פראַנץ צימערלעס הויז. אַז צימערלעס הויז געפינט זיך אויף דער דאָזיקער גאַס, האָט ער אינגאַנצן ניט געטראַכט. ער איז געווען פאַרזונקען אין געדאַנקען. וועגן דעם סאַבאָטאַזש אין דער ברויעריי האָט מען אים ניט געהאַט אינפאָרמירט. ער האָט אויף די מענטשן קיין פאַריבל ניט געהאַט. גראָד איצט, ביי דער אונטערזוכונג, האָט ער איינגעזען, אַז ס'איז בעסער, ווען ער ווייס ווייניקער וועגן אַזעלכע זאַכן. ער האָט זיך געפילט אַ סך פרייער, ווען זיי האָבן דיסקוסירט דעם ענין, ווייל ער האָט באמת גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם. די דאָזיקע אונטערערדישע גרופּע שיינט צו אַרבעטן זייער גוט, האָט ער געטראַכט. מ'קאָן גאָרנישט אויסגעפינען. הלוואי וואָלט איך געקאָנט מער טאָן! געוויס, איך טו אויך עפּעס, אָבער ווייט ניט גענוג. איצט ווערט דאָס גאַנצע רומענישע פאָלק דערנידעריקט, ווי מען וואָלט עס געשענדעט אין יענער נאַכט, ווען זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן... די מענטשן, וואָס זיינען געווען מחויב צו קעמפן קעגן דעם, זיינען אַראָפּ־געזונקען צו דער מדרגה פון לאַקייען פון די דייטשן. איך אַלס רומענישער באַאַמטער קאָן זיך האַלטן ווייט פון דער דאָזיקער חברה. סימיאָן אָבער מוז מיט זיי טרינקען, יאָ, אין אַ געוויסער מאָס מיטמאַכן אין זייערע שענדלעכע מעשים. דאָס איז באמת ניט קיין לייכטע זאַך.

פלוצלונג האָט ער דערהערט: „גוטן אָוונט, הער אונטערפּרעפעקט!"
ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען הענריעטען, צימערלעס פרוי. זי איז געשטאַנען אין גאָרטן פון איר הויז. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי האָט צו אים גערעדט אין רומעניש. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט זי געקענט, אַז זי האָט גערעדט צו אים אויף רומעניש. אויס העפלעכקייט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געעפנט די טיר פון גאָרטן. ער האָט זי אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט: „איר האָט ווירקלעך, גנעדיקע פרוי, פאַרוואַנדלט אָט דעם פּלאַץ אין אַ גן־עדן. איך האָב אייך גאָר ניט באַמערקט, ווייל מען ווערט פולשטענדיק באַרוישט פון דעם ריח פון דעם גאָרטן, ווען מען גייט דאָ פאַרביי."

— ס'איז דושנע די לעצטע טעג. אַפילו אין די אָוונטן ווערט ניט קילער. עס בענקט זיך נאָך אַ רעגן.

— עס האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק גערעגנט. אַ סך רעגן אין אָט דער צייט פון יאָר וועט שטערן דאָס אַראָפּנעמען פון די פעלדער. און די גערעטעניש איז איצט אַ לעבנס־פראַגע אין דעם דאָזיקן שווערן קריג,

וואָס איז אַנטשיידנדיק פאַר אונדזער אַלעמענס צוקונפט.

— לאָמיר בעסער ניט רעדן פון פּאָליטיק. ס'איז אַ שאָד אוועקצו־הרגענען מיט דעם אַ שיינעם אָוונט.

ביי די דאָזיקע ווערטער, האָט סטעפאַן עטוואָס פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן. רעדט ניט צו אים די פרוי פון דעם געשטאַפּאָ־שעף, די רומעניערין, וואָס האָט זיך געלאָזט איבערשטעמפּלען אויף אַ גערמאַניערין? וואָס זאָל דאָס באַדייטן? נוצן זיי די רומעניערין, כדי אים צו פאַרנאַרן? איר פּנים זאָגט דאָס ניט. אירע אויגן, צו זיין גרויסער דערשטוינונג, האָבן אויס־געדריקט אויפרעגונג, יאָ, באַגער. זי איז געווען שיין. אירע בלאָנדע האָר, די שוואַרצע אויגן. פאַר אַ סעקונדע איז ווי אַן עלעקטרישער פונק דורכ־געפלויגן פון איר צו אים. געדאַנקען און געפילן האָבן זיך געיאָגט איינס נאָכן אַנדערן. אין משך פון חדשים איז ער מיט קיין פרוי ניט געווען. ער האָט אויך פאַר דעם ניט געהאַט קיין באַדערפעניש. אין זיינע חלומות האָט ער נאָך געלעבט צוזאַמען מיט זיין ווירגיליאַ. איצט, ווען ער האָט הענריעטען געקוקט אין די אויגן, האָט ער זיך דערמאָנט. ס'איז אים געווען שווער צו באַהאַלטן פון איר זיין אויפרעגונג. ער האָט ניט באַמערקט ווי אַזוי זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. ער האָט שנעל געוואָלט נעמען אַפּשייד.

— מעג איך אייך מכבד זיין מיט עפּעס זיך צו דערפרישן? אַ גלאָז אייז־קאַלטן שוים־ווין?

— אַ גרויסן דאַנק, גנעדיקסטע פרוי, איך טרינק אַלקאָהאָל בלויז אין געזעלשאַפט, און נאָר ווען דאָס איז אַבסאָלוט נויטיק.

— ווען איך וועל מיטטרינקען אַ גלאָז, איז דאָך דאָס אין געזעלשאַפט. אָדער אפשר אַ שוואַרצע קאַווע, אָדער אַן אייז־קאַלטע גלאָז טיי, אויב איר ווילט אומבאַדינגט ניט קיין אַלקאָהאָל?

זיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט הענריעטעס. ער האָט געוואָלט אוועקגיין, איז אָבער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט דאָס צו טאָן, און ער האָט באמת אויך ניט געוואָלט. באַלד איז ער געזעסן ביי אַ טיש אונטער די ביימער לעבן איר.

— ס'איז מאָדנע, — האָט זי געזאָגט, — מיר זיינען לאַנדסלייט, און דאָך אַזעלכע פרעמדע! געהערן מיר ניט צום זעלביקן פאָלק? ס'איז גוט צו קאָנען ווידעראַמאָל רעדן אין דער פאָלקס־שפּראַך.

— איך האָב געטראַכט, אַז איר פילט זיך גוט אַלס גערמאַניערין, אַלס נייע דייטשקע, ווי פיל זיינען דאָס איצט געוואָרן, אָפּזאָגנדיק זיך פון זייער פאָלק און שפּראַך.

— איר מאַכט מיר דעם דאָזיקן פאָרוואורף? דינט איר ניט די אינ־טערעסן פון די דייטשן? איך פאַרשטיי ניט קיין פּאָליטיק. אָבער מען רעדט דאָך אומעטום, אַז מיר זיינען דורכן גורל פאַרבונדן, אַז די דייטשן

זיינען אהער געקומען אונדז העלפן. אָבער איר ווייסט געווים די דאָזיקע זאַכן בעסער פון מיר.

— איך בין אַ באַאַמטער און דערפּיל מיין חוב. ביי אונדז איז אַלע־מאָל אַזוי געווען: דער באַאַמטער דאַרף ניט פרעגן, נאָר פאָלגן.

אַ שווייגן איז אַריינגעטראָטן נאָך די דאָזיקע ווערטער.

— געפינט איר ניט, אַז דאָס לעבן האָבן זיך געענדערט? — האָט זי געפרעגט. — און אַז מען קאָן ניט זאָגן צום בעסטן?

סטעפאַן האָט זי דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט. די ווערטער האָבן גע־קלונגען ווי אַן אַרויספאָדערונג. די אויגן האָבן דערציילט עפּעס אַנדערש. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף איר רעכטער, איינהאַלטנדיק זיך מיט אַלע כוחות ניט אַרומצונעמען די לעבן־אים־זיצנדיקע פרוי און קושן אירע מויל־ווינקלען. ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער זאָל זי נאָכ־אַמאָל אָנרירן, וועט ער דעם נסיון ניט קאָנען ביישטיין. ניין, האָט ער זיך געזאָגט, דאָס טאָר ניט געשען. צוליב אַ ליבעס־געשיכטע, וואָס איז אַפילו ניט קיין ליבעס־געשיכטע, נאָר אַ מאָמענטאַלע אַוואַנטורע, טאָר איך ניט צונישט מאַכן מיין לעבנס־פּלאַן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו געבן אַ ריכטונג זיינע געדאַנקען און געפילן, זיי צו ווענדן אויף זיין ווירגיליא. פערצן חדשים זיינען אַוועק זינט זיי זיינען געווען צוזאַמען. דעמאָלט האָט ער נאָך געפלאַנעוועט צו נעמען אַ וואַקאַציע מיט איר ביים שוואַרצן ים. נאָכדעם האָט ער אַמטלעך געמוזט פאַרלאָזן טשערנאָוויץ און ער האָט זי ווידער געזען שוין אַ טויטע.

העגריעטע האָט גערעדט, פיליכט האָט זי שוין גערעדט אַ לענגערע צייט, נאָר ער האָט ניט געהערט.

— יאָ, מ'איז געפאַנגען פון דער געזעלשאַפט און די פאַרהעלטענישן, אין וועלכע מען לעבט. ער איז היינט אַ פּראָפעסאָר אין בוקאַרעשט. דעמאָלט, מיט פינף יאָר צוריק, האָט מיין מוטער וועגן אים גערעדט, ווי וועגן אַן אָרעמען יאָלד. דו ביזט, האָט זי מיר געזאָגט, געבוירן פאַר עטוואָס בעסערס. פאַרגעס ניט, אַז דיין פעטער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער עסטרייך־אונגאַרישער באַנק. פאַרגעס ניט, פאַרגעס ניט, פאַרגעס ניט — דאָס האָב איך געהאַלטן אין איין הערן. איך האָב זיך פאַרגעסן. איך האָב ניט קיין חרטה. הלוואי וואָלט איך זיך מער פאַרגעסן און וואָלט דעמאָלט אַוועק מיט אים. היינט ווינטש איך זיך, אַז איך זאָל האָבן געווען אים פאָלגן. עס איז ניט געווען. און אַזוי בין איך געוואָרן די פרוי פון דעם דאָזיקן דייטש. איר וואונדערט זיך, וואָס איך רעד גראָד צו אייך אַזוי. איר וועט פרעגן: וואָרום? איך קאָן אייך קיין ענטפער ניט געבן, איך ווייס אַליין ניט. איך האָב אין מיין לעבן זיך געלאָזט פאַרלירן אין חלומות, אָבער קיינמאָל איז די אַנטוישונג ניט געקומען אַזוי שנעל. יאָ, איך ווייס

ניט, צי איך לאנגווייל אייך ניט, יאָ . . .

איר האַנט איז געלעגן אויף זיינער. ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן און געהערט זיין אייגענע שטים רעדן:

— איך וואָלט ניט געוואָלט אייך מאַכן אָרעמער מיט נאָך אַן אילוזיע. איך געהער ניט זיך, איך געהער אַ טויטער, וועמעס צוואה איך דאַרף דערפילן אין לעבן.

זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט. איר פּנים האָט געברענט, איר אָטעם איז געווען הייס.

— אָבער מיר וועלן זיין פריינט, ניט אמת? — האָט זי געזאָגט און אים געגעבן אַ קוש אויפן שטערן.

ביים טויער פון גאָרטן, האָט צערטיאַן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט האַנס קרולע. זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. פון האַנס קרולעס אויגן האָט געשפּריצט האַס. האָט ער עפּעס געזען?

ווען צערטיאַנס טריט זיינען פאַרקלונגען אין דער ווייט, האָט האַנס קרולע געפרעגט ביי העגריעטען: „וואָס האָט דער ציגיינער דאָ געוואָלט?"

— ער איז ניט קיין ציגיינער, נאָר אַ רומעניער, הער קרולע, און דאַרף איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איך געהער צו דער זעלביקער נאַציע?

— אַזוי, אַזוי. זיינען אָנגעקומען וועלכע דעפּעשן?

— יאָ, עטלעכע.

ער האָט איר נאָכגעפאָלגט אין דעם אויפנאַם־צימער, האָט צוגענומען די דעפּעשן, זיי געדרייט אין האַנט, ניט עפענענדיק זיי, און געזאָגט: „נו, האָסטו גוט אויסגענוצט די צייט פון דיין מאַנס אַפּוועזנהייט, מיין טייבעלע?"

זי האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן. זינט ווען דער דאָזיקער פאַרטרוילעכער טאָן? קיינמאָל האָט זי מיט אים ניט גערעדט פּער דו, קיינמאָל האָבן זיי מיט אַ וואָרט פון פריינטשאַפט זיך ניט געביטן. איז ער שיכור? זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט דערשראָקן זיך אָפּגעקערט. קיין מאָל איז איר דער דאָזיקער פּנים, מיט די קליינע חזירשע אייגעלעך, ניט געפעלן געווען. אָבער איצט האָבן זיי געשיינט ניט צו האָבן אין זיך קיין שום מענטשלעכס.

— נאָ, נאָ, זיי ניט אַזאַ צנועה! וואָס דו האָסט פאַרגונען דעם ציגיינער, וועסטו דאָך ניט אָפּזאָגן מיר, דעם דייטש.

— פאַרלאָזט תיכף דאָס הויז!

דער שאָפער איז געווען אַוועקגעפאָרן מיט פראַנץ צימערלע. דאָס הויז־מיידל איז געשלאָפן אין הויז פון די באַדינער, וואָס האָט זיך געפונען ווייט, לעבן בית־עולם. זי האָט געפילט, אַז עפּעס שלעכטס רוקט זיך אָן אויף איר. זי האָט געוואָלט אריינגיין אין צווייטן צימער און פאַרשפּאַרן די טיר. אָבער מיט איין שפּרונג איז האַנס קרולע געווען לעבן איר. ער

האָט אַרויפגעלייגט אויף איר זיין אָרעם. זי האָט זיך געווערט, אים צע־דראַפּעט דעם פּנים. און ביסלעכווייז האָבן איר אָנגעהויבן אויסגיין די כּחות.

עס איז געווען אַ שעה שפּעטער. הענריעטע איז געלעגן אויף דער צעוואָרפענער בעט. די טרערן זיינען איר גערונען אומאונטערבראָכן אויפן פּנים. זי איז צוגעלאָפן צום אַלמער און אַ כאַפּ געטאָן ליזאַ אַדלערס קלייד. זי האָט אַ סעקונדע זיך געקווענקלט און אַראָפּגענומען דאָס קלייד זאַרג־פעלטיק פון אויפהענגער. דאַן האָט זי שנעל צוזאַמענגעדרייט דאָס קלייד אין אַ קנויל און אַריינגעגאַנגען שטילערהייט אין קיך — דאָס מיידל זאָל ניט דערהערן. זי האָט גענומען די בלעכענע קענדל מיט פּעטראָלעאום און איז צוריק אַריין אין איר צימער. זי האָט דאָס פּעטראָלעאום אַרויפגעגאָסן אויף דער ווייסער זיידענער קלייד, זי אַריינגעשמיסן אין קאַמין און אָנ־געצונדן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט אויפן פייער, ווי פאַר־כּישופט, ביז די לעצטע רעשטלעך האָבן אויפגעהערט גליען.

איר האַלב־צעריסענע נאַכט־העמד האָט זי אַריינגענומען אין די הענט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע לעבן דעם קאַמין און איז אַזוי איינגעשלאָפן.

די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, ווען עמעצער האָט זי געוועקט.

— ווער איז דאָס געווען? — האָט זי געהערט פראַנצס שטים.

— דיין פריינט האַנס קרולע.

23.

פראַנץ צימערלע האָט איינגעלאַדן זיינע מענטשן צו זיין ביי אים צען אַזייגער אינדערפרי. האַנס קרולע און אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיי אויפגעריסן פון שלאָף. פראַנץ צימערלע האָט קיינעם ניט געקוקט אין די אויגן. ער האָט געזוכט אין אַ לעדערנעם פּאָרטפעל צווישן דעפּעשן און פּראָטאָקאָלן, און געזאָגט: „מ'קאָן זיך דאָ אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן." ער האָט פּלוצלונג געווענדט הערשעריש זיין בליק אויף האַנס קרולע: „אָדער איז פאַראַן צו פאַרצייכענען אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט אין דעם ענין וועגן דער ברוויערי?"

האַנס קרולע האָט נערוועז געביסן זיין פּאַפּיראָס צווישן די ציין און געענטפערט: „דערווייל נאָך גאָרנישט."

— נאַטירלעך, נאָך גאָרנישט, — האָט פראַנץ צימערלע אויפגעכאַפּט זיין באַמערקונג. — יענע טוען וואָס זיי ווילן, און דאָ אינטערעסירט מען זיך, ווייס גאָט מיט וואָס? אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, קאָנען מיר זיך איינפּאַקן. אין פּאָיעני האָבן זיי אויפגעריסן די ברויז צוזאַמען מיט דער

גאַנצער אויסשטאַטונג, פּונקט אַ טאָג איידער דער ערשטער טראַנספּאָרט האָט געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן צום פראָנט. שיין פאַרזאָרגן מיר די אַרמיי. ביר מיט דזשעגאַכץ און ראַצן. קיין שנאַפּס, אָבער . . .

האַנס קרולעס פּנים האָט געצוקט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וויל עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער געשוויגן.

— איך בין מיט דער מיינונג, — האָט אָטאָ פאָן ראובניטץ געזאָגט, — אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן סאַבאָטאַזש...

דער פירער וויל ניט הערן פון אונדז קיין מיינונגען, ער וויל מעשים. און דער פאַקט איז, אַז מיר זיינען דורכגעפאַלן אויף דער גאַנצער ליניע. דאָס, וויזט אויס, האָט מען אין טשערנאָוויץ שוין לאַנג באַמערקט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז מען שיקט אַהער אונדז צו פאַרשטאַרקן פופצן מאַן פון דער געשטאַפּאָ און צען פון דער סיגוראַנצאַ.

אין אָט דעם מאָמענט, איז סימיאָן שטראוב אַריינגעקומען אין צימער. פראַנץ האָט אונטערבראָכן זיין באַריכט און געוואָרפן סימיאָנען אַ בליק פול מיט פאַרוואורף, זאָגנדיק:

— גוט געשלאָפן? מיר וועלן נאָך די גרעסטע געשעענישן פאַרשלאָפן, ווען עס וועט אַזוי גיין ווייטער. פּונקט ווען מען רעדט וועגן זאַכן פון דער ברויערײַ, האָט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז איר זאָלט אַרויסווייזן מער אינטערעס.

— אָבער מ׳האָט מיר גערופן ערשט מיט צען מינוט צוריק.

פראַנץ צימערלע האָט איבערגעחזרט זיינע ווערטער און פאָרגעזעצט:

— די פופצן געשטאַפּאָ־לייט און די צען פון דער סיגוראַנצאַ קומען אַהער אַלס רומענישע עמיגראַנטן פון אונגאַרן. מיר מוזן זיי פאַרטיילן אויף די וויכטיקסטע פּלעצער. איך גלויב, אַז אין באַטראַכט פון דער לאַגע אין דער ברויערײַ, מוזן מיר אַריינשיקן אַהין צום ווינציקסטן צוואַנציק. פינף וועלן דאַרפן אַרבעטן אין דער מיל. מען דאַרף זיי באַזאָרגן מיט קוואַרטירן. נאַטירלעך, קאָן מען זיי ניט לאָזן וואוינען אין דעם האָטעל „האַמערהאָף", דאָס וואָלט געוועזן אויפפאַלנד. פון די סיגוראַנצאַ־לייט וועלן אייניקע מוזן וואוינען אין דער פאָלקס־קיך, כדי מיר זאָלן אויסגעפינען די שטימונג, וואָס הערשט דאָרט. פאַר די אַנדערע דאַרף מען צוגרייטן דאָס הויז פון דעם ייד שייפער, דער פריערדיקער אייגנטימער פון דער מיל. איר, הער צערטיאַן, נעמט זיך אונטער דאָס צו באַזאָרגן. גיט אַכטונג, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אָנשטענדיקע וועש און בעטגעוואַנט. און איר, הער פאָן ראובניטץ, וועט היינט זען צו פאַרשפּרייטן די נייעס אין דער ברויערײַ, אַז איר האָט געקראָגן מער נייע אַרבעטער פאַר דער ברויערײַ, אין טשערנאָוויץ, ווייל דער ברויערײַ ווערט געשטעלט גרעסערע פאָדערונגען.

ער האָט זיך ווידער געווענדט צו סטעפאַן צערטיאַן:

— אזוי גיך ווי די לייט וועלן אָנקומען, ברענגט מיר די ליסט פון זייערע נעמען. איך וויל מיט די מענטשן אַליין רעדן, איידער זיי שטעלן זיך צו דער אַרבעט. צום בעסטן וועט זיין, ווען איר וועט אראַנזשירן דעם צוזאַמענקום פאַר צען אַזייגער אין אָוונט. צו אַט דער צייט, איז אין דער מיל קיינער ניטאָ און קיינער וועט ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס איך בין געקומען אַהין. זעלבסטפאַרשטענדלעך, הער שטראוב, אויף אייך ליגט די אויפגאַבע צו זען, אַז אין דער ברויעריי זאָלן ניט פאַרקומען קיין רייבונגען. קודם כל דאַרפן די אַרבעטער ניט האָבן קיין אומצוטרוי צו די ניי־געקומענע אַרבעטער, ווייל נאָר אויף דעם אופן וועט מען עפעס קאָנען אויפטאָן.

פראַנץ צימערלע האָט זיך אויפגעהויבן, געבנדיק דערמיט צו פאַרשטיין, אַז די באַראַטונג איז געענדיקט. סטעפאַן צערטיאַן איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער די דריי דייטשן זיינען נאָך פאַרבליבן. ווען סטעפאַן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט פראַנץ צימערלע געזאָגט צו סימיאָנען:

— פאַררופט אויף מאָרגן אָוונט אַ פולע זיצונג פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט אין מיין וואוינונג. מיט דעם וויטערדיקן פאַרהער פון דעם גלח וועל איך זיך אַליין באַשעפטיקן.

:: :: ::

אחוץ האַנס קרולע, האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען די סיבה פון פראַנץ צימערלעס שלעכטער שטימונג. זיין פלוצימדיקע דערשיינונג איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש. נעכטן אָוונט, ווען מ'האָט מיט אים גערעדט טעלעפאָניש, האָט ער אַפילו ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז אין עטלעכע שעה אַרום וועט ער זיך שוין אומקערן קיין סערעט. אָבער דאָס אומקערן זיך אַזוי פלוצלונג איז געקומען אומדערוואַרט אויך פאַר פראַנץ צימערלע. ער האָט אונטערבראָכן זיין אויפהאַלט אין פאַיעני, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז צווישן דעם סאַבאָטאַזש־אַקט אין דער ברויעריי און דעם אויפרייס אין דער ברוויז איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג.

ער איז געקומען מיט דער אַבזיכט צו רעדן אָפן מיט הענריעטען. ער האָט זיך געקליבן איר זאָגן: „זע, ביי מיין פּאָזיציע און אין מיין לאַגע, איז מען אָפט געצוואונגען צייטנווייז צו טאָן זאַכן אומגערן. קאָנסטו זיך ווירקלעך פאָרשטעלן, אַז איך, וועלכער האָב געבענקט אַזוי לאַנג נאָך דיר, האָב געהאַט חשק צו גיין צו אַ הור? מען איז אָבער געזעסן צוזאַמען, געטרונקען איין גלאָז נאָך דער אַנדערער...” יאָ, האָט ער געטראַכט, און ווי זאָל איך דאָס איר זאָגן, איך בין דאָך אַהינגעגאַנגען... איך וועל איר זאָגן, אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך טו און וואוהין איך גיי. „ווען ניט דער דאָזיקער מיאוסער רעזולטאַט, גלויב מיך, העגריעטע, וואָלט איך גאָרנישט געוואוסט, וואוהין איך בין געגאַנגען און וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב

זיך געשעמט פאַר דיר. איך האָב ניט געוואָלט פאַרלעצן דיין עמפּינדלעכ־קייט, דערפאַר האָב איך געשוויגן. די שוואַכקייט פון אַ מינוט און דערצו נאָך שיכורערהייט, קאָן דאָך ניט וואַרפן צווישן אונדז אַ שאָטן."

אַזוי האָט ער געוואָלט רעדן. אָבער אינצווישן איז פאָרגעקומען די פּאַסירונג מיט הענריעטען. וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו רעדן מיט האַנס קרולע וועגן דעם? איך ווייס דאָך פאָראויס, וואָס ער וועט מיר ענטפערן. אַזוי האָט מען גערעדט און געהאַנדלט צווישן דער היטלער־יוגנט און אין די לאַגערן. און ענדלעך — האָט ער דאָס געטראַכט מיט פאַרביטערונג — וועט ער זאָגן, איז בעסער וואָס אַ דייטש האָט זי פאַרגוואַלטיקט, ווי אַ ציגיינער וואָלט דאָס געטאָן. וואָס קאָן איך אויף דעם ענטפערן? אַלץ שטימט, און דאָך שטימט עס ניט. הענריעטע וועט דאָס ניט פאַרשטיין. אפשר האָב איך ניט געדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ רומעניערין? אפשר בין איך באמת געוואָרן אַ פאַרליבטע קאַלב. ווען מען וואָלט געקאָנט וויסן, ווי דער פירער וואָלט זיך פאַרהאַלטן אין אַזאַ פאַל?

אָט אַזוי טראַכטנדיק, איז ער, אַליין ניט באַמערקנדיק, אָנגעקומען אין זיין וואוינונג. קווענקלענדיק זיך, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דעם שלאָף־צימער. הענריעטע איז געלעגן מיטן קאָפּ פאַרגראָבן אין קישן, און ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זי געפרעגט: „האָסט אים דערשאָסן?"

— קינד, — האָט ער געענטפערט. — די צייטן האָבן זיך געענדערט. מיר, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, האָבן אַנדערע באַגריפן.

אַנטריסטעט, האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אים.

— מיספאַרשטיי מיך ניט, הענריעטע. ניט וואָס איך סאַנקציאָניר האַנס׳ האַנדלונג . . .

זי האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו אים.

— דו רופסט אים ביים ערשטן נאָמען? דאָס ווייזט, אַז ער איז נאָך פאַר דיר דער אינטימער פריינט.

— ניין, לאָז מיר זיך אויסרעדן. איך פאַראורטייל זיין האַנדלונג אויף דעם שאַרפסטן אופן. אָבער שטעל זיך אַליין פאָר, וואָס מען וועט דענקען אין העכערע קרייזן, ווען איך וועל איצט זיך אַריינלאָזן אין אַ פּערזענלעכן קאַמף, אין אַ צייט, ווען דער פירער קעמפט פאַר דער צוקונפט פון דער הערשאַפט פונעם דייטשישן פאָלק, פאַר אַ נייער אייראָפּע, אין אַ צייט, וואָס מיר האַלטן ביים לייגן דעם פונדאַמענט פאַר ווייטערדיקע יאָרטויזנטער, פאַר יעדן דייטש, און פאַר די צוקונפטיקע דורות.

— אַרויס, דו שוטה! דו ביסט בלויז אַ ווערקצייג. איך האָב ניט חתונה געהאַט מיט אַ ווערקצייג. איך האָב געזוכט אַ מאַן, אַ מענטשן מיט מענטשלעכן שטאָלץ.

פראַנץ צימערלע האָט זי איבערגעלאָזט אַליין. ער האָט געדאַרפט

שרייבן אַלערליי באַריכטן און ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. מאַכן אַ סוף, האָט ער געטראַכט. מאַכן אַ סוף. איך בין פאַרלאָרן, אויב איך וועל ניט געפינען דעם כוח צו מאַכן מיט איר אַ סוף. פאַרסמען וואָלט געווען דאָס פּשוטסטע. קיינער וואָלט ניט נאָכגעזוכט. איך וואָלט באַקומען אַ מיטנעפּיל־טעלעגראַמע, אויב ניט פון דעם פּירער, איז פון דעם אויבער־שעף פון דער געשטאַפּאָ. ס'וועט קלינגען שיין: „צום טראַגישן אומגליק אין דער דאָזיקער הערלאָישער צייט פאַר אונדזער העלדישן קעמפער פראַנץ צימערלע." אפשר וועלן זיי אַפילו שיקן אַ קראַנץ. ניין, ניט פאַרסמען. פאַרוואָס ניט האָבן דעם מוט זי צו דערשיסן מיטן אייגענעם רעוואָלווער? אָבער איינמאָל נאָך וואָלט איך געוואָלט מיט איר זיין. ער האָט זיך דערמאָנט וועגן דער צייט אין פּוילן, ווען ער פלעגט אַזוי אָפּט פאַרגוואַלטיקן יידישע מיידלעך און זיי אַריינשיסן אַ קויל אין מויל. אַזוי פלעגט ער עס טאָן נאַכט־איין, נאַכט־אויס, צוזאַמען מיט האַנס קרולע. אייגנטלעך קאָן ער דאָס גלייך טאָן. עס פּאַסט ניט פאַר אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט אָפּצולייגן די דורכפירונג פון אָנגענומענע באַשלוסן.

פונקט דאַן האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. סטעפאַן צערטיאַן איז אַריינגעקומען. די לייט פון דער געשטאַפּאָ און סיגוראַנצאַ זיינען אָנגעקומען. זייערע אויטאָמאָבילן האָבן זיי איבערגעלאָזט אויף דער אַנדער זייט בריק און זיינען געקומען אין שטאָט צופוס, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק פון פליכטלינגען.

פראַנץ צימערלע האָט געהייסן ער זאָל אים ווייזן דעם צעטל. פון די סיגוראַנצאַ־לייט האָט ער קיינעם ניט געקענט. דערפאַר אָבער האָט אין דעם צעטל פון די געשטאַפּאָ־לייט געפונען פיר באַקאַנטע נעמען. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין דעם לאַגער פון דאַכאַו. קנאַכנדיקע יונגען, וועלכע האָבן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט געזאָגט צו סטעפאַן צערטיאַן: „די דאָזיקע פיר דאַרפן אומבאַדינגט איינגעקוואַרטירט ווערן אין הויז פון דעם פריערדיקן אייגנטימער פון דער מיל. אגב, ווי האַלט עס מיט דער אַרבעט אין דער מיל?"

סטעפאַן צערטיאַן איז געווען פאַרוואונדערט פון דער דאָזיקער פראַגע, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם ענין, וואָס זיי האָבן פאַרהאַנדלט.

— די מיל איז פאַר די לעצטע פינף טעג אין פולן גאַנג. זי אַרבעט סיי מיט דער וואַסער־ראָד, סיי מיט אַ מאָטאָר. עס ווערן איצט דורכשניטלעך אָפּגעמאָלן צוויי וואַגאָנען תבואה אַ טאָג. אויך די שפּייכלער זיינען גרייט. זיי האָבן פּלאַץ פאַר דריי הונדערט וואַגאָנען מעל. מיר וועלן אין הערבסט זיין די גרויסע ליפעראַנטן. ניט שטאָרזינגעץ און ניט טשערנאָוויץ האָבן ניט באַוויזן, אויף ווי ווייט איך ווייס, אין דער דאָזיקער קורצער צייט, ניט נאָר צו שטאַנד צו ברענגען אַזאַ וויכטיקע אינדוסטריע, נאָר זי אויפצובויען און

פאַרגרעסערן. מיר האָבן איצט אין סערעט, גלויב איך, די גרעסטע מיל אין דער בוקאָווינע.

פראַנץ צימערלע איז אויפגעשפּרונגען אַ באַגייסטערטער. ער האָט אין דער מינוט פאַרגעסן די פריערדיקע צרות, באַטראַכטונגען און באַשלוסן. ער האָט סטעפּאַנען געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— איר האָט ווירקלעך אין אַ קורצער צייט אויפגעטאָן אַ גרויסע אַרבעט. אין דעם באַריכט, וואָס איך שרייב היינט, וועל איך דערמאָנען אייער נאָמען. ניין, ניין, שטעלט זיך ניט קעגן. כבוד וועמען כבוד קומט, דאָס איז אונדזער גרונט־טעזיס. איצט דאַרף מען, הייסט עס, זאָרגן וועגן דעם צושטעל און דער אָפּליפערונג פון תבואה, כדי צו ווייזן דער העכערער פירערשאַפט, אַז די אונדז געשטעלטע פאָדערונגען זיינען נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן. יאָ, וואָס האָב איך נאָך געוואָלט זאָגן: הער צערטיאַן, פאַרגעסט ניט צו זאָגן מיינע פריינט, אַז איך וועל ביי זיי זיין צען אַזייגער אין אָוונט.

פראַנץ צימערלע האָט זיך ווידעראַמאָל געפילט ווי אין די אַלטע צייטן. ווען סטעפּאַן צערטיאַן איז אַוועקגעגאַנגען, איז זיין פעדער געלאָפן אייליק איבערן פּאַפּיר. ער האָט דערציילט אין זיין באַריכט, ווי שנעל די מיל איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג. אָבער אין מיטן שרייבן איז ער געבליבן שטיין. מ׳האָט דערוואַרט פון אים אַ באַריכט וועגן דער ברויעריי. וועגן דעם קאָן ער נאָך גאָרנישט זאָגן. אָבער דער דערפאָלג פון דער מיל איז גרעסער, ווי ער און די העכערע באַאַמטע האָבן דערוואַרט. „איך בין איצט אין אַ לאַגע אָנצובאָטן אַן אומדערוואַרטע מתנה. ווי וואָלט געווען, ווען איך שרייב זיי: שיקט דרייסיק ליידיקע וואַגאָנען און שוין איצט, סוף אויגוסט, שיק איך אייך זיי פול מיט מעל פון דער נייער געררעטעניש, און נאָר פון דעם טייל פון סערעט, וואו פריער האָבן זיך געפונען די רויטע.״

ער האָט גענומען דעם טעלעפאָן און געבעטן אים פאַרבינדן מיט דעם גוט־באַזיצער פאַן סאַוער.

— ווי האַלט ביי אייך מיט דער דרעש־אַרבעט? ניין, וועגן דער ברויז וועלן מיר איצט ניט רעדן. בלי ספק, איז דאָס אַן אומגליק. מען וועט אייך אויפוואַרפן, אַז איר זייט ניט געווען וואַכזאַם. אָבער ווען מיר וועלן זאָגן: די דאָזיקע תבואה קומט פון פּאַיעני, אַ פריערדיקער רויטער קאָלעקטיוו, געמאָלן אין סערעט — מיר האָבן דאָס געשאַפן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, — וועט מען שוין וועגן דער ברויז אינגאַנצן ניט רעדן, מען וועט דאָס אָנערקענען. איז אָפּגעמאַכט. דאָס צופירן צו דער מיל הויבט זיך אָן היינט נאָכמיטאָג. זעקס וואָגן ווייץ, צוויי וואָגן קאָרן און צוויי וואָגן קוקורוזע. זאָרגט זיך ניט, עס וועט נאָך אַלץ בלייבן גענוג פאַר די חזירים. יאָ, איך ווייס די פאַרשריפטן וועגן מישן: דרייסיק פּראָצענט קוקורוזע, צוואַנציק פּראָצענט קאָרן און פופציק פּראָצענט ווייץ. צוויי וואַגאָנען

ריינעם ווייצן־מעל וועלן מיר שענקען די שפּיטאָלן פאַר אַפּיצערן. אָבער לעבערלעך. דאָס געלט וועט איר באַקומען פון מיר. נאַטירלעך, נאָר דעם פעסטגעשטעלטן פּרייז. די אָנערקענונג איז דאָך מער. איך וועל דאָן לייכט קאָנען באַקומען עטלעכע פערד און אַפילו פי פון אוקראַינע פאַר אייך. גו, אָפּגעמאַכט.

ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז. פאַר נאָכמיטאָג האָט ער קיין אַנדערע אַרבעט ניט געהאַט. ער איז אַוועק אין דער קאַנצעלאַריע, האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז געווען אומגעדולדיק זיך ווידער צו טרעפן מיט די פּריינט פון דעם דאַכאַו־לאַגער. ער האָט געוואָלט, אַז די צייט ביז דער באַגעגעניש זאָל שנעל אַריבער. ער האָט געהייסן ברענגען דעם אויטאָ־מאָביל און געזאָגט דעם שאָפער, אַז ער זאָל פאָרן אינעם נאָענטן אַלט־רומענישן שטעטל, וואו מ'האָט געקאָנט קריגן אַ באַזונדערס גוטן ביסן און אומגעשטערט פאַרברענגען די צייט. אונטערוועגנס, האָט ער באַגעגנט צוויי וואָגנס מיט תבואה־זעק. ער האָט געהייסן זיך אָפּשטעלן און געפרעגט די פורמאַנעס פון וואַנען זיי קומען. ער האָט אויסגעפונען, אַז זיי קומען פון פּאָיעני און פירן די תבואה צו דער מיל. דאָס האָבן זיינע העכערע באַאַמטע געמעגט זען! האָט ער געטראַכט. יאָהאַן מילער וואָלט אים געזאָגט: „שנעל און פּינקטלעך געאַרבעט, אַלטער. אַזוי אַרבעט אַ פראַנץ צימערלע, יאַוואָל!"

זיין אויטאָמאָביל איז אַריינגעפאָרן אין מיהאַלעני. דאָס שטעטל איז געלעגן גאָט־פאַרגעסן, ווי אויסגעשטאָרבן, אין דער הייסער נאָכמיטאָג־זון. דאָ האָט די מלחמה קיין שפּור ניט געלאָזט. דאָס שטעטל האָט אויסגעזען פּונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען ער איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל. עס האָט געהערט צו אַ מאָלדאַווישן פּראָוואַלטונגס־באַצירק, וואָס איז געווען אויסער דער מלחמה־זאָנע. ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיך באַוועגט איבער דער שיער ענדלאָזיקער הויפּט־גאַס — דאָס שטעטל האָט כמעט ניט געהאַט קיין אַנדערע גאַסן — האָט ער באַמערקט עטלעכע יידן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין אַן אָפענעם שוסטער־װאַרשטאַט און אַ ייד איז דאָרט געזעסן ביי דער אַרבעט. יאָ, האָט ער געטראַכט, אַזוי זעט דאָס אויס, ווען קיין פראַנץ צימערלע איז ניטאָ. צום באַדויערן, געהערט די דאָזיקע דרעק־נעסט ניט אונדז דייטשן דירעקט. אָבער איך וועל נאָך היינט רעדן מיט דעם היגן אונטערפּרעפעקט.

אויסערן שטעטל, אין אַ קליין וועלדל, האָט זיך געפונען אַ שיינער רעסטאָראַן, וואו עס פלעגן זיך טרעפן העכערע באַאַמטע, אָפיצערן און גרויסע גוט־באַזיצער פון דער געגנט. די קיך איז געווען באַרימט. די ספּעצ־יאַליטעט פון דעם רעסטאָראַן איז געווען געבראָטענע גענדז. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש אין גאָרטן. פון אומעטום האָט זיך געהערט די שושקעריי פון אָפיצערן מיט זייערע מיידלעך. נאָכפרעגנדיק זיך ביים ווירט,

האָט ער אויסגעפונען, אַז זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה געפינט זיך דאָ ניט ווייט אַ רומענישער אַפיצערן־שפּיטאָל. „דאַרמאַיעדניקעס", האָט ער געמורמלט פאַר זיך. מיר בלוטיקן און קעמפן און זיי פרעסן דאָ! נאָך דעם פעטן מאכל, ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעליידיקט צוויי פלעשער טאָקאַיער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געזען יידן אויף דער גאַס.

— זאָגט מיר נאָר, ווירט, האָט מען דאָ דעם יידישן איינפלוס נאָך ניט געבראָכן?

— אין שטעטל איז ניט געווען קיין איין ניט־יידישער באַלמעלאָכע, און דעריבער האָט מען געמוזט אַ טייל פון די יידן לאָזן לעבן. גלייך נאָך דער מלחמה־דערקלערונג, האָט מען אויך דאָ אַרעסטירט און אויסגעמאָר־דעט אַכציק יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געשטאַמט פון בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע. אָבער נאָך אַלעמען האָבן מיר דאָך ניט געקאָנט אויסקומען אָן אַ דאָקטאָר און אָן באַלמעלאָכעס. מיר האָבן נאָך פאַרלויפיק קיינעם ניט, וואָס זאָל זיי פאַרבייטן.

— אַ שיינע אָרדענונג! — האָט פראַנץ צימערלע געברומט.

דער ווירט האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און איז פאַרשוואונדן.

להיפּוך האַנס קרולע, איז פראַנץ צימערלע ניט געווען קיין טרינקער. אָבער אין דער נאַצי־פּאַרטיי, אין זיין צוזאַמענאַרבעט מיט דער ס.ס., האָט ער זיך צוגעוואוינט טרינקען און האָט געקאָנט אַ סך אַריינגיסן. צוליב זיין אָנשטעקן זיך, האָט דער דאָקטאָר אים פאַרזאָגט זיך אָפּצוהאַלטן פאַר עט־לעכע טעג פון אַלקאָהאָל. איצט האָט ער אָבער זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם. ווען ער האָט אויסגעליידיקט די דריטע פלאַש, איז אים געוואָרן אַנגענעם־וואַרעם. ער האָט זיך אַריינגעלאָזן, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, אין באַטראַכטונגען.

— גליק מוז דער מענטש האָבן. ווען איך, צום ביישפּיל, וואָלט גע־בוירן געוואָרן צו דער צייט, ווען עס איז אין דייטשלאַנד נאָך ניט געווען קיין פירער, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן? איך וואָלט געווען, וואָס מיין מוטער האָט באַשטימט פאַר מיר צו זיין, אַ געהילף אין אַ שפּייז־קראָם. און מיין טאַלאַנט, דער נאָרדיש־אַרישער געניע, וואָס לעבט אין יעדן פון אונדז, וואָלט זינלאָז געגאַנגען צו גרונט. יאָ, דער פירער איז אַ מתנה פון גאָט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איינער פון די העכערע באַאַמטע אין דעם דאַכאַו קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָכדעם ווי זיי האָבן אומגעבראַכט אין איין אָוונט זעכציק פּאָליטישע, האָט אים געזאָגט: דער צייכן פון דער גרויסקייט פון אונדזער צייט זאָל ליגן אין די וואָנצעס, וואָס דער פירער פאַרמאָגט. אַלע ס.ס.־לייט אין לאַגער האָבן געהאַט וואָנצעס לויטן מוסטער פון דעם פירער. פונדעסטוועגן האָט זיי אַלעמען פון אָנהויב אויסגעזען קאָמיש, אַז דער צייכן פון גרויסקייט ליגט אין די וואָנצעס. דער ס.ס.־מאַן, וואָס האָט גע־

מאַכט די דאָזיקע באַהויפּטונג, איז פריער געווען אַ לערער אין אַ גימנאַזיע, און ער האָט דערקלערט: לאַכט ניט, איך וועל אייך באַווייזן די ריכטיקייט פון מיין באַהויפּטונג. יעדעס פאָלק האָט זיין עפּאָכע און יעדע עפּאָכע איר סימן. די שטאַרקייט פון די יידן אין אַלטערטום איז געלעגן אין לאַנגע האָר. זייער העלד שמשון האָט געטראָגן לאַנגע האָר, און די אַריערין דלילה, וואָס האָט געשטאַמט פון די פּלישתּים, האָט געבראָכן זיין מאַכט און פאַרניכטעט זיין גבורה, ווען זי האָט אים אָפּגעשאָרן די האָר. דער פּרינץ אבשלום איז געווען דערליידיקט אין דעם מאָמענט, ווען זיינע האָר האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם צווייג פון אַ בוים. זיין גורל איז דורך דעם געווען געחתמעט. די מאַכט פון די אַלטע רוימער איז געלעגן אין דער טאָגאַ. זיי האָבן באַזיגט די סעמיטישע פעניקיאַנער, האָבן איינגענומען די גאַנצע וועלט פון אַלטערטום, און אַלע באַרבאַרישע פעלקער, כּל זמן זיי האָבן געטראָגן די טאָגאַ. ווען די אַלטע טוגנטן זיינען פאַרשוואונדן, און מיט זיי דער נאַציאָנאַלער בגד, די טאָגאַ, איז די מאַכט פון די רוימער געבראָכן געוואָרן און דאָס קריסטנטום האָט מיט זיינע שוואַרצע פליגל איינגעהילט די גאַנצע וועלט. די וואָנצעס פון דעם פירער זיינען דער הערשאַפט־צייכן פון דער אַריש־נאָרדישער ראַסע, וואָס קאָן מער קיינמאָל ניט באַזיגט ווערן און קאָן קיינמאָל מער ניט אונטעריאָכט ווערן.

פראַנץ צימערלע האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז האַנס קרולע טראָגט ניט קיין וואָנצעס. בלי ספק וועט ער האָבן אַ שלעכטן סוף. ווען ער האָט אויסגעטרונקען די ערשטע גלאָז פון דער פערטער פלאַש, זיינען פאַרביי אים פאַרבייגעגאַנגען די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער נאַצי־פּאַרטיי. ניט געבעלם און ניט גערינג האָבן געהאַט וואָנצעס. אויך דאָס וועט זיך ניט גוט ענדיקן. זיכער וועלן זיי מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער רעבעלירן קעגן דעם פירער און קריגן זייער פאַרדינטן סוף. נאַטירלעך, זיינען ניט אַלע וואָנצעס אַ צייכן פון געני און פון קראַפט. פאַרקערט, עס זיינען פאַראַן וואָנצעס, וואָס זיינען אַ צייכן פון נידערגאַנג און מינדערוויכטיקייט. די פּוילישע וואָנצעס, למשל — איך האָב דאָך דאָס אַליין איבערגעלעבט — ווייזן ווי דעגענערירט עס זיינען זייערע טרעגער. ווען איך האָב איינמאָל אַזאַ פּאָליאַק געלאָזט אויפהענגען אויף זיינע אויפגעדרייטע וואָנצעס, האָט ער קראַפּירט נאָך איידער מ׳האָט אים אַרויפגעצויגן. די וואָנצעס פון דעם פירער, פּונקט ווי מיינע, קאָנען נאָר ניט באַנוצט ווערן צום הענגען. פוי, צום טייוול! געהאַנגען ווערן איז אויך אומווירדיק פאַר אַ דייטש.

און מיט אַמאָל האָט ער פּלוצלונג דערזען דעם פירער פאַר זיך. ער איז געזעסן קעגנאיבער ביי אַ טיש און געגעסן פלייש, געבראָטענע אויף קוילן־פייער. מערקווירדיק, ער עסט דאָך געוויינטלעך גרינסן? אָבער דער פירער ווייס וואָס ער טוט. ער האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון זיין גלאָז.

דער פירער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. ער האָט מער ניט געקאָנט אויס־האַלטן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אים, אַנידערגעפאַלן אויף די קני. ער האָט געקושט די פּאָלעס פון זיין ווייסן מאַנטל און געשריען: „מיין פירער, איך שטיי צו דיין דינסט.״ דער פירער אָבער האָט אים אוועק־געשטויסן. און דאַן איז אַריינגעקומען דער ווירט און געזאָגט: „איך בעט אייך, באַלעסטיקט ניט די געסט.״ דער פירער אָבער האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאַרשוואונדן. פראַנץ האָט געשריען פאַרצווייפלט: „וואָרום האָט דער פירער מיך מער ניט ליב? וואָרום פאַרשווינדט ער? מיין פירער, האָב רחמנות אויף מיר.״

— אָבער מיין הער, דאָס איז געווען דער שעף פון דער סיגוראַנצאַ פון מיהאַלעני, ווינטילאַ ניהילעסקו.

— וואָס? דער רומעניער, דער ציגיינער, וואָגט טראָגן אַ וואָנצע, ווי דעם פירערס, אויסזען ווי דער פירער! דאָס מוז אָפּגעוואַשן ווערן מיט בלוט.

ווען פראַנץ צימערלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אײנגאַנצן ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און געדענקט, אַז ער געפינט זיך אין זיין אייגענעם גאָרטן. ווי אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט! די עפּל־ביימער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קאַשטאַנען־ביימער און די בלעטער זיינען געוואָרן געל. דער ווירט אָבער איז צוגעקומען און אים דער־לאַנגט זיין רעכענונג. ער האָט באַצאָלט און איז אַריין אין זיין אויטאָמאָביל. די פרישע לופט האָט אים אויסגעניכטערט.

ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו סערעט, האָט ער פּלוצלונג געגעבן אַ באַפעל צום שאָפער אים צוצופירן צו דער וואוינונג פון סימיאָן שטראוב. ער האָט געטראָפן סימיאָנען אין הויז, אים איינגעלאַדן אין זיין אויטאָמאָביל און זיי זיינען צוזאַמען אוועקגעפאָרן אין שטאָט. ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט היינט אינדערפרי באַקומען אַ ידיעה, אַז יאָהאַן מילער וועט אין די נעקסטע טעג אָנקומען מיט אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון דריי הונדערט מאַן, וואָס וועט אַרויסטרעטן קעגן ליבערטאַטיאַ און ראָגאַטשעשטי. ער האָט דאָס ניט דערמאָנט אויף דער באַראַטונג אינדערפרי, כדי דאָס זאָל פאַרבלייבן בסוד ביז די שטראָף־עקספּעדיציע וועט אָנקומען. זונטיק ביי־נאַכט וועלן די מענטשן אָנקומען אין סערעט מיט אַ ספּעציעלן צוג. אויסער זיי ביידן, דאַרף קיינער וועגן דעם גאָרנישט וויסן. בלויז זיי ביידע וועלן זיין אויפן וואָקזאַל אויפצונעמען זיי. מסתמא וועט יאָהאַן מילער מיט זיין ענגערער וואַך שוין דאַן זיין עטלעכע שעה אין סערעט.

ס׳איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער אין אָוונט, ווען פראַנץ צימערלע איז אַריינגעקומען אין זיין וואוינונג. צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט ער אין דעם האַל־באַלויכטענעם זאַל געפונען זיצן האַנס קרולע, סטעפאַן

צערטיאַן און אַטאַ פאַן ראַובניטץ. זיי האָבן געטרונקען אייז־קאַלטע וויסקי־סאָדע, און איידער ער האָט נאָך געקאָנט פרעגן וואָס עס האָט זיי געבראַכט אַהער, איז הענריעטע אַריינגעקומען אין צימער, אין אַ שיינער לאַנגער הויז־קלייד. זי איז געווען, ווי מ'האָט געקאָנט זען, אַ טייל פון דער געזעלשאַפט, ווייל אויפן טיש לעבן איר שטול איז געשטאַנען אַ האַלב־ליידיקע גלאָז. ער האָט זיך ניט געקאָנט אַפּוואונדערן. ניין, ס'איז ניט געווען די זעלביקע הענריעטע, וועלכע ער האָט געזען היינט מיטאָג־צייט. זי איז געווען פריש, מונטער, אויפגערוימט, יאָ — קאָקעטיש און באַזונדער אַנציענד.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער געפרעגט.

האַנס קרולע האָט געענטפערט:

— זיבן אַזייגער ביסטו געווייגלעך אין דער קאַנצעלאַריע. און ווען ס'איז געוואָרן אַכט און דו ביסט ניט געקומען, האָב איך געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס האָט פאַסירט. דיין פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי ווייס ניט וואוהין דו ביסט פאַרשוואונדן. איך האָב געדענקט, אַז אַזוי ווי דו האָסט גאָרנישט אָנגעזאָגט און אַזוי ווי פאַר די נעקסטע טעג ווערט גאָרנישט אונטערגענומען, ביסטו ווידער אַוועקגעפאָרן קיין פאַיעני. אינצווישן איז דאָ אָנגעקומען אַ וויכטיקע טעלעגראַמע, וואו עס ווערט מיטגעטיילט, אַז יאָהאַן מילער און די טרופּן וועלן אָנקומען אין די נעקסטע 24 שעה. איך האָב טעלעפאָנירט קיין פאַיעני און אויסגעפונען, אַז דו ביסט דאָרטן ניטאָ. האָב איך איינגעלאַדן אַטאַ פאַן ראַובניטץ און דעם הער צערטיאַן צו באַראַטן זיך מיט זיי וועגן דער פראַגע.

פראַנץ צימערלע האָט אַ קוק געטאָן אויף הענריעטען. ער האָט געזען, אַז אירע אויגן זיינען זשעדנע געווענדט אויף סטעפאַן צערטיאַן. אין דער זעלביקער צייט אָבער האָט ער ניט געקאָנט פּטור ווערן פון דעם געפיל, אַז הענריעטע און האַנס קרולע זיינען דעם אָוונט ווידער געווען צוזאַמען. און דאָס מאָל שיינט, אַז זי האָט זיך ניט געוועהרט. וואָס נעכטן איז אויף איר אַרויפגעצוואונגען געוואָרן מיט געוואַלט, האָט זי היינט פרייוויליק געטאָן. היינט איז זי געווען אין באַזיץ פון האַנס קרולע און מאָרגן וועט זי זיך אַרויפוואַרפן צערטיאַנען אויפן האַלדז. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט צו זיין צען אַזייגער אין אָוונט ביי די אָנגעקומענע געשטאַפּאָ־לייט און געזאָגט: „ס'איז דאָ אַ וויכטיקע טעלעגראַמע און מיר וועלן מאָרגן פאַרהאַנדלען די דעטאַלן. איר מעגט איצט גיין.‟

האַנס קרולע האָט אָבער געפרעגט: „דו האָסט דאָך אונדז היינט אינ־דערפרי ניט געזאָגט וועגן אַ פאַרשטייענדיקער שטראָף־עקספּעדיציע?‟

— איך האָב נאָך דער זיצונג באַקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע און האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו רעדן מיט אייך וועגן דעם. איצט איז שוין שפּעט. איז ביז מאָרגן, מיינע הערן.

דער „ביז מאָרגן, מיינע הערן", איז געזאָגט געוואָרן אין אַ טאָן, וואָס מ'האָט ניט געקאָנט מיספאַרשטיין. סטעפּאַן צערטיאַן האָט זיך אויפגעהויבן און זיין ביישפּיל האָט נאָכגעפאָלגט אַטאַ פאָן ראַובניטץ. צולעצט האָט אויך האַנס קרולע זיך אויפגעהויבן. ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט הענ־ריעטע זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און איז אַרויס פון צימער. ער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, גענומען זיין מאַנטל און אַוועק צו דער מיל.

די געקומענע זיינען אַלע געווען פון אַ נידעריקערן ראַנג. דאָס האָט ער שוין געוואוסט. אָבער ער איז דאָך גערן אַהין געגאַנגען. ער איז געווען צופרידן זיך מיט זיי צו באַגריסן. עס האָט אים געפרייט צו זען פּנימער, וואָס האָבן אים דערמאָנט וועגן דער צייט, ווען ער אַליין איז נאָך געגאַנגען פון איין הור צו אַ צווייטער, ווען הייראַט האָט אים געשיינט צו זיין אַן ענין פאַר יאָלדן. געוויס, ער איז געווען קעגן אַזעלכע זאַכן, ווי די פּאַסירונג צווישן האַנס און הענריעטע. אָבער מאַכן זיך לעכערלעך האָט ער ניט גע־וואָלט. אינדערפרי, איז ער געווען אַנטשלאָסן הענריעטען צו דערמאָרדן, און מיט האַנס קרולע אָנצוהאַלטן באַציאונגען, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאָר־געקומען. אָבער הענריעטעס גלעכטער האָט אים טיף געטראָפן, און ער האָט איצט באַגריפן, אַז ער ווערט געשטעלט אין אַ לעכערלעכער פּאָזיציע.

מיט אַ האַרצלעכקייט, וואָס קלענערע ס.ס.־באַאַמטע דערוואַרטן ניט פון העכערע אין ראַנג, האָט ער באַגריסט די ניי־געקומענע. די פיר, וועלכע ער האָט געקענט פערזענלעך, האָט ער אַרומגענומען, און די צייט איז פאַר־בייגעלאָפן אין דערציילן מעשיות און אַנקעדאָטן פון די לאַגערן, פון וועלכע זיי זיינען געקומען, און וואו ער אַליין האָט פריער געדינט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן געפאַנגענע און וועגן חברים.

— דער דיקער חזיר, — האָט איינער דערציילט, — דער קאַטוילישער גלח פון שלעזיע, וועלכער פלעגט אויף יעדער פראַגע ענטפערן מיטן קאַפּיטל תהילים „ממעמקים קראתיך", איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. מען קאָן ניט גלויבן, וואָס אַזאַ ווילדע חיה קאָן אַריבערטראָגן. מיר האָבן אים אין אַ הייסן טאָג, פון אינדערפרי ביז פינצטער, צוגעבונדן צום שטאַנג ביי דער קאַזאַרמע און אים געגאָסן אויל אויפן קאָפּ. און דאַן האָט עס אים דער שלאַק געטראָפן. דריי אַזייגער נאָכמיטאָג איז יאָכען — דו דערמאָנסט זיך יאָכענען? ער איז איצט אין פראַנקרייך — אַוועק אַהין. יאָכען האָט אים אָנגעטאָן אַ דערנער־קראַנץ אויפן קאָפּ און געוואָלט אים פאָרשטעלן פאַר די אַנדערע, ווען זיי וועלן קומען פון דער אַרבעט, אַלס קריסטוס, דער קעניג פון די יידן. ער איז אָבער צוריקגעקומען און געזאָגט: דער דיקער אָטעמט כמעט ניט מער. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אים עטוואָס אָפּצופרישן מיט קאַלטער וואַסער, ווייל מיר האָבן דאָך ניט געוואָלט פאַרלירן דעם שפּאַס. אָבער ער איז געהאַנגען אַ טויטער אויף די שטריק.

זיי האָבן אַלע געלאַכט, און אויך פראַנץ צימערלע איז פון דער דאָזיקער מעשה געקומען אין אַ בעסערער שטימונג. ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט. צופרידן און מיט אַ דערלייכטערטן האַרץ האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט.

.24

די פאַרזאַמלונג אין דער ברויערײַ איז געווען באַשטימט פאַר פיר אַזייגער; עס איז אויך געווען באַשטימט, אַז אָטאָ פאָן ראַובניטץ וועט אַלס דער דירעקטאָר פון דער ברויערײַ זאָגן אַ פּאָר ווערטער, און נאָך אים וועט איין אַרבעטער רעדן אויף אוקראַיניש און אַ צווייטער אויף רומעניש.

פראַנץ צימערלע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער ברויערײַ און געטראַכט: אַזוי גוט, ווי איך האָב דאָס געמאַכט, וואָלט אַן אַנדערער דאָס קוים געקאָנט טאָן. מײַנע פּופּצן לייט וועלן מאָרגן אַרבעטן אין דער ברויערײַ. זיי וועלן שוין אויסגעפינען דעם שונא. עס וועט אויך ניט פאַרפעלן איר זוירקונג די פּרעמיע, וואָס מ'האָט די אַרבעטער צוגעזאָגט צו געבן אין טאַ־באַק, זאַלץ און שוועבעלעך — ניט אין געלט, פאַר וואָס מ'קאָן גאָרנישט קויפן. אַלץ גייט גוט, נאָר די היים איז קיין היים ניט.

ראַובניטץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער אויפן טיש. ער האָט גערעדט אין אַ געבראָכענעם רומעניש.

— די היינטיקע פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער איז גערופן פאַרן צוועק אָפּצושטעלן נאַכלעסיקייטן, אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער זעלבסט. מ'האָט פעסטגעשטעלט נאַכלעסיקייטן ביים וואַשן די פעסער און ביים אָנפילן זיי. דאָס מוז אונטער אַלע אומשטענדן אויסגעמיטן ווערן. מ'טאָר ניט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז אפילו די פרירנדיקע פער־זענלעכקייטן, וואָס האָבן היינט אין זייערע הענט די לייצעס פון גאַנץ אייראָפּע, קאָנען געניסן פון דעם דאָזיקן ביר. ווייסט איר, אַז די היינטיקע דייטשישע מלוכה ווערט געפירט און געריכטעט דורך דער נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישער דייטשישער אַרבעטער־פּאַרטיי? יאָ, דייטשלאַנד איז אַן אַר־בעטער־מלוכה, און די דייטשן זײַנען געקומען אַהער בלויז דערפאַר, ווײַל די פריערדיקע סיסטעם האָט אונטערדריקט די אַרבעטער, ווײַל די אַרבעטער זײַנען געווען פולשטענדיק רעכטלאָז. דער פירער האָט דאָס שוין לענגער ניט געקאָנט דולדן. אַלע אַרבעטער מוזן זיך פאַראייניקן אין דעם רומענישן אַרבעט־פראָנט. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז היינט איז מער ניטאָ קיין אונ־טערנעמער אין דעם אַלטן זין. די ברויערײַ איז צוגענומען געוואָרן פון דער פאַמיליע בעיל, ווײַל די דאָזיקע פאַמיליע האָט געדינט יידיש־קאַפּיטאַליס־טיש־באַלשעוויסטישע אינטערעסן. איר האָט זיכער אַליין באַמערקט, אַז

היינט איז מער ניטאָ קיין אונטערנעמער, נאָר פירער און אויספּאָלגער. איך זאָרג זיך פאַרן אָפּזאָץ און אויך דערפאַר, אַז יעדער זאָל קריגן דאָס נויטיקע צום לעבן. אייער חבר, וועלכער וועט איצט רעדן, וועט דאָס אייך באַשטעטיקן.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ טומל. אַלע האָבן געוואָלט רעדן. אָבער ניט אַזוי איז דאָס געווען באַשטימט. עטוואָס דערשראָקן זיינען אַרויסגעקומען די צוויי פון פריער באַשטימטע רעדנער. זיי האָבן ביידע געטראָגן די נאַציאָנאַלע קליידער. אין דער הינזיכט האָבן די אוקראַאינער און רומעניער זיך אין גאָרנישט אונטערשיידט. איבער דער היימיש־געוועבטער לייוונטענער העמד און לייוונטענע הויזן האָבן זיי געטראָגן אַ קאַפּטאַן פון גרויען וואָל. אין שענק האָבן ביידע געהאַט אַ נאָמען אַלס רכילות־טרייבער און שלעגער. איצט אָבער האָבן זיי זיך געפילט ניט־זיכער און דערשראָקן. דער ערשטער האָט גערעדט אויף רומעניש. פון אָנהויב האָט מען קיין וואָרט ניט פאַר־שטאַנען, ווייל ער האָט גערעדט צו נידעריק. אָבער ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן רעדן העכער. ס׳איז ניט געווען שווער צו דערקענען, אַז יעדעס וואָרט איז געווען איינגעחזרט. „איין קילאָ זאַלץ יעדן חודש, צוויי פּעקלעך טאַבאַק און אַ ליטער נאַפט — דאָס קריגט יעדער. מיר וועלן האָבן אַן אייגענעם קאָנסומערס פאַראיין . . .״

— מ׳האָט דאָס אויך געקראָגן אונטער דער אַלטער סיסטעם, — האָט מען אויסגעשריען פון עולם. — טאַבאַק, זאַלץ און נאַפט האָט מען פריער געקראָגן אין די יידישע קראָמען, וויפיל מ׳האָט געוואָלט.

אַטאַ פאָן ראַובניטץ האָט געבעטן זיך האַלטן אין אָרדענונג. דער רומעניער האָט מער ניט געקאָנט געפינען דעם פאָדעם פון זיין איינגעחזרטער רעדע און האָט זיך צוריקגעצויגן. דער אוקראַאינער האָט איצט אָנגעהויבן: „פריער זיינען מיר געווען שקלאַפן. פריער האָט דער בעיל געהאַט אַ יידישע כלה.״

פון עולם האָט עמעצער אויסגערופן: „און וואָס איז דאָס דיין באַבעס דאגה ?״

אַטאַ פאָן ראַובניטץ האָט איינגערוימט דעם רעדנער עפּעס אין אויער, און יענער האָט געזאָגט: „איך מיין, פריער האָט בעיל דורך זיין יידישער געליבטער אונדז פאַרקויפט צו די יידן.״

עמעצער פון עולם האָט אויסגעשריען: „צו וועלכע יידן האָט ער דיך פאַרקויפט ?״

דער אוקראַאינער האָט זיך אָפּגעשטעלט און דאַן אַרויסגעבולן: „הונ־דערט פּעקלעך טאַבאַק וועט קריגן יעדערער, וואָס קאָן געבן אינפאָרמאַציע. מען וויל וויסן ווער דזשעגאַכיץ, פעסער, טויטע ראַצן, טאַבאַק און שוועבעלעך יעדערן . . .״

— אַ פאַרשטונקענער ראַץ ביסטו אַליין !

— פריער . . .

— האָבן מיר געאַרבעט צען שעה אַ טאָג, — האָט מען געשריען פון עולם, — און איצט פון זעקס אינדערפרי ביז זיבן בײנאַכט. פריער האָט מען געקאָנט קויפן . . .

— אָרדענונג, איר! — האַנס קרולע איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע. — איר פאַרדאַמטע חינט! וואו, גלויבט איר, זײט איר? אין באָלשעוויסטישן גיהנום? דאָ רעדט די דײטשישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישע אַרבעטער־פּאַרטײ. דאָ וועט איר שווײַגן. איך וועל אײַך לערנען. הענגען וועט איר. טאַבאַק זאָל מען אײַך געבן?

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אויפגעלײזט אין אַ טומל. ווען זײ האָבן פאַרלאָזן די געבײַדע, האָט פראַנץ צימערלע גאַליק געזאָגט צו האַנס קרולע: „מיר דאַרפן זיך בײדע דורכרעדן. דו פאַרגעסט וואו מיר געפינען זיך און וואָס פאַר אַן אויפטראָג דער פירער האָט אונדז געגעבן. וואָס דו האָסט דאָ גערעדט, גרענעצט זיך מיט סאַבאָטאַזש.”

— מיר וועסטו אַזעלכע זאַכן ניט זאָגן. איך בין געווען דער, וואָס האָט דיך אַרײַנגעבראַכט אין דער פּאַרטײ. וואָס וואָלסטו געווען אָן מיר?

— מיר וועלן נאָך זען ווער איז ווער.

אָטאָ פאָן ראַובניטץ האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן די געמיטער.

ווען זײ זײַנען אַרײַנגעקומען אין צימערלעס ביוראָ, — האַנס קרולע איז ניט מיטגעגאַנגען, — האָט פראַנץ ניט געקאָנט באַהאַלטן זײַן אויפ־רעגונג און געזאָגט: „ווען דאָ גײט אַלץ קאַפּויר, וועלן מיר לכל הפּחות וויסן וואָס די אורזאַך איז. יאָ, ס'איז ניט קײן צופאַל, וואָס דער פירער פאַראַכטעט אַלקאָהאָל. אַלקאָהאָל איז דער אָנהויב פון אַלדאָס בײז. ער איז אַמאָל געווען אַ גוטער פּאַרטײ־חבר. אַ שיכור איז ער געוואָרן, אַ טויגע־ניכטס און דורכדעם אַ שעדיקער. איך האָב שוין מער ניט קײן געדולד. איך קאָן ניט און דאַרף ניט לענגער שווײַגן, ניט ווערנדיק אַלײן אַ מיט־שולדיקער. ווער האָט אים געגעבן די מאַכט אַרויסצוגעבן אין מײַן אָפּ־וועזנהײט דעם אינהאַלט פון אַ פאַרטרויליכער טעלעגראַמע? ס'איז דאָך קלאָר פאַר אונדז אַלעמען, אַז צוליב זײַן אַרײַנמישן זיך איז די הײנטיקע פאַרזאַמלונג געווען אַ פיאַסקאָ. נאַטירלעך האָבן מיר דערוואַרט זײ זאָלן רעדן אויף צוריק. אָבער אונדזער אויפגאַבע איז געווען די מענטשן צו באַרויִקן, זײ אַריבערצוגעווינען אויף אונדזער זײַט, ניט אָפּשטויסן. ווי צו הענגען מענטשן, דאַרף איך זיך בײַ אים ניט לערנען, און מען וועט הענגען. אָבער אַלץ אין זײַן צײַט. ווען דער פירער וועט האַלטן פאַר ריכטיק און דער מאָמענט וועט קומען צו מאַכן אַ רײנעם טיש, דאַן וועט אין דער דאַזיקער דרעק־נעסט, ווי אין צען טויזנט אַנדערע, ניט בלײַבן קײן אײן שטײן אויפן אַנדערן. איר קאָנט זיך דערויף פאַרלאָזן. דאַן וועלן מיר

ניט דאַרפֿן הענגען קיין יחידים, נאָר וועלן אַזוי אַפּווישן, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען. מיר דאַרפֿן האָבן דעם ביר פֿון דער דאָזיקער ברויעריי. מען דאַרף האָבן די תבואה פֿון די פֿעלדער, דאָס מעל פֿון די מילן. פֿאַר דעם אַלץ דאַרף מען האָבן די אַרבעט־קראַפֿט פֿון די דאָזיקע אונטערנעמענטשן. און פֿאַר דעם האָט מען אונדז אַהער געשיקט, דאָס אַלץ אַרויסצוקריגן."

:: :: ::

אַז עס איז ניט בלויז די שפּראַך, וואָס שאַפֿט צוטרוי צווישן די אַר־בעטער פֿון אַ פֿאַך, האָבן די פּופּצן געשטאַפּאַ־לייט אויסגעפֿונען, ווען זיי זיינען איצט געווען באַשעפֿטיקט אַלס אַרבעטער אין דער ברויעריי. און אויסגעפֿונען האָבן זיי דאָס אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה. זיי האָבן גערעדט אויסגעצייכנט רומעניש און אוקראַיניש. זיי זיינען אומעטום געווען מעטיק. זיי האָבן אויסגעטיילט מיטאָג־צייט טאַבאַק און שוועבעלעך צו זייערע קאָ־לעגן. זיי האָבן דערציילט, אַז ווען זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿון אונגאַרן, האָבן זיי אויסגעליידיקט אַן אונגאַרישן מיליטערישן מאַגאַזין. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז די אונגאַרן, צוליב זייער האַס צו די רומעניער און אוקראַי־נער, האָבן באַשטימט הויכע סומען פֿאַר זייערע קעפּ. אָבער קיין נוצן האָט דאָס זיי ניט געבראַכט. מ'האָט ניט געקאָנט פֿעסטשטעלן פֿון וואַנען דאָס איז געקומען, אָבער דער קלאַנג האָט זיך פֿאַרשפּרייט, אַז זיי זיינען ניט קיין אַרבעטער און ניט קיין רומעניער אָדער טראַנסילוואַניער, נאָר דייטשישע שפּיאָנען. וואו זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן, האָבן זיי געהערט דאָס וואָרט „ניעמצי" — דייטשן. מען האָט זיי אויסגעמיטן. קיינער האָט אַפֿילו אַ שוועבעלע פֿון זיי ניט געוואָלט נעמען, נאָך ווייניקער אַ סיגאַרעט אָדער אַ פּעקל טאַבאַק, הגם דאָס אַלץ איז געווען אַ יקר המציאות.

פֿראַנץ צימערלע האָט געזאָגט צו סימיאָנען: „איך האָב ניט קיין באַווייז, אָבער איך בין כמעט זיכער, אַז האַנס האָט עס אויסגעפּלאַפּלט, ווייל ער וויל דאָ מאַכן פֿאַר מיר אוממעגלעך צו פֿאַרבלייבן. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער דאַרף דאָ זיין דער פֿירער. שליסלעך, האַנדלען מיר אַלע לויט דער אָנווייזונג און באַשטימונג פֿון דעם פֿירער. מיר זיינען נאָר אויספֿירער פֿון זיין ווילן. אָבער האַנס קרולע איז אַזוי געזונקען, אַז ער באַגרייפֿט שוין ניט מער דאָס זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע. איר, שטראָוב, זייט מיין איינציקע האָפֿענונג. איר מוזט מאַכן אַ פֿאַרזוך, ווייל איר אַרבעט אַזוי פֿיל יאָרן אין דעם פֿאַך און האָט מער צוטרוי מצד די מענטשן, ווי אַן אונדזעריקער, צוזאַמענצונעמען די מענטשן אין גרופּן. מיר האָבן זיי אַלעמען פֿאַרשריבן אויפֿן צעטל פֿון דעם רומענישן אַרבעט־פֿראָנט, אָבער מיר דאַרפֿן זיך דאָך ניט נאַרן. קיינער פֿון זיי, מיט דער אויסנאַם פֿון די צוויי אידיאָטן, וועלכע האָבן אויף דער פֿאַרזאַמלונג ניט געקאָנט ריכטיק

ארויסרעדן א פּאָר זאַצן, האָבן ביז איצט ניט ארויסגעוויזן דעם קלענסטן אינטערעס פאַר דער אָרגאַניזאַציע. איר אַליין, איר מוזט מאַכן א פּאַרזוך איינצולאָדן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל א פיר־פינף אין שענק אָדער צו זיך אין הויז, כדי אויף אַט דעם אופן צו שאַפן א פעסטע שטיצע אין דער ברויעריי. פון דעם הענגט אָפּ אונדזער גאַנצע ארבעט און די צוקונפט פון דער אונטערנעמונג. אייך דאַרפן איך דאָך ניט זאָגן, ווי נויטיק עס איז, אז מיר זאָלן נאָכקומען די פאָדערונג פון פראַנט פאַר ביר. וואָרים די דאָזיקע בעסטיעס, די באָלשעוויקעס, האָבן ביי זייער צוריקציען זיך אפילו דאָס וואַסער געמאַכט אומנוצבאַר."

סימיאָן שטראוב האָט מיט צופרידנקייט אויסגעפאָלגט די דאָזיקע אָנ־ווייזונג. ווי זאַכן שטייען איצט, האָט ער געטראַכט, וועט מען אין פערצן טעג קאָנען רואיק צוריק אָנהויבן די ארבעט מיטן דזשענגאַכץ. ער האָט געטראַכט וועגן נייע מעטאָדן. ס'איז אים אָבער געווען קלאָר, אז דערווייל קאָן זיין קליינע גרופּע ניט אונטערנעמען קיין ווייטערדיקע אַקציעס, איידער מען רעדט זיך צונויף מיט די פּאַרטיזאַנער. מיט 36 שעה צוריק, תיכף ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער שטראָף־עקספּעדיציע, האָט ער אוועק־געשיקט פּעטרושקאַן מיט דעם באַריכט צו חיימען און געבעטן א באַשטעלונג זיך צו זען מיט אים. די פראַגע איז נאָר געווען ווי אזוי איינצואָרדענען אזא באַגעגעניש אויף א פּאָרזיכטיקן אופן. ער האָט זיך באַאומרואיקט, וואָס פּעטרושקאַ האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט. איצט איז געשאַפן געוואָרן א נייע סיטואַציע. די ארבעטער פון דער ברויעריי זיינען געווען גרייט פאַר א גרעסערער אַקציע. דאָס האָט באַוויזן די לעצטע פאַרזאַמלונג. די אָנ־וועזנהייט פון די פופצן געשטאַפּאָ־לייט האָט אפילו געמאַכט שווערער די ארבעט, אָבער צום גליק האָט יעדער איצט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

:: :: ::

האנס קרולע האָט געוואוסט די טיפערע אורזאַך, פאַרוואָס פראַנץ צימערלע איז קעגן אים. ווען די ארבעטער אין דער ברויעריי האָבן אַלגעמיין אָנגעהויבן צו רעדן, אז די פופצן געשטאַפּאָ־לייט זיינען ניט קיין רומעניער, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן, אז ס'איז ניט קיין אַנדערער ווי סימיאָן, וועלכער איז דער שונא אין די אייגענע רייען. ער האָט פון אָנהויב פאַר־דעכטיקט סטעפאַן צערטיאַן. ער האָט אים גענוי באַאָבאַכטעט, איז אים נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן, און האָט פעסטגעשטעלט, אז סטעפאַן איז אין די לעצטע צוויי טעג זיך ניט צוזאַמענגעקומען מיט קיינעם ניט, אחוץ מיט סימיאָנען. לויט אַלע חשבונות, האָט געמוזט זיין סימיאָן און ניט קיין אַנ־דערער, וועלכער האָט פאַרמסרט די פופצן געשטאַפּאָ־לייט פאַר דער אר־בעטערשאַפט. דער שונא געפינט זיך אין די אייגענע רייען און איז נאָך

דערצו דער נאָענטסטער אָנפּאַרטרויטער פון דעם געשטאַפּאָ־שעף. וואו גע־פינט מען אַן אויסוועג, מיט וועמען רעדט מען? יאָהאַן מילער וועט דאָ באַלד זיין. נאָר יאָהאַן מילער געטרויט צימערלען מער ווי אים. אָבער ניט געקוקט דערויף טאָר ער ניט שווייגן.

ער איז געלעגן באַהאַלטן ביינאַכט הינטער דעם גאָרטן פון דעם באָרדעל, פון וואַנען מ׳האָט געגנוי געקאָנט באַאָבאַכטן סימיאָנס וואוינונג. שעהן נאָך שעהן זיינען פאַרביי־געגאַנגען און ער האָט ניט געזען קיין שום פאַרדעכטיקס.

אין סימיאָנס הויז איז געווען ליכטיק. און מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט אַ געשטאַלט, וואָס האָט זיך פאָרזיכטיק פאַרביי־געשליכט פאַרביי דעם הויז. ער האָט געהערט אַ פייף. דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט און דאָס גע־שטאַלט איז אַריינגעקראָכן דורכן פענצטער אין הויז אַריין. דאָס האַרץ האָט קרולע געקלאַפּט פאַר שמחה. יאָ, מיין פאַרדאַכט האָט זיך דאָך באַ־שטעטיקט. אַ האַנס קרולע קאָן מען ניט אָפּנאַרן. עס איז טרויעריק, ווען די איי וויל זיין קליגער פון דער הון. פראַנץ צימערלע וויל ווערן זעלבּ־שטענדיק און ער פירט אַלץ, וואָס איז אויפגעבויט, אומפאַרמיידלעך אין אָפּגרונט. עס האָט געדויערט אומגעפער אַ האַלבע שעה, ווען דאָס פענצטער האָט זיך ווידער געעפנט, און די זעלביקע שלאַנקע פיגור איז ווידער אַרויס־געקומען. פאָרזיכטיק האָט עס זיך פאַרבייגעשליכט פאַרביי דעם פאַרקאַן פון דעם באָרדעל, אין דער ריכטונג פון טייך. ווען די פיגור איז געווען אַ טריט לעבן אים, האָט קרולע אַ נעם געטאָן דעם רעוואָלווער אין דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער האָט ער אָנגעכאַפּט דעם פאַרבייגייענדיקן ביי דער פוס, אַזוי אַז יענער איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אויף דער ערד. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, איינגעקלאַמערט אים מיט דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער געהאַלטן דעם רעוואָלווער אין זיין פּנים. „ווער ביסטו?" און איידער ער האָט נאָך באַקומען אַן ענטפער, האָט ער דערקענט פּעטרושקאַן.

— אַזוי איז עס? דו ביסט דער קוריער! אויף דיר האָב איך שוין לאַנג געוואַרט, מיין בחור. נו, אָדער דו דערציילסט מיר אַלץ, דאַן וועל איך קיינעם ניט אויסזאָגן, דאַן וועסטו אַריינטרעטן אין אונדזער דינסט, אָדער דו האָסט געלעבט אַ צו־לאַנגע צייט.

פּעטרושקאַ האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך צו באַפרייען פון דער אומ־קלאַמערונג. מיט אַ געשיקטער באַוועגונג איז אים געלונגען אַרויסצושלאָגן ביי האַנס קרולע דעם רעוואָלווער פון דער האַנט. אָבער האַנס קרולע האָט אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ מיטן קולאַק אין פּנים, אַז ער איז אַ פאַרטויבטער אוועקגעפאַלן אויף דער ערד. האַנס קרולע האָט דורכגענישטערט זיינע קעשענעס, די שיך — ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט געפונען. ניט אַ געשריבן וואָרט. צום טייוול נאָכאַמאָל! די דאָזיקע באַנדע איז פאָרזיכטיק, געשולט.

בלויז איינהאַלטנדיק זיך מיט אַלע כוחות, האָט סטעפאַן צערטיאַן, וועלכער האָט צופעליק, גייענדיק אויף אַ שפּאַציר, צוגעזען די גאַנצע סצענע, זיך געקאָנט צוריקהאַלטן. אין ערשטן אויגנבליק, האָט ער געוואָלט זיך אַרויפוואַרפן אויף האַנס קרולע, אים דערמאָרדן און באַפרייען פּעטרושקאַן. ווען פּעטרושקאַ איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, פאַרלירנדיק דעם באַוואוסטזיין, האָט סטעפאַן צערטיאַן זיך איבערגעלייגט: „פאַר האַנסן איז וויכטיק צו האָבן פּעטרושקאַן אַ לעבעדיקן, צו קאָנען אים ברענגען אַלס אַן עדות. ווען איך זאָל זיך איצט אַריינמישן, דאַן איז אַן אָפענער קאַמף. אַ געלעגנהייט צו באַפרייען פּעטרושקאַן קאָן זיך שטענדיק מאַכן. דערפאַר אָבער קאָן אַ ניט־איבערגעלייגטער שריט ברענגען שווערע רעזולטאַטן פאַר מיין אַרבעט און פאַר די פּאַרטיזאַנער. ער האָט געזען ווי האַנס קרולע האָט פּעטרושקאַן פאַרשטאָפּט דאָס מויל. ער האָט אים נאָכגעפאָלגט ווי אַ שאָטן, ווען קרולע האָט דעם בחור געשטויסן פאַראויס פון זיך.

האַנס קרולע האָט שוין עטלעכע וואָכן געוואוינט אין אַ שיין הייזל, ניט ווייט פון דעם באַרדעל. סטעפאַן צערטיאַן האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האַנס קרולע האָט ניט געבראַכט פּעטרושקאַן אין דער געביידע פון דער אונטערפּרעפעקטור, נאָר צו זיך אַהיים. ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעשלייכט אַרום האַנס קרולעס וואוינונג און געזען ווי ער, קרולע, בינדט פּעטרושקאַן הענט און פיס, און נעמט אַרויס די פאַרשטאָפּונג פון מויל.

סטעפאַן צערטיאַן איז פאַרזיכטיק אוועק צו סימיאָנס וואוינונג. דער צוזאַמענהאַנג איז אים דאָ באַלד קלאָר געוואָרן. מיט דעם בחור אין זיינע הענט, האָט קרולע געוואָלט אויסשפּילן אַ טרומף־קאָרט קעגן פראַנץ צימערלען. סטעפאַן צערטיאַן האָט ערשט איצט אויסגעפונען, אַז די שנאה צווישן האַנס קרולע און פראַנץ צימערלע האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה. סימיאָן איז געוועזן מיט דער מיינונג, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרוי — פראַנץ צימערלעס פרוי. סטעפאַן, פאַרקערט, האָט דאָס ניט געקאָנט גלויבן.

נאָך לאַנגע באַראַטונגען, זיינען זיי געקומען צום באַשלוס אַכטונג צו געבן אויף קרולעס וואוינונג און זען וואָס ער וועט טאָן. אויב ער וועט מאָרגן מאַכן אַ פאַרזוך צו ברענגען פּעטרושקאַן אין דער אונטערפּרעפעקטור, דאַן וועט מען דאַרפן אַלץ ריזיקירן, מאַכן אויף קרולען אַן איבערפאַל, אים דערמאָרדן, און פּעטרושקאַן באַפרייען. פאַרקערט, אויב קרולע זאָל פאַרהאַלטן פּעטרושקאַן אַלס זיין פּריוואַט־געפאַנגענעם, כדי אים פאַרצוברענגען צוערשט פאַר יאָהאַן מילער, דאַן ווערט די זאַך איינפאַכער. אַזוי גיך ווי האַנס קרולע וועט פאַרלאָזן זיין וואוינונג, קאָן מען פּעטרושקאַן באַפרייען אָן שוועריקייטן.

:: :: ::

די קורצע זומער־נאַכט האָט פאַר פראַנץ צימערלע זיך געצויגן אָן אַ

סוף. ער האָט מער קיין רו ניט געקאָנט געפינען. ער איז געווען איבער־געוועלטיקט פון דעם געדאַנק: אָפּרעכענען זיך מיט האַנס קרולע. העני־ריעטע איז געשלאָפן אין אַן אַנדער צימער און דער האַס קעגן איר מאַן האָט געהאַלטן אין וואַקסן. ער האָט אַפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט זיך צוזאַמענצוקומען מיט איר. זי האָט געלעבט אים נאָך מער צו דערנידעריקן. אָך, האָט זי געטראַכט, ווען סטעפאַן צערטיאַן וואָלט געהאַט אַ שטיקל געפיל פאַר מיר! אים וואָלט איך געקאָנט ליבן טיף, מיט דער גאַנצער נשמה. באמת איז ער דער מאַן, וועגן וועמען איך האָב די אַלע יאָרן געחלומט. אפשר וואָלט איך געקאָנט ביי סטעפאַן צערטיאַן די לוסט אויפוועקן, אים ווייזן, אַז איך בין צום האָבן, דורך ווייזן זיך אין דער עפנטלעכקייט מיט האַנס קרולע. עס וועט דאַן ניט זיין קיין ליבע, ער וועט מיך פאַראַכטן, אָבער ער וועט צו מיר קומען. און ווען ער וועט איינמאָל קומען, וועל איך וויסן ווי אַזוי אים צו געווינען און צו האַלטן.

נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט פראַנץ צימערלע פאַרלאָזט דאָס הויז. ער איז געווען מיד, ניט אויסגעשלאָפן, האָט זיך געפילט צע־בראָכן. ער האָט באַשלאָסן צו נעמען אַ פרישע באָד אין טייך און דאַן אויפ־זוכן זיינע פריינט אין דער מיל. האַלב־זיבן מוזן זיי זיין ביי דער אַרבעט, און פאַרטאָג איז די איינציקע געלעגנהייט זיך צו זען און רעדן מיט זיי. מיט זיי האָט ער פאַרגעסן די טרויעריקע קעגנוואַרט, מיט זיי צוזאַמען האָט ער געלעבט אין דער פאַרגאַנגנהייט, וואָס האָט אויסגעזען שענער און פרייליכער, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט געווען.

האַנס קרולע האָט גוט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַנדלט קעגן יעדער רעגולאַציע, ווען ער איז איבערגעפאַלן פעטרושקאַן און אים אָוועקגעפירט מיט זיך. יעדער געשטאַפּאָ־מאַן האָט געלערנט דעם ערשטן טאָג אין דינסט, אַז אַ קוריער אָדער אַ פאַרבינדונג דאַרף מען ניט אַרעסטירן, איידער מען באַאָבאַכטעט אים אַ לענגערע צייט. וואָרים נאָר דורך באַאָבאַכטן קאָן מען אויסגעפינען די נעסטן פון שונא און זיי פאַרניכטן.

ער האָט אויך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער האָט געמאַכט דעם דאָזיקן שריט, כדי צו האָבן אַ לעבעדיקן עדות קעגן סימיאָן שטראַוב און אַזוי אַרום אויך קעגן פראַנץ צימערלע. פאַר אים און פראַנצן איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ צוזאַמען. איין קאָפּ וועט מוזן פאַלן, און דער בחור וועט העלפן, אַז דער קאָפּ זאָל זיין צימערלעס און ניט זיינער. ווען ער זאָל נאָר קאָנען באַוועגן דעם בחור מיטצואַרבעטן, וואָלט אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדענונג.

די פאַרבינדונג איז פאַר אים קלאָר. סימיאָן שטראַוב איז דער אָנ־פאַרטרויטער פון מאָראַרעסקו, און די פאַרבינדונג צווישן זיי ווערט אָנגע־האַלטן דורך פעטרושקאַן. מיט איין קלאַפּ — אויב נאָר דער פאַרשאָלטענער

בחור וועט רעדן — קאָן ער דאָ אַלץ געווינען: די פאַרניכטונג פון פראַנצן און סימיאָנען און דאָס פאַנגען מאַראַרעסקון אָן שווערע קרבנות. דער פּירער אַליין וועט זיך דעמאָלט דערוויסן וועגן אים. ער וועט בלי ספק קריגן אַ העכערן אַמט, אפשר אַפילו ווערן דער שעף פון דער געשטאַפּאָ פאַר גאַנץ בוקאָווינע. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געעפנט זיין אייזערנעם שראַנק, אַרויסגענומען אַ פּעקל דאָלאַרן און אַ הויפן גאָלד און צירונג, אָנגעצונדן דאָס ליכט און צוגעגאַנגען צו פּעטרושקאַן.

— גיב אַ קוק, אַ גליקלעכער צופאַל טרעפט אַנדערע מענטשן קיינמאָל ניט און מאַנכע בלויז איין מאָל אין לעבן. הער, וואָס איך זאָג דיר. אָט האָסטו גאָלד, אָט האָסטו באַנקנאָטן, איך קאָן דיר נאָך אויך געבן רומענישע געלט. דו וועסט קאָנען פאַרענדיקן דיין שטודירן. איך קאָן דיר רעקאָמענדירן צום פּירער. מענטשן ווי דו, זוכן מיר, מיר שאַצן זיי העכער ווי די, וועלכע זיינען שוין לאַנג געווען ביי אונדז. מיר וועלן דיך שיקן אין דער שול אין מינכען. דו קאָנסט ווערן דער קומענדיקער מאַן פון רומעניע. נאָך קיינמאָל האָבן זיך ניט געעפנט פאַר אַ יונגן מענטשן ווי דו אַזעלכע אומדערהערטע מעגלעכקייטן. זאָג ניט ניין. אפשר ווילסטו, אַז קיינער זאָל גאַרנישט וויסן, איידער די, וואָס דו האָסט געהאַלטן פאַר דיינע פריינט, וועלן פאַרניכטעט ווערן? אויך דאָס קאָן איך דיר צוזאָגן. דו מוזט אַפילו ניט אויפטרעטן אַלס עדות, ווען דו וועסט אָנגעבן וואו מאַראַרעסקו באַהאַלט זיך אוים. דו וועסט דאָ פאַרבלייבן בלויז ביז מיר וועלן אויסראָטן די באַנדע. דאַן ביסטו פריי. דאַן ברענג איך דיר דירעקט צום פּירער. דו וועסט רעדן אויף דער ראַדיאָ. דיין בילד וועט דערשיינען אין דער גאַנצער פּרעסע פון רייך. רעד זשע, וואָרום שווייגסטו?

דער בחור האָט אויף אים געקוקט מיט אויגן פול מיט פאַראַכטונג און געזאָגט: „איך וויים פון גאָרנישט.”

— וואָס האָסטו געטאָן ביי סימיאָן שטראוב?

— מיר זיינען שכנים זינט איך געדענק. סימיאָן איז אַלעמאָל געווען ווי אַ פאָטער. יאָרן־לאַנג אַז איך בין געוואוינט זיך ניט צו גיין לייגן שלאָפן, איידער איך זאָג אים אַ גוטע נאַכט.

— אָט דעם אומזין וועט דיר דאָך קיין איין איינציקער מענטש ניט גלויבן. דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן גענוג מיטלען דיר צו מאַכן רעדן. דו וועסט רעדן און פאַרלירן דאָס לעבן. ס'איז דאָך בעסער פאַר דיר, ווען דו וועסט בלייבן לעבן און מאַכן קאַריערע.

— איך קאָן נאָר איבערחזרן, וואָס איך האָב שוין געזאָגט.

— מיר וועלן צווינגען דיין פאָטער צו רעדן. ער דאַרף דאָך וויסן, וואו זיין זון שלעפּט זיך אַרום.

— ער קאָן ניט זאָגן מער ווי דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט, ווייל

מער ווי דעם אמת, אָדער עטוואָס וואָס איז ניט דער אמת, קאָן קיינער פון אונדז ניט זאָגן.

— ווען מיר וועלן לייגן גליענדיקע קוילן ביי דיין פּאָטער צו די פּיאַטעס, ווען מיר וועלן אים אויסצופּן יעדע האָר באַזונדער, וועט ער שוין רעדן. און דאָס וועט געטאָן ווערן אין דיין אָנוועזנהייט. דו וועסט טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבן און פאַר די מאַטערנישן פון דיין פּאָטער. מיר האָבן שטאַרקערע געמאַכט רעדן. דיין פּאָטער איז איבער פּופציק. ער האָט די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען דעם ווייטערן טייל פון זיין לעבן רואיק און זאָרגלאָז, דו אָבער ווערסט זיין מערדער. אויף דיר וועט מען טייטלען מיט די פינגער און זאָגן: דאָס איז דער האַרצלאָזיקער זון, דער אומנאַטירלעכער, דער אוממענטשלעכער, וועלכער האָט געבראַכט זיין פּאָטער אויף דער תּליה. הענגען וועט מען אים פאַר דיינע אויגן און מענטשן וועלן שפּייען אויף דיר און קינדער וועלן דיך פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

פּעטרושקאַ האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

— צי וועסטו אויך שווייגן, ווען דו וועסט זען, ווי מען רייסט ביי אים גליד נאָך גליד? מיר וועלן אים אויסשטעכן די אויגן. מיר וועלן . . .

אַ פאַרמוטשעטער, האָט פּעטרושקאַ אויסגעשריען: „אוועק, דו הענ־קער! שפּייען וועט מען אויף אייך און אייך וועט מען פאַרוואַרפן מיט שטיינער, ווייל יעדער אין דער וועלט קען היינט די אמתע מערדער."

— דו האָסט צייט זיך איבערצולייגן. באַלד וועט דיין פּאָטער גיין צו דער אַרבעט, ניט ווויסנדיק פון גאָרנישט. ער וועט דענקען, אַז ער האָט אַ ליבן זון, אַ שטיצע פאַר זיינע עלטערע יאָרן. אין אָוונט וועל איך זיין צוריק. גיב אַ טראַכט, אַז אין דיינע הענט ליגט ניט נאָר דיין אייגענער גורל, נאָר אויך דער גורל פון דיין פּאָטער.

:: :: ::

דער נעפּל האָט זיך אויפגעהויבן, די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן אָנגעהויבן וואַרעמען. איינער פון די שיינע אויגוסט־טעג איז אויפ־געגאַנגען. ביים שטיינערנעם פּאַרקאַן פון דעם אַלטן יידישן בית־עולם האָט אין אַ רייזע־קאָסטיום זיך געשלייכט הענריעטע. אַן אידייע פיקס האָט זיך ביינאַכט באַזעצט אין איר קאָפּ און איר ניט געלאָזט צורו. ווען האַנס קרולע איז געווען ביי איר אייערנעכטן, האָט ער איבערגעלאָזט ביי איר דעם שליסל צו זיין וואוינונג. זי האָט באַשלאָסן גיין צו אים. ווי אַזוי זי איז געקומען צו דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט זי אַליין ניט געקאָנט פאַרשטיין. ווען ער איז ביי איר געווען דאָס לעצטע מאָל, האָט זי געהאַט אַ געפיל פון עקל. זי האָט געפילט, ווי מען וואָלט איר אַראָפּגעשטויסן פון אַ באַרג און זי פליט צוזאַמען מיט אים אין אַ טיפן אָפּגרונט, פון וואַנען עס קומט איר אַנטקעגן אַן אומדערטרעגלעכער עיפּוש. און איצט האָט דער דאָזיקער עיפּוש זי צו־

געצווינגן. זי האָט זיך געשלייכט לענג־אויס דער וואַנט פון בית־עולם, פול מיט פאַראַכטונג צו זיך אַליין, צו האַנס קרולע, און פול מיט האַס צו פראַנץ צימערלע. זי האָט געוואָלט ביי אים פאַרבלייבן ביז דער עקל וועט זי האָבן אינגאַנצן איבערגעוועלטיקט און מיט דעם דאָזיקן געפיל פון עקל שפּאַצירן מיט אים צוזאַמען איבערן רינגפּלאַץ, לעבן דער געביידע פון דער אונטער־פּרעפעקטור, וואו איר מאַן האָט זיך געפונען. זאָל ער זי זען דורכן פענצטער, אַלע זאָלן זען און וויסן: אַט אַזוי האַלט עס אינעם הויז פון דעם אַלמעכטיקן שעף פון דער געשטאַפּאָ.

פון בית־עולם איז אַ געשטאַלט איר געקומען אַנטקעגן. דער מענטש האָט אַראָפּגענומען די יאַרמעלקע פון קאָפּ, זיך טיף פאַרנייגט און עפּעס געזאָגט. זי האָט די ווערטער ניט פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט באַגריפן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס שרעקלעכס. איז דאָס ניט די שטים, וואָס זי הערט יעדע נאַכט? יאָ, דאָס איז דאָך דער אַלטער ייד, יאָסל שמש. זי איז געגאַנגען ווייטער. האָט מיטן שליסל געעפנט די טיר פון הויז און אַריינ־געגאַנגען אין פאַרצימער און דאַן אין שלאָף־צימער. זי האָט געהערט אַ שווער אָטעמען. די גאַרדינען זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, ס׳איז געווען שטאַרק פינצטער. זי האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. די בעט איז געווען ליידיק, אָבער אין אַ ווינקל האָט עמעצער זיך געבאָרעט. ווען זי האָט זיך נעענטער צוגעקוקט, האָט זי דערקענט פּעטרושקאַן, וועלכער איז געווען געבונדן הענט און פיס. „ווי קומסטו אהער?" האָט זי געפרעגט, און דאַן האָט זי באַ־מערקט, אַז דאָס מויל איז ביי אים פאַרשטאָפּט.

פונקט ווען זי האָט געהאַלטן אין באַפרייען פּעטרושקאַן פון די שטריק, איז אין צימער אַריינגעקומען סטעפאַן צערטיאַן. איר פאַרוואונדערונג איז געווען גרויס. אייניקע מינוט האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. סטעפאַן צערט־יאַן איז דאַן צוגעגאַנגען צו פּעטרושקאַן און אַרויסגענומען די פאַרשטאָפּונג פון מויל. דער בחור האָט טיף אָפּגעאָטעמט. סטעפאַן צערטיאַן האָט איבערגעשניטן מיט אַ מעסער די גראָבע שטריק, מיט וועלכע פּעטרושקאַ איז געווען געבונדן און הענריעטע האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך צוגעקוקט. זי האָט זיך געווענדט צו סטעפאַנען און געפרעגט: „זייט איר געקומען צו מיר אָדער צום בחור?"

— צום בחור. אָבער אויך צו אייך. איר טאָרט דאָס ניט טאָן. וואָרום וואַרפט איר זיך אַוועק?

הענריעטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און האָט שטיל געוויינט אין זיך אַריין. און דאַן איז געקומען אַ שלוכצן פון טיף אינעווייניק אַרויס, וואָס זי האָט ניט געקאָנט ביי־קומען. סטעפאַן איז צוגעגאַנגען צו איר און געגלעט אירע האָר.

— איך האָב עס ניט געוואָלט, — האָט זי געזאָגט. — וואָלט איר יענעם

אָוונט דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָלט אַלץ געווען אַנדערש. איך האָב געזוכט אַ מענטשן, און אַ חיה איז איבער מיר געקומען.

— די מינוטן זיינען טייער. מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין אויגנבליק. איך מוז ברענגען דעם בחור אין אַ זיכערן פּלאַץ. האָט אייך עמעצער געזען קומענדיק אַהער?

— איך גלויב, אַז ניט.

— איז גייט אַהיים און לייגט זיך אַריין אין בעט. איר זייט דאָ ניט געווען, איר האָט ניט פאַרלאָזט דאָס הויז. איר האָט גאָרנישט געזען. איר זייט אַ יונגע, געזונטע פרוי. וואַרפט זיך ניט אַוועק. ס'איז נאָך דאָ צייט. ס'איז ניט דער סוף פון דער וועלט. דאָס הענגט בלויז אָפּ פון אייך אַליין.

— ניין, סטעפאַן, פון אייך. נאָר איר קאָנט מיר העלפן.

— העלפן קאָנט איר פריער פון אַלץ זיך אַליין. וואָס איך וועל זיין בכוח, וועל איך טאָן. אָבער איצט פאַרלאָזט אָט דאָס הויז.

.25

ווען האַנס קרולע האָט איבערגעלאָזט דעם געפאַנגענעם בחור ביי זיך אין דער וואוינונג, האָט ער שעהן־לאַנג זיך אַרומגעשלעפּט אין דעם וועלדל אויסערן שטאָט, און ערשט אַרום אַכט אַזייגער איז ער אָנגעקומען אויפן רינגפּלאַץ. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן בחור. לויט די כּללים פון דינסט, איז ער מחויב אויספירלעך צו באַריכטן צו פראַנץ צימערלע און פאָרברענגען פאַר אים דעם בחור. אָבער פּונקט דאָס האָט ער געוואָלט אויסמיידן, ווייל אויב מ'זאָל פון דעם בחור אַרויס־קריגן עפּעס פּאָזיטיווס, עפּעס וואָס זאָל פירן צו אַ דערפאָלג אין דעם ענין מאַראַרעסקו, וועט פראַנץ צימערלע דאָס אויסנוצן פאַר זיך און וועט קריגן די לאָרבער־קראַנצן. אין אַנדער פאַל — אָבער עס קאָן ניט זיין קיין אַנדער פאַל, ווייל פאַרוואָס זאָל דער בחור באַזוכן סימיאָנען אַזוי געהיימניספול אין מיטן דער נאַכט? פאַרוואָס שווייגט ער אַזוי פאַרעקשנט און פאַרביסן? ניין, ער איז די פאַרבינדונג צווישן מאַראַרעסקו און סימיאָנען, דער איצ־טיקער פריינט און אָנפאַרטרויטער פון פראַנץ צימערלע. אַ האַנס קרולע קאָן מען ניט אָפּנאַרן. אָבער ווי אַזוי רעדט מען צו יאָהאַן מילער איבערן קאָפּ פון פראַנץ צימערלע, ניט ברעכנדיק די רעגולאַציעס? אויף דעם האָט ער קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען. מיטאַמאָל האָט ער דערזען פון דער ווייטנס סימיאָן שטראַוב. יענער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט אין דער ריכטונג פון דער ברויערײַ. האַנס קרולע האָט געהאַט אַ געפיל פון באַ־פרידיקונג, אין דער פאָרשטעלונג פון דער קומענדיקער נקמה. דו גייסט זיך אַזוי זיכער און האָסט אפילו קיין אַנונג ניט, אַז די נעץ איז פאַרוואָרפן. די שעהן פון דיין לעבן זיינען שוין געציילטע.

דער דאָזיקער געפיל פון דער קומענדיקער נקמה האָט בארואיקט זיינע נערוון. צום ערשטן מאָל, זינט ער האָט פאַרלאָזט זיין וואוינונג, האָט ער דערפילט א מידקייט און אויך א באַדערפעניש עפּעס צו עסן. דער איינציקער פּלאַץ, וואו ער האָט געקאָנט עסן פרישטיק, איז געווען דער האָטעל „האמער־האַף". ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי א טיש, האָט ער דערזען קאַראָל באַרבאַרעסקו. עס איז געווען ניט לאַנג צוריק, אז זיי האָבן פאַרהאַנדלט וועגן עפּענען א נייעם באַרדעל, און אז ער מיט באַרבאַרעסקון זאָלן פאַר־זאָרגן מיידלעך פאַרן פראָנט. אָבער זינט דאַן זיינען פאַרגעקומען אַזויפיל געשעענישן, אז ער האָט גאַרנישט געטאָן וועגן דער גאַנצער זאַך. אויך פראַנץ און די אַנדערע האָבן, ווי עס ווייזט אויס, פאַרגעסן די גאַנצע זאַך. זיך צו בארואיקן, האָט ער אָבער זיך געזאָגט: קאַראָל באַרבאַרעסקו איז ניט דער מענטש, וואָס פאַרגעסט אַזעלכע זאַכן. פאַר אים באַטייט דאָס דאָך זיין הויפּט־אַרבעט און זיין עקזיסטענץ. איך וועל אָבער מיט אים רעדן.

ווען דער צווייטער האָט אים דערזען, איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול און אים ערנפורכטיק באַגריסט.

— פּונקט היינט האָב איך געוואָלט אַריבערקומען צו אייך. איר האָט זיך אַפּילו פאַרדאַמט־ווייניק געקימערט וועגן אונדזער זאַך. איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, א סך אַרבעט. דער אַמט פרעסט א מענטשן אינגאַנצן אויף. איך בין דאָך אַמאָל אויך געווען פון דער בראַנזשע. לאָמיר בעסער רעדן וועגן אונדזער זאַך. ווילט איר זיך ניט צוזעצן? ביי א גלאָז טיי אינדערפרי, לאָזט זיך בעסער פּלוידערן. נו, איך האָב די זאַך פיקס און פאַרטיק. היינט אָוונט איז די דערעפענונג. ניין. איינצלהייטן וועל איך אייך ניט דערציילן. איך וויל ביי אייך ניט אוועקנעמען אין פאָראויס די איבעררעשונג. אָבער איינס קאָן איך אייך שוין איצט זאָגן. הגם איר דייטשן געטרויט ניט צופיל א רומעניער אין פראַגן פון אָרגאַניזאַציע, וועט איר זען, וואָס עס איז אויפ־געטאָן געוואָרן אין די לעצטע טעג. איך זאָג אייך פּשוט: אַלטהאָף מיט זיין באַרדעל ווערן געשטעלט אין שאָטן. און די פּערל פון פרויען, יונג, פריש בלוט. זיי האָבן זיך עטוואָס געוועדט, אָבער א באַרבאַרעסקו ברענגט יעדע מיידל צום זינען. זעלבסטפאַרשטענדלעך, בלייבט ביים אַפּמאַך, אז איר באַטייליקט זיך אין דעם באַרדעל, דאָס הייסט אין די פּראָפיטן, פּראָ־צענטלעך. אָטאָ פאָן ראָובניטצן האָב איך געמוזט פאַרזיכערן צען פּראָצענט. א טיכטיקער סוחר. איך האָף, אז איר וועט אונדז אָנטאָן דעם כבוד און קומען היינט אָוונט. עס וועט זיין א דערעפענונג, וואָס קאָן זיך פּאַסן אין איינער פון די גרויסע שטעט פון דער נייער אייראָפּע. איר וועט האָבן יעדן גרונט צו זיין צופרידן מיט מיר.

אין ערשטן אויגנבליק, איז האַנס קרולע געבליבן א ביסל צעטומלט: „היינט אָוונט?" — האָט ער געפרעגט, און דערביי געטראַכט: פּונקט איצט.

ערב דעם אָנקומען פון יאָהאַן מילער און דער שטראָף־עקספּעדיציע, גראָד איצט, ווען איך בין באַשעפטיקט מיט דעם בחור און האָב אויסצוקעמפן דעם שטרייט מיט פראַנץ צימערלע.

קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט באַמערקט זיין פאַרלעגנהייט, האָט ניט גע־וואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און געזאָגט: „זייט ניט באַזאָרגט. מיר וועלן זיכער קריגן די אָנערקענונג פון העכערע קרייזן. מען אַרבעט אין ערגעץ ניט אַזוי שנעל, ווי מיר אַרבעטן דאָ."

האַנס קרולע האָט געשוויגן, זייענדיק נאָך אַלץ באַשעפטיקט מיט דער פראַגע, ווי יאָהאַן מילער וועט אויפנעמען די דערעפענונג פון אַ באַרדעל פונקט דאַן, ווען מען געפינט זיך ערב אַ וויכטיקער אונטערנעמונג. אייגנט־לעך, קאָן אויך יאָהאַן מילער גאָרנישט האָבן קעגן. פאַרקערט, איז ניט פונקט אַזוי וויכטיק צוצושטעלן מיידלעך פאַר דער אַרמיי, ווי ביר, שנאַפּס, און לעבנס־מיטלען? ניין, יאָהאַן מילער קאָן גאָרנישט האָבן וואָס אויס־צוזעצן. אפשר וועט עס אים אפילו געפעלן ווערן.

באַרבאַרעסקו האָט ניט פאַרשטאַנען דאָס שווייגן. „איך וועל זיך וועטן", האָט ער געזאָגט אין אַ שפּאַס, „אַז איר זייט באַזאָרגט וועגן דער איינגאַמע פון דער אונטערנעמונג. דער גאַרניזאָן, אַזוי טראַכט איר, האָט פאַרלאָזט די שטאָט און איז אַוועק קיין בעסאַראַביע, איבערלאָזנדיק אונדז אין דער לופטן. אָבער, ערשטנס, זיינען מיר ניט קיין אונטערנעמונג פאַר מערעט אַליין, און צווייטנס, ווי איר ווייסט, איז אין אדעלסבערגס מאַיאָנטעק געעפנט געוואָרן אַ גרויסער שפּיטאָל פאַר אָפיצערן. ניטאָ וואָס צו זאָרגן זיך וועגן קונדן."

האַנס קרולע האָט אים אויסגעהערט און געטראַכט: איך מוז עמעצן אָנפאַרטרויען. ער קען דאָ יעדערן און קאָן האַלטן אַ סוד. איך דאַרף מיט אים צוזאַמענאַרבעטן. פאַרוואָס תיכף ניט רעדן מיט אים וועגן פעטרושקאַן און סימיאָנען? ער איז אַצינד אָפּהענגיק פון מיר און וויל מיט מיר צו־זאַמענאַרבעטן. ער האָט אויך ניט קיין פּאָליטישע אַמביציעס, אָבער דערפאַר האָט ער דערפאַרונג און קען דעם פּלאַץ. מיט זיין הילף קאָן מען באַהאַלטן דעם בחור אין אַ זיכערן אָרט, אפשר אויך זיין פאָטער און סימיאָנען, כדי צו ברענגען אַ פאַרטיקע זאַך.

— הערט נאָר, הער באַרבאַרעסקו, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל מיט אייך רעדן וועגן אַ פאַרטרויליכן ענין.

באַרבאַרעסקו איז אַזוי פאַרטאָן געווען אין די געדאַנקען וועגן דער הייניטיקער דערעפענונג, אַז ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עמעצער קאָן גאָר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן זיין באָרדעל. ער האָט געהאַט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער קאָניאַק און זיך ניט צוגערירט צום טיי, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען. דער קאָניאַק האָט אים דערוואַרעמט

און האנס קרולעס ווערטער וועגן צוטרוי האָבן אים געמאַכט נאָך מער אויפֿגעלייגט. ער האָט געזאָגט: „איך וועל זיך וועטן, אַז איך ווייס וועגן וואָס איר ווילט מיט מיר רעדן. איר האָט בדעה צו געבן אַ באַזונדער מתנה איינעם פֿון אייערע העכערע באַאַמטע, עפּעס אַ יונגע, אומבאַרירטע זאַך, אַן עכטע בוקאָווינער שיינהייט. דערמיט קויפֿט מען זיך גוט איין, און איך קאָן דאָס באַזאָרגן.“

— ווי, וואָס זאָגט איר? — האָט האַנס קרולע געפֿרעגט.

ניט קיין שלעכטער געדאַנק, האָט ער געטראַכט. מ'קאָן מיט דעם מאַכן אויף יאַהאַן מילער אַן איינדרוק. און אין דער הויך האָט ער געזאָגט: „ניין, לאָמיר קומען צום ענין גופֿא. יאָ, איך דאַרף מיט אייך נויטיק רעדן, אָבער ניט דאָ און ניט איצט. אַ ביסל שפּעטער און וועגן אַ וויכטיקן ענין. דערוואַרט מיר אַרום מיטאָג־צייט.“

צו באַרבאַרעסקוס גרויסער פֿאַרוואונדערונג, האָט האַנס קרולע גלייך פֿאַרלאָזט דאָס עס־צימער. ער האָט געוואָלט דורכטראַכטן דעם געדאַנק, וואָס האָט ביי אים אויפֿגעבליצט, ביזן סוף. ווען ער זאָל געבן דעם געשטאַפּאָ־פֿירער פֿון דעם גאַנצן דרום־מזרחדיקן קרייז העגריעטען אַלס מתנה? ער קאָן מאַכן קאַריערע איבער די קעפּ פֿון פֿראַנץ צימערלע און יאַהאַן מילער. אַ ווידוי פֿון דעם בחור, וואָס זאָל פֿירן צו מאַראַרעסקוס שפּור, און אַזאַ מתנה!

ניין, ניין איצט אַהיים האָט ניט קיין זין, האָט ער געטראַכט. ער האָט געגעבן העגריעטען דעם שליסל צו זיין וואוינונג. זי האָט צוגעזאָגט אים צו באַזוכן אין פֿאַרלויף פֿון פֿאַרמיטאָג. אויב זי איז נאָך ניט געקומען, קאָן ער זיך ניט אָוועקזעצן וואַרטן. מיט דער דאַזיקער פֿרוי קאָן מען קיינמאָל ניט זיין זיכער. ער האָט אָבער תיכף געוואָלט מיט איר רעדן. איר פּשוט זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זי וויל דאָך אויך מאַכן קאַריערע.

ער האָט זיך פֿאַרנומען אויפֿן וועג צו איר. פֿאַרמעל קאָן ער זיך נאָכפֿרעגן אויף פֿראַנצן. אויב פֿראַנץ איז אין זיין ביוראָ, אויף אַזויפֿיל בעסער. ער איז אַריינגעקומען אין פֿראַנץ צימערלעס גאָרטן. דער הונט איז פֿריידיק אים געלאָפֿן אַנטקעגן, פֿון וואָס ער האָט דערקענט, אַז פֿראַנץ איז ניטאָ אין דער היים, ווייל אַנדערש זיצט דער הונט אין פֿרימאָרגן רואיק לעבן זיין האַר ביים פֿרישטיק. ער האָט פֿאַמעלעך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר, האָט אָבער ניט געוואַרט אויפֿן „אַריין!“ און געעפֿנט די טיר. העגריעטע איז געזעסן אין אַ באַקוועמען וויג־שטול און געלייענט. ביי זיין אַריינגאַנג, האָט זי אַ קוק געטאָן און געפֿרעגט: „וואָס האָט איר געוואָלט, מיין הער?“

— איך האָב געוואָלט...

— הער צימערלע איז ניטאָ אין דער היים, מוז זיין אין דער ביוראָ.

— איך האָב טאַקע אַזוי געהאָפֿט, און בין דערפֿאַר געקומען אַהער.

ער איז צוגעגאַנגען צום שטול, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל, האָט צוגעבויגן זיין פּנים צו אירן און געזאָגט: „אין אַ שלעכטער שטימונג, ליבלינג? ניט גוט געשלאָפן? דו זעסט, איך האָב געבענקט נאָך דיר און בין געקומען אַהער."

זי האָט גאָר ניט מילד אָפּגערוקט זיין אָרעם. ער אָבער האָט זיך גע־מאַכט, ווי דאָס גייט אים גאָר ניט אָן, און פאָרגעזעצט: „אויב דער באַרג גייט ניט צו מחמדן, גייט מחמד צום באַרג."

זי איז אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריען: „פאַרלאָזט תיכף דאָס הויז!"

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— די דאָזיקע ווערטער האָב איך שוין איינמאָל געהערט, און נאָכדעם איז געשען עפּעס אַנדערש. שוין פאַרגעסן, וואָס? צו וואָס שפּילן די צנועה? היינט קאָנסטו דאָס טאָן נאָך ווייניקער, ווי דעם ערשטן מאָל.

דער זעץ אין פּנים האָט אים פאַרטויבט מער צוליב דער איבעררעשונג, ווי צוליב דעם ווייטיק. דאָס האָט ער ניט דערוואַרט. איידער נאָך ער איז צו זיך געקומען, האָט זיך דערהערט אַ פייף. דער הונט איז אַריינגעלאָפן און זי האָט אים אָנגערייצט אויף דעם איבעררעשטן האַנס. דער הונט אַליין האָט געשיינט צו זיין דערשטוינט. ער האָט אָבער געפאָלגט זיין באַלעבאָסטע און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף האַנסן מיט אַ שטאַרקן בילן. דאָס הויז־מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט אין גאָרטן, איז אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענע און העגריעטע האָט איר געזאָגט: „וואַרף אַרויס דעם דאָזיקן לומפּ."

האַנס קרולע האָט געזוכט זיך צו באַשיצן פון דעם הונט. זיין פּנים איז געווען פייער־רויט. ביי דער טיר האָט ער זיך אויסגעדרייט און געזאָגט אויף רומעניש צו העגריעטען, אַזוי אַז דאָס דינסטמיידל זאָל פאַרשטיין: „דו הור, איך וועל דיר נאָך באַווייזן!"

אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ניט־אַנטשלאָסן וואוהין צו גיין. אויפן נעקסטן קוואַרטאַל האָט ער באַמערקט אַ פאַרלאָזט, ליידיק שטיבל. אין הויף איז געווען אַ ברונעם. ער איז אַריינגעגאַנגען און אַרומגעוואַשן זיך דאָס פּנים, זיך אַוועקגעזעצט פאַר אַ פּאָר מינוט, און איז דאַן אַוועק צום רינגפּלאַץ. ער האָט איצט געוואָלט זען באַרבאַרעסקון. יאָ, ער האָט אין אים געזען דעם איינציקן מענטש, וועמען ער קאָן אָנפאַרטרויען דעם סוד וועגן פּעטרושקאַן און סימיאָנען. באַרבאַרעסקו, ווי ער האָט שוין פריער געטראַכט, וועט אים העלפן געפינען אַ זיכערן פּלאַץ פאַר דעם געפאַנגענעם בחור און אויך אין קידנעפּן סימיאָנען. פּלוצלונג אָבער האָט ער באַמערקט אַ גרויסן געלאַף פון מענטשן אויף דער גאַס, וואָס האָט געפירט פון רינגפּלאַץ צום ברעג טייך. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און דערזען, אַז די מענטשן שטופּן זיך צו אַ מאָביליזאַציע־פּלאַקאַט, וואָס האָט גערופן זיך שטעלן צום פריזיוו צוויי יאָרגאַנגען. ער האָט באַל־

באמערקט, אז ס'איז ניט דער פלאקאט, וואס האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די מענטשן, נאר א צעטל, וואס איז געווען צוגעקלעפט פון אונטן, געשריבן אויף א שרייב־מאשינקע. עמעצער האט געלייענט בקול רם דאס געשריבענע:

„דאס פאטערלאנד רופט!

„אנטאנעסקו רופט אינעם נאמען פון קעניג מיכאיל, א האהענצאלערן־פרינץ, צוויי ווייטערע יארגאנגען אונטער דער פאן. דאס אנטשפרעכט דער רומענישער טראדיציע. אין דעם פריערדיקן קריג האבן מיר געקעמפט קעגן די דייטשן, וועלכע האבן געמאכט וויסט דאס לאנד, וועלכע האבן ארויסגעפירט אפילו די שווארצע ערד־שיכטן פון לאנד. די נייע רעקרוטן דארף ער ניט נאר אלס קאנאנען־פלייש, נאר וויל צונעמען די מענער, כדי די דייטשן זאלן קאנען צונעמען אונדזערע וואוינונגען, כדי זיי זאלן אונדזערע פרויען און שוועסטער פארשלעפן אין בארדעלן. היינט אוונט ווערט דערעפנט אין אונדזער שטאט א צווייטער בארדעל. דאס פאטערלאנד רופט. אבער דער רוף פון פאטערלאנד איז אן אנדערער: גייט אין די וועלדער און זומפן, שליסט זיך דארט אן אין די פאטריאטן און קעמפט קעגן די דייטשישע אונטערדריקער, קעגן אנטאנעסקו און זיינע ארויסהעלפער.

„דער פאטריאטן־בונד דעצעבאלוס."

— אוועק פון דאנען! — האט האנס קרולע הויך זיך צעשריען און אנגעהויבן אפקראצן די פראקלאמאציע מיט די נעגל. דער עולם איז זיך פאנאנדערגעגאנגען און ער איז מיט שנעלע טריט אוועק צו דער געביידע פון דער אונטערפרעפעקטור. אריינקומענדיק אין פראנץ צימערלעס קאנצעלאריע, האט ער דארטן געטראפן סימיאן שטראוב, סטעפאן צערטיאן, אטא פאן ראובניטץ און איינקע פון די ניי־געקומענע געשטאפא־לייט. פראנץ צימערלע האט באשלאסן, אין אנזיכט פון דער פראוואקאציע, אריינצונעמען איינקע פון די געשטאפא־לייט אלס אפענע מיטארבעטער.

הגם האנס קרולע האט געזען, אז מען ווייסט שוין דא פון דעם צעטל, האט ער זיך ארויסגערעדט ניט־ווילנדיק: „האט איר שוין געזען דעם פלאקאט אויף דער גאס?" פראנץ צימערלע האט אויפגערייצט געענטפערט: „ניין, מיר האבן געווארט אויף דיין וואכזאמקייט. שוין העכער א שעה ווי מען זוכט דיך ארום, אבער דו, ווייזט אויס, האסט אנדערע זארגן."

האנס קרולע האט געוואלט ענטפערן, האט זיך אבער איינגעהאלטן. זיינע שליפן האבן אנגעהויבן קלאפן. ער האט געפילט, אז דאס בלוט דערלאנגט אים אין קאפ אריין. ער האט געוואלט אנווייזן אויף סימיאנען און אויסשרייען: דא שטייט ער, דער פאררעטער. ער האט אבער געשוויגן. אים איז איינגעפאלן, אז ווען פעטרושקא האט ביינאכט געקלאפט אין

סימיאָנס פענצטער, האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ פּאַקעט. ניטאָ קיין צווייפל: דער בחור האָט געבראַכט די פּראָקלאַמאַציעס פון דרויסן. וואָלט ער פּעטרושקאַן נאָכגעגאַנגען, ווען ער איז אַריינגעקראָכן דורכן פענצטער, וואָלט ער ביידן געכאַפּט מיט די פּראָקלאַמאַציעס. דעמאָלט וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר זיי צו לייקענען און זאָגן ליגנס. אָבער איינער האָט זיך פון מיר דאָך ניט אַרויסגעדרייט. ווען איך וואָלט געוואוסט וואָס דאָס וואָרט דעצעבאַלוס באַטייט? איך וואָלט דאַן באַלד פאַרשטאַנען וועגן וואָס פאַר אַ געשיכטע ס'האַנדלט זיך דאָ: צי דער דעצעבאַלוס איז אַ סטאַלין־מענטש, אָדער איינער פון די דאַזיקע מאַררעסקו־מענטשן.

ווען פראַנץ קרולע האָט אָנגעהויבן געבן ווערטער — האַנס קרולעס אַריינקום האָט, ווי עס האָט געשיינט, אונטערגעבראָכן די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען — איז אַריינגעלאָפן דער אַלטער יוסטפאַן. צימערלע האָט אים שטרענג געזאָגט: „ווי אַזוי וואַגט איר ניט־געמאָלדענערהייט אַריינצוקומען אין דעם באַראַטונגס־זאַל! ווער האָט אייך גערופן אַהער? וואָס דאַרפט איר דאָ?” דער אַלטער יוסטפאַן האָט זיך ניט געלאָזט אַרויס־ברענגען פון געדולד. פון אַ בריווטרעגערס רענצל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער אַרויסגענומען אַ בינטל בריוו און געזאָגט:

— איך האָב אַן אָנווייזונג צו מאַכן שטאָך־פּראָבעס און עפענען בריוו, ווען עס ווערן אַריינגעוואָרפן פיל בריוו פון דעם זעלביקן מין. איך האָב דאָס געטאָן און האָב עפּעס געפונען. איך האָב די בריוו געבראַכט אַהער און וויל אייך בעטן מיר זאָגן, צי זאָלן מיר זיי אָפּשיקן. שפּאַסיקע בלעטלעך. די מענטשן אויף דער גאַס האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער. איך האָב אויך געלאַכט. זיי האָבן דאָס דאָך געקאָנט באַלד אַריינשרייבן אין דעם פּלאַקאַט, וואָלטן זיי דאָך ניט געדאַרפט שיקן קיין באַזונדערע בריוו. איך דערמאָן זיך וועגן אַזאַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט נאָך גאָר אַמאָל אין פרידנס־צייטן, ווען מ'האָט געהאַט געעפנט אַ נייעם ביר־שענק . . .

— הערט אויף, איר אידיאָט! ברענגט תיכף אַלע בריוו אַהער, אַלע ביזן לעצטן. און איצט טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען.

יוסטפאַן האָט אים איינגעהאַלטן געענטפערט: „אָבער איך האָב דאָך געטאָן מיין פליכט. עס ווערט שטענדיק באַשטעטיקט, אַז מיין פרוי האָט רעכט. זי זאָגט אַלעמאָל, אַז ס'איז בעסער צען מאָל צו טאָן, איידער איין מאָל פרעגן.” און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

— אַגיטאַציע־אַרבעט אין דעם ערגסטן זינען פון וואָרט, — האָט פראַנץ צימערלע געזאָגט. — מיר מוזן באַטראַכטן פון וועלכער זייט דאָס קומט.

— הער צערטיאַן, וואָס באַטייט דער נאָמען דעצעבאַלוס־בונד? — האָט האַנס קרולע געפרעגט.

— דעצעבאַלוס איז געווען איינער פון די לעצטע אומאָפּהענגיקע

קעניגן פון דאַציאַ. ער האָט געבראַכט די גרעסטע נידערלאַגעס פאַר דער רוימישער אַרמיי און איז באַזיגט געוואָרן דורך דער אויבערמאַכט פון דער רוימישער אַרמיי, נאָך צענדליקער יאָרן פון שווערע קאַמפן, וואָס דער קייסער טראַיאַן האָט געפירט קעגן די דאַציער. ער איז זינט דאַן געוואָרן די נאַציאָנאַלע לעגענדאַרע פיגור פון די איינוואוינער פון אָט דער געגנט, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דאַציאַ, דאָס איז די גאַנצע שטרעקע צווישן דעם טעים, דעם פּרוט און דעם שווארצן ים. דעצעבאַלוס איז געווען דער סימבאָל פון דעם ווידערשטאַנד פון דעם רומענישן פאָלק קעגן פרעמדער הערשאַפט.

— ווילט איר דערמיט זאָגן, — האָט אויסגעשריען האַנס קרולע, — אַז דאָס רומענישע פאָלק געפינט זיך איצט אין אַ צושטאַנד, אַז עס דאַרף אויפהויבן די פאָן פון ווידערשטאַנד קעגן אַן אונטערדריקער? זיינען מיר ניט געקומען אַהער אַלס פריינט און באַפרייער?

סטעפאַן צערטיאַנס דערקלערונג האָט אויך שווער געטראָפן פראַנץ צימערלען, אָבער אין זיין האַס צו האַנס קרולע, האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר סטעפאַן צערטיאַן.

— דו האָסט דעם הער אונטערפּרעפעקט געשטעלט אַ פראַגע, און ער איז געווען גוט גענוג צו געבן אַ דערקלערונג. פון דער דאָזיקער דערקלערונג, מיינע הערן, דרינגט אַרויס, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אָנגריף פון דעם נאַציאָנאַליסטישן צד.

אַלע האָבן צוגעשאָקלט זייער איינשטימיקייט. פראַנץ צימערלע האָט פאָרגעזעצט:

— עס האַנדלט זיך בלי ספק וועגן מאַראַרעסקו. אין משך פון וואָכן, האַלט דער דאָזיקער באַנדיט ניט נאָר די געשטאַפּאָ פון אונדזער לאַנד, נאָר די פירנדיקע קרייזן פון דער אַרמיי אין אַלאַרם. ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אין אונדזער פּראַקטיק. ווען אונדז וועט ניט געלינגען פאַרטיק צו ווערן מיט דעם באַנדיט, קאָן מען ניט פאָראויסזען וואָס פאַר אַ שוועריקייטן מיר וועלן דאָ האָבן. דאָס ערשטע, וואָס מיר מוזן טאָן, איז דורכזוכן אַלע וואוינונגען און באַהעלטענישן צו געפינען אַ שרייבמאַשינקע און אַ מימיאָגראַף. הגם מען קאָן ניט אָננעמען, אַז די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז געשריבן און מימיאָגראַפירט דאָ אין שטאָט, אָבער מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן. און עס איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס זיינען געמאַכט געוואָרן דאָ. די אַדרעסאַטן פון די בריוו מוז מען גענוי אונטערזוכן.

ער האָט זיך געווענדט צו די ניי־געקומענע.

— היינט וועט איר מער ניט אַרבעטן אין דער ברויעריי, נאָר וועט בעסער פאַרבלייבן אין גאַס. צוויי פון אייך וועלן זיצן אין דער פּאָסטשטקאַנטאָר. די צען סיגוראַנצאַ־לייט, וואָס זיינען אָנגעקומען, וועלן, הער

צערטיאַן, שטיין צו אייער דינסט. מאָרגן קומט יאָהאַן מילער און מיר מוזן וויניקסטנס האָבן אַ שפּור.

— איך פאַרפליכט זיך, — האָט האַנס קרולע געזאָגט, — אין 48 שעה צו האָבן אַרעסטירט איינעם אָדער צוויי פון די שולדיקע, אויב מיר וועט געגעבן ווערן אַ פרייע האַנט, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס עס וועט געטאָן ווערן וועגן דעם ענין.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים דערשטוינט. ווער וועט זיך טרויען צו מאַכן פאַרפליכטונגען, ניט האָבנדיק דעם קלענסטן אָנהאַלט־פונקט פאַר דער דורכפירונג? פראַנץ צימערלע האָט געפרעגט: „ביסטו ביים קלאָרן זינען? וויסטו וואָס דו רעדסט?"

— איך בין לאַנג גענוג אין דער באַוועגונג און אין דער אַרבעט. איך פאָדער, ווי געזאָגט, פולשטענדיקע פרייהייט פון באַוועגונג, אַז איך זאָל אין די נעקסטע 48 שעה ניט דאַרפן קיינעם אָפּגעבן קיין חשבון. דאַן וועט איר מיך קאָנען צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויב איך וועל ניט האָבן קיין קלאָרע באַווייזן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף סימיאָנען, וועלכער האָט רואיק אויסגעהאַלטן דעם בליק, ניט אַ פּינטל טוענדיק מיט אַן אויג. פראַנץ צימערלע האָט געענטפערט: „גוט, איך וועל וואַרטן אויף דיר איבער־מאָרגן עלף אַזייגער, דאָ."

.26

ביי דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין פּאָיעני האָט געהערשט אַ גרויסע גע־שפּאַנטקייט. ביז איצט האָט מען געהאַט דערפאָלג אָן פאַרלוסטן. די פאַר־ניכטונג פון מאַראַעסקו און זיין באַנדע, די פאַרעפנטלעכונג פונעם בריוו אין דער טשערנאָוויצער ציימונג אונטער מאַראַעסקוס נאָמען, די אויסראַטונג פון אַן ס.ס.־באַנדע לעבן דובאָווא, און די אויפרייסונג פון דער בריק אין פּאָיעני. איצט אָבער האָט מען זיך געגרייט צו דער ערשטער שלאַכט. פּעט־רושקאַ איז נאָכאַמאָל אַוועק קיין סערעט אויסצוגעפינען, אויב מעגלעך, די גענויע צייט, ווען דער צוג מיט דער ס.ס. שטראָף־עקספּעדיציע וועט דורכ־פאָרן. פּעטרושקאַ האָט אויך מיטגענומען מיט זיך די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן געדאַרפט אַרויפגעקלעפּט ווערן אויף די מאָביליזאַציע־פּלאַקאַטן. און פּעטרושקאַ איז ניט געקומען צוריק. מ'האָט דערוואַרט, אַז ער וועט זיין צוריק זעקס אַזייגער אינדערפרי. שעה נאָך שעה זיינען אַוועק און פּעט־רושקאַ איז ניט געקומען. האָט מען אים געכאַפּט מיט די פּראָקלאַמאַציעס?

קיין סך צייט איז ניט געווען צו פאַרלירן. לויט דעם באַריכט, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט די שטראָף־עקספּעדיציע געדאַרפט מיט דריי טעג שפּעטער דורכגיין דורך דעם פראַנצענסטאַל וואַלד. מ'האָט געהאַט צוטרוי

צו פּעטרושקאָן, אָבער קיינער האָט מיט זיכערקייט ניט געקאָנט זאָגן, וויפיל מאַטערנישן אַ מענטש קאָן אויסהאַלטן. און אויב מיט פּעטרושקאָן איז אַרעסטירט סימיאָן, אָדער אפשר גאָר סטעפּאַן? וועט דער איבערפאַל אויפן צוג זיך ניט פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַסטקע?

ניין אַזייגער אינדערפרי, האָבן זיי מיט שווערע הערצער באַשלאָסן צו שיקן אין שטאָט אַריין רעבעקאַן, די טאָכטער פון כאַצקל וואַגנער. זי האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ פּויערשע מיידל, מיט אַ קערבל פּרוכט אין איין האַנט און אייער אין דער צווייטער. זי האָט באַקומען אַ שטרענגען אויפטראָג מיט קיינעם ניט צו רעדן און פאַרזיכטיק זיך אַרומקוקן אין שטאָט און זיך צוהערן, אויסגעפינען צי מען ווייסט עפּעס וועגן די פּראָקלאַמאַציעס קעגן דער מאָביליזאַציע.

דער טאָג איז אַוועק אין לאַנגער דערוואַרטונג. ניט רעבעקאַ און ניט פּעטרושקאַ זיינען צוריקגעקומען. מ׳האָט מער ניט געצווייפלט, אַז ביידע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. חיים לאַנדער איז געזעסן לעבן פעלד־טעלעפאָן און דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אפשר וועט דורך דער ראַדיאָ עפּעס געזאָגט ווערן וועגן דעם אַרעסט פון געפערלעכע אונטער־גרונט־מענטשן. אָבער אויף דער ראַדיאָ האָט מען געהערט נייעס וועגן זיגן, טאַנץ־מוזיק, באַריכטן וועגן געזונקענע ענגלישע שיפן, באָמבאַרדירונגען אויף ענגלאַנד, וועגן אַן אַריינמאַרש אין לעניגראַד און זיגן ביי סמאָלענסק און קיעוו. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן פּעטרושקאַ און מיט אים זיין פאָטער.

פּעטרושקאַ האָט דערציילט ווי אַזוי האַנס קרולע איז אים איבערגעפאַלן און געזוכט אים אונטערצוקויפן און ווי אַזוי סטעפּאַן צערטיאַן האָט אים באַפרייט. פּעטרושקאַ האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען סימיאָנען נאָך אַמאָל. ער האָט קוים באַוויזן צו איבערצייגן זיין פאָטער, אַז ער זאָל מער ניט גיין אין דער ברויעריי. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, און ערשט ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיי געוואַגט גיין אין דעם זומפּ־געגנט. פּעטרושקאַ האָט אויך באַריכטעט, אַז די שטראָף־עקספּעדיציע קעגן ליבערטאַטיאַ וועט אָנקומען מיט אַ טאָג פריער. ווען מ׳האָט אים געזאָגט, אַז רעבעקאַ איז אַוועק אין שטאָט און איז נאָך ניטאָ צוריק, האָט ער זיך גלייך געוואָלט אומקערן אין שטאָט אַריין. מ׳האָט דאָס אָבער אים פאַרבאָטן צו טאָן.

רעבעקאַ האָט געפונען די שטאָט אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן די פּראָקלאַמאַציעס. זי האָט דאָס אָנגענומען אַלס אַ גוטן סימן און געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, ווען אַ שכנה האָט פּלוצלונג אויסגעשריען אין דער הויך: „רעבעקאַ, דו ביסט דאָ! דו לעבסט נאָך? און מיר האָבן געטראַכט, אַז אַחוץ יאָסל שמש זיינען אַלע יידן טויט.‟

רעבעקאַ האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אַוועקצוגיין. קיינער האָט ניט גע־הערט, וואָס די שכנה האָט געזאָגט. זי האָט אָבער ניט געוואַגט זיך אומ־צוקערן בייטאָג אין די זומפּן. זי האָט זיך געשלייכט פאַרביי פאַרוואָרפענע הייזער, אָפּגעלעגענע גאַסן, ווען זי האָט ווידעראַמאָל דערהערט ווי עמעצער רופט זי ביים נאָמען. דאָס איז געווען העגריעטע צימערלע, וועלכע האָט זי געקענט פון פריער.

— מיידל, וואָס טוסטו דאָ? ווי וואַגסטו זיך ווייזן אין שטאָט? ביסטו אויפגעשטאַנען תחית המתים? היט זיך פון די דייטשן דאָ, זיי וועלן דיך דערמאָרדן, ווי זיי האָבן ליזען דערמאָרדעט. דו ביסט דאָך פּעטרושקאַס פריינדין. קום שנעל צו מיר. ניין, וואָס קאָן איך טאָן מיט דיר? גיי צום גלח גלורזאַנסקי. ער איז אַ גוטער מענטש. ער וועט דיך העלפן. איך שווער דיר ביי מיין לעבן, אַז איך וועל דיך ניט פאַרראַטן.

רעבעקאַ איז אַוועקגעלאָפן ווייטער. זי איז פאַרבייגעלאָפן דאָס הויז פון דעם גלח און האָט זיך באַהאַלטן צווישן די קברים פון דעם אַלטן יידישן בית־עולם. העגריעטע האָט ניט געקאָנט רוען. זי האָט באַמערקט, אַז רעבעקאַ איז ניט אַריין צום גלח אין הויז און זי האָט געוואָלט בעטן ביי איר נאָך אַמאָל, אַז זי זאָל דאָס טאָן. זי האָט אפילו געוואָלט זי נעמען צו זיך. אָבער רעבעקאַ איז פאַרשוואונדן. וואוהין? העגריעטע האָט געטראַכט: זי קאָן בלויז זיין אויפן בית־עולם. זי האָט זיך איבערגעצלמט: „האָב איך געזען אַ גייסט? און אפשר איז זי אויפגעשטאַנען פון קבר? און ליזע אדלער?" — עס איז איר אַריבער אַ סקרוך איבערן לייב. אָבער ווען די טויטע זאָלן זיך באַווייזן אַלס גייסטער? — ווען זי זאָל זיי נאָר קאָנען זען, וואָלט זי בייגעקומען די מורא פאַרן טויט, זי וואָלט זיך געשטעלט אויף די קני, בעטן ביי זיי מחילה. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס זי טוט, האָט העגריעטע געוואָלט אַריינגיין דורך דער קליינער הילצערנער טיר אויפן בית־עולם. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן אויף די פאַרראָסטעטע זאַוויעסעס. זי האָט אַ קוק געטאָן און דערשראָקן זיך צוריקגעצויגן, ווען זי האָט באַ־מערקט אַ באַוועגונג. דער אַלטער יאָסל שמש איז געשטאַנען פאַר איר. דער ווינט האָט עטוואָס באַוועגט זיין לאַנגע ווייסע באָרד. ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און זי אָנגעקוקט שטום און פול מיט פאָרוואורף. זי האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר, אַוועקגעלאָפן צום הויז, און געבליבן שטיין ביים אַריינ־גאַנג. דער דאָזיקער אַלטער האַלב־פאַרהונגערטער ייד! זי האָט געפילט אַ ווייטיק אין האַרצן און האָט ניט געקאָנט אָטעמען. טרעפּ נאָך טרעפּ — ס'איז ניט געווען הויך — זי איז געקראָכן, ביז זי האָט געעפנט די טיר פון זאַל. האַנס קרולע איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטול: „וואָס איז געשען?" זי איז געווען קרייד־ווייס און אירע אויגן האָבן אויסגעזען גרין. זי האָט שטום אויפגעהויבן די האַנט און געטראַכט: ווי דער אַלטער ייד. מוז איך

איצט? — זי האָט אים שטום געוויזן אויף דער טיר.

— הענריעטע, איך בין ניט געקומען, ווי היינט אינדערפרי. עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַנץ אַנדער זאַך. זייט איר געווען אין מיין וואוינונג? זאָגט עס מיר. מער וויל איך פון אייך ניט. איך וועל מער קיינמאָל אייך ניט באַלעסטיקן, אָבער ענטפערט מיר אויף דער איינציקער פראַגע: זייט איר געווען אין מיין וואוינונג?

זי איז געבליבן שטום און געוויזן אויף דער טיר. וואָס פאַר אַ שוויין! איצט רעדט ער צו מיר אויף „איר".

— הענריעטע, פאַרשטייט מיך דאָך. עס האַנדלט זיך מער ניט וועגן אַ קליינעם פלירט. עס האַנדלט זיך וועגן אייער מאַן! איר זייט אויך אין געפאַר. איך אויך. אָבער דאָס אפשר זאָגט אייך גאַרנישט! עס איז וויכטיק פאַר דער באַוועגונג, פאַר דער מלחמה! און איר האָט דעם שליסל צו דער רעטעניש!

הענריעטע האָט זיך אויסגעדרייט און איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון צימער. ער האָט געטראַכט, אַז זי וועט ניט קומען צוריק. אָבער זי האָט בלויז אַרויסגענומען פון איר האַנט־בייטל דעם שליסל פון זיין וואוינונג. זי האָט זיך אומגעקערט אין זאַל און אַ וואָרף געטאָן דעם שליסל פאַר זיינע פיס.

— פרוי הענריעטע, איך האָב ניט געמיינט דעם שליסל. איך באַטאָן נאָך אַמאָל: אין אייערע הענט ליגט דער שליסל צו דער גאַנצער רעטעניש. איר זייט די איינציקע, אחוץ מיר, וואָס האָט געהאַט אַ שליסל צו מיין וואוינונג. עפּעס שרעקלעכס איז היינט אינדערפרי פאָרגעקומען אין מיין וואוינונג און בלויז איר קאָנט דאָס אויפקלערן.

אין אָט דעם מאָמענט איז פראַנץ צימערלע אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויףביידע און אין אַן אויפגערעגטער שטים געזאָגט: „איר אַמוזירט זיך גוט."

— יאָ, — האָט הענריעטע געענטפערט, — מיר אַמוזירן זיך. ער איז דאָך דיין פריינט, און איך האָב געגלויבט, אַז ס'איז ביי אייך אַ מנהג, אַז דיינע פריינט דאַרפן אויך זיין מיינע. וויניקסטנס, האָט האַנס דאָס מיר געזאָגט. ניט אמת, האַנס?

זי איז צוגעגאַנגען צו האַנסן, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. זיין פּנים איז געווען אויפגעלאָפן רויט און די אויגן האָבן אויסגעזען נאָך קלענער. זי האָט געזאָגט הויך און ווי אַן אַ נשמה: „פאַר־וואָס שווייגסטו, האַנס? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז ביי אייך זיינען אַזעלכע זאַכן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז זיי געהערן אפילו צו אייערע ערע־באַגריפן."

— איך האָב געטראַכט, פּאַרטיי־גענאָסע האַנס קרולע, — האָט איצט

פראַנץ צימערלע געזאָגט, — אַז איר געפינט זיך אויפן וועג אויפצוקלערן די רעטעניש וועגן די פּראָקלאַמאַציעס. איר דאַרפט דאָך אין 48 שעה מיר אויפקלערן די זאַך. אַנשטאָט דעם אונטערהאַלט איר זיך דאָ, ווי אין אַ צייט פון טיפסטן פרידן. וועט איר אפשר בעסער נעמען זיך גלייך צו דער אַרבעט און נאָכקומען אייערע פליכטן?

— איך מעלד געהאָרכזאַם, אַז איך געפין זיך דאָ דינסטלעך. צווישן מיר און אייער פרוי זיינען איצט ניטאָ קיין אַנדערע, ווי די שטענדיק אָנגענומענע באַציאונגען.

— דאָס איז אַ ליגן! — האָט אויסגעשריען הענריעטע. — מיר זיינען ענג באַפריינדעט. אָט ליגט דאָס שליסל, וואָס ער האָט מיר געגעבן, אַז איך זאָל צו יעדער צייט קאָנען קומען אין זיין וואוינונג. טפוי, האַנס, שעם זיך! דו האָסט ניט דעם מוט צו אָנערקענען דיינע מעשים.

— איך דערוואַרט, פּאַרטיי־גענאָסע האַנס קרולע, ווען די 48 שעה וועלן זיין אַריבער, צו הערן פון אייך אַ באַריכט וועגן דעם דערפאָלג פון אייער אַרבעט. און פריער וויל איך אייך ניט זען.

האַנס קרולע האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— פראַנץ, מיר זיינען אַמאָל געווען פריינט. דורך דעם ווילן פונעם פירער האָט מען אונדז דאָ אַוועקגעשטעלט צוזאַמען אויף אַ וואַך־פּאָסטן. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דער שונא געפינט זיך אין אונדזערע אייגענע רייען. קאָן איך רעדן מיט דיר אַליין?

— אין 48 שעה דערוואַרט איך דעם באַריכט וועגן דעם דערפאָלג פון אייער אַרבעט.

— אויב די זאַך באַשטייט אַזוי, וועט איר שטאַרק חרטה האָבן.

ער האָט מיליטעריש אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קנאַפּל און אָנגעקוקט צימערלען מיט אָפענעם האַס. דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען.

מאַכן זעלבשטענדיקע באַשלוסן און שנעל האַנדלען איז ניט געווען אין האַנס קרולעס כאַראַקטער. ער איז געווען גרייט צו באַגיין יעדע גרוי־זאַמקייט, ווען מען האָט דאָס אים געגעבן אַלס אויפגאַבע. ער איז געקומען צו די נאַציס אַ יונגער מענטש, ווען ער האָט באַמערקט, אַז מיטגלידערשאַפט אין דער נאַצי־פּאַרטיי איז ניט פאַרבונדן מיט קיין געפאַר. אין די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן און אין דער ס.ס. איז ער געווען אומדערבאַרעמדיק אין שלאָגן די אומבאַוואָפנטע געפאַנגענע. אין פּוילן איז ער באַגאַנגען גרוי־זאַמקייטן אין אויפטראָג, ווי ער האָט געטראַכט, און אין גייסט פון דעם פירער. ער האָט אָנגעקליבן געלט און ווערטפולע זאַכן. איצט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פּראָבלעם, האָט ער ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. ווער אַנדערש, אַחוץ הענריעטען, האָט ער זיך געזאָגט, האָט געקאָנט באַפרייען פּעטרושקאַן? אפשר ליגט דאָ דער שליסל צו דער

ליזונג פון דער רעטעניש? שטייט זי אין פאַרבינדונג מיט דעם שונא? אין זיין נויט, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן קאַראָל באַרבאַרעסקו.

יאָ, ער איז דער איינציקער, מיט וועמען ער קאָן רעדן. באַרבאַרעסקו האָט דערפאַרונג, ער קען די מענטשן און קאָן אַרויסהעלפן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז באַרבאַרעסקו האָט איצט געוואוינט אין הויז פון דעם פריערדיקן פרעזידענט פון דער יידישער קהילה. דאָס הויז איז געווען אַן אַלטס, אָבער אַ שיינע געביידע, מיט אַ פאָרנט־גערטנדל, ניט ווייט פון דער שול. ער האָט אָנגעקלונגען און דאָס מיידל האָט אים אַריינגעפירט אין אַן אויפנעם־צימער. ער איז געווען דערשטוינט, ווי שיין דאָ איז אַלץ געווען אויסגעשטאַט, הגם נאָך דעם אַרעסט פון די יידן זיינען די יידישע הייזער צעראַבירט געוואָרן דורך דעם המון. נאָך אַ ווײַלע וואַרטן, איז דערשינען אַן אָנגעטסרויעטע פרוי, אַרום פערציק יאָר אַלט, וועמעס באַרוף ס'איז ניט געווען שווער צו דערקענען. „קאַראָל", האָט זי געזאָגט, „איז אוועקגעפאָרן פאַר אַ שעה אין אָפיצערן־שפיטאָל, פערזענלעך איינצולאַדן די הערן אָפיצערן צו דער דערעפענונג פון אונדזער נייעם פאַרגעניגנעסטאַבליסמענט. יאָ, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן זיך פאָרצושטעלן. איך בין מאַריעכען, זיין איצטיקע פריינדין און מיטאַרבעטערין. איר וואונדערט זיך וואָס איך בין געקומען פון בוקאַרעשט אַהער. אָבער וואָס טוט מען ניט פאַר אַן אַלטן פריינט? און אָפן געזאָגט: מיר איז נמאס געוואָרן דאָס גרויס־שטאָטישע לעבן. מען קאָן דאָ בלי ספק אַ סך אויפטאָן, און הגם קאַראָל באַרימט זיך אפילו, אַז ער איז אַ פאַכמאַן, איז ער אָן מיר הילפלאָז. וואָס מיר האָבן ביינעטראָגן, וועט איר קאָנען זען היינט אָוונט."

— ווען וועט דער הער באַרבאַרעסקו קומען צוריק? — האָט האַנס קרולע געפרעגט, אָפּהאַלטנדיק זיך פון אַריינפאַלן אין דעם אינטימען טאָן.

— דאָס ווייס איך ניט. עס הענגט אָפּ פון דעם, ווי לאַנג די הערן אָפיצערן וועלן אים פאַרהאַלטן. ער איז גוואַלטיק אויפגערעגט, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער זאַך. און דעם שטריך פון זיין כאַראַקטער האָב איך ליב. מיר האָבן אַלע אורזאַכן צו זיין שטאָלץ. איר וועט שוין זען. איר וועט פשוט זיין דערשטוינט. איר וועט . . .

האַנס קרולע האָט קיין געדולד ניט געהאַט זי אויסצוהערן. עס איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז פאַר דער דערעפענונג פון דעם באָרדעל וועט ער מיט באַרבאַרעסקון ניט קאָנען רעדן ערנסט. צום בעסטן וואָלט געווען, ווען מ'קאָן אָפּלייגן די דערעפענונג ביז נאָך יאָהאַן מילערס קומען און אָפּפאָרן. אָבער איצט לאָזט זיך מער גאָרנישט ענדערן, ווייל אַלע פאָרבאַרייטונגען זיינען געווען געמאַכט און מ'קאָן ניט אַנטוישן די איינגעלאַדענע אָפיצערן, וועלכע וועלן זיכער קומען אין אַ גרויסער צאָל. אפשר וועט גאָר דער ענין געפעלן ווערן יאָהאַן מילערן? זיכער, פאַרוואָס ניט? איין זאַך שטערט

ניט דער צווייטער. אָבער וואָס זאָל איך איצט טאָן? איך וועל מוזן וואַרטן ביז מאָרגן.

אויף דער גאַס, האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אָטאָ פאָן ראַובניטץ. פאַר אַ מינוט האָט ער אַ טראַכט געטאָן זיך דורכצורעדן מיט אים וועגן דער גאַנצער זאַך. אָבער פאָן ראַובניטץ האָט אים באַגעגנט זייער קאַלט. עס וואָלט געווען אָן אומזין, האָט ער זיך געזאָגט, מיט אים צו רעדן פאַרטרויליך. ער האָלט שטאַרק פון סימיאָנען און געטרויט אים פּונקט אַזוי ווי פּרענץ צימערלע. ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו באַהאַלטן זיין טיפע אויפרעגונג און געפרעגט: „קומסטו היינט אָוונט צו דער דערעפענונג פון דעם נייעם באָרדעל?"

— נו, זעלבסטפאַרשטענדליך. ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ פאַרגעניגן?

— גלויבסטו ניט, אַז עס פּאַסט זיך ניט אין דעם איצטיקן מאָמענט?

— פּאַסט זיך ניט? ניין. אַזעלכע זאַכן זיינען אַלעמאָל ווילקאָמען.

:: :: ::

דער אַריינגאַנג פון דער שול איז געווען אויסגעפּוצט מיט פאַרשיידנפאַרביקע לעמפּלעך און גאַרלאַנדעס. אָפּיצערן, דייטשישע און רומענישע, האָבן געשטראָמט אינעווייניק. די לאַנגע סאַבלעס האָבן געקלונגען אָן די שטיוול, די שפּאָרן האָבן געקלונגען. אין דעם פּאָדערצימער זיינען געשטאַנען באַרבאַרעסקו און מאַריעכען, וועלכע האָבן זיך פאַרנויגט פאַר יעדן אַריינקומענדיקן און אים געוויזן זיין פּלאַץ: „ביטע, רעכטס, הער פּאָלקאָווניק; לינקס, הער מאַיאָר; דאָ אין מיטן, הער הויפּטמאַן; דאָרט אויבן אין דער אויבערשטער ריי, הער פאָן סאַוער, הער באַראָן פאָן גריגאָרצי." אַ דייטשישער פּאָלקאָווניק האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט: „פּראַכטפול! זיינען די פּריסטערינס אויך פאַראַן?"

די שול, וואָס האָט היינט אָוונט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באָרדעל, האָט ביים ערשטן בליק גאָרנישט דערמאָנט וועגן דער ענדערונג. עס האָבן געברענט בלויז אייניקע קעראָסין־לאָמפּן. באַרבאַרעסקוס אָנגעסטרויעטע פריינדין, וועלכע די אַנדערע האָבן פּשוט גערופן די באָרדעל־מומע, האָט אים געזאָגט: „ווייסט, קאַראָל, אַ ביסל מיסטיק אָלס אָן אַריינפיר צו ליבע איז היינט מאָדערן. ווען מיר לאָזן ברענען אַ מין נר תמיד, וועלן די אָפּיצערן פילן אַ לייכטן ציטער."

— גלויבסטו טאַקע, אַז די דייטשישע אָפּיצערן ווייסן באמת עטוואָס פון דער קבלה?

— אַך ניין, אָבער די רומענישע אָפּיצערן. און די דייטשן? וויפיל זיי רעדן זיך דאָס אָן וועגן געהיימע אוצרות! דאָס איז דאָך אַזוי נאַריש און געהיימניספול. גלויב מיר, די אָפּיצערן וועלן פאַרכאַפּט ווערן פון דעם

דאַזיקן ביליקן טריק.

אין דער האַלב־פינצטערניש, האָט די שול אויסגעזען אומבאַגרענעצט אין דער הויך; און די קליינע קעראָסין־לעמפּלעך האָבן אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן אַרויסגעלאָזט דינע רויך־וואָלקנדלעך אין אומענדלעכן רוים. יעדער אַריינקומענדיקער גאַסט האָט אין דעם דאָזיקן טונקעלן צימער געוואָרפן ווייטע שאָטנס. עס האָט זיך געהערט אַ מורמלען, ווי קיינער וואָלט ניט געוואַגט צו רעדן הויך. עס איז געווען אַ שעה פאַר האַלבע נאַכט. אַ סיגנאַל — און אַ קאַפּעליע האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ מעלאָדיע, וואָס איז געווען אַ געמיש פון דזשעז און לעבצנדיקע רומענישע מעלאָדיעס. באַרבאַרעסקו האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל און הונדערטער לעמפּלעך האָבן זיך אָנגעצונדן מיט איין מאָל. אויף דער בימה, וואָס האָט זיך געפונען אינמיטן פון דער דאָזיקער גאָטישער געביידע, וואו מען פלעגט אַמאָל יעדן שבת לייענען די תורה, איז געזעסן די קאַפּעליע און איבער די קעפּ פון די מוזיקאַנטן איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט פון ווייסן לייוונט מיט רויטע אותיות: „דאָ איז דער טעמפּל פון ווענוס, געווידמעט די קעמפער פון דעם גרויסן רייך און זיינע פאַרבינדעטע."

עס האָט אויסגעבראָכן אַ הוראַ. אין די נישעס זיינען, ווי זיילן, געשטאַנען נאַקעטע פרויען, יונגע, בלאָנדע און טונקעל אוקראַינערקעס, מיט דערשראָקענע אויגן, ציטערנדיק פון קעלט און בושה. מאַריעכען האָט געגעבן די מיידלעך פון דער רעכטער זייט אַ צייכן פאַרן מאַרש; באַרבאַרעסקו — די מיידלעך פון דער לינקער זייט. צוויי רייען נאַקעטע מיידלעך זיינען געזעצט געוואָרן אין באַוועגונג. זיי האָבן דורכגעמאַרשירט דעם זאַל אַזוי, אַז מען זאָל זיי קאָנען אָנקוקן פון אַלע זייטן, און זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף דער בימה. באַרבאַרעסקו האָט געגעבן די מוזיקאַנטן אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אָנהויבן שפּילן. אָבער פון אַן אויבערשטן פענצטער, וואו פריער האָט זיך געפונען די ווייבערשע שול, האָט זיך דערטראָגן אַ געשריי: „שווייגט, איר זינדיקער, איר שענדער, איר גאָט־לעסטערער!"

אַלע האָבן געווענדט זייערע אויגן אַהין. מ'האָט ניט געזען קיין אַנדער זאַך, ווי אַ האַנט, וואָס האָט זיך באַוועגט. פון די געסט האָט עמעצער אויסגערופן: „אום הימלס ווילן, די האַנט אויף דער וואַנט!"

אַ סך, ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז געווען אַ ראַפינירטע אויסגעקליגלטע מאַכערייקע, וואָס באַרבאַרעסקו האָט צוגעטראַכט. אָבער די מערסטע האָבן זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דער זיך־באַוועגנדיקער האַנט. ניין, די האַנט האָט ניט געשריבן קיין פייערדיקע ווערטער אויף דער וואַנט, ווי דאָס ווערט דערציילט אין ספר דניאל. אָבער אַ שטים האָט זיך דערהערט, טיף און דורכדרינגלעך. עס האָט אויסגעזען ווי די האַנט וואָלט גערעדט, ווי די שטים וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון די ווערטער. זיי זיינען

געקומען לאנגזאַם, דורכדרינגלעך, שווער. מיטאַמאָל האָט אויף דער בימה זיך באַוויזן דער גלח גלורזאַנסקי, זיינע האָר, וואָס זיינען אין כוואַליעס אים געפאַלן איבער די אַקסלען, זיינען געווען צעשויבערט. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און אויסגעשריען: „דאָס איז דער צייכן אויף דער וואַנט. הערט איר ניט? פאַרשטייט איר ניט? צו אייך רעדט דער אַלטער ייד, דער איינציקער, וועלכן איר האָט ניט דערמאָרדעט. זיי רופן אים יוחנן המטביל, ווייל יוחנן איז זיין ווירקלעכער נאָמען. ווי יענער יוחנן, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון קריסטוס. וואָרים אויך יענער יוחנן האָט אָפּגעשטאַמט פון יידן. הערט איר וואָס ער זאָגט?" און ער האָט גענומען איבערזעצן: „גאָט, אומווירדיקע האָבן אין דיין הויז זיך אַריינגעריסן. פאַראומרייניקט האָבן זיי דיין הייליקן היכל, פאַרוואַנדלט האָבן זיי ירושלים אין אַ מדבר. דיינע דינער האָבן זיי אַוועקגעגעבן די פויגלען פון הימל צום פרעסן, דאָס פלייש פון דיינע געטרייסטע צו די חיות פון דער ערד. זיי האָבן פאַרגאָסן בלוט, ווי וואַסער. אין ירושלים ליגן די טויטע און ס'איז ניטאָ קיינער זיי מקבר צו זיין. מיר זיינען געוואָרן אַ שאַנד פון אונדזערע שכנים, דער געשפּאָט פון אונדזער אומגעבונג. ווי לאַנג, גאָט, וועסטו נאָך אויסגיסן דיין צאָרן? ווען וועט אויפברענען דער פייער פון דיין נקמה? גיס אויס דיין צאָרן אויף די אומווירדיקע, וואָס אָנערקענען דיך ניט, אויף די רייכע, וואָס רופן ניט אָן דיין נאָמען."

די שטים פון אויבן איז שוין לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן, ווען דער גלח גלורזאַנסקי האָט נאָך אַלץ געשריען: „ניט נאָר די יידן האָט איר פאַרניכטעט. איר זייט איבערגעפאַלן פרידלעכע דערפער. איר האָט דערמאָרדעט דעם גלח פון ראָגאַטשעסטי, איר האָט אַוועקגערויבט די דאָזיקע אומשולדיקע פויערשע מיידלעך פון זייערע עלטערן צו מאַכן זיי פאַר הורן. איר האָט..."

מאַריעכען האָט געשריען: „שוויג, דו גלח! דו האָסט דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן. דיין פּלאַץ איז אין דער קירך. פאַרשווינד פון דאַנען. איז דאָ קיינער ניטאָ, וואָס זאָל אַרויספירן דעם אַלטן?"

די נאַקעטע מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט דעם גלח. איינע האָט געשריען: „פאָטערל, באַפריי אונדז. מיר האָבן ניט געוואָלט. זי און ער האָבן אונדז געשלאָגן. מיר האָבן ניט געוואָלט."

דער גלח גלורזאַנסקי האָט געזאָגט: „קומט מיט מיר, מיינע קינדער."

מאַריעכען האָט אַ שפּרונג געטאָן צו אים, אים אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און אָנגעשפּיגן אים אין פּנים. אַ שאָס האָט אָפּגעקלונגען אין דעם זעלביקן מאָמענט, און דער גלח גלורזאַנסקי איז אַנידערגעפאַלן. די מיידלעך האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער. איינע האָט געהאַלטן אין אויסשרייען אויף אוקראַיניש איינס און דאָס זעלביקע וואָרט, וואָס די אָפיצערן האָבן ניט פאַרשטאַנען.

און פּלוצלונג האָט מען דערזען זיך באַוועגן אַ געשטאַלט, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן מאַנטל, פאַרגאַרטלט מיט אַ דיקן גאַרטל. די פיס אין הילצערנע פּאַנטאָפל, איז די געשטאַלט אַראָפּגעקומען פון דער ווייבערשער שול. זי האָט זיך באַוועגט דורך דעם מיטלסטן דורכגאַנג און צוגעקומען צו דער בימה. די גרויע באָרד האָט דערגרייכט ביז צו דער ברוסט. אַ ווייסע יאַר־מלקע האָט באַדעקט זיין קאָפּ. אַלע זיינען אָפּגעטראָטן אין שרעק. די מיידלעך האָבן אויפגעהערט וויינען. די געשטאַלט האָט אָפּגעבונדן דעם גאַרטל פון די לענדן, האָט אַראָפּגענומען דעם ברייטן מאַנטל און אים אַרויפ־געלייגט אויף דעם טויטן גלח. אַ גרייז איז געבליבן שטיין אין תכריכים. און פּלוצלונג איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט. עמעצער האָט איבערגעשניטן די עלעקטרישע דראָטן. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַלע האָבן זיך געשטופּט צום אַרויסגאַנג. אויף דער בימה איז געשטאַנען יאָסל שמש אין זיינע תכריכים לעבן דעם טויטן קערפּער פון דעם גלח און געזאָגט קדיש: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא, בעלמא דברא כרעותו וימליך מלכותו . . .״

און אין רומעניש האָט זיך געהערט אַ שטים, וואָס האָט געזאָגט: „און איך זאָג אייך: די חסידי אומות העולם שטייען נעענטער צו גאָט, נעענטער אַפילו ווי די קינדער פון ישראל.״

:: :: ::

ס׳איז געווען האַלבע נאַכט. די מערסטע געסט זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפן אין דעם גרויסן זאַל פון דער קאַפע פונעם האָטעל „האַמערהאָף״. איין אָפיצער האָט איינגעטענהט: „ס׳איז דאָך אומגלויבלעך, אַז מ׳האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ געשפענסט, פאַר אַ גלח און אַן אַלטן יידן. ס׳איז אַ סקאַנ־דאַל. ווי קומט עס, וואָס אַ ייד לעבט דאָ נאָך?״

פראַנץ צימערלע, וועלכער איז מיט אָטאָ פאָן ראַובניטץ געזעסן ביי אַ טיש, האָט געזאָגט: „איצט אָבער איז שלום. דער אַלטער ייד מוז דער־ליידיקט ווערן. איך קאָן מער ניט נעמען אין באַטראַכט ניט דיר און ניט הענגריעטען.״

און אין דער וואוינונג פון קאַראַל באַרבאַרעסקו איז געזעסן האַנס קרולע און געוואַרט אויף אים. קאַראַל באַרבאַרעסקו איז ערשט געקומען אַרום דריי אַזייגער, אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער. „אַזויפיל אַרבעט״, האָט ער גע־זאָגט, „אַזויפיל האָפענונגען און אַלץ האָט אַ ייד צונישט געמאַכט. אין דער אַלגעמיינער פאַרווירונג זיינען דריי מיידלעך אַנטלאָפן און דער אַלטער ייד איז פאַרשוואונדן.״

האַנס קרולע האָט אים געטרייסט: „מיידלעך וועלן מיר געפינען גענוג. עס האַנדלט זיך ניט וועגן דער דערעפענונג, נאָר וועגן דער זאַך גופא. די מיידלעך וועלן מיר מאָרגן האָבן צוריק. וואָס איז פיל וויכטיקער, איז אויס־צוגעפינען ווער עס האָט איבערגעשניטן די עלעקטרישע דראָטן. דאָס איז

די זעלביקע פֿאַרברעכערישע האַנט, וואָס אַרבעט קעגן אונדז אין משך פֿון וואָכן דאָ אין שטאָט, יאָ, אין גאַנצן לאַנד. ער איז אונדזער אַלעמענס שונא און אים מוזן מיר זוכן.״

באַרבאַרעסקו האָט זיך געהאַט פֿאַרשוואָרן מער ניט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. דאָס נייע געשעפֿט, האָט ער זיך געזאָגט, אַנטשפּרעכט מער מיין וועזן. איך האָב מיט דעם אָנגעהויבן מיין לעבנס־וועג. איך וואָלט שטאַרק געוואָלט ניט אַריינגעצויגן ווערן נאָך אַמאָל אין אַ פּאָליטישן אָדער אַדמיניסטראַטיוון ענין. אָבער דאָס וואָס האַנס קרולע האָט איצט געזאָגט האָט געשיינט צו זיין ריכטיק. בלי ספק איז דאָס די זעלביקע האַנט. און נאָר דורך געמיינזאַמער אַרבעט קאָן מען כאַפּן דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט צעשטערט אַזאַ פּייערלעכן אָוונט. ער האָט געזאָגט צו האַנס קרולע:

— איך בין גרייט צו שטעלן מיין אַרבעט אין דינסט פֿון אַ גוטער זאַך, ווען מיר זאָלן שענקען אונדזער הויפּט־אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם ווירקלעכן פֿאַרברעכער. איך וועל אייך זאָגן אָפֿן, אַז דאָס פּאָליטישע אינטערעסירט מיך וויניק. איך וויל, אַז מען זאָל דאָ קאָנען רואיק אַרבעטן, ווייל מיין אומגעשטערטע אַרבעט דינט דער אַרמיי. דאָס האָט איר אויך אַמאָל אָנערקענט, ווען ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן מיין לאָקאַל.

האַנס קרולע האָט באַשלאָסן צו אינפֿאָרמירן קאַראָל באַרבאַרעסקו וועגן דער אמתער לאַגע פֿון זאַכן אין סערעט און אַפֿילו ניט באַהאַלטן פֿון אים זיין קריגעריי מיט פֿראַנץ צימערלע. וואָס מער האַנס האָט דערציילט, אַלץ מער איז געוואַקסן באַרבאַרעסקוס פֿאַראינטערסירטקייט. איצט האָט ער זיך אויף ס׳ניי דערמאָנט די אַלע נגישות, וואָס פֿראַנץ צימערלע האָט אים אָנגעטאָן. אים האָט זיך אויך אויסגעדוכט, אַז סימיאָן האָט אין די אַלע אומגעזעענע קאַמפֿן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע.

נאָכדעם ווי האַנס קרולע האָט אָפּגערעדט צוויי שעה, ניט פֿאַרשווייגנדיק אַפֿילו זיין אַוואַנטורע מיט הענריעטען, האָט באַרבאַרעסקו נאָך אַ לאַנגן איבערלייגן זיך געזאָגט: „אַז הענריעטע שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ פֿיינטלעכער גרופּע, גלייב איך ניט. עס איז אָבער פֿונדעסטוועגן ניט אויסגעשלאָסן, אַז זי האָט פֿון היסטעריע, אָדער אַ נקמה־געפֿיל, באַפֿרייט פּעטרושקאָן. סימיאָן אָבער איז בלי ספק דער אָנפֿאַרטרויטער פֿון אַ פֿיינטלעכער מאַכט. מיט מאָראַרעסקון שטייט ער ניט אין פֿאַרבינדונג, ווייל סימיאָן איז קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד אין איינער פֿון אונדזערע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. געוויס, ער איז אַ דייטש און ניט קיין רומעניער. ער האָט אָבער פֿריער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום סימפּאַטיע פֿאַר דער דייטשישער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. איך האַלט אַפֿילו פֿאַר וואַרשיינלעך, אַז ער שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט דער גרופּע, וואָס האָט נעכטן אויסגעקלעפּט די פּראָקלאַמאַציעס און האָט היינט געבראַכט דעם דערעפֿע־

נונג־אוונט צו אַ דורכפאַל. ווען מיר וועלן נאָכפאָלגן אויף זיין שפור, וועלן מיר ניט קומען צו מאַראַרעסקון, נאָר צו אַ מלוכה־פיינטלעכער גרופע, וואָס איז ניט וויניקער געפערלעך.

האַנס קרולע איז געווען צופרידן, וואָס קאַראַל באַרבאַרעסקו איז מיט אים איינשטימיק בנוגע סימיאָנען. „ווילט איר, הייסט עס, מיטאַרבעטן?" האָט ער געפרעגט דירעקט, אַריבערגייענדיק צום ענין גופא.

— וואָס מיינט איר מיט דעם?

— אַז מיר זאָלן דורכפירן ביי סימיאָנען אַ הויז־זוכונג, אָן פּראַנץ צימערלעס וויסן און אָן אַ באַזונדערן אויפטראָג.

— דאָס אָבער קאָן מען מאַכן בלויז אין זיין אָפּוועזנהייט.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך. און איך נעם אויף זיך די גאַנצע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט.

האַנס קרולע איז געווען צופרידן מיט דעם רעזולטאַט פון דעם שמועס. ס'איז אים געלונגען צו פאַראינטערעסירן באַרבאַרעסקון אין דעם ענין. זיי האָבן באַשלאָסן דורכצוזוכן סימיאָנס וואוינונג דעם נעקסטן טאָג, צען אַזייגער אינדערפרי. זיי זיינען געגאַנגען אהין מיט זייטיקע וועגן, ווייל זיי האָבן געוואָלט, אַז קיינער זאָל זיי ניט זען. קאַראַל באַרבאַרעסקו האָט געזאָגט צו האַנס קרולע, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין נערוועז: „אויב מיר וועלן אים טרעפן אין הויז, וועל איך אים זאָגן, אַז איך בין געקומען אים איינלאַדן צו אַן אָוונט אין מיין לאָקאַל."

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין סימיאָנס טיר, אָבער קיינער האָט ניט גע־ענטפערט. זיי האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט: זיי האָבן אויפ־געעפנט אַ הינטערשטע פענצטער אָן דעם, אַז עמעצער זאָל זיי האָבן באַ־מערקט, און זיינען אַריינגעקומען אין דעם שלאָף־צימער. קאַראַל באַרבאַ־רעסקו האָט באַמערקט עמעצן אין בעט, איינגעהילט אין אַ דעקע. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו האַנס קרולע און זיי זיינען אויף די שפּיץ פינגער אריין אין דעם צווייטן צימער.

— האָט איר באַמערקט די געשטאַלט אין בעט? — האָט באַרבאַרעסקו געזאָגט. — עס שיינט צו זיין אַ מיידל — אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. אין באָרדעל האָט מען אים נאָך קיינמאָל ניט געזען און ווי אַן אַסקעט זעט ער אויך ניט אויס.

— אויב זי איז אַפילו זיין מיידל, מוזן מיר פונדעסטוועגן וויסן, מיט וועמען ער האָט באַציאונגען.

זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט די דעקע פון בעט און דערזען אַ פּויערשע מיידל, מיט אַן אויסערגעוויינלעך שיינעם פּנים. דאָס אַראָפּשלעפּן די דעקע האָט דער מיידל ניט געשטערט פאָרצוזעצן איר שלאָף. באַרבאַרעסקו האָט געזאָגט צו האַנסן:

— ניין, דאָס איז ניט קיין פּויערשע מיידל. איך קאָן תּיכּף ניט זאָגן ווער זי איז, אָבער איך האָב זי אָפט געזען אין סערעט. דאָס איז אַ יידישע מיידל. אורטיילט אַליין.

— קיין שום ספק. די שוואַרצע האָר און דאָס פּנים.

— העי, ווער ביסטו? — האָט קאַראָל באַרבאַרעסקו אָנגעהויבן שטורכען די שלאָפנדיקע.

— איך בין דאָ דאָס הויז־מיידל, — האָט זי געענטפערט אין רומעניש.

— און פון וואַנען קומסטו?

— פון דעם דאָרף באַנילאַ.

— און ווי קומסטו אַהער?

— אין דער צייט פון דעם קאַמף, מיט זיבן וואָכן צוריק, זיינען מיינע עלטערן פאַרשוואונדן. איך בין אַנטלאָפן, בין געקומען אַהער און דאָ גע־קראָגן אַרבעט.

— דאָס איז אַ ליגן. איך בין דאָ אָפט געווען אין הויז און האָב דיך קיינמאָל ניט געזען. דערפאַר אָבער האָב איך דיך אָפט געזען אין סערעט. דו פלעגסט דעמאָלט ניט טראָגן קיין פּויערשע קליידער. דו ביסט געווען אַ שול־מיידל.

און ווי אַ ליכט וואָלט אים אויפגעגאַנגען, האָט ער אויסגעשריען:

— איצט ווייס איך אויך וואו איך האָב דיך געזען. דו ביסט די טאָכ־טער פון דעם יידישן שמיד ביי דער סערעט־בריק. יאָ, יאָ, קיין ליגן וועט דיך דאָ ניט העלפן. זאָג דעם אמת. מיר פאַרזיכערן דיר, ווען דו וועסט דערציילן דעם אמת, וועט דיר גאָרנישט געשען, הגם דו ביסט אַ יידין. דו ווייסט, איך בין דער אונטערפּרעפעקט פון דער שטאָט און דער הער איז פון דער דייטשישער קאָמאַנדע. ווען מיר זאָגן עפּעס צו, זיינען מיר אין אַ לאַגע צו האַלטן אונדזער צוזאָג.

דאָס מיידל האָט געשוויגן.

— מיר וועלן דיר שטעלן איינצלנע פראַגן און דו מוזט אויף זיי ענט־פערן. שטעל זיך אָבער ניט פאָר, אַז דו קאָנסט אונדז אָפּנאַרן. זינט ווען ביסטו אין דער דאָזיקער וואוינונג?

— זינט מ׳האָט אַלע סערעטער יידן אַרעסטירט.

— דאָס איז ניט אמת. דו ביסט אַריבער צו די רוסן מיט די אַנדערע יידן.

— מיין פאָטער איז אַריבער. איך האָב מער פון אים קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט מיר ניט געוואָלט מיטנעמען, ווייל עס איז געווען פאַר־בונדן מיט צו־גרויסע געפאַרן. ביינאַכט, ווען מ׳האָט געבראַכט די מערסטע יידן אויפן בית־עולם, בין איך געקומען צו לויפן אַהער. איך האָב געוואָלט גיין צו די יידן אויפן בית־עולם, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַרן בית־עולם

ביינאַכט, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דעם ערשטן הויז, וואו איך האָב געזען ליכט. ס׳איז געווען דאָ. דער הער האָט געעפנט פאַר מיר די טיר און מיך אויפגענומען.

— דאָס איז ניט אמת, — איז האַנס קרולע איצט צוגעקומען. — דו האָסט די מעגלעכקייט דיין לעבן און פרייהייט זיך צו פאַרזיכערן, אויב דו וועסט זאָגן דעם אמת.

— איך זאָג דעם אמת. איך געפין זיך דאָ שוין העכער צוויי חדשים. דער הער פון הויז האָט מיך געוואָלט שוין פיל מאָל אוועקשיקן, אָבער איך האָב געוויינט, און אַזוי בין איך דאָ פאַרבליבן.

— אַזוי, דו ביסט דאָ די גאַנצע צייט? דאָס קאָן מען גלייך פעסטשטעלן. וואו שלאָפסטו? דאָ איז פאַראַן נאָר איין בעט.

— איך שלאָף אין צווייטן צימער אויף דער פּאָדלאָגע.

— ווען דו שלאָפסט דאָרטן באמת, דאַן זאָג מיר, ווער איז אייערנעכטן ביינאַכט אַריינגעקומען אין הויז פּונקט דורך דעם פענצטער פון יענעם צימער?

רעבעקאַ האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט: „איך האָב אַ פריינט און ער איז געקומען צו מיר.”

— ווער איז ער?

— פּעטרושקאַ, דער זון פון דעם אַרבעטער אין דער ברויערײ. מיר זיינען פריינט זינט מיר זיינען געווען שול־קינדער.

דער דאָזיקער ענטפער האָט אויףביידן געמאַכט אַן איינדרוק. קאַראָל באַרבאַרעסקו האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז פּעטרושקאַ האָט געהאַט אַ יידישע פריינדין. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז דער שילער־קלוב פון דער „אייזערנער גוואַרדיע” האָט אַמאָל געפאָדערט אויסצושליסן פּעטרושקאַן פון דער שול צוליב זיין פריינטשאַפט מיט דער טאָכטער פון כאַצקל וואַגנער. דאָס מיידל האָט דעריבער דערציילט דעם אמת. מעגלעך, אַז האַנס קרולעס באַהויפּטונג, אַז פּעטרושקאַ איז געקומען צו סימיאָנען מיט אַ געהיימער מיסיע, איז פאַלש. דעמאָלט איז אויך פאַלש זיין אייגענער געדאַנק, אַז צוזאַמען מיט מאַראַרעסקוס קליקע און אומאָפּהענגיק פון איר אַרבעט אַ סאָוועטישבאָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז די אַנוועזנהייט פון דער מיידל גענוג פּטור צו ווערן פון סימיאָנען. דער סעקרעטאַר פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט, דער אָנפאַרטרויטער מאַן פון דעם שעף פון דער געשטאַפּאָ, האַלט באַהאַלטן ביי זיך אַ יידיש מיידל און העלפט אַרויס אין ראַסן־שענדערישע באַציאונגען צווישן איר און אַ רומעניער!

ער האָט איינגערוימט קרולען אין אויער וואָס ער דענקט. האַנס קרולע האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

— ווען עס וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן דעם, וואָלט דער בחור

זיך מודה געווען. אים האָט דאָך נאָך אַלעמען ניט געדראָט קיין געפאַר. דאָס ערגסטע, וואָס וואָלט געקאָנט געשען מיט אים, וואָלט געווען אים צו פאַרבאָטן די דאָזיקע באַציאונגען און אַרעסטירן דאָס מיידל.

— ניין, איר קענט שלעכט די דאָזיקע בחורים. אונדזער רומענישע יוגנט פאַרמאָגט אַ ריטערלעכן גייסט. אַזאַ יונגטלעכער היצקאָפּ איז אומ־שטאַנד ניט נאָר צו שטעלן זיין צוקונפט אין קאָן, ווי ער האָט דאָס שוין באַוויזן אין דער שול, נאָר אויך זיין לעבן. ער וועט זיין פריינדין ניט פאַרראָטן.

— מיט אַזאַ יוגנט וועט איר ווייט ניט פאַרפאָרן דאָ אין לאַנד. טראָץ דעם האַלט איך פאַר ניט אויסגעשלאָסן, אַז הינטער דעם שטעקט עפּעס, וואָס איז מער קאָמפּליצירט. לאָמיר אַלנפאַלס מיטנעמען מיט זיך דאָס מיידל. מיר וועלן שוין פון איר עפּעס אַרויסבאַקומען. מיר וועלן אויך זען ווי סימיאָן וועט רעאַגירן, צי ער וועט אויך האָבן דאָס מוט צו פאַרטיידיקן דאָס יידישע מיידל.

האַנס קרולע איז פאַרבליבן אין דער וואוינונג צו וואַרטן ביז קאַראָל באַרבאַרעסקו וועט צוריקקומען מיט אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל אָפּצופירן דאָס מיידל.

רעבעקאַ האָט זיך ניט געווערט. זיי האָבן איר געבראַכט אין דער גע־ביידע פון דער פריערדיקער שול, דער איצטיקער באַרבאַרעסקו־באָרדעל, און זי פאַרשפּאַרט אין אַ צימער. האַנס קרולע האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט קומען ביינאַכט זי נעמען אויף אַ פאַרהער.

:: :: ::

פראַנץ צימערלע איז אַרויסגעפאָרן מיט סימיאָן שטראָוב ביז ניט ווייט פון דער טערבעלעסטי באַן־סטאַנציע, זעקס קילאָמעטער הינטער דער סערעט־בריק, צו באַגעגענען יאָהאַן מילער און זיינע טרופּן. דער גרעסטער טייל פון זיינע באַגלייטער האָט געדאַרפט אַריבערגעפירט ווערן אין די גיטער פון אַדלערסבערג און באָומאַן. דעם נעקסטן אינדערפרי האָט מען דערוואַרט די ס.ס.־אָפּטיילונג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען מיט דער באַן, כדי אונטער־צונעמען די שטראָף־עקספּעדיציע קעגן ליבערטאַטיאַ.

יאָהאַן מילער האָט באַגריסט פראַנץ צימערלע זייער האַרציק, ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרבאָרגן אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט בנוגע סימיאָנען. ווען פראַנץ צימערלע איז אַריין אין זיין אויטאָמאָביל, האָט יאָהאַן מילער אים געזאָגט: „דער דאָזיקער סימיאָן שטראָוב געפעלט מיר ניט. איך האָב שוין דאָס דיר פריער געזאָגט. איך אויף דיין אָרט וואָלט מיט אים געווען זייער פאָרזיכטיק. אָבער אפשר מאַך איך אַ טעות. יעדנפאַלס וויל איך אים ניט האָבן היינט אָוונט אויף דער באַראַטונג.“

פראַנץ צימערלע האָט זיך געפילט געטראָפן, ער האָט אָבער ניט געוואָגט

אים ווידערצושפּרעכן און האָט בלויז געזאָגט: „מען ווייסט היינט באמת ניט אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן. האַנס קרולע איז אינגאַנצן דעגענע־רירט און טרינקט מער, ווי ער קאָן פאַרטראָגן. דער אַלטער, וועלכן מיר האָבן דעמאָלט באַשטימט אַלס דעם פּרעזידענט פון דער פאָלקס־געמיינשאַפט, דער דאָזיקער יוסטפּאַן, איז זייער באַשרענקט און מיר האָבן אים ביים אָנהויב פון אונדזער אַרבעט געמוזט באַזייטיקן. דער אַטאַ פאָן ראָובניטץ איז מער פאַראינטערעסירט אין דער ברויעריי, ווי מיר האָבן געדענקט. אונ־דזערע פריינט, די גרויסע גוט־באַזיצער, ווילן זיך אַרויספאַרבעטן. דער רו־מעניער, סטעפאַן צערטיאַן, איז שטייף און פאַרשלאָפן. מען ווייסט ניט ווי מען האַלט מיט אים, אויב ער דערפילט אַפילו קאָרעקט זיינע פליכטן. די ניי־געקומענע זיינען גוטע מענטשן, אייניקע פון זיי קען איך פון פריער. אָבער זיי דאַרפן זיך ערשט איינאַרבעטן. איך קאָן דאָך בלויז אַרבעטן מיטן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איך האָב אין מיין רשות. איך וואָלט ניט געוואָלט דיר ווידערשפּרעכן, אָבער איך האָב ביז היינט ניט געפונען די קלענסטע אורזאַך פאַר אומצוטרוי צו סימיאָנען. איך האָב אים באַאויפטראָגט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם סאַבאָטאַזש־ענין, און זינט דאַן איז אַלץ אין אָרדע־נונג, הגם מיר האָבן נאָך ניט אויסגעפונען די שולדיקע."

— גראָד דאָס מאַכט דעם מאַן נאָך מער פאַרדעכטיקט. און נאָך עפּעס: דער מענטש האָט פריער ניט געהערט צו קיין אָרגאַניזאַציע. און איצט איז ער פּלוצלונג אַזוי געשיקט און דערפאַרן. מענטשן, וואָס האָבן די צוויי יאָרצענדליקער אין ערגעץ זיך ניט באַטייליקט, זיינען אָדער יאָלדן, וואָס בלייבן עס זייער גאַנצן לעבן, אָדער זיי האָבן געהאַט געהיימע אויפגאַבן. סימיאָן אָבער איז ניט קיין יאָלד. פאַרקערט, ער מאַכט זייער אַן אינטעלי־גענטן איינדרוק. און דאָך איז ער ניט געווען קיין מיטגליד ניט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ניט פון אַ יוניאָן, און ניט פונעם דייטשישן הויז. וואָס איז ער געווען? אַ טעמפּער אַרבעטער? ניין, ליבער פריינט. דאָס איז ער ניט געווען. מיר וועלן זען. דער מאַן איז אַ טראָיאַניש פערד אין אונדזערע רייען. צוגלייך מיט אונדזער הויפּט־ציל, די פאַרניכטונג פון מאַראַרעסקו, מוזן מיר אַכטונג געבן אויף סימיאָנען. הער, וואָס אַן אַלטער פריינט זאָגט דיר. איך רעד איצט צו דיר ניט אַלס שעף און העכערער באַאַמטער, נאָר ווי אַ פריינט: זיי פאָרזיכטיק.

ווען זיי זיינען צוגעפאָרן צו פראַנץ ציממערלעס הויז און אַרויסגעגאַנגען פון דעם אויטאָמאָביל, האָט פראַנץ ציממערלע זיך געווענדט צו סימיאָן שטראָוב, וועלכער איז אָנגעקומען אין אַ צווייטן אויטאָמאָביל:

— דער שעף איז מיד. ער וואָלט היינט ניט געוואָלט האָבן קיין באַ־ראַטונגען. איך וועל אייך לאָזן וויסן, ווען אונדזער נעקסטע באַראַטונג וועט פאָרקומען.

סימיאָן איז אוועק מיט דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום רינגפּלאַץ. וואָס צימערלעס ווערטער האָבן באַטייט, האָט ער גוט פאַרשטאַנען. דער פאַרדאַכט האָט נאָר געקאָנט קומען מצד יאָהאַן מילער. נאָך ביי זיין לעצטן באַזוך אין סערעט, האָט יאָהאַן מילער זיך באַצויגן צו אים קאַלט און צוריקגעהאַלטן. אָבער כדי אויסצודריקן אָפן אַזאַ אומצוטרוי, דאַרפן די לייט האָבן אַן אורזאַך. איז מעגלעך, אַז האַנס קרולע האָט נאָך אַמאָל געכאַפּט פּעטרושקאַן און באַריכטעט וועגן דעם אין טשערנאָוויץ? די דאָזיקע מעגלעכקייט טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערן פון באַטראַכטונג. פּעטרושקאַ איז פאַר מיטאָג נאָך ניט געווען געקומען צוריק צו די פּאַרטיזאַנער און זיי האָבן דעריבער נעכטן געשיקט רעבעקאַן אין שטאָט. אַלנפאַלס, ס'איז זיכער, אַז זיי פאַרדעכטיקן מיך, און ביי מיר אין הויז געפינט זיך רעבעקאַ. זי מוז פאַרשווינדן אַזוי שנעל ווי מעגלעך, איידער זיי פירן דורך אַ הויז־זוכונג.

מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט דעם אַלטן יוסטפאַן, וועלכער איז דירעקט צוגעגאַנגען צו אים, זיך באַגריסט און געזאָגט:

— איך זוך דעם שעף פראַנץ צימערלע, אים מיטצוטיילן עטוואָס אינטערעסאַנטס. ווען איך האָב נעכטן פאַרלאָזט די פּאָטשט צו באַריכטן צום שעף וועגן די דאָזיקע בריוו מיט די פלוג־בלעטלעך, האָב איך פאַרגעסן צו געבן די בריווטרעגער אַ פאַראָרדענונג, אַז אַזעלכע בריוו דאַרף מען ניט אָפּטראָגן. איצט האָב איך צופעליק אויסגעפונען, אַז אין מיינע הענט איז אַריינגעפאַלן בלויז איין פעקל, אין דער צייט וואָס צוויי אַנדערע פעקלעך זיינען פאַנאַדערגעטראָגן געוואָרן.

— קיין דאַנק וועט אייך דער שעף פאַר דעם ניט געבן. מער פאָרזיכטיקייט, הער פאָלקס־גענאָסע.

— איך ווייס איבערהויפּט ניט, וואָס פאַר אַ שלעכטס איז פאַראַן אין די דאָזיקע פלוג־בלעטלעך. איך האָב איינס מיטגענומען אַהיים און עס פאָרגעלייענט פאַרן גלח גלורזאַנסקי. ער האָט געזאָגט, אַז עס שטימט. איך דערמאָן זיך, אגב, אַז אויך אין דעם פאָריקן קריג האָבן די רומעניער געקעמפט קעגן די דייטשן, און אַז די דייטשן פלעגן דאָ באַזוכן דעם באָרדעל און געגאַנגען צו פרויען, וועמעס מענער זיינען געווען אויפן פראָנט — צווישן אונז גערעדט, הער סימיאָן, וועלכער סאָלדאַט טוט דאָס ניט? זייט איר אָדער איך געווען אַנדערש? קאָמיש איז נאָר, וואָס אָט די לייט ווילן די סאָלדאַטן דערמאָנען וועגן דעם. דער סאָלדאַט ווייסט שוין אַליין וואָס ער האָט צו טאָן.

— הער יוסטפאַן, איך וועל אייך עפּעס בעטן, — האָט סימיאָן אונטערגעבראָכן די פּלוידעריי. — איך בין מיד, דער קאָפּ טוט מיך וויי, און איך וועל היינט ניט קומען אין דער ברויערײַ. היינט לאָדט מען ביר. איך בין אַלעמאָל פאַראַן דערביי. טוט מיר אַ טובה און גייט אַריבער אין דער

ברויערײַ אָנזאָגן די מענטשן, אַז איך האָב ניט געקאָנט קומען און זײ זאָלן טאָן די אַרבעט אָן מיר.

— מיט פאַרגעניגן, הער שטראָוב. איך גײ גלײַך. דאָרט באַקומט מען שטענדיק אַ גלאָז ביר, פריש פון קוואַל.

— יאָ, הער יוסטפאַן, וואָס נאָך האָב איך געוואָלט זאָגן? עס וואָלט אפשר געווען גוט, ווען איר זאָלט באַריכטן וועגן די פלוג־בלעטלעך אין דער אונטערפרעפעקטור. איך וואָלט דאָס אַלײן געטאָן, איך בין אָבער צו־מיד.

ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין זײַן וואוינונג, האָט ער גלײַך באַמערקט, אַז עמעצער האָט זיך דאָ אַרומגעפּאָרעט. און רעבעקאַ? איז זי אַוועקגעגאַנגען, אָדער איז זי אַרעסטירט? אונטער דער דעקע האָט ער געפונען אַ צעטעלע: „איך דאַנק אײַך, וואָס איר האָט צוויי חדשים מיך געהאַלטן און געוויזן גאַסטפרײַנטשאַפט און וואָס איר האָט מעגלעך געמאַכט, אַז איך זאָל קאָנען פאַרבלײַבן אין פאַרבינדונג מיט מײַן פרײַנט פעטרושקאַ.״

יאָ, די זאַך איז געווען קלאָר. זײ האָבן זי אַרעסטירט, ווען איך בין געפאָרן מיט פראַנץ צימערלע באַגעגענען יאָהאַן מילער. בלי ספק, איז דאָס די אַרבעט פון האַנס קרולע. דורך מיר האָט האַנס קרולע געוואָלט טרעפן אויך צימערלען. דער אומגליק איז נאָר, וואָס דער קערל האָט געהאַנדלט גראָד דעם טאָג, ווען רעבעקאַ האָט דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל זיך גע־פונען אין מײַן וואוינונג. מײַן עדות־זאָגן וועט מוזן באַשטעטיקן דאָס, וואָס זי האָט דאָ געשריבן. צי זײ וועלן דאָס גלויבן אָדער ניט, איז ניט וויכטיק. אָבער וואָלט ניט געווען ריכטיקער זיך דורכשלאָגן צום פאַרטי־זאַנער־לאַגער, כל זמן ס'איז נאָך דאָ צײַט, און זיך באַראַטן מיט די דאָרטיקע פרײַנט וועגן ווײַטערדיקע שריט? אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער, האָט ער ביים בית־עולם באַמערקט צוויי שאָטנס. דאָס אַנטלויפן איז געווען אָפּגעשניטן.

ער האָט פאַרלאָזט זײַן וואוינונג, באַשליסנדיק צו גײן אין האָטעל „האַמערהאָף״ צו זען אויב די לײַט וועלן אים נאָכגײן.

:: :: ::

האַנס קרולע האָט אינצווישן באַריכטעט צו יאָהאַן מילער וועגן זײַן נאָכשפּיאָנירן סימיאָנען, וועגן זײַן פאַרהאַלטן פעטרושקאַן און דעם לעצטנס באַפרײַאונג, וועגן דעם אַרעסט פון רעבעקאַן און זײַן פאַרדאַכט אויף הענריעטען. פראַנץ צימערלע האָט זיך געפילט געשלאָגן. בלינדע אײַפער־זוכט און פאַרלעצטע געפילן, האָט ער געטראַכט, האָבן מיר געטריבן אין אָט דעם טעמפּן ווינקל. וואָרים ווען סימיאָן האָט ביי זיך געקאָנט פועלן צו האַלטן אַ ײדישע מײדל באַהאַלטן בײַ זיך גאַנצע צוויי חדשים, איז ער אַ פאַררעטער, און איך האָב געטרויט דעם דאָזיקן פאַררעטער. דאָס אײנ־

ציקע, וואָס פאַרבלייבט פאַר מיר, איז אַ קויל. דער האַנס קרולע איז געוואָרן אַ שונא!

— איך בין שולדיק, — האָט ער געזאָגט צו יאָהאַן מילער. — אָבער, — האָט ער אָנגעוויזן אויף האַנס קרולע, — ער, ניט ווייניקער ווי איך. איך בין גרייט פאַר די קאָנסעקווענצן.

— נאָר ניט איבערגעאײַלט, — האָט יאָהאַן מילער געענטפערט. — איך בין איבערצייגט, אַז דו האָסט געהאַנדלט מיט אַ גוטער כוונה. אויב אונדז זאָל געלינגען צו כאַפּן מאַראַרעסקון, וועט דער פירער האַנדלען על פּי חסד, ניט על פּי דין. אַלנפאַלס, מוזט זיך גלייך שיידן מיט דיין פרוי. איך וועל זי אַליין נעמען אויף אַ פאַרהער. אָבער ערשט נאָך דער עקס־פּעדיציע. פריער דאַרף זי גאַרנישט באַמערקן.

שפּעט ביינאַכט האָט יאָהאַן מילער געבעטן די אָפיצערן און פּאָליציי־באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די גימער פון אַדעלסבערג און באומאַן, אַריבערצוקומען צו אים. ער האָט פאַר זיי אַנטוויקלט אַ פּלאַן פון דער אַטאַקע אויף ליבערטאַטיאַ. ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס הויז נאָך דער באַראַטונג, איז אָנגעלאָפן אַ מאָטאָרציקליסט. דער ס.ס.־מאַן האָט זיך געווענדט צו יאָהאַן מילער: „מ'האָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויפן צוג. די קליינע בריק איז פראַנצענסטאַל איז אויפגעריסן. דער לאָקאָ־מאָטיוו און די וואַגאָנען זיינען אַראָפּ פון די רעלסן. צום גליק, זיינען ניטאָ קיין סך קרבנות. מיר האָבן געהאַט אַ שלאַכט מיט די באַנדיטן. אונדזערע פאַרלוסטן זיינען פיר טויטע און דריי פאַרוואונדעטע. די באַנדיטן זיינען געווען אין אַ קלענערער צאָל. פאַרפאָלגן זיי איז געווען אוממעגלעך, ווייל זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דעם געדיכטן וואַלד."

יאָהאַן מילער איז געוואָרן בלייך, ווי קאַלך.

—דער אָנקום פון דעם צוג איז פאַרראַטן געוואָרן פון דאַנען. דער פאַרעטער קאָן ניט זיין קיין אַנדערער ווי סימיאָן שטראַוב.

— איך זע איין, — האָט פראַנץ צימערלע מיט מאַטערניש געזאָגט, און ערשט איצט האָבן די איבעריקע דערזען ווי געפאַלן ער פילט זיך, — אַז איך בין דאָ דער שולדיקער. פאַר מיר האָט דאָס לעבן מער ניט קיין זין.

יאָהאַן מילער האָט אים גראָב אונטערגעבראָכן:

— לאָז איצט צו־רו. מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין וויכטיקערע זאַכן. איז אייך געלונגען צו פאַרהאַלטן עמעצן פון דער באַנדע?

האַנס קרולע האָט אינצווישן אויסגעשריען: „דאָס איז געווען אַ באָל־שעוויסטישער איבערפאַל. מיין פאַרדאַכט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק. סימיאָן איז דער הויפּט פון אַ באָלשעוויסטישער באַנדע."

— איין מאָמענט, — האָט יאָהאַן מילער געזאָגט, — צו פאַרדעכטיקן האָבן מיר נאָך גענוג צייט. קודם כל וויל איך וויסן, צי עס איז געלונגען

צו פֿאַרהאַלטן עמעצן פֿון דער באַנדע.

— ניין, אָבער זיי האָבן איבערגעלאָזט צוויי טויטע. די טויטע זײַנען געווען סאָלדאַטן פֿון דער גרענעץ־וואַך. אַט זײַנען זייערע דאָקומענטן.

יאַהאַן מילער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענוי אונטערזוכט די דאָקומענטן.

— זיי שײַנען צו זײַן עכט. אָבער לאָמיר פֿאַרגלײַכן די נעמען מיט דער ליסטע פֿון די סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען פֿאַרשוואונדן מיט מאַראַרעסקון — יאָ, אַט זײַנען זיי ביידע.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף האַנס קרולע.

— דו זעסט, אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין איבערגעאײַלטע אויספֿירן. אַלנפֿאַלס, שטעלט די גאַנצע זאַך פֿאַר מיט זיך אַ רעטעניש. דאָס אָנקומען פֿון דעם צוג איז פֿאַרראַטן געוואָרן. פֿאַרראַטן דורך וועמען און צו וועמען? פֿאַרראַטן דורך סימיאָנען? אָבער דער זעלביקער סימיאָן באַהאַלט אַ ייִדישע מיידל. מאַראַרעסקו איז אַ ביטערער אַנטיסעמיט און קעמפֿט קעגן ייִדנטום. עפּעס שטימט דאָ ניט.

פֿראַנץ צימערלע, וועלכער איז געזעסן אַ נידערגעשלאָגענער, האָט פּלוצלונג אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— דער מענטש, וואָס האָט אַלס סעקרעטאַר פֿון דער דײַטשישער פֿאָלקס־געמײַנשאַפֿט געהאַלטן באַהאַלטן בײַ זיך אַ ייִדישע מיידל, קאָן ניט זײַן דער זעלביקער, וואָס האָט פֿאַרראַטן דעם פּלאַן צו מאַראַרעסקון. און איך קאָן ניט אויסמײַדן ניט אויסצודריקן אַ שאַרפֿן טאַדל קעגן האַנס קרולע. ווען איך בין מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען שפּעט אין אָוונט אַהיים, זײַנען דאָרט געזעסן האַנס קרולע, אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ און סטעפֿאַן צערטיאַן. איך האָב געהאַלטן בסוד דאָס אָנקומען פֿון דעם צוג און די צײַט פֿאַר אַלעמען, אַחוץ סימיאָנען. אָבער אַרײַנקומענדיק אין הויז, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז להיפּוך אַלע כּללים, האָט האַנס קרולע געעפֿנט דעם ספּעציעלן באַפֿעל, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די עקספּעדיציע וועט אָנקומען אין די נעקסטע 24 שעה. אַזוי אַז וועגן דעם אָנקום פֿון דעם צוג האָט געוואוסט ניט נאָר סימיאָן, נאָר אויך אָטאָ פֿאָן ראַובניטן, סטעפֿאַן צערטיאַן און העגריעטע. עס איז אַלזאָ גראָד אומוואַרשײַנלעך, אַז סימיאָן האָט פֿאַרראַטן, און זייער וואַרשײַנלעך, אַז אַן אַנדערער האָט דאָס געטאָן.

די דאָזיקע מעלדונג האָט אויף יאַהאַן מילער ניט פֿאַרפֿעלט צו מאַכן אַ ווירקונג. ער האָט געזאָגט:

— פֿאַרשטייסטו, פֿראַנץ, אַז דער קרייז ווערט דאָ שמאָלער? אָטאָ פֿאָן ראַובניטץ פֿאַלט אַרויס. ס'איז ניטאָ קיין שום גרונט אָנצונעמען, אַז ער וועט האָבן צו טאָן מיט אַ מאַראַרעסקו. קלאָר.

— יאַוואָל! — האָבן אַלע גלײַכצײַטיק געזאָגט.

— בלייבט אַ פאַרדאַכט אויף צוויי פּערזאָנען. אויף דיין פרוי און אויף סטעפאַן צערטיאַן. דער צווייטער פאַל, סטעפאַן צערטיאַן, דאַרף ניט אַוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט. ער האָט אַמאָל געהערט צו דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. אין זיין פאַמיליע האָט עטוואָס פּאַסירט, וואָס האָט אים געקאָנט אָנשטויסן קעגן אונדז. פון דער אַנדער זייט, האָבן זיינע העכערע באַאַמטע נאָר לויב־ווערטער פאַר אים. פון אייך האָט קיינער ניט באַמערקט עטוואָס, וואָס זאָל וואַרפן אויף אים אַ שאָטן. אָבער ווי געזאָגט, אין דער פּערספּעקטיוו לאָזן מיר ניט אויס די דאָזיקע מעגלעכקייטן. פאַר־קערט, דער פאַל מיט דיין פרוי איז זייער פאַרדעכטיק און נעמט אָן קאָנ־קרעטע פאָרמען. עס איז דאָך ניטאָ קיין ספק, אַז דאָס איז זי, וואָס האָט באַפרייט פּעטרושקאַן. אין באַטראַכט פון דער געשאַפענער לאַגע, וועל איך זי תיכף נעמען אויף אַ פאַרהער.

ער האָט אונטערבראָכן די באַראַטונג און איז אַוועק צו העגריעטעס שלאָף־צימער. ער האָט זי אָנגעהויבן וועקן ניט אינגאַנצן צערטלעך: „גנעדיקע פרוי, אַנטשולדיקט מיין אַריינברעכן זיך אין אַזאַ אומפּאַסיקער שעה. אָבער דער באַפעל און דער ווילן פון דעם פירער שטייען העכער פון אַלץ. עס האַנדלט זיך וועגן אַן ענין, וואָס קאָן ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ סעקונדע. ווען איר וועט אַרויסווייזן אַ גוטן ווילן, וועט אַלץ זיין פאַריבער אין אַ פּאָר מינוטן און איר וועט קאָנען אומגעשטערט ווייטער שלאָפן."

אין ערשטן אויגנבליק האָט העגריעטע ניט געקאָנט קומען צו זיך. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווייל דאָס ליכט האָט איר געבלענדט. ביסלעכווייז האָט זי דערקענט ווער עס געפינט זיך ביי איר אין צימער. „קומט איר מיט דער צושטימונג פון מיין מאַן?" — האָט זי געפרעגט אין אַ סאַרקאַסטיש־בייסנדיקן טאָן.

— יאָ, גנעדיקע פרוי. מיט זיין צושטימונג און זיין ווילן.

— איך האָב אים ערשט מיטאָג־צייט היינט געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס, איז ביי אייך איינגעפירט, אַז צוזאַמען מיט דעם מאַן הייראַט מען די גאַנצע פּאַרטיי. ווי רופט איר דאָס? פּאַרטיי־פרוי, אָדער פּאַרטיי־הור? קומט שנעל אַריין, הער שעף. דער ווילן פון מיין פאַרערטן מאַן איז פאַר מיר אַ באַפעל.

— אַנטשולדיקט, גנעדיקע פרוי, דאָ קומט פאָר אַ מיספאַרשטייעניש. איך וועל אייך באַלעסטיקן נאָר אייניקע מינוט, איך . . .

— איך ווייס, איך ווייס. פריער ער, דאַן זיין געהילף האַנס קרולע, איצט זיין שעף. גייט עס אַזוי ביז דעם פירער?

— שווייגט! דעם פירער לאָזט אַרויס פון דער שפּיל. דאָ רעדט צו אייך אַ פאַראַנטוואָרטלעכער באַאַמטער פון געהיים־דינסט, און ענטפערט מיר קורץ און קלאָר: האָט איר היינט אינדערפרי באַפרייט אַ בחור אין

האַנס קרולעס הויז פון די שטריק און אים געלאָזט גיין ?
— יאָ, דאָס האָב איך געטאָן.
— האָט איר דאָס געטאָן אין עמעצנס אויפטראָג ?
— אין מיין אייגענעם.
— וואָס האָט אייך באַוועגט דאָס צו טאָן ?
— האַס און עקל. האַנס קרולע האָט מיך פאַרגוואַלטיקט, ווי עס זעט אויס, מיטן וויסן פון מיין מאַן. דאַן בין איך פריייוויליק אַוועק אין קרולעס וואוינונג. דאָרט האָב איך געפונען דעם בחור. ווי עס האָט אויסגעזען, האָט ער געוואָלט טאָן מיטן בחור דאָס זעלביקע, וואָס מיט מיר. האָב איך דעם בחור באַפרייט, וואָס איך גלויב, אַז יעדע אַנדער פרוי וואָלט געטאָן דאָס זעלביקע. איך קען דעם בחור פון זיין קינדהייט אָן.
— אַזוי, איר קענט אים פון זיין קינדהייט אָן ? ווייסט איר אויך, אַז ער שטייט אין אינטימע באַציאונגען מיט אַ יידישער מיידל ?
— יאָ, איך ווייס דאָס.
— און טראָץ דעם האָט איר דאָס געטאָ ?
— יאָ.
— זאָגט מיר דאַן ווער עס איז אייער מיטוויסער און אין וועמעס אויפטראָג איר האָט געהאַנדלט ?
ביז איצט האָט הענריעטע גערעדט מיט פאַראַכטונג. איצט האָט זי געשריען דעם געשטאַפּאָ־שעף אין פּנים אריין :
— דעם אויפטראָג האָבן מיר געגעבן האַס און פאַראַכטונג צו אייך. און אַ מיטוויסער האָב איך אויך — דאָס איז מיין געוויסן.
— איר זייט אַרעסטירט. מיר וועלן נאָך מיט אייך האָבן אַ קליינעם שמועס. איר וועט אַנדעריש ענטפערן. איר קענט אונדז נאָך ניט. איר וועט אָבער שנעל זיך מיט אונדז באַקענען.

27.

אומגעבעטן, איז דער אַלטער יוסטפאַן דערשינען אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם אונטערפּרעפעקט סטעפאַן צערטיאַן. מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל האָט ער זיך באַגריסט און געזאָגט :
— די היץ איז היינט ניט אויסצוהאַלטן. אַפילו סימיאָן שטראַוב פילט זיך ניט גוט.
— סימיאָן שטראַוב פילט זיך ניט גוט ? — סטעפאַן צערטיאַן איז אויפגעשפּרונגען. — ליגט ער צו בעט ? האָט מען גערופן אַ דאָקטאָר ?
— ס'איז ניט ערנסט. איך האָב אים גראָד באַגעגנט מיט אַ האַלבער שעה צוריק אויף דער גאַס. ער האָט אויסגעזען מיד און אויסגעשעפּט און האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל זיך פאַר אים אַנטשולדיקן אין דער ברויערײַ

און אויך אייך זאָגן, אַז ער פילט זיך שלעכט. דער היינטיקער דור, זאָג איך אייך, איז עפּעס אינגאַנצן אַנדערש. איך אין זיינע יאָרן האָב צוויי מאָל טעגלעך אויסגעטראָגן די פּאָטשט, דורכגעמאַכט אַ טאָג אפשר דרייסיק קילאָ־מעטער, און ווען איך בין געקומען אַהיים, האָט מיין פרוי מיך ערשט איינ־געשפּאַנט אַרום די פרוכט־ביימער, גראָבן יונגע קאַרטאָפל, אָדער פיטערן די חזירים. יאָ, אַמאָל איז געווען אַנדערש. מיר אַלטע . . .

סטעפאַן צערמיאַן האָט פאַרשטאַנען, וואָס סימיאָן האָט אים געוואָלט לאָזן וויסן. „אַנטשולדיקט, איך האָב, צום באַדויערן, צופיל אַרבעט.״ מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיטן אַלטן.

סימיאָן, הייסט עס, ווערט פאַרדעכטיקט. אפשר נאָר איבערגעטריבענע פאָרזיכטיקייט? אַזוי גיך ווי דער אַלטער יוסטפאַן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט סטעפאַן פאַרלאָזט די קאַנצעלאַריע אַליין צו זען אויף ווי ווייט סימיאָנס פאַרדאַכט איז באַרעכטיקט. פאַרבייגייענדיק סימיאָנס וואוינונג, האָט ער באַמערקט צוויי געשטאַפּאָ־לייט, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן הויז. וואָס קאָן איך טאָן? האָט ער זיך געפרעגט.

זינט זיין באַגעגעניש מיט חיים לאַנדער, האָט סטעפאַן געהאַט בלויז איין פאַרבינדונג מיטן אונטערגרונט — סימיאָן שטראָוב. די דאָזיקע פאַר־בינדונג האָט ביי אים געהאַלטן לעבעדיק די האָפענונג נקמה צו נעמען פון די דייטשן. און אָט איז די פאַרבינדונג איבערגעריסן. צו וועמען זיך ווענדן?

אַ פאַרלאָרענער איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, ניט קאָנענדיק זאָגן וועמען ער זוכט, ווייל אַחוץ פּעטרושקאַן האָט ער פּערזענלעך ניט גע־קענט קיינעם פון סימיאָנס מיטאַרבעטער. ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואָס חיים לאַנדער האָט אים געזאָגט, איידער ער איז אָפּגעפאָרן: „מען זעט אונדז ניט, אָבער מיר זיינען אומעטום פאַראַן. איינער פון אונדז פאַלט אַריין און אומצייליקע אַנדערע פאַרנעמען זיין פּלאַץ. מיר זיינען אומ־צעשטערבאַר; אַ שטורעם קאָן אונדז אומוואַרפן, אָבער ביים ערשטן זונען־שטראַל הויבן מיר זיך צוריק אויף, ווי מיר וואָלטן געוואָלט דערלאַנגען צום הימל. פאַרלאָרן איז דער, וועלכער פאַרלירט דעם גלויבן אין אונדזער זאַך. וואָרים אונדזער זאַך איז דער אמת, וואָס קאָן פאַרטונקלט ווערן פון וואָלקנס, אָבער קאָן ניט פאַרניכטעט ווערן.״

ער איז געווען זיכער, אַז עמעצער וועט באַלד צו אים צוגיין, הגם ער קען קיינעם ניט. קיינער איז אָבער ניט געקומען. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער זיך אומגעקערט צום רינגפּלאַץ, וואו אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה פון אַ זומער־אָוונט האָט געהערשט אַ קאָכיק לעבן. די פליכטלינגען אין זייערע צעריסענע קליידער, עלעגאַנטע אָפיצערן פון דעם דערבייאיק: שפּיטאָל, פּרויען, פּראָסטיטוטקעס — אַלע האָבן זיך איצט געפונען אויפן רינגפּלאַץ. איינמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמעצער האָט אים פאַר־

טרויִלעך אַנגעריירט. ער האָט ניט געוואָגט זיך ארומצוקוקן, ווייל ער איז געווען כמעט זיכער, אַז מ׳האָט אים אויף אָט דעם אופן עפּעס געוואָלט מיט־טיילן. ער איז שנעל אוועק אהיים, האָט דורכגעזוכט זיינע קעשענעס און גאָרניט געפונען. זיין אַנטוישונג איז געווען אויסערגעוויינלעך. „איך קאָן דאָך ניט זיצן און וואַרטן אויף דאָס קומענדיקע, ניט טוענדיק אַליין גאָר־נישט." ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און האָט אַ שלאָפלאָזיקער זיך ארומגעוואָרפן אויף דער בעט. דאָס איינציקע, וואָס אים האָט באַ־רואיקט, איז געווען דער פאַקט, וואָס מאָרגן דאַרף פאָרקומען דער אויסטויש־מאַרק. דער דאָזיקער מאַרק איז לעצטנס איינגעפירט געוואָרן אויף סימיאָנס פאָרשלאָג און קומט־פאָר איין מאָל אַ וואָך. די פויערים האָבן די מעגלעכקייט אויסצוטוישן זייערע פּראָדוקטן אויף זאַלץ, קעראָסין און שוועבעלעך. דער דאָזיקער אויסטויש קומט־פאָר אין דער געביידע פון דער אונטערפּרעפעקטור און אונטער זיין אָנפירונג. סימיאָן האָט אים געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מאַרק קאָן אונטער געוויסע אומשטענדן ווערן אַ לעבנס־פראַגע פאַר דער אונטערערדישער אַרבעט, ווייל צום מאַרק קומען אַ סך מענטשן, און צווישן זיי קאָנען אויך זיין אַזעלכע, אין וועלכע מען נויטיקט זיך. און די געשטאַפּאָ האָט ניט קיין גרונט עפּעס צו פאַרדעכטיקן. ער האָט דעריבער געהאָפט, אַז דער מאָרגנדיקער מאַרק וועט אים ברענגען אַ נייע פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג.

די שעהן פון דער דאָזיקער נאַכט האָבן געשיינט זיך צו ציען ענדלאָזיק. מיטאמאָל האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ שלאָף־מאַנטל און געעפנט. אַ ס.ס.־מאַן איז אריינגעקומען. איז ער גע־קומען אים ארעסטירן? דער ס.ס.־מאַן האָט סאַלוטירט און געזאָגט: „דער שעף איז אָנגעקומען נעכטן אָוונט און וויל, הער אונטערפּרעפעקט, זייער נויטיק מיט אייך רעדן."

— איז עס זייער דרינגענד?

— דער שעף דערוואַרט אייך אין אַ האַלבער שעה אין דער וואוינונג פון דעם הער שטאַנדאַרטן־טרעגער, פראַנץ צימערלע.

אין פראַנץ צימערלעס אויפנעם־צימער האָבן נאָך געברענט די לאָמפּן, הגם ס׳איז שוין געווען ליכטיק. אין דעם אויפנעם־צימער זיינען געזעסן די שעפן פון דער געשטאַפּאָ. אויפן טיש זיינען געשטאַנען ליידיקע קאַווע־טאַסן; די פּנימער זיינען געווען ניט־דערשלאָפן, גלייכגילטיק — און דאָך פול מיט שפּאַנונג. יאָהאַן מילער איז סטעפּאַנען געקומען דריי טריט אַנטקעגן.

— גוט־מאָרגן, חשובער הער אונטערפּרעפעקט. איך האָב אייך ניט געוואָלט שטערן אייער נאַכט־רו, אָבער כ׳האָב געמוזט אייך איינלאַדן אַזוי פרי פאַרטאָג אויף אַ באַראַטונג. עס איז אַ פאַרדאַמט ערנסטע און פאַר־וויקלטע פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אונדז. פאַרדאַמט זאָל עס ווערן! זעצט

זיך. איך וועל אייך בקיצור אינפאָרמירן. איר ווייסט דעם צוועק פון אונדזער קומען אהער. ס'איז דער ענין מאַראַרעסקו, וואָס איז, צום באַדויערן, נאָך אַלץ ניט אויפגעקלערט. ווען איך בין אהער אָנגעקומען, האָב איך געפונען ניט קיין גאָר פריילעכע פאַרהעלטענישן. ווען איך זאָג דאָס אַזוי אָפן און צום פונקט, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס איך וויל מאַכן אַ פאָרוואורף אייך, נאָר מיינע אייגענע מענטשן. מיר האָבן דאָ ניט געננומען אין אַכט די איינ־פאַכסטע כללים פון פאָרזיכטיקייט. שטעלט זיך פאָר, סימיאָן שטראַוב האַלט באַהאַלטן ביי זיך אין וואוינונג אַ יידישע מיידל. מ'קאָן זיך גאָר ניט פאָר־שטעלן אַזאַ זאַך, ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז דער דאָזיקער מאַן איז דער סעקרעטאַר פון דער דייטשישער פאָלקס־געמיינשאַפט, צו וועמען מיר האָבן געהאַט צוטרוי. אים האָבן מיר אָנגעטרויט די אויספאָרשונג פון דעם סאַבאָטאַזש־אַקט אין דער ברויעריי. תיכף האָט דער סאַבאָטאַזש זיך אָפּגע־שטעלט, אָבער די שולדיקע האָט מען ניט געכאַפּט. קאָן נאָך עמעצער צווייפלען, אַז דער דאָזיקער סימיאָן שטראַוב איז געווען דער סאַבאָטאַזשניק? מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָב איך געהייסן אים אַרעסטירן. איר, הער אונטערפרעפעקט, האָט דאָך אויף אונדזער אויפטראָג מיט אים צוזאַמענ־געאַרבעט. האָט איר אין דער קורצער צייט פון אייער צוזאַמענאַרבעט גע־קראָגן אַ פאַרדאַכט אויף אים?

— איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב קיין שום פאַרדעכטיקס ניט באַמערקט. אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַט דעם אויפטראָג פון מיינע העכערע באַאמטע צו האָבן צוטרוי צו יעדן מענטשן, וואָס ווערט מיר געשטעלט צום דינסט פון אייער זייט, ווי צו מיינע אייגענע מענטשן.

— אפשר ווייסט איר עטוואָס מער וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם דאָזיקן מענטשן?

— פערזענלעך ניט. איך ווייס בלויז, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו אַ יוניאָן אָדער אַ לינקער אָרגאַניזאַציע.

— אָבער איך ניט צו קיין רעכטער. אונדז אינטערעסירן איצט די פאָלגנדיקע פראַגן: האָט ער די דאָזיקע יידישע מיידל געהאַלטן באַהאַלטן פון פריער? איז זי זיין פריינדין, אָדער אַ קוריער?

— ווען און ווער האָט דאָס אַנטדעקט? איך ווייס גאָרנישט וועגן דער גאַנצער זאַך.

— האַנס קרולע האָט געקראָגן אַ פאַרדאַכט אויף סימיאָן שטראַוב, אים נאָכגעשפּיאָנירט און אויסגעפונען, אַז אַ רומענישער יינגל פון שטאָט, מיטן נאָמען פּעטרושקאַ, איז אייערנעכטן ביינאַכט געקומען צו אים אין זיין וואוינונג. וועגן דעם דאָזיקן יינגל האָט מען געוואוסט אין שטאָט, אַז ער שפּילט אַ ליבע מיט דער יידישער מיידל, וואָס מ'האָט געפונען אין סימיאָנס וואוינונג. טראָץ דעם האָט מען דעם דאָזיקן בחור געלאָזט גיין אומבאַאָב־

אכטעט. נאָך מער: ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון א דייטשישער פאַמיליע, מען האָט ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען די דאָזיקע דייטשישע פאַמיליע.

— איך בין גאַנץ דערשטוינט. ווען איך האָב איבערגענומען מיין אמט, האָט דער הער שטאַנדאַרטן־טרעגער, פראַנץ צימערלע, מיר אינפאָרמירט אַז מיט דער אויסנאַם פון איין אַלטן מאַן, איז אין שטאָט ניט פאַראַן מער קיין יידן. וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן פעטרושקאַ האָב איך אויסגעפונען ערשט לעצטנס, ווען ער האָט געראַטעוועט דעם גוט־באַזיצער פון טויט, ווען זיינע פערד האָבן זיך צעפּוזשעט.

— דאָס איז דאָך וואָס איך זאָג אייך: מ'האָט דאָ ניט אָפּגעהיט די עלעמענטאַרסטע כללים פון וואַכזאַמקייט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז געווען די פליכט פון מיינע מענטשן אייך צו אינפאָרמירן וועגן אַלץ. און הערט איצט ווייטער: האַנס קרולע האָט אייערנעכטן ביינאַכט געכאַפּט אָט דעם בחור ...

— אַנטשולדיקט, הער קאָמיסאַר, איך הער ערשט איצט וועגן דעם, הגם איך בין ניט בלויז אונטערפּרעפעקט, נאָר דער שעף פון געהיים־דינסט פון דער שטאָט.

— דאָס איז דער גרויסער פעלער, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן. און מיר קומען דערמיט צו א ווייטערדיקן אַנטשיידענעם פּונקט: דער בחור איז פאַרשוואונדן פון האַנס קרולעס וואוינונג.

— פאַרשוואונדן? האָט עמעצער איינגעבראָכן די טיר?

— ניין, הער אונטערפּרעפעקט, די פראַגע איז קאָמפּליצירט, אפילו עטוואָס דעליקאַט. א צווייטן שליסל צו דער וואוינונג האָט געהאַט — עס איז פיינלעך וועגן דעם צו רעדן, אָבער מיר קאָנען דאָס ניט אויסלאָזן — די פרוי פון דעם שטאַנדאַרטן־טרעגער פראַנץ צימערלע. די דאָזיקע פרוי האָט מסתמא באַפרייט דעם בחור. נעמען מיר צוזאַמען די אַלע זאַכן, באַקומט זיך דאָן דאָס פאָלגנדיקע: אינדערפרי, ווערט א פאַרדעכטיקער בחור באַפרייט דורך דער פרוי פון אונדזער אָנפאַרטרויטן דאָ אין שטאָט. דער דאָזיקער בחור האָט געקאָנט ווערן א שליסל צו דער לייזונג פון דער גאַנצער רעטעניש. די פרוי, וואָס האָט אים פרייגעלאָזן, איז ערשט מיט א קורצער צייט צוריק אויפגענומען געוואָרן אין דער דייטשישער געמיינשאַפט. זי איז אָבער א רומעניערין. מיר האָבן זיך גענומען אונטערזוכן די דאָזיקע פרוי, מיר ווילן אָבער וויסן פון אייך: איז די דאָזיקע פרוי געווען טעטיק אין דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג פון לאַנד? האָט איר נעענטער געקענט די דאָזיקע פרוי?

אַלע אויגן זיינען ביי די דאָזיקע ווערטער געווען געווענדט אויף סטעפאַן צערטיאַן.

— דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אהער געקומען, האָט צימערלע זי מיר פאָרגעשטעלט אלס זיין כלה. וועגן איר פארגאנגענהייט און אידעאָלאָגיע ווייס איך גאָרנישט.

האַנס קרולע איז אויפגעשפרונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער יאָהאַן מילער האָט איז געגעבן א צייכן צו שווייגן.

— פאַר אונדז, הער אונטערפּרעפעקט, איז פון אַנטשיידנדיקער וויכטיקייט די פראַגע, צי ס'איז פאראַן א צוזאַמענהאַנג צווישן דער באַפרייאונג פון דעם בחור און דאָס אויסבאַהאַלטן פון דער יידישער קורווע אין סימיאָן שטראָובס וואוינונג. אין דער גאַנצער זאַך איז פאראַן א ווידערשפּרוך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן. האָט די פרויע הענריעטע, פריער פּאַפּאָוויטש, געהאַנדלט אלס נאַציאָנאַליסטקע? דעמאָלט איז דאָך דאָס אין ווידערשפּרוך מיט דער דאָזיקער יידישער מיידל.

— באמת, אַן אויגנשיינלעכער ווידערשפּרוך.

— אָבער מיר זיינען נאָך ניט ביים סוף פון דער מיסטעריע. איך האָב אָנגעזאָגט, אַז דער צוג מיט מיינע מענטשן וועט אָנקומען כלומרשט מיט א טאָג פריער, אָבער כ'האָב מודיע געווען דעם שטאַנדאַרטן־טרעגער וועגן דער ריכטיקער צייט. דורך אַן אומפאַרזיכטיקייט פון האַנס קרולע האָט איר און די פריערדיקע פריילין פּאַפּאָוויטש זיך דערוואוסט וועגן דער ריכטיקער צייט. ניט וואָס איך פאַרדעכטיק אייך! אָבער מ'האָט געמאַכט אַן איבערפאַל היינט ביינאַכט אויף אונדזער צוג. מ'האָט אונדזער געהיימניש פאַרראַטן.

— ווייס מען ווער עס האָט דאָס געטאָן?

פון א קאַנוווערט, וואָס איז פאַר אים געלעגן, האָט יאָהאַן מילער אַרויסגענומען צוויי לעגיטימאַציעס און זיי דערלאַנגט צערטיאַנען. ער האָט געלייענט: צווייטער באַטאַליאָן, פערטער גרענעץ־רעגימענט. „מאַראַרעסקוס מענטשן", האָט ער געזאָגט.

— בלי ספק. דאָס איז פעסטגעשטעלט. האָבן מיר ווידער די זעלביקע רעטעניש. די פרוי פון אונדזער אָנפאַרטרויטן דאָ אין שטאָט באַפרייט א פאַרדעכטיקן בחור; דער סעקרעטאַר פון אונדזער פאָלקס־געמיינשאַפט האַלט באַהאַלטן א יידישע מיידל; ער אונטערזוכט די סאַבאָטאַזש־אַקטן אין דער ברויעריי און גלייך הערט אויף דער סאַבאָטאַזש; דער סוד פון דעם אָנקום פון אונדזער צוג ווערט איבערגעגעבן דעם נאַציאָנאַליסטישן פירער און דעם יידן־שונא מאַראַרעסקו. זאָלן זיך דאָ האָבן פאַרבונדן באָלשעוויקעס און עקסטרעמע רומענישע נאַציאָנאַליסטן? וואָרים מיר קאָנען דאָך ניט אָננעמען, הער אונטערפּרעפעקט, אַז דער דייטש סימיאָן שטראָוב איז א רומענישער נאַציאָנאַליסט. גלויבט איר, הער אונטערפּרעפעקט, אלס געוועזענער מיטגליד פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", אַז אַזאַ פאַרבינדונג איז מעגלעך? ווי זעט איר איבערהויפּט די גאַנצע זאַך? האָט איר ווען געהאַט

אלס א באַאַמטער פון געהיים־דינסט אַן ענלעכן פאַל?

— איך האַלט, אַז אַ פאַרבינדונג צווישן מאַראַרעסקו און די באָלשע־וויקעס איז אויסגעשלאָסן.

— ווי אַזוי אָבער דערקלערט איר די צוזאַמענהאַנגען?

— דער ענין מוז אונטערזוכט און דורכגעטראַכט ווערן.

— מיר האָבן, הער אונטערפּרעפעקט, צוויי גאַנץ קאָנקרעטע אָנהאַלט־פּונקטן: דער פאַקט, וואָס די יידישע מיידל האָט זיך געפונען אין דער וואוינונג פון סימיאָן שטראָוב, און די באַפרייאונג פון דעם בחור דורך הענריעטע פּאָפּאָוויטש. איך וועל אייך בעטן קומען מיט מיר פאַר אַ פּאָר מינוט אין דעם אַנדער צימער.

יאָהאַן מילער האָט זיך אויפגעהויבן, סטעפאַן האָט אים נאָכגעפאָלגט. האַנס קרולע און פראַנץ צימערלע זיינען געבליבן זיצן ביים טיש, ניט געבנ־דיק אַ פינטל מיט אַן אויג. ס'איז געווען קלאָר, אַז זיי פאַרשטייען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— איר פאַרשטייט, הער אונטערפּרעפעקט, מיר האָבן געהערט, אַז איר האָט זיך געפונען אין אַ פאַרהעלטעניש צו דער פריערדיקער פּריילין פּאָפּאָ־וויטש. איך מיין . . .

סטעפאַן האָט אים אונטערבראָכן:

— דאָס שטימט ניט. איך האָב זיך ערשט באַקענט מיט דער דאַמע אין סערעט און בין אַריינגעקומען אהער אין הויז וועגן אַמטלעכע ענינים.

יאָהאַן מילער האָט אים שאַרף אַ קוק געטאָן אין די אויגן און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך. אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב די דאָזיקע פראַגע געשטעלט אַזוי דירעקט, אָבער איר פאַרשטייט דאָס זייער גוט. פאַרמיטאָג וועט אָנקומען אונדזער צוג און מיר וועלן דאַן אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג וועגן אונדזערע וויטערדיקע שריט. פאַר דעם מאָמענט וואָלט איך מער ניט געוואָלט פאַרנעמען אייער צייט.

:: :: ::

די קראָם פון דעם אויסטוויש־מאַרק אין דער געביידע פון דער אונטער־פּרעפעקטור האָט מען געעפנט זיבן אַזייגער אינדערפרי. אַלס זיינע אַרויס־העלפער האָט סטעפאַן צערטיאַן געהאַט פיר טראַנסילוואַנישע פּליכטלינגען. אָבער ווי נאָר די ערשטע קונדן האָבן זיך באַוויזן און מ'האָט אָנגעהויבן ציילן די אייער און אַרויסגעבן קעראָסין און זאַלץ, האָבן צו סטעפאַנען זיך געמאָלדן צוויי פון די ניי־אָנגעקומענע געשטאַפּאָ־אַגענטן.

— דער הער קאָמיסאַר צימערלע האָט אונדז געשיקט אהער, דערוואַרטנ־דיק אַז איר וועט זיך נויטיקן אין הילף. מיר שטייען צו אייער דינסט.

סטעפאַן האָט זיי געגעבן אַרבעט. דער פאַרקער אין דער קראָם איז געוואָרן אַלץ גרעסער. פּויערים האָבן זיך געשטופּט און געוואָלט שנעל

פארטיק ווערן, ווייל יעדע שעה, ווי זיי האָבן געזאָגט, איז אין אָט דער צייט געציילט. דער אויסטויש איז אָנגעגאַנגען אָן רייבונגען. קיין געלט־פאַרקויף איז איבערהויפּט ניט געווען אין דער דאָזיקער קראָם. די חשבונות זיינען געמאַכט געוואָרן לויט אַ באַשטימטן שליסל. ווען מ׳האָט ביי אַ פּויער צו־גענומען אַ פּראָדוקט, האָט מען אים געגעבן אַ צעטל, וואָס ער האָט איבער־געגעבן סטעפאַנען, וועלכער האָט אים אַרויסגעגעבן אַן אָנווייזונג אויף אַנדערע סחורות.

אַרום צען אַזייגער האָבן זיך באַוויזן יאָהאַן מילער און פּראַנץ צימערלע. זיי זיינען אַריינגעקומען צו סטעפאַנען אין זיין אַרבעט־צימער, הינטער דער קראָם. יאָהאַן מילער האָט גערעדט מיט אָנערקענונג וועגן דעם, וואָס זיי האָבן דאָ געשאַפן. „איך וועל באַריכטן וועגן דעם אין טשערנאָוויץ", האָט ער געזאָגט.

לאַנג האָבן זיי אָבער ניט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל סטעפאַן האָט קיין צייט ניט געהאַט צו שענקען זיי וועלכע ס׳איז אויפמערקזאַמקייט. אַרום האַלב צוועלף, אַ שעה איידער די קראָם איז געשלאָסן געוואָרן, איז אַריינ־געקומען אַ פּויער, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך פּראָדוקטן. דער חשבון איז געווען אַ ביסל קאָמפּליצירט. ווען צערטיאַן האָט געהאַלטן אין אויסמאַכן די אָנווייזונג, האָט ער דערהערט: „וויים מען עפּעס וועגן דעבעקאַן ?"

בלויז לויט דער שטים האָט ער חיימען דערקענט. בקיצור האָט ער דערציילט חיימען וועגן אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און חיים האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך באַמיען זיין אין אָוונט אין דער וואוינונג פון פּראַנץ צימערלע.

.28

פריער האָט מען אָנגערופן דעם דאָזיקן צימער די בטלנישע קלויז. דער דאָזיקער צימער האָט זיך געפונען אונטער דער גרויסער שול און דעם נאָמען האָט ער געקראָגן דערפאַר, ווייל דאָ פלעגן יעדן טאָג זיצן צען אַלטע יידן און לערנען משניות אָדער זאָגן תהילים נאָך די נשמות פון פאַרשטאָרבענע פרומע יידן. דער צימער איז געווען אַ טונקעלער, די ווענט פאַרשטעלט מיט אַלמערס ספרים. דאָ האָבן זיך געפונען גרויסע אַלטע גמרות, אַלערליי אויסגאַבעס פון חומשים, סידורים און קבלה־ספרים. אין דער וואָכן פלעגט מען אין דער קלויז דאַוונען שחרית, מנחה און מעריב, ווייל די גרויסע שול פלעגט מען עפענען בלויז שבתים און יום־טובים. וועגן דער דאָזיקער קלויז פלעגן אַמאָל אַרומגיין אַלערליי לעגענדעס. אַ סך יידן פלעגן מורא האָבן אַריינצוגיין ביינאַכט אין דער קלויז, ווייל מ׳האָט געגלויבט, אַז די נשמות פון די מתים, פאַר וועלכע די עשרה בטלנים זיינען מתפּלל בייטאָג, פאַר־

לאָזן ביינאַכט זייערע קברים און קומען אהער. טאָג און נאַכט פלעגן אין דער קלויז ברענען ליכט, וואָס האָבן אָבער ווייניק באַלויכטן דעם צימער, וועלכער האָט פאַרמאָגט צוויי גרויסע פענצטער, מיט געפאַרבטע שויבן, וואָס זיינען אַרויס אין אַ הויף.

ווען באַרבאַרעסקו האָט פאַרוואַנדלט די גרויסע שול אין אַ באָרדעל, איז דער דאָזיקער צימער באַנוצט געוואָרן צו באַשטראָפן ווידערשפּעניקע מיידלעך און פרויען. באַרבאַרעסקו האָט פאַר דעם געהאַט זיינע אייגענע מעטאָדן. ער פלעגט זאָגן די מיידלעך: אין דעם דאָזיקן צימער גייען נאָך אַלץ אַרום מתים ביינאַכט. אין דער טונקלקייט, פלעגט ער איינאָרדענען אַ גערויש, וואָס האָט געשיינט צו קומען פון די ווענט, ביז די אויף־טויט־דערשראָקענע מיידלעך פלעגן זיך בעטן, אַז מען זאָל זיי נעמען אין די אויבערשטע צימערן, פול מיט ליכט און געזאַנג, און זיי פלעגן צוזאָגן, אַז זיי זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, אַבי ראַטעווען זיך פון דעם דאָזיקן גרויל־האַפטיקן צימער.

ווען מ׳האָט העגריעטען אַריינגעשטופּט אין דעם דאָזיקן צימער, איז זי פון אָנהויב געווען אַזוי אַפּאַטיש, אַז זי האָט ווען קיין זאַך ניט געטראַכט, קיין זאַך ניט געפילט, און קיין זאַך ניט געוואָלט. דאָס איינציק רויטלעך לעמפּל, וואָס איז דאָ געהאַנגען, האָט אָפּט אַ צוק געטאָן אין דער הויך און איז ווידער אַראָפּגעפאַלן. דאָס, אַלזאָ, איז דער צימער, וואו עס וואַנדלען אַרום די נשמות פון די יידישע מתים, האָט ביי איר אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. אָבער זאָלן זיי קומען. אַפילו גייסטער קאָנען ניט זיין ערגער פון די דייטשן. ערשט מיט פערצן טעג צוריק בין איך געוואָרן די פרוי פון דעם געשטאַפּאָ־שעף. ווי נאַריש איך בין געווען! מענטשן האָבן מיר געזאָגט וואָס די גע־שטאַפּאָ איז, און איך האָב דאָס ניט געוואָלט גלויבן. איינער האָט מיך פאַרגוואַלטיקט, און דער שטאָלצער ריטער, מיט וועמען איך האָב חתונה געהאַט, איז קיין ריטער ניט געווען, נאָר אַן עלנטער קנעכט, אַ טרוס. ער האָט אָנגענומען די פאַרגוואַלטיקונג פון זיין פרוי אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכע זאַך. ער איז געזעסן אין דעם דערבייאיקן צימער, ווען איך, די יורש־טע פון דעם דירעקטאָר פון דער עסטרייך־אונגאַרישער באַנק, בין אין מיין בעט געפייניקט געוואָרן פון אַ טורעמשמשיק, וואָס מען רופט געשטאַפּאָ־שעף, יאַהאַן מילער. אומפאַרשעמט, האָט ער אַראָפּגעשלעפּט די דעקע פון מיר אין בעט, געריסן די העמד פון מיין לייב, מיך געשלאָגן, כדי אַרויס־צוקריגן פון מיר באַווייזן. איך האָב גערופן נאָך הילף און אין דעם דער־בייאיקן צימער איז געזעסן דער טרוס, וואָס דער געזעץ רופט אים מיין מאַן, און געשוויגן. געשוויגן? ניין...

זי האָט זיך נאָך אַמאָל דערמאָנט די גאַנצע סצענע. ווען זי האָט יאָהאַן מילערן געגעבן אַ ווידערשטאַנד, ווען זי האָט מיט אירע לאַנגע נעגל אים

געדראַפּעט דאָס פּנים—האַפּנטלעך, וועט מען דאָס לאַנג קאָנען זען—זיינען אַריינגעקומען האַנס קרולע און איר מאַן אַליין אים צו העלפן. דריי מענער קעגן איין פרוי! דאָס זיינען די העלדן, וואָס דעראָבערן די וועלט! דאָס זיינען די מענטשן, וואָס רעדן וועגן אַ נייער וועלט־אָרדענונג, וואָס רופן זיך דער געשלעכט פון מאָרגן! און איצט האָבן זיי מיך געבראַכט אַהער. ווייזט אויס, אַז זיי ווילן מאַכן פון מיר אַ רעגימענט־הור. זיי וועלן אָבער האָבן מיט מיר צו זינגען און צו זאָגן. איך וועל דאָס אַרויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט. מערדער וועל איך זיי רופן, אויסוואורפן פון דער מענטשהייט. און פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „אויסוואורפן, פאַרברעכער, עפנט אויף, לאָזט מיך אַרויס! איך בין אַ טאָכטער פון דעם לאַנד. ווער האָט אייך אַהער גערופן? הילף!!"

— מיר, יאָ, מיר וועל אויך דיר העלפן, — האָט אַ פרויען־שטים זיך אָפּגערופן פון דער אַנדער זייט צימער. העגריעטע האָט אויפגעשווידערט. וואָס איז דאָס? וואו? זי האָט מיט אירע אויגן דורכגעבויערט די פינצטער־ניש. זי איז אָבער שנעל געקומען צו זיך. מיט אַ זינלאָזיקער באַוועגונג האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מאָרדע. ניט מורא האָבן, האָט זי זיך געזאָגט, ניט מורא האָבן. ס'איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט דאָ גערעדט. זי האָט צוזאַמענגענומען אַלע אירע כחות און געזאָגט מיט אַ רואיקער שטים, וואָס האָט זי אַליין פאַרוואונדערט: „ווער רעדט דאָ?"

— מיין נאָמען איז רעבעקאַ.

— דו ביסט עס, רעבעקאַ? זיי האָבן דיך געכאַפּט, פאַרשלעפּט אַהער אין באָרדעל? זיי וועלן דיך דערמאָרדן, — איך האָב דאָס דיר געזאָגט נאָך אייערנעכטן, — ווי זיי האָבן דערמאָרדעט ליזאַ אַדלער. יאָ, צוליב ליזאַ אַדלער האָט מיך גאָט שווער באַשטראָפט. איך פאַרדין די שטראָף. אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווען איך האָב אָנגעטאָן איר קלייד צו דער חתונה. איר נשמה איז צו מיר געקומען, צו מיין טיש אויף דער חתונה. זי איז גע־קומען אין דער געשטאַלט פון אַ ווייסער הון. איך האָב געדאַרפט גיין אויפן בית־עולם פאַרנויגן זיך צו איר קבר און זאָגן אין דער הויך, אַז איך בין באַגאַנגען קעגן איר אַ שווערע זינד. אָנשטאָט דעם, האָב איך געלאָזט זי דערמאָרדן. ניין, גלויב דאָס ניט, רעבעקאַ! אַזוי געזונקען בין איך נאָך ניט. ס'איז אָבער געווען מיין שולד, וואָס זי איז אומגעקומען. איך האָב חתונה געהאַט מיט איר מערדער. איך מוז זיך מתוודה זיין פאַר דיר, רעבעקאַ. זיי האָבן אומגעבראַכט אונדזער גלח. דו ביסט ניט קיין הור, וואָס גיט זיך אָפּ פאַר אַ בעסער לעבן. האָבן זיי דיך מיסברויכט, האָבן זיי דיך געצוואונגען? רעד, מיין קינד!

— זיי זיינען דאָ נעכטן געווען, די צוויי, וואָס האָבן מיך אַרעסטירט, דער פריערדיקער אונטערפּרעפעקט קאַראָל באַרבאַרעסקו און דער דייטש מיט

דער אראפגעהאנגענער ליפ. איך זאל זיך מודה זיין. און ווען איך האב געשוויגן, האבן זיי מיר געצוואונגען טרינקען זייער אורין. און ווען איך האב גארנישט געזאגט, האבן זיי געבראכט זאלץ־וואסער און עס מיר איינגעגעבן מיט גוואלד. און איצט בין איך דורשטיק. קיינער ברענגט מיר ניט קיין טראפן וואסער צום טרינקען. און עס עקלט מיך און עס טוט מיר ווי אומעטום.

איר שטים איז געווארן אלץ העכער און פיינלעכער. דאן האט זי זיך אפגעשטעלט און געזאגט מיט א פעסטער שטים: „און זיי וועלן דאך פון מיר גארנישט ארויסבאקומען."

פון דעם נעקסטן צימער האבן זיך דערטראגן דומפע קלעפ און געשרייען. רעבעקא האט געזאגט: „דאס שלאגן זיי סימיאנען. זיי האבן אים זיכער ארעסטירט און מאטערן אים, ווייל ער האט מיך באהאלטן אין זיין וואוינונג."

מ'האט אויפגעשלאסן די טיר און מיט א בלענד־ליכט אין האנט איז אריינגעקומען — הענריעטע האט אים איצט דערקענט לויט זיין גאנג — יאהאן מילער, נאכגעפאלגט פון צוויי מענטשן. די צוויי האבן אנגעכאפט רעבעקאן און זי ארויסגעשלעפט. יאהאן מילער האט געהאלטן דאס בלענד־ליכט געצילט אויף הענריעטעס אויגן, אזוי אז זי האט געמוזט פארמאכן די אויגן.

— הערט, הענריעטע, פארגעסט וואס היינט אינדערפרי איז צווישן אונדז פארגעקומען. איך האב געהאנדלט אין מיין ראל אלס דער פארטרעטער פון דעם פירער. אזוי ווי איך טראג די פאראנטווארטלעכקייט פאר מיליאנען, האב איך אויך געהאנדלט אין די אינטערעסן פון אייער צוקונפט און אייער וואוילזיין. ניט אלע בריקן זיינען נאך פארברענט הינטער אייך. עס שטייען נאך אפן פאר אייך אלע טירן צו א פריי און גליקלעך לעבן אלס א דייטשישע פרוי. ווענן דעם, אז איר געפינט זיך דא, ווייס קיינער ניט, אחוץ האנס קרולע, וועלכער איז שטום ווי דער קבר, אייער מאן און איך. וואס שייך דער דאזיקער יידישער הור, וועט זי מער קיין געלעגנהייט ניט האבן צו רעדן — אירע שעהן זיינען געציילט. זאגן א ליגן האט ניט קיין זין. צערטיאן האט זיך מודה געווען. ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט מיט אייך אנגעהאלטן באציאונגען זינט דעם צווייטן טאג, וואס ער איז דא געווארן דער אונטערפרעפעקט. ער האט זיך מודה געווען, אז ער איז אין דינסט און האט געהאנדלט לויטן אויפטראג פון א פארברעכערישער ארגאניזאציע, וועמעס הויפט איז דער באנדיט מאראר עסקו. ער האט אויך דערציילט, אז איר האט זיך געווארפן אין זיינע ארעמס און אים פארפירט. ער האט דערקלערט, אז איר האט פון אים געקראגן פופציק טויזנט דאלער. זיין האלטן זיך ביים פארהער איז געווען אינגאנצן ניט ריטעלעך. האבן

פאַרהעלטעניש מיט אַ פרוי און זי דאַן פאַרראַטן, פּאַסט ניט פאַר אַ מענטש. איר זעט, אַז איר האָט זיך אָפּגעגעבן אַן אומווירדיקן מענטשן. רעדט, מאַכט לייכטער אייער געוויסן. מיט יעדער פרוי קאָן דאָס אַמאָל פּאַסירן. מיר זיינען בלויז שוואַכע מענטשן, און דער שטאַרקסטער און שטאָלצסטער האָט זיינע שוואַכע מאָמענטן. איך בין איבערצייגט, אַז מיטן געלט האָט דאָס ניט געהאַט וואָס צו טאָן."

נאָך זיין אינדערפריאיקן געשפּרעך מיט סטעפאַן צערטיאַן, איז יאָהאַן מילער געווען איבערצייגט, אַז סטעפאַן געפינט זיך אין דינסט פון די רו־מענישע נאַציאָנאַליסטישע קרייזן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז סטעפאַן און הענריעטע האָבן געהאַט באַציאונגען נאָך פאַר הענריעטעס חתונה מיט צימערלען. האַנס קרולע האָט אים דאָס פאַרזיכערט. ער איז דעריבער געקומען אַנטשלאָסן אַרויסצוקריגן פון הענריעטען אַלץ, וואָס זי ווייס, ווייל ער איז איצט געווען נאָך מער פאַרווירט, ווי פריער. געפינט זיך מאַראַרעסקו אין דעם זומפּ־געביט, אָדער אין ליבערטאַטיאַ? די אויסשפּיר־פּאַטרולן, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט אין דעם זומפּ־געביט, האָבן קיין נייעס ניט געבראַכט, זיי האָבן ניט געפונען קיין שום פאַרדעכטיקס. אַן אַטאַקע אויף דעם זומפּ־געביט, אויב דאָרט געפינען זיך באמת אָרגאַניזירטע שונאים, פאַרלאַנגט גרעסערע פּאָרבאַרייטונגען און מער קרעפטן, ווי ער האָט דאָ צו זיין דינסט. דער פירער פאָדערט אָבער פון אים מעשים. דער פירער האָט אים געגעבן אַ טערמין, וואָס ענדיקט זיך אין פיר טעג אַרום, מאַראַרעסקון צו כאַפּן. אין פיר טעג קאָן מען אָבער ניט אַטאַקירן דעם זומפּ־געביט, ניט שטעלנדיק אין געפאַר די גאַנצע אָפּטיילונג. אַלץ וועט אויפגעקלערט ווערן, אויב נאָר די דאָזיקע האַרטנעקיקע הור זאָל וועלן רעדן. וואָרים סימיאָנס ראָלע איז געווען אינגאַנצן ניט קלאָר. אויס איבערצייגונג האָט סימיאָן, דער דייטש, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך באַהאַלטן אַ יידיש מיידל, ניט גע־קאָנט האַנדלען — אָדער איז אפשר די גאַנצע זאַך מיט סימיאָנען ניט גע־פערלעך? ער האָט ניט קיין ווייב און האָט געהאַלטן די יידישע מיידל, וועלכע איז בלי ספק אַ שיינע, פאַר זיינע סעקסועלע צוועקן. כדי זי צו האַלטן אין גוטן הומאָר, האָט ער דערלויבט דעם יונגן פּעטרושקאַן צו קומען צו איר ביינאַכט. דאָס מאַטערן סימיאָנען האָט ניט געבראַכט קיין שום פּאָזי־טיווס. בשייכות דער יידישער מיידל האָט דער קערל זיך מודה געווען, האָט דערקלערט, אַז ער האָט געהאַנדלט אין אַ צושטאַנד פון סעקסועלער פאַרשיכורטקייט. און זיינע באַווייזן שטימען מיט דעם, וואָס די יידישע מיידל האָט געזאָגט. ווען הענריעטע זאָל נאָר רעדן!

הענריעטע האָט אָבער געשוויגן.

— פרוי צימערלע, איך רעד צו אייך, ווי צו אַ דייטשישער פרוי. אַ דייטשישע פרוי בלייבט אויך דאַן אַ דייטשישע פרוי, ווען זי האָט איין מאָל

אין לעבן געמאכט א טעות, אבער האט חרטה און קומט צוריק. איר זייט יונג, איר זייט שיין, די וועלט שטייט אָפן פאר אייך. איר האט איצט די לעצטע געלעגנהייט. איר קאנט אויסקלייבן. קלייבט אויס דאס גליקלעכע לעבן.

— אָדער אניט, וואס? — האט הענריעטע געפרעגט.

— לאזט מיר בעסער ניט אויסרעדן דאס אנדערע. דאס גרוילעכע וויל איך ניט דערמאנען. איך וויל דאס אייך פארשפארן —. צוליב דעם בין איך אהער געקומען.

— דאס אלץ זיינען ליגנס. קיין מאל האט קיין אנדער מאן מיך ניט אנגערירט פאר אייער באשעפעניש, מיין מאן, דער טרום און נאכשלעפער, פראנץ צימערלע. קיין מאן האט קיינמאל ניט געוואגט מיך צו באליידיקן, ביז איך בין געקומען אין אייער געמיינשאפט, ביז אייער אדיוטאנט און ארויסהעלפער, האנס קרולע, האט מיך פארגוואלטיקט. איך האב קיינמאל ניט געהאט צו טאן מיט דעם שטאטישן אונטערפרעפעקט, מיט קיין אנדער אונטערפרעפעקט און מיט קיין אנדער מאן. וועגן אייערע שמוציקע געשעפטן ווייס איך גארנישט.

— צום לעצטן מאל, פרוי הענריעטע, ווארן איך אייך. ער האט זיך מודה געווען. די זאך איז פאר אונדז קלאר. אויב איך בין צו אייך גע־קומען, איז דאס נאר אין אייערע אייגענע אינטערעסן. איך האב ניט קיין סך צייט צו פארלירן. זייט זיך איצט מודה און פאר אייך עפענען זיך די טירן פון דעם דאזיקן גרוילהאפטיקן הויז. א פריינטלעכע היים, א זוניקער גארטן, א לעבן פול מיט גלאנץ, ווארטן פאר אייך. איר טראגט גאר אפשר אונטער אייער ברוסט א דייטשיש קינד, א מענטש, וואס איז בארופן צו שפילן א פירנדיקע ראלע אין א נייער וועלט. שוין אין נאמען פון אט דאס נאך ניט געבוירן קינד, האט איר קיין רעכט ניט צו גיין אויף אן אנדער וועג, ווי דעם וועג פון לעבן, פון דער צוקונפט. אויב איך האב קיין טעות ניט, זייט איר א גלויביקע. איר שטייט אויפן באדן פון דער קירך. איר באגייט א פארברעכן קעגן גאט, א פארברעכן קיין אייער אייגן בלוט, ווען איר וועט אין דעם דאזיקן מאמענט אננעמען אן אנדער באשלוס. נו, צום לעצטן מאל. פארלירט ניט די דאזיקע געלעגנהייט. איר וועט קיין צווייטע אזא קיינמאל אין לעבן מער ניט האבן. זייט זיך מודה, און אין געציילטע מינוטן זייט איר פריי.

— איך האב ניט וואס מודה צו זיין.

— דאן וועסטו ארפזינקען צו דעם צושטאנד פון דער נידעריקסטער הור. דו וועסט זיין דאס, וואס דו פארדינסט צו זיין. נאך היינט וועלן קומען צו דיר אומצאליקע מענער. מארגן וועט מען דיר אפשיקן אלס הור צום פראנט, ניט פאר אפיצערן, נאר פאר סאלדאטן, וועלכע זיינען וואכן־לאנג געלעגן אין טראנשייען. נאך עטלעכע חדשים וועסטו א פארפוילטע ארויס־

געוואָרפֿן ווערן אין רינשטאָק, אַ שטינקענדיקער פּגר, וואָס ווערט פֿון אַלע־מען פֿאַראַכטעט. גרויסע, רייכע, מעכטיקע אַרמייען, קיין הערשער פֿון דער וועלט, האָבן ניט געוואַגט זיך קעגנשטעלן היטלערס ווילן. דו וועסט לײדן די קאָנסעקווענצן. אָבער דערפֿאַר וואָס דו ביסט די פֿרוי פֿון אַן אונדזעריקן, וועל איך צוריקקומען אין אַ האַלב־שעה. דאָס אָבער וועט זיין צום לעצטן מאָל.

ווען יאָהאַן מילער איז צוריקגעקומען מיט אַ האַלב־שעה שפּעטער, איז העגריעטע געווען זיכער, אַז זי האָט אין דרויסן געהערט די שטים פֿון איר מאַן פֿראַנץ צימערלע. יאָהאַן מילער האָט געזאָגט: „דאָס איז די לעצטע געלעגנהייט, נוצט זי אויס. אַ צווייט מאָל וועט איר אַזאַ ניט האָבן. איר ווילט רעדן, אָדער ניט? קיין סך צייט האָב איך ניט."

— איך וועל רעדן, ווען מיין מאַן וועט זיין דערביי.

יאָהאַן מילער האָט אַריינגערופֿן פֿראַנץ צימערלע און האָט גלייכצייטיק אָנגעצונדן ליכט. פֿראַנץ צימערלע איז געווען בלייך און האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווען העגריעטע האָט אויף אים אַ קוק געגעבן.

— נו, איר וועט אונדז איצט אַלץ דערציילן, גנעדיקע פֿרוי. אייער שכל, אייער געפֿיל און גוטער אינסטינקט האָבן אייך דאָך געפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג.

— יאָ, מיין שכל און מיין געפֿיל האָבן מיך געפֿירט אויפֿן ריכטיקן וועג: און איך האָב דעם ריכטיקן וועג אויסגעקליבן. אָט שטייט ער דאָ. — און זיך ווענדנדיק צו פֿראַנץ צימערלע: — גיב אַ קוק אויף מיר, דו אויף מיין גאַנצן לעבן אָנגעטרויטער מאַן! דו דייטשישער ריטער פֿון דעם איידעלן געשלעכט! דו, איינער פֿון די אויסדערוויילטע זין פֿון דייטשלאַנד, ווי דו האָסט מיר אָפֿט געזאָגט, וועלכע האָבן שטענדיק געקעמפֿט פֿאַר פֿרויען, ערע און טוגנט. פֿאַרוואָס קערסטו אָפּ דעם קאָפּ? גיב נאָר אַ קוק אויף מיר, אויף דיין אויסדערוויילטער. יאָ, איך וויל רעדן. איר האָט מיך אויפֿ־גענומען צווישן אייך און געגעבן אַ ווירדיקן קבלת־פּנים, כ'האָב געדאַרפֿט זיין דיין פֿרוי און לעבנס־באַגלייטערין: און שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיך דיין פֿריינט און נאָענטסטער מיטאַרבעטער פֿאַרגוואַלטיקט. דו האָסט גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם, ווייל דו ביסט אַ נאָכ־שלעפּער! און איר זייט אַלע נאָכשלעפּער. פֿאַר אייך איז די גאַנצע וועלט איין גרויסער באָרדעל און שלאַכטהויז. איר העלדן און ריטער זייט אַ סטאַדע ווילדלאַזיקע בהמות און געהערט צו אַ הענקער. דאָס זייט איר. און איצט דערמאָרדעט מיך. וואָס נאָך קאָנט איר מיר טאָן, איר פֿייגע הינט? מאַכן פֿון מיר אַ הור? דאָס האָט איר שוין פֿריער געטאָן. אייער העלד, האָרסט וועסל . . .

— שווייג! — האָט אויסגעשריען פֿראַנץ צימערלע. — דו האָסט אָפּ־

גענאַרט דיין מאַן און דאָס דייטשישע פֿאָלק. דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אומווירדיק . . .

— אומווירדיק פֿאַר אַ חיה און אַ מערדער, יאָ!

יאָהאַן מילער האָט זי דערלאַנגט אַ בריק מיט דער פֿוס. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן און אים אַריינגעפֿאָרן אין פּנים. פֿראַנץ צימערלע האָט זיך אָבער אַ וואָרף געטאָן אויף איר און זי אומגעוואָרפֿן אויף דער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך געמוטשעט שטאַרק צעשלאָגן. זי האָט אָבער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געלאַכט פֿון די צוויי מענער, וועלכע האָבן געקייכט פֿון אויפֿרעגונג. זיי האָבן אויפֿגערעגטע פֿאַרלאָזט דעם צימער.

אין דרויסן האָבן זיי זיך אָפּגעווישט די פּנימער און געמאַכט אַ פּאַרצוף אויסצוזען אַזוי רואיק ווי מעגלעך. עס איז געווען אַ הייסער זומער נאָכמיטאָג. די גאַסן זיינען שוין לאַנג ניט געווען אַזוי באַלעבט. אויפֿן רינגפּלאַץ האָבן געשפּילט צוויי ציגיינער און געזאַמלט ווערטלאָזיקע פּאַפּיר־געלט. די קראָם פֿון דער אונטערפּרעפֿעקטור איז שוין לאַנג געווען געשלאָסן און סטעפֿאַן צערטיאַן איז אַוועק אין זיין קאַנצעלאַריע. יאָהאַן מילער און פֿראַנץ צימערלע האָבן געהאַט בדעה אַריינצוגיין אין דער קאַנצעלאַריע און פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט צערטיאַנען. יאָהאַן מילער איז געווען זיכער, אַז אין פֿאַרלויף פֿון דעם שמועס וועט ער אַריינכאַפּן צערטיאַנען אין אַ פּאַסטקע. זיי האָבן אָבער באַמערקט, אַז דער אייזנבאַן־צוג פֿאָרט אַריין איבער דער בריק. זיינע מענטשן, הייסט עס, איז געלונגען צו פֿאַרריכטן דעם שאָדן שנעלער, ווי מ׳האָט דערוואַרט. ביידע זיינען אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע. אויפֿן וועג, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין פֿראַנץ צימערלעס וואוינונג, וואו עס האָבן זיך געפֿונען פֿיל ס.ס.־לייט, און געהייסן פֿיר פֿון זיי צו באַוואַכן די אונטערפּרעפֿעקטור.

דאָס אָנקומען פֿון דעם צוג אין אָט דער אויסערגעוויינלעכער שעה האָט אַרויסגערופֿן אַ היפּשע אויפֿרודערונג. פֿון די וואַגאָנען זיינען אַרויסגעקומען סאָלדאַטן אין שוואַרצע אוניפֿאָרמען. יאָהאַן מילער און פֿראַנץ צימערלע זיינען געגאַנגען לענג־אויס דער פּלאַטפֿאָרמע, וואו די אוניפֿאָרמירטע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ מיליטערישער אָרדענונג. זיי האָבן אויסגעפֿונען, אַז דער שאָדן איז געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ קליינער. בלויז אַ מאַשינביקס און צוויי טוץ אַמוניציע־קעסטלעך זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען. יאָהאַן מילער האָט געגעבן דעם באַפֿעל אויפֿצושטעלן פּלאַטקעס. אין פֿאַרלויף פֿון ווייניקער ווי אַ שעה איז אויף דער לאַנקע און אַרום דער באַן־סטאַנציע אויסגעוואַקסן אַ גרויסער לאַגער. פֿעלד־קיכן האָבן זיך געראויכערט, אַ קאַנטינע איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן, וואו מ׳האָט אַריינגעקייקלט פֿיר פֿעסער. מ׳האָט געקאָנט גלויבן, אַז מ׳האָט דאָ שוין געאַרבעט פֿיל טעג.

סטעפֿאַן צערטיאַן האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ געפֿאַנגענער. אים

האָט זיך ניט געגלוסט צו גיין עסן אין האָטעל „האָמערהאָף", מיט פיר ס.ס.־לייט הינטער זיך. ער האָט באַשטעלט אים צו ברענגען טיי און סוכאַרעס אין דער קאַנצעלאַריע. ער איז געזעסן אין זיין אָפיס אַזוי געפּאַסט און רואיק, ווי אַ באַאַמטער, וואָס איז אינגאַנצן פאַרטאָן אין זיין אַרבעט און אין דערפילן זיין פליכט. די אָנווייזונג פון די העכערע באַאַמטע אין טשער־נאָוויץ, אַז אין סערעט זאָל הייַנט אָוונט געפייערט ווערן די באַפרייאונג פון דער בוקאָווינע, איז אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. ער האָט טעלע־פאָנירט צו יאָהאַן מילער, און יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַראַנ־זשירן די פייערונג פאַר זיבן אין אָוונט. „ס'איז ניטאָ וואָס אויסצוזעצן", האָט ער אים געזאָגט, „קעגן איינלאַדן די אָפיצערן פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל. אויך די מיטגלידער פון דער רומענישער יוגנט מעגן קומען אין זייערע נאַציאָנאַלע בגדים. איך, הער אונטערפּרעפעקט, וועט רעדן אינעם נאָמען פון די רומעניער, אָבער ניט מער ווי צען מינוט. איר דאַרפט זיך באַזונדערס אָפּשטעלן אויף דעם ענגען, אומצעררייסבאַרן בונד צווישן די פעלקער. איך וועל זאָגן עטלעכע ווערטער אין נאָמען פונעם פירער."

סטעפאַן האָט אַלץ אַראַנזשירט טעלעפאָניש. די פייערונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין דעם זאַל פון דער ביר־ברויערײ. צו אַראַנזשירן די איינצל־הייטן מיט דער ביר־ברויערײ, האָט סטעפאַן טעלעפאָנירט צו אָטאָ פאָן ראַובניטץ, וועלכער איז געוועזן מער פריינטלעך, ווי ווען ניט איז פריער. „ס'איז פאַר מיר אַ כבוד", האָט ער געזאָגט, „וואָס איר האָט אויסגעקליבן דווקא די ביר־ברויערײ פאַר דעם דאָזיקן פייערלעכן צוועק. איך וועל גלייך טאָן אַלץ וואָס איז נויטיק צו האָבן דעם זאַל דעקאָרירט מיט דייטשישע און רומענישע פאָנען."

אין מאַכן די דאָזיקע פאָרבאַרייטונגען זיינען פאַרלאָפן די שעהן; סטעפאַן האָט זיך אָנגעהויבן באַרואיקן. ער האָט ניט געצווייפלט, אַז מען וועט אים ניט אַרעסטירן פאַר דער פייערונג. אָבער ער האָט אויך געהאַט דעם געפיל, אַז עפּעס וועט געשען דעם אָוונט, אַניט וואָלט חיים אים ניט געבעטן זיין דעם אָוונט אין צימערלעס וואוינונג. פּלוצלונג איז אַריינגעלאָפן איינער פון די ס.ס.־לייט, וואָס האָב באַוואַכט די אונטערפּרעפעקטור, און אים געזאָגט, אַז אַ פּויער וויל מיט אים רעדן. דער פּויער באַשטייט, אַז ער מוז אים זען, ווייל ער האָט אים פּערזענלעך איבערצוגעבן אַ וויכטיקע שליחות. סטעפאַן האָט געהייסן אים אַריינלאָזן. דער פּויער איז אַריינגעקומען עטוואָס אומגעהובלט. אָבער פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן אַ פּוס און אַראָפּגע־צויגן דעם שטיוול. די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן אים אַריינגעפירט, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און אים אָנגעכאַפּט. זיי האָבן געגלויבט, אַז ער האָט אין דעם שטיוול פאַרבאַהאַלטענע וואָפן. אָבער דער פּויער האָט אַרויס־גענומען אַ בריוו און געזאָגט אין אַ פייערלעכן טאָן: „פון מיין שעף, פון

דעם הויפטמאַן מאַראַרעסקו, צו דעם אונטערפּרעפעקט פון סערעט.״ די צוויי ס.ס.־לייט זיינען געוואָרן איבערראַשט. סטעפאַן האָט גענומען דעם בריוו, אים לאַנגזאַם געעפנט און נייגעריק אַ קוק געטאָן אויפן פּויער. ער האָט געלייענט דעם בריוו אין דער הויך, אַז די ס.ס.־לייט זאָלן קאָנען הערן יעדעס וואָרט:

„זייער השובער הער אונטערפּרעפעקט: איך ווענד זיך צו אייך ווי צו אַ רומעניער און דעם העכסטן באַאַמטן פון דער שטאָט. איך האָט דירעקט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם ענין. אָבער איך בעט אייך זיין דער פאַרמיטלער. דורך אַן אומגליקלעכן פאַל איז געקומען צו שווערע צוזאַמענשטויסן, אַפילו בלוט־פאַרגיסונג, צווישן מיר און די דייטשן. עס איז נאָך מער צום באַדויערן, ווייל מיר האָבן דאָך דעם זעלביקן שונא און שטרעבן צום זעלביקן ציל. איך האָב די דאָזיקע צוזאַמענ־שטויסן ניט געוואָלט, הגם איך וויל ניט אין פּאַראַוים אַראָפּנעמען פון זיך יעדע שולד. נו, איז געגוג בלוט־פאַרגיסונג. איך בין געווען חוצפּה־דיק, ווען אַנטאָנעסקו האָט זיך צו מיר געווענדעט. דאָס איז פון מיין זייט געווען אַ גרויסער טעות. רעדט מיט דעם פירער פון דער דייטשי־שער קאָמאַנדע, וואָס איז היינט אַריינגעקומען אין שטאָט. איך בין גרייט זיך אונטערצוגעבן און שטעל נאָר איין באַדינג. איך וואַרף זיך אונטער אַן רעזערוואַציעס דעם אורטייל פון אונדזער פירער גענעראַל אַנטאָנעסקו און בוי אויף דער גרויסמוטיקייט פון אַדאָלף היטלער. ווען דער קאָמאַנדאַנט וועט מיר שריפטלעך פאַרשפּרעכן, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל זיך אונטערגעבן, וועט ער מיך אויסליפערן צו אַנטאָ־נעסקון, דאַן וועל איך היינט אָוונט דערשיינען ביי אים. איך קום אָן וואָפן און בין גרייט צו פירן די דייטשישע קאָמאַנדע אין מיין לאַגער, אָבער אונטערן באַדינג, אַז מיין מאַנשאַפט וועט פאַרשפּראָכן דאָס זעלביקע וואָס מיר. די מענטשן האָבן נאָר אויסגעפאָלגט מיינע באַפעלן אַלס זייער געזעצלעכן העכערן אָפיצער.

„מיט העיל אַנטאָנעסקו און העיל היטלער,

אייער מאַראַרעסקו,

„הויפּטמאַן אין דעם קעניגלעך־רומענישן גרענעץ־רעגימענט נומ. 2.״

סטעפאַן צערטיאַן האָט טעלעפאָנירט צו יאָהאַן מילער, וועלכער האָט אים געבעטן תיכּף קומען צו אים מיט דעם שליח. צוויי פון די ס.ס.־לייט זיינען ניט־געבעטענערהייט אַריינגעגאַנגען אין דעם אויטאָמאָביל. יאָהאַן מילער האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט, ווי אים אויס־צופּרובירן, געהאַלטן דעם בריוו צווישן די פינגער, און געהייסן דעם פּויער אים ווייזן זיינע דאָקומענטן. די לעגיטימאַציע איז געווען אַן עכטע. יאָהאַן מילער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויסצופרעגן דעם שליח. אָבער יענער האָט

זיך אָפּגעזאָגט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם פּלאַץ, וואו די אָפּטיילונג געפינט זיך. „דער דאָזיקער בריוו", האָט ער געזאָגט, „איז מיין אויפטראָג. יאָ, מיר האָבן געמאַכט דעם איבערפאַל אויפן צוג לעבן פּראַנצעסטאַל און פאַר־לאָרן צוויי מאַן. מער קאָן איך ניט זאָגן."

יאָהאַן מילער האָט אים דערמאָנט וועגן זיין שבועה: „איר האָט גע־שוואָרן טרייהייט צום קעניג און צו אַנטאָנעסקו."

— יאָ, — האָט דער שליח געענטפערט, — און די דאָזיקע שבועה ווילן מיר דערפילן. מיין הויפּטמאַן און מיר אַלע וואַרפן זיך אונטער אָן באַדינגונגען דעם אורטייל פון אַנטאָנעסקו. דער הויפּטמאַן האָט מודיע געווען וועגן דעם אין לאַגער און די גאַנצע מאַנשאַפט איז מיט דעם איינ־שטימיק.

און מער האָט מען פון דעם שליח ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען. ער האָט נאָך צוגעגעבן: „איך האָב פון מיין שעף באַקומען אַ באַפעל זיך ניט אומצוקערן אין לאַגער, אויב עמעצער וועט מיר נאָכפאָלגן. דער שעף אַליין וועט דאָ זיין אָוונטרצייט."

יאָהאַן מילער האָט זיך איבערגעלייגט, איז אַריין אין צווייטן צימער און טעלעפאָנירט קיין טשערנאָוויץ. אַ צופרידענער איז ער צוריקגעקומען און דערלאַנגט דעם שליח דעם פאָלגנדיקן בריוו צו מאַראַרעסקון:

„הער הויפּטמאַן: איך און די קאָמאַנדע אין טשערנאָוויץ נעמען אָן אייערע פאָרשלאָגן. מאָרגן, באַלד ווי איר וועט אונדז האָבן איבער־געגעבן אייער לאַגער, וועט מען אייך אונטער אָן ערן־וואַך ברענגען קיין בוקאַרעשט. אייער מאַנשאַפט וועט פאַרבלייבן אונטער וואַך, ביז נאָך אייער געשפּרעך מיט זיין עקסעלענץ, הער רעגירונגס־שעף גענעראַל אַנטאָנעסקו. מיר דערוואַרטן אייער קומען, מיט דער פאַרזיכערונג פון אַ פרייער וואַך, ווי עס פירט זיך צווישן אָפיצערן.

„העיל אַנטאָנעסקו! העיל היטלער!

„אייער יאָהאַן מילער,

ס.ס.־גרופּנלייטער."

.29

נאָך דער אויפרעגונג מיט יאָהאַן מילער און איר מאַן, איז הענריעטע געבליבן אויסגעשעפּט. אינערלעך איז זי געווען גאַנץ רואיק. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און זיך ניט גערירט פון אָרט. אירע אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט. אָבער דער צימער, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען, האָט ניט פאַרלאָרן זיין מיסטישע קראַפט. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין, ניט עפענענדיק דאָס מויל: דאָ קאָן מען גלויבן, אַז דער הימל האָט זיך געעפנט, אָבער אינגאַנצן אָן שטערן און אָן ליכט. בלויז פינצטערניש.

און אויך די צייט שיינט צו שטיין אויף איין אָרט. אַפּט לויפט זי און שטראָמט איבער פעלזן. איצט איז זי אַ טייך, שטיל; אַ טייך, וואָס האָט ניט קיין צופלוס און אָפּפלוס.

זי האָט געזען, אַז ביי אַ זייט לעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ ברוינער קריגל מיט וואַסער און אויבן איז געלעגן אַ שטיק ברויט. דורך די ווענט האָט אַריינגעדרונגען אַ גערויש. איינמאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי הערט רעבעקאַס געשרייען. דאַן האָט עמעצער אָנגעהויבן שפּילן אויף אַ פּיאַנאָ און אַ שיכורע פרויען־שטימע האָט צוגעזונגען. אַזעלכע זיינען זיי, די באַרבאַרן. זיי האָבן דאָ דעם באָרדעל און די אינקוויזיציע־קאַמער פון דער געשטאַפּאָ אין דעם זעלביקן הויז. וואו איז די גרענעץ ביי די דאָזיקע מענטשן? — ניין, ניט מענטשן. נאָכדעם איז אַ לאַנגע צייט געוואָרן שטיל. איז הענריעטע איינגעשלאָפן פאַר אַ ווייַלע? מ׳האָט אויפגעשלאָסן די טיר. אַ דיקער פּעקל, שווער ווי נאַסע וועש, איז אַריינגעפאַלן און געבליבן ליגן. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, דער שלאָס פאַרריגלט.

דאָס פּעקל האָט זיך עטוואָס געטאָן אַ באַוועג און אַ קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן. הענריעטע האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן, איז צוגעקומען נעענטער און זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם קרעכצנדיקן פּעקל. ס׳איז געווען רעבעקאַ. הענריעטע האָט אַראָפּגענומען דאָס ברויט פון דעם קריגל און גענומען זוכן אַ קענדל. זי האָט געפונען אַ ביסל וואַסער און האָט אַרויפגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס אויף די אויגן דעם שטערן פון דער געחלשטער, צעממיתטער רעבעקאַ. רעבעקאַ האָט זיך עטוואָס אַ ריר געטאָן און געזאָגט אין אַ שוואַכער שטים: „וואו בין איך? איז פּעטרושקאַ דאָ פאַראַן? איז דער איבערפאַל געלונגען?"

זי איז ניט ביים זינען, האָט הענריעטע געטראַכט. וואָס פאַר אַן איבערפאַל? גוט וואָס זי זאָגט דאָס פאַר מיר און ניט פאַר דער געשטאַפּאָ. אָבער איך מוז דאָ העלפן.

— דו ביסט ביי מיר, ביי דיין שוועסטער.

— איך, איך האָב דאָך ניט קיין שוועסטער — ווי גערן איך וואָלט געוואָלט איינע האָבן — מיין מוטער איז דאָך געשטאָרבן ביים געבורט פון מיין שוועסטערל און דאַן אויך מיין שוועסטערל.

הענריעטע האָט זי באַטראַכט. אונטערן רעכטן אויג האָט זי געהאַט אַ טונקעלן פלעק, איינגאַנצן פאַרלאָפן מיט בלוט. אַזעלכע יידישע מיידלעך זיינען געווען מיינע שול־חברטעס, האָט זי געטראַכט. זיי זיינען ניט געווען אַנדערש ווי איך. זיי האָבן געחלומט און זיינען געווען פאַרטרוימט, ווי איך. זיי האָבן געהאַט ווייכערע הערצער, ווי איך. זיי זיינען געווען חברטעס. זיי האָבן געהאַט אַן אַנדער רעליגיע. אָבער זיינען זיי דערפאַר געווען אַנדערש? אָדער דערפאַר וואָס זיי האָבן גערעדט אַן אַנדער שפּראַך . . .

— וואַסער, אַ ביסל וואַסער.

די קופּערנע קענדל איז געווען פֿאַרשימלט. הענריעטע האָט איר ניט געוואָלט געבן פֿון דעם צום טרינקען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט דאַן גענומען אַ ביסל וואַסער אין ביידע הענט און געגעבן רעבעקאַן אַ טרונק. זי האָט זי גענומען אויף איר שויס, געוואַרעמט זי מיט איר קערפּער און גערעדט צו איר:

— דו ביסט מיין שוועסטער. דו ביסט מיין קינד, וואָס איך טראָג אונטער מיין הארצן. דער גלח גלורזאַנסקי האָט מיר געזאָגט, אַז דער אַנטי־קריסט איז געקומען. דער דייטש איז דער אַנטי־קריסט, און די אַלע, וואָס ער האָט אַהער געשיקט, זיינען די טיוואָלים אין זיין שליחות. וואָס זאָגט אייער רב? אָבער איר האָט דאָך מער קיין רב ניט. זיי האָבן אייך אַלעמען פֿאַרניכטעט. דער גלח גלורזאַנסקי האָט געזאָגט, אַז די דערמאָרדונג פֿון די יידן איז געווען די צווייטע קרייציקונג פֿון קריסטוסן. אין אייך האָבן זיי צום צווייטן מאָל געקרייציקט דעם דערלייזער, וועלכער שטאַמט פֿון אייער פֿאָלק, וועלכער קומט פֿון אייער שטאַם. קאָנסטו מיך הערן, רעבעקאַ? דער גלח האָט געזאָגט, אַז דער דערלייזער, ווי נאָך דער ערשטער קרייציקונג, וועט אויך דאָס מאָל ווידער אויפשטיין, און דאָס קעניגרייך פֿון הימל וועט קומען אויף דער ערד. אַזוי האָט ער געזאָגט. אַ סוף, האָט ער געזאָגט — דו הערסט, מיין קינד? — וועט קומען צו אַלדאָס בייז אויף דער וועלט.

דער שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן און מיט אַ זעץ מיט דער פֿוס האָט די טיר זיך געעפֿנט. אַ שטראַל ליכט האָט אַריינגעדרונגען אין דעם טונקעלן צימער. פֿיר שוואַרץ־אוניפֿאָרמירטע זיינען אַריינגעקומען, האָבן אַרויסגעשלעפּט די צוויי פֿרויען פֿון דעם צימער און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אַ פֿאַרמאַכטן אויטאָמאָביל. זיי האָבן זיי געבראַכט אין פּראַנץ צימערלעס וואוינונג און אַריינגעפֿירט אין הענריעטעס שלאָף־צימער.

אין אַ צווייטן צימער אין דעם זעלביקן הויז איז געזעסן יאָהאַן מילער. אין דעם לעצטן מאָמענט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דער פֿייערונג. אַנשטאָט אים האָט געזאָלט רעדן אַן אָפֿיצער פֿון דעם מיליטערישן שפּיטאָל. זיינע מענטשן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז זיי זאָלן פֿאַר קיין איין מאָמענט ניט איבערלאָזן סטעפֿאַן צערטיאַן אומבאַאָבאַכטעט. ער אַליין איז געזעסן און געוואַרט. ס'איז שוין געווען ניין אַזייגער אין אָוונט. דער טעלעפֿאָן האָט ניט אויפֿגעהערט קלינגען. ער אַליין האָט געענטפֿערט, ווייל ער האָט דערוואַרט ידיעות, וואָס ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אָנפֿאַרטרויען. ער האָט געהאַלטן אין טרינקען שוואַרצע קאַווע און קאָניאַק, זיך צו האַלטן אויף די פֿיס, ווייל די לעצטע צוויי נעכט האָט ער ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. פֿריער די כמעט ענדלאָזיקע באַראַטונג אין טשערנאָוויץ, די נאַכט פֿאַרן אָפּפֿאָרן, דאַן די פֿאָרבאַרייטונג און באַזאָרגונג

פון דער שטראָף־עקספּעדיציע, און נאָכדעם די באַראַטונג אין סערעט די גאַנצע נאַכט. יאָ, וואָס ער האָט דאָ געפונען, איז געווען אַ מיסט־שטאַל. און וועמען וועט דער פירער, מיט רעכט, האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך, אויב ניט אים? נאָך אַלעמען איז דאָך געווען ער, וואָס האָט אַהער געשיקט פראַנץ צימערלע און האַנס קרולע, געגעבן אַטאַ פאַן ראַובניטץ דעם אָריאַני־זירונג־אויפטראָג. אויף פראַנץ צימערלען האָט ער געלייגט באַזונדערס גרויסע האָפענונגען. און ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז זיי האָבן דאָ געאַרבעט אַזויפיל וואָכן מיט אַ רומעניער ווי סטעפאַן צערטיאַן, מיט סימיאָנען, און האָבן קיין אַנונג ניט, צי די מענטשן זיינען שונאים אָדער פריינט, און אויב שונאים — פון וועלכער זייט? מ׳קאָן זיך דאָך פשוט אויסרייסן די האָר פון קאָפּ. ווי אַזוי האָט ער זיך נעקאָנט אַזוי אָפּנאַרן אין פראַנץ צימערלען? איז דאָס דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ ניט־ריכטיקן פּלאַץ? קיין זאַך איז אָפט אין דעם לעבן פון אַ מענטשן ניט קיין גרע־סערער שטער, ווי קריגן אַ ניט־ריכטיקן פּאָסטן. צי עמעצער אַרבעט אין אַ שטייער־ביוראָ, אַ באַנק, אָדער ערגעץ־אַנדערשוואו, איז ניט וויכטיק. ס׳איז אָבער וויכטיק פאַר אַ מענטשן און זיין אַרבעט די מאָס פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וואָס ווערט אויף אים אַרויפגעלייגט. עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען ערשט־קלאַסיקע אונטעראָרדענטע באַאַמטע. שטעלט מען זיי אָבער אַוועק אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּלעצער, טויגן זיי זיך ניט אויס, און די אַרבעט נעמט אָן אַ קאַטאַסטראָפאַלע ווענדונג. פּונקט אַזוי איז עס, ווען מען שטעלט אַוועק מענטשן, וואָס קאָנען טאָן פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, אויף אונטעראָרדענטע פּאָזיציעס. פראַנץ צימערלע געהערט בלי ספק צו די, וואָס טויגן זיך אויס פאַר אונטעראָרדענטע אַרבעטן. דער זעל־ביקער צימערלע . . .

צום טייוול נאָך אַמאָל! צוליב דעם דאָזיקן טעלעפאָן קאָן מען ניט קאָנצענטרירן די געדאַנקען... יאָ, די פייערונג גייט אָן רואיק און ווירדיק. אין דער שטאָט איז אַלץ אין דער בעסטער אָרענונג. פון מאַראַרעסקו איז נאָך ניטאָ קיין שפור... געוויס, אויב ער וועט זיך ניט מעלדן ביז האַלבער נאַכט, וועט די שטראָף־עקספּעדיציע דורכגעפירט ווערן... מ׳קאָן ניט גלויבן, אַז די פויערים וועלן זיך איינשטעלן פאַר מאַראַרעסקון. נאַטירלעך, אַזוי גיך ווי עס וועט זיין נייעס צו באַריכטן, וועט ער אָנקלינגען. די וועכטער באַריכטן יעדע האַלב־שעה און האָבן ביז איצט ניט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקס. העיל היטלער!

אין דער הויפּט־קוואַרטירט שיינען זיי צו זיין נאָך מער אומגעדולדיק ווי איך, האָט ער וויטער געטראַכט. ווען מאַראַרעסקו זאָל טאַקע באמת קומען, איז גאָר ניט מעגלעך צו טראַכטן וועגן דעם דערפאָלג. איך פּערזענ־לעך וועל אים באַגלייטן צו אַנטאָנעסקון און דעם פירער, אויב דער פירער

וועט זיין פאַראינטערסירט צו זען דעם דאָזיקן קערל. יאָ, מאָראַרעסקו שיינט צו זיין פּונקט דער היפּוך פון פראַנץ צימערלע. ער איז, לויט אַלע באַריכטן, באַשאַפן פאַר אַ העכערן פּאָסטן, און איז געשטעלט געוואָרן אויף אַן אונטעראָרדענטער פּאָזיציע. דער ריכטיקער מאַן אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ — דאָס איז די אַנטשיידנדיקע פראַגע.

— אַריין! — האָט ער אויסגערופן, ווען עמעצער האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער טיר.

— כ׳מעלד געהאָרכזאַמסט, הויפּטמאַן מאָראַרעסקו.

הגם אין משך פון שעהן זיינען זיינע געדאַנקען ניט געווען פאַרנומען מיט קיין אַנדער זאַך, האָט ער ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן.

— פירט אים אַריין אין אַן אַנדער צימער, אין דעם צימער לעבן דעם שלאָף־צימער, גאַנץ הינטן, — האָט ער געזאָגט צום אָרדאָנאַנץ. — איז עמעצער מיט אים געקומען?

— צוויי פון אונדזערע מענטשן שטייען אַרום צוואַנציק טריט פון אים.

— שיקט זיי אַריין, נאָכדעם ווי איר וועט באַגלייטן מאָראַרעסקון אין דעם אָנגעוויזענעם צימער מיט אַן ערן־וואַך פון פיר מאַן.

— איר זייט געקומען מיט מאָראַרעסקון. ווי אַזוי איז ער אָנגעקומען אַהער?

— ווי ער איז אָנגעקומען, האָבן מיר ניט באַמערקט. פּלוצלונג איז ער אויסגעוואַקסן. ווען מיר האָבן אים אָפּגעשטעלט מיטן רעוואָלווער, האָט ער ניט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג. וויזט מיר דעם וועג צו אייער קאָמאַנדאַנט, האָט ער בלויז געזאָגט. און אָט האָבן מיר אים געבראַכט. ער האָט בלויז פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן גיין צוואַנציק טריט הינטער אים און זאָגן אים שטענדיק אין פאָראויס אויף וועלכן וועג צו גיין.

— זייט איר זיכער, אַז דאָס איז ער?

— ער האָט אונדז געוויזן זיין לעגיטימאַציע און די פּאָטאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן, שטימט מיט דעם מאַן, וואָס מיר האָבן אַהער געבראַכט.

— וואַרט אין דרויסן אויף ווייטערדיקע באַפעלן.

ער האָט זיך תיכף פאַרבונדן מיט טשערנאָוויץ. נאָך מער ווי פריער, האָט יאָהאַן מילער ניט געקאָנט באַהאַלטן אין זיין שטים זיין אויפרעגונג. „יאַוואָל, ער איז דאָ. איך וועל אים תיכף אויספרעגן... נאַטירלעך, ווערט ער באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט... דאָס וועלן מיר זען... יאָ, איך וועל דאָס מיטטיילן אויף דער פייערונג... בלי ספק וועט דאָס האָבן אַ ווירקונג אויף די רעקרוטן. זאָלן זיי טרינקען, וויפיל זיי ווילן... דאָס הענגט אָפּ פון דעם געשפּרעך, וואָס איך וועל מיט אים האָבן... אויב די דאָזיקע ליבערטאַטיאַ, ווי זיי רופן עס, זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ ריינע באַנדיטן־אַנגעלעגנהייט, וועט די שטראָף־עקספּעדיציע ניט דורכגעפירט ווערן.

עס הענגט נאַטירלעך אָפּ פון דעם, צי מאַראַרעסקו וועט אונדז איבערגעבן זיין לאַגער מיט אַלע זיינע מענטשן און אויב מיר וועלן קאָנען פעסטשטעלן אויף וויפיל די אַנדערע דערשיינונגען זיינען פאַרבונדן מיט אים. אין אַ שעה אַרום שפּעטסטנס, וועל איך באַריכטן אויספירלעך. העיל היטלער!"

ער האָט זיך איבערגעלייגט, צי ער זאָל הייסן פשוט מאַראַרעסקון אַריינרופן, אָדער ער אַליין זאָל אוים העפלעכקייט אים איינלאַדן. ס'איז אים דאַן איינגעפאַלן נאָך עפּעס. ער האָט געהייסן אַריינרופן די צוויי ס.ס.־לייט און זיי געפרעגט: „האָט איר ביי מאַראַרעסקון אָפּגענומען די וואָפן?"

— ווען ער איז דערשינען, האָט ער די ערשטע זאַך אונדז איבערגעגעבן זיין רעוואָלווער. אָט איז ער.

יאָהאַן מילער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם רעוואָלווער. ס'איז געווען אַ שיינער רעוואָלווער מיט אַן עלפאַנטביין־הענטל, וואָס האָט געהאַט די פּאָלגנדיקע אויפשריפט: „פון דעם גרענעץ־רעגימענט נומער 2 אין בעסאַראַביע צום פאַרערטן הויפּטמאַן מאַראַרעסקו געווידמעט, דעם 12טן יולי, 1927, צו דער געלעגנהייט פון זיין געבורטסטאָג." ער האָט ברייט געעפנט זיין מויל און אַ קליינעם צוק געטאָן. ער האָט די צוויי ס.ס.־לייט געגעבן אַ צייכן צו גיין, איז ווידער פאַרבליבן אַליין אין צימער, און צום ערשטן מאָל אין פיל טעג האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג. די לעצטע צווייפלען זיינען געווען פאַרשוואונדן. וואָס ער האָט קוים געוואָגט צו גלויבן, איז געווען אַ ווירקלעכקייט. ער איז געווען גערעכט. מאַראַרעסקו איז ניט קיין מלוכה־שונא. ער איז בלויז געשטאַנען אויף אַ ניט־ריכטיקן פּאָסטן און — מ'וועט באַלד קאָנען פעסטשטעלן דורך וועלכן אומגליקלעכן צופאַל — ער איז אַראָפּ פון די רעלסן.

ער האָט אַרויסגענומען פון רעוואָלווער די קוילן, האָט אים אַריינגעלייגט אין קעשענע, און איז אַוועק אין צימער, וואו מאַראַרעסקו האָט זיך געפונען. די ערן־וואַך האָט אים סאַלוטירט, און ער האָט געפרעגט: „הויפּטמאַן מאַראַרעסקו?"

— דאָס בין איך.

— גרופּנפירער פון דער ס.ס. יאָהאַן מילער. הער הויפּטמאַן, איר זייט אונדזער ערן־געפאַנגענער, און לויט אונדזער אָפּמאַך גיב איך אייך צוריק אָפּ אייער וואָפן. איר האָט עס דערוואָרבן מיט כבוד. איר האָט עס אָפּגעגעבן אַלס צייכן, אַז איר גיט זיך אונטער, און איר וועט דורך דער ברייט־האַרציקייט פון דעם פירער עס ווידער טראָגן מיט כבוד. וועגן אייער גורל קאָן איך ניט אַנטשיידן. דאָס איז די זאַך פון די העכערע קרייזן. אָבער איך קאָן אייך שוין איצט זאָגן: דעם פירערס אַרמיי קעמפט ניט קעגן פּאַטריאָטן און אויפריכטיקע מענטשן. דאָס איז אייער רעוואָלווער. איך בעט אייך צו זיין אַזוי פריינטלעך און קומען מיט מיר.

די צוויי האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער קעגנאיבער דעם צווייטן. יאָהאַן מילער האָט געטראַכט: עס וואָלט באמת געווען אַן אומגליק, ווען מיר זאָלן דאַרפן קעמפן קעגן אַזאַ מאַן. עס זיינען צווישן אונדז פאַראַן ווייניק מענטשן, וואָס האָבן אַזעלכע פאַרדינסטן אין דער פאַרניכטונג פון די יידן, ווי הויפּטמאַן מאַראַרעסקו. אַזעלכע מענטשן קאָנען אויך אַמאָל ווערן געפערלעך. איצט אָבער נויטיקן מיר זיך אין זיי.

— וואו איז אייער מאַנשאַפט, הער הויפּטמאַן?

— אין מיין לאַגער?

— און אייער לאַגער?

— אַהין וועל איך אייך פירן. מיין מאַנשאַפט איז מיר איבערגעגעבן אין יעדער הינזיכט. זי איז גרייט אַוועקצוליייגן די וואָפן, ווען איך וועל געבן די פאַרזיכערונג, אַז אַלץ איז אָפּגעמאַכט, אַז קיינעם וועט ניט גע־מינערט ווערן אַ האָר, ביז דער אַנטשיידונג פון אַנטאָנעסקו און דעם פירער. וואָס עס וועט געשען מיט מיר, איז ניט וויכטיק. די מאַנשאַפט האָט מיר געפאָלגט אַלס איר אָפיצער און פאַרדינט אויך דאָן אָנערקענונג, ווען איר וועג איז געווען אַ פאַלשער. וואָרים בלויז איך אַליין טראָג די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

— עס בלייבט, הער הויפּטמאַן, ביי אונדזער אָפּמאַך. איך קאָן אייך ניט צוזאָגן מער, ווי דאָס, וואָס איך האָב אייך געשריבן אין דעם בריוו.

— איך פאַרלאַנג אויך ניט מער. אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן בריוו בין איך געקומען.

— נו, הער הויפּטמאַן, וועל איך זיך דערלויבן אייך שטעלן אייניקע פראַגן, וואָס דער ענטפער אויף זיי איז נויטיק, כדי אויפצוקלערן די לאַגע דאָ אויפן אָרט. דאָס איז ניט קיין פאַרלעצונג פון אונדזער אָפּמאַך און האָט ניט צו טאָן מיט אייער וויטערדיקן גורל.

— איך שטיי אינגאַנצן צו אייער דינסט, הער גרופּנפירער.

— איז דער איבערפאַל אויפן צוג נעכטן ביינאַכט דורכגעפירט געוואָרן פון אייך?

— יאָוואָל!

— האָט איר, אָדער אייערע מענטשן, אויפגעריסן די וואַסער־רער אין פאַיעני?

— יאָוואָל!

— דאָ האָט מען אויסגעקלעפּט צוויי פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן באַצוועקט צו שטערן אין דער מאָביליזאַציע. זייט איר פאַרבונדן מיט דעם?

— איך בין דער פאַרפאַסער פון די פּראָקלאַמאַציעס. און טאַקע די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס זיינען געווען די טרייב־קראַפט, וואָס האָט מיך באַוועגט זיך אומצוקערן. נאָכן אָנשרייבן און אויסקלעפּן די דאָזיקע פלוג־

בלעטער, איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך בין אַוועק אויף אַ וועג, וואָס איז להיפוך מיין טראַדיציע און אַלע מיינע שטרעבונגען.

— ווער האָט געבראַכט די דאָזיקע פלוג־בלעטער אין שטאָט?

— אייניקע פון מיינע מענטשן, וואָס איך האָב אַהער געשיקט.

— אין דער לעצטער צייט, זיינען דאָ אין שטאָט פאָרגעקומען ערנסטע סאַבאָטאַזש־אַקטן. דאָס ביר, וואָס ווערט געשיקט פון דאַנען צו די סאָל־דאַטן אויפן פראָנט, איז אָנגעקומען אין אַ ניט־געניסבאַרן, יאָ, אין געזונט־שעדיקנדיקן צושטאַנד. שטייט איר מיט דעם אין וועלכער פאַרבינדונג?

— די דאָזיקע טעטיקייט האָט אַ טיפערן צוזאַמענהאַנג, ווי איר שטעלט זיך פאָר. איך מוז אייך בעטן די דערלויבעניש צו אינפאָרמירן וועגן דער דאָזיקער פראַגע אין העכערע קרייזן, ווייל דאָס וועט פירן צו דער אויפדעקונג פון אַ נעץ, וואָס איז ווייט פאַרצווייגט. וואָס איך קאָן איצט זאָגן איז נאָר דאָס, אַז דער דאָזיקער ענין איז ניט פאַרוואָרצלט דאָ. איך האָב זיך אָנ־געשטויסן אויף דעם און גלויב צו האָבן אויפגעדעקט די נעץ און צו האָבן געקומען אויף דעם שפּור פון אַ געפערלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט באַ־זונדערס אינטערעסירן אייערע העכערע באַאַמטע. עס וואָלט פאַר מיר געווען דער גרעסטער גליק, ווען איך וואָלט וועגן דעם געקאָנט באַריכטן צום פירער פערזענלעך. גראָד אָט דעם ענין, וואָס איך האָב לאַנג שוין געאַרבעט אים אויפצוקלערן, איז געווען די אוממיטלבאַרע אורזאַך, וואָס האָט מיך באַ־וועגט זיך צו ווענדן צו אייך מיט אַ בריוו.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אויף יאָהאַן מילערן אַן איינדרוק. אַ געפערלעכער יונג, האָט ער געטראַכט, און טאַקע דערפאַר קאָן ער זוערן נוצלעך פאַר אונדז.

— גוט, מיר וועלן איבערלאָזן פאַר אייך דאָס צו באַריכטן, וואו איר געפינט פאַר ריכטיק, און איך וועל אייך פאַר דעם געבן די מעגלעכקייט. אָבער איך וועל אייך בעטן מיר צו ענטפערן אויף נאָך אייניקע פראַגן, וואָס זיינען פאַר מיר דאָ פון גרויסן אינטערעס. קענט איר דעם היגן אונטערפּרעפעקט סטעפאַן צערטיאַן?

— ער איז אַמאָל געווען אין דער באַוועגונג, אויף אַ לאָקאַלן מאַס־שטאַב אַ באַקאַנטער מענטש, אָבער ניט פון קיין גרעסערער באַדייטונג, גלויב איך. פערזענלעך קען איך אים ניט.

— לשם פאָרמאַליטעט, נאָך איין פראַגע. קענט איר אַ היגן דייטש, מיטן נאָמען סימיאָן שטראַוב?

— ניין, איך קען איבערהויפּט דאָ קיינעם ניט אין שטאָט. דער צופאַל האָט מיך געבראַכט אין דער דאָזיקער געגנט און אין דער שטאָט בין איך צום ערשטן מאָל.

— איך דאַנק אייך. דערלויבט מיר צוריק צו באַגלייטן אייך צו אייער

צימער. איר קאָנט זיך איצט אויסרוען. און ווען איך וועל אייך דאַרפֿן, וועל איך אייך ווידער באַמיען.

אַזוי גיך ווי יאָהאַן מילער איז ווידער געווען אַליין, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפֿאָן. עס איז געווען אַ יובל־געשפּרעך: „דער געזוכטער איז דאָ. איך וואָלט פֿאָרגעשלאָגן, אַז עמעצער פֿון דער קאָמאַנדע און אַ העכערער פֿון דער פּאַרטיי זאָלן תיכף קומען אין אַן אויטאָמאָביל. די זאַכן זענען אוים נאָך מער צוזאָגנדיק, ווי מ'האָט געטראַכט... יאָ, אָן שום ספק. אַלנפֿאַלס, מען וועט באַלד קאָנען אורטיילן וועגן דעם... ניין, קיין שום פֿאַסירונגען. ווען מען וועט קומען, וועט אַלץ אין צייט און פּלאַץ אויפֿגעקלערט ווערן. אַ גרויסע און אַנגענעמע איבערראַשונג. העיל היטלער!"

עס איז געווען די דריטע נאַכט, וואָס יאָהאַן מילער האָט געהאַט ניט געשלאָפֿן. מיט אַ פּאָר שעה פֿריער איז ער געווען אַזוי מיד, אַז די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. דער שמועס מיט מאָראַרעסקו האָט אים פֿול־שטענדיק אויסגעטשוכעט. אין פֿאַרלויף פֿון פֿיל טעג האָט ער זיך געפֿונען אין אַ מין פֿאַרצווייפֿלונג, און איצט האָט ער געטראַכט נאָר וועגן אַנגענעמע זאַכן. ער האָט זיך איצט מודה געווען, אַז נאָך אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען, האָט ער ניט געגלויבט, אַז ער וועט כאַפּן מאָראַרעסקון. נו, האָב איך די מעגלעכקייט אויך אויפֿצודעקן אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע נעץ. וועלן זיי דעם קערל לאָזן לעבן, אַריינציען אין דער אַרבעט, אָדער דערשיסן? דאָס וועט מען זען נאָך זיין געשפּרעך מיט די לייטנדיקע פּערזאָנען. דער פֿירער אַליין וועט, ווי שטענדיק, געפֿינען דאָס ריכטיקע. אין צוויי שעה אַרום וועלן זיי דאָ זיין פֿון טשערנאָוויץ. זיי וועלן דאָ געפֿינען אַ סעודה אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. ער האָט גענומען דעם טעלעפֿאָן און געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג: „אַרויסגעבן ביר, וויפֿיל עס איז דאָ. זאָל מען זיין פֿריילעך, פֿייערן די באַפֿרייאונג פֿון בוקאָווינע און בעסאַראַביע דורך דייטשישע טרופּן ביזן גרויסן טאָג אַריין. וועגן באַפֿרייען די וואַך? וואו עס זיינען פֿאַראַן טאָפּלטע פּאָסטנס, איז גענוג אַן איינציקער. יאָ, אונדזערע מענטשן האָבן אַ רעכט זיך אָפּצורוען. ווי איז געווען צערטיאַנס רעדע? איז דאָס ריכטיק. ווען איך וועל אייך רופֿן דעם נעקסטן מאָל צום טעלעפֿאָן, זאָלט איר אָפּשיסן אַ באַגריסונג... יאָ, ווען איר וועט האָבן עפּעס באַזונדערס צו באַריכטן. העיל היטלער!"

יאָהאַן מילער האָט איצט געטראַכט, אַז האַנס קרולעס טעאָריע איז געווען פֿאַלש אויף דער גאַנצער ליניע. נאַרישע באָבע־מעשיות און הורן־געשיכטעס. יאָ, דער סימיאָן האָט כשר פֿאַרדינט אַרעסטירט צו ווערן, אויב אַפֿילו הינטער דער געשיכטע האָט ניט געשטעקט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ סעקסועלע פֿאַרהעלטעניש. מיידלעך זיינען פֿאַראַן גענוג, און דער סעק־רעטאַר פֿון דער דייטשישער פֿאָלקס־געמיינשאַפֿט האָט ניט געדאַרפֿט האַלטן

ביי זיך אַ יידישע מיידל און דערצו נאָך דערלויבן באַציאונגען צווישן איר און אַ רומענישן בחור. סוף כל סוף זיינען די רומעניער פונקט אַזויפיל ווערט ווי די יידן, און די יידן ווי די רומעניער. עס וועט אויך קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן מיט זיי טאָן דאָס זעלביקע, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט די יידן. אָבער היינט נויטיקן מיר זיך אין זיי און זיי דאַרפן האָבן דעם געפיל, אַז אויך זיי, די ציגיינער, זיינען אַ העכערע ראַסע, ווי די יידן.

פון דער ברויעריי האָט זיך דערטראָגן טאַנץ־מוזיק, וואָס האָט דאָ געקלונגען טרויעריק, דאָ ווייטער פריילעך. פּלוצלונג האָט ער נאָך אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן הענריעטען. אַ הור ווי אַלע אַנדערע. זי איז געשלאָפן מיט צערטיאַנען, ווען פראַנץ — ווי ער האָט זיך מיר מודה געווען — האָט געהאַט דעם צופאַל אין טשערנאָוויץ. פּאַסקודנע, וואָס דאָס פּאַסירט מיט איינעם פּונקט צוויי טעג נאָך דער חתונה. זי איז געווען אויפגערייצט און געוואָלט באַפרידיקט ווערן. אַ בילד פון אַ היסטערישער פרוי. אָבער היינט איז זי אונדזער שונא, מיר וועלן זי מער ניט קאָנען אויסנוצן. מיט איינער ווייניקער. אויפן פראָנט וועט מען פון איר נאָך האָבן אַ נוץ. ניט פון וויכטיקייט.

ער איז איינגעשלאָפן. אָבער באַלד האָט ער דערהערט פאַרפאָרן אַן אויטאָמאָביל. ער איז אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן. עס איז געווען אַ פּאָלקאָווניק פון דער ס.ס. און צווייטער פּאָלקאָווניק פון דער רעגולערער אַרמיי. ביידע האָבן אים באַגריסט באַזונדערס האַרציק. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין הויז און באַריכטעט פאַר זיי מיט אַלע איינצלהייטן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט זינט ער איז אָפּגעפאָרן פון טשערנאָוויץ, ניט פאַרפעלנדיק אויך צו באַריכטן וועגן הענריעטעס אַרעסט און ווי אַזוי עס איז צו דעם געקומען. די צוויי האָבן הויך געלאַכט, ווען זיי האָבן געהערט וואָס עס האָט מיט פראַנצן פּאַסירט אין טשערנאָוויץ. זיי האָבן געטרונקען איין גלאָז קאָניאַק נאָך דער צווייטער און די צוויי האָבן פאַרלאַנגט צו רעדן מיט מאַראַרעסקון. יאָהאַן מילער האָט אים אַליין אַריינגעפירט. ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די אַנדערע צוויי מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, ווי עס פירט זיך ביי אָפיצערן מיט אַן ערן־געפאַנגענעם. דער פּאָלקאָווניק פון דער ס.ס. האָט געזאָגט: „עס איז ווייט פון מיר צו וועלן פון אייך עטוואָס אַרויסבאַקומען איצט, וואָס איר האָט ערשט צו באַריכטן צו אַנטאָנעסקון אָדער אונדזער גרויסער הויפּט־קוואַרטיר. וואָס מיר ווילן איצט וויסן, און דאָס איז ניט אין קעגנזאַץ צו דער פאַרזיכערונג, וואָס מיר האָבן אייך געגעבן, איז די סיבה, וואָס האָט אייך באַוועגט צו פאַרלאָזן די קאַזאַרמע און אַרויסטרעטן קעגן דער דייטשישער אָקופּאַציע. דאָס האָט געפירט צו שווערע פאַרפלאָנטערנישן און אַלץ, וואָס איר האָט די לעצטע צייט געטאָן — מיר האָבן שטודירט אייער לעבנס־קאַריערע און די באַריכטן פון אייערע העכערע

באַמטע — געפינט זיך אין אַ קעגנזאַץ צו אייער ביז־איצטיקן לעבן, צו אייער וועלט־אַנשויאונג, און צו דעם, פאַרוואָס איר האָט שטענדיק מוטיק און העלדיש געקעמפט מיט ווערטער און מעשים.״

— דאָס קאָן איך און וועל אייך דערקלערן.

— נעמט עפּעס אין מויל.

מאַראַרעסקו האָט זיי באַדאַנקט און אָנגעהויבן דערציילן:

— ווען איר, מיינע הערן, האָט שטודירט מיין לעבנס־קאַריערע, ווייסט איר, אַז איך האָב אָנגעהויבן די מלחמה קעגן רוסלאַנד ביים דניעסטער נאָך אין 1924. און ניט בלויז די מלחמה קעגן רוסלאַנד. איך האָב אָנגעהויבן די אויסראָטונגס־מלחמה קעגן די יידן און די באָלשעוויקעס אין אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָט מען נאָך אַפילו ניט געחלומט וועגן דעם.

— אַנטשולדיקט, הער הויפּטמאַן, אונדזער פירער האָט אָנגעהויבן דעם דאָזיקן קאַמף אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1919.

— דאָס ווייס איך און איך בין געווען אַ באַוואונדערער פון דעם פירער פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך האָב געהערט וועגן אייער באַוועגונג. עס האָט אָבער גענומען כמעט אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר ביז ער האָט זיך גע־קאָנט נעמען פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער. איך אָבער האָב אָן הילף, אָן שטיצע, אַפילו להיפּוך די דעמאָלטיקע רעגירונגען פון אונדזער לאַנד, גע־פירט דעם דאָזיקן קריג. ווען איר האָט שטודירט מיין לעבנס־געשיכטע, וועט איר אויך וויסן, אַז איך און מיין אָפּטיילונג האָבן אַוועקגעשיקט פיל טויזנטער יידן פון דער וועלט. די וואַסערן פונעם דניעפּער זיינען מיינע עדות. אין פּאַרלאַמענט האָט מען געמאַכט אינטערפּעלאַציעס קעגן מיר. מ׳האָט מיך באַזייטיקט פון דינסט. איך האָב נאָכדעם געאַרבעט אין דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג. אָבער איך בין אַ סאָלדאַט. טרייבן פּאָליטיק ווידערשפּרעכט מיין גאַנצן וועזן. דער טאָג, ווען די מלחמה קעגן רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג פון מיין לעבן. מ׳האָט זיך גאַנץ פיין דערמאָנט וועגן מיר. איך האָב צוריקגעקראָגן דעם ראַנג פון הויפּטמאַן און האָבן זיך אומגעקערט צו מיין אַלטן רעגימענט. אָבער ווען אַלץ איז געווען אין פולן גאַנג, האָב איך אין דער שעה פון אָפּרעכענונג געמוזט זיצן אין הינטערלאַנד. אין דער צייט וואָס די מערסטע פון מיינע קאָלעגן פון באַרוף, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געאַרבעט, זיינען שוין לאַנג געווען פּאָלקאָווניקעס, זיינען אַוועק קיין בעסאַראַביע, בין איך פאַר־בליבן אַן אומבאַדייטנדיקער און אומבאַקאַנטער הויפּטמאַן אין טשערנאָוויץ. פאַרשטייט איר, מיינע הערן, אין וואָס פאַר אַ שטימונג אַ מענטש, און אַן אַפּיצער ווי איך, האָט זיך געמוזט געפינען.

דער פּאָלקאָווניק האָט אים געענטפערט: „וואָס איר האָט געזאָגט, דערקלערט אייער שטימונג, דערקלערט אָבער ניט, ווי אַזוי איר האָט גע־

קאַנט מאַכן דעם דאָזיקן אומגליקלעכן שריט, וואָס פירט דירעקט אָדער אומדירעקט צום שונא."

— איך האָב געשריבן בריוו צו אַטאַנעסקו, וועלכער איז געווען מיין תלמיד אין דער אַרטילעריע־שול. ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי איבער־גענומען געוואָרן און האָבן אַנטאַנעסקו ניט דערגרייכט. איך קען אים צו גוט, ניט צו וויסן, אַז ער וואָלט מיר תיכף געענטפערט. און איין טאָג, האָב איך געהערט, אַז דאָ ניט וויט, אין די פּאָיעני־זומפּן, האָט זיך באַזעצט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. איך האָב נאָכגעפאָרשט די זאַך און אויסגעפונען, אַז דער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע איז אַ מאַן, אויף וועמעס שפּור איך בין געווען זינט 1924, אַ געפערלעכער יידישער אונטערמענטש. איך האָב אויסגעפונען, אַז מיט אים צוזאַמען אַרבעטן אייניקע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך געלערנט און געקראָגן דערפאַרונג אין דעם רוסישן בירגער־קריג, אַז זיי זאַמלען רומעניער, אוקראַינער און יידן און פּלאַנעווען עטוואָס קעגן אונדז — ווער וויים וואָס? ביים דניעסטער האָב איך יאָרלאַנג געפירט אַ קאַמף קעגן די דאָזיקע עלעמענטן. עס איז געווען מיין אַמביציע צו ווייזן אַנטאַנעסקון און אייער פירער, וואָס מאַרשאַלעסקו קאָן אויפטאָן. און איך האָב באַשלאָסן צו ריזיקירן, אונטערצונעמען אַן עקספּעדיציע קעגן די דאָזיקע פּאַרטיזאַנער.

— ווי, זאָגט איר, אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע דאָ ניט וויט?

— יאָ, און אַפילו איינע פון די געפערלעכסטע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. ס'איז אָבער ניטאָ קיין גרונט זיך צו באַאומרואיקן. איר וועט הערן. איך בין אוועק פון דער קאַזאַרמע מיט דער צושטימונג פון מיין פּאָלקאָווניק אין טשערנאָוויץ, מיט פופציק מאַן, וועגן וועלכע איך קאָן זאָגן, אַז יעדער פון זיי איז געווען אַן ערשט־ראַנגיקער קעמפער. מיר האָבן געמוזט אויסמיידן אַלץ, וואָס האָט געקאָנט פּריצייטיק אויפדעקן אונדזערע פּלענער. לעבן כליבאָקאַ, וואו דער וועג פירט דורך אַ וואַלד צום זומפּ־געביט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מאַן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז פון דער דאָזיקער געגנט. ער האָט באַהויפּטעט, אַז ער איז דער פאַרוואַלטער פון פּאַן סאָוערם גוט. ער האָט איבערגענומען די אָנפירערשאַפט, דאָס הייסט, נאַטירלעך, ניט די מיליטערישע. צום אומגליק, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ס.ס.־אָפּטיילונג, וואָס האָט, ווייזט אויס, אונדז אָנגענומען פאַר אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. זיי האָבן ניט געוואָלט אונדז דורכלאָזן. איך האָב דערקלערט זייער פירער, אַז איך בין אַ הויפּטמאַן פון דעם קעניגלעך־רומענישן גרענעץ־רעגימענט, אַז איך האָב אַ געהיימע מיסיע דורכצופירן. קיין נוצן האָט עס אונדז ניט געבראַכט. עס איז געווען אַ זאַך פון גורל. דער ס.ס.־אָפיצער האָט געגעבן אַ באַפעל צו שיסן און מיר האָבן געמוזט זיך פאַרטיידיקן.

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך איבערגעלייגט. אַלץ וואָס דער מאַן האָט געזאָגט, האָט געשטימט. אַזוי האָט אויך געשילדערט די פּאַסירונג דער איינציקער לעבן־געבליבענער ס.ס.־מאַן. ער האָט אים געפרעגט:

— אָבער ווי האָט איר, אַלס אָפיצער, געקאָנט דערלאָזן צו אַזאַ קאַמף? וואָס וואָלט אייך דען געשען, ווען איר וואָלט געפאָלגט דעם ס.ס.־אָפיצער? איר וואָלט זיך אידענטיפיצירט און קיין זאַך וואָלט אייך ניט געשטאַנען אין וועג דורכצופירן אייער פּלאַן.

— די פּאַרטיזאַנער וואָלטן פיליכט געוואָר געוואָרן. די גאַנצע אַרבעט וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפן און וואָלט ניט געפירט צום ציל. איר זעט, מיינע הערן, אַז מאַראַרעסקו האָט קיינמאָל ניט געוואָלט און ניט געוואונטשן צו פירן אַ קאַמף קעגן די עליט־טרופּן פון דעם פירער. אָבער דער ציל איז געווען אַ גרויסער און האָט געמאַניעט. דער קאַמף איז געווען אַן אַרויפ־געצוואונגענער אויף אונדז. קרבנות האָבן געמוזט פאַלן אין די אינטערעסן פון דעם גרויסן ציל. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גורלפולער צופאַל, אַז ברודער האָט געקעמפט קעגן ברודער.

— אָבער ווי אַזוי האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז איר זאָלט פּאָרזעצן אויפן וועג, אויף וועלכן אַן אומגליקלעכער צופאַל האָט אייך געבראַכט? האָט איר געמאַכט די אַטאַקע אויף די פּאַרטיזאַנער? אָדער איז די גאַנצע זאַך בלויז געווען אַ פאַלשער אַלאַרם?

— ניין, די פּאַרטיזאַנער זיינען דאָ. דער מאַן, וואָס האָט זיך אָנ־געגעבן אַלס גוטס־פאַרוואַלטער און קענער פון דעם זומפּ־געביט, האָט מאַר־שירט אין יענער רעגנדיקער און פינצטערער נאַכט ביי מיין זייט אין דער ריכטונג פון די זומפּן. מיר זיינען אַריין אין דעם זומפּ־געביט. פּלוצלונג האָבן מיר אָנגעהויבן זינקען . . .

די צוויי אָנגעקומענע זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער.

— וואָס האָט פּאַסירט! — האָבן זיי אויסגעשריען. — וואָס פאַר אַ שיסעריי איז דאָס?

יאָהאַן מילער האָט זיי בארואיקט: „די אידיאָטן! איך האָב פאַר־אָרדנט, אַז לכבוד אייער אָנקומען אַהער זאָל, באַלד ווי איך וועל אָפּרופן, אָפּגעפייערט ווערן אַ באַגריסונג. עס האָט אָבער גענומען אַ שעה ביז די דאָזיקע אידיאָטן האָבן זיך אויסגעקליבן שיסן.״

די צוויי האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— דערציילט אונדז ווייטער, הער הויפּטמאַן.

— פּלוצלונג האָבן מיר אָנגעהויבן זינקען. מיינע מענטשן האָבן גע־רופן נאָך הילף. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די וואָפן און מכשירים, כדי ניט אַראָפּגעצויגן ווערן פון זיי. איך האָב געוואָלט כאַפּן דעם דאָזיקן כלומרשטן גוטס־פאַרוואַלטער. ער איז אָבער ניט געוואָרן. די שטימען פון מיינע מענטשן

זיינען געוואָרן שוואַכער. זיי זיינען געווען פאַרזונקען ביזן האַלדז אין דעם זומפּ. איך האָב געהאַלטן אין זינקען אַלץ טיפער. איך האָב געפילט, אַז מיין לעצטע שעה האָט געשלאָגן. און וואָס מער איך האָב געזוכט אַרויס־צוקריכן, אַלץ טיפער בין איך געזונקען . . .

— און ווי אַזוי זייט איר פאָרט אַרויסגעקומען?

— איך בין ניט אַרויסגעקומען. מיר זיינען פאַרזונקען געוואָרן. און מאַראַרעסקוס גאַנצע אָפּטיילונג, וואָס האָט צוריקגעקוקט אויף אַזאַ רומ־רייכער פאַרגאַנגענהייט, האָט געהאַט אַ פינצטערן, קלעגלעכן סוף.

— וואָס זאָגט איר? און ווי קומט איר אַהער?

— איך, איך? — ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אויפן טיש. אין צימער האָבן זיך אַריינגעריסן זעקס ס.ס.־לייט מיט האַנט־גראַנאַטן אין די הענט. „די הענט אין דער הויך!" — האָבן זיי געשריען.

אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט יאַהאַן מילערן און זיינע צוויי טשער־נאָוויצער פריינט. זיי האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זייערע רעוואָלווערן. אָבער די אַריינגעקומענע ס.ס.־לייט האָבן זיי תיכּף אַנטוואָפנט.

— איך, — האָט געזאָגט דער פאַרשטעלטער מאַראַרעסקו, — בין דער פירער פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. איר האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ טויטן און זיך אָנגעשטויסן אויף לעבעדיקע! אויף לעבעדיקע, וואָס וועלן קיינ־מאָל ניט אונטערגיין!

אין דער צייט, וואָס די ס.ס.־לייט האָבן געהאַלטן אין בינדן די אָפיצערן, האָט יאַהאַן מילער אַרויסגעקרעכצט: „ס.ס. קעגן זייערע אָפיצערן?"

— מיר זיינען ניט קיין ס.ס., מיר זיינען די פּאַרטיזאַנער, בלויז די אוניפאָרמען זיינען אייערע.

אויף די פענצטער האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשפּיגלען אַ רויטער צייכן. חיים האָט אַרויסגעקוקט.

— גוט! איר זעט, איר היטער פון דער גערמאַנישער אָרדענונג! די פלאַמען הויבן זיך. דער באַן־הויף, וואו איר האָט געלאָדן די זאַפּאַסן פאַרן פראָנט, ברענט. די מיל, מיט דעם פון אייך געראויבטן מעל, ברענט. עס ברענט די פּעטראָלעאום־ראַפינעריי, און דער פייער פון בענזין וועט ביי אייך אָפּ־נעמען דעם אָטעם. און אויך די ביר־ברויעריי, און די יידישע שול, וואָס איר האָט פאַרוואַנדלט אין אַ שאַנד־הויז, ברענען.

די טיר האָט זיך געעפנט און סטעפאַן צערטאַן איז אַריינגעקומען מיטן רעוואָלווער אין האַנט. הינטער אים האָבן זיך געשטופּט פּויערים. דער צימער איז געוואָרן פול מיט מענטשן, וועלכע זיינען געווען נייגעריק אָנ־צוקוקן די געבונדענע אָפיצערן אויף דער פּאָדלאָגע. אייניקע האָבן געטראָגן שוואַרצע אוניפאָרמען פון דער ס.ס., אַנדערע — טונקל־גרינע אוניפאָרמען

פון רומענישע זשאַנדאַרן. סטעפאַן צערטיאַן האָט אַריינגעלייגט דעם רע־וואָלווער אין שייד און באַריכטעט:

— אַלע טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־פאַרבינדונגען זיינען איבערגעשניטן. פון דער ס.ס. לעבט מער קיינער ניט, אַחוץ די דאָזיקע לומפּן. — ער האָט אָנגעוויזן אויף די דריי, וואָס זיינען געלעגן אויפן דיל.— ליידער, איז סימיאָן טויט. זיי האָבן אים דערהרגעט ביים אויספרעגן. באַרבאַרעסקון האָט מען דערשאָסן. די באַן־סטאַנציע, די בריק, און אַלע וואַגאָנען זיינען אַוועק אין דער לופטן. צען פון אונדזערע מענטשן זוכן נאָך אַרום אין שטאָט, צי עמעצער פון די הינט האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן.

— און וואו זיינען פראַנץ צימערלע און האַנס קרולע, יאָ, און דער ראַובניטש?

— די אַרבעטער פון דער ברויעריי האָבן זיי דערהרגעט.

ביי דער טיר איז געוואָרן אַ באַוועגונג. זיי האָבן געמאַכט פּלאַץ פאַר כאַצקל וואַגנער, וועלכער האָט געטראָגן זיין טויטע טאָכטער. הענריעטע איז געגאַנגען הינטער אים. זי איז געווען טויט־בלאַס און האָט אויף קיינעם קיין קוק ניט געטאָן. פּעטרושקאַ איז געבליבן שטיין ביי דער טיר.

פון דער וואַנט פון בית־עולם האָט יאָסל שמש געשריען אין דער נאַכט אַריין און צום פלאַמען־באַלויכטענעם הימל: „און איר האָט געזאָגט: פאַרדאַרט איז אונדזער געביין, פאַרלאָרן זיינען אונדזערע האָפענונגען. פאַר־שניטן זיינען מיר אויף אייביק. אָבער איך עפן אייערע קברים און אויפ־שטיין וועט איר פון זיי צו אַ נייעם לעבן.״

בלויז חיים האָט פאַרשטאַנען די ווערטער פון דעם זקן. ער האָט אַראָפּ־געזונקען זיין קאָפּ און נאָכגעזאָגט. דאַן האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס איז אָפּגעטאָן. אָבער איצט מוזן מיר טראַכטן וועגן גיין צוריק. קיין וואָפן און קיין קוילן זיינען דאָ ניט פאַרבליבן. מיר וועלן מוזן ווייטער קעמפן, און קעמפן שווער. די דריי קערלען וועלן מיר מיטנעמען. — ער האָט זיך געווענדט צו צערטיאַנען: — און דו?

— איך קאָן ניט אַנדערש, איך מוז מיטגיין. דו, איר האָט פון מיר ווידער געמאַכט אַ מענטשן. איך וואָלט . . .

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט, פאַרווירט.

— יאָ, — האָט חיים געזאָגט און אים אויסגעשטרעקט די האַנט.

אין אַ לאַנגער פּראָצעסיע האָבן זיי פאַרלאָזט די ברענענדיקע און אין רויך איינגעוויקלטע שטאָט. הענריעטע איז געגאַנגען מיט דעם שמיד, וועלכער האָט געטראָגן זיין טויטע טאָכטער.

ס ו ף

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון דער

יידישער פאָלקס-ליגע אין מעקסיקע

און אירע פאָלגנדיקע מיטגלידער:

איינבינדער, יעקב און פרוי
איינבינדער, יוסף און פרוי
ביאַליק, לעאָן און פּאָלאַ
ביעלאַק, זאַוול און פרוי
גאָלדבערג, דוד און פרוי
(אין אָנדענק פון זייערע אומגעקומענע עלטערן)
גרין, בערל און פרוי
גרין, נאַטאַן
דיכטער, א.
האַנדלמאַן, הערמאַן
הייבלום, משה און רבקה
וואַקס, משה
וואַרמאַן, איסאַק און העלע
וואַרמאַן, בן־ציון און פרוי
טשערנאָוויטש, אברהם (פּועבלאַ)
יאַגאָדאַ, הערש און פייגע
יונגסטער, הערמאַן און סאַראַ
מאַרקוסהאַמער, משה און פרוי
נאַשעלסקער, לעאָן און טאָשע
סיגאַל, באָרים
פּערעל, לעאָן
פּשישווע, יוסף און רודע
קאַווע, משה און פרוי
ראַפּאַלין, מאַקס און כיסיע
ראָזען, בעריש

אויסגאַבעס פון איקוף־פאַרלאַג

אַדרעס: 189 — 2טע עוועניו, ניו יאָרק.

דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט — — — — — — — — $2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן — — — 2.50
חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס) — — — — — — 1.75
דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער) — — — — — — — — 1.50
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) — — — — — — 2.50
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (1טער באַנד) — 2.50
איציק פעפער — די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע) — — 1.00
פאָלקס־געזאַנגען לויטן נוסח פון ח. קאָטיליאַנסקי (מיט נאָטן) — — 5.00
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — צונויפגעזאַמלט נחמן מייזיל — 3.00
שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד) — — — — 3.00
א. ראַבאָי — דער יידישער קאַובאָי (ראָמאַן) — — — — — — 1.50
א. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע — — — — — — 1.50
איציק פעפער — רויטאַרמייאיש (אויספאַרקויפט) — — — — — 1.00
דער נסתר — די משפּחה מאַשבער (ראָמאַן) — — — — — — 1.75
ז. וויינפּער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן — — — — — — — 1.50
מלכה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער) — — — — — — 1.25
מ. גאָלדשטיין — בירא־בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד. — — 1.00
אברהם ביק — חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור — 1.00
דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) — — — — — — 1.00
יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער — — — — — — — — 1.00
קלמן מרמר — אָנהייב פון יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — — 1.00
ב. עפּעלבוים — פאַרלאָשן ליכט (דערציילונג) — — — — — — 1.00
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — $3.00 דע־לוקס אויסגאַבע — 5.00
פרידריך ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט פון ש. ווינער) 1.00
קעגן די אָנפאַלער אויף דר. חיים זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — — — .35
דר. חיים זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור־ווילן — — — — .20
מ. אָלגין — פאָלק און קולטור — — — — — — — — — — .20
נ. מייזיל — דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור — — .25

אויסגאַבעס פון איקוף-פאַרלאַג

אַדרעס: 189 — 2טע עוועניו, ניו יאָרק.

ל. קאַברין — ריווערסייד-דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן) — — — — .25
ש. אפטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען — — — — — .25
אוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס — — — — — — — — .50
איליא ערענבורג — דער קריג און דער שרייבער — — — — — — — — .10
נ. מייזיל — אייזיק מאיר דיק — — — — — — — — — .05
ל. קאַברין — פון דייטשמעריש צו יידיש — — — — — — — — .05
נ. מייזיל — דער כוח פון יידיש — — — — — — — — — — .05

עס דרוקט זיך און דערשיינט אין גיכן:

ראובן ברײנין — פון מיין לעבנס-בוך
יעקב מילך — אויטאָביאָגראַפישע סקיצן
א. סוצקעווער — די תפיסה (לידער און פּאָעמען)
דוד בערגעלסאָן — פּרינץ ראובני (דראַמע)
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט (2טער באַנד)
ז. ווײנפּער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן)
נחמן מייזיל — פאָרגייער און מיטגייער
אברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר
ש. אפטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן)
אהרן גאָרעליק — שטורעמדיקע יאָרן (40 יאָר זכרונות)
הונדערט יידישע קינסטלער אין אַמעריקע (גרויסער אַלבאָם)

(די פּרייזן זיינען אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן)